STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04385

YUDISHE GESHIKHTE

Y. E. Leyzerovitsh

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די יודישע געשיכטע

ניי בעארבייט

נאך פראפעסאר **גרעטץ** און אנדערע קוועלען

דורך **ב. ק—י.**

II-טער באנד

פון די חשמונאים ביז דעם אונטערגאנג פון מלכות יהודה.

פערלאג ב. שימין. ווארשא, תרע"ג.

דער דריטער פּעריאָד

ערשטעס קאפיטעל.

(160—143)

א טיעפער טרויער נעהמט ארום דעם גאנצען יודישען פאלק נאך יהודה המכבי'ס טוידט. דאס יודישע לאנד איז ווירקליך פער'יתומ'ט געווארען. גליעדער, גליעדער, איינצעלנע פונאנדערגעטיילטע גליעדער, אהן א קאפ, אהן א הארץ, אהן א צענטראלען פערבאנד — אזוי האט אויסגעזעהען די יודישע אומה צו יענער צייט. ס'איז נישט געווען קיין איין גרויסע וויכטיגע פערזענליכקייט, וואס זאל קאנען אנפיהרען דאס פאלק און זארגען פאר זיינע אינטערעסען. דער כהן-גדול אלקימאס האט פערטרעטען דעם העכסטען פאסטען אין לאנד, ער איז אבער נישט געווען צוגעפאסט צו זיין שטוהל: דאס פאלק האט איהם נישט געליעבט, נישט געאכטעט; קיין אנדער אויטאריטעט איז נישט אויס-געוואקסען. און דערווייל האבען די יודען רוהיג געטראגען אויף זיך דעם פרעמדען יאך, געבויגען דעם רוקען אונטער דער סוריא'שער קנעכטשאפט. נאך דער גרויסער בעגייסטערונג, וואס יהודה המכבי'ס ערשטע נצחונות האבען ארויסגערופען אין לאנד, איז אנגעקומען א שווערע מידקייט, אנ'אפאטיע. דאס פאלק האט דורשטיג געלעכצט נאך מנוחה. צו זיין אבהענגיגקייט איז עס שוין געוואוינט געווארען; דעם אויפשטאנד פאר די מכבים האט אייגענטליך ארויסגערופען נישט די פאליטישער פערשקלאפונג, נאר דער רעליגיעזער דרוק. לויט ליזיאס'עם אבמאך מיט יהודה'ן זענען אבער די יודען פריי געווארען צו דינען זייער גאט לויט

זייער געזעץ; דימיטריוס האט דעם דאזיגען אבמאך נישט געוואלט אונטערברעכען. ווייטער, אויב אין דער שפיץ פונ'ם בית=המקדש איז לויט דעם מלך'ס פערלאנג געשטאנען נישט דער פאסענדער מענש, איז דאך אבער דער נייער העלעניסט אלקימאס אין א געוויסער הינזיכט נישט עהנליך געוועזען צו זיין פארגענגער מענעלאוס, דען ער איז דאך געוועזען אנ'אמת'ער כהן, האט געשטאמט פון דיווירקליכע בני=אהרן, און אויב ער האט צוליעב פארטיי=צוועקען געהאלטען פון דער גריכישער קולטור, האט ער דאך נישט ערלויבט זיך קיינע צו=להכעיס'דיגע פערשוועכונגען און פערברעכען אין דעם זין פון דער תורה. אין בית=המקדש זענען רעגולער קרבנות געבראכט געווארען צו דעם איינציגען יודישען גאט, אין לאנד זענען די געטליכע געזעצען אונגעשטערט אבגעהיט געווארען. דאס אלץ איז געוועזען גענוג פאר דאס געפלאגטע און מידע פאלק, זיך צופרידען צו שטעלען מיט זיין לאגע. דאך איז אבער געוועזען צווישען פאלק א געוויסער טייל, וואס האט נישט געקאנט מיט א גרינגען הארצען צוזעהן, ווי די סוריא'ער בעל=הבית'עווען אין זייער היסטארישען לאנד; זיי האבען טיעף און קרענקליך געשטרעבט אויפצוהויבען דעם נאציאנאלען שטאלץ, און צו בעפרייען זיך פון דעם פאליטישען יאך. דאס זענען איבערהויפט געוועזען די אלטע איבערגעבענע אנהענגער פון דעם העלדישען מכבי, דאס זענען געוועזען אלטע קעמפפער אין דעם לייבען=לאגער, וועלכע האבען, בעגראבענדיג דעם טוידטען קערפער פון זייער פיהרער אין דר'ערד, דאך אין הארצען פערשלאסען זיין לעבעדיגען גייסט, וועלכער האט זיי גערופען צו טהאטען, צו העלדען=וואונדער פאר דער בעפרייאונג פון דעם פערשקלאפטען פאלק, וואט האט זיין קאפ פאר'ן בעדריקער געבויגען.

באקחידום, וועלכער איז מיט זיין חיל פערבליבען אין ירושלים אויף צום שטיצען די סוריא'שע מאכט און דעם קעניגליכען איינפלוס, האט זיך מיט דער גרעסטער אכזריות פערהאלטען צו יעטוועדערען, וועלכען ער האט חושד געוועזען אין דער נויגונג צו א מרידה. די אלע, אין וועמענס הארצען עס האט געגליהט דער מינדסטער פונק פון נאציאנאלער ליעבע, זענען פעררעכענט געוועזען פאר פערברעכער און זענען אדער אין געפענגעניש אריינגעשליידערט געווארען, אדער זיי האט טוידט=שטראף און פיין בעגעגענט. די העלעניסטען, בעקומענדיג די ממשלה, האבען אנגעטאן צרות זייערע אייגענע ברידער און נקמה גענומען פאר די פאריגע מפלות. די פערשידענע פארטייען האבען זיך געקריגט

צווישען אנאנדער, אין לאנד איז ברודערליך בלוט פערגאסען געווארען און דער סופר פון יענער צייט, שילדערענדיג די לאגע אין ארץ-ישראל, שרייבט, אז אין לאנד האט געהערשט אזא הימעלשרייענדע אויפרעגונג, וואס פון דער צייט פון די נביאים אן איז אזוינס נישט געווען.

קליין איז געווען די צאהל פון די בעגייסטערטע פאטריאטען — דאס פאלק בכלל איז מיעד געווען פון די אלע מלחמות און ארומרייסענישען און האט געבענקט נאך מנוחה, נאך שטילען פריעדען. די קליינע גרופע מורדים-העלדען האט זיך אבער דערמיט גאנץ ווענִיג גערעכענט; זיי האבען נאר איין בילד געזעהען פאר זיך: די אונטערטעניגע לאגע פון דעם יודישען פאלק, און נאר איין ליכטיגע שטרעבונג אין הארצען געטראגען: — בעפרייען דאס פאלק, איהם צוריקקעהרען זיין אמאליגע זעלבסשטענדיגקייט, זיין אמאליגען רוהם און גלאנץ. און זיי האבען איהם בעפרייט: א סך בלעטער אין אונזער געשיכטע זענען א דאנק זייער העלדענמוט מיט גאלדענע אותיות פערשריבען.

געגרופירט האבען זיך די דאזיגע ענטוזיאסטישע רעוואלוציאנערען ארום די געבליעבענע ברידער פון דעם געפאלענעם מכבי — יהונתן, שמעון און יוחנן, פון וועלכע דער ערשטער איז אויסגעוועהלט געווארען אלס פיהרער און הויפטמאן. יהונתן האט נישט געהאט אין זיך די לייבען-שטארקייט און דעם גלוטיגען קריעגסכרען פון זיין געפאלענעם ברודער — ער איז געווען מעהר פאליטיקער, מעהר דיפלאמאט, ווי קריעגספיהרער; יעדען טריט זיינעם האט ער פריהער געדולדיג און פארזיכטיג גוט בעקלערט, און שטענדיג אויסגעוועהלט פאר זיינע ארויסטרעטונגען — דעם פאסענדסטען מאמענט. ער האט דעריבער געפונען פאר בעסער נישט ארויסצוטרעטען מיט זיינע קליינע קרעפטען געגען באקחיד'ן, נאר זיך צו פערטיידיגען. און די גאנצע גרופע, מיט די חשמונאים-ברידער אן דער שפיץ, האט זיך בעפעסטיגט אין דעם מדבר תקוע, נישט וויט פונ'ם ים-המלח. דא האבען זיי זיך אבער אויך נישט געפיהלט אינגאנצען זיכער און, אום זיך צו קענען פרייער בעוועגען, האבען זיי זייערע ווייבער און קינדער אריבערגעשיקט אויף יענער זייט ירדן, צו דעם פריינדליכען אראבישען שבט נבט. די פיהרונג פון דער מחנה איז איבערגעגעבען געווארען דעם חשמונאי יוחנן; אינמיטען וועג אבער זענען אויף זיי אנגעפאלען א באנדע רויבער פון דעם פיינדליכען שבט בני עמרי, און האבען דעם פיהרער גע'הרג'עט און די גאנצע מחנה בערויבט. דאן איז יהונתן מיט זיין גרופע אויך

אריבער דעם ירדן און האט זיך שרעקליך נוקם געוועזן אן די מערדער פאר זייערע אכזריות'דיגע מעשים.

אין דעם פערלויף פון דער גאנצער צייט האט באקחידוס נישט אויפגעהערט זיי צו זוכען און צו פערפאלגען, און צוזאמענשטויסענדיג זיך מיט דער קלייגער חשמונאים־גרופע נאך דעם דערמאהנטען קאמפף מיט די מערדער, האט זי איהם נאר א קלייגעם ווידערשטאנד געשטעלט און איז אנטלאפען צוריק איבער'ן ירדן. באקחידוס מיט זיין שווער־בעוואפענטער ארמעע איז נישט אימשטאנד געוועזן זיי נאכצואגען איבער'ן וואסער, און איז געבליבען אויף דער אנדערער זייט, זוכענדיג מיטלען, ווי אזוי אבצושניידען די חשמונאים פונ'ם לאנד און זיי יעדען צוטריט צו פערשפארען. ער האט צו דעם צוועק צוריק אויפגעשטעלט די צושטערטע פעסטונגען און זיי נאכמעהר פערשטארקט מיט וואפען און פראוויאנט. אויסער דעם האט ער נאך געפאנגען גענומען די קינדער פון די אנגעזעהענסטע משפחות אין ירושלים און זיי פערזעצט אין דער שטאדט־פעסטונג ע ק ר א, אלס גאראנטיע פאר דער רוהיגקייט און לאיאליטעט פון פאלק.

די דאזיגע ענערגישע טעטיגקייט פון דעם פערטרעטער פון דער מאכט האט אויף א קורצער צייט פאראליזירט דעם העלדענמוט פון די מכב'ער, און וואלט עס דעם קעניג דימיטריאס געלעגען זיין, זיך מיט געוואלט אריינצורייסען אין די רעליגיעזע אנגעלעגענהייטען פון דעם יודישען פאלק, וואלט דער איצטיגער מאמענט זעהר גינסטיג געוועזן דערפאר; צופיעל אבער איז דער צווייטער יורש פון אנטיוכס עפיפאנוס געוועזן אריינגעטאן אין זיינע ווילדע פערשווענדערייען און אויסגעלאסענקייטען, אום זיך אבצוגעבען מיט אזעלכע זאכען. פאר איהם איז גענוג געוען די אפיציעלע אונטערטעניגקייט פונ'ם לאנד יהודה, און דער יעהרליכער מס, וואס פלעגט אריינקומען פון דארטען אינ'ם אוצר המלוכה.

אונטער דער צייט איז אלקימאס געשטארבען (159). אויף וויפיעל דער דאזיגער העלעניסטישער כהן גדול איז נישט געאכטעט געוועזן פון פאלק, קען עדות זאגען דאס, וואס די פאלקס־לעגענדע בעטראכט זיין פלוצלונגען טוידט, ווי א שטראף פון גאט דערפאר, וואס ער האט צושטערט די הילצערנע וואנד ארום דעם הויף פון בית־המקדש, וועלכע האט געדיענט אלס מחיצה פאר טמאים און געצענדיענער. דאס פאלק האט אנגעהויבען קלערען וועגען א נייעם כהן

גדול, און דער סורי׳שער הויף האט זיך דאס מאל געהאלטען אינ־נאנצען פון דערווייטען בנוגע צו דער פראגע. באקחידוס מיט זיין מחנה האט זיך אויך דאן צוריקגעקערט קיין אנטיוכיא, און גאנצע צוויי יאהר (157—159) האבען די איינוואוינער פון יהודה געגאסען דעם טעם פון מנוחה און פריעדען.

ניישט גערוהט אין דער צייט האבען נאר די חשמונאים. ארייננקומענדיג אין לאנד האט יהונתן נישט אויפגעהערט צו פערגרע־סערן זיין מחנה און צו פערשטארקען זיינע פאזיציעס. אין א אאזיס פונ׳ם מדבר יריחו, נישט ווייט פון ירדן, האבען זיי זיך איצט בע־פעסטיגט; דארט האט זיך א שאטענדיגער וואלד געפונען און נעבען איהם — א טייכעל מיט קלארען, זיסען וואסער. דערביי האט זיי דער ירדן געדיענט אלס גוטע שוץ־וואנט פון הינטען און אלס זיכערער ווינקעל צום אנטלויפען אים פאל פון א מפלה. פיהלענדיג זיך פרייער און פעסטער, ווי פריהער, האט יהונתן איצט אנגעהויבען א אפענעם קאמפף צו פיהרען געגען די העלעניסטען און אנהענגער פונ׳ם סורי־שען הויף. דאן האבען זיך די העלעניסטען געווענדעט מיט א ביטע צו דער אנטיוכי׳שער רעגיערונג, זי זאל צושיקען מיליטער און בע־רוהיגען די פאטריאטישע חשמונאים.

ווידער איז באקחידוס מיט זיין ארמעע אין יהודה געקומען; דאס מאל אבער איז איהם די „בערוהיגונג" נישט אזוי לייכט אנגעקו־מען. א לענגערע צייט האט ער בעלאגערט די פעסטונג פון די חשמונאים; זייער מחנה איז שוין איצט אבער בעדייטענד גרויס גע־ווען, און זיי האבען זי צוטיילט אויף צוויי אבטיילונגען, פון וועלכע איינע, אונטער יהונתן׳ס פיהרונג, האט זיך דערשלאגען ביז באקחיד׳ס לאגער, איז בעפאלען די העלעניסטען, וואס האבען זיך דארט גע־פונען און האט אבגעשניטען די גאנצע ארמעע פון לאנד, און די צווייטע, אונטער שמעון׳ס אנפיהרונג, האט פערברענט די בעלאגע־רונגס־מאשינען. אזוי צוגעדריקט פון ביידע זייטען, איז באקחיד גע־צוואונגען געווען אויפצוגעבען די בעלאגערונג, און זיין גאנצען כעס האט ער אויסגעלאזען צו די העלעניסטען, פון וועלכע ער האט א סך געטוידט.

די דאזיגע שטימונג פון דעם סירישען קריעגס־פיהרער האט יהונתן געפונען פאר גינסטיג אויף צו אונטערהאנדלען מיט איהם וועגען א שלום, און באקחיד האט מיט צופריעדענהייט דעם פאר־

שלאָג אָנגענומען. איהם איז שוין אויך איבערדריסיג געוואָרען דאָס
אונענדליכע אַרומיאָגען זיך מיט די נישט רעגולערע אַבטײלונגען פֿון
דער חשמונאים=גרופּע, וועלכע זענען גענוי בעקאַנט געווען מיט אַלע
בעהאַלטענע ווינקעלעך פֿון לאַנד און האָבען נישט אויפגעהערט איהם
צו בעאונרוהיגען מיט זייערע קליינע אָנפֿאַלען. אַזויערנאָך איז דאַן
געשלאָסען געוואָרען אַ אָבמאַך צווישען די בײדע אָנפיהרער, לויט
וועלכען די סירישע רעגירונג לאָזט איבער די פיהרונג פֿון אַלע אי=
נערליכע אַנגעלעגענהײטען אין יהודה — דעם פֿאָלק אַליין, און
ערלויבט די חשמונאים צו וואוינען אונגעשטערט אין גאַנצען לאַנד,
אויסער דער הויפּט=שטאָדט. די קריעגס=געפֿאַנגענע פֿון בײדע זײַטען
זענען בעפרײַט געוואָרען, און באַקחיד מיט זײַן אַרמעע האָט פערלאָ=
זען דאָס לאַנד.

די העלעניסטען, וועלכע זענען די גאַנצע צײַט געשיצט געוואָ=
רען פֿונ׳ם סירישען הויף, זענען איצט, אַלזאָ, געבליבען „אין
שטיך", און די פּאַקטישע הנהגה פֿון אַלע פֿאָלקס=אַנגעלעגענהײטען איז
איבערגעגאַנגען צו דער נאַציאָנאַליסטישער פּאַרטײַ. בראש פֿון דער
פּאַרטײַ איז געשטאַנען יהונתן, און אַזוי ווי ער האָט זיך בעזעצט
אין מחמת, איז דאָרטין געוואָרען דער צענטר פֿון דער יודישער
זעלבסט=פערוואַלטונג.

לאַנג האָט זיך דער צושטאַנד נישט געצויגען (156 — 152) ;
יהונתן האָט אָבער בעוויזען אין דער קורצער צײַט אַ סך אויפצוטאָן.
די נאַציאָנאַלע פּאַרטײַ איז וואָס ווײַטער אַלץ שטאַרקער און פּאָפּו=
לערער געוואָרען, די צאָהל פֿון איהרע אָנהענגער איז כסדר געוואַק=
סען, און צוזאַמען דערמיט זענען די אַרומיגע פּאָליטישע בעדינגונגען
אויך זעהר גינסטיג געוואָרען פֿאַר דער פערווירקליכונג פֿון דעם אַל=
טען אידעאַל. אַ אונערוואַרטעטע געשעהעניש אין דעם סירישען
מלוכה=לעבען האָט אַ האַסטיגען שטוים געגעבען פאָראויס די שטרע=
בונג פֿון די חשמונאים צו פערברײטערן די יודישע זעלבסשטענדיגקײַט
און צו בעפעסטיגען די יודישע מלוכה=מאַכט.

דאָס איז געווען אין יענער צײַט, ווען די סעלײקידישע די=
נאַסטיע האָט געהאַט אויסצושטעהן אַ סך צרות פֿון די פּרעטענדען=
טען אויפ׳ן טראָן, וועלכע פלעגען געשטיצט ווערן פֿון איהרע פערבי=
סענע שונאים — די מלכים פֿון עגיפּטען און קליין=אַזיען. דער
לעצטער פֿון די דאָזיגע פּרעטענדענטען איז געווען אַ אונבעקאַנטער

יונגער מאן פון סמירנא, מיט׳ן נאמען באלאס, וועלכער האט אויסגעזעהען זעהר ענליך צו דעם פערשטארבענעם אנטיוכס עפיפא־נעס און האט זיך ארויסגעגעבען פאר זיינעם א זוהן. מיט דער הילף פון פערשיעדענע בעשיצער און שטיצער, האט זיך דעם דאזיגען אלעקסאנדער באלאס איינגעגעבען, צונויפצוזאמלען ארום זיך א גאנצע ארמעע, וועלכע האט איהם געזאלט העלפען אבנעהמען די קרוין ביי דעם קעניג דימיטריאס. דער לעצטער האט שנעל בעגריפען די גאנצע ערנסטקייט פון דער לאגע, און אנגעהויבען אונטערצוחנפ׳הנען זיינע שכני׳שע מלכים און וואסאלען (אונטערטעניגע פירשטען), אום זיכער צו זיין אין זייער הילף און שטיצע. צו דעם צוועק האט ער זיך פאר אלעמען געווענדעט מיט א פריינדליכען בריעף צו דעם חשמונאים־פיהרער, יהונתן, אין וועלכען ער האט איהם בעשטימט פאר א הויפטמאן פון אלע יהודה׳אישע סאלדאטען, און בעפעהלען, מ׳זאל איהם ארויסגעבען די געפאנגענע קינדער פון די אנגעזעהענסטע יודישע משפחות, וועלכע האבען זיך געפונען, אלס משכון, אין דער שטאדט־פעסטונג עקרא. יהונתן האט אויסגענוצט די דאזיגע גינסטיגע געלעגענהייט און איז גלייך איבערגעפאהרען וואוינען אין ירושלים, וואו זיין ערשטע ארבייט איז געווען — צו בעפעסטיגען דעם בארג ציון, די מויערן פון שטאדט א. א. וו.

מיט דימיטריא׳ס איינפאל האט זיך אבער בענוצט אויך זיין געג־נער און — מיט מעהר ערפאלג. אלעקסאנדער באלאס האט געזוכט צוצוציהען דעם פיהרער פון יהודה אויף זיין זייט, און ער האט מעהר פון דימיטריאס׳ן פערשטאנען, וועלכען פרייז איהם דערפאר פארצולעגען. ער האט בעשטימט דעם חשמונאי יהונתן פאר א כהן־גדול, האט איהם געשענקט א פורפור־מאנטעל מיט א גאלדענער קרוין און דערמיט איהם בעשטעטיגט פאר א אפיציעלען וואסאל (אונ־טערטעניגען פירשט) פון דער סירישער מלוכה און פאר א פערזענלי־כען פריינד פון קעניג. יהונתן האט מיט פרייד אנגענומען דער טי־טול, צו וועלכען ער האט, ווי ס׳איז צו גלויבען, שוין לאנג גע־שטרעבט, און אום סוכות, אין יאהר 153, האט ער צום ערשטען מאל ערפילט די עבידה אין בית המקדש אלס כהן גדול. אזוי איז דאס טיעף ערניעדריגטע לאנד, וואס איז שוין געשטאנען ביי דער שוועל פון אונטערגאנג, צוריק דערהויבען געווארען, א דאנק דער העלדישער זעלבסט־אפפערונג פון דעם קליינעם הייפעל בעגייסטערטע

רעוואָלוציאָנערען, און ווידער איז ירושלים געוואָרען דער צענטר פון דער יודישער מאַכט און דעם יודישען גייסט, אין דער געשטאַלט פונ'ם בית-המקדש, וואו דער עלטסטער ברודער פון דעם גרויסען מכבי האָט געטראָגען אויף זיך די כהן-גדול-קליידער און ערפילט די הייליגע עבודה.

און זיין בליק האָט איהם נישט אָבגענאַרט. יהונתן האָט זיך אָפען געשטעלט אויף דער זייט פון דעם פרעטענדענט באַלאַס, חאָטש דימיטריאָס, ווי איינער, וואָס האָט שוין גאָרנישט צו פערליערען, האָט נישט אויפגעהערט זיך צו ווענדען צו דעם „פאָלק פון יהודה" און איהם צוצוזאָגען די גלענצענדסטע הנחות און פרייהייטען. דאָס פאָלק האָט זיך אָבער פון דעם בעליבטען חשמונאים-הויז נישט געוואָלט אָבקעהרען, און יהונתן האָט גאַנץ ווייניג געגלויבט אין די דאָזיגע „גאָלדענע בערג", וועלכע זענען צוגעזאָגט געוואָרען אין אַ מינוט פון פערצווייפלונג. ער האָט זיך פעסט געהאַלטען אָן אַלעקסאַנדער'ן און איהם אַזוי לאַנג געשטיצט, ביז יענער האָט ענדליך בעזיעגט זיין געגנער און איז געוואָרען סירישער קעניג (150).

דער אויפגעקומענער אַלעקסאַנדער האָט קיינמאָל נישט פערגעסען די שטיצע, וואָס יהונתן האָט איהם אַרויסגעוויזען, ווען ער האָט זיך געפונען אין אַ קריטישער לאַגע, און ער האָט דעם געוועזענעם רעוואָלוציאָנערען-אָנפיהרער בעעהרט מיט אַלערליי קעניגליכע כבודים. צו דער פייערונג פון זיין חתונה מיט דער טאָכטער פון דעם עגיפטישען קעניג, האָט ער פערבעטען דעם יודישען פיהרער, און איהם בעהאַנדעלט, ווי זיינעם אַ גלייכען: האַנד ביי האַנד מיט'ן סורישען קעניג איז יהונתן אין אַ פורפור-מאַנטעל געזעסען, און מעהר כבוד איז איהם אָבגעגעבען געוואָרען פון אַנדערע שכני'שע קעניגען. יהונתן איז אָפיציעל ערקלערט געוואָרען פון אַלעקסאַנדערן פאַר דעם מיליטערישען און בירגערליכען פיהרער פון יהודה אַזוי, אַז פאַקטיש איז שוין דאָס לאַנד כמעט אינגאַנצען זעלבסטשטענדיג געווען און פאַר זיין צייט האָט עס זיך ווירקליך ערהאָלט פון די פערשידענע וואונדען און קראַנקהייטען, וואָס עס האָט איבערגעטראָגען ביז דאַן.

אַרום זעקס יאָהר (פון 132 ביז 146) איז אַלעקסאַנדער באַלאַס געזעסען אויף דעם סירישען טראָן און, ווי דער גרעסטער טייל פון דער גריכיש-סורישער אַריסטאָקראַטיע אין יענער צייט, האָט ער אויך מעהר געקלערט וועגען זיינע אויסגעלאַסענע תאוות און פערגניגענס.

ווי וועגען די אנגעלעגענהייטען פון דער מלוכה. דאס האט געגעבען די מעגליכקייט דימיטריאס דעם II-טען, מיט דעם ביינאמען ניקאטאר, דעם זוהן פון דימטריאס I, ארויסצורופען א אויפשטאנד אין לאנד און ארויסצוטרעטען אלס געזעצליכער יורש פון דעם סוריא'שען טראן. יהונתן האט אבער נישט אויפגעהערט צו שטיצען אלעקסאנדערן, חאטש עגיפטען און רוים האבען זיך פון איהם אבגעקעהרט, און ווען דער פערטרעטער פון צעלאסוריען, אפאלאניוס, איז איבערגעגאנגען אויף דימיטריאס זייט, איז יהונתן ארויסגעטרעטען געגען איהם מיט געוועהר. ער האט בעלאגערט די האפענשטאדט יאפא, וואו ס'האט זיך אויפגעהאלטען אפאלאניוס מיט זיין חיל, און זי איינגענומען. דערנאך האט ער צושטערט די שטאדט אשדוד און פערברענט דעם טעמפעל פון אבגאט דגון. אלס בעלויהנונג פאר דער ארויסטרעטונג האט יהודה פון אלעקסאנדער'ן בעקומען די אלטע פלשתים-שטאדט עקרון מיט איהר אומגעגענד (147).

נאך דעם אלעמען אבער איז אלעקסאנדערן דאך נישט געלונגען צו דערהאלטען פאר זיך דעם סוריא'שען טראן. צוזאמען מיט דער סוריא'שער בעפעלקערונג זענען צוגעשטאנען צו דימיטריאס'ן אויך גרויסע טיילען פון דער ארמעע, און שפעטער איז איבערגעגאנגען אויף זיין זייט אויך אלעקסאנדער'ס שווער, דער עגיפטישער קעניג, וועלכער האט אבגענומען זיין טאכטער פון אלעקסאנדער'ן און זי חתונה געמאכט פאר איהם, דימיטריאס'ן. דער איצטיגער איידים צוזאמען מיט'ן שווער זענען ארויסגעטרעטען אין א אפענעם קאמפף געגען אלעקסאנדער'ן, און נאכדעם ווי ער איז אנטלאפען קיין אראביען, איז דימיטריאס ארויף אויף דעם סוריא'שען טראן (145).

מיט דער דאזיגער איבערקעהרעניש אין סיריען האט זיך יהונתן געוואלט בענוצען, אום אויסצוקעמפפען פאר יהודה נאכמעהר זעלבסט-שטענדיגקייט, און ער האט בעלאגערט דעם וויכטיגסטען פונקט פון דער סירישער מאכט און דער העלעניסטישער פארטיי — די עקרא. די פערפאלגטע האבען זיך דאן געווענדעט צו דעם נייעם סירישען קעניג נאך הילף, און ער האט ארויסגעפאדערט דעם יודישען פיהרער צו זיך, קיין פטאלעמאיד; יהונתן האט זיך אבער כמעט דעם דאזיגען ארויסרוף נישט דערשראקען. ער האט גוט פערשטאנען, אז ביי דער איצטיגער לאגע פון דעם סירישען הויף לויהנט נישט פאר איהם זיך איינצורייסען מיט יהודה, און איבערלאזענדיג די בעלאגערונג

אין איהר פולער קראפט , איז ער אוועק צום קעניג . דער לעצטער האט זיך ווירקליך געניטיגט אין געלד און שטיצע , און האט זיך בעצויגען צו דעם פיהרער פון יהודה , ווי צו א בעדייטענדער מאכט , וואס קען פיעל נוצען ברענגען . דאן האט יהונתן איהם פארגעלעגט א געוויסע געלד-סומע (300 טאלאנטען) און געבעטען , ער זאל בעפרייען יהודה פון יעדען אבצאהל און עם פערגרעסערן מיט עטליכע ראיאנען פון שומרון (אפרים , לידדא און רמאתים) . דימיטריאס האט איהם אין דעם אויך ניט אבגעזאגט — חאטש ער האט באלד חרטה געהאט ! — אבי נאר זיכער צו זיין אין דער אפיציעלער אונטערטעניג-קייט פון יהודה און אין איהר שטיצע .

מיט רוהם און נצחון האט זיך יהונתן אומגעקעהרט אין דער-היים . דערצו האבען זיך אין דעם סורישען מלוכה-לעבען באלד וויע-דער אנגעהויבען שטארקע אונרוהען , און יהונתנ׳ס ארמעע האט אונערוואַרטעט איבערגעלעבט עטוואס אזוינס , וואס האט געקענט בעפריעדיגען דעם יודישען דורשט , איינמאל פאר אלע מאל זיך נוקם זיין אן די סירי׳ער פאר זייער אריינרייסען זיך צעהנדליגער מאלען אין ירושלים אין פאר זייער אריינמישען זיך אין די אינערליכע יודי-שע אנגעלעגענהייטען . מיט זיין נאכלעסיגקייט און שוואכקייט האט אויך דימיטריאס ארויסגערופען א גרויסע אונצופריעדענהייט אין לאנד און אין דער ארמעע , און אזוי ווי אלעקסאנדער׳ס קריעגספיהרער , טריפאן , איז אין יענער צייט ארויסגעטרעטען אלס רעגענט אינ׳ם נאמען פון אלעקסאנדער׳ס מינדעריעהריגען זוהן , אנטיוכס VI , איז די גאנצע בעפעלקערונג אויפגעשטאנען געגען קעניג און די סאלדאטען האבען פשוט בעלאגערט זיין פאלאץ . ער האט זיך דאן געזעהן גע-צוואונגען , צו בעטען הילף ביי דעם יודישען פיהרער , און דער לעצטער האט איהם ווירקליך געהאלפען : דריי טויזענד יהודה׳שע סאלדאטען האבען אוועקגעמארשירט אין דער הויפט-שטאדט פון סיר-יען , און בעהערשענדיג דעם גאנצען גארניזאן , האבען זיי געצוואונ-גען די סאלדאטען , אראבצונעהמען די בעלאגערונג פון דעם קעניגלי-כען פאלאץ און ביי איהם מחילה צו בעטען . אזוי האבען יהודה׳-שע סאלדאטען , אונטער דער פיהרונג פון א חשמונאי , גערעטע-וועט דעם טראן פון אנטיוכס עפיפאנוס׳ס יורש !

דימיטריאס האט אבער די דאזיגע טובה באלד פערגעסען , און ווי נאר ער איז בעפרייט געווארען פון דער געפאהר , האט ער אנ-

געהויבען צוריקציהען די אַלע הבטחות, וואָס ער האָט פריהער געגע־בען, און פיינדליך זיך צו בעציהען צו דעם יודישען פיהרער. דאָס האָט אַרויסגערופען אין ירושלים אַ ביטערע שנאה צו דעם סירישען קעניג, און יהונתן האָט אָנגעהויבען פיהרען אונטערהאַנדלונגען מיט דעם דערמאָהנטען טריפאָן. דער לעצטער האָט מיט צופריעדענהייט אָנגענומען יהונתנ׳ס פאָרשלאַג, און געשלאָסען מיט איהם אַ אָבמאַך, לויט וועלכען די סירישע רעגירונג אַנערקענט אַלע רעכטע און פריי־הייטען פון דעם יודישען פיהרער און כהן גדול, וואָס פערפליכטעט זיך פון זיין זייט מיליטעריש צו שטיצען דעם קרוין־פּרעטענדענט אַנטיוכס VI. שמעון, יהונתנ׳ס ברודער, איז בעשטימט געוואָרען פאַר אַ סירישען „סטראַטעג״, ד. ה. פאַר אַ מיליטערישען קאָמאַנדיר איבער דער גאַנצער לענג פון מיטעללענדישען ים. מוטיג און העל־דיש האָבען דאַן די ביידע חשמונאים־ברידער געקעמפפט פאַר דעם קליינעם אַנטיוכס, מיט דעם נצחון פון וועלכען ס׳איז געווען פערבונ־דען אויך די זעלבסטשטענדיגקייט פון יהודה.

אין דער מלחמה זענען פאָרגעקומען פערשיעדענע מאָמענטען; ענדליך אָבער האָבען די חשמונאים געזיגט. יהונתן האָט איינגענומען די שטעדט אשקלון און עזה און איז צוריקגעקומען קיין ירושלים, וואו ער האָט זיך גענומען בעפעסטיגען די שטאָדט פון אַלע זייטען. די מויער־ווענט אַרום שטאָדט האָט ער אויפגעהויבען העכער, און אינמי־טען, צווישען דער עזרה און בית המקדש, האָט ער אויפגעשטעלט אַ הויכען וואַל, וואָס האָט געזאָלט אָבשניידען דעם היילינגען שטאָדט־טייל פון דעם סורישען עקרא־גאַרניזאָן. שמעון, ווידער, איז געשטאַנען אָן דער שפּיץ פון אַ צווייטער מחנה, און האָט אויך אָבגעהאַלטען גלענ־צענדע נצחונות. ער האָט פערטריעבען דימיטרי׳ס גאַרניזאָן פון דער דרום־פעסטונג בצרה און איהם פערביטען מיט אַ יהודה׳שען; ער האָט אויך איינגענומען די נאָהנטסטע שטאָדט פון ירושלים, יאפא (יפו), און בכלל געזוכט צו בעפעסטיגען די גרענעצען פון יהודה.

ביז פיערציג טויזענד אויסגעוועהלטע סאָלדאַטען האָט יהודה דאַן געהאַט אַרויסגעשטעלט אויפ׳ן קריעגס־פּלאַץ, און עס לאָזט זיך גלוי־בען, אַז דער גרויסער פיהרער פון פאָלק האָט שוין אין יענער צייט שטאַרק געקלערט וועגען אָבצורייסען זיך אינגאַנצען פון סוריען און פּראָקלאַמירען יהודה פאַר אַ פאָלקאָם זעלבסטשטענדיגע מלוכה; און פאָראויסזעהענדיג די קאָנפליקטען, וואָס וועלען דעריבער מוזען סוף כל

סוף אויסברעכען צווישען איהם און דעם סורישען הויף, האט ער זיך, ווי די היסטארישע קוועלען גיעבען איבער, געווענדעט צו דעם רוימישען סענאט מיט א פארשלאג, צו בעניַיען דעם אבמאך פון יהודה מיט דער רוימישער מלוכה, וועלכען עס האט געהאט אמאל געשלאסען מיט איהר זיַין ברודער — יהודה המכבי.

און ס'איז ווירקליך אזוי געווען. דער סורישער מלוכה־פיהרער האט גלייך בעמערקט, אז יהודה שטרעבט נישט בלויז צו פאלשטענדיגער פאליטישער זעלבסטשטענדיגקייט, נאר אויך צו דער וויַיטערדיגער פערברייטערונג פון איהרע גרענעצען אויף דעם רעכנונג פון די ערטער, וואס זענען נאר־וואס איינגענומען געווארען דורך די חשמונאים־ברידער פאר אנטיוכס'ן; ער האט דעריבער גלייך נאך דער מלחמה מיט דימיטריאס'ן אנגעהויבען קלערען וועגען א קאמפף מיט דעם מעכטיגען יהודה'אישען כהן גדול. ארויסטרעטען אין א אפענער מלחמה געגען דעם עלטסטען חשמונאי איז אבער פאר איהם צו געפעהרליך געווען, און דער מערדערישער טריפאן האט זיך בענוצט מיט א געמיינעם שווינדעל, אום צו פערפיהרען דעם קליגסטען פון די חשמונאים און איהם פון וועג אבצורוימען. ער איז אריין מיט זיין מחנה אין פאלעסטינא און האט זיך אבגעשטעלט ביי בית־שאן (סקיטאפאליס); דערוויסענדיג זיך דערפון, איז איהם יהונתן גלייך ארויס אנטקעגען מיט טויזענדער בעוואפענטע סאלדאטען. צו זיין איבערראשונג האט איהם אבער טריפאן זעהר פריינדליך בעגעגענט און נאך מיט טייערע מתנות. דער סירישער פיהרער האט איהם דערנאך ערקלערט, אז ער מיינט גארנישט זיך צו שלאגען מיט יהודה און איז בלויז געקומען, איהם, דעם כהן גדול, איינלאדען קיין עכו (פטאלאמעאיס), וואו ס'דארפען געענדיגט ווערען די אונטערהאנדלונגען וועגען אריינרעכנען די שטאדט אין די גרענעצען פון יהודה. יהונתן האט געגלויבט דעם בעטריגער, און דעם גרעסטען טייל פון זיינע סאלדאטען צוריקגעשיקט, זיך לאזענדיג אליין מיט דעם סירישען „פריינד" קיין עכו. דארט אבער איז שוין אלץ צוגעגרייט געווען, און יהונתן איז גלייך נאך זיין אנקומען אהין געפאנגען געווארען פון טריפאן'ס סאלדאטען. די יהודה'שע סאלדאטען, וועלכע האבען געזאלט בלייבען אין עמק יזרעאל און אין גליל, האבען זיך דערוואוסט פון דעם שווינדעל און געבראכט די ידיעה קיין ירושלים, וואו א שרעקליכער טרויער האט ארומגענומען דעם גאנצען פאלק.

דאן איז דער לעצטער פון די חשמונאים=ברידער, שמעון, געקומען צו לויפען אין דער הויפט=שטאדט. אין טיפער עלטער, האט דער דאזיגער חשמונאי דאך נאך פיעל יוגענדליכע קראפט ארויסגעוויזען; ער האט פערזאמעלט דאס פאלק אין הויף פון בית המקדש, און די זעלביגע יהודים, וואס זענען פריהער פערזונקען געווען אין טרויער און פערצווייפלונג, האבען איצט צוריק זייער העלדישען מוט בעקומען, און בעגייסטערטע נקמה= און פרייהייטס=געשרייען האבען זיך פון זייערע הערצער ארויסגעריסען.

„איך בין נישט בעסער פון מיינע ברידער, וועלכע זענען פאר אונזערע היילינגקייטען און פאר אונזער פרייהייט אומגעקומען!" — האט שמעון אויסגערופען, און די גאנצע פערזאמלונג האט איהם איינשטימיג אנטקעגען=געשריען: „זיי אונזער קריעגספיהרער, ווי דיינע ברידער יהודה און יהונתן!"

דער לעצטער גליעד פון דעם העלדישען חשמונאים=שטאם איז איצט אוועקגעשטעלט געווארען אן דער שפיץ פון פאלק, און די אנגעהויבענע בעוועגונג פאר דער בעפרייאונג פון יהודה האט ווייטער געמוזט געפיהרט ווערען נאך מיט מעהר גלוט, נאך מיט מעהר בעגייסטערונג. קודם כל האט מען אבער געמוזט זעהען בעפרייען דעם כהן גדול אדער — זיך נוקם זיין פאר איהם. טריפאן האט זיך מיט זיין ארמעע אלץ מעהר דערנעהנטערט צו די גרענעצען פון יהודה, פיהרענדיג מיט זיך דעם יודישען ליעבלינג אין קייטען געשמידט, אום אבצושרעקען דער בעפעלקערונג פון יהודה און זי צו בעפאלען נאך איידער זי וועט צו זיך קומען. דאן האט שמעון צוזאמענגענומען זיין ארמעע ביי אדידא און איז איהם ארויס אנטקעגען; דאס האט אויף דעם סירישען קריעגס=פיהרער ווידער א שרעק אנגעווארפען און ווידער האט ער זיך צום געמיינעם שווינדעל גענומען. ער האט ערקלערט, אז ער פאדערט מעהר נישט, ווי הונדערט טאלאנטען און צוויי קינדער יהונתנ'ס אלס גאראנטיע פאר יהודה'ס אונטערטעניגקייט. שמעון האט גאנץ גוט פערשטאנען דעם שווינדעל פון די דאזיגע כלומר'שטע פאדערונגען; ער האט זיי אבער געמוזט ערפילען, נישט וועלענדיג ארויפציהען אויף זיך דעם פערדאכט, אז ער האט נישט געוואלט העלפען בעפרייען זיין ברודער פון טוידט. טריפאן האט בעקומען די פערלאנגטע סומע מיט די צוויי קינדער, און האט די קריעג ווייטער געפיהרט; די יודישע ארמעע האט איהם

אָבער געשטערט אַרײַנצוקומען אין ירושלים מיט'ן גלײַכען וועג. ער האָט זיך דעריבער גענומען מיט דעם וועג צו דער דרום=גרענעץ, און דאָ האָט דאָס גליק דעם דאָזיגען געמיינעם מערדער אין שטיך געלאָזען. אַ אונגעהויערער שניי=פאַל האָט איהם געצוואונגען זיך אַריבערצוואַרפען מיט זײַן חיל אויף יענער זײַט ירדן, אין גלעד, און דאָרט האָט ער אויסגעלאָזען זײַן כעס צו דעם געפאַנגענעם: — אויף זײַן בעפעהל איז געטויט געוואָרען דער גרויסער יהונתן כהן גדול (243), די ביינער פון וועלכען עס זענען שפּעטער דורך שמעון'ען איבערגעפיהרט געוואָרען קיין מודעין, וואו זיי זענען בעגראָבען געוואָרען אין דער פאַמיליען=מערה פון די חשמונאים. אַזוי האָט געענדיגט זײַן לעבען דער פיערטער חשמונאי, וועלכער האָט מעהר פאַר זײַנע פאָרגענגער אויפגעטאָן פאַר זײַן פאָלק; פון טיעפען אָבגרונד האָט ער דאָס יהודה'שע מלוכה=וועזען אַרויסגעצויגען און עס אויף אַ בעדײַטענדער הויכקײַט אַוועקגעשטעלט. יהונתן האָט אויסגעקעמפּפט מאַכט און אײַנפלוס פאַר זײַן פאָלק, און פאַר זײַן דינאַסטיע — דעם הויכען כהן=גדול=טיטול, וועלכער האָט איצט צוריק בעקומען זײַן אַמאָליגען רוהם און גלאַנץ.

יהודה האָט זיך איצט אינגאַנצען אונטערגעוואָרפען דעם אײַנפלוס פון מתתיהו'ס לעצטען זוהן, שמעון, און אין זײַן פּערזאָן האָט עס ווירקליך בעקומען אַ העלדישען און בעגאַבטען פיהרער. ער האָט נישט בלויז פאָרטגעזעצט דעם בלוטיגען בעפרײַאונגס=קאַמפּף, נאָר איהם אויך געענדיגט, און מיט זײַן נאָמען איז פערבונדען די פאָלשטענדיגע פּאָליטישע זעלבסטשטענדיגקײַט פון יהודה; עס וואָלט אָבער דאָך נישט ריכטיג זײַן, צוצושרײַבען דעם דאָזיגען גלענצענדען ערפאָלג בלויז זײַן פּערזענליכע גרויסקײַט. שמעון איז דער לעצטער געווען פון אַלע חשמונאים=ברידער, און איהם איז בעשערט געווען צו שנײַדען מיט געזאַנג דאָס, וואָס זיי האָבען פערזייהט מיט טרערען און בלוט! אין אײַן הינזיכט איז שמעון'ס איצטיגע לאַגע עהנליך געווען צו דער, אין וועלכער יהונתן האָט זיך געפונען נאָך דעם טויט פון זײַן עלטערן ברודער — דעם מכבי, ווי אַנדערש אָבער האָט דאָס פאָלק איצט אויסגעזעהען און ווי אַנדערש דאָס לאַנד! יהודה'ס נאָכפאָלגער האָט אין אָנהויב געהאַט אַרום זיך בלויז אַ קליינעם הײַפעל רעוואָלוציאָנערען; איז אַליין געווען אַ פיהרער אָהן וועלכע ס'איז רעכט און אָהן אַ שום טיטול; האָט נישט געהאַט נישט

קיין בעפעסטיגטע פלעצער, נישט קיין אנדערע הילפס-מיטלען און איז בכלל פון אויסוועניג און פון אינוועניג געווען ארומגערינגעלט מיט בלוטיגע שונאים. דאגעגען אבער האט יהונתנ'ס נאכפאלגער איבערגענומען די מלוכה איבער א שטארקען פאלק. ער האט געפונען פאר זיך פעסטונגען, גוט אוועקגעשטעלטע קריעגס-פונקטען, א גוט ארגאניזירטע, שטארקע ארמעע, און געהאט נאר איין-איינציגען פיינד געגען זיך. דערצו האט דער מערדערישער טויט פון דעם בעליבטען חשמונאים-כהן-גדול נאך מעהר אויפגעוועקט דעם פאלק און נאך שטארקער פונאנדערגעפלאמט אין איהם די שנאה צו דער סורישער ארמעע אזוי, אז שמעונ'ען איז פארגעשטאנען בלויז צו פיהרען און גוט צו אפעריערען מיט דעם דאזיגען דאנקבארען מאטעריאל.

און דאס האט דער יונגסטער חשמונאי גלענצענד פערשטאנען. איהם האט דער אלטער מתתיהו נאך בעשטימט פאר א יועץ בנוגע צו די מלחמות געגען דער סירישער הערשאפט, און פון דאן אן האט ער נאך זיין יוגענד-פרישקייט און זיין פייערדיגען מוט נישט פערלוירען.

געהאלטען האט ער זיך ביי דער פאליטיק פון זיין ברודער, — אויסצונוצען דעם געגנער'ס שוואכקייט, דאס לאנד צו בעפעסטיגען און זיינע גרענעצען ווייטער צו ציהען. און זיין ערשטער שריט איז גלייך געווען א אקט פון אונאבהענגיגקייט — ער האט נישט געווארט ביז די אויבערשטע מאכט וועט איהם בעשטעטיגען אלס כהן-גדול. פאראויסזעהענדיג דעם קאמפף, וואס דער דאזיגער טריט וועט מוזען ארויסרופען, האט ער זיך גלייך גענומען פערשטארקען די פעסטונגען פון לאנד און זיי פערזארגען מיט אלעם נויטיגען; דערנאך האט ער זיך פערבונדען מיט דעם אראבגעזעצטען סירישען קעניג דימיטריאס II, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואס דער זעלביגער איז זיך אזוי נישט אנשטענדיג בעגאנגען מיט זיין ברודער. ער האט איהם געשיקט א גאלדענע קרוין אלס צייכען פון אנערקענונג און צוגעזאגט מיליטערישע הילף געגען טריפאנען, וועלכער האט אונטער דער צייט גע'הרג'עט זיין קעניגליכען שיצלינג, אנטיוכס VI, און אליין פערהאפט דעם טראן; דערביי האט ער אבער פערפליכטעט דימיטריאס'ן צו אנערקענען די פאלשטענדיגע אונאבהענגיגקייט פון יהודה. דער לעצטער האט זיך דערפרעהט מיט דעם פארשלאג, און האט זיך פארמעל אבגעזאגט פון די אלע הערשאפטס-סימנים, וואס די סירישע קרוין האט ביז אהער ארויסגעוויזען בנוגע צו יהודה. פון דעם מאמענט אן האט יהודה אנגעהויבען פריי צו

אָטעמען און — ווי דער כראָניקער דריקט זיך אויס — „דער יאָך פון די געצענדיענער איז אַראָבגענומען געוואָרען פון ישראל׳ס האַלז”. דאָס פאָלק האָט גלייך אויפגעהערט זיך צו בענוצען מיט דער ציטרעכנונג לויט די רעגירונגס־יאָהרען פון דער סעלייקידישער דינאַסטיע, און אָנגעהויבען צו שרייבען אין אַלע עפענטליכע דאָקומענטען (142): „אין׳ם ערשטען רעגירונגס־יאָהר פון כהן גדול, קריגס־פיהרער און פאָלקס־הערשער שמעון”. די שמחה אין ירושלים איבער דער ערוואָרבענער פרייהייט איז אַזוי געוואַלטיג געווען, אַז די פיהרער פון פאָלק האָבען זיך געפיהלט פערפליכטעט, מיטצוטיילען די בשורה זייערע ברידער אין מצרים.

שמעון אָבער האָט זיך נאָך אַלץ נישט אינגאַנצען זיכער געפיהלט: — דער סירישער גאַרניזאָן האָט זיך נאָך געפונען אין דער שטאָדט־פעסטונג פון ירושלים. ער האָט דעריבער בעלאַגערט די עקרא מיט סאָלדאַטען און זי אַזוי לאַנג געהאַלטען אָבגעשניטען פון דער אַרומיגער וועלט, ביז זי האָט געמוזט זיך אונטערגעבען, און דעם 23־טען איר (מאַי, 141) איז פאָרגעקומען די פייערליכע אַריינטרעטונג פון די ירושלים־איינוואוינער אין די טויערן פון דער דאָזיגער מעכטיגער פעסטונגס־קייט, וואָס האָט געשטיקט דעם פאָלק אין אַ משך פון גענויע פיערציג יאָהר און אַ שרעק אויף איהם אָנגעוואָרפען.

אַזוי האָט זיך געענדיגט דער פינפאונצוואַנציג־יעהריגער קאַמפף פון יהודה פאַר איהר זעלבסטשטענדיגקייט. אָנגעפיהרט מיט דעם קאַמפף האָט די העלדישע חשמונאים־פאַמיליע, צו וועלכער ס׳איז פריהער איבערגעגאַנגען דער כהן־גדול־טיטול, און וועלכע איז איצט, צוזאַמען מיט דער ערוואָרבענער פאָליטישער אונאָבהענגיגקייט, ממילא פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ נאַציאָנאַלער הערשער־דינאַסטיע, דאָס פאָלק, וואָס האָט איבערגעטראָגען אויף זיך דעם שווערען יאָך פון פיער מלוכות איינע נאָך דער אַנדערער — די בבלי׳שע, פערסישע, עגיפּטישע און גריכיש־סירישע — האָט זיך מיט אַמאָל דערשפירט פריי פון יעדען יאָך, פון יעדען אויסערליכען דרוק, און עס האָט מיט הארציגער דאַנקבאַרקייט אַלץ (די כהונה־גדולה מיט דער קרוין) אונטערגעטראָגען די בעפרייער, זיך גאָרנישט רעכנענדיג דערמיט, וואָס אין זייערע אָדערן פליעסט נישט דאָס בלוט, נישט פון דוד המלך און נישט פון דעם אַלטען צדוק הכהן. געמיינט האָט דאָס פאָלק גוט: פון אייביג־אָן (פון זיין ערשטען געזעצגעבער ביז די לעצטע סופרים פון

דעם פעדסישען פעריאד) האבען זיך זיינע בעסטע זיהן בעמיהט, איינצופלאנצען אין איהם די שטרעבונג צו א טעאקראטישער רעגירונגספארם, צו מענשליכער מאכט, וואס זאל פערקערפערן מיט זיך דעם אייביגען אידעאל, דעם געטליכען ווילען, — און עס האט זיין הערשער אויך פאר א כהן גדול בעשטימט. געמיינט גוט האבען אויך די ערשטע חשמונאים; אים נאמען פון דעם יודישען גייסט, פון די פערשוועכטע יודישע הייליגקייטען, זענען זיי געגען דער פרעמדער מאכט ארויסגעטרעטען. די רעזולטאטען פון די דאזיגע גוטע כונות זענען אבער גאנץ אנדערע געווען. עס איז געוואקסען די יודישע מלוכה, דאס יודישע קעניגרייך, און וואס פעסטער ס'איז געווארען די מאכט אין די הענד פון דער נייער דינאסטיע, אלץ מעהר איז זי געווארען א ציעל פאר זיך; וואס שטארקער ס'איז געווארען דער קעניג, אלץ שוואכער האט זיך געשפירט אין איהם דער כהן גדול... דאס האט, נאטירליך, געמוזט ברענגען צו פערשיעדענע סכסוכים און קאנפליקטען, ווי צווישען דער דינאסטיע און דעם פאלק, אזוי אויך צווישען די מיטגליעדער פון דער דינאסטיע גופא, און ענדליך האבען אזעלכע סכסוכים ווירקליך מיטגעווירקט די ענדע פון דער פאליטישער חשמונאי'שער מאכט, ווי פון דער יודישער זעלבסטשטענדיגקייט בכלל — יודען זענען ביי זייער תורה געבליעבען, ביי דער מאכט פון גייסט.

צווייטעם קאַפּיטעל.

די חשמונאים־פירשטען שמעון און יוחנן־הורקנוס.

(142)—106

בּיז דער הערשאַפט פון דעם ערשטען חשמונאים־פירשט, שמעון, האָבען זיך אָן ליכטיגע, רוהיגע יאָהרען פאַר דער בּעפעלקערונג פון יהודה. די איינגענומענע האַפען־שטאָדט יאַפאַ (יאָפע) האָט רייכער גע־מאַכט דעם לאַנד נישט בּלויז מיט אַ ווילכטיגען פערטיידיגונגס־פּונקט, נאָר אויך מיט אַ אונגעהויערער קוועלע פון הכנסות. יהודה איז איצט פעראייניגט געוואָרען מיט׳ן מיטעללענדישען ים, און האָט פערבּונדען האַנדעלס־בּעציהונגען מיט דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט; דאָס בּע־פרייטע לאַנד האָט אויפגעלעבּט און דאָס פרייע פאָלק האָט זיך צוריק־געקעהרט צו זיין פריעדליכען אַרבּייטס־לעבּען; האַנדעלס־קאַראַוואַנען האָ־בּען זיך געצויגען איבּער די וועגען פון יהודה, און פאָהנען פון האַנ־דעלס־שיפען האָבּען געפלאַטערט איבּער די וועלען פון יהודה׳ס וואַ־סער׳ן. רייך איז דאָס פאָלק געוואָרען און מעכטיג האָט עס זיך גע־פיהלט: די איינגענומענע שטעדט (גזרה) און פעסטונגען (בּצר) האָבען געשיצט די גרענעצען פון לאַנד און זיי בּעוואָרענט פון יעדען אויסערלי־כען אָנפאַל.

„זיי (די יהודה׳ער) האָבען זיך איצט אין פריעדען געקענט בּע־אַרבּייטען זייער ערד; די ערד האָט אַרויסגעגעבען איהרע תבואות, און די בּוימער — זייערע פרוכטען; די אַלטע לייט זענען געזעסען אין די גאַסען און געשמועסט וועגען דער גוטער לאַגע פון לאַנד. די יונגע לייט

האָבען זיך אויסגעפוצט אין קריעגערישע קליידונגען. די שטעדט האָט ער (שמעון) בעזאָרגט מיט שפייז און די פעסטונגען — מיט כלי-זין, און זיין נאָמען האָט זיך געטראָגען איבער אַלע עקען פון דר׳ערד... יעדערער איז זיך געזעסען אונטער זיין ווינשטאָק און אונטער זיין פייגענבוים, פון קיינעם נישט געשטערט... שמעון האָט געהאָלפען אַלע אונגליקליכע פון זיין פאָלק... ער האָט דעם בית המקדש בעפוצט און פערדאָפּעלט זיינע כלים..."

מיט אַזעלכע אידילישע פאַרבען מאָלט „דאָס ערשטע בוך פון די מכבי׳ער" דאָס לעבען אין יהודה פאַר שמעונ׳ס צייטען. דער לעצטער האָט נישט אויפגעהערט צו בעפעסטיגען דאָס לאַנד און זיך איינצושטעלען פאַר דער מינדעסטער פּאָזיציע, און דאַגעגען איז דאָס פאָלק אַליין דורכגעדרונגען געוואָרען מיט זיין נאַטירליכער פרומקייט און פריעדליכקייט, און האָט אָפט נישט אַנערקענט זאָגאַר די נויטיגקייט פון אַזאַ אונאויפהערליכען בעפעסטיגונגס-דראַנג. אַזוי האָט דאָס פאָלק געוואָלט אינגאַנצען פערניכטען די מויערן פון דער עקרא, ווייל איהרע הויכע טורעמס האָבען איבערגעשטיגען דעם באַרג פון בית-המקדש, ווערענד שמעון האָט געזעהען אין זיי אַ גלענצענדען פערטיידיגונג-פּונקט אין פאַל פון אַ מלחמה, און האָט זיי נישט געוואָלט פערניכטען. ער האָט דעריבער אויסגעאַרבייט אַ פשרה-פּלאַן: די שפּיצען מיט די טורעמס זאָלען אַראָבגעטראָגען ווערען, און די מויערן מיט די הויפען און פלעצער זאָלען בלייבען. דאַן האָט מען אויך דעם פערהאַסטען נאָמען פון דער פעסטונג געענדערט, און איהם פערביטען מיט דעם נאָמען, וואָס נחמיה האָט נאָך געהאַט איינגעפיהרט, באַרה (באַרים). אין דעם דאָזיגען איבערגעענדערטען פלאַץ האָבען די יהודה׳אישע סאָלדאַטען געהאַט זייער קוואַרטיר און זייער וואָפען-אַרסענאַל, און דאָ, אַרומגערינגעלט פון זיין איבערגעגעבענעם חיל, האָט שמעון אויך זיין וואוינונג איינגעריכטעט.

גינסטיג פאַר יהודה איז געווען אויך די לאַגע אין סוריען; דאָרט האָט מען זיך ווידער געשלאָגען פאַר דער קרוין, און יהודה האָט דערפון אין צווייען פערדיענט: ערשטענס, איז דערווייל די סורישע מלוכה אַלץ מעהר אָבגעשוואַכט געוואָרען; און צווייטענס, האָט זי יהודה צורוה געלאָזען. אינגאַנצען נייטראַל האָט אָבער שמעון דאָך נישט געקענט בלייבען; דער קאַמפּף אין סוריען האָט זיך איצט געפיהרט צווישען דימיטראָס דעם II-טענס ברודער, אַנטיוכס סידעט, און דעם פריהערדיגען אוזורפּאַטאָר טריפאָן. שמעונ׳ען איז, נאַטיר-

ליך, געגאנגען אין דעם, איינגאנצען צו דערשלאָגען דעם מערדער פון זיין ברודער, און ווען אַנטיוכס האט בעלאגערט טריפאָנ'ען אין דער פיניקישער פעסטונג דור, האט איהם שמעון געשטיצט מיט סאָלדאַטען, מיט געלד און מיט שפּייז-מיטלען. אנטיוכס האט דערפאר בעשטעטיגט די אלע פריוילעגיעס, וואס זיין ברודער האט געשענקט יהודה (240), און האט נאָך דערצו בעפעסטיגט דאס רעכט פון יהודה, אויסצוגיעסען אייגענע מטבעות.

אין יענער צייט האט שמעון נאך איין שריט געמאכט, מיט דעם צוועק, צו פערזיכערן די אינטערנאציאָנאַלע לאגע פון יהודה. שווער איז צו זאגען, וואס עס וואלט סוף כל סוף ווערן פון דער פערהעלטנישמעסיג-קליינער יודישער מלוכה, ווען איהר ערשטער זעלבסטשטענדיגער פיהרער וואלט דעם דאָזיגען שריט ניט מאכען; דאס אָבער איז זיכער, אז אט דער געמאכטער שריט האט דירעקט געפיהרט צו דעם שפּעטערדיגען אונטערגאנג פון יהודה. שמעון האט איינמאל פאר אלע מאל געוואלט איינגאנצען בעפרייען דאס לאנד פון די קליינע סורישע טיראנען און האט בעשלאסען, אנצוטרויען יהודה'ס גורל יענעם פאלק, וואס איז געווען לויט זיין עצם נאטור און א דאנק זיין אונערזעטליכער תאוה איינצונעהמען אנדערע און זיי איינצושלינגען אין זיין אונגעהויערן ארגאניזם, — געגען יעדער נאציאָנאלער פרייהייט; פון די קליינע סורישע טיראנען האט ער דאס לאנד בעפרייט, און עס צוגעטראגען יענעם מעכטיגען טיראן, רוים, וואס האט די איהם אינבערגעגעבענע פעלקער קושענדיג און אומארמענדיג — דערשטיקט. ער האט געשיקט א דעפּוטאציע קיין רוים, אום צו בעניישען דעם אמאליגען אבמאך, און דער רוימישער סענאט האט דעם פארשלאג אנגענומען: יהודה איז איינגעשלאסען געווארען אין דעם בונד פון די מלוכות, וואס די גרויסע רוימישע רעפּובליק האט פעראייניגט ארום זיך, און דער סענאט האט איהר גאראנטירט די אונבערירליכקייט פון איהר טעריטאריום און איהר פּאָליטישע אונאבהענגיגקייט.

די ביטערע פרוכטען פון דעם אבמאך, האבען אנגעהויבען ארויסוואקסען ערשט אין א לאנגער צייט ארום, און דערווייל האט זיך דאס פאלק געפרעהט מיט דעם כבוד און בעשלאסען, אויסצודריקען זיין דאנקבארקייט דעם גרויסען פיהרער אין א פייערליכען אקט. דעם אכטצוואנציגסטען טאג אין אלול (סעפּטעמבער, 140) אויפן 3-טען יאהר פון שמעון'ס הערשען אין ירושלים אלס כהן-גדול, האט זיך דאס

גאנצע פאלק מיט די כהנים, עלטסטע און אלע פארשטעהער, פערזאמעלט ארום בית־המקדש און בעשלאסען, אנצוערקענען שמעון'ען פאר דעם העכסטען פיהרער פון פאלק און איבערצולאזען איהם און זיינע קינדער ביז משיח וועט קומען דעם טיטול כהן גדול, קריגס־פיהרער און פירשט; שמעון זאל, אלס אויסגעצייכענטער פון פאלק, טראגען א פורפור־מאנטעל מיט גאלדענע בעפוצונגען, אלע עפענטליכע דאקומענטען זאלען אין זיין נאמען אויסגעשטעלט ווערן; ער זאל דאס רעכט האבען, צו בעשליסען וועגען קריג און פריעדען און וועגען בעאמטע אין לאנד, און זאל דער איינציגער האבען צו זאגען איבער די וואפען און פעסטונגען, ווי אויך איבער דעם בית־המקדש מיט זיינע הייליגקייטען. דער דאזיגער בעשלוס פון פאלק איז אויסגעקריצט געווארען לזכרון אויף קופערנע טאוולען, און זיי זענען בעהאלטען געווארען אין ארכיוו פון בית־המקדש. צו יענער צייט האט מען אנגעהויבען אויסגיסען אין יהודה אויך איינענע מטבעות. יעדע מטבע האט געטראגען אויף איין זייט דעם אויפשריפט „שקל ישראל" מיט דער אנגעבונג פון איהר ווערט, און אויף דער צווייטער זייט נאך א אויפשריפט: „ירושלים הקדושה"; אויף יעדער מטבע האט זיך געפונען אויך די צאהל פון יאהר, רעכנענדיג דעם אנהויב פון שמעון'ס הערשען אין לאנד, און א עמבלעם אין דער געשטאלט פון א בליהענדען צווייגעל מיט א אונבעשטימטער שעלעל. די אותיות פון די דאזיגע אויפשריפטען זענען געווען אלט־העברעאישע אדער שומרוני'שע, וועלכע זענען בעקאנט געווען צווישען די ארום־וואוינענדע פעלקער.

עטליכע יאהר כסדר האט אין יהודה געהערשט גליק און פריעדען דערנאך איז ווידער פארגעקומען עטוואס אזוינס, וואס האט אזוי ווי אויסגעפרובט די שטארקייט פון פאלק, צי זי איז נאך נישט איינגעשלאפען. אנטיוכס סידעט האט מיט שמעון'ס הילף בעזיעגט טריפאנען און זיך געפיהלט פעסט אויף דעם סירישען טראן; דאן האט איהם אנגעהויבען אויפצופאלען אין די אויגען די גרויסקייט פון דער געוועזענער סירישער וואסאלין, און ער האט זיך גענומען מאהנען ביי יהודה אלטע חובות. ער האט געשיקט צו שמעון'ען זיין קריגספיהרער קענדעבאיאס פון הירקאניען מיט דער טענה, אז ער, שמעון, האט זיך צוגענומען אהן א שום רעכט די סירישע שטעדט יאפא און גזרה און די עקרא פון ירושלים, און דארף זיי צוריק אומקעהרען דער סירישער קרוין אדער בעצאהלען פאר זיי טויזענד טאלאנטען. שמעון האט אויף דעם

געענטפערט, אז די דאָזיגע ערטער האָבען שוין אַמאָל אָנגעהערט צו יהודה און ער האָט זיי בלויז צוריק אָבגענומען, נאָר, אום אויסצומיידען ווייטערדיגע סכסוכים, איז ער גרייט צו געבען הונדערט טאַלאַנטען. דאַן האָט אַנטיוכס בעשלאָסען זיך צו נעהמען פאַר'ן געוועהר, און האָט אַריינגעשיקט דעם זעלביגען קענדעבאַיאָס קיין יהודה מיט אַ גרויסער מחנה פוס־געהער און רייטער. שמעון, ווידער, פון זיין זייט, האָט זיך אויך צוגעגרייט צו אַ האַרטנעקיגען קאַמפף, און אַזוי ווי ער אַליין איז שוין זעהר אַלט געווען, האָט ער בעשטימט פאַר קריגספיהרער זיינע ביידע זיהן יוחנן און יהודה. דער שונא האָט זיך שוין געהאַט אַריינגעריסען טיעפער אין לאַנד און געפייניגט און געטוידט די איינגעזעסענע איינוואוינער; איהם איז אָבער נישט לאַנג בעשערט געווען אַזוי צו ווילדעווען: ביי דער שטאָדט עקרון האָבען איהם די יודישע קריגספיהרער געטראָפען, און דאָרט האָבען זיי איהם מיט זיין מחנה אינגאַנצען צושלאָגען; די אַנטלאָפענע האָט יוחנן נאָכגעיאָגט ביז דער שטאָדט אשדוד און האָט זיך מיט נצחון אומגעקעהרט קיין ירושלים. דאָס איז געווען דער לעצטער קריגס־אַקט פאַר שמעון'ס לעבען, און די גלענצענדע פאָלגען זיינע האָבען דעם אַלטען פיהרער איבערצייגט, אַז ער מעג זיך פערלאָזען אויף זיינע זיהן: — זיי וועלען וויסען צו שיצען די מאַכט פון יהודה.

ווידער האָט דאָס פאָלק פריי אָבגעאָטעמט, און צוזאַמען מיט איהם האָט געהאָפט רוהיג צו פערברענגען דעם לעצטען טייל פון זיין קריגערישען לעבען אויך דער אַלטער פיהרער; איהם איז אָבער בעשטימט געווען אויך צו שטאַרבען נישט נאַטירליך, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט אַלע זיינע פיער ברידער. ער האָט געהאַט אַ איידים מיט'ן נאָמען פטאָלאָמעאוס בן האַבוב, וועלכען ער האָט בעשטימט פאַר אַ פיהרער פון דעם יריחו־ראַיאָן. דאָס איז אָבער דעם עהרגייציגען פטאָלאָמעאוס ווייניג געווען — איהם האָט זיך געוואָלט אָב'ירשה'נען די גאַנצע אויבערשטע ממשלה איבער יהודה, זיך שטיצענדיג אויף זיינע סאָלדאַטען און אויף דער הילף פון אַנטיוכס סידעט. צו דעם דאָזיגען פערברעכערישען צוועק האָט ער זיך בענוצט מיט דעם מערדערישענדליכען מיטעל, וואָס פלעגט זיך דאַן געוועהנליך פראַקטיצירען אין די אַזיאַטישע הויפען; אַרומפאָהרענדיג בעזעהען דאָס לאַנד, אום זיך נעהנטער צו בעקענען מיט דעם לעבען און די בעדערפענישען פון פאָלק, האָט זיך דער גרייז־גרויער שמעון אָבגעשטעלט אין דער פעסטונג דגון,

נישט ווייט פון ירחו, וואו זיין איידים האָט זיך געפונען (שבט 135). בעגלייט האָבען איהם אין וועג זיין פרוי און זיינע צוויי יונגערע זיהן יהודה און מתתיהו, און ווען די הויכגעשטעלטע געסט האָבען זיך אונטערגעהאַלטען אויף דעם גרויסאַרטיגען מאָלצייט, וואָס דער איידים האָט לכבוד זיי איינגעאָרדענט, און זיך גאַנץ גוט געפיהלט אין דעם נאָהנטען פאַמיליען=קרייז, זענען שמעון מיט זיינע צוויי זיהן בעפאַלען און געטוידט געוואָרען פון פטאָלאָמעאוס'ן מיט זיין רויבערישער משרתים=באַנדע. דער מערדער האָט גלייך אַרויסגעשיקט שלוחים צו דעם סירי'שען קעניג, יענער זאָל איהם שטיצען מיט סאָלדאַטען; דאַן אויך שלוחים קיין גזרה, וואו יוחנן האָט זיך אויפגעהאַלטען, אום אויך דאָס לעצטע צווייגעל פון דעם פרעכטיגען חשמונאים=בוים אָבצוהאַקען; און ענדליך אויך קיין ירושלים — אום איינצונעהמען פאַר זיך די שטאָדט מיט'ן בית המקדש. זיין מערדערישער פּלאַן האָט זיך איהם אָבער נישט אינגאַנצען איינגעגעבען: — איינער פון פעסטונגס=סאָלדאַטען איז גלייך געלאָפען קיין גזרה, וואו ער האָט געבראַכט די בשורה פון דער שענדליכער רציחה, אַזוי, אַז די געדונגענע מערדער זענען גלייך ביי זייער אָנקומען אין שטאָדט געכאַפּט און בעשטראָפט געוואָרען; יוחנן האָט בעוויזען אָנצוקומען פריהער פון פטאָלאָמעאוס'עס שלוחים אויך קיין ירושלים, וואו דאָס גאַנצע פאָלק האָט איהם מיט בעגייסטערונג אויפגענומען, און ווען דער רוצח בן=האַבוב איז צוגעקומען מיט מיליטער צו די טויערן פון שטאָדט, האָט מען איהם שוין פערשפאַרט דעם וועג, און ער איז געצוואונגען געוועזען זיך אומצוקעהרען צוריק אין זיין פעסטונג דגון, לאָזענדיג ביי זיך אַלס געפאַנגענע זיין שוויגער — יוחנן'ס מוטער.

דער לעצטער האָט איהם אָבער נישט געלאָזען אַזוי רוהיג זיצען, און זיין ערשטע אַרבייט, איבערנעהמענדיג די רעגירונג איבער'ן פאָלק, איז געוועזען צו פערפאָלגען דעם שענדליכען רוצח פון זיין פאָטער און זיינע ברידער. ער האָט זיך געשטעלט אָן דער שפּיץ פון אַ פעסטער אַרמעע, און איז אַוועק בעלאַגערן פטאָלאָמעאוס'ן מיט זיין פעסטונג; דאָ אָבער האָט זיך אָבגעשפּיעלט די שרעקליכסטע טראַגעדיע, פון וועלכער די מענשליכע ווירקליכקייט ווייסט צו דערצעהלען, און וועלכע האָט אינגאַנצען פאַראַליזירט זיין בעלאַגערונגס=טעטיגקייט: ביי יעדען נעהנטערן צוטריט צו דער פעסטונג פון יוחנן'ס אַרמעע, האָט דער מערדער אַרויסגעפיהרט דער געפאַנגענער מוטער אויפ'ן שפּיץ טורעם און געדראָהעט, זי אַראָבצוּוואַרפען;

לאנג איז דער געפייניגטער זוהן ביי דער פעסטונג געשטאנען און
האט נישט געוואגט נעהנטער צוצוגעהן, חאטש די אלטע חשמונאים=
מוטער האט, ווי די לעגענדע דערצעהלט, איהם אויפגעמונטערט
און געשריען צו איהם, ער זאל זיך נישט רעכנען מיט איהרע ליי=
דען, און בעכ׳יר דעם מערדער פון איהר מאן און קינדער בעשטרא=
פען ; און ענדליך האט ער די בעלאגערונג אויפגעגעבען. דאס
האט אבער נישט געשטערט פון דעסטוועגען דעם מערדער צו
טוידטען דער אלטער מוטער, און אליין איז ער אנטלאפען קיין
פילאדעלפיע, די אמאליגע הויפט=שטאדט פון עמון (רבת=עמון), וואו
ער איז שפורלאז פערשוואונדען געווארען. די ביינער פון דעם אלטען
פיהרער זענען דאן איבערגעפיהרט געווארען אין זיין געבורטס=שטאדט
מודעין, וואו דאס פאלק האט זיי בעגראבען אין דער פאמיליען=
מערה פון די חשמונאים. איבער דער דאזיגער מערה האט שמעון
נאך פאר זיין לעבען געלאזען אויפשטעלען א הויכען טורעם, פון
ווייסען, פאלירטען מארמאר=שטיין, וואס האט זיך געזעהען וויים אי=
בערן וואסער און געדיענט אלס ליכט=זייל פאר די ים=רייזענדע.

דער נייער פיהרער און כהן גדול, יוחנן הורקנוס, איז צוריקגע=
קומען קיין ירושלים, און דא האט איהם ווידער ערווארטעט זעהר
א שווערער צוזאמענשטויס. נאך דער מפלה פון זיין קריעגס=פיהרער,
האט זיך אנטיוכס אליין געשטעלט בראש פון א גרויסער ארמעע, מיט
וועלכער ער האט זיך געלאזען מארשירען צו דער הויפט=שטאדט,
איבערלאזענדיג נאך זיך אין יהודה אויף זיין גאנצען וועג — טויט
און פערוויסטונג. יוחנן, וועלכער האט זיך אונערווארטעט דערוואוסט
פון דעם אנפאל בעת דער בעלאגערונג פון דגון, האט זיך געפיהלט
צו שוואך, אום ארויסצוטרעטען אנטיוכס׳ן אנטקעגען, און בעשלאסען,
צו בלייבען אין דער גוט=בעפעסטיגטער הויפט=שטאדט. דאן האט אנ=
טיוכס ארומגענומען די שטאדט פון אלע זייטען, און זי אבגעשניטען
פון דער גאנצער וועלט. אפט האבען זיך קליינע גרופעס פון די בע=
לאגערטע ארויסגעריסען פון שטאדט און פעראורזאכט בעדייטענדע
חורבונות אין דער בעלאגערונגס=ארמעע, וועלכע האט, אויסער דעם,
געליטען אויך פון וואסער=מאנגעל. די בעלאגערטע, ווידער, האבען
אנגעהויבען שפירען מאנגעל אין שפייז=מיטלען, און אזוי ווי דער דא=
זיגער צושטאנד האט צוגענומען א גאנצען זומער, און די סורער האָ=
בען נישט געזעהען פאר זיך קיין מעגליכקייט, איינצונעהמען די שטאדט

מִיט'ן שטורם, זֶענֶען בֵּיידֶע זֵייטֶען גֶענֵויגט גֶעוֶועזֶען אִיבֶּערצוּרֵייסֶען דִי
קְרִיעג, און אַ קוּרצֶע צֵייט פַאר דֶעם יום=טוב סוכות הָאט הורקנוס
גֶעשִׁיקט בֶּעטֶען וֶועגֶען אַ וואָפֶענשטִילשטַאנד אִיבֶּער דִי טֶעג פון יום=
טוב. אַנטיוכס הָאט נִישט בְּלויז עֶרפִילט דֶעם דָאזִיגֶען פֶערלַאנג, נָאר
אויך אַרַיינגֶעשִׁיקט, צו אַלֶעמֶענס אִיבֶּערראַשונג, פֶערשִׁידֶענֶע רַייכֶע
מתנות פַאר דֶעם יום=טוב'דִיגֶער עבודה אִין בֵּית=המקדש. דָאס הָאט
גֶעבְּראַכט דֶערצו, עֶס זָאלֶען אָנגֶעהויבֶּען גֶעפִיהרט ווערען אונטערהַאנד=
לונגֶען וֶועגֶען אַ שלום. אַנטיוכס הָאט גֶעפָאדֶערט, אַז דִי יהוד'עֶער
זָאלֶען אִיהם אָבּגֶעבֶּען דָאס גֶעוועֶהר; צָאהלֶען אַ גֶעוִויסֶען מס פַאר דִי
פֶעסטוּנגֶען יפו, גזרה און בצר און עֶנדלִיך, לָאזֶען אַרַיינפִיהרֶען אַ
סוּרִישֶׁען גַארנִיזָאן אִין ירושלים. זֶעהֶענדִיג זִיך גֶעצְוואוּנגֶען, הָאט
יוחנן דִי עֶרשטֶע פונקטֶען אָנגֶענומֶען; פון דֶעם לֶעצטֶען אָבֶּער הָאט
עֶר זִיך עֶנטשלָאסֶען אָבּגֶעזָאגט, און עֶנדלִיך אִיז גֶעבְּלִיבֶּען, עֶר זָאל
אויסצָאהלֶען אַנטיוכס'ן דֶערפַאר פִינף הונדערט טַאלַאנטֶען און אִיהם
גֶעבֶּען אַ גֶעוִויסֶע צָאהל גֶעפַאנגֶענֶע; דֶערצו הָאט אַנטיוכס צושטערט
אויך דִי אויבֶּערשטֶע טֵיילֶען פון דִי שטָאדט=מויֶערן. אַזוֹי זֶענֶען דִי
פִינסטֶערֶע וואָלקֶענס, וואָס הָאבֶּען אַ שרעֶק אָנגֶעוואָרפֶען אויף יהודה,
אַרִיבֶּער אָהן אַ בֶּעדַייטֶענדֶען שָׁאדֶען פַאר'ן לַאנד.

דִי מפלה פון יהודה אִין דֶעם קַאמפּף גֶעגֶען אַנטיוכס'ן הָאט בַּיי
אִיהר פִיהרֶער דֶעם מוט נִישט אָבּגֶענומֶען. עֶר הָאט זִיך גְלַייך גֶענוּ=
מֶען צוּרִיק בֶּעפֶעסטִיגֶען דִי אָבּגֶעשוואַכטֶע קרעֶפטֶען, און צוזַאמֶען דֶער=
מִיט אויך אויסגֶעפּרוּבּט דֶעם טראַדִיציָאנֶעלֶען מִיטֶעל, מִיט וועֶלכֶען עֶס
הָאבֶּען זִיך בֶּענוּצט אַלֶע חשמונאי'שֶׁע פִיהרֶער אֵיינֶער נָאכ'ן אַנדערן:
עֶר הָאט אַוועֶקגֶעשִׁיקט אַ דֶעפּוּטַאציֶע קֵיין רוים, אום צו בֶּענַייֶען
דֶעם אַלטֶען אָבּמַאך. דִי דֶעפּוּטַאציֶע אִיז פרַיינדלִיך אויפגֶענומֶען גֶע=
וואָרֶען און דֶער סֶענַאט הָאט שרִיפטלִיך בֶּעשטֶעטִיגט, אַז אַנטיוכס מוז
צוּרִיק אומקֶעהרֶען יהודה דִי אַלֶע פְלֶעצֶער, וואָס עֶר הָאט אַיינגֶענוּ=
מֶען און הָאט קֵיין שום אויבֶּערשטֶע רֶעכט נִישט אִיבֶּער יהודה און
אִיהרֶע אַיינוואוינֶער (332). אַנטיוכס, ווִידֶער, הָאט דֶערווַייל אונ=
טֶערגֶענוּמֶען אַ נַייֶעם קְרִיעגס=צוג גֶעגֶען דִי פַּארטהַאנֶער, וועֶלכֶע הָא=
בֶּען אויך אָנגֶעהֶערט פִיהֶער צו דֶער סִירִישֶׁער קרוין און וועֶלכֶע הָא=
בֶּען זַייט צֶעהן יָאהר גֶעפַאנגֶען גֶעהַאלטֶען זַיין בְּרוּדֶער דִימִיטריָאס, און
דָא הָאט זִיך דָאס גְלִיק פון אִיהם אָבּגֶעקֶעהרט: זַיין אַרמֶעע אִיז צו=
שלָאגֶען גֶעוואָרֶען און עֶר אַלֵיין הָאט זִיך פון אַ פֶעלזֶען אַראָבּגֶעוואָר=

פען, אום אויך נישט געפאנגען צו ווערן. אויף דעם סורישען טראָן איז דאן ווידער ארויף דימיטראָס (פון 128 ביז 125), וועלכען די פארטהאנער האָבען בעפרייט; ער איז אָבער פערהאסט געווען ביים פאָלק און נאָכדעם, ווי ער איז צושלאָגען געוואָרען פון דעם נייעם פרעטענדענט אלעקסאנדער צעבינא, האָט ער געמוזט אנטלויפען. דערמיט האָבען זיך נאָך די אונרוהען אין סוריען נישט געענדיגט: דאָרט האָט מען זיך נאָך א לאנגע צייט געריסען און געשלאָגען איבער'ן טראָן און געענדיגט האָבען זיך די דאָזיגע ארומרייסענישען צוזאמען מיט דער ענדע פון דער גאנצער סעלייקידישער דינאסטיע.

די דאָזיגע שוואכקייט פון סוריען האָט דעם פיהרער פון יהודה געגעבען די מעגליכקייט אינגאנצען צו איגנאָרירען דעם אָבמאך, וואָס ער האָט געשלאָסען מיט אנטיוכס'ן, און צוריקצושטעלען די פאָלשטענדיגע אונאָבהענגיגקייט פון זיין לאנד. ער האָט זיך אָבער דערמיט אליין נישט בענוגענט; איהם האָט זיך געוואָלט פערברייטערן די גרענעצען פון לאנד און צוברענגען יהודה צוריק צו דעם אומפאנג, וועלכען זי האָט פערנומען אין די גליקליכע צייטען פון די אמאָליגע מלכים. צו דעם צוועק האָט ער פאר אלעמען געזוכט צו פעראייניגען אלע אָבגעריסענע טיילען פון דעם יודישען פאָלק און צו פערשטארקען זייער בעציהונג צום צענטר, צו ירושלים. די כנסת הגדולה האָט דאן ווידער (224) אוועקגעשיקט א בריעף צו די יודישע קהלות אין מצרים און צו זייער אנגעזעהענסטען, יהודה אריסטאָבול, דעם קעניג'ס לעהרער, אין וועלכען זי האָט זיי אויפגעפאָדערט מיטצופייערן דעם טאָג פון דער בענייאונג פון בית המקדש.

א שטערונג אויף דעם וועג פון דער פאָלשטענדיגער פאָליטישער און רעליגיעזער צונויפשמעלצונג פון אלע טיילען פון פאָלק האָבען פאָרגעשטעלט מיט זיך אויך די שומרונים. די דאָזיגע בעפעלקערונג, וואָס האָט פון אייביג-אָן זיך בעצויגען מיט אזא טיעפער שנאה צו יהודה, האָט פערנומען דעם סאמע צענטר פון פאַלעסטינא, און אויסער דעם, וואָס זי האָט געאָגראפיש געשטערט דעם דירעקטען פערקעהר צווישען יהודה און גליל, האָט זי בכלל גערייצט דעם רעליגיעזען געפיהל פון די יהודה'ער מיט איהר הויכען טעמפעל אויף דעם בארג גריזים, ביי דער שטאָדט סיחון. יוחנן הורקנוס האָט דעריבער בעשלאָסען, איינצונעהמען דעם דאָזיגען צענטר פון לאנד און אונטערטעניג צו מאכען אויך די צוויי אנדערע שכנ'ישע

פיינדליכע שבטים, פון וועלכע יהודה איז אמאל פיעל אויסגעשטא=
נען: די אדומ׳ער פון דרום זייט, און די גריכען פון מזרח זייט.
אום איינצושליעסען אזעלכע דריי טעריטאריומס אין די גרענעצען פון
יהודה האט זיך אבער געפאדערט א געוואלטיגע מיליטערישע מאכט,
און יוחנן האט זיך געזעהן געצוואונגען, איינצופיהרען ביי זיך א רע=
גולערע שטארקע ארמעע פון געדונגענע סאלדאטען. די געלד=מיטלען
אויף דעם האט יוחנן, ווי ס׳האט זיך דערצעהלט אין פאלק, גענו=
מען פון דעם אוצר, וואס ער האט געפונען אין דוד המלך׳ס קבר. —

דער ערשטער שריט אויף דעם וועג פון דער נייער ריכטונג
אין דער פאליטיק פון יהודה, — די ריכטונג פון אנפאלען און
איינגעהמען, אנשטאט דער ביזהעריגער פערטיידיגונגס=
פאליטיק — איז געווען געווענדט קיין מזרח, אויף יענער זייט ירדן.
דא האט ער בעלאגערט די אמאליגע מואב=שטאדט מעדאבא און
זי בעזיעגט. פון דארטין לאזט ער זיך אוועק צו דער הויפטשטאדט
פון שומרון, סיחון, און נעהמט זי איין צוזאמען מיט׳ן בארג גרי=
זים, וואו ער צושמעטערט דעם שומרונ׳ישען טעמפעל, וועלכער איז
שטענדיג געווען, ווי א דארן אין די יודישע אויגען. דער צושטע=
רונגס=טאג פון דעם טעמפעל („יום גריזים“) איז פון דאן אן יאהר
יעהרליך געפייערט געווארען אין יהודה מיט פאסטען און טרויערן,
און צוזאמען מיט דעם דאזיגען נצחון פון יהודה איז דער גלאנץ פון
שומרון שוין אויף אייביג פערשוואונדען געווארען. ווי דורך א וואונ=
דער האט זיך א קליינע צאהל מיטגליעדער פון דעם דאזיגען מערק=
ווירדיגען שבט דערהאלטען ביז צו דער איצטיגער צייט; דאס איז
אבער נישט מעהר, ווי א עלענדער שאטען, וואס האלט זיך קוים
ביי זיינע רעליגיעזע טראדיציעס, און „וואקעלט זיך צווישען יודענטום
און היידענטום (געצענדיענסט)“. *)

א שווערערן קאמפף האט יוחנן געהאט צו פיהרען מיט די אדומ׳=
ער. דאס איז א קליין פערביסען פאלק געווען, וואס האט נאך פון די
אלטסטע צייטען געטראגען אין הארצען א שנאה צו יהודה, און האט
נישט דורכגעלאזען קיין איינציגע געלעגענהייט איהר שלעכטס צו טאן.
אין א מלחמה=פאל האט די שכנות פון דעם דאזיגען אונאבהענגיגען

*) דובנאוו.

פאָלק, וואָס האָט זיך אַריינגעשניטען אין דעם דרום-טייל פון לאַנד, פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ גרויס געפאַהר, ווייל די פערביסענע אדומ׳ער האָבען גערן דורכגעלאָזען דעם שונא׳ס אַרמעע דורך זייער לאַנד און אַזויערנאָך געעפענט פאַר איהם דעם קירצסטען וועג צו דער יהודה׳שער הויפּטשטאָדט. הורקנוס האָט דעריבער גענומען אויף זיך די מיסיע, זיי אונשעדליך צו מאַכען, און האָט בעלאַגערט זייערע צוויי פעסטונגסשטעדט אַדאָראַ און מאַריסאַ, נישט וויַט פון חברון. די בעלאַגערטע אדומ׳ער האָבען זיך געמוזט אונטערגעבען, און ווען דער פיהרער פון יהודה האָט זיי פאָרגעלעגט, אָדער זיך מגייר צו זיין, אָדער אויסצעוואַנדערן פון לאַנד, האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט אויף דאָס ערשטע. דער גרעסטער טייל פון זיי האָט זיך געלאָזען מל׳ן, זייערע געצענטעמפּלען האָט מען צושטערט און זיי האָבען זיך אויסערליך גערעכענט פון דאַן אָן פאַר יודען — יעקב מיט עשו׳ן האָבען זיך פעראייניגט, און דער עלטערער ברודער האָט גערינט דעם יונגערען! דאָס איז אַ גלענצענדער נצחון געווען, און כמעט דער ערשטער פאַקט אין דער יודישער געשיכטע פון אַסימילירען אין זיך אַ גאַנצען פאָלק און צווינגען איהם, אָנצונעהמען דעם יודישען גלויבען; באַלד אָבער האָט זיך דער איינגעשלונגענער קערפּער שטאַרק אָנגעהויבען צו פיהלען אין דעם יודישען אָרגאַניזם, און — מיט טיעפע, שמערצליכע וועהטאָגען. אונגליק און בלוטפערגיעסונג האָבען די דאָזיגע פערווידישטע אדום׳ס קינדער מיט זיך אין יהודה מיטגעבראַכט, און ווען יודען וואָלטען דאַן האָבען צווישען זיך אַ וויַט-וויַטזיכטיגען נביא, וואָלט ער געגאַנגען איבער די פרעהליכע גאַסען פון ירושלים און פאַר דעם בעלויכטענעם חשמונאי׳שען פּאַלאַץ און וואָלט מיט אַ צעוועהטאָגט האַרץ געשריען צו די פערשכור׳טע „זיעגער“: עס וועט קומען אַ טאָג, און דער טראָן פון די חשמונאים וועט צושמעטערט ווערן, און בלוט וועט פליעסען טייכען-וויַיז אין די גאַסען פון יהודה, און יודען וועלן פערטריבען ווערן אין אַלע עקען פון דער וועלט — דורך די הענד פון אדומ׳ער און רוימ׳ער!...

דער נצחון איבער די אדומ׳ער האָט באַלד אַרויסגערופען אַ נייע קריעג מיט דער שטאָדט סאַמאַריאַ, וואָס איז געווען בעוואוינט פון מאַקעדאָניער און סוריער. הורקנוס האָט בעזעצט אַ גרופּע אדומ׳ער נאָהנט פון דער שטאָדט, און זיי זענען אַלע מאָל בעפאַלען געוואָרען פון זייערע שטאָדטישע שכנים; ער האָט דאַן אַרויסגעשיקט אַהין אַ

מחנה סאָלדאַטען, אונטער דער אָנפיהרונג פון זיינע צוויי זוהן אַריסטאָבול און אַנטיגאָן, וועלכע האָבען די שטאָדט בעלאַגערט; און ווען דער סורישער קעניג, אַנטיוכוס IX קיזיקען, איז איהר געקומען צו הילף, איז ער פון אַריסטאָבולוס'ן בעזיעגט געוואָרען און האָט געמוזט אַנטלויפען קיין בית־שאן. דאַן האָט ער זיך געווענדעט צו דעם עגיפּטישען קעניג, און בעקומענדיג פון איהם טויזענד מאַן, — זיך נאָכאַמאָל אַריינגעריסען אין יהודה און חרוב געמאַכט עטליכע שטעדט און דערפער; די יהודה'עאישער פּרינצען האָבען זיך אָבער איצט אויך פאַר איהם נישט דערשראָקען און נישט אָבטרעטענדיג פון סאַמאַריאַ, האָבען זיי איהם געצוואונגען אָבצוטרעטען. דער דאָזיגער נצחון האָט אויפ'ן פאָלק אַ געוואַלטיגען איינדריק געמאַכט, און די לעגענדע דערצעהלט, אַז אין דעם אויגענבליק, ווען די שלאַכט האָט זיך אַזוי גליקליך געענדיגט, האָט דער אַלטער כהן גדול, יוחנן הורקנוס, מקריב געוועזען אַ קרבן אין בית המקדש, און אַ בת־קול פון הימעל האָט זיך דערטראָגען צו זיינע אויערן: „דיינע יונגע פּרינצען האָבען בעזיעגט אַנטיוכוס'ן!"

דער לעצטער האָט אָבער דעם קאַמפף נישט אויפגעגעבען און אַריינגעשיקט קיין יהודה צוויי קריגס־פיהרער, קאַלימאַנדאָס און עפּיקראַטאָס, מיט אַ נייער מחנה סאָלדאַטען; זיי האָבען אָבער אויך נישט בעסער געמאַכט. דער ערשטער איז אינגאַנצען צושלאָגען געוואָרען, און דער צווייטער האָט פערראַטען דעם סורישען קעניג און פאַר געלד איבערגעגעבען אין'ם רשות פון יהודה די שטאָדט בית־שאָן און נאָך אַנדערע פלעצער פון'ם עמק יזרעאל ביז צו די כרמל־בערג, וועלכע האָבען אָנגעהערט ביז אַהער צו די גריכען. דערנאָך האָט זיך אויך די שטאָדט סאַמאַריאַ אונטערגעגעבען, און הורקנוס האָט זי געלאָזען ביז צו דעם לעצטען שטיין פערוויסטען, און מיט וואַסער־גראָבענס און קאַנאַלען דורכציהען, אום עס זאָל קיין שפור נישט בלייבען פון דער אַמאָליגער בליהענדער שטאָדט. דאָס איז פאָרגעקומען דעם פינפאונצוואַנציגסטען טאָג אין חודש חשון (109), און ער איז אַריינגענומען געוואָרען אין דער רייהע פון די נאַציאָנאַלע געדענק־טעג, צוזאַמען מיט די טעג 15 און 16 אין חודש סיון, — די טעג ווען יודען האָבען צוריק בעזעצט די שטאָדט בית־שאן און די אַנדערע פלעצער.

אַזוי האָט יוחנן הורקנוס פערווירקליכט די גרויסע פלענער פון די חשמונאים. די זעלבסטשטענדיגקייט פון יהודה איז געווען פעסט געזיכערט,

איהרע שונאים—די סירער, אדומ'ער, שומרונים, — זענען אממעהר-סטענטייל בעזיעגט געווען; דאס לאנד האט זיך פריי ענטוויקעלט און פאר דעם יודישען פאלק האבען זיך צוריק אומגעקעהרט די טעג פון דוד און שלמה; אלע טיילען פון דעם יודישען פאלק האבען זיך פעראייניגט: עס איז געווארען איין גוף — יהודה, און איין נשמה — דער בית-המקדש.

ווי זיין פאטער, האט אויך יוחנן געלאזען אויסגיסען יהודה'שע מטבעות, און ווי יענער, איז ער אויך געבליבען ביי דעם טיטול כהן-גדול און פירשט. צווישען די מטבעות, וואס זענען געגאסען געווארען אין זיין צייט, געפינען זיך אנדערע מיט דעם אויפשריפט:

„יהוחנן (הכהן) הגדול וחבר היהודים" (יוחנן דער כהן גדול און די יהוד'ער-געזעלשאפט), וואס טראגט אויף זיך מעהר א פריי'ען, רעפובליקאנישען שטעמפעל: די מטבעות ווערען אויסגעגאסען נישט בלויז אין זיין נאמען נאר אויך אינ'ם נאמען פון פאלק; דאגעגען אבער טראגען אויף זיך א טייל פון זיינע מטבעות אנ'אנדער אויפשריפט:

יהוחנן הכהן הגדול ראש חבר היהודים (יוחנן דער כהן גדול און דער עלטסטער פון דער יהוד'ער-געזעלשאפט).

דריטעס קאפיטעל.

דאס אינערליכע לעבען און דער פארטייען-קאמפף.

(142)—106

די שטורמישע מלחמות מיט די ארומיגע פעלקער, וואס יהודה
האט נישט אויפגעהערט צו פיהרען אין דעם משך פון איבער א האל-
בען יאהר-הונדערט, האבען געהאט א געוויסע ווירקונג אויך אויף דעם
אינערליכען לעבען פון פאלק. די נצחונות מיט די מפלות, די פריינד-
ליכע און פיינדליכע בעריהרונגען מיט פערשידענע פעלקער און דער
איבערגאנג פונ'ם ארימען דערשלאגענעם לעבען צו א לעבען פון רייכ-
טום און פרייהייט, — האבען פונאנדערגעטריסעלט אלע לעבענס-בע-
גריפען פון פאלק און אויפגעוועקט אין איהם אלע זיינע גייסטיגע
קרעפטען. צוזאמען מיט דער ענטוויקלונג און פערטיעפונג פון דאס
אייגענע, פון דאס פאלקסטימליכע, האבען זיך אריינגעריסען אין דער
יודישער גאס אויך פרעמדע זיטען און לעבענס-פארמען; יודען האבען
איבערגענומען פון זייערע שכנים די קריעגס-קונסט, און די פאלאצען
אין ירושלים האבען אנגעהויבען געבויט צו ווערען לויט די געזעצען
פון דער גריכישער ארכיטעקטור און אינ'ם גריכישען סטיל. אויב די
ברייטערע מאסען פון פאלק האבען אליין, מיט זייער אייגענעם אינס-
טינקט פערשטאנען, ארויסצושטופען ביסליכווייז דעם ארמעאישען דיא-
לעקט פון דער יודישער גאס און אריינצוברענגען אנשטאט איהם דעם
העברעאישען; אויב דאס פאלק פלעגט אין דער שפראך זינגען זיינע
לידער, פיהרען זיינע געשעפטען און זאגאר אויך לייענען זיינע מלוכה-

אַקטען , — האָבען זיינע פיהרער און בכלל יענע אַלע , וועלכע זענען געשטאַנען בראש פון דעם מלוכה־לעבען זיך בענוצט מיט דער גריכישער שפּראַך , און פיעל פון זיי האָבען זיך אפילו אָנגעהויבען מיט גריכישע נעמען צו רופען . די דאָזיגע מלוכה־מענשען און אַריסטאָקראַטען האָבען אין אַלגעמיין געשטרעבט נאָר צו פערגרעסערן די פּאָליטישע מאַכט פון יהודה און אויסצושפּרייטען איהרע גרענעצען ; זיי האָבען געזעהען אין יהודה אַ פּאָליטישען שטאַאַט , גלייך מיט די וועלטליכע מלוכות פון די אַרומיגע אַנדערע פעלקער , — אַ שטאַאַט מיט אַ קעניג , וואָס דאַרף פיהרען מלחמות , פערגרעסערן אַלע מאָל דאָס לאַנד מיט די טעריטאָריום פון אַנדערע פעלקער און שטעהן שטענדיג אויף דער וואַך פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען פּאָליטישען לעבען.

אַזאַ מין בליק איז אָבער געווען געגען די אייביגע טראַדיציעס פון דער יודישער נבואה , וועלכע האָבען זיך נאָך דערהאַלטען ביי די פרומע קלאַסען פון פאָלק . אין די דאָזיגע קרייזען האָט געהערשט די זיכערע איבערצייגונג , אַז נישט דאָס איז די מיסיע פון דעם יודישען פאָלק , צו לעבען אַזוי ווי אַלע אַנדערע פעלקער און צו זיין גלייך מיט זיי ; די יודישע געזעלשאַפט האָט , לויט דער מיינונג , געדאַרפט פערנעהמען אַ גאַנץ בעזונדער פּלאַץ צווישען דער רייהע פון די אַנדערע פעלקער , און זיך איינגאַנצען שטיצען נישט אויף קיין פּאָליטיק און נישט אויף קיין מלחמה־גבורות , נאָר אויף די יסודות פון דער תורה , פון דעם רעליגיעזען מאָראַל , פון „גאָט'ס וואָרט” . יודען דאַרפען זעלבסטשטענדיג זיין , אום זיי זאָלען קענען לעבען לויט זייערע אייגענע געזעצען און היטען זייערע נאַציאָנאַלע אייגענטימליכקייטען ; קוים אָבער האָבען זיי דאָס ערגרייכט , דאַרפען זיי שוין מעהר קיין מלחמות נישט פיהרען , דאַרפען זיי שוין קיין אויסערליכע פּאָליטיק נישט טרייבען , נאָר היטען און אויפהויבען ביז צו דער העכסטער מדרגה די אייגענטימליך־יודישע סאָציאַלע אָרדנונג , וועלכע איז פון גאָט אַליין ספּעציעל בעשטימט געוואָרען פאַר זיין „אויסדערוועהלטען פאָלק” .

און אָט , אויף דעם באָדען פון דער מיינונגס־פערשידענהייט האָבען זיך אויסגעבילדעט דריי פּאַרטייען : די א י ס י י ם , די פ ר ו ש י ם און די צ ד ו ק י ם . די ערשטע האָבען זיך אויסגעטיילט פון די חסידים (חסידים הראשונים) , וועלכע האָבען זיך צוריקגעצויגען פונ'ם גאַנצען טומעל , פון די אַלע מלחמה געשרייען און בכלל פון דעם גאַנצען וואָכענדיגען לעבענס־געוויש , אום זיך איבערצוגעבען אינגאַנצען די העכע־

רע אינטערעסען פון גייסט און צו לעבען „מיט גאָט”. די מיטגליעדער
פון דער דאָזיגער סעקטע, וועלכע איז בכלל געשטאַנען העכער פון יע-
דער געזעלשאַפטס-פאָרם און פון יעדען סאָרט בירגערליכען צוזאַמענ-
לעבען, האָבען זיך איינגעאָרדענט אַ גאַנץ בעזונדערן ישוב אין די בערג
און אין די מדבריות, וואו זיי האָבען געלעבט אַלס ברודער-געמיינדע
לויט בעזונדערע געזעצען.

נישט אַלע פרומע האָבען אָבער געפונען פאַר ריכטיג צו געהן
מיט דעם וועג פון אָבזונדערן זיך און אַנטלויפען פון לעבען. די מעהר-
הייט פון דער פרומער יודישער אינטעליגענץ האָט גאַנץ אַנדערש פער-
שטאַנען דעם בעגריף פון דער יודישער תורה. די תורה הייסט יעדען
יודען לעבען מיט גאָט; דאָס הייסט אָבער נאָך נישט, אַז ער דאַרף
אַנטלויפען פון לעבען. בלייבען אין פאָלק, שאַפען, אַרבייטען, בויען,
אויסניצען אַלע געביטען פון לעבען און אויסבילדען אַזאַ געזעלשאַפט,
וואָס זאָל זיך שטיצען אינגאַנצען אויף דער תורה און פערקערפערן מיט
זיך גאָט'ס ווילען, — דאָס איז דער זין פון די אייביגע יודישע נבואה-
אידעאַלען. און ווייל די עקסיסטענץ פון אַזאַ מין געזעלשאַפט איז נאָר
דאַן זיכער, ווען דאָס לאַנד געפינט זיך נישט אונטער דעם יאָך פון אַ
פרעמדער, געצענדיענערישער אמונה, — דאַרף מען היטען די אונאָב-
הענגיגקייט פון יהודה און זי פערטיידיגען מיט אַלע געזעצליכע מיטלען
דאָס איז געווען דער געדאַנקען-גאַנג פון דער צווייטער, נאַציאָנאַל-רעליג-
יעזער פאַרטיי — פון די פּרושים.

אַנטקעגען דער דאָזיגער פאַרטיי, וועלכע האָט פאָרגעשטעלט מיט
זיך די מעהרהייט פון פאָלק, זענען אַרויסגעטרעטען די פּאַקטישע בעווענער
פון דעם מלוכה-מעכאַניזם: די דיפּלאָמאַטען, קריעגס-פיהרער און שטאַ-
אַטס-בעאַמטע. שטיצענדיג זיך אינגאַנצען אויף אַ רעליגיעזען יסוד, האָבען
די פּרושים געמוזט שטעהן דורכאויס דערפאַר, אַז אַלע עפענטליכע אַנ-
געלעגענהייטען זאָלען זיין שטרענג צוגעפּאַסט צו די געזעצען פון דער
תורה און צו די הויכע מאָראַלישע אידעאַלען פון דער נבואה, און די
פאָדערונג איז די וועלטליכע רעגיערונג אַלס אַזעלכע, נישט
אימשטאַנד געווען צו בעפריעדיגען. די פּאַקטישע טעטיגקייט פון אַ
מלוכה-מעכאַניזם לאָזט זיך נישט שטענדיג איינשליסען אין די ענגע
ראַהמען פון דעם רעליגיעזען געזעץ, און אָט דער קאָנפליקט צווישען
דעם אייביגען אידעאַל און דער אַלטעגליכער ווירקליכקייט האָט אַרויס-
גערופען די צוזאַמענשטעלונג פון דער דריטער פאַרטיי, — פון די

צדוקים, וועלכע האבען געלעגט מעהר געוויכט אויף די וועלטליכע מלוכה־אינטערעסען, ווי אויף די אינטערעסען פון די אמונה־אידעאלען.

פון די דריי פארטייען האבען נאר די לעצטע צוויי זיך אקטיוו בעטהייליגט אינ׳ם פאליטיש־געזעלשאפטליכען לעבען פון לאנד, און אמ־שטארקסטען האט זיך דער געגענזאץ צווישען די ביידע ריכטונגען ענט־וויקעלט אין דער צייט פון יהונתן׳ם מלוכה, ווען דאס פאלק האט זיך אבגערוהט פון די אויסערליכע מלחמות.

די פרושים (אבגעשיידטע: פון אנדערע פעלקער, פון זינד) האבען געוואלט זעהען אין יהודה א גייסטיגע רעפובליק, וואו ס׳הערשט דער רעליגיעזער מאראל, וואו אלץ איז דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון די יודישע געזעצען און טראדיציעס. אבטרעטען פון דער תורה, הייסט פערראטען דעם פאלק, אפילו אויך אין דעם פאל, ווען דאס ווערט געטאן צוליעב די אינטערעסען פון דער מלוכה, — די פרושים זענען איבערצייגט געווען, אז דער גורל פון דער מלוכה אלץ איינם, ווי דער גורל פון יעדען איינצעלנעם מענשען, ליעגט ביי גאט אין די הענד און אז נאר די געטליכע השגחה אליין איז אימשטאנד צו ברענגען דעם יודישען פאלק צרות אדער פריידען.

גאט האט אלץ בעשאפען, גאט איז דער איינציגער האר פון דער וועלט, דער איינציגער פיהרער פון מדינות און פעלקער, און יודען זענען זיינע אויסערוועהלטע קינדער, וועלכע דארפען געהן אין זיינע וועגען, היטען זיין תורה און דיענען אלס מוסטער פאר אלע אנדערע פעלקער. און וואס וועלן זיי דערפאר בעקומען? מיט וואס וועט זיי די געטליכע גערעכטיגקייט בעלוינען פאר זייער פרומקייט, פאר זייער גאטספארכטיגער עהרליכקייט? אויף דער פראגע האט די תורה אליין און מיט אי... דאס גאנצע ביבלישע יודענטום געענטפערט: וועט איהר פרום זיין, וועט אייך גוט זיין. איהר וועט זיצען אויף אייער ערד, דער רעגען וועט קומען אין זיין צייט, דער ווייזשטאק וועט בליהען און ארויסגעבען זיסע פרוכטען און קיין שונא וועט אייך נישט בעאונרוהיגען און קיינער וועט אייערע קינדער פון אייך נישט אוועקנעהמען — איהר וועט לעבען גליקליך און רוהיג.

דעם איצטיגען בירגער פון דער חשמונאים־מלוכה האט אבער אט די תשובה שוין נישט בעפרידיגט. די בילדער פון דער נאהנטער פער־גאנגענהייט זענען איהם נאך פריש געוועזען אין זכרון; איהם זענען נאך פאר די אויגען געשטאנען די תליות מיט די אויפגעהאנגענע יודישע מו־

טער׳ס, די מערות מיט די הונדערטער פערברענטע אויף קדוש השם, די טויזענדער געפּייניגטע, געשענדעטע און געפאַנגענע, און דאָס האָט שוין אַרויסגערופען ביי איהם אַ ביטערען פּראָטעסט אויך געגען דער אונגערעכטיגקייט, וואָס ווייזט זיך כסדר אַרויס אין דעם אַלטעגליכען לעבען: סטייטש, פאַרוואָס לעבט זיך דעם רשע גוט און דעם צדיק שלעכט? וואו איז דאָ די הימלישע גערעכטיגקייט?

דאַן זענען די פּרושים געקומען און האָבען ערקלערט, אַז דאָס אמת׳ע לעבען הויבט זיך אָן ערשט נאָכ׳ן טויט; די וועלט איז נאָר אַ מין פאָרהויז צום סאַלאָן — יענע וועלט, און דאָרט וועט ערשט די געטליכע גערעכטיגקייט בעלויהנען דעם צדיק און בעשטראָפען דעם רשע. דערביי „וועלן די צדיקים אויפשטעהן צום אייביגען לעבען (תחית המתים) און די רשעים — צו אייביגער שאַנד“, ווי ס׳איז געשריבען אין ספר דניאל. פערשטעהענדיג די גאַנצע וויכטיגקייט פון דער דאָגמע האָבען די פּרושים זי אַריינגענומען אינ׳ם סיסטעם פון יודענטום אַלס איינעם פון די עיקרים, אויף וועלכע די יודישע אמונה שטיצט זיך, און ביסליכווייז האָבען זיך פון דער דאָגמע אויסגעבילדעט נאָך אַנדערע פאָרשטעלונגען און בעגריפען (השארת הנפש, גיהנם, גן-עדן א. א. וו.), וואָס האָבען שפּעטער אויסגעפילט אַ בעדייטענדען פּלאַץ אין דער יודישער ליטעראַטור.

צוזאַמען מיט דער שטרענגער פאָדערונג, צוצופּאַסען דאָס גאַנצע אַלטעגליכע, וואָכעדיגע לעבען צו דעם רעליגיעזען געזעץ, — איז אָבער אויסגעוואַקסען אַ נייע שווערינקייט: די געשריבענע געזעצען פון דער תורה זענען צו קורץ און צו וועניג געווען, אום אַרומצונעהמען די פערשיעדענאַרטיגע און פערפלאָנטערטע ערשיינונגען פון דעם איצטיגען לעבען, וואָס האָט זיך פאַר דער צייט אינגאַנצען געענדערט און אָנגענומען אַ גאַנץ אַנדער פאָרם. דאָ זענען ווידער געקומען די פּרושים און אויסגעפילט דעם חסרון; זיי האָבען צוזאַמענגענומען די אַלע זיטען און פאָלקס-מנהגים, וואָס דאָס לעבען אַליין האָט געשאַפען אין דעם משך פון צעהנדליגער דורות, און זיי ערקלערט, אויסגעטייטשט און געגעבען אַ בעשטימטע, צום איצטיגען לעבען צוגעפּאַסטע פאָרם. די דאָזיגע נישט געשריבענע געזעצען, וועלכע האָבען געלעבט אין פאָלק און זענען צוזאַמען מיט איהם געוואַקסען, האָבען איצט אַ סך מיטגעהאָלפען צו רעפאָרמירען די יודישע געזעצגעבונג, נישט אָנגרייפענדיג אין דער זעלבער צייט איהר אייגענטימליכען און רעליגיעזען גייסט.

און דערביי אליין האבען זיך די פרושים נישט אבגעשטעלט. זיי האבען זיך גענומען אויסטייטשען און ערקלערן די געזעצען פון דער תורה מיט דער הילף פון פערשידענע לאגישע געזעצען, און אויף אזא אופן בעקומען די מעגליכקייט, ארויסצודרינגען פון זיי די אלע פראקטישע געזעצען, וואס די איצטיגע לעבענס-בעדינגונגען האבען געפאדערט. די דאזיגע אויסטייטשונגען און ערקלערונגען; זענען ווידער, פון זייער זייט, אויך פערהייליגט געווארען און האבען בעקומען די זעלביגע פערפליכטונגס-קראפט, וואס עס האבען געהאט אין זיך די איצטיגע „דברי סופרים", די איצטיגע פארמולירטע פאלקס-געזעצען. אזוי האט די רעליגיעזע דיסציפלין ביסליכווייז און אונבעמערקטערהייד ארומגענומען דאס גאנצע וואכעדיגע לעבען פון פאלק, זיך צופאסענדיג צו דער ענטוויקלונג פון זיינע בעגריפען און בעדערפעניששען. די אלע געזעצען וועגען שבת און וועגען די יום-טוב'דיגע תפלות זענען אין יענער צייט בעשטימט אין אויסגעפילט געווארען; עס זענען אריינגענומען געווארען אין דעם רעליגיעזען געזעץ די אלע יום-טובים און היסטארישע פייער-טעג, וועלכע זענען און דער תורה גארנישט דערמאהנט, ווייל דאס פאלק אליין האט זיי איינגעפיהרט, צום אנדענקען פון געוויסע געשעהענישען אין זיין לעבען. אין די געזעצען וועגען כשר און טרפה, וועגען פאמיליען-ריינהייט, וועגען די רייניגונגען אין בית-המקדש א. א. וו. האבען זיך די פרושים שטרענג געהאלטען ביי דער טענדענץ פון אבזונדערן יודען וואס מעהר פון דער ארומיגער וועלט, און בנוגע צו די געביטען האבען זיי אנגעהויפט וואס מעהר סיגים און חומרות; דאגעגען אבער האבען זיי איינגעפיהרט זעהר גרויסע פערלייכטערונגען אין דעם שטראפקאדעקס פון דער תורה. אין דער הינזיכט האבען זיי געזוכט אויסצוטייטשען דעם געשריבענעם געזעץ אזוי, אז ער זאל זיין צוגעפאסט צו די איצטיגע פאלקס-בעגריפען. אזוי האבען זיי, למשל, שארף געקעמפפט געגען טוידט-שטראף, און דעם בעקאנטען פסוק: עין תחת עין (אג'אויג פאר אג'אויג) האבען זיי ערקלערט אין דעם זין, אז די תורה מיינט דא נאר א געלד-שטראף.

די פרושים האבען זיך בכלל אויסגעצייכענט מיט זייער שטרענגער געזעצליכקייט, מיט זייער צניעות, מיט זייער מעסיגקייט בנוגע צו פערשידענע לעבענס-תאוות, מיט זייער מילדקייט און גאטספארכטיגער גוטסקייט. איינער פון די בעריהמטע פרושים, ר' יהושע בן פרחיה, וועלכער האט געלעבט (מיט זיין חבר נתאי הארבאלי) אין הורקנוס'ס

צייט, פלעגט שטענדיג זאָגען: „מאַך דיר אַ רבי'ן, קויף דיר אַ חבר און אורטייל יעדען מענשען צום גוטען." די דאָזיגע גוטע זיטען און דער גאַנצער גאַנג פונ'ם פּראַקטישען יודאַאיזם, וואָס האָט זיך געהאַלטען ביי די פרומע קלאַסען נאָך פון עזרא'ס צייטען אָן, האָבען צוגעצויגען צו זיך די ברייטסטע מאַסען פון פאָלק, אַזוי אַז די אינערליכע פערוואַלטונג פון דער מלוכה און פון בית־המקדש האָט זיך געפונען איינגאַנצען ביי די פרושים אין די הענד.

דאַגעגען האָבען די הויכע מלוכה־שטעלעס, די אַרמעע־פיהרונג און צוזאַמען דערמיט אויך די רייכטימער און דער אויסערליכער גלאַנץ — זיך געפונען אין די הענד פון די צדוקים. די דאָזיגע אַריסטאָקראַטען זענען געקומען אין אַ נעהנטערער בעריהרונג מיט דער אויסערליכער העלעניסטישער וועלט, און האָבען איינגעפיהרט אין זייער פּריוואַטען לעבען אַ סך העלעניסטישע זיטען און מנהגים. דאָס זענען געווען מענשען מיט הויכער וועלטליכער בילדונג, וואָס האָבען געשטרעבט צו פעראייניגען די אידעען פון דער יודישער תורה מיט דער אויסערליכער שענער פאָרם פון דער העלעניסטישער קולטור, און וואָס מעהר אָבצושוואַכען די מחיצה צווישען יודען און די אַרומיגע קולטורעלע פעלקער. אַלס פּאַטריאָטישע יודען האָבען זיי קודם כל געזאָרגט פאַר דער פּאָליטישער גרויסקייט פון יהודה, פאַר דער אויסשפּרייטונג פון די יהודה'שע גרענעצען און פאַר דער מאַכט פון דעם חשמונאי'שען הויף; דערביי זענען זיי אָבער געווען צו־ווענינ דורכגעדרונגען מיט דעם רעליגיעזען געפיהל, אום איבערצולאָזען גאָט אַליין די דאגה פאַר דער אונאָבהענגיגקייט און גרויסקייט פון יהודה. די מלוכה דאַרף פאָרמעל היטען די געשריבענע געזעצען פון דער אייביגער יודישער קאָנסטיטוציע, פון דער תורה; דאָס דאַרף איהר אָבער נישט שטערען צו ענטוויקלען זיך אַזוי, ווי עס פערלאַנגען פון איהר דער צייט־גייסט און די פּראַקטישע אינטערעסען. קוים האָט וועלכער ס'איז פּאָליטישער אָבמאַך אָדער וועלכע ס'איז מלחמה געמוזט אָנריהרען אַ געבאָט פון דער תורה, האָבען זיך די צדוקים שטענדיג געשטעלט אויף דער זייט פון די מלוכה־אינטערעסען; איבערהויפּט האָט גאָט, נאָך זייער מיינונג, דעריבער געגעבען דעם מענשען אַ פרייען ווילען, כדי ער זאָל זיך אַליין אויסטרעטען זיין לעבענס־וועג, כדי ער זאָל אַליין זיין דער בעל הבית פון זיין גורל, און דער גרויסער בעשעפער פון דער וועלט מישט זיך גאָרנישט אין די מענשליכע אַנגעלעגענהייטען. בעלויהנט ווערט דער

צדיק פאַר זײַנע גוטע מעשים באַלד אויף דער וועלט — מיט די גוטע מעשים גופא; און דאָס זעלבע איז אויך מיט די שלעכטע מעשים פון די רשעים. גוטע מעשים ברענגען גוטס און שלעכטע — שלעכטס פאַר׳ן לעבען גלײַך, און מ׳דאַרף גאָרנישט אָנקומען צו קײַן גלויבען אין „תחית המתים" און „יענע וועלט."

נאַטירליך, האָט אַזאַ מין אַנשויאונג שוין נישט געקענט פ ע ר־ פ ל י כ ט ע ן קיינעם צו אָפּפערן וואָס ס׳איז פון זײַנע איצטיגע לעבענס־ פערגניגענס, און בכלל אײַנצושליסען דאָס גאַנצע לעבען אין אַ רײַהע פון גזירות און סיָגים. די צדוקים האָבען דעריבער נישט געוואָלט אַנערקענען די אַלע אויפטועכצען און נײַע פערפליכטונגען פון די נײַ־ פערהײַליגטע פאָלקס־מנהגים און מסורות. זײ האָבען אַוועקגעשטעלט אַלס פרינציפּ, אַז וויכטיג און הײליג זענען נאָר יענע געזעצען, וועלכע שטעהען דײַטליך און אויסדריקליך געשריבען אין די חמשה חומשי תורה, און די אַלע אַנדערע פערפליכטונגען, וועלכע זענען מיט דער צײַט געשאַפען געוואָרען, האָבען קײַן בעדײַטונג נישט. דאָס האָט גע־ בראַכט פון אײן זײַט צו פערשיעדענע פערלײַכטערונגען אינ׳ם אַלטעגלי־ כען לעבען בנוגע צו די געזעצען וועגען כשר און טרפה, וועגען אַרבײַטען אום שבת אָדער אום יום־טוב, וועגען פאַמיליען־בעציהונגען און נאָך אַזעלכע רעליגיעזע אָנגעלעגענהײַטען, און פון דער צווײַטער זײַט האָט עס אַרויסגערופען די שרעקליכסטע אַכזריות׳ן בנוגע צו דער גע־ ריכטס־מאַכט, וועלכע האָט אויסגעטײַטשט די פערעלטערטע שטראָפען פון דער תורה אין זײער בוכשטעבליכען זין.

די מײנונגס־פערשיעדענהײַט צווישען די פּרושים מיט די צדוקים איבער פערשיעדענע ריטועלע דינים האָט זיך אָפט פונאַנדערגעפלאַקערט אין אַ לײַדענשאַפטליכען וכוח. צווישען די פראַגען, וואָס האָבען אַרויס־ גערופען אַזאַ מין מחלוקת, האָט זיך געפונען אויך יענע וועגען די דינים פונ׳ם וואַסער־גיעסען אויפ׳ן מזבח אום סוכות. די פּרושים האָבען זיך זעהר האַרב בעצויגען צו דער עבודה פון די לויים אין בית־המקדש, און אַרויסגעגעבען מאַסען דינים און גזירות, אום צו פערהיטען די בע־ ריהרונג פון אונרײַנע מענשען אָדער כלים; די צדוקים, דאַגעגען, האָ־ בען געלאַכט דערפון און צוזעהענדיג, ווי זײ לויפען יעדעס מאָל צום בעקען וואַשען אַנ׳אַנדער כלי, האָבען זײ איראָניש בעמערקט: „אין גיכען וועלן די פּרושים הײסען רײניגען אויך דעם זונען־באַל".

„די צדוקים האָבען אין אַלגעמײן פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ קלאַס פון טי־

פישע וועלטמענשען, וועלכע זענען שטרענג-קאָנסערוואַטיוו בנוגע צו דער פאָרמעלער פרומקייט, און ווילען פוגדעסטוועגען נישט דערלאָזען, אַז די עטיש-רעליגיעזע בעגריפען זאָלען האָבען אַ איינפלוס אויף דער ספערע פון די פראַקטישע, פריוואַטע און געזעלשאַפטליכע, אינטערעסען".*)

אָן אַ זייט פון די דאָזיגע צוויי פּאַרטייען, וועלכע האָבען געקעמפפט צווישען זיך פאַר דעם סאָציאַלען און רעליגיעזען טיפּ פון דער יהודה'שער מלוכה, איז געשטאַנען די דריטע סעקטע אָדער גרופּע, וואָס האָט אינגאַנצען איינגעאָרדענט איהר לעבען אויף די יסודות פון דער אינדיווידועלער זעלבסט-פערפאָלקאָמענונג און האָט געדיענט אַלס יסוד פאַר אַ גאַנץ נייער ערשיינונג אין דער מענשליכער געשיכטע. דער דאָזיגער אָרדען איז בעשטאַנען פון אַ בעדייטענדער צאָהל איסיים (פון דעם סירישען וואָרט חעסעי-חסיד), ביי וועלכע דאָס גאַנצע לעבען האָט זיך קאָנצענטרירט נאָר אין די רעליגיעזע אידעען און געפיהלען. דאָס זענען געוועזען מענשען, וואָס האָבען זיך פערטיעפט אין זיך אַליין, אין זייער איינענער אינערליכער וועלט, און האָבען געזוכט פריהער פון אַלץ אַ רעטונג פאַר דער נשמה.

מענשען הייליגע, רייניע, מיט געוויסע מיסטישע נייגונגען, האָבען זיי געוואָלט הייליג לעבען. די אַלטעגליכע, די וואָכעדיגע, די וועלטליכע וועלט האָט פאַר זיי קיין בעדייטונג נישט געהאַט — לעבען דאַרף דער מענש נאָר אין זיך און נאָר מיט גאָט. אָבטויטען דאַרף דער מענש אין זיך יעדע תאוה, יעדען פערלאַנג, יעדען וועלטליכען בעגעהר, און לעבען דאַרף ער ריין, הייליג, זיך בעהעפטענדיג מיט דער אייביגקייט, מיט די העכערע וועלטען.

זיי האָבען זיך דעריבער דערווייטערט פון דעם שטאָדט-טומעל און איינגעאָרדענט זייער ישוב אין די מדבריות. איבערנעהמענדיג אינגאַנצען די ריינהייטס-געזעצען פון די לוויים אין בית-המקדש, לויט וועלכע די בעציהונג מיט יעדען וועלטליכען מענשען האָט פעראונרייניגט, זענען זיי געוועזען געצוואונגען צו פערקעהרען נאָר מיט זייערע גלייכע, און דאָס האָט זיי געטריבען זיך צו פעראייניגען אין איין אָרדען, וואו יעדערער איז פערפליכטעט שטרענג צו היטען די געזעצען. אום אָנצוקומען אַלס מיטגליעד אין דעם אָרדען, האָט דער קאַנדידאַט געמוזט אַ גאַנצען

*) דובנאָוו.

יאהר אויסגעפרובט ווערן, און ערשט דאן איז ער צוגעלאזען געווארען צו דער צערעמאניע פון די „וואשונגען״. דאן האט ווידער געמוזט אוועקגעהן א לאנגע צייט, און נאכדעם האט דער נייער מיטגליעד געמוזט געבען א פייערליכע שבועה, אז ער וועט זיך אונטערגעבען אלע בעפעהלען פון די עלטסטע, אז ער וועט נישט בעהאלטען קיין זאך פון די „ברידער״ און וועט קיינעם נישט ארויסגעבען די סודות פונ׳ם ארדען; דאס האט איהם שוין געמאכט פאר א פאקטישען מיטגליעד פון דער געזעלשאפט און געגעבען דאס רעכט זיך צו בעטייליגען אינ׳ם ברידערליכען מאלצייט.

די בעל הבתי׳שקייט איז ביי די איסיים אינגאנצען געווען אוועקגעשטעלט אויף קאמוניסטישע יסודות. יעדער מיטגליעד האט אריינגעטראגען אין דער קאסע פון ארדען זיינע הכנסות, און דער גאנצער ארדען איז אויסגעהאלטען געווארען פון דער אלגעמיינער סומע. די קליידונג זאגאר איז אויך געווען די זעלביגע פאר אלע מיטגלידער: ווייסע גראבע מאנטלען אום ווינטער, און לייכטע הילעס אום זומער. דערביי האט יעדער איינציגער געמוזט פערדיענען אויף זיין לעבען פון פיזישער ארבייט; א סך פון זיי האבען זיך בעשעפטיגט מיט ערד־ארבייט און מיט אנדערע מלאכות — האנדלען האט קיין איסי נישט געטארט.

לעבען מיט א פרוי איז דעם איסי ערלויבט געווען, אבער נאר אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל דאס איז נויטיג, אום קינדער צו האבען; די מעהרהייט פון די איסיים האט אינגאנצען געקוקט אויף דער חתונה, ווי אויף עטוואס זינדיגעס, קערפערליכעס, און האט אויסגעמיטען יעדען פערקעהר מיט א פרוי, זאגאר אויך — א געזעצליכען.

אזא מין קאלאניע האבען זיך די איסיים איינגעארדענט צו מערב זייט פון ים המלח, אין דעם אאזיס עין־גדי וואו די פאלמען־בוימער האבען כמעט בעפרידיגט זייערע שפייז־בעדערפעניסען, און פון דעם דאזיגען צוזאמענלעבען שטאמט אויך דער בעקאנטער מאמר: „א חסיד זאגט: דיינס געהערט צו דיר און מיינס געהערט אויך צו דיר״. עס זענען ממילא נישט געווען ביי זיי קיין ארימע און קיין רייכע, און דאס רעזולטאט דערפון איז געווען, אז זייער זין האט זיך ביסלעכוויי בעפרייט פון אלע ערדישע אינטערעסען, און איז אינגאנצען פערזונקען געווארען אין א וויטער, טרוימעריש־אידעאלער וועלט.

די איסיים האבען זיך אויסער דעם נאך אויסגעצייכענט מיט

פיעל אנדערע איינענטימליכקייטען . ווי די יודען אמאל, וואנדערנדיג אין דער מדבר, האט אויך יעדער איסיי שטענדיג געטראָגען מיט זיך א רידעל, אום אויפצושארען די ערד און צו פערדעקען די אונריינ־קייט, און דערצו איז אין זייער קליידונג אריין אויך א מין פעל־פאר־טוך אדער האנדטוך, מיט וועלכען זיי האבען זיך בענוצט ביי זייערע אפטע וואשונגען. די איסיים פלעגען לייענען קריאת־שמע אין דער פריה צוזאמען מיט'ן אויפגאנג פונ'ם מארגענשטערן, און נאך געוויסע כונות און פארבערייטונגען, אין דער צייט פון וועלכע עס איז קיין וואכעדיג ווארט נישט אויסגערעדט געווארען, פלעגט זיך יעדערער פערזינקען אין זיין תפלה, וואס איז אייגענטליך בעשטאנען פון פריי געפיהלען און האט געטראגען דעם כאראקטער פון א מין רייער „השתפכות הנפש". נאך די תפלות האבען אלע געמוזט אוועק־גאָין ארבייטען, און קומענדיג צוריק פון דער ארבייט האבען זיך אלע ווידער געטובל'ט און אנגעהויבען מאכען הכנות צו דעם אלגע־מיינעם מאלצייט, וועלכער האט ביי זיי פערנומען דעם פלאץ פון די קרבנות אין בית המקדש.

דער מאלצייט פלעגט פארקומען אונטער דעם סדר: „זיך אָב־רייניגענדיג, קומען זיי אריין אין עס־צימער, ווי אין א הייליגען ארט. נאכדעם, ווי זיי זעצען זיך איין שווייגענדיג, לעגט דער בעקער אוועק א חלק ברויט פאר יעדען בעזונדער, און דער קוכער שטעלט אוועק נעבען יעדען אייניציגען א כלי מיט איין געריכט. פאר'ן עסען ריכט אב דער כהן א תפלה, און קיינער ריהרט זיך נישט צו צום עסען ביז ער האט זי נישט געענדיגט. נאכ'ן מאלצייט — בעט ער ווי־דער. אנהויבענדיג און ענדיגענדיג דאס עסען לויבען אלע גאט און דאנקען איהם פאר די שפייז, וואס ער האט זיי געשענקט. דערנאך נעהמען זיי פון זיך אראב זייערע מאלצייטס־קליידער, אלס הייליגע, און לאזען זיך ווידער אוועק ארבייטען ביז'ן אבענד. קומענדיג, עסען זיי ווידער לויט דעם זעלביגען סדר" (יוסיפון).

די איסיים האבען זעהר שטרענג אבגעהיט די געזעצען וועגען שבת־רוה, און א סך פון די סיגים און גזירות, וואס זיי האבען אויף זיך גענומען, זענען שפעטער אריינגענומען געווארען אין די פערפליכ־טונגען פון תלמוד; די דאזיגע פראקטישע פרומקייט האט אבער נאך נישט אויסגעפילט זייער גאנצען לעבענס־אינהאלט. זייער אסקעטיזם, זייער שטילקייט און זייער רעליגיעזע טרוימעריי, האט זיי ביסלעכווייז

איננאנצען אבגעווענדעט פון דער קלארער און לאגישער תורה מיט איהר ניכטערער לעבענס-אנשויאונג, מיט איהרע דייטליכע, צום לעבען צוגעפאסטע געזעצען; זיי האבען אנגעהויבען זוכען אין דער תורה שטאף פאר זייער טרוימערישער פאנטאזיע, פאר זייערע מיסטעריעזע שווערמערייען, און האבען אויף אזא אופן געשאפען דעם יסוד פאר דעם קומענדיגען יודישען מיסטיציזם. זיי האבען די ערשטע אנגעהויבען אריינצולעגען פערשידענע רמזים און סודות אין די אותיות פון גאט'ס נאמען (יהוה), געפינענדיג, אז קוים איז דער נאמען אזוי הייליג, מוז אין זיינע איינצעלנע בוכשטאבען אויך זיין עטוואס געהיימעס, הייליגעס. די דאזיגע רמזים און סודות זענען וואס ווייטער אלץ מעהר פערטיעפט און פערברייטערט געווארען, און אין צוזאמענהאנג דערמיט האט זיך ביי זיי אויסגעבילדעט א גאנצע רייהע פארשטעלונגען וועגען גוטע און שלעכטע גייסטער, וועגען מלאכים און שדים, וועגען כשוף און געהיים-זעהעריי און נאך אזעלכע פערנעבעלטע בעגריפען, וואס האבען מיט דער ווירקליכער יודישער לעבענס-תורה גארנישט צו טאן.

צוליעב זייערע אייגענטימליכע מנהגים און פאנטאסטישע לעבענס-בעגריפען זענען די איסיים בעטראכט געווארען פון פאלק נישט בלויז אלס הייליגע, נאר אויך אלס מענשען, וואס זענען אימשטאנד וואונדער צו בעווייזען. דאס פאלק האט געגלויבט, אז די איסיים קענען פאראויסזאגען די צוקונפט, פותר זיין חלומות און אויך היילען אלערליי קראנקהייטען. דאס לעצטע איז געשטאנען אין צוזאמענהאנג דערמיט, וואס עטליכע פון די איסיים האבען זיך ווירקליך בענוצט מיט געוויסע קרייטעכצער אויף צו היילען קראנקע.

דערפאר אבער האבען זיי קיין שום איינפלוס נישט געהאט אויף דעם פאליטישין לעבען פון לאנד. זייער צאהל איז בכלל געווען געווען זעהר קליין און אין די בעסטע צייטען אפילו, האט אויך זייער ארדען נישט געצעהלט מעהר פון פיערטויזענד מיטגלידער. דערצו איז נאך צוגעקומען אויך דער אומשטאנד, וואס דער גרעסטער טייל מיטגלידער פון דעם ארדען האט געלעבט נישט פערהייראטעט, און די צוגעקומענע מיטגלידער פון אויסווייניג האבען נישט געקענט אויספילען דעם שאדען פון דער נאטירליכער פערמינדערונג.

ביים רודער פון דער מלוכה-שיף זענען אלזא געשטאנען די פיהרער פון די אנדערע צוויי פארטייען — פון די פרושים מיט די צדוקים, און פאר דער צייט פון יוחנן-הורקנוס איז צו קיין אפענעם

קאָנפליקט צווישען זיי נישט געקומען. דער לעצטער האָט ביידע פּאַרטייען גלייך אויסגענוצט: די צדוקים אַלס קריעגספיהרער און דיפּלאָמאַטען, און די פּרושים — אַלס געזעץ-לעהרער, ריכטער און בעאַמטע איבער אַלע אינערליכע אָנגעלעגענהייטען. די בעציהונג, וויעדער, פון די פּאַרטייען צו הורקנוס׳ען איז אויך געווען איינגעטיילט און בעשטימט: די צדוקים האָבען געשעצט אין איהם דעם שטאַאַטסמאַן און מלוכה-פיהרער, און די פּרושים — דעם פרומען כהן-גדול, וועלכער האַלט זיך שטרענג ביי זייערע רעליגיעזע אויסטייטשונגען און בעגריפען.

וועניגער בעדייטענדע סכסוכים צווישען די פּרושים מיט די צדוקים פלעגען פון צייט צו צייט אויסברעכען אין דער טעטיגקייט פון דער העכסטער יהודה׳שער רעגירונגס-אינסטיטוציע, פונ׳ם סנהדרין. די דאָזיגע פערזאַמלונג פון אויסגעוועהלטע פאָלקס-פאָרשטעהער האָט עקסיסטירט אין ירושלים נאָך פון די אַלטסטע צייטען, און פלעגט שטענדיג געפיהרט ווערן פון דעם כהן-גדול, וועלכער האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך די אָפיציעלע פּערזאָן פאַר דער הערשענדער אויבער-מאַכט. איצט, נאָך דער איבערקעהרעניש אין לאַנד, וואָס האָט פערוואַנדעלט יהודה אין אַ זעלבסטשטענדיגער מלוכה מיט אַ אייגענעם פירשטליכען כהן-גדול, האָט זיך דער כאַראַקטער פון דער אינסטיטוציע אויך געענדערט. די פריהערדיגע „גערוזיע” (אויף פּערסיש: בעראַטונג, פערזאַמלונג) בעקומט איצט דעם גריכישען נאָמען סנהדרין (בית-דין הגדול) און איהרע פונקציעס ווערן וואָס ווייטער אַלץ ברייטער און זעלבסטשטענדיגער. אָן דער שפּיץ פון סנהדרין, אַלס פאָרזיצענדער (נשיא), שטעהט איצט דער רעגירענדער פירשט, וועלכער איז צוזאַמען דערמיט אויך כהן גדול-און שופט, און אין איהם בעטייליגען זיך פאָרשטעהער נישט בלויז פון די גייסטיגע און געלעהרטע שיכטען, נאָר אויך פון די פּאָליטישע פּאַרטייען; אַזוי אָבער, ווי דער העכסטער מלוכה-פיהרער איז אָפט פערנומען מיט אַלגעמיינע מלוכה-אינטערעסען, פערטרעט איהם אין סנהדרין, אַלס וויצע-פאָרזיצענדער, דער עלטסטער פון די דינים, וואָס טראָגט דעם טיטול אב-בית דין. דאָס „גרויסע סנהדרין” אין ירושלים איז בעשטאַנען פון איין און זיעבעציג מיטגליעדער, וועלכע פלעגען זיך צונויפקליבען אין דעם אויסערליכען זאַל פון בית המקדש, וואָס איז געווען בעקאַנט אונטער דעם נאָמען „לשכת הגזית”; פאַקטיש האָבען אָבער די זיצונגען

געקענט פארקומען אויך ביי דריי און צוואנציג מיטגליעדער, און דאס האט געהייסען „דאס קליינע סנהדרין". צווישען די מיטגליעדער פון סנהדרין האבען זיך געפונען פארשטעהער פון דער גייסטיגער און וועלטליכער אריסטאקראטיע, כהנים, שופטים (ריכטער), געלעהרטע און געזעצקענער; און אויסער דער דאזיגער העכסטער געזעצגעבענדער אינסטיטוציע אין דער הויפטשטאדט, זענען נאך געווען פערשידענע קלענערע בית-דינ'ם אין די קלענערע שטעדט.

געשטיצט האט זיך דאן די גאנצע יודישע געזעצגעבונג אויף די געבאטען און פערזאגען פון דעם אונבעריהרבארען הייליגען קאדעקס— פון דער תורה. די ארבייט פון סנהדרין איז דעריבער בעשטאנען אין דעם, אויסצוטייטשען די דאזיגע פערפליכטונגען פון דער תורה, צוצופאסען צו זיי די איצטיגע לעבענס-בעדינגונגען און ארויסצוגעבען לויט זיי פאקטישע אורטיילען. אין די פאליטישע אנגעלעגענהייטען פון לאנד האט זיך דאס סנהדרין געמישט נאר אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל די אנגעלעגענהייט האט געהאט א שייכות צו די רעליגיעזע בעגריפען פון דער תורה. דאס סנהדרין האט אבגעהיט די ריינהייט פון די כהנים-משפחות און פון די פאמיליען-פערבינדונגען בכלל, פיהרענדיג צו דעם צוועק ספעציעלע פאמיליען-ביכער. דורך דער דאזיגער אינסטיטוציע פלעגען אויך געמאכט ווערן די אסטראנאמישע בעאבאכטונגען און אויסרעכנונגען, אום צו קענען בעשטימען, ווען עס הויבען זיך אן די יום-טובים און ווען זיי ענדיגען זיך.

די געריכטס-זיצונגען פון סנהדרין פלעגען פארקומען עפענטליך. דערביי פלעגען די געריכטס-מיטגליעדער זיין אויסגעזעצט אין א האלבען קרייז, אום זיי זאלען זיך קענען זעהען איינער דעם אנדערן, און צוויי שרייבערס זענען געשטאנען פון דער רעכטער און דער לינקער זייט און האבען פערשריעבען די מיינונג פון די ריכטער. אום ארויסצוטראגען א בעפרייאונגס-אורטייל איז גענוג געווען (ביי קרימינעלע פראצעסען) א איינפאכע מעהרהייט, און דאגעגען האט זיך געפאדערט צו א בעשולדיגונגס-אורטייל א מעהרהייט פון צוויי דריטעל שטימען, ד. ה. דרייצעהן פון דריי און צוואנציג. די אויספרעגונג פון די געריכטס-מיטגליעדער איבער דער שולדיגקייט פונ'ם אנגעקלאגטען פלעגט זיך אנהויבען פונ'ם יונגסטען און ענדיגען מיט'ן פארזיצענדען; דער דאזיגער סדר איז איינגעפיהרט געווארען, אום די מיינונגען פון די עלטערע מיטגליעדער זאלען נישט ווירקען אויף די יונגערע. אויסער

דעם, האָבען זיך שטענדיג געמוזט אַרויסזאָגען פריהער די בעפרייער און דערנאָך די בעשולדיגער, און די איינמאָל אַרויסגעזאָגטע בעפרייאונגס=מיינונג האָט שוין נישט געקענט מעהר גענומען ווערן צוריק.

ביי אַזעלכע בעדינגונגען איז אַ טוידט=אורטייל געווען אַ זעלטענע ערשיינונג אין דער פּראַקטיק פון׳ם סנהדרין, און דאָס איז געווען די פרוכט פון דעם איינפלוס פון די פּרושים און פון זייער געזעץ=אויסטייטשונג. די צדוקים, האַלטענדיג זיך שטרענג ביי די געשריבענע געזעצען פון דער תורה, זענען געווען פיעל שטרענגער אין זייערע אורטיילען; זיי האָבען אָבער פאַרגעשטעלט מיט זיך אין סנהדרין די מינדערהייט — די פּראַקטישע אויסטייטשונג פון געזעץ איז דאָ אינגאַנצען געלעגען אין די הענד פון די פּרושים. די צדוקים האָבען דערפאַר געהאַט מעהר איינפלוס אויף דער אויסערליכער פּאָליטיק פון לאַנד און זי געפיהרט אין אַ געוויסער, אייגענער ריכטונג.*)

אַזוי האָבען די ביידע פּאַרטייען איינגעטיילט צווישען זיך זייערע איינפלוס=ספערען אין דער הנהגה פון לאַנד, און איבער זיי איז געשטאַנען דער פירשטליכער כהן גדול, וועלכער האָט, ווי געזאָגט, פיעל מיטגעווירקט דערפאַר, אַז דער דאָזיגער אויבערפלעכליכער שלום זאָל מיט קיין זאַך נישט געשטערט ווערן. היטענדיג, פון איין זייט, אַלע דינים און חומרות לויט די געזעץ=ערקלערונגען פון די פּרושים, האָט ער פון דער צווייטער זייט, געלעבט גוט אויך מיט די צדוקים. זיי זענען געווען זיינע מיט=קעמפפער, זיינע קריעגס=פיהרער און זיינע מלוכה=יועצים. זייער פיהרער, יהונתן, איז געווען דעם פירשט׳ס פּערזענליכער פריינד, און ביז זיין טיעפער עלטער האָט יוחנן איינגעהאַלטען דעם אינערליכען אַנטאַגאָניזם צווישען די ביידע פּאַרטייען, און געזעהען, ער זאָל זיך נישט פונאַנדערפלאַקערן און אַרויסרייסען.

לאַנג האָט אָבער די דאָזיגע גלייכגעוויכט זיך נישט געקענט האַלטען און, ווי עס קומט געוועהנליך פאָר ביי אַזאַ פאַל, איז גענוג איין וואָרט, איין בעוועגונג, אום איינצוואַרפען דעם בנין, וואָס איז געבויט געוואָרען אין דעם משך פון אַ סך יאָהרען. אַזאַ מין וואָרט, וואָס איז גאַנץ צופעליג אַרויסגערעדט געוואָרען, האָט דאָ אויך געדיענט אַלס אויפרייס=מאַטעריאַל, און נעענדיגט האָט זיך דער אויפרייס מיט גרויסע סכסוכים און מחלוקת׳ען און ענדליך אויך — מיט בלוט=

---

*) לויט דובנאָוו׳ן.

פערגיעסונגען און שוידערהאפטע רציחות.

פארגעקומען איז דער אויסברוך פון דעם אזוי לאנג בעהאלטענעם געגענזאץ אויף דעם פאלגענדען אופן: זיך אומקעהרענדיג צוריק פון א מלחמה, וואס האט זיך געענדיגט מיט א גלענצענדען נצחון איבער א שטארקען שונא, האט יוחנן־הורקנוס געלאזען איינארדנען א גרויסארטיגען מאלצייט, צו וועלכען ער האט איינגעלאדען די חשובים פון די פרושים און די צדוקים — אהן אונטערשיעד. אויף גאלדענע טישען זענען דערלאנגט געווארען די טייערסטע מאכלים, און אריינקומענדיג אין זעהר א הייטערער שטימונג, האט זיך יוחנן געווענדעט צו זיינע געסט מיט דעם פארשלאג, זיי זאלען איהם אפען זאגען, צי ער האט עפעס עובר געווען געגען געזעץ און צי ער היט נישט אב פינקטליך אלע בעפעהלען און פערבאטען פון דער תורה. די געסט זענען גערירט געווארען פון דער דאזיגער עהרליכער פראגע, און האבען אויסגעדריקט זייער אינערליכע צופריעדענהייט מיט זיין הערשען איבערן פאלק; דאן האט זיך אויפגעהויבען איינער פון די פרושים, א געוויסער אליעזר, און זיך געווענדעט צו הורקנוס'ן מיט דער שארפער ארויספאדערונג: „אויב דו ווילסט זיין עהרליך, נעהם אראב פון זיך דעם חושן ואפוד (די כהונה־גדולה־קליידער) און בענוגען דיך מיט דעם הערשער־טיטול אליין"! און ווען דער ערשטוינטער יוחנן הורקנוס האט איהם געפרעגט, וואס'רע פערברעך ער האט אויף איהם אויפצווייזען, האט דער פאנאטישער אליעזר איהם פעסט און דייטליך געענטפערט: „ווייל מיר האבען געהערט פון די זקנים, אז דיין מוטער האט זיך געפונען אין געפאנגענשאפט ביי די סורי'ער (און א זוהן פון א געפאנגענער טאר אין בית המקדש נישט זיין)."

טיעף אנגעגריפען פון דער דאזיגער שענדליכער בעליידיגונג, האט יוחנן־הורקנוס זיך דאך דערווייל גאנץ רוהיג פערהאלטען צו דעם אינצידענט, און בעפעהלען צו בעשטימען א גענויע אויספארשונג וועגען דער בעשולדיגונג; ווען די אויספארשונג האט זיך אבער געענדיגט און עם האט זיך ארויסגעשטעלט, אז די בעליידיגונג האט קיין שום גרונד נישט, האט זיך זיין כעס פונאנדערגעפלאקערט. דאן האבען זיך די צדוקים בענוצט מיט דער גינסטיגער געלעגענהייט, און זייער פיהרער יהונתן האט זיך בעמיהט איינצורעדען דעם בעליידיגטען פירשט, אז די פרושים האבען איהם מיט א כיון א שליידער געטאן אין פנים אזא שווערע בעשולדיגונג, אום איהם צו ערניעדריגען אין די אויגען פון פאלק. דאס האט דעם הערשער נאכמעהר אויפגערייצט, און ער

האָט געפאָדערט פון די אָנפיהרער פון דער פּרושים=פּאַרטײ, זײ זאָלען בעשטימען אַ שטראָף פאַר דעם בעלײדיגער; און ווידער איז זײַן אײגענליעבע פערלעצט געוואָרען: ער האָט געגלויבט, אַז די דאָזיגע פּאַרטײ=אָנפיהרער וועלן זיך בעציהען צו דעם בעשולדיגטען זעהר האַרב און איהם משפט'ן פאַר מאַיעסטעטס=בעלײדיגונג; אַזאַ מין בעזונדער פערברעכען, אַלס אויסנאַהם, איז אָבער אינגאַנצען גאָרנישט געווען במציאות אין דעם שטראָף=קאָדעקס פון די פּרושים, און זײ האָבען איהם געמשפּט סתם פאַר רכילות.

דאָס האָט אינגאַנצען דערפילט די מאָס פון זײַן פערדרוס, און דעם צדוקי'שען פיהרער איז איצט גאַנץ לײַכט אָנגעקומען צו איבערצײַגען הורקנוס'ן, אַז די פּרושים זענען איהם נישט טרײַ און ער דאַרף זײ דורכאויס דערווײַטערן פון דער מלוכה=פיהרונג.

עס איז שווער צו זאָגען, וויפיעל אמת ס'איז געלעגען אין דער איבערצײַגונג און אויף וויפיעל די פּרושים זענען ווירקליך נישט צופריעדען געווען מיט דעם קריגערישען כהן גדול; זיכער איז אָבער דאָס, אַז דער בעלײדיגטער פיהרער האָט זיך געלאָזען איבערצײַגען פון די צדוקים, און איז אינגאַנצען אַריבער אויף זײערער זײַט. אַלע עפענטליכע פּאָליטישע, געזעלשאַפטליכע און רעליגיעזע אינסטיטוציעס פון לאַנד זענען בעזעצט געוואָרען מיט אָנהענגער פון דער צדוקי'שער פּאַרטײ, און דאָס רעזולטאַט דערפון איז געווען — אַ טיפע שנאה צו די חשמונאים, וואָס האָט אָנגעהויבען וואַקסען אין די רײהען פון די פּרושים און זײערע אָנהענגער.

די פרוכט פון דער דאָזיגער פײַנדליכער שטימונג האָט הורקנוס אַלײן נישט געזעהען — ער האָט געלעבט אַ גאַנץ קורצע צײַט נאָך דער איבערקעהרעניש, און איז געשטאָרבען אויף דעם אײן און דרײַסיגסטען יאָהר פון זײַן הערשען (106), איבערלאָזענדיג נאָך זיך פאַר די קומענדיגע דורות זכרונות פון ליכטיגע, גוטע צײַטען. אין דער עפּאָכע פון זײַן הערשען האָט דאָס יודישע פאָלק ערדײַכט די העכסטע שטופע פון זײַן גײַסטיגער און מאַטעריעלער אויפלעבונג; רײַך האָט דאָס פאָלק געלעבט, פרײַ און שטאַרק האָט עס זיך געפיהלט, און דער איבערפלוס פון זײַנע גײַסטיגע קרעפטען האָט זיך אויסגעגאָסען אין דער פאָרם פון פערשידענע סאָציאַלע און עטישע שטרעמונגען, אין דער פאָרם פון אַ גײַסטיגען פּאַרטײ=קאַמפּף.

פירטעם קאַפּיטעל.

אַריסטאָבול I, אַלעקסאַנדער יאַנאַי און שלומית אַלעקסאַנדראַ.

(106—69)

יוחנן הורקנוס האָט איבערגעלאָזען פינף זיהן: יהודה-אַריסטאָבול, אַנטיגאָנאָס, אַלעקסאַנדער, אַבשלום און נאָך איינעם אַ פינפטען, וואָס זיין נאָמען איז געבליבען אונבעקאַנט. לויט דעם געזעץ פון דער יהודה'שער קאָנסטיטוציע האָט איצט די הערשאַפט צוזאַמען מיט דער כהונה-גדולה געדאַרפט איבערגעהן צום עלטסטען זוהן, צו יהודה-אַריסטאָבול. דער לעצטער איז צופרידען מיט די פרושים איז אָבער נישט אַריבער איננאַנצען שפּורלאָז, און דער אַלטער פירשט האָט פאַר זיין. ידט בעשטימט זיין פרוי אַלס הערשערין פון יהודה און זיין עלטסטען זוהן האָט ער איבערגעלאָזען בלויז דעם כהן-גדול-טיטול.

אַריסטאָבול — דער זעלביגער, וואָס האָט צוזאַמען מיט זיין ברודער אַנטיגאָנאָס אָבגעהאַלטען אַ גלענצענדען נצחון איבער די סאַמאַריער—האָט זיך אָבער מיט די כהן-גדול-קליידער נישט בענוגענט; ער האָט געוואָלט אויך הערשען. און ער האָט עס אויסגעפיהרט: — פערשליסענדיג דער מוטער אין אַ געפענגעניש, (וואו זי איז

אין גיכען אויסגעגאַנגען פון הונגער) און בעזייטיגענדיג אויך די ברידער, — האָט ער זיך געלאָזען קרוינען אַלס קעניג פון יהודה, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס לויט די טראַדיציעס פון פאָלק האָט געקענט טראָגען דעם טיטול נאָר אַזאַ, וואָס אין זיינע אָדערן פליסט דאָס בלוט פון דוד המלך. דער קעניגליכער טיטול האָט אָבער נישט פערגרעסערט נישט זיין מאַכט און נישט זיין אָנזעהען, און אויף די מטבעות, וואָס זענען געגאָסען געוואָרען אין זיין צייט, שטעהט אויך נישט מעהר, ווי: „יהודה כהן גדול וחבר היהודים (יהודה דער כהן גדול און די יהוד'עער-געזעלשאַפט)".

אין זיין בעציהונג צו די פּאַרטייען איז אַריסטאָבול נאָך פיעל ווייטער אַוועק פון זיין פאָטער (אין די לעצטע יאָהרען) און ווי ס'איז צו זעהען פון די וועניגע ידיעות, וואָס זענען דערגאַנגען צו אונז איבער דער קורצער צייט פון זיין הערשען, האָט ער זיך אינגאַנצען אונטערגעוואָרפען דעם איינפלוס פון די וועלטליכע צדוקים. צוליעב זיין איבערטריבענער ליעבע צו אַלעם גריכישעם איז ער פון די גריכישע היסטאָריקער געקרוינט געוואָרען מיט דעם ביינאָמען פ י ל ה ע ל ל ע ן (העלענענפריינד); גראָד דאָס אָבער האָט אָבגעשטויסען פון איהם די בריטע מאַסען פון פאָלק, וועלכע זענען געשטאַנען אויף דער זייט פון די פרושים און האָבען זיך געהאַלטען ביי די נאַציאָנאַלע טראַדיציעס און מנהגים.

קעניג אַריסטאָבול איז נישט בעליעבט געוועזען ביים פאָלק אויך צוליעב זיינע אַכזריות'דיגע מעשים געגען זיין מוטער און געגען זיינע ברידער. פון די לעצטע האָט אַריסטאָבול געלאָזען ביי זיך נאָר זיין ליעבלינג אַנטיגאָנאָס, און ווען זיינע הויף-יועצים האָבען איהם איינגערעדט, אַז ער, אַנטיגאָנאָס, זוכט זיך צו ערווערבען די ליעבע פון דער אַרמעע און פון פאָלק, אום לייכטער צוצוקומען צו דער מאַכט, — האָט ער אויך איהם געלאָזען אומברענגען.

דער דאָזיגער טרויעריגער פאַקט ווערט פון פאָלק אַזוי געשילדערט: ס'איז געווען סוכות, און דער קעניג אַריסטאָבול איז געלעגען קראַנק. דערווייל האָט זיך אַנטיגאָנאָס אומגעקעהרט פון אַ געלונגענער מלחמה, און גלייך נאָך זיין אָנקומען אין שטאָדט, האָט ער זיך, אין פולער בעוואָפנונג און אָן דער שפּיץ פון דער אַרמעע, געלאָזען געהן צום בית-המקדש, אום אָבצוריכטען די עבודה און אָבצוהאַלטען אַ תפלה פאַר'ן קעניגס געזונד. דאָס פאָלק האָט דעם בעליעבטען פּרינץ בע-

גייסטערט אויפגענומען, און דערמיט האָבען זיך זיינע שונאים בענוצט, אום צו פערוויכלערן דעם קראַנקען קעניג, אַז זיין ברודער טראַגט זיך ארום מיט אַ פּלאַן פון אַ מלוכה־איבערקעהרעניש און צו דעם צוועק האָט ער זיך עס איצט אַזוי פייערליך אוועקגעלאָזען צום בית־המקדש. דער אויפגערייצטער קעניג האָט דאַן אָבגעגעבען אַ בעפעהל זיין לייב־וואַך — צו טוידטען יעדען, וואָס וועט פּרובען אַריינגעהן אין פּאַלאַץ אַ בעוואָפענטער, און אין דער זעלביגע צייט האָט ער געשיקט אַ געהיימען שליח צו אַנטיגאָנע'ן מיט דעם אָנזאָג, דער לעצטער זאָל זיך גלייך מעלדען צו איהם נישט בעוואָפענט. דער שליח איז אָבער איבערגענומען געוואָרען פון די פערבּיסענע הויף־לייט, וועלכע האָבען איהם אָנגערעדט, ער זאָל איבערגעבען אַנטיגאָנאָס'ן אים קעניג'ס נאָמען, ער זאָל שוין קומען אין פּאַלאַץ אין זיין נייער בעוואָפנונג; אַנטיגאָנאָס האָט ערהאַלטען דעם פאַלשען בעפעהל, און איז גלייך אַוועק צום פּאַלאַץ, — וואו ער איז דערהרג'עט געוואָרען פון זיין ברודער'ס לייב־שומרים. דער טוידט פון דעם געליעבטען ברודער האָט נאָכמעהר פערשטאַרקט די קראַנקהייט פון דעם פיזיש־שוואַכען קעניג, און ער איז אין אַ קורצע צייט אַרום געשטאָרבען, זיצענדיג אויפ'ן טראָן נישט מעהר ווי איין יאָהר.

די אויסערליכע פּאָליטיק פון יהודה האָט זיך ווייטער געפיהרט אין דער ריכטונג פון דעם אַלטען יוחנן־הורקנוס, און אַריסטאָבול האָט אויך געשטרעבט צו פערברייטערן די גרענעצען פון זיין לאַנד. ער האָט אונטערגענומען אַ קריעגס־צוג (צוזאַמען מיט זיין ברודער אַנטיגאָנאָס) געגען די איטוּעער און טראַכאָניטען און האָט אַריינגענומען דעם גאַנצען געביט, וואָס זיי האָבען בעוואוינט, אין די גרענעצען פון יהודה; דערביי האָט ער זיך אויך געהאַלטען ביי זיין פאָטער'ס סיסטעם, און די בעזיעגטע פעלקער זענען געצוואונגען געוואָרען אָנצונעהמען די יודישע אמונה.

נאָך אַריסטאָבול'ס טוידט איז דער טראָן פון יהודה איבערגעגאַנגען צו זיין יונגערען ברודער יהונתן אָדער יאַנאַי, מיט דעם גריכישען נאָמען אַלעקסאַנדער. ער איז געווען דער עלטסטער פון די דריי געפאַנגענע ברידער, וואָס די אַלמנה פון דעם פערשטאָרבענעם קעניג האָט איצט בעפרייט, און אַזוי ווי אַריסטאָבול איז געשטאָרבען אָהן קינדער, האָט דער נייער קעניג און כהן גדול, אַלעקסאַנדער־יאַנאַי, געמוזט חתונה האָבען (מיבם זיין) מיט דער אַלמנה פון

זיין פערשטאָרבענעם ברודער, וואָס האָט זיך אויך גערופען מיט אַ דאָפּעלען נאָמען: שלומית אַלעקסאַנדראַ.

ווי ס'איז צו גלויבען, האָט דער נייער קעניג אין דער ערשטער צייט זיך דערנעהנטערט צום פאָלק און זאָגאַר אויך צוריקגעגעבען די פּרושים זייערע אַלע אַמאָליגע פּאָסטענס. דער פיהרער פון די פּרושים, שמעון בן שטח, האָט אָנגעהויבען, אַלס אַ ברודער פון דער קעניגין, אָפט צו קומען אין הויף, און דאָס פאָלק בכלל האָט זיך בעצויגען צום קעניג מיט צוטרוי און ליעבע; דער דאָזיגער צושטאַנד האָט זיך אָבער לאַנג נישט געצויגען. אַ זוהן פון אַ קריעגערישער פאַמיליע איז אַלעקסאַנדר יאַנאַי פון געבורט אָן געווען אַ סאָלדאַט, און דערצו איז צוגעקומען נאָך אַ אומשטאַנד, וואָס האָט איהם געהאָלפען בעזונדער שטאַרק ענטוויקלען זיינע קריעגערישע אייגענשאַפטען. דער אַלטער יוחנן-הורקנוס האָט דעם איצטיגען קעניג אין דער יוגענד נישט ליעב געהאַט, און נישט קענענדיג איהם פערטראָגען נעבען זיך, האָט ער איהם אוועקגעשיקט ערציהען קיין גליל, וואו דער נישט-בעגאַבטער פּרינץ האָט זיך אינגאַנצען איבערגעגעבען זיינע קריעגערישע נייגונגען. איצט, ווען דער צופאַל האָט דעם קאַמפּפס-לוסטיגען אַלעקסאַנדער-יאַנאַי אוועקגעשטעלט אָן דער שפּיץ פון דער יהודה'שער מלוכה, האָט ער געזעהען פאַר זיך נאָר איין איינציגע מיסיע: וואָס מעהר מלחמות, וואָס מעהר קאַמפּפס-נצחונות. איהם האָט אָבער געפעהלט די פיהרער-קראַפט און דער פּאָליטישער טאַקט, און מיט זיינע אומגעלומפּערטע אַרויסטרעטונגען האָט ער נאָר פערשווענדעט די פאָלקס-קרעפטען, און נישט איין מאָל צוגעבראַכט זיין מלוכה ביז'ן שוועל פון אָבגרונד. אויב אַלעקסאַנדער יאַנאַי'ן איז יאָ געלונגען דורכשניטליך צו פערברייטערן די גרענעצען פון יהודה אין די זיעבען און צוואַנציג יאָהר פון זיין הערשען, האָט ער עס געהאַט נאָר זיין גליק צו פערדאַנקען, און יעדענפאַלס נישט זיין קלוגהייט און זיין קראַפט. ווי זיין פאָטער, האָט ער זיך אויך בענוצט אין זיינע קריעגס-צוגען מיט געדונגענע סאָלדאַטען פון די אַרומיגע שבטים: די פּיזידע'ער און ציליציע'ער. צו די סורישע סאָלדאַטען האָט ער קיין צוטרוי נישט געהאַט, צוליעב דער פיינדליכער שטימונג, וואָס האָט געגליהט ביי זיי אין האַרצען, בנוגע צו זייער אַמאָליגער וואַסאַלין, צו יהודה.

אַלעקסאַנדער'ס ערשטער בליק איז געווען געווענדעט אויף ד ברעג-לענדער פון דעם מיטעללענדישען ים, וועלכע זענען איצט, צו=

ליעב די ארומרייסענישען אינ'ם סורישען הויף, אינגאנצען אונאָבהענגיג געוואָרען; און פון די דאָזיגע פרייע טעריטאָריומס, וועלכע זענען געווען בעפעלקערט מיט גרעקען און פיניקער, האָט בעזונדער צוגעצויגען די אויפמערקזאמקייט פונ'ם יהודה'שען קעניג די שטאָדט פטאָלאָמעאוס (עכו) מיט איהר רייכער בעפעלקערונג און אויסגעצייכענטען האפען. דער קריעגערישער אלעקסאנדער יאנאי האָט בעלאגערט די דאָזיגע שטאָדט מיט א גרויסער מחנה סאָלדאטען; דאן האָבען זיך די איינוואוינער געווענדעט נאָך הילף צו דעם עגיפטישען פרינץ פטאָלאָמעאוס לאטוראָס, וועלכער האָט געפיהרט א קאמפף געגען זיין מוטער קלעאָפאטרא. דער לעצטער האָט זיך אָנגעחאפט אָן דעם פאָרשלאָג, וואָס איהם האָט געגעבען די מעגליכקייט אי צו פערגרעסערען זיין מאכט, אי זיך צוצורוקען נעהנטער צו די גרענעצען פון זיין מוטער'ס מלוכה, און ער איז צוגעקומען מיט דרייסיג טויזענד סאָלדאטען צו דעם יהודה'שען האפען. א קורצע צייט זענען די פיינדליכע לאגערן געשטאנען איינער געגען אנדערן, און ענדליך אין א שבת'דיגען טאָג, האָט זיך פונאנדערגעפלאקערט די גרויסע שלאכט, וואָס האָט זיך געענדיגט מיט דער פאָלשטענדיגער מפלה פון דער יהודה'שער ארמעע. טויזענדער געפאלענע זענען אויפ'ן שלאכט=פעלד געבליבען, מאסען זענען געפאנגען געוואָרען און די איבריגע זענען זיך צולאָפען. און דערמיט אליין האָט זיך נאָך דער עגיפטישער פרינץ נישט בעפריעדיגט: ער איז שרעקליך אויפגערייצט געווען געגען דער בעפעלקערונג פון יהודה דערפאר, וואָס די יהוד'ער אין עגיפטען שטיצען זיין מוטער אין איהר קאמפף מיט איהם פאר'ן עגיפטישען טראָן, און אויסער זיין נצחון איבער אלעקסאנדער'ן האָט ער זיך נאָך געוואָלט נוקם זיין אויך אָן די פריעדליכע איינוואוינער פון יהודה. ער האָט זיך אריינגעריסען אין לאנד און געהרג'עט און גערויבט נישט שוינענדיג אפילו — פרויען און קליינע קינדער.

אלעקסאנדער יאנאי האָט זיך דאן געזעהען געצוואונגען נאָכצוגעבען דעם שטארקען געגנער, און ער האָט געשלאָסען א פריעדענס=אָבמאך מיט דעם עגיפטישען פרינץ. דאָס איז אָבער געווען נישט מעהר, ווי א דיפלאָמאטישער מאנעווער, אום צו געווינען צייט; אלעקסאנדער האָט כלומר'שט נאָכגעגעבען אלע פאָדערונגען פון דעם עגיפטישען טראָן=פרעטענדענט, און אין דער זעלביגער צייט האָט ער שוין געהאט פארטיג א פלאן, ווי אזוי זיך נוקם צו זיין אָן זיין בעזיגע=

גער און ווי אַזוי צוריק צו געווינען די אַלע פערלוירענע פּאָזיציעס און פּריוויליגיעס. ער האָט געשלאָסען אַ געהיימען אָבמאַך מיט פּטאָלאָמעי'ס מוטער, וועלכע האָט געקוקט מיט שרעק אויף דעם אונגעהויערען נצחון פון איהר זוהן און איז אויך געווען פּעראינטערעסירט אין דעם, איהם וואָס מעהר אָבצושוואַכען.

און דאָ האָט זיך אויך אַרויסגעוויזען די בלויזע צופעליגקייט פון אַלעקסאַנדער'ס פּאָליטיק, וואָס האָט דעם יהודה'שען פאָלק שיער נישט געקאָסט זיין פרייהייט. בעקומענדיג פון אַלעקסאַנדערן דעם פאָרשלאָג, איהם צו שטיצען מיט מיליטער, איז אין דעם עגיפּטישען מלוכה־ראַט דערוועקט געוואָרען די פראַגע, צי לוינט נישט פאַר קלעאָפּאַטראַ'ן אויסצונוצען איינגאַנצען די הילפלאָזע לאַגע פון יהודה און זי צוריק איינצושליסען אין דער רייהע פון די עגיפּטישע פּראָווינצען — אַזוי ווי זי איז געווען אַמאָל. און דער דאָזיגער פּלאַן וואָלט זיכער אָנגענומען ווערן, און יהודה וואָלט זיכער אַרונטערפאַלען אונטער דער מאַכט פון אַ פרעמדער מלוכה; דאָ איז אָבער צוגעקומען אַ זייטיגער פאַקטאָר, וואָס האָט געווירקט צום גונסטען פון דער יהודה'שער זעלבסטשטענדיגקייט און זי ביים לעבען דערהאַלטען: אין דער עגיפּטישער אַרמעע האָבען צוויי אַלעקסאַנדרינישע יודען, די ברידער חלקיה און חנניה, פערטרעטען זעהר הויכע פּאָסטענס, און אָט דער לעצטער איז שאַרף אַרויסגעטרעטען געגען דעם פּלאַן פון פערשקלאַפען יהודה. ער האָט דער עגיפּטישער קעניגין פּשוט געדראָהט מיט אַ אויפשטאַנד פון אַלע איהרע יודישע אונטערטאַנען, און דערצו איז די בעדייטונג פון זיינע פערזענליכע פעהיגקייטען אַלס דיפּלאָמאַט און קריגספיהרער אויך צו־גרויס געווען, אום צו קענען זיך נישט רעכנען מיט זיין צופריעדענהייט אָדער אונצופריעדענהייט.

קלעאָפּאַטראַ האָט זיך אַלזאָ געמוזט אָבזאָגען פון די אַלע פיינדליכע פּלענער געגען יהודה, און נאָך דעם אָבמאַך, וואָס זי האָט געשלאָסען מיט אַלעקסאַנדערן, האָט זי איהם אַרויסגעשיקט צו הילף אַ גרויסע מחנה סאָלדאַטען אונטער דער אָנפיהרונג פון די זעלביגע צוויי יודישע ברידער. די דאָזיגע עגיפּטישע אַרמעע האָט מציל געווען נישט בלויז די פרייהייט פון דעם יודישען פאָלק, נאָר אויך — זיין לעבען, ווארום פּטאָלאָמעאוס לאַטוראָס האָט זיך נאָך פריהער דערוואוסט פון די אונטערהאַנדלונגען, וואָס אַלעקסאַנדער פיהרט מיט זיין מוטער, און ער האָט שוין געהאַט אַ גרויסען טייל פון דער יהודה'שער

ערד מיט יודיש בלוט פערגאָסען—מיט בלוט פון יודישע מוטער'ס און יודישע קינדער, וועלכע זענען צוהאַקט געוואָרען אויף קליינע שטיקלעך און געוואָרפען געוואָרען אין קאַלענדיגען וואַסער. לאַטוראָס האָט שוין געהאַט איינגענומען די שטאַרקסטע פונקטען פון יהודה; צוקומענדיג צו עזה האָט איהם אָבער בעגעגענט די עגיפּטישע אַרמעע, און נאָך אַ גאַנצער רייהע צוזאַמענשטויסען אויפ'ן ים און אויף דער יבשה האָט דער יודישער אָנפיהרער פון קלעאָפּאַטראַ'ס מיליטער (חלקיה איז גע־בליעבען אויפ'ן שלאַכט־פעלד) בעזיעגט איהר זוהן — דעם עגיפּטישען קרוין־פּרינץ. דער לעצטער האָט זיך דאַן אומגעקעהרט צוריק אויף זיין אינזעל ציפּער, און יהודה האָט פריי אָבגעצויגען דעם אָטעם נאָך די אַלע איבערגעלעבטע בלוטיגע אונרוהיגע געשעהענישען.

אַרום זעקס־זיעבען יאָהר האָט זיך די שטילע צייט געצויגען. דאָס אינערליכע לעבען אין לאַנד איז זיך דערוויילע געגאַנגען מיט זיין וועג, און אַזוי לאַנג ווי דער קריעגערישער קעניג איז געוועזען פער־נומען מיט זיינע מלחמות, האָט ער זיך בעצויגען גאַנץ נייטראַל צו די אינעריגע סכסוכים צווישען די פרושים מיט די צדוקים, אָדער ער האָט זיך איינגאַנצען נישט אינטערעסירט מיט זיי. נעהנטער צו די סכסוכים איז געשטאַנען זיין פרוי שלומית, וועלכע איז אַליין געוועזען אַ הייסע אָנהענגערין פון די פרושים, און אַ דאַנק איהר איינפלוס איז איהר ברו־דער, שמעון בן שטח, אימשטאַנד געוועזען אויסצוגלייכען אַלע מחלוקת'ען און צו דערהאַלטען דעם עפענטליכען שלום.

די דאָזיגע נייטראַליטעט האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטען. אָדער די קריעגערישע שטרעמונגען פון דעם מנושם'דיגען קעניג האָבען זיך אָנגעשטויסען אָן די אינעריגע נבואה־אידעאַלען פון די פרושים־פאָלקס־פיהרער, אָדער דער דעספּאָטישער הערשער האָט געזעהען אין דעם צוריק ערוואָרבענעם איינפלוס פון די דעמאָקראַטישע פרושים אַ שטערונג אויף דעם וועג פון זיין מאַכט, אָדער ער האָט סתם געוואָלט צוציהען אויף זיין זייט די קריעגערישע צדוקים, — אַ פאַקט איז, אַז אַלעקסאַנדער איז מיט איין מאָל אַרויסגעטרעטען אַלס אָפענער געגנער פון די פרושים און האָט אויף אַ חוצפה'דיגען אופן אָנגעגריפען זייערע הייליגסטע געפיהלען. דאָס איז געוועזען אינ'ם יום־טוב סוכות, און אַלעקסאַנדער האָט ערפילט די עבודה אין בית המקדש אַלס כהן גדול. דאָס פערזאַמעלטע פאָלק איז געשטאַנען טיעף בעגייסטערט פון דער אַרומיגער פייערליכקייט, פון דער אַרומיגער הייליגער שטימונג און

האָט געוואַרט אויף דעם מאָמענט, ווען דער כהן גדול וועט, לויט אַן׳אַלטער מסורה, אַרויפגיסען אַ זילבערן קענדיל וואַסער אויפ׳ן מזבח; דער לעצטער האָט דאָס אָבער נישט געטאָן, און אַנשטאָט אַרויפצוגיסען דאָס וואַסער אויפ׳ן מזבח, האָט ער עס מוטוויליג אויסגעגאָסען פאַר זיינע פיס. פערביטערט און אויפגעקאָכט פון דעם דאָזיגען חוצפה׳דיגען אַרויסטריט האָבען די פערזאַמעלטע פערוואָרפען דעם פערהאַסטען כהן גדול מיט די אתרוגים, וואָס זיי האָבען געהאַלטען אין די הענד, און עס וואָלט אפשר דער שענדליכער בעליידיגער פון די פאָלקס-געפיהלען מיט זיין לעבען בעצאָהלט דערפאַר, ווען ער וואָלט נישט רופען גלייך צו הילף זיינע געדונגענע פיזידישע און ציליצידישע סאָלדאַטען, וועלכע זענען ווי צוגעגרייט געווען צו דעם אויפשטאַנד און האָבען זיך ווי צורייצטע, ווילדע חיות אַרויפגעוואָרפען אויפ׳ן פאָלק. ביז זעקס טויזענד מאַן זענען דאַן געפאַלען אין בית המקדש אַלס קרבנות פון אַלעקסאַנדער׳ס אכזריות, און אום אויסצומיידען נאָך אַזאַ אויסברוך פונ׳ם פאָלקס-צאָרן אין דער צוקונפט, האָט ער זיין פלאַץ אין בית המקדש אָבגעטיילט פון דעם זאַל, וואו דאָס פאָלק האָט זיך געפונען, מיט אַ הויכער וואַנט. און נישט נאָר אין בית המקדש — נאָך דעם בלוטיגען צוזאַמענשטויס איז אויך אין לעבען אַן׳אייזערנע וואַנט אויסגעוואַקסען, אַ וואַנט פון צאָרן און פערביטערונג, וואָס האָט אָבגעטיילט דעם פאָלק פון זיין טיראַנישען הערשער מיט זיינע שטיצער און אַנהענגער. די אונגליקליכע שפאַלטונג אין דעם יודישען פאָלקס-לעבען פאַר די צייטען פון רחבעם און ירבעם האָט זיך איצט איבערגעחזר׳ט אין דער געשטאַלט פון די ביידע פאַרטייען, וואָס זענען גרייט געווען צו קעמפפען צווישען זיך — אויף לעבען און טוידט.

און דער בלוטיגער הערשער האָט זיך צוריק צו זיין אַרבייט גענומען — שוין צו לאַנג איז ער אויף איין אָרט געזעסען. ער האָט זיך נאָך אַלץ אַרומגעטראָגען מיט זיינע גרויסע קריגס-פלענער, און איצט האָט ער געגלויבט צו געפינען אַן׳אויסרעד דערצו. ער האָט געוואָרפען אַן׳אויג אויף די געגענדען פון יענער זייט ירדן און אין דרום-מזרח זייט פון טבריה, און האָט זיך אַוועקגעלאָזען אַהין מיט מיליטער; איהם איז אָבער אַרויס אַנטקעגען דער נאַבאַטעאישער קעניג אָבאָדאַ און האָט איהם פערנאַרט אין אַ טיפען גראָבען צווישען די גלעד-בערג, וואו אַלעקסאַנדער׳ס אַרמעע איז כמעט אינגאַנצען

אומגעקומען און ער אַליין איז קוים אַ לעבעדיגער צוריקגעקומען קיין ירושלים.

דאָס האָט נאָכמעהר צופלאַמט די פערביטערונג פון די פרושים און זיי נייעם שטאָף געגעבען צו דער אַגיטאַציע געגען אַלעקסאַנדערן. אין אַ פערלויף פון זעקס יאָהר (פון 84 ביז 89) האָבען נישט אויפגעהערט די בלוטיגע אויפשטאַנדען און די אינערליכע מלחמות. אַלעקסאַנדערן האָט זיך אפילו איינגעגעבען צו דערשטיקען יעדען אויפשטאַנד גלייך ביי זיין אויסברוך מיט דער הילף פון געדונגענע סאָלדאַטען; די אינערליכע פערביטערונג פון פאָלק איז ער אָבער נישט אימשטאַנד געווען איינצושטילען. ביי יעדער „בערוהיגונג“ איז בלוט פערגאָסען געוואָרען און דאָס האָט געדיענט אַלס אָנהויב פאַר אַ נייעם אויפשטאַנד.

ענדליך איז דער דעספאָטישער אַלעקסאַנדער שוין אויך מיעד געוואָרען, און ער האָט דער ערשטער אויסגעשטרעקט זיין האַנד צו די פרושים; זייער פערביטערונג איז אָבער צו שטאַרק, צו גיפטיג געווען און זיי האָבען זיין האַנד אָבגעשטויסען. אַלעקסאַנדער האָט פאָרגעלעגט די פרושים, זיי זאָלען איהם אַרויסשטעלען זייערע פריעדענס־בעדינגונגען; אויף דעם האָבען די לעצטע איהם געענטפערט, אַז זייער ערשטע בעדינגונג איז — זיין טוידט.

און ביז אַזוי ווייט איז דערגאַנגען דער פערביטערטער כעס פון די פרושים, און אַזוי שטאַרק האָט געפלאַמט אין זייערע הערצער דער דורשט, זיך נוקם צו זיין אָן דעם בלוטיגען הערשער מיט זיינע יועצים און שטיצער, אַז זיי האָבען גאָרנישט בעמערקט די אונגליקען, וואָס רייסען זיך אַריין אין לאַנד צוזאַמען מיט די בלוטיגע ברידער־מלחמות, און ביי זיי איז רעכט געוואָרען זיך צו ווענדען צו דעם דעמאָלדיגען סירישען קעניג, דימיטריאָס איי‍קעראָס, מיט דעם פאָרשלאָג, ער זאָל אַריינפיהרען זיינע סאָלדאַטען אין יהודה און קעמפפען מיט זיי צוזאַמען געגען דעם חשמונאי'שען הערשער, וואָס האָט פערפלעקט דעם טראָן מיט'ן בלוט פון זיין פאָלק.

און ס'איז ווירקליך אַזוי געווען. אַנטיוכס עפיפאַנוס'עס איינִיקעל האָט מיט פערגניגען אָנגענומען דעם פאָרשלאָג פון די יהודה'שע רעוואָלוציאָנערען, און זיך גלייך אַריינגעריסען מיט אַ מחנה סאָלדאַטען אין צענטר פון יהודה; דאַן איז איהם אַלעקסאַנדער אַרויס אַנטקעגען ביז שכם, און אויף דער שומרונישער ערד האָט זיך צופלאַ־

קערט א בלוטיגע שלאכט, אין וועלכער עס האבען געקעמפפט יודען געגען יודען און גריכען געגען גריכען.

געענדיגט האט זיך דער בלוטיגער צוזאמענשטויס מיט דער פאלשטענדיגער פערניכטונג פון אלעקסאנדער'ס געדונגענע מחנות, און ער אליין האט געמוזט אנטלויפען און זיך בעהאלטען אין די בערגפון אפרים (98).

דא האבען זיך די יהודה'שע רעוואלוציאנערען אבגעשטעלט. זיי האבען זיך נוקם געווען אן דעם פערהאסטען קעניג: ער איז עלענד, פערטריעבען, זיין מאכט איז דערשלאגען. וואס וועט אבער מיט'ן פאלק זיין? סאלדאטען פון א פרעמדער מלוכה האבען אין זייערע הענד יהודה'שע שטעדט, יהודה'שע דערפער; קינדער פון א פרעמדען, געצענדיענערישען פאלק קעמפפען פאר די יודישע אידעאלען, זענען זיך נוקם פאר פערשוועכטע יודישע הייליגקייטען. שטעהט דא נישט פאר א שרעקליכע געפאהר פאר דעם קיום פון דער גאנצער אומה?

און דאס פאטריאטישע געפיהל האט געזיעגט: זעקס טויזענד פרושים זענען איבערגעגאנגען אויף אלעקסאנדער'ס זייט, און דער סירישער הערשער האט געמוזט פערלאזען דאס לאנד. געבליעבען איז אבער נאך א גרויסע צאהל פערביסענע און וויטענדע פרושים-רעוואלוציאנערען, וואס האבען בעשלאסען ווייטער צו פיהרען דעם קאמפף געגען אלעקסאנדערן אהן דער הילף פון פרעמדע סאלדאטען; זיי איז אבער אלעקסאנדער'ן נישט שווער אנגעקומען צו בעזיעגען, און ווען זיי האבען זיך ענדליך בעהאלטען אין דער פעסטונג ביתם, האט ער זיי בעלאגערט און איינגענומען. די געפאנגענע רעוואלוציאנערען זענען אבגעפיהרט געווארען אין ירושלים, און ווידער האט דער מערדערישער קעניג פערפלעקט די גאסען פון דער יהודה'אישער הויפטשטאדט מיט א שוידערהאפטער בלוט-באד: ער האט געלאזען (אונטער דעם איינפלוס פון זיין צדוקישען פריינד דיאגאן) אויפהענגען אכט הונדערט פון די געפאנגענע רעוואלוציאנערען, טוידטענדיג פריהער זייערע ווייבער און קינדער — זיי אין די אויגען.

די לעגענדע גיט נאך צו, אז וועהרענד די דאזיגע בלוטיגע סצענעס, האט אלעקסאנדער זיך געפונען אין דער געזעלשאפט פון אויסגעלאסענע פרויען, מיט וועלכע ער האט געשכור'ט און געהוליעט. איז דאס געווען פשוטע אכזריות פון א מערדערישער נאטור אדער א פערשכור'טער אויסברוך פון לאנג דערשטיקטע נקמה-לייךענשאפטען? גי-

כער לאָזט זיך געֿויבען דאָס ערשטע , און אַלס אַזעלכען האָט איהם אַנערקענט אויך דאָס פאָלק , קרוינענדיג איהם מיט דעם שענדליכען ביינאָמען טראַציד (ווילדער , תלין , רוצח) ; אַלעקסאַנדער האָט זיך אָבער צו דער צייט גאַנץ ווייניג גערעכענט מיט דער שטימונג פון פאָלק און ער האָט איצט מיט פולער צופריעדענהייט געפייערט דעם יום טוב פון זיין פאָלשטענדיגען נצחון איבערן אינערליכען שונא . ביז פופציג טויזענד מאַן פון ביידע זייטען זענען אומגעקומען אין דעם פערלויף פון דער צייט , זינט עס האָבען זיך אָנגעהויבען אין לאַנד די בלוטיגע מלחמות , און איצט האָבען די פרושים אינגאַנצען בעפרייט אַלעקסאַנדער'ן מיט זיין באַנדע פון יעדער פעראַנטוואָרטליכקייט . די גרויזאַמע שחיטות און רציחות פון דער לעצטער צייט האָבען אונמעגליך געמאַכט פאַר די פרושים , צו פערבלייבען אין לאַנד , און אין דער נאַכט פון די אַכט הונדערט תליות זענען אַכט טויזענד פרושים , מיט זייער אָנפיהרער שמעון בן שטח , אַנטלאָפען פון יהודה . מיט טיעפע וואונדען אין האַרצען האָבען די דאָזיגע בעסטע זיהן פון פאָלק זיך דערווייטערט פון זייער היים , פון זייערע בערגער און טאָלען , פון זייער בית=המקדש ; זייערע אויגען זענען אָבער אויך ווייטער געווענדעט געבליבען צו דער זייט פון יהודה , און טיעף אין האַרצען האָבען זיי נישט אויפגעהערט צו האָפען אויף יענער צייט , ווען גאָט וועט אויפריכטען זייער לאַנד און עס בעפרייען פון זיינע שלעכטע אַכזרי'שע פיהרער . בעזונדערס דאָבען זיך די עמיגראַנטען אין סוריען און מצרים .

און יהודה האָט זיך „בערוהיגט" — קיינער איז דעם בלוטיגען הערשער אין וועג נישט געשטאַנען . ער האָט זיך דעריבער געקענט איצט פריי איבערגעבען זיין אַלטער ליידענשאַפט צו פיהרען מלחמות , און ער האָט עס ווירקליך געטאָן . נישט קוקענדיג אויף זיינע אַלע מפלות האָט זיך אַלעקסאַנדער'ן שוין ביז דער צייט דאָך געהאַט איינגעגעבען צו פערגרעסערן יהודה מיט אַ גאַנצער רייהע שטעדט און געגענדען : אויף דער זייט ירדן פון ראַפיא און דרום ביז צו די כרמל=בערג אין צפון , און אויף יענער זייט — פון סעליציא אין צפון ביז דער פאַלמען=שטאָדט צהר , אין דרום=זייט פון ים המלח . די איינגענומענע פונקטען האָט אַלעקסאַנדער געלאָזען גוט בעפעסטיגען , און די פעסטונגען אַלעקסאַנדריאָן ביים ירדן , מכרת ביים ים המלח און הירקאַניאָן , וואָס איז אויבגעשטעלט געוואָרען נאָך פאַר

זיין פאָטער, זענען געווען בעריהמט אַלס אונבעזיגבאַרע שוץ-פּאָזיציעס. צוזאַמען מיט די פיעל איינגענומענע געביטען איז אַרונטערגעפאַלען אונטער דער יהודה'שער קרוין אויך אַ גרויסע גריכישע בעפעלקע-רונג, און אַלעקסאַנדער האָט געלאָזען אויסגיעסען מטבעות, וואָס האָ-בען געהאַט אויף זיך צוויי אויפשריפטען: אַ העברעאישען מיט אַ גריכישען. דאָס איז געווען דער ערשטער פאַקט אין דער נייער יודישער מלוכה פון בענוצען זיך אָפּיציעל אויך מיט אַנ'אַנדער שפראַך אויסער העברעאיש. די דאָזיגעביידע אויפשריפטען האָבען בעצייכענט אַלעקסאַנדער'ן אַלס קעניג, ווערענד די פריהערדיגע מטבעות האָ-בען נאָך געטראָגען אויף זיך דעם טראַדיציאָנעלען בלויז-העברעאישען אויפשריפט: יהונתן הכהן הגדול וחבר היהודים (יהונתן — יאַנאַי — דער כהן גדול און די יהוד'ער-געזעלשאַפט).

איצט האָט זיך אַלעקסאַנדער ווידער אַוועקגעלאָזען אויפ'ן שלאַכט-פעלד, און נאָך אַ דריי-יעהריגען קאַמפּף מיט פערשיעדענע געגנער, וואָס האָט זיך געענדיגט אַמאָל מיט אַ מפלה און אַמאָל מיט אַ נצחון פון דער יהודה'שער אַרמעע, — האָט זיך אַלעקסאַנדער דאָך אומגעקעהרט קיין ירושלים אַלס זיעגער. יהודה איז ווידער פער-גרעסערט געוואָרען מיט עטליכע בעדייטענדע טעריטאָריומס, און דער אַלטער חלום פון די ערשטע חשמונאים איז שוין כמעט פערווירקליכט געוואָרען: די גרענעצען פון יהודה האָבען פערנומען דעם גאַנצען שטח — פון ים ביז'ן מדבר. די דאָזיגע נצחונות פון דער לעצטער צייט האָבען געמילדערט אַביסל אויך די בעציהונג פון פאָלק צום קע-ניג, און עס האָט זיך געלאָזען גלויבען, אַז די אַלע אַלטע חטאים און רציחות פון דעם גרויזאַמען הערשער זענען פערשוואונדען געוואָ-רען פונ'ם פאָלקס זכרון.

בכלל האָט זיך אַלעקסאַנדער אין דער צייט גאַנץ ווייניג אָבגעגע-געבען מיט די אינערליכע אָנגעלעגענהייטען פון לאַנד — ער איז כסדר פערנומען געווען מיט זיינע מלחמות. ליידענדיג פון אַ שטאַר-קען פיעבער, וואָס האָט איהם אונאויפהערליך געמאַטערט אין די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען, האָט ער דאָך דאָס בעליעבטע שלאַכט-פעלד נישט פערלאָזען, און ביי איינער פון זיינע מיליטערישע אָפּעראַציעס, ביי דער בעלאַגערונג פון באַגאַראַ, האָט זיך זיין קראַנקהייט שטאַרק פערערגערט. דער שאָטען פון טוידט האָט אָנגע-הויבען אַרומשוועבען פאַר די אויגען פון דעם קריעגערישען הערשער

און — דאָס געוויסען האָט אין איהם ערוואַכט. ער האָט בעשטימט דער פרומער און עהרליכער קעניגין, וועלכע איז צו איהם געקומען, אַלס פאַקטישע מלוכה=פיהרערין און האָט איהר אָנגעזאָגט, זי זאָל זיך דערנעהנטערן צו די פרושים, זי זאָל זיי איבערגעבען די גאַנצע הנהגה פון לאַנד און קיין זאַך נישט טאָן אָהן זייער איינשטימונג. דערביי האָט ער איהר אויך אויסגעדריקט זיין ווילען, מ׳זאָל די סאָלדאַטען נישט געבען צו וויסען וועגען זיין טוידט, אַזוי לאַנג ביז די בעלאַגערטע פעסטונג וועט זיך נישט אונטערגעבען, און דאַן — זאָל מען זיין קערפער איבערגעבען צו די פרושים אין די הענד, זיי זאָלען איבער איהם אויסאיבען זייערע נקמה=געפיהלען אָדער — איהם בעגראָבען מיט כבוד.

און די פרושים האָבען ווירקליך אויסגעאיבט זייערע נקמה=געפיהלען, אָבער נישט איבער׳ן קערפער פון געשטאָרבענעם. דער קערפער פון געשטאָרבענעם אַלעקסאַנדער יאַנאַי (אויפ׳ן 25=טען יאָהר פון זיין לעבען און 27=טען פון זיין הערשען) איז איבערגעפיהרט געוואָרען קיין ירושלים, וואו די קעניגין האָט איהם געלאָזען בעגראָבען מיט פייערליכקייט און פּאַראַד. די פרושים האָבען אָבער דעם טאָג פון זיין שטאַרבען אַריינגענומען אין דער רייהע פון די נאַציאָנאַלע יום=טובים, און אין דער בעשטימונג פונ׳ם דאַטום לויט די רעגירונג׳ס=יאָהרען פונ׳ם חשמונאי׳שען כהן גדול, האָבען זיי אָנגעהויבען צו שרייבען: „אין דעם און דעם יאָהר צו דער הערשונג פונ׳ם כהן=גדול”, אָנשטאָט דעם טראַדיציאָנעלען נוסח: „אין דעם און דעם יאָהר צו דער הערשונג פונ׳ם כהן=גדול פון דעם אַלערהעכסטען גאָט”.

אָן דער שפּיץ פון יהודה איז איצט אַוועקגעשטעלט געוואָרען שלומית, מיט דעם הערשער=נאָמען אַלעקסאַנדראַ; און אויב ס׳איז מעגליך צו רעדען וועגען צוויי ריכטונגען אין אַ מלוכה=לעבען, וואָס זענען אינגאַנצען אַנטקעגענגעזעצט איינע דער אַנדערער, לאָזט זיך עס אַמבעסטען אילוסטרירען מיט דער מלוכה=ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין יהודה נאָך דעם טוידט פון דעם קריגערישען קעניג. אַלעקסאַנדער האָט דאָס לאַנד געהאַלטען אין די גאַנצע זיבען און צוואַנציג יאָהר פון זיין הערשען, ווי אין אַ ווילדען, ברויזענדען שטורם; איז רוהיג געוואָרען פון אויסווענדיג, האָבען זיך אין לאַנד גופא אָנגעהויבען מהומות און איבערקעהרענישען און בלוט=פערגיסונגען, און ביי דער מינדעסטער בערוהיגונג אין לאַנד, האָט עס זיך

גלייך ווידער אנגעהויבען צו טרייסלען צוליעב א מפלה פון אויסוועניג.

איצט אבער האט זיך אנגעהויבען א נייע צייט פאר דער אויסגעמאטערטער יהודה, — א צייט פון מנוחה און פריעדען. אליין א איבערצייגטע אנהענגערין פון די פרושים, האט די קעניגין דאך פערשטאנען זיך נישט איבערצובויגען אינגאנצען אין איין זייט, אום נישט נאכמעהר אויפצורייצען די אויפגערעגטע ליידענשאפטען און דעם בלוטיגען האס, וואס האבען געהאלטען די ביידע פארטייען, ווי צוויי פיינדליכע לאגערן, איינע געגען דער אנדערער. די פרושים ווי די צדוקים, ביידע האבען ליעב דאס פאלק, ביידע ווילען איהם זעהען גליקליך, — זאלען זיי-זשע ביידע געמיינזאם ארבייטען פאר זיין גליק און וואוילשטאנד, יעדערער אויף דעם געביט, צו וועלכען ער איז אממעהרסטען צוגעפאסט. אט דעם וועג פונ׳ם אלטען יוחנן הורקנוס אין די ערשטע יאהרען פון זיין גרויסקייט, האט זיך אויך אלעקסאנדרא אויסגעוועהלט, און אזוי ווי ער, האט זי אויך איבערגעגעבען אלע אינערליכע אנגעלעגענהייטען פון לאנד אין די הענד פון די פרושים, איבערלאזענדיג די פיהרונג פון דער אויסערליכער פאליטיק און פון דער ארמעע — די צדוקים.

דאס פאלק האט פאר אלעקסאנדרא׳ס הערשאפט פריי אבגעאטעמט. קיינער פון די שכני׳שע פירשטען האט נישט געוואגט זיך אריינצורייסען אין די גרענעצען פון דער מעכטיגער יהודה; דער אריסטאקראטיש-שטרענגער רעזשים האט אנגעהויבען אבצוטרעטען זיין פלאץ די דעמאקראטיש-מענשענפריינדליכע איינפיהרונגען פון די פרושים, און די נאטור אליין האט אויך געבענשט דאס לאנד מיט א אונגעוועהנליכער פרוכטבארקייט.

אלם כהן גדול האט די קעניגין בעשטימט איהר עלטסטען זוהן הורקנוס, א מענש מיט א שוואכען כאראקטער און מיט גאנץ וועניג פעהיגקייט צו וועלכען ס׳איז שארפען, עפענטליכען ארויסטריט, און דאגעגען האט זי דעם יונגערן זוהן, אריסטאבול, מיט דעם קריעגערישען טעמפעראמענט און די צדוקישע נייגונגען פון פאטער, — אינגאנצען דערווייטערט פון די מלוכה-אנגעלעגענהייטען. די מיטווירקונג און די גאנצע פאקטישע אינערליכע הנהגה פון לאנד איז איצט אלזא איבערגעגאנגען צו די נאהנטע יועצים און הויף-לייט פון דער קעניגין, און די זענען געווען כסדר פרושים. דעם ערשטען פלאץ צווישען די דאזיגע יועצים, וואס האבען געהאט א שטארקען איינפלוס אויף דעם

גאַנג פון דער מלוכה=פיהרונג, איז געווען דער קעניגינ'ס ברודער, שמעון בן שטח, וועלכער האָט זיך נאָך אַלעקסאַנדער'ס טוידט אומגעקעהרט קיין יהודה צוזאַמען מיט זיין חבר יהודה בן טבאי און מיט נאָך פיעל פון די פערטריעבענע פרושים. זיין בעטהייליגונג אין דעם מלוכה=לעבען פון יהודה פאַר דער צייט איז געווען אַזוי אָנגעזעהען, אַז די כראָניקער שטעלען איהם שטענדיג צוזאַמען מיט דער קעניגין און שרייבען: „אין די טעג פון שמעון בן שטח און דער קעניגין שלומית.“

ביי אַזאַ צושטאַנד האָט זיך דער איינפלוס פון די צדוקים אינגאַנצען פערלאָרען, און זייערע פאָזיציעס זענען איצט אַזוי שוואַך געווען, אַז זיי האָבען כמעט אָהן אַ ווידערשטאַנד געמוזט בּיסלעכווייז אָבטרעטען אַלע זייערע פלעצער אין די רעליגיעזע און געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס פון לאַנד. אָן דער שפּיץ פון סנהדרין האָבען זיך אַוועקגעשטעלט שמעון בן שטח מיט דעם דערמאָהנטען בן טבאי, און זייער ערשטע אַרבייט איז געווען אויסצוראָטען די איבערגעבליעבענע שפּורען פון די פריהערדיגע, צדוקי'שע, איינפיהרונגען און אָרדנונגען. אויף וויפיעל דאָס פאָלק איז צופריעדען געווען פון דעם דאָזיגען גייסטיגען אויפשטאַנד געגען דער שטרענגער געזעצליכקייט פון די צדוקים, קען עדות זאָגען דער פאַקט, וואָס עס האָט בעשטימט צו פייערן יאָהר יעהרליך דעם טאָג (14 תמוז), ווען עס איז צוריק איינגעפיהרט געוואָרען אין לאַנד דער שטראָף=קאָדעקס פון די פרושים.

די רעסטאַוראַציע (צוריקאויפשטעלונג, בענייאונג) פון סנהדרין און פון גאַנצען לעבען אין לאַנד האָט אויך איהרע קרבנות געפאָדערט. דאָס סנהדרין האָט פעראורטהיילט עטליכע פון די צדוקי'שע אָנפיהרער, אויף וועלכע דאָס פאָלק האָט געקוקט, ווי אויף שולדיגע אין די אַלע הריגות און שחיטות פון דעם געוועזענעם הערשער, און נאָך דער בעשטעטיגונג פון דער קעניגין, איז דער אורטהייל אויסגעפיהרט געוואָרען. אָט די יורידישע בעשטראָפונג פון די עטליכע פערהאַסטע צדוקים האָט אָבער נישט געהאַט אַזאַ ווירקונג אויפ'ן לאַנד, ווי די גאַנצע טעטיגקייט פונ'ם בענייטען סנהדרין, וואָס האָט זיך אין זיין פּראַקטיק כסדר אָנגעשטויסען אָן צדוקי'שע בעגריפען און געזעץ=אויסטייטשונגען. דאָס פאָלק מוז אָנהויבען לעבען צוריק לויט די געזעצען פון דער תורה, ווי די מסורה טייטשט זיי אויס; דער לעבענסגייסט פון פאָלק דאַרף נישט פערגליווערט ווערן, דאַרף זיך נישט איינ=

שליסען אין די ראַהמען פון דעם געשריבענעם וואָרט, נאָר איהם וועבען און וויַיטער ציהען און צופּאַסען זיַינע אַלטעגליכע אינטערעסען צו דעם הויכען גייסט פון דער געטליכער תורה; די גאַנצע געזעצגעבונג פון לאַנד דאַרף פיהרען דערצו, עס זאָל אויפגעהויבען ווערן די יודישע געזעלשאַפט און פערקערפּערן מיט זיך די העכסטע אידעאַלען פון דער יודישער נבואה — דאָס איז געוועזן די הייסע שטרעבונג פון די איצטיגע בעניַיער; און כדי וואָס בולט'ער צו מאַכען דעם שטעמפּעל פון זייער גייסט און לעהרע אויף דעם לעבען פון פאָלק, האָבען זיי געמוזט פערשטאַרקען זייערע געזעצען און דינים מיט פערשידענע סיגים און חומרות און האַרבע שטראָפען, וואָס זענען אָפט דערגאַנגען ביז צו די שאַרפסטע עקסטרעמען. עס איז געוועזן א סכסוך צווישען די פּרושים מיט די צדוקים אין דער פראַגע וועגען בעשטראָפען פאַלשע עדות (ביי קרימינעלע פּראָצעסען). לויט די צדוקים איז אויסגעקומען, אז פאַלשע עדות דאַרפען נאָר דאַן בעשטראָפט ווערן, אויב דער אַנקלאָגער איז צוליעב זייער עדות זאָגען פעראורטיילט און בעשטראָפט געוואָרען, און דאַגעגען האָבען די פּרושים געפאָדערט א שטראָף פאַר א פאַלשען עדות אפילו אויך אין דעם פאַל, ווען די פאַלשקייט פון זיין עדות זאָגען האָט זיך אַרויסגעוויזען נאָך פאַר'ן אורטייל און דער בעשולדיגטער איז אַרויס פריי. איצט איז פאָרגעקומען אזא פאַל אין'ם בעניַיטען סנהדרין, און יהודה בן טבאי האָט דעם עדות בעשטראָפט „אויף צו־להכעיס די צדוקים", דערביי איז ער אָבער בעגאַנגען א געוואַלדיגען יורידישען פעהלער און האָט איינגאַנצען פערגעסען, אז לויט דעם זין פון געזעץ קען מען נאָר דאַן בעשטראָפען פאַר פאַלש עדות זאָגען, ווען געגען דעם בעשולדיגטען זענען אַרויסגעטרעטען צוויי עדות, אָבער נישט איינער, וויַיל ביי איין עדות קען אין אַלגעמיין קיין בעשולדיגונגס־אורטייל נישט אַרויסגעטראָגען ווערן. אזא עקסטרעמע שטרענגקייט צוליעב די פאָדערונגען פון דער צייט האָט זיך נאָך עטליכע מאָל אַרויסגעוויזען אין דער טעטיגקייט פון סנהדרין, און ווי די לעגענדע דערצעהלט איז שמעון בן שטח'ס איינציגער זוהן אויך געפאַלען אלס קרבן פון אזא מין יורידישען טעות.

די דאָזיגע ביידע פיהרער האָבען דעריבער אָנגעזאָגט זייערע נאָכפאָלגער, זיי זאָלען זיין פאָרזיכטיג ביים אויספרעגען די עדות און דעם בעשולדיגטען און זעהן אויסמיידען יעדען טעות, און צו דעם צוועק

פון איינפלאַנצען אַט די גערעכטליכע פאָרזיכטיגקייט איז, ווייזט אויס, געשאַפען געוואָרען אין יענער צייט אויך די שענע ערצעהלונג שושנה. דאָרט דערצעהלט זיך פאָלגענדעס: צווייַ אויסגעלאַסענע מענער האָבען געוואָרפען אַנ'אויג אויף דער גאָטספאָרכטיגער און עהרליכער פרוי פון דעם אָנגעזעהענעם יהויקים, מיט'ן נאָמען שושנה, און ווען זי האָט מיט פעראַכטונג אָבגעוואָרפען זייער שענדליכען פאָרשלאָג, זענען זיי אַרויסגעטרעטען אין גערעכט און האָבען עדות געזאָגט, אַז זי האָט בייַ זיך אין גאָרטען פערבראַכט אַ לאַנגע צייט אין אויסגעלאַסענע אומאַרמונגען מיט אַ יונגען מאַן. די ריכטער האָבען געגלויבט די עדות און די פרוי האָט שוין געזאָלט פעראורטיילט ווערן; דאָ האָט זיך אָבער אויפגעשטעלט דער קלוגער דניאל און געפרעגט די עדות, אונטער וועלכען בוים די שענדליכע אומאַרמונגען זענען פאָרגעקומען, און ווען די לעצטע האָבען זיך סותר געווען איינע די אַנדערע אין זייערע רייד האָט דאָס גערעכט איינגעזעהען, אַז זיי האָבען פאַלש עדות געזאָגט און געוואָלט פערגיעסען אונשולדיג בלוט.

דאָס בענייטע סנהדרין האָט רעפאָרמירט אַלע געביטען פון דעם פאָלקס=לעבען און אומעטום געזוכט אַריינצוברענגען די יסודות פון גערעכטיגקייט און געוויסענהאַפטער פרומקייט. מיט שמעון בן שטח'ס נאָמען איז פערבונדען די איינפיהרונג פון דער „כתובה", וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דעם גאַנג פונ'ם פאַמיליען=לעבען בייַ יודען, שטערנדיג פון איין זייט דעם מאַן אָבצוהאַלט'ען דער פרוי פאַר דער מינדעסטען קלייניגקייט, און פערזיכערנדיג פון דער צווייטער זייט דער הילפלאָזער פרוי מיט אַ געוויסער מאַטעריעלער שטיצע.

נאָך וויכטיגער איז די אַנדערע איינפיהרונג פון דעם ווייטזיכטיגען פאָלקס=פיהרער. ער האָט געלאָזען עפנען שולען אין די גרעסערע שטעדט, און איינגעפיהרט, אַז „אַלע קינדער מוזען געהן אין שול". דאָס איז דער זיכערסטער וועג געווען צו ערציהען דעם פאָלק אין אַ געוויסער ריכטונג, איינצוואָרצלען אין איהם די בעגריפען פון דער יודישער תורה און צו פערשפרייטען צווישען די ברייטערע מאַסען די יודישע געזעץ=וויסענשאַפט.

בנוגע צו דער עבודה אין בית המקדש האָבען אויך די פרושים צוריק איינגעפיהרט די אַלע דינים און מנהגים, וואָס די צדוקים האָבען געהאַט מבטל געווען. אַזוי האָבען זיי איצט מיט פרייד און בעגייסטערונג געפייערט דאָס וואַסער=גיעסען אויפ'ן מזבח אום סוכות, און

מיט דער צייט איז אָט די צייטווייליגע פייערונג פערוואַנדעלט געוואָרען אין א יעהרליכען פאָלקס-יום-טוב, פון וועלכען מ'האָט שפּעטער דערצעהלט, אַז ווער עס האָט נישט בייגעוואוינט אָט די פרייד אין בית המקדש (שמחת בית השואבה), האָט קיינמאָל קיין שטורמישע פאָלקס-שמחה נישט געזעהען. אין דער נאַכט פלעגט דער באַרג פון בית המקדש אַזוי בעלויכטען ווערן, אַז די גאַנצע שטאָדט האָט אויסגעזעהען, ווי פערזונקען אין א פייערדיגען ים, און ליכטשטראָמען האָבען זיך אַריינגעריסען אין אַלע ווינקעלעך. דאָס גאַנצע פאָלק איז געווען פערזאַמעלט אַרום בית המקדש, וואו עס האָבען זיך געטראָגען אין דער לופטען פרעהליכע, פייערליכע ליעדער; אויף יעדען איינעם פון די פופצעהן טרעפּ, וואָס האָבען געפיהרט פון דער עזרת-נשים צו איינער פון די העכערע עזרות, פלעגט דער לוים-כאָר, אין דער בעגלייטונג פון האַרפען, קלאַנג-בעקענס און נאָך אינסטרומענטען, זינגען אויסגעוועהלטע קאַפּיטלען פון תהלים (שיר המעלות'ען), וואו ס'האָט זיך אַממעהרסטען גערעדט וועגען דער צוריקקעהרונג פונ'ם ערשטען גלות און וועגען די חסדים, וואָס גאָט טוט מיט זיין פאָלק. צום סוף פלעגט זיך דער כאָר ווענדען צום פערזאַמעלטען פאָלק:

לויבט, פרייזט גאָטס נאָמען,
לויבט איהם, איהר גאָטס קנעכט.

און די פערזאַמעלטע פלעגען איהם ענטפערן:

לויבט גאָט—גאָט איז גוט,
בעזינגט זיין נאָמען — זיין נאָמען איז זיס;
דען יעקב'ן האָט ער זיך אויסדערוועהלט,
ישראל'ן—פאַר זיין שאַץ.

א עהנליכער יום-טוב פאַר'ן פאָלק איז געווען חמשה עשר באָב — דער טאָג, ווען עס פלעגט געשענקט ווערען פיעל האָלץ פאַר'ן בית המקדש. אין דעם יום-טוב האָבען זיך בעזונדער בעטייליגט די בנות ציון (ציון'ס טעכטער), וועלכע פלעגען פערברענגען דעם גאַנצען טאָג אין געזאַנג און טענץ. די פייערונג פלעגט פאָרקומען אויף איינעם פון די פרייע פלעצער, אין א וויינגאָרטען, וואו גאַנצע שאַרען יונגע, ווייס-געקליידעטע מעדלעך האָבען בעצויבערט די אַרומיגע יונגע לייט מיט זייערע טאַנץ-קאַראַהאָדען, וואָס זיי פלעגען בעגלייטען מיט גע-

רייזמטע העברעאישע ליעדער. ווי ס'איז צו גלויבען, איז דער דאזיגער יום־טוב אויך איינגעפיהרט געווארען אלס דעמאנסטראציע געגען די צדו־קים, וועלכע האבען ניט אנערקענט דעם גאנצען מנהג פון שענקען האלץ פאר'ן מזבח.

צו די אלע רעפארמען אין דער געזעצגעבונג און אין דעם גאנצען סאציאלען לעבען פון לאנד איז צוגעקומען נאך איינע, וואס האט אויך, ווי די מעהרסטע איינפיהרונגען פון יענער צייט, פער־פאלגט צוויי צוועקען: ארויסצוטרעטען דעמאנסטראטיו געגען א געוויסער אנשויאונג פון די צדוקים און אויפצוועקען דאס נאציאנאלע געפיהל ביי די טיילען פונ'ם יהודה'שען פאלק, וואס האבען געלעבט אין אנדערע לענדער, וויט פון יהודה, און ניט געהאט קיין פערבינדונג מיט דעם לעבענס־נערוו פון דער יהודה'שער אומה, מיט'ן בית המקדש. די צדוקים האבען איינגעפונען, אז די טעגליכע קרבנות און איבער־הויפט די הוצאות פון בית המקדש דארפען ניט אנערקענט ווערן פאר קיין פאלקס־זאך, און דאס געלד אויף דעם דארף גענומען ווערן פון איינצעלנע פרומע מנדבים; די בעראטונג אונטער דעם פארזיץ פון דער קעניגין האט אבער אנגענומען אנ'אנדער בעשלוס. זי האט בע־שטימט, אז יעדער יוד פון צוואנציג יאהר אן (גרים און בעפרייטע שקלאפען אויך אין כלל) איז פערפליכטעט אריינצוברענגע מינדעסטענס א האלבען שקל (ארום 11 ק.) יעהרליך אינ'ם אוצר פון בית המקדש. די דאזיגע נדבה האבען פרייוויליג גענומען אויף זיך צו צאהלען ניט בלויז די יודען פון יהודה, נאר אויך אלע יהוד'ער, וואס האבען זיך געפונען אין די ארומיגע לענדער, און צו דעם צוועק זענען בע־שטימט געווארען דריי אלגעמיינע יעהרליכע זאמלונגען אין פער־שידענע צייטען: פאר יהודה אין אנהויב פון פריהלינג, פאר די בעהנטערע לענדער (עגיפטען און סיריען) — ארום שבועות, און פאר די וויטע לענדער (בבל, מדין און קליין־אזיען) — ארום סוכות. די רייכסטע זאמלונגען זענען שטענדיג געווען די שפעטערדיגע — די אויסלענדישע יודען זענען רייך און פרייגיעביג געווען און אנשטאט די זילבערנע אדער קופערנע שקל'ים און דינר'ם פון יהודה, פלעגען זיי געבען גאלדשטיקער. אין די לענדער, אין וועלכע ס'האבען זיך געפו־נען א סך יהוד'ער, פלעגען זיי אויסקלויבען א מיטעלפונקט, וואו עס פלעג'ען צוגעשיקט ווערן אלע געזאמעלטע נדבות, אום פון דארטין דאס צו בעזארגען קיין ירושלים, — צו וואס עס פלעגען אויסגע־

קליבען ווערן די אָנגעזעהענסטע מענשען פון לאַנד. אַזעלכע מיטעלפונקטען זענען געווען נציבים און נהרדעה אין בבל און מעסאָפּאָטאַמיען; אַפּאַמאָ און לאַאָדיצעאַ אין קליין־אַזיען, און פּערגאַמום און אַנדראַמיטיום אין דער געגענד עאָליס. די דאָזיגע דרייפאַכיג געזאַמעלטע יעהרליכע הכנסה איז גענוג געווען אויף צו דעקען אַלע הוצאות פון בית המקדש, און עס פלעגען זיך נאָך אָבשטעלען געוויסע סומען, פון וועלכע עס האָט זיך מיט דער צייט אָנגעזאַמעלט אַ בעדייטענדער קאַפּיטאַל.

אַזוי איז דער צדוקישער איינפלוס ביסלעכווייז אַרויסגעשטופּט געוואָרען פון אַלע ספערען פונ'ם פאָלקס־לעבען אין יהודה, און דאַגעגען איז דער איינפלוס פון די פרושים אַלץ בולט'ער, טיעפער און שטאַרקער געוואָרען; איינס נאָך דאָס אַנדערע זענען אַלע אַלטע געזעצען ווידער איינגעפיהרט געוואָרען, און צו זיי זענען צוגעקומען פיעל נייע, וואָס האָבען זיך אויך איינגעזויגען אין פאָלק און זענען געוואָרען אַ טייל פון זיין נאָרמאַלען לעבענס־גאַנג. צוגעגאַנגען איז דאָס, נאַטירליך, נישט לייכט; די צדוקים האָבען נישט איין מאָל אָנגעווענדעט זייערע לעצטע קרעפטען צו שיצען האָטש וויפיעל ס'איז פון זייערע פערלוירענע פּאָזיציעס, און דעם סנהדרין איז נישט איינמאָל אויסגעקומען צו מישפּט'ען יענע, וואָס זענען אַליין נאָר וואָס געשטאַנען אָן דער שפּיץ פון דער יהודה'שער געזעצגעבונג. די איצטיגע העכסטע ריכטער זענען אָבער געווען איבערגעגעבענע פאָלקס־פיהרער און קיין שום ווייכקייט און פאַלשקייט האָט פאַר זיי נישט עקסיסטירט דאָרט, וואו ס'האָט זיך געהאַנדעלט וועגען די אינטערעסען פון כלל, וועגען דער גייסטיגער אויסבילדונג פון פאָלק. ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזען די פאַלשקייט פון די עדות, אויף דעם סמך פון וועלכע שמעון בן שטח'ס זוהן איז פערמשפּט'ט געוואָרען צום טוידט, און די ריכטער זענען געניגט געווען איהם צו בעפרייען, האָט דער פערמשפּט'ער אַליין — לויט דער לעגענדע — זיי אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם, וואָס לויט'ן געזעץ קען מען נישט גלויבען די עדות, ווען זיי נעהמען זייער פריהערדיגע עדות־זאָגען צוריק, און דערביי האָט ער זיך געווענדעט צום פאָטער מיט דער אַרויספאָדערונג: „אויב דו ווילסט, אַז דאָס גליק פון יהודה זאָל דורך דיין האַנד בעפעסטיגט ווערן, בעטראַכט מיך, ווי אַ שוועל, וועלכער מ'טרעט אַריבער אָהן שום בעדויערן"; און דער פאָטער האָט איהם געפאָלגט — דער היטער פון

געזעץ האט דערשטיקט אין זיך זיינע פאטער-געפיהלען צוליעב די אינ-
טערעסען פון דעם העכערן אידעאל. דאס זעלבע איז געוועזען אויך
מיט דעם צווייטען פיהרער, מיט יהודה בן טבאי; דער לעצטער איז
אויסערסט שטרענג געוועזען אין זיין געריכטליכער בעציהונג צו די
צדוקים, און אין דער זעלבער צייט איז זיין פערזענליכע בעציהונג
צו בעשולדיגטע אין אלגעמיין געוועזען פיעל וויכער, מילדער. ער
פלעגט זאגען: „אזוי לאנג, ווי די בעלי-דברים שטעהען פאר דיר,
בעטראכט זיי ביידע פאר שולדיגע; איז אבער דער אורטהייל שוין ארויס-
געטראגען — דארפסטו זיי שוין ביידע רעכנען פאר אונשולדיג“.

די שארפע געריכטליכע מיטלען, מיט וועלכע די פרושים האָ-
בען זיך בענוצט אויף צו פערפאלגען די צדוקים האבען ענדליך ארויס-
גערופען ביי די לעצטע א שטארקע פערביטערונג, און זיי האבען זיך
געווענדעט צו דעם יונגען פרינץ אריסטאבול, וועלכער האט זיך פאר
זיי ווארים אנגענומען און אויסגעפועל'ט פאר זיי א אודיענץ ביי דער
קעניגין. די צדוקים האבען דאן אויסגעוועהלט א דעלעגאציע פון זייע-
רע עלטסטע פארשטעהער, און די לעצטע האבען זיך געקלאגט פאר
דער קעניגין אויף די פערפאלגונגען געגען זיי, ערקלערענדיג איהר
דערביי, אז זיי וועלע געצוואונגען זיין איבערצוגעהן אין דיענסט פון
די יהודה'שע שכני'שע מלוכות נבט אדער סיריען, און איבערלאזען
דאס פאטערלאנד אינגאנצען אהן מיליטערישער בעשיצונג. דאס האט
אויף דער קעניגין געווירקט, און זי האט בעשטימט עטליכע פון די
צדוקים אלס קאמענדאנטען פון מעהרערע פעסטונגען. נאר די דריי
שטארקסטע פעסטונגען האט זי זיי מורא געהאט אנצופערטרויען:
מכרת, הירקאניא און אלעקסאנדריא.

פון די אויסערליכע מלוכות איז יהודה א לאנגע צייט נישט בע-
אונרוהיגט געווארען. עס האט זיך געמאכט, אז טיגראנעס, דער קע-
ניג פון ארמעניען, וואס האט צו יענער צייט שוין געהאט בעהערשט
גאנץ סיריען, האט געוואלט איינגעהמען אויך יהודה אלס א געוועזענע
אונטערטעניגע פראווינץ פון סיריען. ער האט בעלאגערט פטאלאמעאיד
און געשטעלט אויף אזא אופן אין געפאהר יאפא מיט איהרע ארומיגע
וואסער-געביטען, אזוי אז אלעקסאנדרא האט נישט געזעהען פאר זיך
קיין אויסוועג, און האט געשיקט צו איהם שלוחים מיט טייערע מתנות
און א פריינדליכען בריעף; דאס האט אבער דעם ארמענישען בעזיעגער
נאך נישט בעוואויגען אראבצונעהמען די בעלאגערונג פון דער יהודה'-

שער פעסטונג און ער וואָלט זיכער אָבגעריסען אַ בעדייטענדען טייל פון דער יהודה'שער ערד, ווען ער וואָלט נישט דערהערען פלוצלונג, אַז די רוימישע לעגיאָנען אונטער דער אָנפיהרונג פון דעם בעריהמטען לוקולוס האָבען זיך אַריינגעריסען אין אַרמעניען. אַזוי איז די געפאַהר פאַר יהודה אַריבער, און ווידער האָט אין לאַנד געהערשט פריעדען און מנוחה.

באַלד אָבער האָט זיך אַ נייע געפאַהר אָנגערוקט, — אַ געפאַהר, וואָס האָט טיעף אָנגעגריפען דעם נערוו פון דעם יהודה'שען מלוכה=לעבען און איהם אינגאַנצען פונאַנדערגעטרייסעלט. די גרייז=גרויע קעניגין איז האָפנונגסלאָז קראַנק געוואָרען און דער היציגער אַריסטאָבול איז גלייך צוגעטרעטען צו דער פערווירקליכונג פון זיין פלאַן וועגען אַ איבערקעהרעניש אין דער מלוכה=פיהרונג, האָבענדיג אויף זיין זייט — די קריעגערישע צדוקים. אַריסטאָבול האָט שטילערהייד פערלאָזען ירושלים און איז געקומען אין דער גאַליליע'אישער פעסטונג גאַבאַטאַ, וועלכע דער צדוקישער קאָמענדאַנט גאַלעסט האָט איהם גלייך איבערגעגעבען; אין אַ משך פון פופצעהן טאָג האָבען שוין איין און צוואַנציג אַזעלכע פעסטונגען זיך געפונען אונטער זיין מאַכט, און דערצו האָט ער זיך נאָך צוגעדונגען הילפס=מחנות פון די קליינע סירישע פירשטען, פון די פעלקער אויף יענער זייט ירדן און פון דעם רויבערישען טראַכאָניטען=שבט. דער שוואַכער כהן=גדול און טראָן=יורש, הורקנוס, האָט געזעהען די געפאַהר און געבעטען הילף ביי דער קראַנקער קעניגין; דאָס איינציגע, וואָס זי איז אָבער איצט אימשטאַנד געוועזען צו טאָן, איז געוועזען דאָס איבערגעבען אין זיינע הענד און אין די הענד פון די איבריגע פאָלקס=פיהרער די דריי טריי=געבליבענע שטאַרקע פעסטונגען, אין איינער פון וועלכע ס'האָט זיך געפונען אויך דער אוצר המלוכה.

באַלד נאָכדעם איז די קעניגין געשטאָרבען, איבערלאָזענדיג דעם פאָלק אויף דער שוועל פון אַ בלוטיגער בירגער=קריעג, וואָס האָט זיך געענדיגט צוזאַמען מיט דער אַזוי שווער אויסגעקעמפפטער אונאָבהענגיגקייט פון יהודה. ניין יאָהר איז די עהרליכע שלומית געזעסען אויף דעם יהודה'שען טראָן און דאָס זענען גליקליכע יאָהרען געוועזען אין דער געשיכטע פון דער בענייטער יודישער מלוכה; איהרע לעצטע טעג זענען אָבער געוועזען אויך די לעצטע פון דער יהודה'שער פרייהייט, און איהר טוידט — דער טוידט פון דער לעצטער זעלבסטשטענדיגער הערשערין אין יהודה.

פינפטעס קאפיטעל.

די לעצטע חשמונאי׳שע מלכים.

דער צוגעגרייטער אויפשטאנד האט זיך פונאנדערגעפלאקערט גלייך נאכ׳ן טוידט פון דער אלטער הערשערין. בלייבענדיג ביז איהרע לעצטע מינוטען א טרייע אנהענגערין פון דער פאלקס=פארטייא, האט זי די קרוין צוזאמען מיט דעם כהן=גדול=טיטול איבערגעגעבען איהר עלטערן זוהן, הורקנוס׳ן, אין וועלכען די פרושים האבען געזעהען זייער קעניג — דעם קעניג, וואס וועט זיך נישט יאגען איינצונעהמען פרעמדע לענדער, וואס וועט נישט פערפלאנטערן דאס לאנד אין א נעץ פון פאליטישע ספסוכים און קריעגערייען און וועט שטיצען די סאציאלע אויסבילדונג פון דעם יהודה׳שען פאלק, זיין וייטערדיגע ענטוויקלונג אין דער ריכטונג פון די אלטע טראדיציעס און אידעאלען און די פערבעסערונג פון זיין עקאנאמישער לאגע.

אנדערש האבען אבער געקוקט אויף דער לאגע פון לאנד די צדוקים. פאר זיי איז הורקנוס געווען נישט בלויז א קעניג פון דער פארטייא, וואס פערפאלגט זיי, וואס האט ביי זיי אוועקגענומען די מאכט פון די הענד און לאזט זיי נישט לעבען, ווי זיי ווילען; זיי האבען אין הורקנוס׳ען אויסער דעם אלעמען געזעהען אויך א שוואכען הער=

שער און אַ שלעכטען קריעגער, יהודה איז שטאַרק, זי איז אָבער אַרומגערינגעלט מיט נאָך שטאַרקערע שכנים, וואָס ווילען זי אײַנשלינגען, און די פליכט פונ'ם הערשער איז קודם כל — צו שיצען דאָס לאַנד. בײַם רודער פונ'ם מלוכה־לעבען דאַרף אַלזאָ שטעהן אַ מענש מיט קריעגערישע פעהיגקײַטען, וואָס איז אימשטאַנד נישט בלויז זיך אַנטקעגען צו שטעלען דעם שונא, נאָר אויך אָנצופאַלען אויף איהם; וואָס איז אימשטאַנד אָבצוהיטען און צו פערגרעסערן די פּאָליטישע מאַכט פון זײַן לאַנד, קורץ: אַ קעניג, וואָס קען פיהרען אַ קאַמפּף און איהם ענדיגען מיט נצחון. און אָט די אַלע פעהיגקײַטען האָט אין זיך דער יונגערער ברודער פון דעם געזעצליכען טראָן־יורש — אַריסטאָבול.

און אויב בײַ דעם פריהערדיגען קאַמפּף צווישען די פרושים מיט די צדוקים זענען די ברײַטערע שיכטען פון פאָלק כמעט אינגאַנצען געשטאַנען אויף דער זײַט פון די ערשטע, האָט זיך איצט, בײַ דעם קאַמפּף צווישען דעם קעניג פון די פרושים און דעם קעניג פון די צדוקים, די לאַגע בעדײַטענד געענדערט; איצט איז אַ גרויסער טײל פון פאָלק אַלײן אויך אַריבער אויף דער זײַט פון דעם ענערגישען אַריסטאָבול און דער לעצטער האָט גלענצענד פערשטאַנען אויסצוניצען די דאָזיגע גינסטיגע שטימונגען. זײַענדיג פאָלשטענדיג צוגעגרײַט צו דעם אויפשטאַנד און האָבענדיג אַרום זיך אַ שטאַרקע, גוט בעוואָפּענטע אַרמעע, האָט אַריסטאָבול דאָך נישט געוואַגט, אָפען אַרויסצוטרעטען מיט זײַן פאָדערונג אַזוי לאַנג, ווי די מוטער האָט נאָך געאָטעמט; צוזאַמען אָבער דערמיט, ווי די קעניגין איז געשטאָרבען און הורקנוס איז אַרויף אויפ'ן טראָן, האָט ער זיך אָנגעהויבען דערנעהנערן מיט זײַן מחנה צו דער הויפּטשטאָדט. הורקנוס האָט איהם אַרויסגעשיקט אַנטקעגען אַ טײל פון די געדונגענע סאָלדאַטען, וואָס ער האָט איבערגענומען פון דער מוטער, און בײַ ירי חו איז פאָרגעקומען דער ערשטער צוזאַמענשטויס צווישען די פײַנדליכע לאַגערן פון בײדע ברידער.

געענדיגט האָט זיך דער צוזאַמענשטויס דערמיט, וואָס דער גרעסטער טײל פון הורקנוס'ס סאָלדאַטען איז איבערגעגאַנגען אין די רײהען פון דעם העלדישען אַריסטאָבול, און דער קעניג האָט זיך בעהאַלטען אין דער פעסטונג באַרים (עקראַ), וואו ער האָט געהאַלטען געפאַנגען אַלס משכון אויך די פרוי און קינדער פון זײַן ברודער.

דער לעצטער האט זיך אבער נישט אבגעהאלטען, און ווען ער איז אריין אין ירושלים און האט שוין געהאט איינגענומען אויך דעם בית המקדש, האט זיך דער בעזיעגטער אונטערגעגעבען. די ברידער האבען אנגעהויבען פיהרען אונטערהאנדלונגען און ענדליך איז צווישען זיי, אונטער א שבועה אין בית המקדש, געשלאסען געווארען א פריעדענס־אבמאך, לויט וועלכען דער וועלטליכער, קריעגערישער אריסטאבול האט בעקומען די קרוין און דער שוואכער, פריעדליכער הורקנוס איז געבליעבען ביי דער כהונה גדולה. אום צו בעפעסטיגען דעם אבמאך האט אריסטאבול'ס זוהן, אלעקסאנדער, חתונה געהאט מיט הורקנוס'ס טאכטער, אלעקסאנדרא.

דער נייער קעניג האט קיין גרויסע ענדערונגען אין דעם איננערליכען לעבען פון לאנד נישט אריינגעבראכט, און האטש ער איז געווען ענג פערבונדען מיט די צדוקים, וועלכע האבען איהם געהאלפען בעקומען די מאכט, האט ער דאך נישט געוואגט מיט געוואלט ארויסצוטרעטען געגען זייערע געגנער, די פרושים, און געגען די רעליגיעזע און געזעלשאפטליכע איינפיהרונגען פון די לעצטע. קיין מאטעריאל פאר א שטארקען אויסברוך צווישען די ביידע פארטייען האט זיך דא, אלזא, נישט געוויעזען, און דער איננערליכער קאנפליקט צווישען זיי האט מיט דער צייט ווירקליך אנגעהויבען צו פערליערען זיין שארפקייט און זיין פערביטערטקייט; דא זענען אבער ארוים אויף דער ארענע פון דעם יהודה'שען מלוכה־לעבען גאנץ זייטיגע פינסטערע פערזאנען, וועלכע זענען געווען פעראינטערעסירט אין דעם, אז אט די רוהיגקייט זאל געשטערט ווערן און עס זאלען זיך צוריק אומקעהרען פאר'ן לאנד די צייטען פון איננערליכע מהומות און בלוטיגע ברודער־מלחמות.

דער בעדייטענדסטער פון די דאזיגע פערזענליכקייטען, וואס האט דירעקט צוגעפיהרט יהודה צו דער שוועל פון אונטערגאנג, איז געווען אנטיפאטער, איינער פון די אנגעזעהענסטע צווישען די אדומ'ער, וועלכע יוחנן הורקנוס האט אונטערגעווארפען דער יהודה'שער קרוין און געצוואונגען זיך צו אסימילירען מיט דעם יודישען פאלק און אנצונעהמען זיין גלויבען. א שפראצלינג פון א אריסטאקראטישער אדומי'שער משפחה און א זוהן פון אנטיפא, וועלכער האט פאר אלעקסאנדער־יאנאי פערטרעטען דעם פאסטען פון א קריעגס־הויפטמאן איבער דער גאנצער אדומי'שער פראווינץ, האט אנטיפאטאר

איצט אויך פערנומען איינעם פון די אנגעזעהענסטע פּלעצער אין דעם יהודה'שען הויף און געשפּיעלט אַ בעדייטענדע ראָליע אין דעם מלוכה-לעבען פון לאַנד. דער שוואַכער הורקנוס II האָט זיך גענויטיגט אין אַ ענערגישען פיהרער און וועג-ווייזער, און איז נאָך אַלס קרוין-פּרינץ שוין אַרונטערגעפאַלען אינגאַנצען אונטער דעם איינפלוס פון דעם אדומי'טישען אינטריגאַן, וועלכער האָט געבויט פערשידענע פּלענער, אום אַריינצוקריגען אין זיינע הענד די גאַנצע פּאַקטישע ממשלה איבער'ן לאַנד.

איצט, נאָכדעם ווי דער טראָן פון יהודה איז פערנומען געוואָרען פון אַזאַ ענערגיש-קריגערישען פיהרער, ווי אַריסטאָבול, איז אַנטיפּאַטער'ן פּאָרגעשטאַנען, זיך אָבצוזאָגען פון אַלע זיינע האָפנונגען און פּלענער, און דאָס האָט זיך דעם אדומי'שען אַריסטאָקראַט נישט געוואָלט. ער האָט זיך דעריבער גענומען איצט אין אַנ'אַנדער זייט און זיין ערשטע אַרבייט איז געווען, צו אַגיטירען געגען דעם אונגעזעצליכען קעניג, אַריסטאָבול, און צו שפּיעלען אין דער זעלביגער צייט אויף די סטרונעס פון דעם כלומרשט-בעליידיגטען הורקנוס. דער לעצטער האָט שוין לאַנג געהאַט שלום געמאַכט מיט זיין גורל און נישט געקלערט וועגען קיין שום אַרויסטריט געגען זיין ברודער; אַנטיפּאַטער האָט איהם אָבער אַזוי לאַנג אויפגערייצט און אַזעלכע מיטלען אָנגעווענדט דערצו, אַז ער איז ענדליך מרוצה געוואָרען צוצושטעהן צו דעם טייוועלשען פּלאַן. אַנטיפּאַטער האָט שוין אַלץ געהאַט אָבגעמאַכט מיט דעם נאַבאַטע'אישען קעניג אַרעטאַס, און אין אַ געווּיסער פינסטערער נאַכט איז ער צוזאַמען מיט הורקנוס'ן פערשוואונדען געוואָרען פון ירושלים, אַוועקפיהרענדיג דעם לעצטען אין דער נאַבאַטע'אישער הויפּטשטאָדט פּעטראַ. דאָ איז צווישען ביידע זייטען געשלאָסען געוואָרען אַ אָבמאַך, לויט וועלכען דער נאַבאַטע'אישער קעניג האָט זיך פערפּליכטעט צו שטיצען דעם יהודה'שען קרוין-פּרעטענדענט און דערפאַר איז זיך דער לעצטער מתחיב אָבצוטרעטען נאַבאַטעאַ צוועלף פּונקטען פון דעם יהודה'שען טעריטאָריום, וועלכע זענען נאָך פאַר אַלעקסאַנדער-יאַנאַי'ן אָבגענומען געוואָרען פון די אַראַבער (אין מזרח- און דרום-מערב-זייט פון דעם טוידטען ים).

אַרעטאַס האָט זיך דאַן, צוזאַמען מיט הורקנוס'ן, אַוועקגעשטעלט אָן דער שפּיץ פון פופציג טויזענד אַראַבישע סאָלדאַטען, און די מחנה האָט זיך אַוועקגעלאָזען צו די גרענעצען פון יהודה (65-66).

דער איבערראשטער אַריסטאָבול האָט זיך גלייך געהאַפּט און איז אַרוים דער מחנה אנטקעגען; דעם אָנגריף פונ'ם שטאַרקען געגנער האָט ער אָבער נישט געקענט בּיישטעהן. גרויסע טיילען פון זיין אַרמעע זענען פריי=ווילינ איבערגעגאַנגען אויף דער זייט פון די שטאַרקערע און ער אַליין איז אַנטלאָפען קיין ירושלים, וואו ער האָט זיך בעהאַלטען אין דער פעסטונג אויפ'ן הר הבית (בית=המקדש=באַרג).

אַרעטאַס איז צוגעטרעטען צו דער בעלאַגערונג פון ירושלים. די בעלאַגערטע האָבען זיך אַ לאַנגע צייט העלדיש פערטיידיגט; עס האָט אָבער אָנגעהויבען אויספעהלען אין שטאָדט לעבענס=מיטעל, און צוזאַמען דערמיט האָט זיך געמוזט אָבשטעלען אויך די עבודה אין בית=המקדש, ווייל עס איז נישט געווען, וואָס מקריב צו זיין. אַריסטאָבול האָט דאַן אַפּעלירט צו דעם רעליגיעזען געפיהל פון די יהודה'עאישע בעלאַגערער, און געבעטען, זיי זאָלען אַריינלאָזען אין שטאָדט אַ געוויסע צאָהל בהמות, וואָס איז נויטיג צו דער עבודה אין בית המקדש פון דעם נאָהנטען יום=טוב — פסח.

אין אָנהויב איז די בקשה בעפרידיגט געוואָרען: יעדען טאָג פלעגט זיך פון דעם פעסטונגס=וואַל אַראָבלאָזען אויף אַ קייט אַ קאָרב מיט גאָלד — טויזענד דראַכמען: אַזוי איז געווען אָבגעמאַכט — און דערפאַר פלעגען די בעלאַגערער זיי אַרויפשיקען צוריק די נויטיגע צאָהל שעפסען און באַראַנעס; אַזוי אָבער ווי די בעלאַגערונג האָט זיך לאַנג געצויגען און עס האָט זיך נישט פאָראויסגעזעהען קיין ענדע צו דער לאַגע, האָט איינער פון די בעלאַגערער פאָרגעלעגט (ניבער אַנטיפאַטאָר אַליין), מ'זאָל אויסנוצען דעם דאָזיגען מאַנגעל אין קרבנות און צווינגען די בעלאַגערטע, זיי זאָלען זיך אונטערגעבען. די עצה איז אָנגענומען געוואָרען, און צווישען די בעלאַגערער=הירקאַניסטען האָבען זיך געפונען זאָגאַר אויך אַזעלכע, וואָס האָבען געפועל'ט ביי זיך, אָנצווענדען דערביי אַ געמיינעם שווינדעל און זיך אַריינצורייסען מיט אַ פערגיפטעטע קויל אינ'ם סאַמע הארץ פון דעם נאַציאָנאַלען רעליגיעזען געפיהל. אין אַ געוויסען טאָג נאָכדעם, האָבען זיי אָנשטאָט די פערלאַנגטע שעפסען און רינדער, אַרויפגעשיקט די בעלאַגערטע — אַ חזיר. דער דאָזיגער חוצפה'דיגער וואַנדאַליזם האָט טיעף בעטריבט די געמיטער פון די פרומע יהודה'עער, און ווי די פאָלקס=לעגענדע דערצעהלט, האָט זיך גלייך נאָכדעם דורכגעטראָגען אַ שרעקליכער אורואַן דורכ'ן גאַנצען לאַנד און האָט פערטראָגען אַלע תבואות פון

די פעלדער און אלע פרוכטען פון די גערטנער, אזוי אז דאס לאנד איז געפייניגט געווארען פון הונגער. די זעלביגע לענענדע שטעלט אויך נאך אנדערע צרות פון פאלק אין צוזאמענהאנג מיט דער דער־מאהנטער היילינקייטס־פערשוועכונג און ווי א טייל ווילען האבען שטעהט אין צוזאמענהאנג דערמיט אויך דער פערבאט, צו האדעווען חזירים און צו האנדלען מיט זיי.

דער צושטאנד פון דער בעלאגערונג האט זיך אבער דערמיט נאך אלץ נישט געענדערט, און די הירקאניסען זענען געפאלען אויף אנ׳אנדער המצאה. באלד אין אנהויב פון דער בעלאגערונג האבען פיעל פון די בעלאגערטע פערלאזען די שטאדט, און צווישען זיי האט זיך געפונען אויך חוניו (חוני המעגל), איינער פון די פערהיי־ליגטע יהודה׳ער, וואס דאס פאלק האט געקוקט אויף איהם, ווי אויף א בעל־מופת און געגלויבט, אז ער איז אימשטאנד מיט זיינער א תפלה אלץ אויפצוטאן, זאגאר אויך צו ענדערן די געזעצען פון דער נאטור. ער האט אמאל, לויט דעם גלויבען פון פאלק, מציל געווען מיט זיינע תפלות דאס לאנד פון א פאלשטענדיגער אויסטריקעניש, און איצט, נישט וועלנדיג בייוואוינען די שרעקליכע שחיטות און ברודער־מלחמות, האט ער זיך בעהאלטען אין א איינזאמער געגענד, וויים פון שטאדט. די סאלדאטען פון הורקנוס׳ס לאגער האבען איהם אבער דא אויך געפונען און געפאדערט, ער זאל שילטען מיטגאט׳ס נא־מען די אריסטאבוליסטען און אויסבעטען אויף זיי א מפלה. דער געטליכער חוניו האט דאן אויפגעהויבען זיינע אויגען צום הימעל און געזאגט: „גאט, האר פון דער וועלט! אט די, וואס שטעהען דא ארום מיר, זענען קינדער פון דיין פאלק, און יענע, וואס ווערן דורך זיי בעלאגערט, — זענען דיינע היילינגע דיענער. בעט איך ביי דיר — ערפיל נישט דאס, וואס ביידע זייטען ווינשען זיך איינע די אנדערע!" די צעווילדעוועטע, צורייצטע סאלדאטען האבען זיך געפיהלט שענדליך אבגענארט אין זייער האפנונג, און זיי האבען דעם היילינען מענשען־פריינד — מיט שטיינער פערווארפען.

דערוויל, אין דער צייט ווען דא האט זיך געצויגען די בירגער־מלחמה, האט זיך א שרעקליכער וואלקען אנגערוקט אויף דעם האריזאנט פון דער גאנצער מזרח־וועלט, און דער זעלבער גורל פון איהרע ארומיגע שכנות האט אויך יהודה בעגעגענט. יהודה׳ס לעצטע שעה האט געשלאגען — דער רוימישער אדלער האט ארייגעזעצט זיינע

שארפע נעגעל אין ישראל'ס לייב און זיי שוין נישט ארויסגעצויגען פריהער, ביז פון דער יהודה'שער זעלבסטשטענדיגקייט איז נאר א שאטען געבליבען. די פון נצחון פערשכור'טע רוימישע לעגיאנען, אונטער דער אנפיהרונג פון בעריהמטען פאמפעיוס, האבען זיך ארייננעריסען אין דער פאדערשטער אזיען, וואו זיי האבען שוין געהאט דורכגעפיהרט א טייל פון דעם גרויסען פלאן, לויט וועלכען די גאנצע אמאליגע סיריען, וואס איז איצט פערוואנדעלט געווארען אין א רייהע קלענערע מלוכות, — האט געמוזט ארונטערפאלען אונטער דער רוימישער קרוין. די טאן־געבער פון דער איצטיגער העלעניזירטער מורח־וועלט זענען געווען טיגראן מיט זיין שטארקער ארמעניען, די מעכטיגע פארפיאנער, ארעט מיט דער ערוואכטער אראביען און ענדליך פאנטיע מיטרידאט, דער העלדישער קעניג פון הינטער־קאווקאז, וואס האט געוואגט דעם לייב צו פערטשעפען — זיך אנצוהויבען מיט רוים.

אט האט זיך אבער דער לייב פונאנדערגעלאזען און — לענדער און מלכים זענען פאר זיינע פיס געלעגען. ארמעניען, הינטערקאווקאז און פיניקיע האבען זיך שוין געפונען אונטער דער הערשאפט פון דער רוימישער מאכט, און דער זעלביגער גורל איז איצט פארגעשטאנען סיריען. אהין האט פאמפיי געשיקט זיין לעגאט סקוואר, וועלכער האט אויפ'ן וועג זיך דערוואוסט פון דער ברודער־מלחמה, וואס קומט איצט פאר ביי די טויערן פון דער יהודה'שער הויפטשטאדט, און האט זיך גלייך אוועקגעלאזען מיט זיין מחנה אויפ'ן ארט פון קאמפף. ביי זיין ערשטען ארויפטריט אויף דער יהודה'שער ערד איז ער אבער באלד בעגריסט געווארען פון ביידע צדדים, וועלכע האבען איהם אנפערטרויט זייער גורל און געבעטען, ער זאל זיך אננעהמען פאר זיי. דער בעלאגערער, ווי דער בעלאגערטער, ביידע האבען זיך אנגעחאפט אן דעם רוימישען קריעגספיהרער, און ארויסגעשיקט צו איהם שלוחים מיט טייערע מתנות, און דא האט אריסטאבול בעזיעגט זיין ברודער: אריסטאבול'ס שליח האט געבראכט מזומ'ענע פיער הונדערט טאלאנטען, וועהרענד די שלוחים פון הורקנוס אדער, ריכטיגער, פון אנטיפאטאר, האבען נאר צוגעזאגט אזא סומע צו ברענגען. דער רוימישער לעגאט האט זיך איצט אלזא אפען געשטעלט אויף אריסטאבול'ס זייט און לויט זיין בעפעהל איז ארעט געצוואונגען געווען אראבצונעהמען די בעלאגערונג פון ירושלים און אבצוטרעטען מיט זיינע אראבישע סאלדאטען פון דער

יהודה׳שער גרענעץ. דער בעפרייטער אריסטאבול האט זיך ארויסגע=
ריסען פון ירושלים און נאכגעיאגט די אראבער מיט די הירקאניסטען,
און ענדליך (ביי פאפיראן) האט ער זיי דערשלאגען; דער רוימישער
קריעגס=פיהרער האט זיך אומגעקעהרט צו זיין פריהערדיגען מארשרוט.

דער דאזיגער כלומרש׳טער נצחון איבערן „שונא" האט פער=
בלענדעט אריסטאבלוס׳ען די אויגען, און ער האט געגלויבט, אז ער
איז ווירקליך דער טריאומפירענדער, זעלבסטשטענדיגער קעניג פון יהודה.
ער האט אין די צוויי יאהר (פון 65 ביז 63) געלאזען מטבעות אויס=
גיעסען, אויף וועלכע ער איז געווען בעצייכענט אלס קעניג און האט
זיך געפרובט זאגאר אנפאלען אויף פערשידענע שכני׳שע טעריטאר=
יום׳ם און זיי איינעהמען.

גאנץ אנדערש האט מען אבער געקוקט אויף דער לאגע פון
יהודה אין די טאן=געבענדע ספערען פון דעם רוימישען מלוכה=לע=
בען. דארט האט זיך איצט פונאנדערגעקאכט מיט׳ן גאנצען ברען דער
אפעטיט צו בעהערשען דעם מזרח, און איבערגעגעבען איז אט די
אויפגאבע געווארען דעם בעריהמטען בעזיעגער פונ׳ם העלדישען מיט=
רידאט, פאמפעיוס׳ען, — דעם זעלביגען געוועזענעם קאנסול,
וואס האט אין זיין לעבען נאר איין ציעל פאר זיך געזעהען: בע=
הערשען רוים, בעזיעגען דעם רוימישען פאלק, און
איין וועג, אום דעם ציעל צו ערגרייכען: וואס מעהר פרעמדע פעלקער
בעזיעגען און אונטער דער רוימישער הערשאפט ארונטערברענגען, וואס
מעהר קריעגס=טראפעען דעם רוימישען פאלק אונטערטראגען און וואס
מעהר אוצרות פאר זיך אליין אנזאמלען.

זיך אוועקלאזענדיג מיט זיינע העלדישע לעגיאנען אין דער ברייי=
טער מזרח=וועלט האט דער וויטזיכטיגער קריעגס=פיהרער געטראכט
אייגענטליך נישט וועגען יהודה — צו אונבעדייטענד איז די דאזיגע
פראווינץ געווען פאר דער מעכטיגער וועלט=רעפובליק. פאמפעיוס האט
געוואלט די אמאליגע סיריען איינעהמען, די אמאליגע מלוכה
פון דעם גרויסען אלעקסאנדער, וואס האט געהאט אין איהרע
גרענעצען אלע איצטיגע מזרח=מלוכות; קוים האט אבער דער צופאל
(אין דער געשטאלט פון דעם ברודער=קאמפף) זיך מקדים געווען און איהם
שוין געבראכט און וועלכע ס׳איז בעציהונגען מיט דער יהודה׳שער
מלוכה, האט ער זי שוין מעהר פון אויג נישט אראבגעלאזען.

און דער „צופאל" אליין האט זיך אויך אזוי שנעל נישט געענ=

דיגט. פאמפעיוס האט בעקומען די פאלשטענדיגע דיקטאטארישע מאכט
איבער אלע ברעג-לענדער פונ'ם מיטעללענדישען ים, און איז געוואָ-
רען פאר'ן גאנצען מזרח דער „קעניג איבער אלע קעניגען". און אט,
אין דער צייט, ווען דער שאטען פון דעם רוימישען אדלער האט שוין
געשוועבט איבער אלעמענס קעפ, האט זיך אין יהודה נאך שטארקער
פונאנדערגעקאכט די מלחמה פאר דער „מאכט". די נשמה פון דעם
ברודער-קאמפף איז איצט אויך געווען אנטיפאטאר, וועלכען עס האט
זיך איינגעגעבען אריבערצוציהען דעם דערמאהנטען סקאוור אויף זיין
זייט, און צווישען די פערשידענע שלוחים, וואס זענען געקומען בע-
גריסען דעם מעכטיגען „קעניג איבער אלע קעניגען" אין זיין רעזידענץ
דמשק, האט זיך געפונען א דעלעגאציע אויך פון דעם יהודה'שען
קעניג אריסטאבול. די דעלעגאציע האט געבראכט מיט זיך א טייערע
און קינסטלערישע מתנה, וואס האט דעם גרויסען רוימישען טריאומ-
פאטאר אליין אויך אין ערשטוינונג געבראכט און בעצויבערט: א זעהר
קינסטלעריש אויסגעארבייטען גאלדענעם וויינשטאק מיט גאלדענע טרוי-
בען און בלעטער אינ'ם ווערט פון פינף הונדערט טאלאנטען. פאמפע-
יוס האט זיך געאיילט אוועקצושיקען דעם דאזיגען ערשטען אנזאג פון
זיין טריאומף קיין רוים, וואו דאס איז אוועקגעשטעלט געווארען אלס
ציערונג אינ'ם קאפיטאלישען יופיטער-טעמפעל; דאגעגען אבער האט
ער זיך נישט געאיילט צו ערפילען אריסטאבולס פערלאנג — צו סאנק-
ציאנירען זיין רעכט אויף דעם יהודה'שען טראן. ער האט בעפעהלען
דורך די שלוחים, די בעלי-דברים אליין זאלען קומען פארלעגען פאר
איהם זייערע טענות, און געגען זייער ווילען, האבען זיי דאך געמוזט
קומען. הורקנוס האט זיך דאן בערופען אויף זיין בכורה, אויף זיין
געבורטס-רעכט, און האט דערביי אנגעוויזען אויף נאך פערשידענע
אונגעזעצליכקייטען אין אריסטאבול'ס מלוכה-פיהרונג, וועלכע זענען
בעשטעטיגט געווארען פון פיעל אנגעזעהענע יהודה'עער; אריסטאבול,
ווידער, האט ערקלערט, אז הורקנוס איז פשוט נישט פעהיג צו
פיהרען די מלוכה און ער האט געמוזט איבערנעהמען אויף זיך די
העכערע פערוואלטונג פון לאנד צוליעב די אינטערעסען פון לאנד
גופא. אויסער די צוויי קרוין-פרעטענדענטען איז ארויסגעטרעטען נאך
א דריטער טוען — א דעפוטאציע פון דער נייטראלער בעפעלקערונג,
וואס אנערקענט איבגאנצען נישט די נויטיגקייט פון א קעניג פאר'ן
לאנד און וויל איינפיהרען צוריק דעם אמאליגען טעאקראטישען רעזשים.

די דאזיגע רעפובליקאנער האבען זיך בעזונדער געקלאגט אויף די לעצטע חשמונאים, אז זיי האבען געענדערט די יהודה'שע קאנסטי־טוציע און מיט געוואלט פערוואנדעלט די טראדיציאנעלע גייסטיגע פאלקספיהרונג (כהונה גדולה) אין א פעסטער מאנארכיע, וואס פער־קנעכט נאר דעם פאלק און ברענגט איהם קיין נוצען נישט.

פאמפעיוס האט אויסגעהערט די אלע טענות און קיין בעשטימ־טען ענטפער נישט געגעבען — איהם האבען די אינערליכע ארומריי־סעגישען אין יהודה געקענט נאר פערלייכטערן זיין שפעטערדיגע אר־בייט. ער האט צוגעזאגט צו בעזוכען דאס לאנד און אליין איינצו־פיהרען דארט א ארדנונג, און איז דערוויילע אוועק ענדיגען זיין ארויס־טריט געגען די אראבער־נאבאטעער; דער שטאלצער און קריעגערישער אריסטאבול האט אבער דאך ארויסגערופען ביי איהם א מורא פאר א שטארקען ווידערשטאנד אים פאל פון וועלן איינגעהמען יהודה, און ער האט זיך בעמיהט מיט אלע מעגליכקייטען נישט אבצולאזען פון זיך דעם הייסבלוטיגען חשמונאי.

און דער חשד האט זיך ווירקליך בעשטעטיגט: אריסטאבול האט דערשפירט די געפאהר, וואס רוקט זיך אן אויף זיין לאנד, און איז, אונערווארטעט פאר פאמפעיוס'ען, אוועק קיין יהודה, וואו ער האט זיך בעפעסטיגט אין דער שטארקער בארג־פעסטונג אלעקסאנדריא (צו צפון זייט פון יריחו, אינ'ם ירדן־טאל). פאמפיי האט דאן אויפגעגע־בען זיין קאמפף געגען די אראבער און איז ארויף מיט זיין מחנה אויף דער יהודה'עאישער ערד. דא האט ער ארויסגעפאדערט אריסטא־בלוס'ען צו זיך, און דער יהודה'שער קעניג איז געצוואונגען געווען איהם נאכצוגעבען, אום נישט נאכמעהר אויפצורייצען דעם רוימישען יעגער; דער לעצטער האט זיך שוין אבער מיט קיין הבטחות נישט בעפריעדיגט און אויף זיין פערלאנג, האט איהם אריסטאבול געמוזט איבערגעבען די בעדייטענדסטע יהודה'עאישע פעסטונגס־פונקטען.

א בעליידיגטער, מיט א פלאמענדען געפיהל פון נקמה־דורשט אין הארצען, האט זיך אריסטאבול אומגעקעהרט קיין ירושלים מיט דעם פעסטען בעשלוס — טריי צו בלייבען דער טראדיציע פון דעם אלטען חשמונאים־שטאם: מיט געוועהר אין האנד פאר'ן פאלק צו קעמפפען.

עס איז שוין אבער צו שפעט געווען. זיך דערוויסענדיג פון די דאזיגע מלחמה־פארברייטונגען, האט פאמפעיוס גלייך צוגעפיהרט זיין ארמעע ביז צו די טויערן פון ירושלים, און ווידער האט דער פער־

ביטערטער אריסטאבול נישט געזעהן פאר זיך קיין אנדער אויסוועג, ווי — זיך אונטערגעבען. די רוימישע לעגיאנען האבען אבגעקיהלט דעם חשמונאי'שען העלדענמוט, און אריסטאבול האט זיך פערפליכטעט, איבערצורייסען די מלחמה-פארבערייטונגען, צו בעצאהלען קאנטריבוציע און איבערצוגעבען ירושלים אין די הענד פון דער רוימישער מאכט.

פאמפעיוס האט דאן פערהאלטען אריסטאבלוס'ען ביי זיך און געשיקט זיין פערטרעטער גאביניוס מיט א מיליטער-אבטיילונג קיין ירושלים, אום איינצונעהמען פון די איינוואוינער די צוגעזאגטע קאנטריבוציע; איהם איז אבער אויסגעקומען זיך גלייך אומצוקעהרען אין לאגער צוריק — די יהודה'עאישע פאטריאטען האבען איהם נישט אריינגעלאזען אין שטאדט און אינגאנצען נישט אנערקענט די געצוואונגענע הבטחות פון זייער געפאנגענעם קעניג. דאס האט אינגאנצען דערפילט די מאס פון פאמפעיוס'ס כעס, און ער האט בעלאגערט ירושלים (63).

און לאנג איז דעם רוימישען פיהרער נישט אויסגעקומען צו ווארטען. די הירקאניסטען און צוזאמען מיט זיי אויך בעדייטענדע טיילען פון דער איבעריגער נייטראלער בעפעלקערונג האבען נישט איינגעזעהען קיין שום נוצען אין א אפענעם ווידערשטאנד געגען די רוימישע לעגיאנען, און האבען געעפענט פאר די לעצטע די טויער'ן פון שטאדט. עס האט זיך אבער געפונען אין פאלק א בעדייטענדע צאהל בעגייסטערטע פאטריאטען, וואס האבען בעשלאסען ביי זיך צו קעמפפען ביז זייער לעצטען אטעם-צוג געגען די געצענ'דיענערישע בעדריקער פון דער יהודה'שער מאכט, אין וועלכע זיי האבען געזעהען אויך די צושטערער פון דעם יודישען גלויבען, און אט די העלדישע קעמפפער פאר'ן גלויבען און פאר'ן פאטערלאנד האבען זיך בעפעסטיגט אויפ'ן הר-הבית, פערניכטענדיג די בריק, וואס האט פעראייניגט דעם בית המקדש מיט'ן שטאדט, און זיך פערטיידיגענדיג מיט א אונגעוועהנליכער גבורה.

דער דאזיגער בארג האט פארגעשטעלט מיט זיך א שטארקע פעסטונג, און די געניטע רוימישע קריעגער האבען זיך לאנג געמוזט מאטערן און אנשטרענגען, ביז זיי איז געלונגען איהם איינצונעהמען. מיט העלדישער זעלבסט-אפפערונג פלעגען זיך די בעלאגערטע ארויסרייסען פון זייער לאגער און בעשיטען די מחנה פון שונא מיט א האגעל פון קוילען, שטערנדיג איהם אויף אזא אופן צוצוטרעטען נאהנט

צו די וועגט פון בית=המקדש; דערצו איז דער באַרג פון צפון זייט געווען גוט געשיצט מיט פעלזען, קינסטליכע גראָבענס און טורעמס, און פאָמפּעיוס איז געצוואונגען געווען אַראָבצוברענגען פון טירוס גרויסע בעלאַגערונגס=מאַשינעס, אום צו צושמעטערן די טורעמס, און מאַסען האָלץ פון די ווייטע וועלדער, אום די גראָבענס אָנצופילען. אַזוי האָט זיך די בעלאַגערונג פערצויגען, און דער בית=המקדש וואָלט זיך אפשר נאָך אַ לאַנגע צייט געהאַלטען, ווען עס וואָלט נישט צוקומען דאָ איין אומשטאַנד, וואָס האָט די רוימער בעדייטענד פערלייכטערט זייער אַרבייט: די בעלאַגערטע קעמפפער פאַר'ן גלויבען, פאַר דער תורה, האָבען אין דער זעלביגער צייט גופא נישט געוואָלט אָבטרעטען פון דער תורה אפילו אויף דאָס מינדעסטע, און לויט איהרע געזעצען האָט מען זיך אום שבת געמעגט בענוצען מיט געוועהר נאָר אויף צו פערטיידיגען דעם אייגענעם נפש, אָבער נישט אויף צו שטערען די בעלאַגערער אין זייערע אָנפאַלען אויף די פעסטונגס=ווענט; עס פערשטעהט זיך, אַז די רוימער האָבען זיך לייכט אָנגעשטויסען אָן דער ערשיינונג און האָבען פערשטאַנען גוט אויסצוניצען די פאָלשטענדיגע פאַסיוויטעט פון די בעלאַגערטע אין דעם פערלויף פון אַ בעשטימטען מעת=לעת אין דער וואָך. נישט בעגעגענדיג קיין ווידערשטאַנד, האָבען זיי דעם גאַנצען שבת'דיגען טאָג זיך בעשעפטיגט ספּעציעל מיט דער אַרבייט פון צושמעטערן די מויערן, און ענדליך, אין אַ געוויסען שבת (סיון=יוני 63), איז איין טורם פון בית=המקדש געפאַלען און דורך דער עפנונג האָט דער יונגער זוהן פון דעם בעריהמטען רוימישען דיקטאַטאָר סוללו דער ערשטער זיך אַריינגעריסען אין בית=המקדש מיט זיין סאָלדאַטען=אָבטהיילונג.

און קיינער האָט זיך די זיעגער נישט אַנטקעגענגעשטעלט — די זעלביגע יהודה'עאישע רעוואָלוציאָנערען, וואָס האָבען גאַנצע דריי מאָנאַטען אויסגעהאַלטען דעם קוילענשטורם פון די רוימישע שליידער=מאַשינעס און אַזוי העלדיש פערטיידיגט דעם גייסטיגען לעבענס=נערוו פון זייער פאָלק, אָט די זעלביגע העלדישע קעמפפער זענען איצט געשטאַנען בעגייסטערט, טיעף פערזונקען אין אַ פייערליכער תפלה צו דעם אַלערהעכסטען גאָט פון ישראל. דאָס האָט פון דעסטוועגען נישט געשטערט די זיעגער זיך אַרויפצעוואַרפען אויף די בעזיעגטע מיט דעם וואוט פון צורייצטע חיות און צו פערפלייצען די עזרות פון גאָט'ס הייליגען הויז מיט'ן בלוט פון די הייליגסטע ישראל'ס קינדער. אין דעם

אונגליקליכען טאג האבען צוועלף טויזענד יהודה'עאישע פאטריא-
טען זייערע לעבענס פערלוירען אונטער דער שווערד און די פערשיע-
דענע פיין-מיטלען פון די אכזרי'שע רוימער, און גאט'ס הויז איז פער-
האנדעלט געווארען אין א שחיטה-הויז, און טויזענדער אבגעהאקטע קעפ
פון הייליגע כהנים האבען זיך געוואלגערט צוזאמען מיט די פריהער-
דיגע קרבנות אויפן הייליגען מזבח, און פון פלאמען איז דער הימעל
רויט געווען, — פון פלאמען, אין וועלכע די יהודה'עאישע פאטריא-
טען האבען זיך אליין געווארפען, מיט גאט'ס נאמען אויף די ליפען,
נישט וועלנדיג אריינפאלען אין די הענד פון די בלוטיגע רוימער.

פאמפעיוס אליין האט דערוויל אויסגענוצט די געלעגענהייט, אויף
זיך צו בעקאנען מיט דעם כאראקטער פון דעם יודישען גלויבען, ווע-
גען וועלכען עס האבען זיך ארומגעטראגען פערשידענע לעגענדען
אין דער גאנצער דעמאלדיגער „ציוויליזירטער" וועלט. נאך אנטיוכס
עפיפאנעס האט געהאט פערשפרייט דעם קלאנג, אז די יהודה'עער
פערגעטערן אין זייער טעמפעל א עזעל-קאפ, פראווען משונה'דיגע ווילד-
דע צערעמאניעס און האבען א תורה, וואס איז פול מיט אכזר'ישע,
מענשענפיינדליכע געזעצען; דער רוימישער טריאומפאטאר האט
זיך איצט דעריבער איבערצייגט, ארייןקומענדיג אין'ם
„קדשי קדשים" פונ'ם יודישען טעמפעל און נישט זעהענדיג דארט קיין
שום עזעל-קאפ און קיין שום אבבילדונג פון גאט בכלל. א טעמפעל
אהן א שום בילד; א טעמפעל פאר א גאט, וואס איז אינגאנצען אומ-
זיכטבאר, וואס האט אינגאנצען קיין בילד און קיין פארם און קיין גע-
שטאלט נישט — דאס איז פאר דעם רוימישען געצענדינער אינגאנ-
צען אונבעגרייפליך געווען, און אט די בילדלאזע הייליגקייט, וואס האט
דא געשוועבט ארום איהם, האט „בעזיעגט דעם זיעגער". דער געלד-
גייציגער רוימישער קריגס-פיהרער האט בעפעהלען נישט צו ריהרען
דאס מינדעסטע פון די טייערע געלד- און זילבער-כלים, וואס האבען
זיך געפונען אין דעם איינגענומענעם בית-המקדש, און אויך נישט פון
דער בית-המקדש-קאסע, וואו עס איז געלעגען א סומע פון צוויי טוי-
זענד טאלאנטען. ער האט זאגאר פעראָרדענט, מען זאל ברענגען דעם
גאנצען בית-המקדש אין ארדנונג און בעניייען אין איהם צוריק דעם
גאטעס-דיענסט.

נאכדעם האט פאמפיי גענומען איינפיהרען אין לאנד די צוגעזאג-
טע „ארדנונג". טריי בלייבענדיג די אלטע טראדיציע פון דעם רוימי-

שען פאָלק, די טראַדיציע פון בעזיעגען דאָס לאַנד און עס נישט בעהערשען, איינגענעהמען די אויבער=מאַכט איבערן פאָלק אָבער נישט פיהרען עס, — האָט פּאָמפּעיוס אויך יהודה געלאָזען די פולע פרייהייט בנוגע צו דער אינערליכער פערוואַלטונג. דאָס לאַנד, וואָס איז מיט הונדערט יאָהר צוריק אַרויסגעריסען געוואָרען פון דער סורישער הערשאַפט און האָט בעקומען אַ אייגענע הערשער=דינאַסטיע אין דער געשטאַלט פון די חשמונאים, איז איצט אַרונטערגעפאַלען אונטער דעם פּראָטעקטאָראַט פון רוים און איז געוואָרען איינע פון די רוימישע שוץ=מלוכות; אין לאַנד איז אָבער דערווייל אַלץ געבליבען ביים אַלטען. אַלס פיהרער פון פאָלק און כהן=גדול האָט פּאָמפּעיוס בעשטימט הורקנוס'ען, וועלכער האָט איצט פערלוירען דעם טיטול „קעניג“ און בעקומען דעם נאָמען „עטנאַרך“ (פיהרער, הויפּט). דערביי האָט ער בעשטימט פאַר אַ מין אַפּוטרופּוס איבער'ן גאַנצען לאַנד מיט'ן עטנאַרך צוזאַמען דעם בעקאַנטען אַנטיפּאַטאָר, וועלכער האָט פערשטאַנען צו געווינען פאַר זיך די סימפּאַטיע פון דעם רוימישען זיעגער.

דער זיעג האָט זיך אָבער דערמיט אַליין נאָך נישט געענדיגט. אויסער דעם יעהרליכען מס, וואָס יהודה האָט פון איצט אָן געמוזט אָנהויבען אַריינצוטראָגען אין דער רוימישער מלוכה=קאַסע אַלס בעזיעגט לאַנד, האָט פּאָמפּעיוס נאָך געלאָזען צושמעטערן די מויערן פון שטאָדט, און דערצו האָט ער דאָס לאַנד גופא אויך איינגעשלאָסען אין ענגערע גרענעצען. די אַלע האַפענשטעדט און ברעג=געגענדען, וואָס זענען געווען בעוואוינט פון גריכען, האָט פּאָמפּעיוס ערקלערט אַלס פריי=שטעדט, און אַזוי האָט ער בעפרייט אויך די שטעדט אויף יענער זייט ירדן, וועלכע זענען מיט אַזוי פיעל מיה אויסגעקעמפט געוואָרען פאַר יהודה דורך יוחנן=הורקנוס און אַלעקסאַנדער=יאַנאַי. סאַמאַריאַ, סקיטאָפּאָליס (בית=שאן) און אַנדערע שטעדט אינ'ם עמק יזרעאל, ווייטער גדרה, היפּאָס, פּעלאַ, דיאָן, פילאַדעלפיאַ און נאָך עטליכע פון די געוועזענע סורישע שטעדט זענען אויך אָבגעריסען געוואָרען פון יהודה און פעראייניגט געוואָרען מיט דעם גאַנצען סורישען געביט, וואָס האָט איצט געבילדעט אַ בעזונדער רוימישע שטאַטהאַלטערשאַפט אין אַזיען. לויט די אַלטע טראַדיציעס פון דער רעפּובליקאַנישער רוים האָבען די אַלע בעפרייטע שטעדט בעקומען אַ ברייטע זעלבסט=פערוואַלטונג; עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס די בעפעלקערונג פון דאָרטין האָט געקוקט אויף פּאָמפּעיוס'ען,

ווי אויף איהר אויסלעזער, און האט דאטירט איהר פרייהייט פון זיין נצחון איבער ירושלים (פאמפעיאנישע ערא). צעהן אזעלכע [פריישטעדט האבען זיך פעראייניגט און געבילדעט א פעדעראציע אונטער דעם נאמען דעקאפאליס, און אט דער גאנצער געביט פון דער נייער רוימישער פראווינץ — סוריען, איז איבערגעגעבען געווארען אינ'ם רשות פון דעם דערמאהנטען לעגאט סקאווער.

פון די קריעגסגעפאנגענע האט פאמפעיוס די מעהר היציגע פאטריאטען געהייסען קעפען און די איבריגע האט ער מיטגעפיהרט מיט זיך קיין רוים. צווישען די לעצטע האבען זיך געפונען אויך דער קעניג אריסטאבול II, זיינע צוויי טעכטער און זיינע צוויי זיהן, אנטיגאן און אלעקסאנדער. די דאזיגע קעניגליכע פאמיליע (אויסער אלעקסאנדער'ן, וועלכער איז אנטלאפען פון וועג) איז שפעטער, נאך פאמפעיוס'עס אנקומען קיין רוים, איינגעשפאנט געווארען אין זיין טריאומף-וואגען, צוזאמען מיט נאך פיעל אנדערע בעזיעגטע קעניגען און פרינצען פון דער גרויסער מזרח-וועלט. די איבריגע גרויסע מהנה געפאנגענע, וואס פאמפעיוס האט מיטגעבראכט מיט זיך פון יהודה, האט זיך אויסגעמישט מיט דער איבריגער יודישער בעפעלקערונג, וואס האט געלעבט אין רוים, און אריינגעבראכט א סך לעבען אין דער דארטיגער יודישע געמיינדע.

אזוי האט זיך געענדיגט די גאלדענע צייט פון דער בעניימטער יהודה'שער מלוכה, וואס האט זיך אנגעהויבען מיט דעם מכבי'אישען אויפשטאנד. אלס שקלאפען, ארים און דערשלאגען, זענען ציון'ס קינדער געבראכט געווארען אין דער מעכטיגער, שטאלצער רוים; דאס איז אבער נאך נישט געוועזן דאס לעצטע ווארט פון דער היסטאריע. די בעציהונגען צווישען ירושלים און רוים האבען זיך נאך געצויגען א סך, א סך צעהנדליגער יאהרען, און די רוימישע סאלדאטען האבען נישט איין מאל נאך פערטרונקען ירושלים'ס גאסען מיט'ן בלוט פון איהרע קינדער, און מחנות געפאנגענע פון יהודה זענען נישט איין מאל נאך געשפאנט געווארען אין רוימישע טריאומף-צוגען. נאר דא איז פארגעקומען אין דער געשיכטע עטוואס מערקווירדיגעס: אט די זעלביגע עלענדע שקלאפען, אט דער הייפעל יהודה'עער פון דעם „בארבארישען" מזרח האט זיך אנגעהויבען ביסליכווייז אונטערצוגראבען אונטער דעם יסוד פונ'ם גאנצען רוימישען וועזען, פון דער גאנצער רוימישער וועלט- און לעבענס-אנשויאונג, פון דעם גאנצען רוימישען לעבען, דענקען און שאפען און געענדיגט האט זיך די דאזיגע צושטערונגס-ארבייט מיט דעם פאלשטענדיגען נצחון פון די בעזיעגטע יהודה'עער איבער די מעכטיגע רוימישע זיעגער. —

זעקסטעס קאַפּיטעל.

יודען אין די אַרומיגע לענדער און דאָס אינערליכע לעבען פון יהודה.

צוזאַמען מיט דעם שאָטען פון פּאָליטישער קנעכטשאַפט, וואָס האָט זיך פערצויגען איבער יהודה, האָבען זיך פערשטאַרקט און פער־גרעסערט די יודישע קאָלאָניעס אין די אַרומיגע, שכני'שע לענדער. אזעלכע יודישע קאָלאָניעס האָבען פון די אַלטסטע צייטען אָן עקסיס־טירט אין מעסאָפּאָטאַמיען, סיריען, קליין־אַזיען, מצרים און קירענײַ־קע; און אין די לעצטע צעהנדליגער יאָהרען, נאָכדעם, ווי יהודה האָט אָנגעהויבען קומען אין אַ נעהנטערן פּאָליטישען פערקעהר מיט דער רוימישער רעפּובליק, איז צו זיי צוגעקומען די בעדייטענדע קהלה פון יהודה'ער אין רוים. די נישט־יודישע קוועלען פון דער חשמונאים־עפּאָכע ווייסען צו דערצעהלען, אַז „די יהודה'ער זענען שוין אַרייַנגעדרונגען אין אַלע שטעדט, און ס'איז נישט לייכט צו געפינען וועלכען ס'איז אָרט אויף דער ערד, וואָס זאָל זיין פרײַ פון זיי" (סטראַבאָן), און ווי ס'דריקט זיך אויס איינס פון די אַלטסטע סיבילינישע ביכער, זענען „אַלע ערדען און אַלע וואַסער'ן פ ל מיט יהודה'ער".

געבילדעט האָבען זיך די דאָזיגע יודישע קבוצים אין יענער צייט, ווען יהודה איז איבערגעגאַנגען פון איין מלוכה צו דער אַנ־

דערער, און יעדער נייער הערשער האט זיך אדער נוקם געוועזן אן די פערעקשנט'ע יהודה'ער און זיי פערטריבען פון זייער לאנד, אדער ער האט געזעהען אין זיי א מיטעל צו א געוויסען פאליטישען צוועק און האט זיי בעזעצט מאסענווייז אין זיינע אנדערע פראווינצען. ביסלעכווייז האבען זיך די יודישע אימיגראנטען איינגעלעבט אין זייערע נייע וואוינונגס-פלעצער, און מיט דער צייט האבען זיי זאגאר בעוויזען זיך צו ערווערבען נישט בלויז רייכטום און א כבוד'יגען פלאץ אין דעם דארטיגען האנדעל, נאר אויך א בעדייטענדען איינפלוס אויף דער גאנצער קולטורעלער און פאליטישער ענטוויקלונג פון דער סביבה, אין וועלכער זיי האבען זיך געפונען; דאס האט געבראכט דערצו, אז אויך שפעטער, ווען יהודה האט ווידער אויפגעבליהט אונטער דער מאכט פון די חשמונאים און ירושלים איז געווארען, אויסער דער גייסטיגער, אויך דער פאליטישער צענטר פאר דער גאנצער אומה, האבען זיך די דאזיגע אויסגעוואנדערטע מאסען נישט געאיילט אומצוקעהרען אין זייער היים. זיי האבען זיך נאר בעטייליגט אין די הוצאות פון בית המקדש מיט יעהרליכע נדבות און אויסער דעם פלעגען זיי גרופעס-ווייז קומען פון צייט צו צייט בעזוכען די הייליגע שטאדט.

דעם בעדייטענדסטען פלאץ צווישען די דערמאהנטע יודישע קאלאניעס אויסער ארץ ישראל פערנעהמט די פון עגיפטען. די ערשטע גרופע יהודה'ער האט פטאלאמעאוס I אהין געבראכט, און מיט איין יאהרהונדערט שפעטער האבען זיך שוין געפונען אין מצרים ביז א מיליאן יודען, וועלכע זענען געווען צעווארפען איבערן גאנצען לאנד — פון דעם ליבישען מדבר אין צפון ביז די גרענעצען פון אביסיניען אין דרום. א טעטיגע ראליע האט די דארטיגע יהודה'אישע בעפעלקערונג אנגעהויבען צו שפיעלען, ווען יהודה איז אבגעריסען געווארען פון עגיפטען (פאר פטאלאמעאוס V) אלס א פראווינץ, וואס איז אריינגענאנגען אין די גרענעצען פון סיריען, און ביידע מלוכות זענען געווען פעראינטערעסירט אין דעם, צוצוציהען די יהודה'ער אויף זייער זייט. די יהודה'ער אין עגיפטען זענען שטענדיג געווען געטרייע אנהענגער פון דער פטאלאמעאישער דינאסטיע, און דער זעקסטער פטאלאמעער, פילאמעטער, האט גערן געעפענט די טויערן פון זיין לאנד פאר די גרויסע מחנות אנטלאפענע פון יהודה, ווען דער סירישער דעספאט אנטיוכס עפיפאנעס האט דארט געווילדעוועט

מיט זיינע שוידערהאפטע צוואנגס-מיטלען און אכזריות'ען. צווישען די דאזיגע אנטלאפענע האט זיך געפונען אויך חוניו IV, דער זוהן פון דעם כהן גדול חוניו III, ביי וועלכען די העלעניסטען האבען אבגענומען דעם כהן גדול-טיטול; און אזוי ווי אין דעם עגיפטישען הויף האט מען דאן כסדר געזוכט פלענער, ווי אזוי צוריק ארויסצורייסען פון אנטיוכס'ן די מאכט איבער יהודה, האט מען דעם אנגעזעהענעם יהודה'עאישען מיוחס, חוניו, אויפגענומען מיט כבוד און פריינדשאפט. דאס האט דעם לעצטען געגעבען די דרייסטקייט ארויסצוטרעטען מיט זיין פלאן וועגען גרינדען אין מצרים א נייעם רעליגיעזען צענטר, אויך אין דער געשטאלט פון א בית המקדש, וואו ער אליין, אלס געזעצליכער יורש, זאל ערפילען די פליכטען פון א כהן-גדול.

אין דער יודישער קאלאניע איז דער פלאן אויפגענומען געווארען מיט צופריעדענהייט — ביי די פערשארפטע בעציהונגען, וואס האבען איצט געהערשט צווישען דעם עגיפטישען און דעם סירישען הויף, האבען זיי נאר געקענט צופריעדען זיין מיט דעם פלאן פון אן'אייגענעם בית המקדש, מיט אן'אייגענעם געזעצליכען כהן גדול, וואס וועט זיי אינגאנצען אונאבהענגיג מאכען פון ירושלים און זיי בעפרייען פון פערקעהרען אזוי אפט מיט דער סירישער יהודה. חוניו האט דאן פארגעלעגט זיין בקשה פילאמעטער'ן, און דער לעצטער האט איהם אבגעגעבען א בעדייטענדען שטח ערד אין דעם שטעדטיל לעאנטאפאליס, אין דער געגענד פון העליאפאליס, צו צפון-מזרח זייט פון מעמפיס, וואו ס'איז אמאל געשטאנען אן'אלט-עגיפטישער טעמפעל. אויף דעם פלאץ האט חוניו געלאזען אויפגעשטעלען א טעמפעל פאר דעם יודישען גאט, — א טעמפעל מיט א מזבח, לויט דעם מוסטער פונ'ם בית המקדש אין ירושלים, נאר קלענער און ארימער פון יענעם. איהם איז אויך געלונגען זיך צוזאמענצושטעלען דעם נויטיגען שטאט כהנים און לויים פון די אנגעלאפענע יהודה'ער, און די הוצאות אויף דעם זענען גענומען געווארען פון די מלוכה-שטייערן פון דער גאנצער געגענד, וואס האט בעקומען דעם נאמען א נ י א ן (חוניו-אניאן) און איז אינגאנצען אוועקגעשטעלט געווארען אונטער דער אויבערשטער פערוואלטונג פון דעם יהודה'עאישען כהן-גדול.

אום צו בעקומען אויך א רעליגיעזע סאנקציע פאר זיין בית המקדש (בית חוניו), האט זיך חוניו בערופען אויף דער אלטער

נבואה פון ישעיהו: „אין יענעם טאג וועט שטעהן א מזבח פאר גאט אינ'ם לאנד מצרים און א מדבר צום אלערהעכסטען אויף איהר גרע־נעץ"; דאס האט אבער, ווי ס'ווייזט אויס, גאנץ וועניג געווירקט אויף דער בעפעלקערונג פון ארץ־ישראל, און דארט האט מען די גאנצע צייט נישט אויפגעהערט קרום צו קוקען אויף „חוניו'ס טעמפעל", אין לעאנטאפאליס, וואס האט עקסיסטירט איבער צוויי הונדערט יאהר און האט איבערגעלעבט מיט דריי יאהר זיין אריגינאל פון ירושלים. אין מצרים גופא, זאגאר, האבען זיך אויך געפונען א סך יודען, וואס האבען נישט איבערגעריסען איצט זייערע בעציהונגען מיט דעם פערהייליגטען צענטר אין דער הייליגער שטאדט; זיי פלעגען, ווי ביז אהער אזוי אויך איצט, געהן קיין ירושלים (עולי רגל, פילגרימען) אויף די גרעסערע יום־טובים און שיקען אהין זייערע יעהרליכע נדבות, און נאך דעם ערשטען גרויסען נצחון פון די מכבי'ער, האבען די פאלקס־פיהרער פון יהודה געפונען פאר א פליכט, איינצולאדען די עגיפטישע גלויבענס־ברידער אין דער בענייטער יהודה'ישער הויפטשטאדט, אום זיי זאלען זיך בעטייליגען אין דער פייערליכער בענייאונג פון בית המקדש (חנוכת הבית, חנוכה).

אין אלגעמיין איז די לאגע פון יודען אין מצרים געווען זעהר א גוטע. זיי האבען זיך בעטייליגט אין אלע צווייגען פון דעם פאליטישען, געזעלשאפטליכען און קולטורעלען לעבען, און אומעטום האבען זיי זיך געפיהלט גלייכבערעכטיגט מיט די איינגעבוירענע בירגער פון לאנד. אממעהרסטען קאנצענטרירט זענען די יודען געווען אין דער עגיפטישער הויפטשטאדט אלעקסאנדריע, דער צווייטער בעדייטענדער צענטר פון דער דעמאלדיגער ציוויליזאציע נאך רוים. פון די פינף קווארטאלען, אין וועלכע די שטאדט איז געווען איינגעטיילט, האבען יודען פערנומען כמעט גאנצע צוויי, און זייער צענטראלער פונקט איז געווען דער קווארטאל דעלטא, וואס איז געלעגען ביים האפען. דאס איז א „יודיש שטעדטיל" געווען, וואו עס איז געווען קאנצענטרירט כמעט דער גאנצער עקספארט און אימפארט פון לאנד. קומענדיג אין א געשעפטליכען פערקעהר מיט פערשידענע קולטור־צענטערן און זיך ענגער צוזאמענלעבענדיג מיט זייערע גריכישע שכנים, האבען די עגיפטישע יודען איבערגענומען פון זיי דעם פערפיינערטען געשמאק און דעם זין פאר קינסטלערישע אויסארבייטונגען, און קוים האט מען אין ירושלים געדארפט האבען קינסטלער צו דער בענייאונג

פון בית המקדש, האָט מען זיי געמוזט אויסשרייבען פון דער אַלעקסאַנדריניש-יודישער קהלה. און נישט נאָר אויף די געביטען פון קונסט און האַנדעל — די אַלעקסאַנדרינישע יודען האָבען זיך אויסגעצייכענט זאָגאַר אויך אַלס מיליטער-פיהרער, און אָן דער שפּיץ פון דער עגיפּטישער אַרמעע פאַר פילאָמעטער'ן זענען געשטאַנען די יהודה'ער חוניו און דאָסיטעאוס. שפּעטער, ביי דעם צוזאַמענשטויס צווישען דעם חשמונאי אַלעקסאַנדער-יאַנאַי און דעם עגיפּטישען טראָן-פּרעטענדענט, פּטאָלאָמעאוס לאַטוראָס, איז די קעניגין קלעאָפּאַטראַ אַרויסגעטרעטען צו הילף דעם קעניג פון יהודה און האָט געשיקט געגען איהר זוהן אַ אַרמעע, אונטער דער אָנפיהרונג פון די צוויי יהודה'עאישע ברידער חלקיהו און חנניה, די זיהן פון דעם דערמאָהנטען חוניו IV.

די אַלעקסאַנדרינישע קהלה האָט געדיענט אַלס מיטעלפּונקט פאַר דער גאַנצער יהודה'עאישער קאָלאָניע אין מצרים. דאָ האָבען זיך, נאָך איידער חוניו האָט אויפגעשטעלט זיין בית המקדש, געפונען שוהלען (פּראָזייכען, סינאַגאָגען) צום דאַווענען אין אַלע טיילען פון שטאָדט, און פון זיי האָט זיך בעזונדער אויסגעצייכענט די הויפּט-שוהל מיט איהר שענער געביידע און קינסטלעריש-רייכע בעפּוצונגען. די דאָזיגע שוהלען האָבען געדיענט אויך אַלס לעהר-הייזער (בתי מדרשים), וואו עס פלעגען שבת און יום טוב ערקלערט און געלייענט ווערן קאַפּיטלען פון דער תורה און די נביאים. בראש פון דער יודישער קהלה אין אַלעקסאַנדריע איז געשטאַנען אַ בעזונדער נשיא (עטנאַרך), וואָס „האָט אַכטונג געגעבען אויפ'ן פאָלק, גע'משפט צווישען איינעם און אַנדערען; געזעהען, אַז אַלע פליכטען און פאָרשריפטען זאָלען ערפילט ווערן — ווי אַ פיהרער פון אַ אונאָבהענגיגער שטאָדט" (סטראַבאָן).

אַזוי האָבען יודען געלעבט אין דער עגיפּטישער הויפּטשטאָדט — פול מיט שטאָלצער אַכטונג צו זיך אַליין און טיעף געאַכטעט אויך פון די אָרומיגע בעלי בתים און שכנים. זיך בעטייליגענדיג אַקטיוו אין אַלע צווייגען פון דעם געזעלשאַפטליכען און פּאָליטישען לעבען און שפּיעלענדיג אומעטום אַ דאָמינירענדע, טאָן-געבענדע ראָליע האָבען זיי, נאַטירליך, געמוזט אַרויפציהען פון צייט צו צייט אויף זיך דעם כעס פון אַ פּעראינטערעסירטער פּערזאָן און דאַן איז זיי אויסגעקומען נישט ווענינ צו ליידען; דאָס איז אָבער געווען מעהר אַ

פאליטישער צוזאמענשטוים, ווי די פערפאלגונג צוליעב דעם ראסען־אונטערשיעד אדער צוליעב דעם יודישען גלויבען. אזוי, למשל, איז פארגעקומען, אז נאך דעם טוידט פון דעם גוטהערציגען פטאלאמע־אוס פילאמעטער, האט זיין אכזריות׳דיגער ברודער, פטאלאמעאוס VII פיסקאן, אנגעהויבען פיהרען א קאמפף פאר׳ן טראן מיט דער קעניגין־אלמנה קלעאפאטרא (145). פיסקאן האט געהאט אויף זיין זייט די שטיצע פון רוים, דאגעגען אבער איז די סימפאטיע פון די אלעקסאנדרינישע יודען געוועזען אויף קלעאפאטרא׳ס זייט, און בראש פון איהר מיליטער איז געשטאנען דער אויבען דערמאהנטער חוניו. דאס האט אויפגערייצט דעם ברוטאל־מערדערישען פרעטענדענט און ער האט זיך בעשלאסען אויף א שרעקליכען שריט: ער האט בעפעהלען זיינע סאלדאטען, צונויפצוטרייבען מאסען יודען מיט זייערע פרויען און קינדער אויפ׳ן מארק, און דאן ארויפלאזען אויף זיי א מחנה אוים־געהונגערטע, צורייצטע העלפאנטען; ביי דער אויספיהרונג פון דער נקמה איז אבער פארגעקומען עטוואס אונערווארטעטעס: אנשטאט זיך ארויפצעווארפען אויף די שוצלאזע יהודה׳ער, האבען זיך די צעווילדעטע העלפאנטען אומגעווענדעט צו זייערע אייגענע פיהרער און אנ־געמאכט צווישען זיי א חורבן. פיסקאן האט זיך דאן אבגעזאגט פון זיין ווילדער נקמה, און צום זכר פון דער ישועה, וואס איז בעטראכט געווארען פון פאלק אלס נס פון הימעל, איז אין דער אלעקסאנ־דרינישער יודישער געמיינדע איינגעפיהרט געווארען א יעהרליכער יום־טוב.

מעהר אבער, פיעל מעהר ווי אויף די דערמאהנטע געביטען, האבען די יודען אין אלעקסאנדריע געווירקט אויף דער אזוי גערופע־נער „אלעקסאנדרינישער ליטעראטור”. דא האבען זיי געשאפען עטוואס אזוינס, וואס האט געהאט א בעדייטענדען איינפלוס אויף דעם גאנ־צען גאנג פון דער וועלט־געשיכטע, אויף דער גאנצער שפעטערדי־גער ענטוויקלונג פון דעם מענשליכען אידעען־גאנג. בעשטאנען איז די דאזיגע אלעקסאנדרינישע ליטעראטור פון א גאנצער רייהע פער־שיעדענארטיגע וויסענשאפטליכע, פילאזאפישע און פאעטישע ווערק אין דער גריכישער שפראך; געשריבען זענען אט די ווערק געווארען פון שריפטשטעלער, וואס האבען אנגע־ערט צו פערשיעדענע, מעהר אדער וועניגער העלעניזירטע פעלקער; און אט, אין דעם לאבירינט פון העלענישע אידעען און פארמען האט זיך אמשטארקסטען בולט

ארויסגעוויזען דער יודישער עלעמענט, דער עלעמענט פון דער יו-דישער וועלט- און לעבענס-אנשויאונג. די אלעקסאנדריניש יודען האָבען די ערשטע פראקלאמירט פאר דער אלטער קולטור-וועלט דעם יודישען שאפונגס-גייסט, און דאס קאן גערעכענט ווערן אויך פאר דעם ערשטען ממשות'דיגען צוזאמענשטויס צווישען די ביידע וועלט-קולטורען, דאס יודענטום און דעם העלעניזם, אויף דעם העלענישען באָדען, — דער צוזאמענשטויס, פון וועלכען דאס יודענטום איז ענד-ליך ארויס מיט א פאָלשטענדיגען נצחון.

דאס בעדייטענדסטע ווערק, וואס די אלעקסאנדרינישע יודען האבען ארייננעבראכט אין דער דעמאלדיגער אינטערנאציאנאלער לי-טעראטור, איז געוועזען די ביבעל אין א גריכישער איבערזעצונג. צו אונז זענען נישט דערגאנגען קיינע ידיעות וועגען די אייגענטליכע מאָ-טיוען, וואס האבען בעוואויגען די אלעקסאנדרינישע יודען, זיך צו פערנעהמען מיט דער ארבייט פון איבערזעצען די תורה; בעקאנט איז נאר, אז די איבערזעצונגס-ארבייט האט זיך אנגעהויבען נאך אין דריטען יאהרהונדערט פאר קריסטוס'ן און איז געענדיגט געוואָרען אין צווייטען, און אז די אונטערנעהמונג איז געשטיצט געוואָרען געוויסער-מאסען פון דעם עגיפטישען הויף. ס'איז איבערגעזעצט געוואָרען דער גאנצער תנ"ך (תורה, נביאים און כתובים), עטליכע אנדערע פאָע-טישע און רעליגיעז-פילאזאפישע ווערק און אויך א טייל פון די ווערק, וועלכע זענען שפעטער ארייננענומען געוואָרען אין דער רייהע פון די ביבלישע אפאקריפען. דערביי האבען זיך די איבערזעצער נישט געהאלטען שטרענג ביים טעקסט און אָפט האבען זיי זיך ערלויבט, צוצוגעבען פערשידענע ערצעהלונגען און תפלות, — פון די, וועלכע זענען ארומגעגאנגען אין פאָלק. דאס האבען זיי בעזונדער געטאן אין די לעצטע ביבעל-ספרים, וועלכע זענען נאך נישט שטארק פערהיי-ליגט געוועזען.

אין יהודה האט מען געקוקט אויף דעם פאקט פון איבערזעצען די תורה אין א פרעמדער, וועלטליכער שפראך, ווי אויף א מין פראפאנאציע (הייליגקייטס-פערשוועכונג), און דער טאג, ווען די איבער-זעצונג איז געענדיגט געוואָרען, איז דאָרט בעשטימט געוואָרען אלס טאָג פון טרויער פאר'ן גאנצען פאָלק. דאָרט האט מען צופיעל גע-האט געליטען פון דער העלענישער וועלט, דאָרט האט מען זיך צו-פיעל געשראָקען פאר דעם שעדליכען העלענישען איינפלוס און צו

פיעל האבען די אמת'ע פערזארגער פונ'ם פאלקס-גייסט זיך בעמיהט איהם איינצוציהען וואס מעהר אין זיין אייגענער שאלעכץ, אום צו קאנען זיך גלייכגילטיג בעציהען צו אזא מין גייסטיגער היימישקייט מיט די געצענדיענערישע העלענישע פעלקער. די אלעקסאנדרינישע יודען האבען זיך אבער, ווי ס'ווייזט אויס, גארנישט גערעכענט מיט דער אונצופריעדענהייט, און יעדער נייער ספר, וואס איז ערשינען אין יהודה, איז גלייך איבערגעזעצט געווארען אין אלעקסאנדריע, ווערנדיג, אויף אזא אופן, דאס אייגענטום פון דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט. א דאנק דעם אומשטאנד זענען צו אונז דערגאנגען אזעלכע אוצרות פון יודישען גייסט און יודישער שאפונג, ווי „די חכמה פון יהושע בן סירא״, „דאס ערשטע בוך פון די מכבי'ער״, דער „ספר חנוך״ און נאך אנדערע „אפאקריפען״, וואס זייערע העברעאישע אריגינאלען זענען פערלוירען געגאנגען.

אויסער די דערמאהנטע איבערזעצונגען האבען זיך די אלעקסאנדרינישע יודען אליין אויך געפרובט בעארבייטען די יודישע פערגאנגענהייט, מיט דעם צוועק צו דערווייזען די גרויסקייט פון דעם יודישען גייסט און די געטליכע איבערזעצונגען פון דער יודישער אמונה. אזוי האט א געוויסער יאזאן פון קירענייקע פערפאסט א גריכיש ווערק אין פינף טיילען, אין וועלכע ער האט אויספיהרליך געשילדערט די יהודה'עאישע בעפרייאונגס-בעוועגונג און די מלחמות פון די חשמונאים. פון דעם ווערק זענען צו אונז דערגאנגען נאר געקליבענע פראגמענטען, וועלכע זענען שפעטער צוזאמענגעשטעלט געווארען אונטער דעם נאמען „דאס צווייטע בוך פון די חשמונאים״. אין דעם „צווייטען״, אלעקסאנדרינישען בוך קומען אריין פערשיעדענע פאלקסלעגענדעס וועגען די בעהאנדעלטע געשעהענישען, — אזעלכע, וואס אין דעם „ערשטען״, יהודה'עאישען, חשמונאים-בוך זענען זיי גארנישטא. דאס אלעקסאנדרינישע חשמונאים-בוך איז בכלל געשריבען אין דעם טאן פון די גריכישע רעטאריקער און האט נישט אין זיך, נישט די ביבלישע פשטות און נישט די שטרענגע זאכליכקייט פון דעם ערשטען ספר המכבים. פאר דעם אלעקסאנדרינישען אויטאר איז אין דעם קאמפף פון די חשמונאים מעהר וויכטיג דער רעליגיעזער עלעמענט, ווי די פאליטישע בענייאונג פון יהודה. ער בעמיהט זיך כסדר צו דערווייזען, אז די יודישע אמונה האט דא אבגעהאלטען א נצחון איבער די אלזריות'דיגע צוואנגס-מיטלען פון היידענטום, און

דאַנגעגען געהט איהם דער פּאָליטישער נצחון גאַנץ ווייניג אָן.

אַט די אַלע אַרבּייטען זענען אָבער געווען נישט מעהר, ווי די ערשטע שריט אויף דעם וועג פון אַ נעהנטערער גייסטיגער פערוואַנדשאַפט, פון אַ ענגערן גייסטיגען צוזאַמענלעבען, — די ערשטע שריט, נאָך וועלכע עס האָט זיך איצט אָנגעהויבען די אינטענסיווע שאַפונגס־טעטיגקייט פון דעם יודישען גייסט. אַליין דורכגענומען און בּעאיינפלוסט פון די גריכישע פילאָזאָפישע אידעען און ענטציקט פון זייער פאָרם און שענקייט, האָט די אַלעקסאַנדריניש־יודישע אינטעליגענץ קודם כל געשטרעבט, מקרב צו זיין די תורה צו דעם גריכישען געדאַנקענגאַנג און צו דערוויזען, אַז דאָס יודענטום און דער העלעניזם שטאַמען ביידע, אייגענטליך, פון איין מקור און אַנערקענען ביידע כמעט איינע און די זעלבע אמת'ען. דאָס האָט, נאַטירליך, געמוזט בּעגעגענען אַ געוויסען ווידערשטאַנד פון דער העלענישער זייט, וואו מ'האָט בעטראַכט די גריכישע פילאָזאָפיע פאַר דער איינציג ריכטיגער און איינציג בּערעכטיגטער, און די יודישע שריפטשטעלער זענען, אויף אַזאַ אופן, נישט ווילענדיג אַריינגעצויגען געוואָרען אין אַ שאַרפער פּאָלעמיק, אין וועלכער זיי האָבען זיך שוין בעמיהט נישט בלויז צו פערטיידיגען די יסודות פון יודענטום און זיי צו בּערעכטיגען, נאָר אויך זיי צו פּראָפּאַגאַנדירען, זיי צו פערשפּרייטען אין דער אַרומיגער קולטור־וועלט. פעראייניגען די יודישע מיט דער העלענישער קולטור איז אָרגאַניש אוממעגליך געווען, און סוף כל סוף האָט געמוזט אויסבּרעכען אַ ביטערער קאַמף צווישען דעם עצם מהות פון יודענטום, דעם *עטישען מאָנאָטעאיזם*, און דעם אייגענטליכען וועזען פון דער גריכישער קולטור, דעם *עסטעטישען פּאָליטעאיזם*.

פון די ערשטע אַלעקסאַנדרינישע יהודה'ער, וואָס האָבען געפּרובט צוטרעטען צו דער תורה מיט דעם קריטעריום פון דער גריכישער אידעען־וועלט איז געווען אַ געוויסער *אַריסטאָבול*, וואָס האָט געלעבט אין אַלעקסאַנדריען פאַר פּטאָלאָמעאוס פילאָמעטער'ן (170—150). ער האָט אָנגעשריבען אַ ווערק וועגען משה'ס געזעצגעבונג, אין וועלכען ער האָט געזוכט צו דערוויזען, אַז די אַלע פילאָזאָפישע סיסטעמען פון די גריכישע דענקער פּיטאַגאָרוס, סאָקראַטוס און פּלאַטאָן זענען אָנגעוואונקען אין דער יודישער תורה, און אַז משה'ס לעהרע ענטהאַלט אין זיך דאָס בעסטע און טיעפסטע פון דעם אַלעמען, וואָס עס האָבען געפּרעדיגט די גריכישע פילאָזאָפען אין

אלע צייטען און דורות. דער אריסטאבול איז אויך געוועזען דער ערשטער, וואס האט זיך בענוצט מיט דער אלעגארישער מעטאדע, אום צו ערקלערן די אנטראפאמארפיסטישע שטעלען פון דער תורה (די אויסדריקען, וואס כאראקטעריזירען גאט אלס א וועזען מיט מענשליכע אייגענשאפטען; למשל: גאט האט געזאגט, גאט האט זיך אומגעקעהרט צו איהם א. ג. א.) ערקלערנדיג, אז אט די אלע שטעלען דארף מען נישט פערשטעהן בוכשטעבליך, נאר בילדליך, לויט דעם זין, וואס זיי ענטהאלטען אין זיך.

צו דעם צוועק פון ארויסווייזען די גרויסקייט פון דעם יודישען גייסט, איז אממעהרסטען אויסגענוצט געווארען די יודישע געשיכטע. אין דעם איינציגען צווייטען יאהרהונדערט פאר דער קריסטליכער ערא, האבען גאנצע דריי יודישע שריפטשטעלער בעארבייט די יודישע פערגאנגענהייט אין א גאנצער רייהע ווערק, אין וועלכע עס ווערט דערוויזען, אז משה האט דער ערשטער בעקאנט יודען מיט דער קונסט פון שרייבען, און פון זיי איז'ס ערשט איבערגעגאנגען צו די פיניקער, וועלכע האבען עס ווידער, פון זייער זייט, איבערגעגעבען די גריכען; אז די גאנצע עגיפטישע קולטור שטאמט פון די יודישע פאטריארכען אברהם, יוסף און משה, פון וועלכע דער לעצטער איז איבערהויפט דער איינציגער ענטדעקער און בעשעפער פון אלע וויסענשאפטען און קונסט-געביטען.

איינצעלנע עפיזאדען פון דער יודישער פערגאנגענהייט האבען געדיענט אלס סיושעטען אויך פאר פאעטישע שאפונגען. דער עלטערער פילאן האט אנגעשריבען א עפישע פאעמא „וועגען ירושלים“, וואו ער האט בעזונגען דאס לעבען פון די ערשטע יודישע פאטריארכען און די פרעכטיגע גרויסקייט פון דער יהודה'עאישער הויפטשטאדט; א צווייטער דיכטער (גיכער א שומרוני), מיט'ן נאמען טעאדאט, האט אנגעשריבען א העלדען-פאעמא וועגען שכם, די הייליגע שטאדט פון די שומרונים, וועלכע יעקב'ס קינדער האבען איינגענומען נאך דער אוועקרויבונג פון זייער שוועסטער דינה; א געוויסער יחזקאל האט אנגעשריבען א דראמא, אין וועלכער ער האט געשילדערט דאס לעבען פון משה רבינו און דעם נס פון יציאת מצרים; און אזוי איז כמעט די גאנצע ביבעל בעהאנדעלט געווארען פאעטיש אדער פילאזאפיש.

די ראזיגע שטארקע ענטוויקלונג פון דער יודיש-העלענישער לי-

טעראטור, וואס איז אינגאנצען דורכגעדרונגען געווען מיט דער אייניגער טענדענץ: צו לויבען דעם יודישען גייסט און דעם יודישען פאלק, — האט ארויסגערופען א גאנצע רייהע ווערק געגען יודען און געגען דעם יודישען גלויבען. אזוי האט א געוויסער עגיפטישער גייסטליכער, מיט'ן נאמען מאנעטאן, אנגעשריבען א ווערק מיט די שענדליכסטע בלבולים אויף יודען, און ווי ס'איז צו גלויבען, איז דאס ווערק זעהר פאפולער געווארען און האט זיך געוואונען א סך אנהענגער און נאכאהמער. אט דער אומשטאנד האט געצוואונגען די יודישע שריפטשטעלער צו געפינען פאר זייערע פערטיידיגונגס-ווערק א מעהר איבערצייגענדע פארם, און פון דאנען שטאמט די אזוי גערופענע „פסעווידאגראפישע" ליטעראטור. יודען האבען אנגעהויבען ארייבצולעגען זייערע מיינונגען און אידעען אין מויל פון פערשידענע אלגעמיינע בעריהמטע פערזענליכקייטען; אזוי איז ענטשטאנען א גאנץ ווערק „וועגען יודען" אויף דעם נאמען פון דעם בעריהמטען גריכישען פילאזאף העקאטא פון אבדערא, וואס האט געלעבט אין דער צייט פון אלעקסאנדער דעם גרויסען. אין דעם ווערק זוכט דער גריכישער פילאזאף צו איבערצייגען דער וועלט, אז די יודישע אמונה איז ריין פון יעדען מין אבערגלויבען און די יודען זענען מיט לייב און לעבען איבערגעגעבען זייער גאט און זיינע געזעצען; צו דעם צוועק שילדערט ער די בעדייטענדסטע מאמענטען פון דער יודישער געשיכטע, און דערביי ברענגט ער אויך געוויסע עפיזאדען פון זיין אייגענער ערפאהרונג. חאראקטעריסטיש איז די פאלגענדע ערצעהלונג:

„ווען איך האב מיך אוועקגעלאזען צום שווארצען ים, האט זיך צווישען די אנדערע יהודה'עאישע רייטער, וואס האבען אונז בעגלייט, געפונען אויך אייגער מיט'ן נאמען משולם, א מענש א שטארקער אין גייסטיג, אי קערפערליך] און, ווי אלע האבען אויף איהם עדות געזאגט, — דער בעסטער בויגען-שיסער צווישען אלע גריכען און בארבארען. אויפ'ן וועג האט איין וואהרזאגער, וואס האט נביאות געזאגט לויט דער בעוועגונג פון פויגעל-פליה (ארניטאמאנטיע, זעהר א פערשפרייטע ערשיינונג אין דער אלטער וועלט), געהייסען דעם גאנצען קאראוואן זיך אבשטעלען. דאן האט דער דערמאהנטער מענש (משולם) געפרעגט, פארוואס מ'געהט נישט וויטער; דער וואהרזאגער האט איהם אנגעוויזען אויף די פליה-בעוועגונגען פון פויגעל און געזאגט: אויב ער וועט זיך דא אבשטעלען, דארפען מיר זיך אויך אבשטעלען;

אויב ער וועט זיך אויפהויבען און פליהען פאַראויס, וועלן מיר אויך קענען ווייטער געהן און אויב ער וועט פליהען צוריק, דאַרפען מיר זיך אומקעהרען צוריק אַהיים. משולם האָט דאַן שווייגענדיג אָנגעשטעלט זיין פייל, אַ ציה געטאָן און דערשאָסען דעם פויגעל אויפ'ן אָרט. דער וואָהרזאָגער און די איבריגע האָבען זיך אַרויפגעוואָרפען אויף משולם'ען און איהם אָנגעהויבען צו בעשיטען מיט קללות; ער האָט זיי אָבער געענטפערט: „אונגליקליכע, וואָס ווילט איהר פון מיר האָבען?" און נעהמענדיג דעם טויטען פויגעל אין האַנד האָט ער פאָרטגעזעצט: ווי אַזוי האָט עס דער פויגעל, וואָס האָט זיין אייגענעם לעבען נישט געקענט ראַטעווען פון געפאַהר, ווי אַזוי האָט ער עס געקענט אונז ראַטען עטוואָס קלוגעס וועגען אונזער וועג! ווען ער וואָלט ווירקליך קענען פאָראויסזעהען די צוקונפט, וואָלט ער נישט געפלויגען אויף דעם אָרט און וואָלט זיך געשראָקען פאַר דער טויטפייל פון דעם יהודה'ער משולם".

אַ עהנליכע אַרבייט איז „אַריסטעי'ס בריעף", וואָס איז פערפאַסט געוואָרען אינ'ם צווייטען יאָהרהונדערט פאַר דער קריסטליכער ערא. דאָס איז אַ יודיש ווערק, געשריעבען אין דער פאָרם פון אַ בריעף, וואָס דער גריכישער בעאַמטער אַריסטעי שרייבט צו זיינעם אַ פריינד, אין וועלכען ער דערצעהלט איהם, ווי אַזוי עס איז געקומען דערצו, אַז די ביבעל זאָל איבערזעצט ווערן אין דער גריכישער שפּראַך. דאָ ווערט איבערגעגעבען אַ טיעפער פילאָזאָפישער דיאַלאָג וועגען דער יודישער תורה צווישען דעם יודישען כהן גדול און נאָך יודישע חכמים פון איין זייט, און דעם קעניג פטאָלאָמעאוס פילאַדעלפוס מיט זיינע מקורבים — פון דער צווייטער זייט. דער קעניג שטעלט די יודישע זקנים אַ גאַנצע רייהע פראַגען וועגען ענינים פון מאָראַל, פילאָזאָפיע, פאָליטיק און געזעלשאַפטליכע איינפיהרונגען, און ווערט איבעראַשט פון זייערע טיעפזיניגע און ריכטיגע תשובות.

אין די אַלע ווערק זעהט זיך דייטליך אַרויס די דאָפּעלע כונה: פערטיידיגען דעם יודישען געדאַנק און פראָפּאָגאַנדירען איהם. בעזונדער בולט זעהט זיך אָבער די פּראָפּאָגאַנדיסטישע שטרעבונג אַרויס אין די אַזוי גערופענע סיביליען. דאָרט ווערט אָפען געפּרעדיגט דאָס יודענטום, אַלס מוסטער פון אמת'ן גלויבען און הויכער זיטליכקייט. מיט דעם מויל פון גריכישע נביאות אָדער געטליכע אָראַקולען ווענדעט זיך דער יודישער דיכטער צו דער גאַנצער העלענישער

וועלט, און שרייט אויס צו איהר:

צו וואס טראגסטו אומזיסטע מתנות די טוידטע און קרבנות

— די געטער?

ווער האט אין דיין נשמה דעם טעות אריינגעבראכט?

ווער האט דיך אנגערעדט צו פערלאזען די שיין פונ׳ם גרוי-

סען גאט?

דער אויטאר ווייזט אן אויף יודען, ווי אויף די פארשטעהער פון אמת׳ען גלויבען און זאגט:

זיי האט דער אונשטערבליכער דערהויכט, געמאכט פאר

נביאים פונ׳ם מענשען-געשלעכט,

זיי אליין האט ער געגעבען חכמה און גלויבען און גוטע

געפיהלען אין הארצען.

זיי עהרען נישט די צ ילדונגען פון געטער, די אויסאר-

בייטונגען פון מענשענהענד;

זיי עהרען גאט, דעם אלמעכטיגען

און אונשטערבליכען, און דאן זייערע עלטערן.

מעהר פון אלע מענשען אין דער וועלט

געדענקען זיי די הייליגקייט פונ׳ם פאמיליען-געלעגער...

זיי גיעבען זיך נישט איבער קיין אונרייגע פערקעהרען מיט

יונגלינגע,

ווי די פיניקער, עגיפטער, לאטינער —

די פעלקער פון דער ווייטער עללאדע.

און עס מוסר׳ט דער אנאנימער דיכטער די געצענדינערישע פעלקער, און זאגט זיי פאר די גרויזאמסטע שטראפען פון דעם אל-מעכטיגסטען גאט, און זעהט פאר זיי נאר איין אויסוועג — איינגאנ-צען איבערבויען און בעניינען זייער גייסטיגע וועלט, לויט די יסודות פון יודענטום, פון דעם יודישען מאנאטעאיזם, פון דער יודישער עטיק. דאס האט דער יודישע גייסט געקעמפפט מיט דער אלטער, גריכיש-רוימישער וועלט פאר זיין וועזען, פאר זיין איינפלוס, און ענד-ליך האט ער זי בעזיעגט: עס האט זיך אנגעהויבען די גרויסע בע-וועגונג פאר דעם יודישען גלויבען, און אויף אזא אופן איז געשאפען געווארען א באדען פאר דער נייער, עקסטרעמער פארם פון יודענ-טום, — פאר דער תורה פונ׳ם נ ו צ ר י.

וועניגער בעדייטענד אבער אויך מיט א בעשטימטען איינפלוס

אויף דעם ארומיגען לעבען איז געווען די יודישע קאלאניע אין
רוים. דארט, ווי אין גאנץ איטאליען בכלל, האבען זיך געפונען
מאסען יודען נאך פון די אלטע צייטען; דאס זענען געווען אממעהר־
סטענטייל יהודה׳ער פון מצרים און קליין אזיען, וואס האבען גע־
האט האנדעלס־בעציהונגען מיט דער רייכער רוימישער רעפובליק, און
זיך דארט בעזעצט. זיי האט אבער געפעהלט דער אינטעליגענטער
עלעמענט, וואס זאל זיי פיהרען, האלטען צוזאמען און געבען א
בעשטימטען כאראקטער, און דאס האבען זיי איצט בעקומען אין
דער געשטאלט פון די געפאנגענע, וואס פאמפעיוס האט מיטגעבראכט
מיט זיך פון יהודה. די לעצטע זענען פון די אלט־בעזעסענע יודען
אויסגעקויפט געווארען, און דאן איז די גאנצע יודישע קהלה אין רוים
אויך מעהר ארגאניזירט און גוט אוועקגעשטעלט געווארען. געוואוינט
האבען די רוימישע יודען, צוזאמען מיט די „פרייגעלאזענע“ (ליבער־
טיני׳ם), אויף דער רעכטער זייט פון טייך טיבער, נישט ווייט פונ׳ם
ואטיקאן־בארג, און ווי ס׳איז צו זעהען פון פערשידענע קוועלען הא־
בען זיי געשפיעלט נישט קיין קליינע ראליע אינ׳ם פאליטישען לעבען
פון לאנד. לויט די געזעצען פון דער רעפובליק האבען אלע איינ־
וואוינער פון לאנד געהאט שטים־רעכט בנוגע צו די וואהלען — דאס
אליין האט שוין די יודען געגעבען א בעשטימטע מאכט אין די הענד;
און אויף ווי ווייט זיי האבען פערשטאנען די דאזיגע מאכט אויסצונו־
צען, לאזט זיך דרינגען פון דעם פאקט, וואס דער בעריהמטער רוי־
מישער רעדנער ציצערא האט מורא געהאט צו האלטען זיינע א
יודענפיינדליכע רעדע אין דער געגענווארט פון יודען. עס האט זיך
געהאנדעלט דארט וועגען א געוויסען אנגעקלאגטען, מיט׳ן נאמען
פלאקוז, וואס איז בעשולדיגט געווארען אין בערויבען די יעהרלי־
כע נדבות פאר׳ן בית המקדש פון עטליכע קליין־אזיאטיש־יודישע
קהלות, און ציצערא האט איהם פערטיידיגט; דערביי האט ער בע־
מערקט, אז ער וואלט גערן גערעדט שטיל, אום עס זאלען איהם
נישט הערען די יהודה׳ער, וואס געפינען זיך צווישען פובליקום. זיין
העץ־רעדע געגען יודען האט ער אבער דאך געהאלטען, און צווישען
אנדערעם האט ער אויך דאס געזאגט: „ווען ירושלים איז נאך נישט
בעזיגט געווען און די יהודה׳ער האבען נאך געלעבט אין פריעדען,
האבען זיי שוין אויך ארויסגעוויזען א טיפע אבנייגונג געגען דעם
גלאנץ פון דער רוימישער מלוכה, געגען דעם שטאלץ פונ׳ם רוימי־

שען נאמען, געגען אונזערע געזעלשאפטליכע געזעצען, און אין דער לעצטער מלחמה האט ערשט די יהודה'עאישע נאציאן אינגאנצען ארויסגעוויזען, ווי פיינדליך זי איז צו אונז געשטימט".

דאס איז אלץ געווען אין די לענדער, וואו יודען האבען זיך געפונען, אויסער ידודה. אין יהודה גופא, ווידער, איז די בעפעלקערונג צופיעל פערנומען געוועזן מיט קאנקרעטע, ממשות'דיגע לעבענספראגען, אום צו קאנען זיך איבערגעבען די ארבייט פון שאפען ליטעראטור. די חשמונאים האבען פערברייטערט די גרענעצען פון לאנד און פעראייניגט אלע טיילען פון פאלק, וועלכע זענען פריהער געוועזן צושפרייט איבער די פערשידענע צפון- און דרום-פראווינצען. צוזאמען מיט די דאזיגע איינגענומענע געגענדען האט זיך אבער אריינגעריסען אין יהודה א שטראם פון פרעמדע, גריכישע אדער העלעניזירטע, בעפעלקערונגען, וואס זענען אי לויט זייער ראסע, אי לויט זייער גייסט, אינגאנצען פרעמד געווען דעם יודישען פאלק און האבען נישט געקענט איינגעשלונגען ווערען אין זיין ארגאניזם, — ווי דאס איז געווען דער פאל מיט די ראסען-פערוואנדטע אדומ'ער. אזוי ווי אין געוויסע געגענדען פון לאנד (הינטער'ן ירדן) און אין עטליכע צענטערן פון גליל (שומרון) האבען אט די פרעמדע בעפעלקערונגען אויסגעמאכט די מעהרהייט נעגען די יודישע איינוואוינער, האט זיך געמוזט אויסארבייטען מיט דער צייט א בעשטימטע געגענזייטיגע בעציהונג צווישען די ביידע שיכטען און זייערע קולטורען, און די בעציהונג איז געווען א אייגענארטיגע: פון איין זייט האבען זיך די אינערליכע עטיש-רעליגיעזע בעגריפען פון יודענטום אריינגעריסען ביסליכוויז אין דער געצענדיענערישער וועלטאנשויאונג און אונטערגעגראבען אונבעמערקט איהרע יסודות; דא איז אלזא פארגעקומען דאס אייגענע, וואס מיט דער אלעקסאנדרינישער יודיש-העלענישער ליטעראטור, און דער איינפלוס איז אויך געווען דער אייגענער. פון דער צווייטער זייט אבער האט דער העלעניזם געווירקט אויף די אויסערליכע פארמען פון דעם יודישען לעבען און אויף איהם ארויפגעלעגט דעם שטעמפעל פון דער גריכישער קולטור. א קליין ווינקעלע אין דער גרויסער מזרח-וועלט, — וואס האט זיך דאן אינגאנצען געפונען אונטער דעם איינפלוס פון העלעניזם—, האט יהודה טיעף אינערליך דאך נישט אויפגעהערט ווייטער צו ציהען דעם פאדים פון איהר אייביגען אמת, פון איהרע אייביגע אידעאלען; אויסערליך אבער האט זי זיך אויך אונטערגעגעבען דעם דערמאהנטען מעכטיגען איינפלוס און פון איהם

נישט וועניג געלערנט.

אין ענגערע בעציהונגען מיט דער ארומיגער קולטור איז יהודה געקומען אויך א דאנק איהר אינטערנאציאנאלען האנדעל. די איינגענומענע האפענס פון דעם מיטעללענדישען ים האבען געמאכט יהודה פאר א בעדייטענדען צענטר פון דעם וועלט־האנדעל. יהודה'ער עקספארטירען און אימפארטירען פערשידענע פראדוקטען און פון די פערשידענסטע לענדער, און ווערן אויף אזא אופן פערמיטלער צווישען דער ארומיגער ציוויליזאציע און זייער היימישען לעבען. עס רייסען זיך אריין מאסען גריכישע ווערטער אין דעם העברעאיש־ארמי'שען דיאלעקט (דער דיאלעקט האט די יודען אין יהודה דאן געדיענט אלס אומגאנגס־שפראך) און זויגען זיך איין אין זיין מארך און בלוט; די אריסטאקראטען הויבען זיך אן רופען מיט גריכישע נעמען; די השמונאים ווערן אלץ מעהר און מעהר פערוואנדעלט אין פשוט'ע וועלטליכע הערשער אהן א שום שאטירונג פון גייסטליכקייט, און מיט זיי געהען, נאטירליך, אויך די צדוקי'שע מאסען, וועלכע האבען פון אייביג אן געשטרעבט, צונויפצושמעלצען די יודישע מיט דער גריכישער קולטור.

נעגען אט דעם שטראם פון גריכישע זיטען און לעבענס־פארמען, וואס האט געשטעלט אין געפאהר דעם עצם קיום פון יודענטום, זענען פעלזענפעסט און שטארק געשטאנען די פרושים. וואס מעהר אבזונדערן דאס פאלק פון דער געצענדיענערישער ציוויליזאציע, וואס מעהר איהם אריינציהען אין זיין אייגענער שאלעכץ, וואס בולט'ער אויסדריקען אויף איהם זיין אייגענעם שטעמפעל — דאס איז זייער דעוויז. און דינים אויף דינים ווערן געשריבען, און סיגים אויף סיגים ווערן געשאפען, און יעדער טריט פונ'ם יודענ'ס אלטעגליכען לעבען בעקומט א געוויסע ספעציפיש־יודישע שאטירונג, א געוויסע ספעציפיש־יודישע פיזיאנאמיע; דאס האט דער נאציאנאלער ערהאלטונגס־אינסטינקט געהייסען דעם יודען, זיך אליין ארומצוימען, אום גאנץ צו בלייבען, אום נישט מיטגעצויגען צו ווערן מיט דעם שטראם פון דער ארומיגער קולטור.

ביי אזא אינטענסיווער טעטיגקייט פון די אויסגעוועהלטע יודישע גייסטער האט אייגענטליך די עפאכע געדארפט זיין זעהר רייך אין ליטערארישע שאפונגען — דאס איז אבער דא דער פאל נישט געווען. די סבה פון דער ערשיינונג ליעגט, ווי געזאגט, אין די ברענענדע לעבענס־פראגען, וואס האבען צו יענער צייט בעהערשט אינגאנצען די בעסטע זיהן פון פאלק, און דערצו לאזט זיך אננעהמען אויך די השערה, אז

פיעל בעדייטענדע ווערק פון יענער עפאכע זענען פשוט פערלוירען געגאנגען, א דאנק די טומעלדיגע געשעהענישען.

צו די בעדייטענדסטע פון די ווערק, וואס זענען יא דערגאנגען צו אונז פון יענער צייט, דארף מען רעכנען די גרויסע היסטארישע בעשרייבונג אונטער דעם נאמען „דאס ערשטע בוך פון די מכבים". דא ווערט געשילדערט דער קאמפף פון יהודה פאר איהר פרייהייט, אנהויבענדיג פון דעם ערשטען חשמונאי'שען אויפשטאנד און ענדיגענדיג מיט דעם חשמונאים־קעניג שמעון. לויט זיין סטיל און פארם איז דער „ספר המכבים" זעהר נאהנט צו די בעסערע היסטארישע ווערק פון דער ביבעל, און בעזונדער האראקטעריסטיש פאר דעם בוך איז דאס, וואס אין איהם ווערט אמשטארקסטען בעטאנט דער פאליטישער עלעמענט, און דער גאנצער ערפאלג פון די מכבי'ער ערקלערט זיך דא אלס פשוט'ער וועלטליכער העראאיזם אדער אלס פשוט'ע פאליטישע קלוגהייט, וואס האט מיט גאט און מיט זיין השגחה גארנישט צו טאן. דער העבראישער (אדער ארמי'שער) אריגינאל פון דעם ווערק איז פערלוירען געגאנגען, און דערגאנגען צו אונז פון איהם איז נאר די גריכישע איבערזעצונג, וואס איז אריינגענומען געווארען אין דער אלעקסאנדרינישער ביבעל. אין יהודה גופא, דאגעגען, איז דער ספר המכבים נישט אריינגענומען געווארען אין דער רייהע פון די ביבעל־ווערק, — עס איז אריינגעפאלען צווישען די אפאקריפען (זייטיגע ספרים), וואס האבען נישט דעם אויטאריטעט פון די הייליגע שריפטען. דאס איז פארגעקומען דערפאר, וואס דער לעצטער טייל פון דער ביבעל (כתובים) האט שוין געהאלטען ביים אבגעשלאסען ווערן, און די גייסטיגע פיהרער פון פאלק האבען נישט געפונען פאר מעגליך איינצושליסען אזא וואכענדיג ווערק, ווי דער ספר המכבים, וואס האט נישט אין זיך קיין שום רעליגיעזע שאטירונג, — אין דעם רייסטער פון די הייליגע ביבעל־ספרים.

שטארק בעליבט אין יענער צייט איז געוועזען די אפאקאליפטישע שאפונגס־פארם, די פארם פון מיסטישע נבואות און „זעהונגען", עס ווייזען זיך נייע נביאים, וואס פרובען נאכאהמען דעם „ספר דניאל"; זיי טרעטען נישט ארויס, ווי די אלטע נביאים, אלס אפענע מוכיחים און פאראויסזאגער, נאר לעגען אריין זייערע געדאנקען און געפיהלען אין מויל פון א געוויסען הייליגען אדער חכם פון די אלטע צייטען. די דאזיגע ווערק, וועלכע זענען שפעטער געזאמעלט געווארען אונטער דעם

אַלגעמיינעם נאָמען „דער ספר חנוך", זענען, ווייזט אויס, געשריבען געוואָרען אין העברעאיש אָדער ארמיש. „דער ספר חנוך" שטעלט פאָר מיט זיך אַ זאַמלונג פון פערשידענע „זעהונגען", וואָס זענען פערפאַסט געוואָרען פון פערשידענע אויטאָרען אין אַ פערלויף פון צוויי אָדער דריי הונדערט יאָהר, און זיינע לעצטע טהיילען האָבען שוין אין זיך שפורען פון קריסטענטום. אין די שפּעטערדיגע קאַפּיטלען (85-90) פון דעם איינגעאַרטיגען ספר, ענטוויקעלט דער אויטאָר די פאָלגענדע מיינונג וועגען דער וועלט-געשיכטע: די גאַנצע געשיכטע פון דער וועלט טהיילט זיך אויף פערשידענע קרייזען, אין'ם צענטר פון וועלכע עס געפינט זיך דאָס יודישע פאָלק. דאָס לעצטע איז געשילדערט אין דער געשטאַלט פון אַ סטאַדע שעפּסען, וואָס געהערט צו גאָט, און איז איבערגעגעבען געוואָרען אין די הענד פון ווילדע חיות, וועלכע פּייניגען די אונגליקליכע שעפּעלעך און רייסען שטיקער פון זיי. די פון גאָט בעשטימטע פאַסטוכער קענען זייערע שעפּסעלעך ניט שיצען, נאָר איינמאָל, ווען אַ מחנה ווילדע רויב-פויגעל האָט זיך אַרויפגעוואָרפען אויף גאָט'ס סטאַדע, האָט זי זיך אַנטקעגען געשטעלט.

"איך האָב געזעהען, ווי ביי די שעפּסען זענען הערנער אויסגעוואַקסען, — די ראָבען האָבען אָבער די הערנער אויסגעריסען. איך האָב געזעהען, ווי ביי איינעם פון די שעפּסען איז אויסגעוואַקסען אַ גרויסער האָרן — דאַן האָבען זיך די אויגען ביי אַלעמען געעפענט... איך האָב געזעהען, ווי דער האַר פון די שעפּסען איז געקומען צו זיי, האָט גענומען אין האַנד דעם סצעפּטער פון זיין צאָרן און איהם אַ וואָרף געטהאָן אָן דר'ערד, אַזוי אַז ער איז צופאַלען אויף ברעקלעך, און אַלע (ווילדע) חיות און רויב-פויגעל זענען אַנטלאָפען פון די שעפּסען און פערשוואונדען געוואָרען אין'ם תהום פון דר'ערד, וואָס האָט זיך איבער זייערע קעפּ פערמאַכט. איך האָב געזעהען, ווי די שעפּסען איז איבערגעגעבען געוואָרען די גרויסע שווערד, און די שעפּסען האָבען זיך אַוועקגעלאָזען געגען אַלע חיות פון דר'ערד, אום זיי צו טוידטען, און אַלע חיות און רויב-פויגעל זענען אַנטלאָפען פאַר זיי. און איך האָב געזעהען, ווי דער טראָן האָט זיך אויפגעהויבען אין'ם געליבטע לאַנד, און דער האַר פון די שעפּסען האָט זיך געזעצט אויף איהם..."

דאָס איז אַ פאַנטאַסטישע שילדערונג פון דעם חשמונאי'שען אויפ-

שטאנד אין דער צייט פון די סירישע רדיפות און פייניגונגען, און ווי ס'איז צו גלויבען, שטאמט דאס גאנצע ווערק פון די איסיים, וועלכע האבען אליך צוגעשריבען גאט און געקוקט אויף דעם גאנצען יודישען לעבען, ווי אויף „גאט'ס קעניגרייך“.

צווישען די אפאקריפען פון יענער עפאכע געפינט זיך נאך א ווערק, וואס איז אויך דערגאנגען צו אונז אין א גריכישער איבערזעצונג. דאס ווערק, „שלמה'ס פסאלמען“, בעקלאגט די ארומרייסעניש'ען אין דעם חשמונאי'שען הויף און איז אין אלגעמיין ביז געשטימט געגען דער חשמונאים-דינאסטיע. „דוד'ס שטוהל“ איז פערנומען געווארען פון א געשלעכט, וואס נאט האט איהם נישט אויסגעוועהלט, און אט איז איצט די הייליגע שטאדט פערגאסען געווארען מיט יודיש בלוט און דער הייליגער מזבח — פערשמוצט געווארען פון אונרייניגע געצענדיענער. און עס וויינט דער דיכטער, און שרייט צו גאט, און בעט איהם, ער זאל שיקען זיין „געזאלבטען“ אויסלייזער (משיח) פון דוד'ס הויז, וואס וועט פערשטארקען ישראל'ס לאנד, דערוויטערן די נישט עהרליכע הערשער און פערטרייבען די געצענדיענער פון ירושלים.

נישט אויפגעהערט זיך צו ענטוויקלען האט אויך די ליטעראטור פון „חכמות“ און „משלים“ אינ'ם גייסט פון ספר בן-סירא. פון די דאזיגע מאראל-פילאזאפישע אפאריזמען זענען צו אונז דערגאנגען קליינע טיילען — יענע, וועלכע זענען שפעטער געזאמעלט געווארען אין די „פרקי אבות“. דא זענען די אפאריזמען אריינגעטראגען געווארען אונטער די נעמען פון דריי „פארען“ (זוגות) געלעהרטע, פון וועלכע יעדעס איינציגע איז געשטאנען בראש פון א געוויסער לעהר-אינסטיטוציע אין פערשידענע צייטען.

די ערשטע זענען דא יוסי בן-יועזר פון צרדה און יוסי בן-יוחנן פון ירושלים — צוויי געלעהרטע, וואס האבען אנגעהערט, ווי ס'וויזט אויס, נאך צו די אלטע סופרים אדער חסידים. זיי האבען געלערנט:

„זאל דיין הויז זיין א זאמעלפונקט פאר געלערנטע; וואלגער דיך אינ'ם שטויב פון זייערע פיס און טרינק מיט דורשט זייערע ווערטער. — זאל דיין הויז זיין ברייט פונאנדערגעעפענט (פאר בעזוכער), און זאלען ארימע-לייט זיין דיינע בני בית. פלוידער נישט צופיעל מיט קיין פרוי“.

זייערע נאָכפאָלגער זענען געווען יהושע בן פרחיה און נתאי פון ארבעל — בעריהמטע געלעהרנטע פון יוחנן הורק־נוס'ס צייט.

פון זיי זענען געבליעבען די פאָלגענדע אפאָריזמען:

„זוך זיך אוים א לעהרער, שאַף דיר א חבר און אורטייל יעדען מענשען פון דער גוטער זייט; דערווייטער דיך פון א שלעכטען שכן, חבר דיך נישט מיט קיין זינדיגען און צווייפעל נישט אין (גאָט'ס) שטראָף".

נאָך זיי געהען די בעריהמטע געזעצגעבער און פאָרזיצענדע פון סנהדרין אין דער צייט פון דער קעניגין שלומית־אלעקסאנדרא: יהודה בן טבאי און שמעון בן שטח. אלס מענשען מיט א רייכער געריכטס־פּראקטיק האָבען זיי געלעהרנט:

„אזוי לאנג, ווי די בעלי דינים שטעהען פאר דיר, בעטראכט זיי ביידע פאר אונגערעכטע, איז אָבער דער אורטייל שוין ארויסגע־טראָגען, בעטראכט זיי ביידע פאר גערעכטע." „פרעג פלייסיג אוים די עדות, נאָר זיי פאָרזיכטיג אין דיינע שאלות, אום זיי (די עדות) זאָלען זיך פון די שאלות אליין נישט אויסלעהרנען זאָגען ליגען". *)

לויט דובנאָוו'ן.

זיעבעטעם קאפיטעל.

די ענדע פון דער חשמונאי'שער דינאסטיע.

פאמפעיוס האט איינגענומען יהודה, האט זי איבערגעלאזען אונטער דער השגחה פון זיינעם א פערטרעטער און איז אוועק קיין רוים. דאס לאנד, צוטומעלט און דערשלאגען פון דעם שרעקליכען קלאפ, האט געשוויגען — צו שטארק איז דער בעזיגער געווען, אום זיך איהם אנטקעגען צו שטעלען, אום איהם מיט עפעס אויפצורייצען. אין רוים גופא האט מען זאגאר געקענט גלויבען, אז די יהודה'ער האבען שלום געמאכט מיט זייער גורל און טראגען אין הארצען די בעסטע געפיהלען צו די בעזיגער: וועגען דעם האט שוין געזארגט דער איצטיגער פאקטישער הערשער פון יהודה, אנטיפאטאר, וועלכער האט נישט אויפגעהערט צו פרעסען דאס פאלק און ארויסצורייסען פון איהם אלע מאל נייע מתנות פאר די דעה=זאגער פון דעם רוימישען מלוכה=לעבען. די אויבערשטע השגחה איבער יהודה האט זיך איצט געפונען אין די הענד פון דעם רוימישען לעגאט סקאוור, און ער האט זיך קיין איין מאל נישט געהאט צו בעקלאגען אויף דער יהודה'אישער בעפעלקערונג; אין זיין קאמפף מיט דעם אראבישען קעניג ארעט, האט איהם אנטיפאטאר נישט ווייניג געשטיצט, און דאס האט פאר אלעמען געבראכט נוצען אנטיפאטאר'ן אליין, וועלכער איז אויף אזא אופן געווארען אלץ מעהר חשוב אין די רוימישע הויכע „פענסטער".

א קורצע צייט נאכדעם איז די רוהיגקייט פון לאנד אביסל געש-

טערט געוואָרען. פון די קעניגליכע געפאַנגענע, וואָס פּאָמפּעיוס האָט געפיהרט מיט זיך קיין רוים, איז אַריסטאָבול׳ס זוהן, אַלעקסאַנדער, אַנטלאָפען פון וועג, און קומענדיג צוריק קיין יהודה, האָט ער צוזאַמענגענומען אַרום זיך אַלע געטרייע זיהן פון׳ם פאָטערלאַנד, וואָס האָבען אויסגעמאַכט צוזאַמען צעהן טויזענד מאַן פוסגעהער און טויזענד פינף הונדערט רייטער. מיט דער קלייגער אָבער בעגייסטערטער אַרמעע האָט זיך דער זיבען-און-פופציג יעהריגער אַלעקסאַנדער געלאָזען קיין ירושלים, נאָכדעם ווי ער האָט שוין געהאַט אין זיינע הענד עטליכע בעדייטענדע פעסטונגען. דער כלומרש׳טער הערשער הורקנוס אָדער, ריכטיגער געזאָגט, אַנטיפּאַטאָר, האָט דאַן געמוזט פערלאָזען די הויפּט-שטאָדט, און אַלעקסאַנדער האָט זי בעפעסטיגט פון אַלע זייטען. ווי ס׳ווייזט אויס, איז אַלעקסאַנדערן געלונגען איבערצוקויפען אויך די רוימישע בעאַמטע, און ער האָט זיך געפיהלט אַזוי ווייט זיכער אויף דעם יהודה׳עאישען טראָן, אַז ער האָט זיך ערלויבט זאָגאַר אייגענע מטבעות אויסצוגיעסען, מיט דער אויפשריפט: „קעניג אַלעקסאַנדער און כהן גדול יהונתן“.

דערווייל איז אַ נייער בעל הבית אָנגעקומען אין סיריען, מיט׳ן נאָמען גאַביניוס. דאָס איז געווען איינער פון די פּראָווינציעלע רוימישע בעאַמטע, אויף וועלכע ציצעראָ האָט געזאָגט, אַז „זיי האָבען אויסגעשעפּט אונשעצבאַרע סומען גאָלד פון סיריען׳ס רייכסטע אוצרות“, און פערפיהרט מלחמות מיט די פריעדליכע איינוואוינער, אום אָנצוקצוגעהמען ביי זיי זייער האָב און גוט׳ס. אָט דעם גאַביניוסען איז אַנטיפּאַטאָר׳ן געלונגען צו געווינען פאַר זיך, און דער ערשטער האָט גלייך אַרויסגעשיקט אַ מחנה סאָלדאַטען, אונטער דער אָנפיהרונג פון דעם שפּעטער בעריהמט געוואָרענעם מאַרק אַנטאָניוס, געגען די רעוואָלוציאָנערען; באַלד נאָכדעם איז גאַביניוס אַליין אויך אַרויס מיט זיין אַרמעע געגען אַלעקסאַנדערן, און אין דעם אָפענעם קאַמפּף, וואָס איז פאָרגעקומען צווישען די ביידע מחנות ביי ירושלים, האָבען די רוימער געזיעגט. די יהודה׳ער האָבען זיך דאַן געשיצט אין די פעסטונגס-פונקטען אַלעקסאַנדריום, מכרת און הירקאַניום; גאַביניוס האָט זיי אָבער אויך דאָרטין בעלאַגערט, און זיי זענען געצוואונגען געווען, זיך אונטערצוגעבען. אַ דאַנק דער פערמיטלונג פון אַלעקסאַנדער׳ס מוטער איז איבער איהם די טויט-שטראָף, וואָס האָט איהם ערוואַרטעט, ניט אויסגעפיהרט געוואָרען, און דער רוימישער

פראקאנסול האט איהר זאגאר צוגעזאגט, זיך משתדל צו זיין אויף פאר איהרע איבריגע קינדער, וואס האבען זיך געפונען אין רוים אלס געפאנגענע, צוזאמען מיט'ן קעניג אריסטאבול.

אום אויסצומיידען נאך אזעלכע צוזאמענשטויסען אין דער צוקונפט האט גאביניוס ארויסגעגעבען א בעפעהל, וואס האט נאכמעהר געזאלט אבשוואכען די שוין אזוי אויך אבגעשוואכטע יהודה'עאישע מלוכה; נאך דער גרויסער צאהל קאנט-פראווינצען, וואס פאמפעיוס האט איינגאנצען אבגעריסען פון יהודה, האט גאביניוס דאס איבערגעבליבענע אויך צוגליעדערט און פונאנדערגעריסען. ער האט איינגעטיילט יהודה אין פינף ראיאנען (56), פון וועלכע יעדער ראיאן בעזונדער האט זיך געהאט זיין פערוואלטונגס-ראט, אדער סנהדרין, וואס האט געהאט צו זאגען וועגען אלע אינערליכע אנגעלעגענהייטען. די ראיאנען זענען געוועזען פאלגענדע: ירושלים, גזרה און יריחו אין יהודה גופא, צפורה אין גליל און עמאום הינטער'ן ירדן. בראש פון די דאזיגע סנהדרינ'ס זענען אוועקגעשטעלט געווארען יהודה'ער פון דער צדוק'ישער אריסטאקראטיע, וואס איז שטענדיג געוועזען די ערשטע גרייט, שלום צו שליעסען מיט'ן זיגער, און דערביי איז הורקנוס'ס מאכט נאכמעהר בעגרענעצט געווארען: פון איהם ווערט איינגאנצען אבגענומען די פאליטישע הערשאפט און ער בלייבט בלויז ביים טיטול כהן גדול. דאס האט געהייסען: כמעט איינגאנצען פערניכטען די גאנצקייט און זעלבסטשטענדיגקייט פון יהודה און פערוואנדלען דאס גאנצע לאנד אין א רייהע פריי-שטעדט; גאביניוס האט אבער, צום גליק, נישט בעוויעזען צו פערווירקליכען איינגאנצען דעם דאזיגען פלאן, און זיינע נאכפאלגער האבען זיך פון דער אידעע אבגעזאגט.

און די אונרוהען אין לאנד האבען זיך דערווייל אויך בענייט. דער חשמונאים-קעניג אריסטאבול איז, צוזאמען מיט זיין זוהן אנטיגאן, אנטלאפען פון זיין געפאנגענשאפט, און הייט זיך בעוויעזען אין יהודה (56). דאס האט אויפגעוועקט אין פאלק די זכרונות פון דער נישט-ווייטער גליקליכער פערגאנגענהייט, און פריינד, ווי פיינד, האבען מיט הייסער בעגייסטערונג אויפגענומען דעם געוועזענעם זעלבסטשטענדיגען הערשער פון יהודה, און איהם גערופען, זיך צו שטעלען אן דער שפיץ פון פאלק און איהם צו בעפרייען פון זיינע דריקער. פון אלע זייטען זענען פרייוויליגע געקומען און געבעטען געוועהר,

און צו דער מחנה איז צוגעשטאנען אויך דער געוועזענער יהודה'עאי־שער קריעגס־פיהרער, פיטאליאוס, דער זעלביגער, וואס האט אמאל אליין געקעמפפט געגען אריסטאבול'ן. עס האט זיך, אויף אזא אופן, צוזאמענגעשטעלט א בעדייטענדע מחנה, און ווידער האט מען זיך גענומען בעפעסטיגען די פונקטען אלעקסאנדריום, מכרת און הירקאני־יום; דער גורל פון פאטער איז אבער נישט בעסער געוועזען, ווי דער גורל פון זיין זוהן, וואס האט זיך אויך דא געשלאגען מיט א קורצער צייט צוריק: נאך א שטארקען צוזאמענשטויס מיט די רוימישע לעגיאנען, האט זיך אריסטאבול, איינגאנצען א פערוואונדעטער, געמוזט אונטערגעבען, און ווידער איז ער אלס געפאנגענער אוועקגע־פיהרט געווארען קיין רוים (56). די קינדער אריסטאבולס זענען געבלי־בען פריי — דאס האט פאר זיי אויסגעפועל'ט גאבינויס אליין, בעפרידי־גענדיג די הייסע בקשות פון זייער מוטער.

נישט מעהר גליקליך האט זיך געענדיגט אויך דער צווייטער אויפשטאנד פון דעם בעפרייטען פרינץ אלעקסאנדער. דאס איז פאר־געקומען אין דער צייט, ווען גאבינויס איז אוועק קיין מצרים, אום אויסצוגלייכען די סכסוכים פון דעם דארטיגען הויף, און אלעקסאנדער האט געוואלט אויסניצען דעם מאמענט. ער איז געגאנגען פון דארף צו דארף און פון שטאדט צו שטאדט און געזאמעלט ארום זיך די געבליבענע פאטריאטען; דאס איז אבער געוועזען נישט מעהר, ווי א אונבעטראכטער שריט פון א פאנאטישען קעמפפער, און ביים בארג תבור איז ער איינגאנצען צוקלאפט געווארען פון גאבינויס'עס ארמעע. דא האט זיך בעטייליגט אויך דער אדומ'ישער אפוטרופוס פון דעם יהודה'עאישען הערשער, אנטיפאטאר, שטיצענדיג די רוימער אין זייער קאמפף מיט די יהודה'עאישע זעלבסט־אפפערנדע פאטריאטען!

אין דער צייט איז אין רוים פארגעקומען א בעדייטענדע געשעהע־ניש. דארט האבען זיך פעראייניגט יוליוס צעזאר, פאמפעיוס און קראסוס מיט דעם צוועק, איבערצונעהמען אין זייערע הענד די גאנצע הנהגה פון דער רעפובליק; פון די דאזיגע דריי טריאומווירען*) האט זיך יעדערער גענומען אין זיין רשות אנ'אנדער לאנד, און סיריען צוזאמען

*) טריאומוויראט — הערשאפט פון דריי פערזאן; פון דאנען: טריאומוויר — מיטגליעד פון טריאומוויראט.

מיט יהודו, איז אריינגעפאלען אין די הענד פון דעם געלד-גיעריגען קראַ-
סוס. דער לעצטער האט דאן אנגעהויבען פיהרען א קאמפף מיט די פאר-
טאנער און, אום אנצופילען זיין קאסע, האט ער בעזוכט אין וועג אויך
די יהודה'עאישע הויפט-שטאדט. דא האט ער אפען געפאדערט די צוויי
טויזענד טאלענטען פון דער בית-המקדש-קאסע, וואס פאמפעיוס האט גע-
לאזען אונבעריהרט, און נאך פערשיעדענע פראבעס פון דער יודישער
זייט, זיך אויסצוקויפען מיט קלענערע מתנות, האט ער די לעצטע צו-
גענומען, און נאכדעם ערשט זיך אריינגעריסען אין בית-המקדש און
אוועקגערויבט פון דארטין אויסער די צוויי טויזענד טאלענטען אויך אלע
גאלדענע כלים, וואס האבען אויסגעמאכט צוזאמען א סומע פון אכט
טויזענד טאלענטען (54). מיט די אוצרות בעלאדען, האט זיך קראסוס
מיט זיין ארמעע אוועקגעלאזען געגען די פארטאנער; דא האט איהם
אבער דאס גליק פערלאזען: א טוידט-פאל האט דערשלאגען דעם מעכטי-
גען רוימישען פראקאנסול און פון זיינע הונדערט טויזענד סאלדאטען הא-
בען קוים צעהן טויזענד בעוויזען צו אנטלויפען, אונטער דער אנפיהרונג
פון קאסיוס לאנגינוס. די דאזיגע מפלה פון דעם רוימישען חיל
האט צוגעגעבען מוט די ארומיגע אונטערדריקטע פעלקער, מורד צו זיין
אין דער רוימישער מאכט, און צווישען די לעצטע האט זיך געפונען אויך
יהודה; דא איז נאך פריש געווען דער צארן פון פאלק איבער די שענד-
ליכע מעשים אין בית-המקדש, און דעם דערמאהנטען געוועזענעם יהודה-
עאישען קריעגס-פיהרער, פיטאלעאוס, איז נישט שווער אנגעקומען
נאכאמאל צונויפצוזאמלען ארום זיך א בעדייטענדע צאהל בעגייסטערטע
פאטריאטען, וואס זענען גרייט געווען זייער לעבען אוועקצוגעבען פאר
דער בעפרייאונג פונ'ם פערשקלאפטען פאטערלאנד. ער האט צונויפגע-
נומען זיין מחנה אין טאריכעא, נעבען דעם טייך טבריה, און וויעדער
איז א פערביטערטער קאמפף פארגעקומען צווישען רוימישע סאלדאטען
און יהודה'עאישע פאטריאטען; אויך דאס מאל אבער האט זיך די שלאכט
געענדיגט מיט דעם פאלשטענדיגען נצחון פון די רוימער: דרייסיג טוי-
זענד יהודה'עאישע געפאנגענע זענען אוועקגעפיהרט געווארען אלס שקלא-
פען אין פערשיעדענע עקען פון דער וועלט (52) און דער פאטריאטישער
יהודה'עאישער קריעגס-פיהרער, פיטאלעאוס, איז געטוידט געווארען, —
א דאנק דער ספעציעלער השתדלות פון דעם אדומי'שען שקלאף, אנטיפא-
טאר, וואס האט נאר איין ציעל פאר זיך געזעהען: וואס מעהר נושא חן
צו זיין אין די אויגען פון די רוימישע בעלי-בתים.

דערווייל איז אין רוים פאָרגעקומען עטוואָס אַזוינס, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע בעדייטונג פאַר אַלע אונטערגעוואָרפענע פּראָווינצען, און געשפּיעלט אַ בעזונדערע ראָליע אין פּאָליטישען לעבען פון דער קליינער יהודה. פון די צוויי געבליבענע טריאומווירען, צעזאַר און פּאָמפּעיוס, איז דעם ערשטען געלונגען צו קאָנצענטרירען די גאַנצע מאַכט איבער'ן לאַנד אין זיינע הענד און צו פערוואַנדלען די גרויסע וועלט־רעפּובליק אין אַ מאָנאַרכישער אימפּעריע. דער גאַנצער מזרח האָט זיך נאָך אָבער אַלץ געפונען אונטער פּאָמפּעיוס'ס איינפלוס, און אָט, אום לייכטער אַרויסצורייסען די לעצטע פּאָזיציע פונ'ם געגנער'ס הענד, איז צעזאַר'ן איינגעפאַלען זיך צו בענוצען מיט'ן געפאַנגענעם יהודה'עאישען קעניג, אַריסטאָבול. דער לעצטער איז גלייך בעפרייט געוואָרען פון דעם געפענגניש, און וועלכען ער האָט זיך די גאַנצע צייט געפונען, און אויף צעזאַר'ס בעפעהל זענען איהם געגעבען געוואָרען צוויי לעגיאָנען סאָלדאַטען, מיט וועלכע ער האָט זיך געזאָלט אַוועקלאָזען קיין יהודה, אום צו קעמפּפען דאָרט מיט די פּאָמפּעיאַנער. אין דעם אַלטען חשמונאי האָבען זיך פונאַנדערגעשפּיעלט די גלענצענדסטע האָפנונגען, און ער האָט זיך צוגעגרייט צו דעם וויטען וועג; דעם פרעהליכען וועג אַליין איז איהם אָבער נישט בעשערט געוועזען אָפילו אָנצוהויבען: עס האָבען זיך דערוואוסט פון דער אונטערנעהמונג פּאָמפּעיוס'עס אָנהענגער, און עטליכע פון זיי האָבען פערגיפטעט דעם אַלטען יהודה'עאישען קעניג, פּונקט פאַר זיין אָבפאָהרען פון רוים. אין דער זעלביגער צייט איז אַריסטאָבול'ס עלטסטער זוהן, אַלעקסאַנדער, געטוידט געוואָרען (49) לויט פּאָמפּעיוס'עס בעפעהל דורך דעם סירישען שטאַטהאַלטער סציפּיאָ. די איבריגע גליעדער פון אַריסטאָבול'ס אונגליקליכער פאַמיליע, זיין פרוי אַלעקסאַנדראַ און זיין זוהן אַנטיגאָן, האָבען געפונען שוץ ביי דעם פירשט פון חלקית, פּטאָלאָמעאוס, ווייל זיינער אַ זוהן, פיליפּיאָן, האָט זיך פערליעבט אין אַריסטאָבול'ס טאָכטער, אַלעקסאַנדראַ, און מיט איהר חתונה געהאַט. פון דער גאַנצער חשמונאים־דינאַסטיע זענען איצט אַלזאָ געבליבען, אַלס פּאָליטישע פאָרשטעהער, נאָר הורקנוס דער כהן־גדול, וועלכער האָט זיך איגנאַנצען געפונען אונטער דעם איינפלוס פון זיין אדומי'שען אַפּוטרופּוס, און דער דערמאָהנטער אַנטיגאָן, וועלכער האָט נאָך איצט אויך פּרעטענדירט אויף דעם טראָן פון יהודה.

און דער ריזענקאַמפּף צווישען די צוויי מעכטיגע געגנער איבער דעם טראָן פון דער גרויסער רוימישער אימפּעריע — האָט זיך ווייטער געצויגען. דאָס האָט געפיהרט דערצו, אַז אויך אין ירושלים האָט מען ענדליך געמוזט אָננעהמען אַ בעשטימטען בעשלוס וועגען דער בעציהונג צו די צוויי קעמפּפענדע צדדים, און אַנטיפּאַטער האָט געפונען פאַר מעהר פּאַסענד, זיך צו שטעלען אויף דער זייט פון פּאָמפּעיוס'ען, ד. ה. אויף דער זייט פון דעם, אַ דאַנק וועמען ער איז אַ מאַכט געוואָרען. די רעגירונג פון הורקנוס=אַנטיפּאַטער האָט פלינק צונויפגעזאַמעלט אַ מחנה פון יהודה'עאישע סאָלדאַטען, און זיי אַוועקגעשיקט צו הילף פּאָמפּעיוס'ען; גלייך אָבער נאָך דער שלאַכט ביי פאַרסאַל, וואו די גרויסע פראַגע איז ענטשידען געוואָרען נישט צום גונסטען פון פּאָמפּעיוס'ען, און צעזאַר איז געוואָרען דער האַר פון דער רוימישער וועלט, האָט אַנטיפּאַטער געענדערט זיין שטימונג און איז געוואָרען אַ הייסער אַנהענגער פון דעם גרויסען רוימישען זיעגער. צעזאַר האָט זיך אַוועקגעלאָזען אין עגיפּטען און זיין לאַגע דאָרט איז געווען זעהר אַ שווערע, ער האָט געהאַט ווייניג סאָלדאַטען, איז געווען אָבגעריסען פון רוים און האָט זיך געפונען צווישען אַ פיינדליכער בעפעלקערונג; דאַן איז אַנטיפּאַטער שנעל געקומען צו לויפען צו איהם מיט אַ הילפס=מחנה פון דריי טויזענד מאַן, מיט געלד און פּראָוויאַנט, און האָט זיך, צוזאַמען מיט דעם פּערגאַמאַנישען קעניג מיטרידאַט, בעטהייליגט אין צעזאַר'ס אָנפאַלען אויף די עגיפּטער. אויסער דעם האָט זיך דעם אדומישען הערשער פון יהודה איינגעגעבען, אַריבערצוציהען אויף צעזאַר'ס זייט די עגיפּטישע יהודה'ער פון דעם „חוניו=ראַיאָן", וויזענדיג זיי אַ בריעף פון דעם כהן גדול הורקנוס, אין וועלכען ער בעט זיי, צו שטיצען צעזאַר'ן און איהם צו ליפערן פּראָוויאַנט פאַר זיין אַרמעע.

אַט די שטיצע פון דער קליינער יהודה האָט צעזאַר אַזוי שנעל נישט פערגעסען, און קומענדיג, אַ קורצע צייט נאָכדעם, אין סיריען, האָט ער זיך אַרויסגעוויזען בעזונדער געניגט צו דער יהודה'שער רעגירונג. אומזיסט האָט זיך דאַן אַריסטאָבול'ס לעצטער זוהן, אַנטיגאָן, געפּרובט פערטהיידיגען פאַר צעזאַר'ן זיין רעכט אויף דעם יהודה'שען טראָן — אַנטיפּאַטער'ן איז גאַנץ לייכט אָנגעקומען צו איבערצייגען דעם גרויסען שטאַאטס=מאַן, אַז אַנטיגאָן געהערט צו דער פּאַרטיי פון די יהודה'עאישע פּאַטריאָטען, וואָס איז פיינדליך געשטימט צו

רוים און בעשטעהט אין אלגעמיין פון „רעוואלוציאנערען און אונרוהיגע עלעמענטען", און אז די רעגירונג, דאנגעגען, פון דעם כהן גדול הורקנוס איז איינגאנצען איבערגעגעבען די אינטערעסען פון דער רוימישער מלוכה. אנטיגאנ'ס פארערונגען זענען פון צעזאר'ן אבגעווארפען געווארען, און ער האט בעשטימט הורקנוס'ן אלס עטנארך (פיהרער) און כהן גדול, און אנטיפאטאר'ן האט ער בעלויהנט מיט דעם טיטול „רוימישער בירגער" און געמאכט פאר אנ'אפוטרופוס אדער אויבערשטען אויפזעהער פון יהודה (47). דערביי האט די פאליטישע לאגע פון יהודה גופא אויך בעקומען פון איהם עטליכע בעדייטענדע פערלייכטערונגען; ער האט ערלויבט אויפצושטעלען צוריק די פעסטונגס-ווענט פון ירושלים, וועלכע זענען צושמעטערט געווארען ביי דער בעלאגערונג פון פאמפעיוס'עס מחנה, און די אלע טעריטאריומס, וואס האבען אנגעהערט פריהער צו יהודה, האט ער איצט צוריק איינגעשלאסען אין איהרע גרענעצען.

אין דער קורצער צייט פון זיין הערשען האט צעזאר בכלל א סך אויפגעטאן פאר דער פאליטישער רעסטאוראציע (צוריק-אויפשטעלונג) פון לאנד. אין זיין צייט האט זיך די אויבערשטע מאכט פון רוים גאנץ וועניג געשפירט אין דער אונטערטעניגער יהודה, און דערצו האט ער נאך מיט א גאנצער רייהע דעקרעטען בעפעסטיגט איהר גאנצקייט און איהר זעלבסטשטענדיגע פערוואלטונג. הורקנוס'ן זענען פערזיכערט געווארען די אלע הכנסות און רעכטע, וואס האבען איהם געקומט אלס כהן-גדול און פירשט, און ער מיט זיינע קינדער און קינדס-קינדער זענען אפיציעל אנערקענט געווארען פאר „פריינד און גענאסען" פון דער רוימישער מלוכה. יהודה איז אין דער צייט בעפרייט געווארען אויך פון די אלע שווערע אבצאהלונגען און קריעגס-שטייער'ן, וואס האבען ביז דאן געדריקט דער בעפעלקערונג.

און נישט נאר יהודה — אויך אלע איבריגע יהודה'עאישע קאלאניעס, וואס זענען געווען צושפרייט איבער די רוימישע פראווינצען: סיריען, קליין אזיען, עגיפטען און מעסאפאטאמיען, האבען געפונען אין צעזאר'ן א פריינדליכען בעשיצער. די דאזיגע „יהודה'עער אין דער פרעמד" האבען זיך נישט איין מאל געקלאגט פאר דער רוימישער מאכט איבער די דריקונגען און גזירות, וואס זיי האבען אויסצושטעהן פון זייערע שכנים-בעלי-בתים, און צעזאר האט זיך שטענדיג געשטעלט אויף דער זייט פון די יהודה'עער. די רוימישע מאכט האט גאראנטירט די יהודה'עער

פון אלע איהרע פראווינצען די פאלשטענדיגע גלייכבערעכטיגונג מיט אלע איבריגע טהיילען פון דער בעפעלקערונג, און זיי געגעבען דאס רעכט אבצוריכטען פריי זייער גאטעס-דיענסט, צו זאמלען נדבות פאר'ן בית-המקדש און צו האבען זייערע אייגענע געריכטס-אנשטאלטען. דאס רעזול-טאט פון די אלע טובות איז געווען די הייסע איבערגעגעבענקייט, וואס אלע יודען האבען געפיהלט צו דעם רוימישען דיקטאטאר, און לויט דער עדות פון א בעקאנטען רוימישען היסטאריקער, האט קיין אנדער פאלק נישט אזוי הארציג, ווי דאס יודישע, בעוויינט דעם פריהצייטיגען טוידט פון יוליוס צעזאר.

אזא הארציגע בעציהונג צו דעם רוימישען הערשער האט זיך אבער בעמערקט נאר ביי די יהודה'ער אויסער יהודה. אין יהודה גופא, דאגעגען, האבען אט די אלע חסדים און הנחות פון דעם גרויסמוטיגען בעזיעגער קיין שום דאנקבארקייט נישט ארויסגערו-פען. דארט, האט מען אין דעם גרויסען יוליוס צעזאר געזעהען קודם כל דעם בעזיעגער, דעם הערשענדען רוימער, און דערצו איז נאך צוגעקומען א אינערליכע, לאקאלע סבה, וואס האט אבגעש-טויסען דעם פאלק פון צעזאר'ס הערשאפט און איהם געשטויסען אויף דעם וועג פון אויפשטאנדען און איבערקעהרענישען. אט די סבה איז געווען: אנטיפאטאר. מיט שרעק און וועהטאג האבען די בעסטע זיהן פון פאלק זיך צוגעקוקט צו די מעשים פון דעם „אדומי'שען עבד", וועלכער האט זיך אלץ מעהר און מעהר פערפעסטיגט אין דעם יהודה'-שען הויף און אריינגענומען ביסלעכווייז אין זיינע הענד די גאנצע מאכט איבער'ן לאנד. דער בלומרשט'ער פירשט-כהן-גדול הורקנוס האט נאר פון יוצא-וועגען ערפילט זיינע פליכטען אין בית המקדש און אין סנהדרין; ער איז שוין אבער לאנג פערשקלאפט געווען ביי דעם פאקטישען מלוכה-פיהרער, אנטיפאטאר, און האט נישט ארויס-געוויעזען קיין שום לעבעדיגע איניציאטיווע דארט, וואו עס האט זיך געהאנדעלט וועגען די העכסטע מלוכה-אינטערעסען אדער וועגען דעם כבוד פון דער אומה. דער אלמעכטיגער אפוטרופוס האט זיך דערי-בער ערלויבט צו טאן מיט'ן פאלק אלץ, וואס איהם איז איינגעפאלען, און פערזיכערנדיג זיך א פעסטע שטיצע אין רוים, האט דער אדומי'-שער קאנצלער אנגעהויבען פערווירקליכען זיין אלטען חלום — דעם חלום פון א איינענער דינאסטיע אין יהודה. פון זיינע פיער זיהן, האט ער דעם עלטערן, פאזאעל, בעשטימט אלס קאמענדאנט פון ירושלים און גאנץ יהודה און דעם צווייטען, פינף-און-צוואנציג-

יעהריגען הורדוס, אלס קאמאנדאנט פון גליל (47).

אט דער לעצטער קריעגערישער ארומ'ער, וואס איז אינגאנצען ווייט געוועזען פון די נאציאנאלע יודישע טראדיציעס, וואס האט נישט געפיהלט קיין שום ליעבע און צוגעבונדענקייט צו דעם יודישען פאלק, און איז דורכגעדרונגען געוועזען מיט טיעפער אכטונג צו דער רוימישער קראפט און צו די אויסערליכע שענע פארמען פון דער גריכישער קולטור, — אט דער ארומ'ער איז געווארען א מין בייזער דעמאן פאר דער יהודה'עאישער נאציאן, און נישט איין מאל האט ער זיך ערלויבט, מיט זיין פוס איהר האלז צוצופרעסען. צוזאמען מיט די ערשטע שריט פון זיין פאליטישער קאריערע האט זיך גלייך אזוי ווי א פינסטערער שאטען פערצויגען איבער'ן גאנצען לאנד, און די בעסטע הערצער פון פאלק זענען דורכגענומען געווארען מיט א ביטערער פערצווייפלונג.

אנקומענדיג קיין גליל, האט ער געפונען די גאנצע געגענד אין נישט קיין רוהיגען צושטאנד. א גרופע רעוואלוציאנערען-אריסטאבוליסטען האבען זיך דארט פעראייניגט, און אונטער דער אנפיהרונג פון דעם גליל'עאישען פאטריאט חזקיה האבען זיי זיך בעפעסטיגט אין די בערג, פון וואנען זיי פלעגען פון צייט צו צייט זיך ארויסחאפען און אנפאלען אויף סירי'ער און רוימער. די רוימער האבען געקוקט אויף דער מחנה, ווי אויף א פשוט'ער רויבער-באנדע און אויף חזקיה'ן, ווי אויף דעם רויבער-הויפטמאן; דאס פאלק האט אבער געקוקט אויף זיי ווי אויף הייסע פאטריאטען, וואס געהען זיך נוקם זיין פאר זיין עהרע און פאר זיין בערויבטער פרייהייט. דער איבערגעגעבענער רוימער-פריינד אנטיפאטאר איז גלייך צוגעשטאנען צו די ערשטע, צו דער רוימישער און סירישער בעפעלקערונג, און אויף דעם סמך האט זיך הורדוס גענומען נאכיאגען דער „באנדע" און זי פערפאלגען. ער האט אונטערגענומען א קריעגס-צוג געגען דער רעוואלוציאנערער מחנה, און נאכדעם ווי ער האט זי געפאנגען, האט ער אהן א שום דין און משפט געטוידט דעם אנפיהרער, חזקיה, מיט נאך א גאנצער רייהע פון זיינע מיטהעלפער. די סירי'ער און רוימער האבען זייער העלדישען בעשיצער אויסגעדריקט דעם טיעפסטען דאנק; דער רוימישער בעל הבית פון סיריען, סעקסטוס צעזאר, א נאהנטער קרוב פון דעם רוימישען דיקטאטאר, האט דעם יונגען הורדוס בעעהרט פאר זיין ארויסטריט מיט אלערליי כבודים; די קינדער פון דעם יהודה'שען פאלק האבען אבער געטרויערט. זיי האבען געזעהען, אז דא וואקסט א גיפטיגע

שלאנג, וואס געהט זיך איינזויגען אין דעם צעוועהטאגטען קערפער פון דער יודישער אומה און ארויספרעסען פון איהם דעם לעצטען טראפען בלוט. פון אלע זייטען האבען זיך אנגעהויבען הערען געשרייען געגען דעם חוצפה׳דיגען ווילקיר פון דעם בלוטיגען אדומי, וועלכער האט זיך ערלויבט צו בעגעהן מיט יודישע פאטריאטען, ווי מיט פשוט׳ע רויבער, און האט נישט איבערגעגעבען די פערמשפט׳ע דעם סנהדרין, ווי דאס געזעץ האט געפאדערט. און ענדליך האבען די פרושים און די פאר־שטעהער פון דער אריסטאקראטיע אויסגעוועהלט פון זיך א דעפוטאציע, וואס האט זיך געווענדעט צו הורקנוס׳ען און איהם אויפמערקזאם גע־מאכט אויף דער טרויעריגער לאגע, אין וועלכער ער געפינט זיך. „ביז ווי לאנג וועסטו אזוי רוהיג צוזעהען דאס אלץ, וואס דא קומט פאר? — האבען די אויסגעוועהלטע פון פאלק גע׳טענה׳ט צו זייער הערשער — ציז זעהסטו דען נישט, אז אנטיפאטאר מיט זיינע זיהן האבען צוטיילט צווישען זיך די גאנצע מאכט, וועהרענד דו רופסט דיך נאר קעניג און קענסט קיין זאך נישט אויפטאן? פערמאך־זשע נישט מעהר די אויגען דיינע, — דיין לאגע איז נישט אונגעפעהרליך, און דו טארסט דיך נישט אזוי לייכטזיניג בעציהען צו זיך אליין און צו דער קעניגליכער הערשאפט. נאר זיך אליין נישט אב מיט דער איבערצייגונג, אז אנטי־פאטאר מיט זיינע זיהן פערטרעטען דיך כלומר׳שט; קוק דיך צו און זעה, אז זיי אנערקענען זיך אפען פאר פולבערעכטיגטע הערשער. אט האט אנטיפאטאר׳ס זוהן, הורדוס, פערבראכען געגען אונזער געזעץ, בעשטראפענדיג הזקיה׳ן מיט זיינע חברים אהן א שום חקירה ודרישה. לויט אונזער תורה טאר מען אפילו דעם ערגסטען פערברעכער נישט בעשטראפען אהן א געריכטליכער אויספארשונג, און ער האט זיך ער־לויבט דאס צו טאן אויף זיין אייגענער פעראנטווארטליכקייט, נישט הא־בענדיג פון דיר קיין שום פאלמאכט״. צו די דאזיגע טענות זענען נאך צוגעקומען אויך די מוטער׳ס פון די בעשטראפטע, וועלכע פלעגען טאג טעגליך בעלאגערן די טהירען פון בית המקדש, זיך ווארפען פאר די פיס פון כהן גדול און בעשווערען איהם, צו משפט׳ען הורדוס׳ן פאר זיינע פערברעכערישע מעשים.

הורקנוס האט זיך דאן געזעהען געצוואונגען נאכצוגעבען. ער האט ערלויבט דעם סנהדרין צו משפט׳ען הורדוס׳ען, און אין זיין נאמען איז דער לעצטער אויפגעפאדערט געווארען צו קומען צום בעשטימטען טערמין אין סנהדרין, אום צו פערטיידיגען זיינע מעשים. הורדוס איז

געקומען אין דעם בעשטימטען טאג, אבער נישט, ווי קיין געוועהנליכער בעשולדיגטער: געטראגען האט ער אויף זיך א פורפור-מאנטעל, בעגלייט איז ער געוועזן פון א מיליטערישער סוויטע, און אויסער דעם האט שוין הורקנוס פון פריהער נאך בעקומען א בריעף פון סעקסטוס צעזאר, אין וועלכען דער יהודה'עאישער הערשער ווערט אויפגעפאדערט הורקאנוס צו בעפרייען דעם רוימישען ליעבלינג. די מיטגליעדער פון סנהדרין האבען אראבגעלאזען די אויגען צו דר'ערד — קיינער פון זיי האט נישט געוואגט ארויסצוטרעטען מיט'ן בעשולדיגונגס-אקט געגען דעם בעוואפענטען און פון דער רוימישער מאכט געשיצטען אנגעקלאגטען. דאן האט זיך אויפגעהויבען דער עלטסטער און געלעהרנטסטער פון סנהדרין, שמעיה, און זיך אנגענומען פאר דעם כבוד פון דער העכסטער יהודה'עאישער געריכטס-אינסטיטוציע; ער האט געזאגט: „בעשולדיגטע פלעגען זיך ביז אהער ווייזען פאר אונז מיט א דערשלאגען געמיט, שווארץ געקליידט, — מיט טרויער אבווארטענדיג זייער אורטייל. און דא שטעהט פאר אונז איינער, וואס ווערט בעשולדיגט אין א שווערען פערברעך, — אין א פורפור-מאנטעל, ארומגערינגעלט מיט בעוואפנטע סאלדאטען, אזוי ווי גרייט אונז אלע צו דערשלאגען, אים פאל, אויב מיר וועלען איהם פאר שולדיג ערקלערן! נאר נישט איהם טאדעל איך; איך טאדעל דעם קעניג און אייך, פארוואס איהר לאזט צו אזא מין חוזק מאכען פון דער גערעכטיגקייט. ווייסט-זשע איהר אלע, אז דער זעלביגער, פאר וועמען איהר ציטערט איצט, וועט אייך אלעמען אמאל איבערגעבען דעם תלין און די הענד".

דער דאזיגער מוטיגער ארויסטריט האט געמאכט א שטארקען איינדריק אויף אלע מיטגליעדער פון סנהדרין, און דאס גאנצע געריכט איז גרייט געווען צוצוטרעטען צו דער בעשולדיגונג; דא האט זיך אבער אריינגעמישט הורקנוס, וועלכער האט מורא געהאט, זיך אנצוהויבען מיט דער רוימישער מאכט, און אויף זיין בעפעהל איז די זיצונג אבגעלעגט געווארען. הורדוס האט זיך דערווייל בענוצט מיט דער געלעגענהייט און איז אנטלאפען קיין דמשק, וואו סעקסטוס צעזאר האט איהם אויפגענומען מיט אפענע ארעמס און בעשטימט פאר א מיליטערישען קאמאנדיר (סטראטעג) איבער גאנץ צעלאסיריען (46).

איצט, אלס הויכער רוימישער בעאמטער, האט זיך הורדוס געפיהלט אינגאנצען זיכער, און אט די זיכערהייט האט ער גלייך געוואלט אויסנוצען, אום זיך נוקם צו זיין אן די יהודה'עאישע פאטריאטען מיט

זייער סנהדרין. אן דער שפּיץ פון א רוימישער אַרמעע האט זיך הורדוס אַוועקגעלאָזען צו דער יהודה'עאישער הויפּטשטאָדט און ער איז שוין גרייט געווען זי צו בעפאַלען; דא זענען איהם אָבער אַרויס אַנטקעגען זיין פאָטער, אנטיפּאַטאָר, און זיין ברודער, פאַזאעל, און זיי האָבען איהם ערקלערט, אַז דער איצטיגער אָנפאַל קען שאַדען די אינטערעסען פון זייער צוקינפטיגער פאָליטישער קאַריערע. הורדוס האט זיך דאַן אומגעקעהרט מיט זיין חיל צוריק קיין גליל, און אַלס צעלאָסירישער סטראַטעג האט ער צו יענער צייט אַ סך אויפגעטאָן, אויף צו שטיצען די מאַכט פון צעזאַר'ס שטעל-פערטרעטער אין סיריען, דערשטיקענדיג יעדען אויפשטאַנד פון די פערבליבענע פּאָמפּעיאַנער.

די דאָזיגע האַרציגע איבערגעגעבענקייט פון אַנטיפּאַטאָר'ס משפּחה צו די צעזאַר'יאַנער האט זיך געצויגען אַזוי לאַנג, ווי די לעצטע זענען געווען ביי דער מאַכט. נאָך דער גרויסער איבערקעהרעניש אין דעם רוימישען מלוכה-לעבען, האָט זיך אָבער די לאַגע אינגאַנצען געענדערט. יוליוס צעזאַר איז געפאַלען אַלס קרבן פון אַ בלוטיגער פערשווערונג (44), און די אַלגעמיינע אונרוהען, וואָס האָבען אַרומגענומען דער גאַנצער רוימישער אימפּעריע, האָבען טיעף אָנגעגריפען אויך דער קלייגער יהודה. איין מיטגליעד פון דער פערשווערונג, דער כּלומרשט'ער „רעפּובליקאַנער". קאַסיוס לאָנגינוס, איז געקומען צו לויפען קיין סיריען, אום צונויפצוזאַמלען געלד און סאָלדאַטען, און אַזוי ווי יעדע סעקונדע האָט איהם געקענט אַרויסרייסען די מאַכט פון די הענד, איז ער זיך בעגאַנגען מיט דער בעפעלקערונג נישט בעסער פון דעם ערגסטען פערסישען סאַטראַפּ. מיט בלוטיגע שטראָפען און אכזריות'דיגע צוואַנגס-מיטלען זענען אויפגעמאָהנט געוואָרען די אונגעהויערע אָבצאָהלונגען, וואָס דער רוימישער פּרעטענדענט האָט אַרויפגעלעגט אויף אַלע שיכטען פון פאָלק, און קומענדיג קיין יהודה האָבען איהם אין דער אַרבייט פלייסיג געהאָלפען — די אדומי'שע פאָלקס-דריקער. די נעכטיגע איבערגעגעבענע צעזאַר'יאַנער האָבען איצט מיט דער געטריישאַפט פון שקלאַפען געדיענט צעזאַר'ס מערדער, און אויב ער האָט געפונען פאַר נויטיג צו שטיקען דעם יהודה'שען פאָלק און אַרויסצורייסען פון איהם מיט אכזריות'דיגער געוואַלט דעם לעצטען ביסען פון מויל, זענען זיי איהם בעהילפיג געווען אין זיין אַרבייט און האָבען גלייך מיט איהם געפּייניגט און געשטיקט „זייערע" אונטער-

טאַנען, ווען פיער יהודה'עאישע שטעדט (לידא, עמאוס א. נ. א.) האָבען נישט צוגעשטעלט צו דער בעשטימטער צײַט דעם ארויפגעלעגטען שטײַער, האָט קאַסיוס געלאָזען בינדען אַלע דאָרטיגע אײַנוואוינער און זיי פערקויפען פאַר שקלאַפען; אין דער זעלביגער צײַט האָט ער אָבער זעהר גוט געלעבט מיט אַנטיפּאַטאָר'ס משפחה און גאַנץ גערן בעשטימט הורדוס'ן אויף זײַן פריהערדיגען פּאָסטען, אויף דעם פּאָסטען פון אַ רוימישען סטראַטעג.

אין יהודה האָט זיך די שנאה צו די אדומי'שע פיהרער נאָך שטאַרקער צופלאַמט. דער אונגליקליכער שאָטענקעניג האָט זיך ענדליך אויך אַרומגעזעהן, אַז די אדומ'ער ווילען זיך אויף זײַן האַלז ארויפזעצען, און דער הויף צוזאַמען מיט'ן פאָלק האָבען אָנגעהויבען צו זוכען אַ מיטעל, ווי אַזוי זיך צו בעפרײַען פון דעם פערהאַסטען אַנטיפּאַטאָר מיט זײַנע זיהן. הורקנוס'ס נאָהענטער יועץ איז געוואָרען דער אַלטער יהוד'עאישער קריעגספיהרער מאַליך — אַ איבערגעבענער פרײַנד פון דער חשמונאים־דינאַסטיע, און ער האָט פערקלערט אַ פּלאַן, צו פערגיפטען דעם הויפּט־שולדיגען אין אַלע צרות, אַנטיפּאַטאָר'ן. אין דער פערשווערונג האָבען זיך, אויסער מאַליכ'ען, בעטייליגט אויך עטליכע הויף־דיענער און מיליטער־בעאַמטע, און זיי האָט זיך אײַנגעגעבען איבערצוקויפען דעם הויפישען שר המשקים (ווײַן־גיעסער) — דער לעצטער האָט אין אַנטיפּאַטאָר'ס בעכער אַרײַנגעשיט־סם (43). אָט די נקמה האָט אָבער די לאַגע נאָך פערערגערט: הורדוס האָט זיך גלײַך נוקם געווען פאַר זײַן פאָטער'ס טוידט, און אויף זײַן בעפעהל איז מאַליך באַלד געטוידט געוואָרען פון רוימישע סאָלדאַטען. די געבליבענע מיטגליעדער פון דער פערשווערונג האָבען דאַן געפּרובט אָרגאַניזירען אַ אויפשטאַנד אין לאַנד; אויך דאָס אָבער האָט זיך נישט אײַנגעגעבען, און הורדוס מיט זײַן ברודער האָבען דעם אויפשטאַנד בעצײַטענס דערשטיקט. דאָס האָט אָבער נישט אָבגעהאַלטען אַריסטאָבול'ס לעבען־געבליבענעם זוהן, אַנטיגאָן, זיך אַרײַנצורײַסען אין יהודה, געשטיצט אויף דעם מיליטער פון זײַן שוואָגער, דעם פירשט פון חלקית, — דעם גליקליכען אדומ'ער האָט אָבער אויך דאָ דאָס גליק נישט פערלאָזען, און ער האָט צוקלאַפּט די מחנה פון דעם חשמונאי'שען פּרעטענדענט. דאָס האָט דעם שטאָלצען אדומ'ער נאָכמעהר חוצפה צוגעגעבען, און ווען ער איז אַרײַנגעטרעטען אין די טויערן פון ירושלים נאָך דעם „אויפשטאַנד", האָט

איהם הורקנוס, בעגלייט פון די אַנגעזעהענסטע פאָלקס־פאַרשטעהער, געמוזט אונטערטראָגען אַ נצחון־קראַנץ (42). אַזוי איז כסדר געוואַקסען די מאַכט און די גרויסקייט פון אַנטיפּאַטער׳ם יורש, און דער חשמונאי׳שער הערשער האָט פאַר איהם וואָס וויַיטער אַלץ מעהר מורא געקריגען. אום זיך צו בעוואָרענען פון דער געפאַהר האָט הורקנוס זיך געזעהען געצוואונגען צו מאַכען הורדוס׳ען פאַר אַ מיט־גליעד פון זיין הויז, און ער האָט איהם געגעבען פאַר אַ פרוי זיין אייניקעל — די בערירהמטע שענהייט מרים. אַזוי איז דער אַרומי׳שער עבד אַריין אין׳ם קעניגליכען הויז פון די חשמונאים, וואו ער האָט שפּעטער אויסגעריסען די לעצטע בלימעלעך פון דעם שענעם שטאַם און איהם ענדליך אינגאַנצען פערניכטעט.

און אין רוים איז דערוויַיל פאָרגעקומען אַ נייע איבערקעהרעניש. די רעפּובליקאַנישע אַרמעע פון קאַסיוס און ברוטוס איז ביַי פיליפּי צושלאָגען געוואָרען, און די רוימישע וועלט איז געלעגען פאַר די פיס פון אָקטאַוויאַן און מאַרק אַנטאָניוס (42). די מזרח־פּראָווינצען, צווישען זיי אויך יהודה, זענען אַרונטערגעפאַלען אונטער דער הערשאַפט פון דעם צווייטען, און אין די יהודה׳אישע פּאַטריאָטען האָט צוריק אויפגעלעבט די האָפנונג, זיך ענדליך דאָך צו בעפרייען פון דער אדומי׳שער ממשלה. ווען אַנטאָניוס איז געקומען קיין סיריען האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט אַ דעפּוטאַציע פון די אָנגעזעהענסטע יהודה׳ער, וועלכע האָט איהם געשילדערט די טרויעריגע לאַגע פון לאַנד, און זיך בעקלאָגט אויף דער אוזורפּאַטאָרישער (פער־חאַפּענדער, גזלני׳שער) פּאָליטיק פון די אדומי׳שע ברידער. הורדוס האָט אָבער אויך נישט גערוהט; דער איבערגעגעבענער רעפּובליקאַנער האָט זיך פלינק איבערגעוואָרפען אויף אַנטאָניוס׳עס זייט, און די אַלע בעקלאָגונגען אויף איהם זענען גלייך צושוואומען געוואָרען. דער רוימישער מאַכטהאָבער האָט נישט אַנערקענט די טענות פון דער יהודה׳אישער דעפּוטאַציע, און איבערגעלאָזען די השגחה איבער יהודה אין די הענד פון די אדומי׳שע ברידער.

שפּעטער, ווען אַנטאָניוס האָט זיך געפונען אין עפעס, האָט זיך איהם ווידער פאָרגעשטעלט אַ יהודה׳אישע דעפּוטאַציע — דאָס מאָל שוין פון הורקנוס׳ען אַליין. די איצטיגע שלוחים פון דעם יהודה׳אישען עטנאַרך האָבען זיך משתדל געווען וועגען בעפרייען די יהודה׳ער, וואָס קאַסיוס האָט געהאַט געפאַנגען פאַר דעם נישט איינגע־

טראַגנעם אַבצאָהל, און וועגען איינשליסען צוריק אין די גרענעצען פון יהודה די טעריטאָריומס, וואָס די טיר'ער האָבען פערהאַפט. אַנטאָניוס האָט די בקשות ערפילט, און דאַגעגען האָט ער ווידער אָבגעזאָגט די בקשה פון אַ נייער יהודה'אישער דעפּוטאַציע, וואָס האָט זיך נאָכאַמאָל געפּרובט מיתדל זיין וועגען בעזייטיגען הורדוס'ען מיט זיין ברודער פון דער יהודה'שער מאַכט. אַנטאָניוס איז, איבעריגענס, בעפריינדעט געוועזען מיט דעם רוימער-פריינד אַנטיפּאַטער נאָך פון די צייטען, ווען ער איז געוועזען אין יהודה אַלס אָפיציער אין דער אַרמעע פון דער פּראָקאָנסול גאַביניוס, און איצט, אַלס צווייטער הערשער פון דער רוימישער מלוכה, האָט ער געוויס קיין גרונד נישט געהאַט, צו בעזייטיגען פון דער אונרוהיגער יהודה אַזעלכע איבערגעגעבענע בעשיצער פון די רוימישע אינטערעסען ווי אַנטיפּאַטער'ס זיהן. ער האָט איצט דעריבער נאָך פערשטאַרקט זייער מאַכט, בעשטימענדיג זיי פאַר טעטראַרכען, ד. ה. פאַר די אָפיציעלע הערשער פון יהודה (41).

די הערשאַפט פון דעם מעכטיגען צווייטען טריאומוויר האָט זיך אָבער באַלד פונאַנדערגעטרייסעלט. די אונגעהויערע פערשווענדערייען פון די רוימישע מאַכט-האָבער האָבען איינגעשלונגען אוצרות מיט גאָלד, און דאָס אַלץ איז אַרויסגעפּרעסט געוואָרען פון די מזרח-פּראָווינצען אין דער פאָרם פון אונגעוועהנליכע שטייערן, קאָנטריבוציעס און גלאַט רויבעריי'ען — אָהן אַ שום מאָטיוו. דאָס האָט ענדליך געמוזט אַרויסרופען ביי די אונטערדריקטע אַ שטאַרקען פערלאַנג, זיך צו בעפרייען, און ווען די העלדישע פּאַרטאַנער, אונטער דער אָנפיהרונג פון פּרינץ פּאַקאָרוס און דעם קריגספיהרער באַרזאַפאַרנעס, האָבען זיך פערשטאַרקט אין דער פּאָדערשטער אַזיען, האָבען זיך כמעט אַלע רוימישע וואַסאַלען (אונטערגעוואָרפענע פירשטען) געשטעלט אויף זייער זייט. שטעהענדיג ביי די ברעגען פון טייך אפרת, האָבען די פּאַרטאַנער געשטרעבט צום מערב, צו סיריען און פּאַלעסטינא, און אין דער צייט, ווען מאַרק אַנטאָניוס איז געלעגען אַ פערשכור'טער אין די אָרעמס פון דער פערפיהרערישער עגיפּטישער קעניגין קלעאָפּאַטראַ, זענען זיי אַלץ טיפער און טיפער אַריינגעדרונגען אין סיריען, האַבענדיג שוין אין זייערע הענד פיניקיען און שטעהענדיג אויף דער שוועל פון יהודה. דעם דאָזיגען מאָמענט האָט אויסגענוצט דער לעצטער פּרעטענדענט פון דער חשמונאים-דינאַסטיע, אַנטיגאָן, און האָט אָנגעהויבען פיהרען אונטערהאַנדלונגען

מיט די פארטאנער וועגען העלפען איהם בעקומען דעם יהודה'שען טראן. די פארטאנער האבען אנגענומען זיינע בעדינגונגען, און זענען אריין אין לאנד מיט צוויי גרויסע מחנות: איינע, אונטער דער אנפיהרונג פון פאקארוס'ען, האט זיך געלאזען געהן גלייך מיט'ן ברעג פון ים, און די צווייטע, אונטער בארזאפארנעס'ן, — אויפ'ן וועג קיין ירושלים. ביים כרמל־בארג האבען זיך מאסען יהודה'ער פעראייניגט מיט דער פארטאנישער ארמעע, אלס מיטקעמפפער פאר דער בעפרייאונג פון דעם אדומי'שען יאך; אויסער דעם האט אנטיגאן אליין אויך צוזאמענגענומען ארום זיך א מחנה פון טויזענדער פרייוויליגע יהודה'עאישע פאטריאטען, און האט זיך אריינגעריסען אין ירושלים. דא האט זיך צופלאקערט א בלוטיגע שלאכט צווישען די אדומי'שע אנהענגער און דעם פאלק, וואס איז אינגאנצען געשטאנען אויף דער זייט פון דעם חשמונאי'שען פרעטענדענט, און האט פערנומען דעם בית־המקדש. הורדוס מיט זיין ברודער, דאגעגען, האבען זיך בעפעסטיגט אין דעם קעניגליכען פאלאץ און אין דער שטאדט־פעסטונג, פון וואנען זיי האבען זיך העלדיש געוועהרט געגען דעם אנפאלענדען שטראם פון די פאלקס־מאסען, וואס האט זיך פון מינוט צו מינוט פערגרעסערט מיט נייע מחנות עולי־רגל'ניקעם (פיליגרימען; ס'איז געווען שבועות).

דערווייל איז איין מחנה פון די פארטאנער שוין געשטאנען ביי די טויערן פון ירושלים, און איהר אנפיהרער, פאקארוס, האט פארגעלעגט הורקנוס'ען מיט פאזאעל'ן, זיי זאלען, אלס שלוחים, אוועק צו בארזאפארנאס'ן אין לאגער, אום דארט איבערצורעדען מיט איהם וועגען די פריעדענס־בעדינגונגען, און ווי נאר זיי זענען ארויס פון ירושלים האט מען זיי געשמיעדט אין קייטען אלס געפאנגענע. הורדוס האט זיך גלייך דערוואוסט דערפון, און נישט זעהענדיג קיין שום מעגליכקייט, זיך צו פערטיידיגען, איז ער ביינאכט אנטלאפען פון שטאדט, מיטנעהמענדיג מיט זיך אלע מיטגליעדער פון זיין פאמיליע — צווישען די האט זיך געפונען אויך זיין כלה, מרים — און א קליינע מיליטערישע סוויטע. אין וועג איז איהם עטליכע מאל אויסגעקומען זיך צו פערטיידיגען געגען פערשיעדענע אנפאלער, ענדליך האט ער זיך אבער דאך דערשלאגען ביז צו דער פעסטונג מאסאדע, ביים ברעג פון ים־המלח, וואו ער האט די גאנצע פאמיליע איבערגעלאזען אונטער דער שוץ פון איבערגעגעבענע סאלדאטען און דעם קאמענדאנט פון פעסטונג — זיין ברודער יוסף. ער אליין איז דאן אוועק אין דער נאבאטע'אישער הויפטשטאדט, פעטרא,

חענגען שליסען א אָבמאַך מיט דעם נאַבאַטעאישען קעניג.

און די פאַרטאַנער האָבען דערווייל געבעל-הבתי'וועט אין לאַנד. פון די צוויי געפאַנגענע, וועלכע זיי האָבען איבערגעגעבען אַנטיגאָנען, האָט דער אדומי פאַזאעל זיך אַליין דאָס לעבען גענומען, צושמעטערנדיג דעם קאָפּ אָן א פעלזען, און דער אַלטער הורקנוס איז געבליבען אַלס געפאַנגענער נאָכדעם, ווי מ'האָט געמאַכט איבער איהם אַ אָפּעראַציע, וואָס האָט איהם אויף אייביג שוין אונפעהיג געמאַכט צו פערנעהמען דעם פּאָסטען פון אַ כהן-גדול: מ'האָט איהם אָבגעשניטען די אויערן (אַ בעל-מום האָט, לויט'ן דין פון דער תורה, קיין כהן-גדול נישט געטאָרט זיין). שפּעטער, ווען די פאַרטאַנער האָבען פערלאָזען דאָס לאַנד, האָבען זיי דעם אונגליקליכען שאָטען-קעניג מיטגעפיהרט מיט זיך קיין בבל, און אַנטיגאָן האָט זיך געפיהלט גאַנץ פעסט אויף דעם יהודה'שען טראָן; ער האָט געלאָזען אויסגיסען אייגענע מטבעות מיט דער אויפשריפט: „מתתיהו, דער כהן-גדול און די יהודה'ער-געזעלשאַפט" — אויף איין זייט, און אויף דער צווייטער — „קעניג אַנטיגאָן". איהם איז אויך געלונגען צו פערטרייבען די איבערגעבליבענע טיילען פון די רוימישע גאַרניזאָנען, אַזוי אַז יהודה איז אינגאַנצען אָבגערייניגט געוואָרען פון פרעמדע סאָלדאַטען, און זי האָט זיך געקענט אויף אַ קורצע צייט איבערגעבען דער זיסער אילוזיע פון ווידער-ערוואָרבענער פאָלשטענדיגער פרייהייט נאָך אַזוי פיעל אינערליכע און אויסערליכע מלחמות.

באַלד אָבער האָט זיך יהודה ווידער בעגעגענט אויג אין אויג מיט איהר ביטערסטען פיינד, און שולדיג אין דעם איז, טיילווייז, געווען אַנטיגאָן אַליין. דער לעצטער חשמונאים-קעניג איז געווען אַ גאַנץ קורצזיכטיגער שטאַאַטסמאַן און ער האָט נישט פערשטאַנען אויסצונוצען די לאַגע, וואָס איז אייגענטליך געווען זעהר גינסטיג פאַר איהם; דער רוימישער הערשער פון די מזרח-פּראָווינצען אַנטאָניוס האָט זיך בכלל גאַנץ ווייניג אינטערעסירט מיט זייערע אינערליכע אַרומרייסענישען און די רייצענדע קלעאָפּאַטראַ איז איהם פיעל ליעבער געווען פון דער בייזער מלחמה-געטין; די פאַרטאַנער, ווידער, האָבען געהאַלטען אין איין אַרויסשטופּען די רוימער פון זייערע איינגענומענע פּאָזיציעס, און וואָלט אַנטיגאָן פערשטעהן, אונטערצוהאַלטען דעם גייסטיגען האַס, וואָס דאָס פאָלק האָט געטראָגען אין האַרצען צו די רוימער און צו דער אדומי'שער משפחה, וואָלטען איהם די רוימער אַליין אויך געחנפה'ט, אום צו געפינען אין איהם אַ שטיצע געגען די פאַרטאַנער; ער האָט דאָס אָבער

ניִשט פערשטאַנען, און אָנשטאָט צו פעראייניגען די פערשיעדענע פּאַטריאָטישע מחנות, וואָס זענען צושפּרייט געווען איבער'ן גאַנצען לאַנד, און אויסצובילדען פון זיי איין גאַנצע נאַציאָנאַלע אַרמעע, האָט ער זיך אינגאַנצען איבערגעגעבען זיינע נקמה-געפיהלען געגען די אדומ'ער און געהאַלטען אין איין רודפ'ען זייערע נאָהנטע און אָנהענגער. אַזוי האָט אַנטיגאָן פערבראַכט די דריי יאָהר פון זיין הערשען און קיין בעדייטענדען שריט ניִשט געמאַכט אויף צו פערפעסטיגען זיין לאַגע און געבען איהר אַ געוויסען זיכער'ן באָדען, און אין דער זעלביגער צייט האָט זיין געגנער, הורדוס, קיין איין סעקונדע ניִשט גערוהט און קיין איינציגע גינסטיגע מינוט ניִשט דורכגעלאָזען.

נאָכדעם ווי זיינע אונטערהאַנדלונגען אין פּעטרא האָבען קיין ערפאָלג ניִשט געהאַט, האָט זיך הורדוס איינער אַליין געלאָזען וואַנדערן דורך די יהודה'עאיש-אדומי'שע מדבריות און איז ענדליך אָנגעקומען קיין מצרים. אין אַלעקסאַנדריע האָט ער געגלויבט צו געפינען זיין בעשיצער אַנטאָניוס; דער לעצטער איז אָבער גראָד אַוועק קיין רוים, און די קעניגין קלעאָפּאַטרא לעגט איהם פאָר, ער זאָל אַריינטרעטען אין איהר אַרמעע אַלס קריעגס-פיהרער. דער אדומי'שער העלד דאַנקט פאַר דעם כבוד און לאָזט זיך אויך אַוועק קיין רוים — איהם הערט ניִשט אויף צו שוועבען פאַר די אויגען די קרוין פון יהודה. אויפ'ן ים שטעהט ער אויס אַ ביטערן קאַמפּף מיט שטורעמס און בראַזענדע כוואַליעס; ער קומט אָבער קיין רוים, און קומט — אין דער ריכטיגער צייט. די ביידע טריאומווירען האָבען געשלאָסען צווישען זיך אַ פעסטע פעראייניגונג, אַנטאָניוס מיט אָקטאַוויאַ'ן זענען שלום און איינשטימיג אין אַלע היגזיכטען, און נאָכדעם ווי הורדוס שטעלט זיך פאַר דעם ערשטען און שילדערט איהם די אַלע געשעהעניִשען אין יהודה פאַר דער לעצטער צייט, בלייבט ביי ביידע בעשלאָסען, אָנצופירען דעם רעוואָלוציאָנערען חשמונאי און צוריק צושטעלען די מאַכט פון די פריהערדיגע געזעצליכע הערשער; און אַזוי ווי הורקנוס געפינט זיך אין גלות, ווייט פון יהודה, בלייבט הורדוס דער איינציגער און פּאַסענדסטער קאַנדידאַט אויף דעם יהודה'שען טראָן. אַזוי האָט הורדוס בעוויזען אין אַ פערלויף פון זיבען טאָג צו בעפעסטיגען פאַר זיך אַלע פּאָזיציעס, און אַנערקענט צו ווערן פון דער ספּעציעלער פערזאַמלונג פאַר דעם געזעצליכען קעניג פון יהודה! נאָך דער דאָזיגער פייערליכער זיצונג פון סענאַט איז הורדוס

אין דער בעגלייטונג פון די טריאומווירען, קאנסולען און דעם גאנצען אדעל אריינגעפיהרט געווארען אין קאפיטאליום, וואו ס'זענען געבראכט געווארען קרבנות צו די געטער (40) — ווי מ'האט זיך נוהג געווען ביים אוועקלעגען אין ארכיוו א סענאט'ס־דעקרעט.

דער עהרגייציגער ארומי האט ערדייכט זיין ציעל — ער האט בעקומען פון דער מאכט דעם קעניגליכען טיטול. דערמיט האט זיך אבער זיין אויפגאבע נאך נישט געענדיגט, און איהם איז נאך פארגעשטאנען א שווערען קאמפף דורכצומאכען, ביז ער האט בעקומען די מעגליכקייט צו געניעסען די פרוכט פון זיין ערפאלג — צו ווערן דערווירקליכער געקרוינטער הערשער פון יהודה. אנטאניוס בעמיהט זיך, אויפצוהאלטען הורדוס'ן אין רוים און שענקט איהם די פריינדליכסטע אויפמערקזאמקייט; דער לעצטער פערגעסט אבער נישט איין מינוט וואס איהם שטעהט נאך פאר, און פערלאזט רוים. אין נייען און דרייסיגסטען יאהר זעצט זיך הורדוס ארוים אין דעם פאלעסטינישען האפען עכו, און מיט דער געלד־שטיצע, וואס ער בעקומט גלייך פון א געוויסען רייכען יהודה'ער, דינגט ער זיך סאלדאטען און שטעלט זיך צונויף א קריעגס־ארמעע. א קליינע מיליטערישע אונטערשטיצונג בעקומט ער אויך פון דעם רוימישען שטעל־פערטרעטער אין סיריען, ווענטידיוס, און מיט דער מחנה לאזט ער זיך אוועק קיין גליל, וואו ער נעהמט איין שטאדט נאך דער צווייטער; פון דארט ווארפט ער זיך אריבער אין דרום, אום צו בעפרייען זיין פאמיליע פון דער פעסטונג מאסאדא, וועלכע איז בעלאגערט געווארען פון אנטיגאנ'ס סאלדאטען. בעפרייט מאסאדא, טרעט הורדוס צו צו דער בעלאגערונג פון ירושלים; דא ווערט ער אבער אבגעשטויסען פון אנטיגאנ'ס ארמעע. די ארטיגע רוימישע מאכט שטיצט איהם אויך גאנץ שוואך — דער גארניזאן אין יהודה, אונטער דער אנפיהרונג פון סילאן, איז אונטערגעקויפט פון דעם חשמונאי'שען הערשער, און דער גרעסטער טייל פון דער גרויסער רוימישער ארמעע אין סיריען איז פערנומען אין קאמפף מיט די פארטאנער.

הורדוס געפינט זיך אין א קריטישער לאגע, און דאס ווערט אויסגענוצט אין דער שוין איינגענומענער גליל. עס ברעכט דארטין אויס א נייער אויפשטאנד, און הורדוס קען זיך קיין עצה נישט געבען מיט די פאטריאטישע באנדעס, וואס בעהאלטען זיך אין בערגער און הויהלען און מאכען אן פון דארטען שרעקליכע הורבונות אין זיין

קליינער ארמעע. דאס רייצט נאכמעהר אויף דעם ארומי'שען נאך נישט געקרוינטען הערשער, און ער הויבט אן בעהאנדלען די בעזיעגטע מיט דער שוידערהאפטסטער און שרעקליכסטער אכזריות. צוויי טויזענד איינוואוינער פון פינף איינגענומענע שטעדטליך לאזט ער פערברענען לעבעדיגערהייד, זיינע סאלדאטען רייסען זיך אריין אין די ענטדעקטע הויהלען און שענדען און פייניגען און צורייסען אויף שטיקער הונדערטער פאמיליעס: מענער, פרויען און קינדער. און אויך דאס ווירקט גאנץ ווייניג — דער גרעסטער טייל פון די געפאנגענע וויל זיך נישט אונטערגעבען, און שטארבט מיט א בלוטיגער קללה אויף די ליפען. איין אלטער פאטריאט האט מיט זיינע אייגענע הענד אויסגעהרג'עט אלע מיטגליעדער פון זיין פאמיליע און ארונטערגעווארפען זייערע קערפער'ס אין אבגרונד, זיך אליין מיטווארפענדיג צוזאמען מיט זיי. נישט וויים פון דער ענטדעקטער מערה איז געשטאנען הורדוס אליין, און דער פאטריאטישער קינדער־ און זעלבסט־מערדער האט אין זיינע לעצטע מינוטען נישט אויפגעהערט צו שילטען און צו בעליידיגען דעם „ארומי'שען עבד", האטש דער לעצטער האט איהם צוגעזאגט פאלשטענדיגע אונבעריהרליכקייט.

ארום צוויי יאהר האט זיך געצויגען די דאזיגע מלחמה צווישען הורדוס'עס סאלדאטען און די יהודה'עאישע פאטריאטען. הורדוס האט בעקומען נייע צוויי לעגיאנען פון דער רוימישער ארמעע, וואס האט אונטער דער צייט בעוויעזען, צו בעזיעגען די פארטאנער (38); שארף און ענערגיש ארויסטרעטען געגען אנטיגאנ'ען האבען נאך אבער די אונטערגעקויפטע רוימישע מיליטער־פיהרער אלץ נישט געוואלט. דאס האט בעוואויגען הורדוס'ן איבערצולאזען זיין מחנה אונטער דער אנפיהרונג פון זיין ברודער, יוסף, און ער אליין איז אוועק צו אנטאניוס'ען, וועלכער האט געהאט צו יענער צייט בעלאגערט די שטאדט סאמאסאטא, אין דער צובונטעוועטער פראווינץ קאמאגענע. דארט שטיצט הורדוס נישט ווייניג די אונטערנעהמונג פון זיין בעשיצער און בעקומט פון איהם דערפאר א בעדייטענדע הילף: אנטאניוס בעפעהלט זיין נייעם סירישען שטעלפערטרעטער, סאזיוס, ער זאל ענערגיש ארויסטרעטען צו הילף הורדוס'ען אין זיין קאמפף מיט דעם „פיינד פון רוים", אנטיגאן.

דער לעצטער האט זיך אבער דערווייל בענוצט מיט דער געלעגענהייט, וואס הורדוס איז געוועזען ווייט פון יהודה, און זיין ארמעע

האָט אָבגעהאַלטען איין נצחון נאָכ׳ן אַנדערן איבער די מחנות סאָלדאַטען פון דעם אדומי׳שען פּרעטענדענט. ביי ירי חו איז הורדוס׳עס מיליטער, אונטער דער קאָמאַנדאַ פון זיין ברודער יוסף, איינגעפּאַנצען צוקלאַפּט געוואָרען, און אויף אַנטיגאָנ׳ס בעפעהל האָט מען דעם געפאַנגענעם יוסף׳ן אַליין — אָבגעהאַקט דעם קאָפּ. די יהודה׳עאישע פּאַטריאָטען האָבען איצט אָבגעצאָהלט זייערע בעזיגער מיט דער זעלביגער מאָס, מיט וועלכער יענע האָבען זיי געצאָהלט, און גאַנצע מחנות העראָד׳יאַנישע (הורדוס־הערעאָד) בעאַמטע אָדער אָנהענגער זענען געפּייניגט און געטוידט געוואָרען. הורדוס האָט זיך דערוואוסט פון דעם אַלעמען נאָך אין אַנטיוכיאַ, און ביי איהם איז בעשלאָסען געוואָרען, נישט בלויז צו בעזיגען דעם פיינד, נאָר איהם פּשוט צו פערניכטען. זיך אַריינרייסענדיג אין לאַנד מיט זיינע נייע רוימישע לעגיאָנען, האָט ער די צוריק אָבגענומענע שטעדט און דערפער פערפלייצט מיט׳ן בלוט פון דער פריעדליכער בעפעלקערונג, שוין נישט רעדענדיג וועגען די קעמפּפענדע פּאַטריאָטען, און אָט די טייכען בלוט האָבען זיך געצויגען איבער׳ן גאַנצען לאַנד — ביז ירושלים.

צו דער בעלאַגערונג פון ירושלים איז הורדוס צוגעטרעטען אין פריהלינג פון זיעבען און דרייסיגסטען יאָהר. צוזאַמען מיט די לעגיאָנען, וואָס האָבען זיך געפונען אונטער סאָזיוס׳עס אָנפיהרונג, האָט די בעלאַגערונגס־אַרמעע געצעהלט ביז הונדערט טויזענד מאַן פוסגעהער, רייטער און אַרטילעריע־אָבטיילונגען; און ווען די גאַנצע אַרמעע איז געווען קאָנצענטרירט אַרום שטאָדט, האָט הורדוס ערשט אָנגעהויבען אויסצונוצען אַלע רעגעלן פון דער רוימישער קריעגס־קונסט, וועלכע ער האָט ביז אַהער אַזוי גרינדליך שטודירט. ווי דער אַמאָליגער רוימישער קריעגספיהרער פּאָמפּעיוס, האָט ער אויך געלאָזען אָנשיטען הויכע וואַלען און אויפשטעלען אויף זיי אונגעהויערע טורעמס מיט שליידער־מאַשינעס, און די צייט, ווען עס איז פאָרגעקומען די דאָזיגע בעלאַגערונגס־אַרבייט, אונטער דער אָנפיהרונג פון אַראָבגעבראַכטע ספּעציאַליסטען, האָט הורדוס געפונען פאַר גינסטיג, אויף צו פייערן זיין חתונה מיט דער חשמונאי׳שער פּרינצעסין, מיט וועלכער ער איז שוין לאַנג פערקנס׳ט געוועזען. פאָרגעקומען איז אָט די חתונה אין סאַמאַריאַ, — דאָרט האָט דער אדומי׳שער קאַנדידאַט אויף דער יהודה׳עאישער קרוין געפייערט זיין געזעצליכע פערבינדונג מיט דער שענער יהודה׳עאישער קעניגין־טאָכטער, וועלכער ער האָט שפּע-

טער דאָס לעבען פערגיפטעט און צום עשאַפאָט געפיהרט.

זיך אומקעהרענדיג צוריק אין לאַגער, איז הורדוס צוגעטרעטען צו דער באָמבאַרדירונג פון די שטאָדט-מויערן. די בעלאַגערטע האָבען זיך פערטיידיגט מיט דעם גאַנצען גלוט פון זייער ליעבע צו דער חשמונאי׳שער דינאַסטיע און האַס צו דעם בלוטיגען אדומ׳ער; זיי פלעגען זיך אַרויסרייסען פון שטאָדט דורך געהיימע, אונטערערדישע וועגען, אָנפאַלען אויף די נעהנטערע מיליטער-אָבטהיילונגען, און צושטערען די שליידער-מאַשינעס, און אויסער דעם האָבען זיי זאָגאַר בעוויזען אויפצושטעלען פאַר דער צייט א נייע מויער-וואַנט. און דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס א בעדייטענדער טייל פון די אָנגעזעהענסטע פרושים האָט שוין דאַן געהאַט איינגעזעהען די אוננוצבאַרקייט פון דער כלומרשט׳ער פערטיידיגונג און געראַטען, צו עפנען פאַר׳ן שונא די טויערן פון שטאָדט!

פיערציג טאָג האָט זיך די בעלאַגערונג געצויגען. דאַן איז גענומען געוואָרען די ערשטע פעסטונגס-וואַנט, און אין פופצעהן טאָג ארום — די צווייטע. אַנטיגאָן מיט דעם טייל איבערגעבליעבענע פאַטריאָטען האָבען זיך נאָך פערטיידיגט א געוויסע צייט אין דעם אויבערשטען טייל פון שטאָדט און אין די גרויסע הויפען פון בית המקדש; די בעלאַגערער האָבען אָבער ענדליך די פונקטען אויך איינגענומען, און צוזאַמען דערמיט איז ירושלים פערוואַנדעלט געוואָרען אין א מורא׳דיגער שחיטה-שטאָדט. די אויסגעמאַטערטע און צורייצטע סאָלדאַטען האָבען זיך, ווי צעווילדעטע הונגעריגע וועלף, אַרויפגעוואָרפען אויף די בעזיעגטע יהודה׳ער. אַלט און יונג, פרויען און קינדער, קעמפפענדע „פאַטריאָטען״ און פריעדליכע איינוואוינער — אַלעמענס בלוט האָט זיך צונויפגעגאָסען און אויפ׳ן מזבח זענען כהנים פאַר קרבנות געבראַכט געוואָרען.

לאַנג האָבען די רוימישע סאָלדאַטען געווילדעוועט אין דער יהודה׳שער הויפטשטאָדט, און ענדליך איז געקומען דערצו, אַז הורדוס אַליין האָט זיך געזעהען געצוואונגען, אָבצושטעלען די דאָזיגע שחיטות און רציחות. הורדוס׳ען האָט זיך נישט געוואָלט אַוועקשטעלען זיין טראָן אין א שטאָדט פון חורבות און מתים, און ער האָט זיך מיט היץ געווענדעט צו זיין רוימישען קאָלעגא, יענער זאָל זעהן איינשטילען זיינע סאָלדאַטען און זיי אָבהאַלטען. „צי ווילט איהר דען אינגאַנצען פערניכטען אין שטאָדט — האָט ער צו איהם געטענה׳עט — יעדען שפור פון א לעבעדיגען מענשען

און פון א מענשליכער וואוינונג און מיך אוועקזעצען קעניגען איבער א טוידטען מדבר?" און ווען די איצטיגע בעזיגער האבען זיך אויך געוואלט אריינרייסען אין די אינוועניגסטע צימערן פון בית-המקדש, ווי דער אמאליגער פאמפעיוס האט געטאן, האט זיך זיי הורדוס געשטעלט אין וועג און קאטעגאריש ערקלערט, אז ער וואלט אין דעם פאל זיך איינגאנצען געמוזט אבזאגען פון דעם נצחון, וועיל דאס פאלק, וואלט איהם קיינמאל גישט מוחל זיין די שולד פון פערשוועכען גאט'ס הויז. ווי ס'ווייזט אוים, האט אבער די ערקלערונג גאנץ ווייניג געווירקט, און די פאגראם-טעטיגקייט פון די זיעגער האט זיך ערשט דאן אבגעשטעלט, ווען הורדוס האט יעדען איינציגען פון זיי בעפריעדיגט מיט פריוואטע רייכע מתנות. דאגעגען האט דער נייער קעניג ארויסגעוויזען זיין גאנצע אכזריות בנוגע צו דעם געפאנגענעם אנטיגאן. דעם לעצטען האט סאזיוס מיטגעפיהרט מיט זיך קיין אנטיוכיא, וואו אנטאניוס אליין האט געזאלט בעשטימען זיין גורל. וועלנדיג האבען דעם לעצטען יהודה'עאישען מאנארך אין זיין טריאומף-וואגען, איז אנטאניוס גענויגט געווען, איהם צו לאזען לעבען; דא האט זיך אבער ארייגגעמישט דער אדומי'שער יורש פון דעם חשמונאים-טראן און אויף זיין הייסען פערלאנג, איז אנטיגאן גלייך אין אנטיוכיא געטוידט געווארען מיט דעם שענדליכסטען טוידט, וואס מ'האט זיך דאן געקענט פארשטעלען: מ'האט איהם אראבגעהאקט דעם קאפ מיט א האק.

אזוי האט געענדיגט זיין לעבען דער לעצטער הערשער פון דער דינאסטיע, וואס האט בעשאפען די פאליטישע זעלבסטשטענדיגקייט פון יהודה און געהערשט אין לאנד הונדערט מיט דריי יאהר.

דער פֿיערטער פּערי

ערשטעס קאפיטעל.

הורדוס.

(37—4).

דריי און דרייסיג יאהר האט זיך דאס לאנד געפונען אין דעם צושטאנד פון אייביגע איבערקעהרענישען, בירגער-מלחמות און בלוטיגע אונרוהען — דאס זענען געוועזען די גסיסה-יאהרען פון דער יהודה'שער זעלבסטשטענדיגקייט און פון דער חשמונאי'שער דינאסטיע. אין דעם פערלויף פון דער בלוטיגער עפאכע האט דאס פאלק פערלוירען הונדערטער טויזענדער פון זיינע בעסטע קינדער אין פערביטערטען קאמפף מיט די אינערליכע און אויסערליכע שונאים; יהודה'ס גורל איז שוין אבער לאנג בעשלאסען געוועזען: צוזאמען מיט'ן גאנצען מזרח איז זי אויך ארונטערגעפאלען אונטער דעם פראטעקטאראט (אויבערשטע הערשאפט) פון דער מעכטיגער רוים, און ביי די אונאויפהערליכע אויפשטאנדען און נישט-לאיאלע ארויסטרעטונגען פון דער יהודה'שער בעפעלקערונג, איז דעם ארומי'שען יועץ פון חשמונאי'שען הויף, אנטיפאטאר'ן, גאנץ לייכט געווען, זיך צו געווינען די סימפאטיע פון די רוימישע בעלי-בתים. און ביי דער סימפאטיע אליין האט זיך דער געשיקטער אנטיפאטאר נישט אבגעשטעלט — אלס איבערגעגעבענער בעשיצער פון די רוימישע אינ-

טערעסען געלינגט עס איהם, אריינצונעהמען ביסליכווייז אין זיינע הענד די גאנצע פאקטישע מאכט איבערן לאנד, און נאך א גאנצער רייהע בלוטיגע איבערקעהרענישען און ברודער-מלחמות בעקומט ענדליך זיין זוהן הורדוס די מעגליכקייט, זיך אוועקצוזעצען אויף דעם יהודה׳שען טראן.

הורדוס האט איינגענומען יהודה מיט דער הילף פון רוימישע סאלדאטען, און אין די גאנצע פיער און דרייסיג יאהר פון זיין הערשען האט דאס פאלק נישט אויפגעהערט צו קוקען אויף איהם, ווי אויף א פיינדליכער מאכט, וואס האט זיך אריינגעריסען אין הארצען פון יהודה, און פערשוועכט איהרע הייליגסטע טראדיציעס; פון די אלע איבערגעלעבטע אונרוהען און בלוטפערגיעסונגען איז אבער דאס פאלק שרעקליך אויסגעמאטערט געווען און האט אראבגעבויגען דעם קאפ פאר דער רוימישער מאכט, וואס איז געשטאנען הינטער די פלייצעס פון זיין ארומי׳שען הערשער. הורדוס ווידער, פון זיין זייט, האט זיך איצט אויך גאנץ ווייניג גערעכענט מיט דער סימפאטיע פון פאלק, און זיין גאנצע ארבייט איז געווען נאר, צו בעפעסטיגען די הערשענדע מאכט אין זיינע הענד און צו דערווייטערן פון פאלק יענע אלע עלעמענטען און פערזאנען, וואס האבען איהם געקענט זיך שטעלען אין וועג אדער פרעטענדירען אויף זיין גרויסקייט.

הורדוס׳עס ערשטער שריט, גלייך נאך זיין גלענצענדען נצחון איבערן „שונא״, איז געווען, אויסצוראטען דעם לעצטען שפור פון די פערבליבענע פאטריאטען און פאלקס-פיהרער. ער האט בעפוילען, צו בעוואכען אלע ארויסגאנגס-טויערן פון שטאדט און צו פערהאלטען דארט די אנטלויפענדע. אויף אזא אופן איז איהם געלונגען צונויפצונעהמען א גאנצע מחנה אנהענגער פון דעם פריהערדיגען רעזשים, צווישען וועלכע עס האבען זיך געפונען אויך פינף און פערציג מאן פון די אנגעזעהענסטע יהודה׳עאישע פאמיליעס, און אויף זיין בעפעהל זענען זיי אלע געטוידט געווארען; דערביי האט ער זיך בענוצט מיט דער מעטאדע פון זיינע רביים, די רוימער, און קאנפיסקירט דאס גאנצע פערמעגען פון די פערמורטיילטע. פון די דאזיגע קאנפיסקירטע רייכטימער האבען זיך אנגעזאמעלט אונגעהויערע אוצרות, און דאס האט דער אדומי ביסליכווייז און כסדר אונטערגעטראגען זיין רוימישען בעשיצער, אנטאניוס, די פערשווענדעריי פון וועלכען עס האבען פאר זיך קיין גרענעץ נישט געהאט. פון די דערמאהנטע אומגעקומענע אריסטאקראטען האט זיך גע-

ראטעוועט נאר די איינציגע פאמיליע בני־בבא, וועלכע איז, ווי ס׳ווייזט אויס, געוועזען פערוואנדט מיט די חשמונאים. די דאזיגע פאמיליע האט ארויסגעוויזען א פערעקשנ׳טען ווידערשטאנד ביי הורדוס׳עס בעלאגערונג פון ירושלים, און געראטעוועט האט זי זיך איצט, א דאנק דער געהיימער הילף פון זיין וואך־קאמאנדיר, קאסטאבאר, וועלכער האט איהר געגעבען די מעגליכקייט צו אנטלויפען און זיך אויסצובעהאלטען. נישט פערגעסען האט הורדוס אויך זיינע אמאליגע שופטים, די מיטגליעדער פון סנהדרין, וועלכע האבען איהם מיט צוויי יאהר צוריק געוואלט פערמשפט׳ן אלס רוצח; זיי זענען איצט אלע פערטריבען געווארען פון לאנד, און געבליבען פון זיי זענען נאר די צוויי בעריהמטע פרושים שמעיה און אבטליון, וועלכע האבען בעת דער בעלאגערונג פון ירושלים געראטען, צו עפנען פאר די רוימער די טויערן פון שטאדט.

נאך דעם אלעמען האט זיך אבער דער אדומי׳שער הערשער נאך אלץ נישט זיכער געפיהלט אויף דעם טראן פון יהודה — עס האבען נאך געלעבט צוויי מיטגליעדער פון דער פריהערדיגער, בעליבטער דינאסטיע, און ביידע האבען פאר איהם מיט דער צייט געקענט ווערן געפעהרליך. דער אלטער געוועזענער קעניג און כהן גדול, הורקנוס III, וועלכען די פארטאנער האבען געהאט מיטגעפיהרט מיט זיך אלס געפאנגענעם, האט זיך געפונען אין בבל, און דא, מיט איהם צוזאמען אין הויף, האט געלעבט זיין שוויגער אלעקסאנדרא, די טאכטער פון דעם דערמאהנטען הורקנוס, מיט איהר יונגען זוהן, אריסטאבול. דער אלטער הורקנוס איז בעפרייט געווארען פון זיין געפאנגענשאפט און האט זיך אבגעשטעלט אין בבל, וואו די יהודה׳עאישע קאלאניע האט איהם אויפגענומען מיט קעניגליכען כבוד, און זיך בעצויגען צו איהם, ווי צו דעם געוועזענעם הערשער און כהן גדול פון דער יהודה׳שער אומה. דאס האט אבער דעם אלטען השמונאי נישט בעפריעדיגט, און ער האט דורכאוים געוואלט זיך אומקעהרען אין זיין לאנד. הורדוס, וויעדער, האט מורא געהאט צו לאזען דעם געזעצליכען קעניג אין א פרעמדען לאנד, צווישען איבערגעגעבענע פערעהרער, וועלכע עס קען נאך איינפאלען, זיך אנצונעהמען פאר איהם און צו פועל׳ן ביי די פארטאנער, זיי זאלען איהם צוריק אומקעהרען דעם טראן, פון וועלכען זיי האבען איהם אראבגענומען; ער האט דעריבער געפונען פאר פאסענדער דער געפאהר

אנטקעגען צו קומען. דורך זיין פריינד סאראמאלא פון אנטיוכיא האט ער אליין איינגעלאדען צו זיך דעם אלטען קעניג, און ווען יענער איז אנגעקומען אין ירושלים (36), האט איהם הורדוס אויפגענומען מיט דער גרעסטער ליעבע און צערטליכקייט. ער האט איהם גערופען „פאטער", און אלס אזעלכען האט ער איהם אבגעגעבען דעם אויבען-אן ביים טיש און אין די ראטס-פערזאמלונגען; דאס האט דעם לייכטגלויביגען הורקנוס אזוי פערפיהרט, אז ער האט גארנישט בעמערקט דעם לויערנדען בליק, מיט וועלכען דער בלוטיגער אדומ'ער האט איהם נאכגעשפירט, און איז פאר דעם לעצטען ווירקליך כמעט אינגאנצען אונשעדליך געווארען. דאגעגען אבער איז הורדוס'ען פיעל שווערער אנגעקומען צו פאראליזירען די געפאהר פאר איהם, וואס עס האט פארגעשטעלט מיט זיך דער צווייטער חשמונאי, אריסטאבול. א זוהן פון דעם אונגליקליכען קעניג אלעקסאנדער און א ברודער פון דער איצטיגער קעניגין, מרים, איז דער זיעבעצעהן-יעהריגער און וואונדערשענער חשמונאים-פרינץ געוועזען דער ליעבלינג פון פאלק, און דאס האט א שרעק אנגעווארפען אויף דעם אדומ'ישען אוזורפאטאר. וועלנדיג איהם וואס מעהר דערווייטערן פון דער עפענטליכקייט און פון וועלכען ס'איז איינפלוס אויף דער געזעלשאפטליכער מיינונג, האט הורדוס איהם אויך געהאלטען ביי זיך אין הויף, וואו ער האט מיט'ן פאלק קיינע דירעקטע בעציהונגען נישט געהאט, און ווען ס'איז געקומען די צייט צו בעשטימען א כהן גדול, האט ער זיך אבגעשטעלט אויף א געוויסען חננאל פון בבל, אויסמיידענדיג אינגאנצען זיין שוואגער, וועלכער איז איצט געוועזען דער איינציגער געזעצליכער יורש פון דער כהונה-גדולה.

מיט דעם איינפאל האט הורדוס אבער גאנץ ווייניג אויפגעטאן, אריסטאבול'ס מוטער, די קעניגין-אלמנה אלעקסנדרא, האט גוט פערשטאנען די אלע בעהאלטענע כונות פון איהר איידים'ס מעשים, און די איצטיגע בעליידיגונג האט איהר געגעבען די דרייסטקייט ארויסצוטרעטען געגען איהם אין א אפענעם דיפלאמאטישען קאמפף. זי האט זיך געווענדעט צו דער עגיפטישער קעניגין קלעאפאטרא מיט דער בקשה, יענע זאל ווירקען אויף דעם רוימישען געביטער, אנטאניוס, און זעהען, אז הורדוס זאל בעשטימען איהר זוהן פאר א כהן-גדול. קלעאפאטרא, וועלכע האט שוין לאנג געהאט אויסזיכטען אויף געוויסע טיילען פון דער פאלעסטינישער ערד, האט איצט מיט צופריעדענהייט גענומען אויף זיך, צו פער'מסר'ן הורדוס'ען פאר זיין הערשער, און דער לעצטער האט זיך

שטאַרק פעראינטערעסירט מיט דעם גורל פון דעם יונגען חשמונאי'שען פרינץ. די קעניגין אַלעקסאַנדראַ האָט דאַן בעזאָרגט אַנטאָניוס'ען די פאָרטרעטען פון איהרע צוויי קינדער, דעם פרינץ אַריסטאָבול און דער קעניגין מרים, און דער רוימישער טריאומפאַטאָר איז אויף אַזוי וויַיט ענטציקט געוואָרען פון זייער שענהייט, אַז ער האָט פערלאַנגט צו זעהען אַריסטאָבול'ן בייַ זיך. הורדוס האָט זיך דאַן געזעהען געצוואונגען נאָכצוגעבען: ער האָט אָבגענומען דעם כהן גדול-טיטול פון חננאל'ן (געגען געזעץ; לויט דעם יודישען דין האָט מען אַ כהן גדול נישט געטאָרט מעביר זיין פון זיין אמט) און בעשטימט אויף זיין אָרט פאַר אַ כהן גדול דעם יונגען חשמונאי'שען פרינץ (35).

דאָס איז געווען אַלעקסאַנדראַ'ס ערשטער נצחון; זי האָט זיך אָבער בייַ איהם אַליין נישט אָבגעשטעלט. שטילערהייד האָט זי אויך וויַיטער נישט אויפגעהערט צו פיהרען איהר דיפּלאָמאַטישען קאַמפף, האָבענדיג פאַר זיך דעם איינציגען ציעל: צוריקצושטעלען די גרויסקייט פון דער אַלטער דינאַסטיע. הורדוס האָט אָבער דערווייל אויך נישט גערוהט; פון איין זייט האָט ער נישט געקענט גלייכגילטיג צוזעהען, ווי דער חשמונאי'שער פרינץ, אין דער ראָליע פון אַ כהן גדול, דרינגט אַלץ טיעפער און טיעפער אַריין אין הארצען פון פאָלק און ווערט וואָס וויַיטער אַלץ מעהר בעליעבט און געעהרט, און פון דער צווייטער זייט האָט ער זיך געפיהלט מאַכטלאָז געגען די אַלע דיפּלאָמאַטישע בעציהונגען, וואָס זיין שוויגער האָט געהאַט מיט דעם עגיפּטישען הויף, ווייסענדיג, אַז קלעאָפּאַטראַ, און ממילא אויך אַנטאָניוס, שטעהען אויף איהר זייט. הורדוס האָט דאַן בעשלאָסען אַנטקעגען צו קומען דערווייל דער געפאַהר, אויף וויפיעל דאָס איז מעגליך, און האָט בעפוהלען זיין וואַך, נאָכצושפּיאָנירען דער קעניגין-אַלמנה, איהר נישט אַרויסצולאָזען פון פאַלאַץ און צו זעהען אין אַלגעמיין, אַז זי זאָל נישט שטעהן אין קיינע פערדעכטיגע בעציהונגען מיט קיינעם.

די דאָזיגע „אויפזיכט" האָט אָבער דער שטאָלצער קעניגין נאָכמעהר אויפגערייצט געגען איהר איידים, און זי האָט בעקלערט אַ פּלאַן זיך אַרויסצוגנב'ענען פון פאַלאַץ צוזאַמען מיט אַריסטאָבול'ן, און צו אַנטלויפען מיט איהם קיין אַלעקסאַנדריע, צו דער קעניגין קלעאָפּאַטראַ, דער פּלאַן איז אויסגעאַרבייט געוואָרען מיט אַלע איינצעלהייטען, און אַלץ איז שוין געווען צוגעגרייט, אַרויסצוטראָגען בייַנאַכט דער קעניגין מיט איהר זוהן און זיי צו בעזאָרגען צו דער שיף, וואָס האָט געזאָלט

גלייך אָבגעהן קיין עגיפטען; דאָ האָט זיך אָבער הורדוס דערוואוסט פון דער פערשוועררונג, און פון דער גאַנצער זאַך איז, נאַטירליך, גאָרנישט געוואָרען. מורא האָבענדיג, די מעשה זאָל נישט דערגעהן צו קלעאָפאַטראַ׳ן, האָט ער זיך בעמיהט, צוצוגעבען דעם פאַקט אַ צופעליגען, אינשולדיגען כאַראַקטער, און האָט זיך בעצויגען אָפען גאַנץ פריינדליך צו זיין דיפּלאָמאַטישער שוויגער; טיעף אין האַרצען האָט ער אָבער נישט אויפגעהערט צו זוכען מיטלען, ווי אַזוי זיך נוקם צו זיין אָן איהר און ווי אַזוי איהר אונשעדליך צו מאַכען, און אין אַ גאַנץ קורצע צייט ארום האָט ער זיין שרעקליכע נקמה אויסגעאיבט.

דאָס איז געוועזן אין פינף און דרייסיגסטען יאָהר. דער פרעהליכער יום־טוב סוכות האָט זיך נאָר וואָס געענדיגט, און ווידער האָט די פערגיפטעטע איינגענליעבע פון דעם אדום׳ישען הערשער אַ טיעפע וואונד בעקומען: די פייערליכקייט פון דער עבודה אין בית־המקדש האָט בעגייסטערט דעם פערזאַמעלטען פאָלק, און זעהענדיג ביים מזבח דעם בילד־שענעם און בליהענד־יונגען חשמונאי אין זיינע פרעכטיגע כהן גדול־קליידער, האָט זיך די בעגייסטערונג אַרויסגעריסען, און די לופט איז פערהילכט געוואָרען פון ענטוזיאַסטישע אויסגעשרייען לכבוד דעם יונגסטען צווייגעל פון דעם שענעם חשמונאים־בוים. הורדוס׳ען האָט די דאָזיגע בעגייסטערטע דעמאָנסטראַציע טיעף אָנגעגריפען, און זיין גיפטיגע שנאה צו די איבערגעבליעבענע חשמונאים האָט זיך נאָך שטאַרקער צופלאַקערט; ער האָט אָבער געשוויגען און מיט קיין שריט נישט אַרויסגעוויזען דאָס, וואָס ער האָט אין האַרצען געטראָגען. ער האָט זיך בעטייליגט אין אַלע יום־טוב׳דיגע פאָלקס־פערוויילונגען און פרעהליכקייטען און גאַנץ גערן אָנגענומען די איינלאַדונג אויף דעם פאַמיליען־באַל פון דער קעניגין אַלעקסאַנדראַ. דאָ האָט הורדוס גאַנץ מונטער פערבראַכט און געפלוידערט מיט אַריסטאָבול׳ן און מיט די איבריגע הויפלייט, און ווען די גאַנצע פרעהליכע געזעלשאַפט האָט זיך אַוועקגעלאָזען צום טייך, איז דער יונגער כהן גדול אויך מיטגעגאַנגען. אַלע האָבען זיך גענומען באָדען און אַרויסווייזען פערשידענע קונסט־שטיק אין שווימען, און דאָס זעלבע האָט אויך אַריסטאָבול געטאָן; דאָ האָבען זיך אָבער אונטערגעכאַפּט עטליכע פון דער זעלביגער סוויטע, און כלומר׳שט שטיפענדיג, האָבען זיי דעם יונגען פּרינץ אַזוי לאַנג געהאַלטען אונטער׳ן וואַסער, ביז ער איז דערשטיקט געוואָרען.

אַ טיעפער טרויער האָט דעם גאַנצען פאָלק אַרומגענומען, ווען

כ'האָט זיך פערשפרייט איבער'ן לאַנד די ידיעה וועגען דעם אונגליקליכען „צופאַל". הורדוס אַליין האָט כלומר'שט בעוויינט מיט ביטערע טרערען דעם פריהצייטיגען טוידט פון זיין געליבטען שוואָגער, און אויף זיין בעפעהל איז די לויה פון דעם אומגעקומענעם כהן גדול פאָרגעקומען מיט אַ אונגעוועהנליכער פייערליכקייט; די דאָזיגע טרערען האָבען אָבער קיינעם נישט אָבגענאַרט. אַלע האָבע געוואוסט, ווער עס איז דער אמת'ער שולדיגער אינ'ם „צופעליגען" טוידט פון דעם בעליעבטען אַריסטאָבול, און אויב קיינער האָט נישט געוואַגט דאָס אָפען אַרויסצוזאָגען, האָט דאָס די ערשטע געטאָן אַלעקסאַנדראַ, דעם אומגעקומענעם'ס מוטער.

ביי דער לעצטער איז איצט פערפולט געוואָרען די מאָס פון געדולד, און זי האָט זיך נאָכאַמאָל געווענדעט צו דער עגיפּטישער קעניגין, פער'מסר'נדיג הורדוס'ען אַלס מערדער פון איהר זוהן. קלעאָפּאַטראַ, וועלכע האָט נאָך אַלץ נישט אויפגעהערט צו טראַכטען וועגען פערגרעסערן איהר לאַנד מיט עטליכע געביטען פון יהודה, האָט גלייך איבערגעגעבען די דאָזיגע בעשולדיגונג איהר קעניגליכען שקלאַף, אַנטאָניוס'ען, און דער לעצטער האָט איהר צוגעזאָגט, צו פאָדער'ן ביי הורדוס'ען אַנ'ערקלערונג וועגען דער גאַנצער געשיכטע. אַ קורצע צייט נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבען דער רוימישער קאַמפּף מיט די אַרמעניער און אַנטאָניוס איז אָנגעקומען אין דער סירישער שטאָדט לאַאָדיצעאַ. דאָ האָט ער אַרויסגערופען צו זיך דעם יהודה'עאישען קעניג, און, וועלנדיג נישט וועלנדיג, — דער אונטערטעניגער הערשער האָט זיך געמוזט אונטערגעבען און פאָהרען. און געוואוסט האָט ער, אַז די איצטיגע לאַגע זיינע איז זעהר אַ קריטישע — זיין שוויגער האָט איהם פער'מסר'ט פאַר קלעאָפּאַטראַ'ן, און איהר שקלאַף, אַנטאָניוס, וועט זיך געוויס אָן איהם נוקם זיין פאַר דעם טוידט פון זיין שיצלינג. הורדוס האָט דעריבער בעשטימט פאַר'ן אָבפאָהרען זיין שוואָגער יוסף אַלס פיהרער פון אַלע מלוכה-אַנגעלעגענהייטען, און דערביי האָט ער איהם נאָך בעפויהלען, שטרענג אַכטונג צו געבען אויף די פאַמיליען-מיטגלידער פון הויף, און אים פאַל, אויב ער וועט זיך נישט צוריק אומקעהרען — צו טוידטען דער קעניגין. עס איז שווער צו זאָגען עטוואָס בעשטימטעס וועגען דעם אינערליכען מאָטיוו פון דעם דאָזיגען אייגענאַרטיגען בעפעהל; עס לאָזט זיך אָבער אָננעהמען די השערה, אַז דאָס איז פּשוט געווען אַ רעזולטאַט פון זיין ליידענשאַפטליכער ליבע צו דער זעלביגער קעניגין,

וואָס האָט נישט געקענט רוהיג בלייבען ביי דעם געדאַנק, אַז נאָך זיין טויט וועט זי אַנ'אַנדערער בעזיצען, און אפשר אויך — אַנטאָ-ניוס אַליין.

נאָך די אַלע פּעראָרדנונגען און בעפעהלען האָט זיך הורדוס, בעלאָדען מיט פערשיעדענע טייערע מתנות, אַוועקגעלאָזען קיין לאַאָדי-צעאַ, און געגען זיין איינגענער ערוואַרטונג, האָט איהם דאָ אויך דאָס גליק נישט פערלאָזען. מיט זיינע רייכע מתנות און פאַלשע חניפות איז איהם געלונגען איינגאַנצען צו געווינען פאַר זיך דעם רוימישען הערשער, און יענער האָט אויף ווייטער אויך איבערגעלאָזען אין זיינע הענד די פולע קעניגליכע מאַכט פון יהודה (34).

אַ פרעהליכער איבער דעם גליקליכען אויסגאַנג פון זיין רייזע האָט זיך הורדוס אומגעקעהרט אין דערהיים; דאָ האָט איהם אָבער שוין בעגעגענט דער בייזער דעמאָן, וואָס האָט איהם דערנאָך זיין גאַנצען לעבען נישט אויפגעהערט צו קוועלען און צו פייניגען. אין דער צייט, ווען ער איז נישט געווען, איז אין הויף פאָרגעקומען אַ גאַנצע איבערקעהרעניש. ס'האָבען זיך פערשפּרייט קלאַנגען, אַז הור-דוס איז פון אַנטאָניוס'ען געטוידט געוואָרען און — מורא האָבענדיג פאַר אַ הויף-רעוואָלוציע — אַלעקסאַנדראַ מיט דער קעניגין מרים זענען שוין גרייט געווען צו אַנטלויפען פון ירושלים אונטער דער שוץ פון דעם רוימישען לעגיאָן, וואָס האָט זיך געפונען נישט ווייט פון שטאָדט. געהאָלפען אויספיהרען דעם פלאַן האָט דער רעגענט יוסף אַליין, וועלכער האָט נישט געקענט ביישטעהן דעם צויבער פון דער קעניגין און איהר אויסגעזאָגט דעם אינהאַלט פון קעניג'ס בעפעהל. דאָס אַלץ איז הורדוס געוואָהר געוואָרען, קומענדיג צוריק קיין ירושלים, פון זיין שוועסטער שלומית (סאַלאָמעאַ), וועלכע האָט פון אָנהויב אָן געהאַסט דער שטאָלצער חשמונאי'ערין פאַר איהר גרויס האַלטען זיך, און איז איצט אויף איהר בעזונדער אויפגעקאָכט געווען פאַר דער צערטליכער אויפמערקזאַמקייט, וואָס זי, מרים, האָט אַרויסגערופען ביי איהר מאַן, יוסף. די דאָזיגע האַלב-פאַלשע ענטדעקונג פון דער אייפערזיכטיגער שוועסטער וועגען מרים'ס גרייטקייט צו אַנטלויפען פון הויף און וועגען איהרע בעציהונגען מיט יוסף'ן, האָט אויף הורדוס'ן געמאַכט אַ גע-וואַלטיגען איינדרוק. דעם שוואָגער, יוסף'ן, לאָזט ער טוידטען; דער שוויגער אַלעקסאַנדראַ האָט ער מורא צו שטאַרק אָנצוגרייפען, וויסענ-דיג, אַז זי געפינט זיך אונטער קלעאָפּאַטראַ'ס שוץ, און ער בעֶ-

פעהלט איהר צו האלטען אונטער א שטרענגער אויפזיכט; און אויך די קעניגין וואלט פון איהם איהר בלוטיגע שטראף בעקומען, ווען זיין ליעבע וואלט דאס מאל נישט גובר זיין אין איהם דעם כעס און די פערביטערונג.

אויסער די גרענעצען פון דער פאמיליע האט הורדוס געהאט אין יענער צייט אויסצושטעהן פערשידענע אונרוהען און אנפאלען פון נאך פערשידענע זייטען. א איבערגעבליבענע שוועסטער פון דעם לעצטען חשמונאים-קעניג אנטיגאן איז געגאנגען זיך נוקם זיין פאר איהר ברודער און פאר איהר דינאסטיע, און — מ'ווייסט נישט ווי אזוי — האט בעקומען אין איהר מאכט די פעסטונג הירקאניום (32); קלעאפאטרא, ווידער, האט אזוי לאנג געוועבט די נעץ פון איהרע אינטריגעס און איינפאלען, ביז זי האט ענדליך אויסגעפיהרט איהר'ס: אנטאניוס האט איהר אוועקגעשענקט די גאנצע יהודה'עאישע געגענד פון יריחו, וואס איז געוועזען בעריהמט מיט איהרע טייערע באלזאם-פלאנצונגען און שענע פאלמען, און צוזאמען דערמיט האט ער איבערגעגעבען אין איהר רשות א בעדייטענדען טייל לאנד אויפ'ן ברעג פון מיטעללענדישען ים. נישט וועלנדיג פערליערען די גרויסע הכנסות פון דעם פרוכטבארען באדען, האט איהם הורדוס געמוזט אבדינגען פון דער קעניגין און צאהלען דערפאר צוויי הונדערט טאלענטען יעהרליך.

און דערמיט אליין האבען זיך נאך די אונרוהען נישט געענדיגט. אין רוים האט זיך א נייער שטורם איבערגעטראגען, און א ציטערניש איז אנגעפאלען אויף אלע איהרע אונטערטעניגע פראווינצען. עס האט אויסגעבראכען די גרויסע קריעג צווישען ביידע מעכטיגע טריאומווירען — אנטאניוס און אקטאוויאן, און דער איבערגעגעבענער הורדוס וויל לויפען קיין רוים מיט אן ארמעע, צו העלפען זיין בעשיצער; דא מישט זיך אבער ווידער אריין די עגיפטישע קעניגין, און אויף איהר פערלאנג, בעפעהלט אנטאניוס דעם יהודה'עאישען הערשער, ער זאל ארויסטרעטען אין א קאמפף געגען דעם אראבישען קעניג, מאליך, דערפאר, וואס ער האט איהר נישט פינקטליך איינגעצאהלט די שטייערן פאר די טיילען פון זיין לאנד, וואס אנטאניוס האט איהר געהאט אוועקגעשענקט.

הורדוס האט נאך דאן געמוזט פאלגען, און געגען זיין איי-געגעם ווילען האט ער אנגעהויבען צו פיהרען די קריעג מיט דער

שכני'שער נאבאטעא (אראביען). געצוואונגען האט זיך אט די קריעג א לאנגע צייט און האט איינגעשלונגען א אונגעהויערע צאהל קרבנות; געענדיגט האט זי זיך אבער מיט דעם פאלשטענדיגען נצחון פון דער יהודה'עאישער ארמעע (31). די אראבער האבען זיך פערפליכטעט צו צאהלען יהודה א יעהרליכען מס און זענען כמעט אינגאנצען ארונטערגעפאלען אונטער איהר פראטעקטאראט.

צו יענער צייט האט יהודה איבערגעלעבט א שטארקע נאטור־קאטאסטראפע: א שרעקליכע ערד־ציטערניש האט אנגעמאכט געוואלדיגע חורבנות אין גאנצען לאנד און בעגראבען אונטער די חורבות פון די איינגעפאלענע בנינים מאסען מענשען און אנדערע בעלי חיים.

און אינ'ם צענטר פון דער וועלט־פאליטיק, אין רוים, איז דערוויל ווידער פארגעקומען א בעדייטענדע, היסטארישע געשעהעניש. אין דער בעריהמטער שלאכט ביי אקציום איז אנטאניוס אינגאנצען צוקלאפט געווארען, און נאכדעם ווי ער איז אנטלאפען קיין עגיפטען, איז זיין געוועזענער מיטהערשער אקטאוויאן אויגוסט צעזאר געווארען דער איינציגער האר און געביטער פון דער גרויסער רוימישער אימפעריע. הורדוס האט זיך דאן ווידער געפונען אין דעם צושטאנד פון א פערצווייפעלטען וואסאל, וועלכער ווייס נישט, צי זיין איצטיגער סיוועריען (איבער־הערשער) וועט איהם מוחל זיין די שטיצע און די פריינדליכקייט, וואס ער האט ארויסגעוויזען ביז אהער דעם פריהערדיגען הערשער; ער האט דעריבער קודם־כל בעשלאסען ארויסצווייזען דערוויל מיט וואס ס'איז זיין לאיאליטעט (אונטערטעניגקייט) דעם איצטיגען מעכטיגען טריאומפאטאר, און אזא געלעגענהייט האט זיך איהם גלייך געמאכט אין דער געשטאלט פון א באנדע סירישע גלאדיאטארען (קעמפפער אויף דער ארענע מיט ווילדע אקסען), וואס האט געוואלט צוקומען ביז עגיפטען, און דאן, צוזאמען מיט'ן האר אנטאניוס, זיך אוועקלאזען קיין רוים געגען אקטאוויאנ'ען. הורדוס האט פלינק אנגעב(ו)טן זיין שטיצע אקטאוויאנ'ם סירישען שטעלפערטרעטער, דידיוס'ען, און זיי איז ווירקליך געלונגען צוזאמען צוצושלאגען די „רעוואלוציאנערען".

די דאזיגע שטיצע אליין האט הורדוס נאך געפונען פאר ווייניג, אום צו געווינען פאר זיך דעם צוטרוי און די צונויגונג פונ'ם נייעם הערשער, און ער האט בעשלאסען, זיך פערזענליך פארצושטעלען פאר איהם. דא איז אבער ווידער פארגעקומען דאס, וואס עס קומט געוועהנליך פאר מיט הערשער, וועלכע זיצען אויף שפיזען און שווערדען; מיט דער הילף

פון סאלדאטען, פייניגונגען און טוידט-שטראפען איז הורדוס'ען געלונגען פעסט צו האלטען זיין טראן אין ירושלים, וועלכער האט נאך פאר זיך קיין שום טראדיציע נישט געהאט, וועלכער איז פערהאסט געווען ביים פאלק, און אויף וועלכען ער אליין האט אויך געקוקט, ווי אויף עטוואס גע'גזל'טעס, פערכאפטעס; דאס האט געמוזט ברענגען דערצו, אז ער זאל ציטערן צו פערלאזען זיין רעזידענץ חאטש אויף א קורצער צייט, און זעהען אין יעדער פאליטישער איבערקעהרעניש — אנ'אטענטאט אויף זיין קרוין, אויף זיין טראן. אויב הורדוס האט ביז אהער גאנץ רוהיג פערטראגען נעבען זיך די אנוועזענהייט פון דעם אכציג יעהריגען הורקנוס II, וועלכער האט ווירקליך שוין מעהר קיין שום שיכות נישט געהאט צו דעם ארומיגען פאליטישען לעבען, האט ער איצט אנגעהויבען זעהן אין איהם א געוועזענעם קעניג, וואס האט נאך איצט אויך אלע רעכט אויפ'ן טראן און קען זיי ביי יעדער פאסענדען מאמענט — ארויסשטעלען, און אט דער חשד האט זיך ביי איהם נאכמעהר פערשטארקט זינט עס האבען זיך דערטראגען צו איהם קלאנגען וועגען געוויסע געהיימע אונטערהאנדלונגען, וואס זיין שוויגער אלעקסאנדרא פיהרט אים אלטען'ס נאמען מיט דעם שכני'שען אראבישען קעניג. הורדוס האט דעריבער בעשלאסען, זיך איין מאל פאר אלע מאל אינגאנצען צו בעפרייען פון דעם מענשען, וואס קען פאר איהם געפעהרליך ווערן, און אויף זיין בעפעהל איז געטוידט געווארען דער אונגליקליכער געוועזענער קעניג און כהן-גדול, וועלכער איז צו-שוואך געווען צו דערהאלטען אין זיינע הענד די גרויסע ירושה פון זיינע מעכטיגע זיידעס, און האט אליין, אויף זיין אייגענעם שום, אויסגעהארעוועט פאר זיך א גיפטיגע שלאנג.

איצט האט זיך הורדוס אנגעהויבען גרייטען אין וועג. די פיהרונג פון דער מלוכה האט ער אויף דער צייט איבערגעגעבען זיין פיערטען ברודער, פעראר'ן, און וועלנדיג פאראליזירען אויך דעם כעס און די נקמה-געפיהלען פון דער קעניגין מיט איהר מוטער, האט ער די לעצטע אוועקגעשיקט אין דער פעסטונג אלעקסאנדריום, וואו זיי האבען זיך געזאלט געפינען די גאנצע צייט פון זיין אבוועזענהייט אונטער דער שטרענגסטער אויפזיכט פון דעם איטור'ער סאעמי; דעם לעצטען, ווי אמאל זיין ברודער, יוסף'ן, איז איצט אויך איבערגעגעבען געווארען דער געהיימער בעפעהל, צו טוידטען ביידע פרויען, אים פאל, אויב ער וועט זיך נישט אומקעהרען צוריק פון דער רייזע.

הורדוס'ען האט אבער דאס איצטיגע מאל אויך אבגעגליקט. קו-

מענדיג קיין רהאדאס, וואו עס האט דאן אויפגעהאלטען דער מעכטיגער אקטאוויאן אויגוסט, האט הורדוס אמשטארקסטען ארויסגעוויזען די גאנצע דיפלאמאטישע בויגזאמקייט פון זיין נאטור; דער אלמעכטיגער דעספאט ביי זיך אין לאנד איז ווי א אונטערטעניגער שקלאף געשטאנען פאר זיין בעפעהלער און געביטער: ער האט אראבגענומען פון זיך אלע קעניגליכע בעפוצונגען און איז געשטאנען פאר דעם רוימישען הערשער פול מיט איבערגעגעבענער הכנעה, ווי גרייט צו נעהמען אויף זיך יעדען בעפעהל פון זיין געביטערישען מויל. און דערביי אליין האט ער זיך נישט אבגעשטעלט: הורדוס האט זיך בעמיהט צו איבערציינגען אקטאוויאנ׳ען, אז ענדערנדיג יעדעס מאל זיינע בעציהונגען צו דעם אדער יענעם פארשטעהער פון דער רוימישער מאכט, בלייבט ער אבער שטענדיג דער זעלביגער איבערגעגעבענער פריינד און בעשיצער פון די רוימישע אינטערעסען, און דאס האט אקטאוויאן אליין אויך געמוזט אנערקענען. ער האט דעריבער דעם יהודה׳אישען הערשער זעהר פריינדליך בעהאנדעלט, און אויסער דעם, וואס ער האט איהם אומגעקעהרט דאס קעניגליכע דיאדעם, האט ער איהם נאך בעעהרט אויך מיט פערשידענע אנדערע כבודים (30).

הורדוס האט זיך דאן, א גליקליכער, אומגעקעהרט אהיים, און נאך איידער ער האט בעוויזען זיך רעכט צו אריענטירען אין דעם אינערליכען צושטאנד פון די פאמיליען-אנגעלעגענהייטען, איז ער שוין ווידער געלאפען צו זיין נייעם בעשיצער. דער לעצטער האט דאן נאר וואס געהאט איינגענומען קליין אזיען און זיין איצטיגער מארשרוט איז געווען קיין מצרים — אינגאנצען צו בעזיגען די מאכט פון די פטאלאמעער; דאס האט דער געשיקטער הורדוס ווידער אויסגענוצט, אום ארויסצעווייזען אקטאוויאנ׳ען זיין איבערגעגעבענקייט. ער איז ארויס דעם רוימישען הערשער אנטקעגען מיט טייערע מתנות און האט פערזארגט דעם לעצטענ׳ס ארמעע מיט אלעם נויטיגען, אזוי אז אקטאוויאנ׳ען איז שוין דערנאך נישט שווער אנגעקומען צו בעזיגען מצרים און איהר אינגאנצען ארונטערצעווארפען אונטער דער מאכט פון רוים. אומזיסט האט די פערפיהרערישע קלעאפאטרא געפרובט אויך דעם הערשער ארייננציהען אין איהר נעץ, ווי דעם פריהערדיגען אנטאניוס׳ען — דער איצטיגער רוימישער זיעגער איז צו הארטנעקיג געווען, און פאר איהר איז קיין אנדער אויסוועג נישט געבליבען, ווי נאכטאן אנטאניוס׳ען און זיך אויך דאס לעבען נעהמען. דאן האט זיך

דער גרויסמוטיגער זיעגער דערמאָהנט אָן דער שטיצע, וואָס הורדוס
האָט איהם אַרויסגעוויזען, און ווען דער לעצטער איז געקומען איהם
בעגריסען, האָט איהם אָקטאַוויאַן אָוועקגעשענקט קלעאָפּאַטראַ'ס לייב-
וואַך, וואָס איז בעשטאַנען פון פיער הונדערט גאַליער (אָדער קעל-
טען), און דערצו האָט ער איהם אויך אומגעקעהרט צוריק די אַלע
וואַסער-שטעדט און די יריחו-געגענד, וואָס אַנטאָניוס האָט געהאַט
אָוועקגעשענקט קלעאָפּאַטראַ'ן; אויסער דעם האָט ער דערנאָך איינגע-
שלאָסען צוריק אין די גרענעצען פון יהודה אויך אַ גאַנצע רייהע פון
די דערבייאיגע האַלב-גריכישע פּריישטעדט (יפה, עזה, גדרה, א. נ.
אַ.) און דעם גאַנצען ראַיאָן פון סאַמאַריאַ, וועלכע פּאָמפּעיוס האָט
געהאַט אָבגעריסען פון פּאַלעסטינאַ. יהודה האָט איצט אַלזאָ געהאַט
אין איהר אומפאַנג דעם זעלבינען שטח, וואָס אין די גליקליכסטע
צייטען פון די מיטעלסטע חשמונאים.

הורדוס האָט ערדייכט די העכסטע שטופע פון זיין גליק
און גרויסקייט, און האָט זיך געפיהלט פעסט און זיכער אויף זיין
הערשער-שטוהל; איהם איז אָבער נישט בעשערט געווען פריי צו געני-
סען די פרוכט פון זיין גליק, און אויב נישט פון אויסווענינ, האָט זיך
דאָס אונגליק בעפעסטיגט אין דעם ענגען נעסט פון זיין פאַמיליען-קרייז
און דאָרט איהם פערגיפטעט די בעסטע מינוטען פון זיין לעבען.

הורדוס קומט צוריק פון זיין טריאומף-רייזע, און שטויסט זיך אָן
אָן דער אָפענער פעראַכטונג און דעם גיפטיגען האַס פון זיין ליידענ-
שאַפטליך-געליעבטער קעניגין, מיט וועלכער ס'איז דאָס איצטיגע מאָל
ווידער פאָרגעקומען דאָס איינענע, וואָס ביי זיין אָבפאָהרען צו אַנטאָ-
ניוס'ען: טיעף אַנגעגריפען פון דער שענדליכער געפאַנגענשאַפט, האָבען
זיך די מוטער מיט דער טאָכטער אָהן אַלעמען אויך נישט געקענט בע-
ציהען מיט קיין ליעבע צו דעם מערדער פון זייערע טייערסטע און
נאָהנטסטע; דאָ איז אָבער דערצו נאָך צוגעקומען דער אומשטאַנד, וואָס
מרים'ען איז אויך דאָס מאָל געלונגען אַרויסצובעקומען פון איהר אויפזע-
הער דעם אינהאַלט פון איהר מאַנ'ס שרעקליכען בעפעהל, לויט וועלכען
זי מיט דער מוטער האָבען געדאַרפט געטוידט ווערן, אים פאַל, אויב
ער וואָלט נישט צוריקגעקומען. פאַר דער שטאָלצער חשמונאי'ערין איז
איצט אונמעגליך געוואָרען, גלייכגילטיג איבערצוטראָגען די אַנוועזענהייט
פון איהר בלוטיגען מאַן, און נאָך זיין צוריקקומען האָט זי דאָס איהם גאַנץ
אָפען אַרויסגעוויזען. טעג פון גיהנם-פּיין און העלישע יסורים האָבען זיך

דאַן אָנגעהויבען פאַר דעם גליקליכען קעניג און זײַן פּרעכטיגען פּאַלאַץ, און נישט פון קײן אַנדערער, ווי פון זײַן נאָהנטסטער און טײַערסטער — דער קעניגין. דאָ האָט בעקומען שמערצליכע, גיפטיגע וואונדען נישט בלויז דער פערהאַסטער קעניג־קנעכט, וואָס האָט מיט מערדערישער געוואַלט אַראָבגעריסען די קרוין מיט די קעפּ צוזאַמען פון איהר זײדען, פאָטער און ברודער, — דאָ האָט אַ גיפטיגע פײַל דורכגעלעכערט דאָס האַרץ אויך פון דעם פעראַכטעטען מאַן, פון דעם אָבגעשטויסענעם ליעבהאָבער, און דאָס האָט דעם בלוטיגען אדומי אײַנגאַנצען ווילד געמאַכט. אַ שטורם פון צורײַצטער, ווײַטענדער אַכזריות האָט געברויזט אין הורדוס'עס האַרץ, און דעם פײַער האָבען גענוצט נאָכמעהר פונאַנדערצופלאַקערן זײַן שוועסטער סאַלאָמעאַ און זײַן מוטער קיפּראָס. די לעצטע האָבען בעשולדיגט דער שטאָלצער קעניגין אין אַלערלײַ חטאים, און ענדליך זענען זײ דערגאַנגען ביז אַזוי ווײַט, אַז זײ האָבען אונטערגעקויפט אײַנעם פון דער דינערשאַפט און יענער האָט עדות געזאָגט פאַר הורדוס'ען, אַז מרים האָט איהם אָנגערעדט אַרײַנצושיטען סם אין'ם ווײַנבעכער פון קעניג. די צוואַנגס־אויספאָרשונג איבער מרים'ס דינער האָט אָבער די בעשולדיגונג נישט בעשטעטיגט, און דאַגעגען האָט דער לעצטער ערקלערט, אַז די פערביטערטע שנאה פון דער קעניגין צו איהר מאַן שטאַמט פון דעם שרעקליכען געהײמען בעפעהל, וואָס ער האָט אָבגעגעבען סאָעמי'ן. דאָ האָט זיך אין הורדוס'ן פונאַנדערגעקאָכט דער אײפערזיכטיגער מאַן — ער האָט געגלויבט, אַז נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס זי איז געווען מיט איהר אויפזעהער אין זעהר אינטימע בעציהונגען, איז איהר געלונגען אַרויסצובעקומען פון איהם דעם געהײמען בעפעהל — און אויף זײַן פערלאַנג איז דער איטור'ער גלײַך געטוידט געוואָרען, און די קעניגין איז איבערגעגעבען געוואָרען אין געריכט. דאָס געריכט איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען פון אַ גרופּע ספּעציעל־בעשטימטע הויף־מקורבים, און זעהענדיג די פײַנדליכע שטימונג פון דעם בײזען הערשער, האָבען זײ איהם צוליעב געטאָן און — אַרויסגעטראָגען אַ טוידט־אורטײל איבער ציון'ס שענסטער טאָכטער.

פון דעם קלאַפּ איז דער פער'שכור'טער הערשער צו זיך געקומען, און אָנגעהויבען אָבצולעגען די אויספיהרונג פון דער שטראָף פון אײן טאָג אויפ'ן אַנדערן; דאָ האָט זיך אָבער ווידער אַרײַנגעמישט די גיפטיגע שלאַנגען־טאָכטער סאַלאָמעאַ, און האָט אָנגעווענדעט אַלע מעגליכע מיטלען, אום צו איבערצײַגען איהר ברודער, אַז אויב

ער וועט נאך אבהאלטען די אויספיהרונג פון דער שטראף, וועט בעשטימט אויסברעכען א אויפשטאנד אין לאנד און דאס פאלק וועט מיט געוועהר אין האנד געהן פערטיידיגען דאס לעבען פון דער בעליעבטער קעניגין. דאס האט געווירקט און — די קעניגין מרים איז געפיהרט געווארען צום עשאפאט. שווייגענדיג און פול מיט שטאלצער פעראכטונג האט די העלדישע מערטירערין איהר שענעם קאפ אויסגעשטרעקט — ווי א אמת'ע טאכטער פון די קעניגליכע חשמונאים-העלדען (29).

מרים'ס טוידט האט אבער דעם פייער אין הורדוס'עם ברוסט נישט געשטילט. שטראמען בלוט און גאנצע הויפענס מענשליכע קעפ האט שוין דאן דער בלוטיגער אדומי אויף זיין געוויסען געטראגען; אט די אלע צוזאמען האבען אבער נישט אזוי געפייניגט און געקוועלט זיין פערוואונדעטער נשמה, ווי דער פערכשופ'טער אנבליק פון דער איינציגער בליהענד-יונגער, טוידטער קעניגין. הורדוס האט זיך נישט געקענט שענקען דאס פערלוירענע גליק, און ארייננפאלענדיג אין א ווילדען כעס, האט ער געלאזען טוידטען די אלע מיטגליעדער פון דעם געריכט, וואס האט איהר פעראורטהיילט; מרים'ס שאטען האט איהם אבער נאך אלץ נישט אויפגעהערט צו פערפאלגען, און ער האט פערטויבט אין זיך די יסורים מיט רוישענדע, פערשכור'ט-ווילדע מאלצייטען, טרינקערייען און יאגד-קאמפאניעס. פון דעם אלעמען איז זיין ארגאניזם רואינירט געווארען און ער איז ארייננעפאלען אין א שווערער, געפעהרליכער קראנקהייט. געלעגען איז ער נישט אין ירושלים, נאר אין סאמאריא, וואו ער איז פלוצלונג קראנק געווארען, און אזוי ווי אין דער הויפטשטאדט האבען זיך פערשפרייט קלאנגען, אז דער קעניג וועט שוין מעהר פון זיין קראנקען-בעט נישט אראב, האט די אלטע קעניגין אלעקסאנדרא ווידער אנגעהויבען וועבען איהר דיפלאמאטישע נעץ. זי האט געפרובט זיך פערזיכערן מיט א געוויסער מאכט, אום צו בעקומען די רעגענטענשאפט איבער די אונמינדיגע קינדער פון מרים'ען מיט הורדוס'ען, אים פאל אויב דער לעצטער וועט שטארבען; עטליכע פון די פעסטונגס-קאמאנדאנטען, מיט וועלכע זי האט אנגעהויבען פיהרען אונטערהאנדלונגען, האבען אבער דערטראגען די גאנצע מעשה הורדוס'ען, און אט די נאהנטע געפאהר האט אין איהם צוריק אויפגעוועקט זיינע לעבענס-כחות. הורדוס בעפעהלט קראנקערהייד, גלייך צו בעשטראפען דער שוויגער, און זיין בעפעהל ווערט פינקטליך ערפילט (28). מיט איהר טוידט איז

אָבגעהאַקט געוואָרען דאָס לעצטע צווייגעל פון דעם שענעם שטאַם — זי איז געווען די לעצטע ריין-בלוטיגע טאָכטער פון דעם חשמונאים-געשלעכט. אין אַ קורצע צייט אַרום זענען געטוידט געוואָרען אויך די לעצטע זייטיגע קרובים פון דעם חשמונאים-הויז, די פאַמיליע בני-בבא. נאָך אַנטיגאָנ׳ס מפּלה האָט זיך די דאָזיגע פאַמיליע געראַטעוועט אַ דאַנק דער פריינדליכער שטיצע פון דעם הויפּט-מאַן קאָסטאָבאַר, וועלכער האָט זיי געהאָלפען אַנטלויפען און גאַנצע צוועלף יאָהר געהאַלטען בעהאַלטען ביי זיך, אין סאַמאַריאַ. עס האָט זיך אָבער געמאַכט, אַז ער האָט חתונה געהאַט מיט הורדוס׳עס שוועסטער, סאַלאָמעאַ, וועלכע איז געבליעבען אַנ׳אַלמנה נאָך דער בעשטראָפונג פון איהר מאַן יוסף; און אָט, ווען זי האָט, אין עטליכע יאָהר אַרום, געוואָרפען אַנ׳אוּם-חן אויף איהר מאַן, האָט זי איהם פער׳מסר׳ט פאַר הורדוס׳ען, און איהם בעשולדיגט אין דעם, אַז ער האָט די גאַנצע צייט אויסבעהאַלטען די נאָהענטע קרובים פון די השמונאים, וואָס האָבען געוויזען אַזאַ פערעקשנ׳טען ווידערשטאַנד ביי דער בעלאַגערונג פון ירושלים. קאָסטאָבאַר איז דאַן געטוידט געוואָרען, און צוזאַמען מיט איהם אויך די גאַנצע פאַמיליע בני בבא (25).

אָט די לעצטע בלוט-באָד האָט, ווי ס׳זעהט אויס, אינגאַנצען בערוהיגט הורדוס׳עס געמיט, און צוזאַמען מיט דער צייט הויבט זיך אָן אַ נייער פעריאָד אין זיין הערשער-לעבען (14—25). דער אויפגעקומענער קעניג דערפיהלט מיט אַמאָל די גאַנצע זיכערקייט און פעסטקייט פון זיין גליקליכער לאַגע, און ווערט בעהערשט פון אַ פער׳שכור׳טער לעבענס-לוסטיגקייט, וואָס שפּיגעלט זיך אָב אויך אויפ׳ן פאָלק און אויפ׳ן לאַנד. ווי די העלעניסטען אין די אַמאָליגע אַלטע צייטען, הויבט הורדוס איצט אויך אָן אַריינצוברענגען אין לאַנד דעם קולט פון לעבען אַן און פאַר זיך, דעם קולט פון וועלטליכער פרעהליכקייט און קערפּערליכען לעבענס-גענוס, און געפינענדיג זיך אינגאַנצען אונטער דעם איינפלוס פון דעם איצטיגען, רוימישען העלעניזם, בעקומען אַלע זיינע איינפיהרונגען אין יהודה אויך אַ רוימיש-העלענישען כאַראַקטער. הורדוס לאָזט אויפשטעלען אין ירושלים אַ טעאַטר לויט דעם גריכישען מוסטער, — אַ טעאַטר אויפ׳ן פרייען פעלד מיט אַ אונגעהויער-גרויסער גאַלעריע פאַר׳ן פובליקום, וואָס קומט זיך צונויף פון אַלע עקען לאַנד, אום צו זעהען די „פאָרשטעלונגען״ אויפ׳ן סצענע. דאָ זוכט מען אָבער ניש צו פערפיינערן דעם געש-

מאַק פון פּובליקום און איהם גײַסטיג צו ענטוויקלען, ווי דאָס איז געווען אַמאָל אין׳ם אַלטען גריכענלאַנד, — נאָר צו רייצען זײַנע ניעדריגסטע אינסטינקטען. אויפ׳ן סצענע קומען פאָר פערשיעדענאַרטיגע גימנאַסטישע איבונגען, אַטלעטישע געשלעגען, געשלעגען צווישען מענשען מיט ווילדע חיות און נאָך אַזעלכע אונטערהאַלטענדע בילדער, וואָס זענען געווען גאַנץ גוט צוגעפּאַסט צו דעם קריגערישען און אויסגעלאַסענעם כאַראַקטער פון די רוימער, אָבער נישט צו דער גאָטספאָרכטיגער פריעדליכקייט און פאַמיליענרײַנקייט פון די יהודה׳ער. הורדוס האָט, למשל, אײַנגעפיהרט אין ירושלים דעם בעריהמטען יום=טוב לכּבוד דעם רוימישען אימפּעראַטאָר אויגוסט, וואָס פלעגט געפײַערט ווערן יעדע פיער יאָהר אין אַלע רוימישע פּראָווינצען; צו דעם יום טוב פלעגען ספּעציעל אויפגעשטעלט ווערן פּרעכטיגע בנינים מיט סטאַטוען און פערציערונגען און דאַן פלעגען פאָרקומען רייכע, ווילד=פרעהליכע פאָלקס=פערווײַלונגען. הורדוס האָט זיך צו דעם יום=טוב בעצויגען מיט אַ בעזונדער איבערגעגעבענקייט, און אויף זײַן בעפעהל זענען צונויפגעזאַמעלט געוואָרען טויזענדער מענשען פון גאַנץ יהודה און אויך פון אַנדערע לענדער, אום מיטצופײַערן די גרויסע שמחה און זיך צו בעטייליגען אין די גלאַדיאַטאָר=שפּיעלען און אַטלעטען=שלעגערײַען, וואָס זענען אויסגעפיהרט געוואָרען דורך ספּעציעל אַנגאַזשירטע אַרטיסטען.

אָט די וואָכעדיגע, טעמפּע פרעהליכקייט אין דער הייליגער הויפּטשטאָדט האָט געמוזט אַרויסרופען אַ שטאַרקען פּראָטעסט פון דער זײַט פון די גײַסטיגע פאָלקס=פיהרער און אויך פון די פאָלקס=מאַסען, וועלכע זענען דורכגענומען געווען מיט גאַנץ אַנדערע לעבענס=בעגריפען און אַ גאַנץ אַנדער וועלט=אַנשויאונג. לויט די דאָזיגע בעגריפען האָבען אָט די אַלע שפּילערײַען און פערווײַלונגען אין אַלגעמײַן געמוזט בעטראַכט ווערן, ווי נאַרישע עולם=הזה=זאַכען, וואָס זענען פערבונדען מיט הונדערטער קלײנע עבירות געגען די געזעצען פון דער תורה; און אויסער דעם האָבען די פריעדליכע און ווייכהאַרציגע יהודה׳ער נאָך בעזונדער געזעהען אַ שרעקליכע אַכזריות אין אַזאַ שפּיעל, למשל, ווי דער גלאַדיאַטאָרען=קאַמפף, וואו „מענשען ווערן צוריסען פון ווילדע חיות, אום צו דערפרעהען דערמיט אַנדערע מענשען”. און נישט בלויז דעם יודישען מאָראַל — די דאָזיגע פערווײַלונגען האָבען גאַנץ אָפט אַנגעגריפען אויך דעם עצם יסוד פון דעם יהודה׳עאישען מאָנאָטעאיזם; אַזוי איז, צום בײַ=

שפּיעל, פאָרגעקומען עטליכע מאָל, אַז הורדוס האָט געלאָזען אַרויסשטעלען אין אַ געפענטליכען פערוויילונגס-פּלאַץ זיינע טראָפּעען (קריעגסרויב, שלל-מלחמה) אין דער געשטאַלט פון פערשידענע בעוואָפענטע פיגורען, און די יהודה'עאישע בעפעלקערונג האָט אין דעם געזעהען — עבודה-זרה-בילדער. ביי אַזאַ פאַל איז די אויפרעגונג פון פאָלק אַמאָל אַזוי גרויס געווען, אַז הורדוס האָט געפונען פאַר נויטיג, איינצולאַדען אין טעאַטער די אָנגעזעהענסטע שטאָדט-בעלי-בתים און פאַר זיי אין די אויגען געלאָזען אַראָבנעהמען די קליידונג פון די „טראָפּעען", אום אויף אַזאַ אופן זיי צו איבערציינגען, אַז דאָס זענען נישט קיין געצען-בילדער, נאָר פּשוט'ע הילצערנע פיגורען אין מיליטערישער קליידונג.

אַזעלכע איינצעלנע פאַקטען און איבערציינגונגען האָבען אָבער גאַנץ ווייניג געקענט העלפען אויף צו בערוהיגען די אויסגעוועהלטע גייסטיגע פיהרער פון פאָלק, וועלכע האָבען געמוזט זיין געגען דעם עצם מהות פון די אַלע פערוויילונגען אין אַלגעמיין; געגען דער גאַנצער שיטה פון מאַכען דאָס לעבען וואָכעדיג און ברוטאַל, פון לעהרנען דעם מענשען זוכען דאָס לעבען אין לעבען גופא, אין זיינע אַלוייטיגע קערפּערליכע און גייסטיגע פערגניגענס, און נישט אין קיין הויכע אייביגע אידעאַלען, און נישט אין דעם אייביגען לעבען, וואָס וועט זיך אָנהויבען ערשט נאָכ'ן טוידט. און אָט די פיינדליכע שטימונג האָט אַרויסגערופען הייסע פאַנאַטיקער, וואָס האָבען בעשלאָסען זייער לעבען איינצושטעלען און אומצובריינגען דעם „געבילדעטען דעספּאָט", וועלכער פיהרט דעם פאָלק אויפ'ן וועג פון צוזאַמענלעבען זיך מיט דער אַרומיגער געצענדינערישער וועלט. אין דער פערשווערונג זענען אַריינגעגאַנגען צעהן בירגער פון ירושלים, וועלכע זענען געקומען אין טעאַטער מיט בעהאַלטענע קינזשאַלען אונטער די פּאָלעס; די אונטערנעהמונג איז אָבער אויסגעגעבען געוואָרען נאָך פאַר דעם אָנפאַל, און די אָנפאַלער, וועלכע האָבען זיך ביי דער אויספאָרשונג בעריהמט מיט זייער פּאַטריאָטישער פערשווערונג און זי אינגאַנצען בעשטעטיגט, — זענען געטוידט געוואָרען אונטער אַכזריות'דיגע ענויים. דאָס פאָלק, וואָס האָט געקוקט אויף די פערשוואוירענע, ווי אויף ווירקליכע פּאַטריאָטישע „קדושים" (הייליגע, מערטירער), האָט זיך שפּעטער נוקם געווען פאַר זייער טוידט: דער „מסור", וואָס האָט די פערשווערונג אַרויסגעגעבען, איז פון פאָלק צוריסען געוואָרען אויף שטיקער.

אָט די אַלע אַרויסטרעטונגען פון פערשידענע פאָלקס-שיכטען געגען איהם און זיינע איינפיהרונגען, האָבען אין הורדוס'ען אַרויסגערופען

דעם פערלאַנג זיך נאָכמעהר צו רייצען מיט'ן פאָלק און צו טאָן אַלץ אַזוי, אַז דאָס רעליגיעזע אָדער נאַציאָנאַלע געפיהל פון פאָלק זאָל זיך פיהלען בעליידיגט. הורדוס האָט ליעב געהאַט צו בויען שטעדט, און די אַלע שטעדט, וואָס זענען דורך איהם ענטשטאַנען, האָט ער אָנגערופען מיט נעמען פון דעם רוימישען קעניגליכען הויז אָדער פון זיין אייגענער דינאַסטיע; דאָס איז נאָך אָבער גאָרנישט געווען נעגען דעם, וואָס ער האָט זיך גענומען מיט אַ מין צו-להכעיס'דיגער פלייסיגקייט אָפּבויען צוריק די אַמאָליגע האַלב-געצענדיענערישע שטאָדט סאַמאַריאַ, — די שטאָדט, וואָס איז פון אייביג-אָן פערהאַסט געווען אין יהודה און איז אַמאָל דורך דעם חשמונאים-קעניג יוחנן-הורקנוס אַראָבגעטראָגען געוואָרען ביז'ן לעצטען שטיין. דעם יסוד צו דער רעסטוראַציע (צוריק-אויפשטעלונג) פון סאַמאַריאַ האָט געלעגט פּאָמפּעיוס, און הורדוס האָט איצט נישט בלויז געלאָזען פערגרעסערן דעם שטח פון שטאָדט אויף אַ האַלבען מייל, נאָר זי אויך בעפּוצט מיט די שענסטע בנינים און געמאַכט פאַר זיין צווייטער רעזידענץ. ער האָט געלאָזען דאָרט אויסבויען אַ שטאַרקע פעסטונג און אַ געצענדיענערישען טעמפּעל לכבוד דעם רוימישען הערשער אויגוסט, און אויך די שטאָדט אַליין האָט געטראָגען אויף זיך דעם לעצטענס נאָמען (אויף גריכיש: „סעבאַסטאַ" — הייליגער, ווי אויף לאַטייניש: אויגוסט). דאָס האָט געזאָלט זיין אַ מין קאָנקורענטין דער פערהייליגטער הויפּטשטאָדט ירושלים, מיט איהרע אַלטע זכרונות און טראַדיציעס. —

אין ירושלים גופא האָט ער אויך אַ סך געבויט און איבערגעבויט. אין דעם העכערן טייל פון שטאָדט האָט ער געלאָזען אויפשטעלען פאַר זיך אַ פּאַלאַץ, וואָס איז בעשטאַנען כמעט אינגאַנצען פון מאַרמאָר און גאָלד, און האָט בעצויבערט מיט זיין פּרעכטיגער שענקייט. דער פּאַלאַץ איז אַרומגערינגעלט געוואָרען מיט שטאַרקע פעסטונגס-וואַלען, און צו דעם צוועק פון שיצען דעם טייל שטאָדט איז איבערגעבויט געוואָרען אויך דער טורעם פון בית-המקדש, וואָס האָט געטראָגען דעם נאָמען פון הורדוס'עס פריהערדיגען בעשיצער — אַנטאָניוס.

אויסער די הויפּטשטעדט, האָט הורדוס געגרינדעט אַ גרויסע האַפענשטאָדט ביים ברעג פון ים, וואו עס האָט זיך פריהער געפונען דער אַזוי גערופענער סטראַטאָן-טורעם (נישט ווייט פון יפה), און צו דער שטאָדט, וואָס האָט בעקומען דעם נאָמען קסריה (קעסאַר-קיסר, צעזאַר), האָט ער צוגעבויט אויך אַ גלענצענדען האַפען, וועלכער האָט אָבגע-

קאָסט אונגעהויערע סומען געלד און איז געווען בעריהמט אַרום מיט זיינע בעקוועמע איינריכטונגען; אין שטאָדט זענען אויפגעשטעלט געוואָרען צוויי ריזיגע טורעם-ווילען מיט די אָבבילדונגען פון דעם רוימישען הערשער אויגוסט און דער שטאָדט רוים, אַזוי אַז די נאַציאָנאַליסטען האָבען געקוקט אויף דער שטאָדט, ווי אויף אַ „קליינע רוים” און אַזוי האָבען זיי זי אויך גערופען. שפּעטער איז קסריה געוואָרען דער צענטר פון דער רוימישער מאַכט אין איהר קאַמפף מיט יהודה, און אין פאָלק איז געשאַפען געוואָרען דאָס שפּריכוואָרט, אַז „קסריה האָט שטענדיג טריאומפירט, ווען ירושלים האָט געוויינט”.

צוזאַמען מיט זיינע רוימישע בעשיצער, האָט הורדוס זיך אַליין אויך נישט פערגעסען, און ער האָט געלאָזען פעראייביגען זיין נאָמען און די נעמען פון זיינע פערשידענסטע פאַמיליענמיטגלידער אין אַ גאַנצער רייהע מאָנומענטען, שטעדט און פעסטונגען. צוויי מייל צו דרום-מערב זייט פון ירושלים, אויף אַ בערגעל, וואו ער האָט אַמאָל אָבגעהאַלטען אַ גלענצענדען נצחון איבערן פאָלק, האָט ער איצט אויפגעשטעלט אַ לוקסוס-פּאַלאַץ אונטערן נאָמען הערָאָדיום. דאָס איז געווען אַ פּרעכטיגער שלאָס מיט הויכע טורעמס, וואו ס'איז געזאָרגט געוואָרען פאַר לוקסוס און פערגניגען; צוויי הונדערט טרעפּ פון ווייסען, ריינסטען מראַמאָר האָבען אַרויפגעפיהרט אין די אויבערשטע עטאַזשען, און נאָך אונגעהויערע אויסגאַבען און אָנשטרענגונגען איז הערָאָדיום ענדליך בעזאָרגט געוואָרען אויך מיט אַ גוט איינגעריכטעטער וואַסער-לייטונג. אין דער זעלביגער געגענד האָבען זיך געפונען אויך די נייע שטעדט אַנטיפּאַטרידאַ און פּאַזאַעלידאַ, און די פעסטונג קיפּראָס.

און נישט נאַר אין יהודה אַליין — דער עהרגייציגער הורדוס האָט גוט געוואוסט, אַז אויף דער ליעבע פון דעם יהודה'שען פאָלק קען ער קיין סך נישט רעכנען, און ער האָט זיך געוואָלט בעליעבט מאַכען ביי אַנדערע פעלקער. מיט די אונשעצבאַרע אוצרות, וואָס ער האָט אַרויסגעפּרעסט פון פאָלק, אין דער פאָרם פון פערשידענע שטייערן, האָט דער יהודה'עאישער דעספּאָט זיך פּאָפּולער געמאַכט אין דער גאַנצער אַרומיגער וועלט. הורדוס האָט געלאָזען אויף זיינע קאָסטען בויען גימנאַזיומס אין טריפּאָליס און דאַמאַסקוס, אויפשטעלען פעסטונגען אין ביבלאָס, איינאָרדנען טעאַטערן, צירקען, עפענטליכע פּלעצער און טעמפּלען אין סידאָן, רהאָדאָס, אַנטיוכיא, אַשקלון און נאָך אַנדערע פּונקטען פון דעם רוימישען מזרח. די דאָזיגע גרויסמוטיגע רייכע נדבות

האָבּען הורדוס'ען בּעליִעבּט און בּעריהמט געמאַכט צווישען די שכני'שע סיריער און גריכען, און אפילו אויגוסט אַליין איז אויך געוועזען פון איהם העכסט צופריעדען. ער האָט זיך זאָגאַר אויסגעדריקט, אַז הורדוס פערדיענט צו טראָגען אויפ'ן קאָפּ די קרוין פון גאַנץ סיריען און עגיפּטען, און האָט איהם אויסגעדריקט זיין פערעהרונג מיט אַ בּעדייטענדער ממשות'דיגער מתנה: אויגוסט האָט געשענקט הורדוס'ען די געגענדען בּאַטאַנעאַ, אויראַניטיס און דאָס וואולקאַנישע צוריסענע, ווילדע טראַכאָניטיס, וויל דאָרט האָבען זיך אויפגעהאַלטען מאַסען רויבּער-בּאַנדען, און קיינער אויסער הורדוס'ען, איז נישט אימשטאַנד געוועזען, זיי אויסצוראָטען. דאָס לעצטע איז הורדוס'ען אויך נישט לייכט אָנגעקומען, און ער האָט אַ לאַנגע צייט זיך געמוזט אַרומשלאָגען מיט דער איינגעבּויעטער ווילדער בּעפעלקערונג און ענדליך איבּערלאָזען דאָרטין, אַלס שטענדיגע וואַך, אַ מחנה פון דריי טויזענד אדומ'ער. און די טראַכאָניטען האָבען זיך פאַר דער וואַך אויך נישט איבּעריג דערשראָקען — דאָס איז צו זעהען פון דעם פאַקט, וואָס שוין אין די לעצטע יאָהרען פאַר זיין טוידט האָט נאָך הורדוס געפונען פאַר נויטיג צו זוכען אַ בּעזונדערע מאַכט אויף צו פּאַראַליזירען זייער רויבּערישע טעטיגקייט. ער האָט דאַן בּעוואויגען אַ געוויסען בּבלישען-יהודה'עאישען הויפּטמאַן, מיט'ן נאָמען זאַמאַריס, וועלכער האָט מיט הונדערט פאַמיליען-מיטגליעדער און פינף הונדערט בּעוואָפענטע בּעגלייטער אַריבּערגעוואַנדערט איבּער'ן טייך אפרת, — זיך צו בּעזעצען אין בּאַטאַנעאַ, אום צו האַלטען אין צוים די דאָרטיגע טראַכאָניטען.

אויף ווי ווייט הורדוס האָט קיין צוטרוי נישט געהאַט צו דעם יהודה'עאישען פאָלק און זיך מיט איהם נישט גערעכענט זעהט מען אויך דערפון, וואָס דער גאַנצער שטאַט פון זיינע הויף-מענשען און נאָהנטע מקורבים איז בּעשטאַנען פון פרעמדע. אַ געוויסער אין זיין צייט בּערירהמטער פילאָזאָפישער רעדנער און געשיכטע-שרייבּער, ניקאָלאַוס פון דאַמאַסקוס, איז געוועזען זיין נאָהנטסטער פריינד און ראַטגעבּער, און האָט איהם אָפט פערטרעטען אין זיינע מלוכה-אַרבּייטען; דער ווייניג געבּילדעטער הורדוס האָט זיך בּיי דעם גריכישען געלעהרנטען געוואָלט אויסלערנען די אַלע השלמות און ידיעות, וואָס זענען נויטיג געוועזען אין יענער צייט, אום זיך צו קענען געפינען אין אַ אינטעליגענטער גריכישער געזעלשאַפט; און דאַנקען האָט דער זעלבּיגער ניקאָלאַוס אָנגעשריבּען אַ אַלגעמיינע געשיכטע אין הונדערט פיער און פיערציג טיילען, וואו ער האָט געלויבּט אין הימעל אַריין זיין קעניגלי-

ען תלמיד און בעשיצער. א צווייטער גריכישער אינטעליגענט, פטאלא־מעאוס, האט ביי איהם פערטרעטען דעם פאסטען פון א קאנצלער אדער און א פינאנץ־מיניסטער; א דריטער גרעק, אנדראמאכוס און א רוימער עמעלוס זענען געוועזען די ערציהער פון זיינע צוויי זיהן, און אזוי איז ער סדר ארומגערינגעלט געוועזען מיט מענשען נישט פון דעם פאלק, אי־נער וועלכען ער האט געקעניגט; אין הורדוס'עס לעבען, האלטען זיך ון דענקען איז אין אלגעמיין געוועזען גאנץ ווייניג יהודה'עאישעס, און ער האט נאר דעם ריינעם אמת געזאגט, ווען ער האט זיך אויסגעדריקט אר איינעם פון זיינע דערמאהנטע מקורבים, אז די גריכען זענען איהם עהנטער צום הארצען, ווי די יהודה'ער.

ביי אזא בעציהונג צום פאלק אליין און צו זיין קולטור איז גאנץ פערשטענדליך די שנאה און די טיעפע אינערליכע אבנייגונג, וואס דאס אייגענע, יהודה'עאישע פאלק האט געשפירט צו זיין הערשער. הורדוס איז דעם פאלק אינגאנצען פרעמד געוועזען, און מעהר ווי פעראכטונג און אכזריות האט עס פון איהם נישט געזעהען. עס האט איהם דעריבער גאנץ ווייניג געהאלפען אויך די גרויסמוטיגע גוטהערציגקייט, וואס ער האט ארויסגעוויזען דעם פאלק אין א שטארקען הונגער־יאהר, ווען ער (24) האט אויפגעקויפט פון זיין פערמעגען אוצרות מיט תבואה אין מצרים און עס צוטיילט דער הונגערנדער בעפעלקערונג אומזיסט. דאס פאלק איז איהם א ווייל[ע] דאנקבאר געוועזען; באלד אבער האט עס ווידער געזע־העו פאר זיך דעם דעספאטישען פרעמדען הערשער, וואס האט אלע זיינע הייליגקייטען פערשוועכט און אויסגעלאכט דאס טייערסטע און העכסטע פון זיין קולטור־לעבען. די יהודה'ער האבען געהאט ביז דאן דריי אינסטיטוציעס, אין וועלכע ס'האט זיך פערקערפערט די גאנצע וועלטליכע און גייסטיגע מאכט איבערן פאלק: די מלוכה, די כהונה־גדולה און דאס סנהדרין, און אט די אלע דריי אינסטיטוציעס האבען א דאנק הורדוס'ען איינע נאך דער אנדערער פערלוירען זייער אויטאריטעט. די מלוכה האט ער זיך אליין גענומען, און בנוגע צו דער כהונה־גדולה האט ער איינגעפיהרט א פרייע, ווילקירליכע „בעשטימונג", אנשטאט דעם מנהג פון ירושה, וואס האט זיך דערביי פראקטיצירט. נאך דער מער־דערישער בעזייטיגונג פון דעם חשמונאי'שען כהן־גדול, אריסטאבול, איז ווידער בעשטימט געווארען אויף דעם פאסטען דער פריהערדיגער חננאל; דאן איז ארויף אויף דעם עהרענשטוהל א געוויסער יהושע בן פפי, דער האט אבער נישט בעוויזען, לאנג אויף זיין פאסטען צו בליי־

בען, און ער אליין איז אין דעם גאנץ ווייניג שולדיג געוועזן. דא איז פארגעקומען דאס, אז א קורצע צייט נאך מרים'ס טוידט האט דער קעניג זיך גיפונען א טרייסט אין די ארעמס פון א געוויסען אלעקסאנדריניִשען כהן'ס א טאכטער, און אין דעם זכות איז אט דער כהן, מיט'ן נאמען שמעון בן באעטוס, בעשטימט געווארען פאר א כהן-גדול. דער לעצטער האט זיך אין גיכען ארויסגעוויזען פאר א איבערגעגעבענעם אנהענגער פון הורדוס'עס פאליטיק, אזוי אז דער גייסטיגער פיהרער פון דעם יהודה'שען פאלק האט גאנץ אפט געשטיצט די אונטערנעהמונגען פון זיין קעניגליכען איידים.

וואס עס געהערט צום סנהדרין; האט הורדוס זיין מאכט אויף אזוי פיעל בעגרענעצט, אז עס האט אייגענטליך איינגאנצען אויפגעהערט צו שפיעלען די בעדייטענדע ראליע אין דעם פאלקסלעבען, וואס עס האט געשפיעלט נאך פון די אלטסטע צייטען. אין זיין צייט האט די גאנצע אינסטיטוציע בעקומען דעם כאראקטער פון דעם קעניג'ס א ראטס-פערזאמלונג, וואס בעשטעהט בלויז פון פערשידענע הויף-מקורבים און נאך אזעלכע שופטים, וועלכע זענען שטענדיג גרייט געוועזן צו משפט'ען אזוי, ווי הורדוס'ען האט געפאסט. פון די פאלקס-פיהרענדע פארטייען, וויעדער, האבען זיך די איסיים איבערהויפט נישט אבגעגעבען מיט קיין וועלט-זאכען, און די פרושים האבען נישט אנערקענט, נישט הורדוס'ען אלס וואסאל, און נישט אויגוסט'ען אלס אויבערשטען הערשער. ווען הורדוס'ען איז איינגעפאלען צו פאדערן פון פאלק א שבועה (20), אז עס וועט טריי דיענען איהם און אויגוסט'ען, האבען זיך די פרושים אבגעזאגט און נישט געוואלט שווערען, און נאר א דאנק דער גרויסער פאפולאריטעט פון דעם פריעדליכען הלל האט ער זיי נישט בעשטראפט דערפאר און בעפרייט פון דער שבועה.

הורדוס האט דעריבער זיין גאנץ לעבען געהאלטען אין איין שרעקען זיך פאר אן'אויפשטאנד פון פאלק, און אום דאס צו פערהיטען, האט ער ארגאניזירט א גאנצע ארמעע פון שפיאנען, וואס האבען געדארפט זיך געפינען צווישען פאלק און נאכשפירען זיינע רעד און זיינע טועכצען. הורדוס אליין פלעגט אויך אפט זיך אריינ'גנב'ענען פערקליידעטערהייד צווישען המון און זיך צוהערען צו זיינע שמועסען, און וועה איז געווען יענעם, וואס האט זיך אויסגעדריקט נישט פריינדליך וועגען דעם יהודה'שען הערשער. ער איז גלייך געהיים אוועקגעפיהרט געווארען אין דער פעסטונג הירקאניום, וואו ער האט בעקומען זיין אכזריות'-

דינגע שטראָף. „אין שטאָדט, ווי איבער די וועגען זענען אַרומגעגאַנגען שפּיאָנען“ און די בירגער האָבען נישט געטאָרט זיך צוזאַמענקומען און גיהן אָדער רעדען קאָמפּאַניעס־ווײַז.

דאָס אַלץ האָט פון דעסטוועגען נישט געשטערט דעם אַרומיגען דעספּאָט, אונטערצוקויפען, פון דער צווייטער זייט, דעם פאָלק און צו זוכען זײַן ליעבע. נאָך דער טריקעניש, וואָס האָט זיך געצויגען עטליכע יאָהר כסדר, האָט הורדוס בעפרייט דאָס לאַנד פון אַ דריטעל שטייערן, און אין דער זעלביגער צייט איז ער צוגעטרעטען צו אַ גראַנדיעזער אונטערנעהמונג, וואָס האָט אי ווירקליך אַרויסגערופען די טיעפסטע דאַנקבאַרקייט צו איהם פון אַלע פאָלקס־שיכטען, אי בעפרידיגט זײַן לייִדענשאַפטליכע תאוה צו בויען. הורדוס האָט זיך גענומען אינגאַנצען רעסטאַווירען און בענייען דעם פערנאַכלעסיגטען בית־המקדש, וואָס איז געשטאַנען פון זרובבל'ס צייטען אָן, און האָט אויסגעזעהען עלענד און אָרים צווישען די רייך־פערפּוצטע שלעסער און פּאַלאַצען פון דער בענייטער ירושלים.

די פאָלקס־פערטרעטער, פאַר וועלכע הורדוס האָט אויסגעדריקט זײַן ווילען, צו צוטרעטען צו דער בענייאונג פון בית־המקדש, האָבען זיך אין אָנהויב בעצויגען צו דער זאַך מיט שרעק און פערצווייפלונג; זיי האָבען געגלויבט, אַז הורדוס מיינט דאָ נאָר אָבצונאַרען דעם פאָלק, און זײַן אמת'ע כונה איז — צו פערניכטען אינגאַנצען דעם רעליגיעזען צענטר פון דער אומה און אַזוי אָדער אויף אַנ'אַנדער אויפן איהם צו בערויבען. הורדוס האָט זיי אָבער בערוהיגט און פערזיכערט, אַז דער אַלטער בית המקדש וועט נישט אָנגערירט ווערן אַזוי לאַנג, ווי דאָס גאַנצע בוי־מאַטעריאַל און דער גאַנצער אַרבייטער־שטאַט וועט זיך נישט געפינען אויפ'ן פּלאַץ. אום אינגאַנצען צו בערוהיגען דעם רעליגיעזען געפיהל פון פאָלק, האָט הורדוס אַוועקגעשטעלט די אַרבייט אונטער דער השגחה פון די בעדייטענדסטע כהנים און פרושים, וועלכע האָבען געדאַרפט זעהען, אַז אַלץ זאָל געמאַכט ווערן לויט די געזעצען פון דער תורה, און באַלד נאָכדעם, אויף דעם אַכצעהנטען יאָהר פון זײַן הערשען, האָט זיך די אַרבייט אָנגעהויבען. אַ קאַראַוואַן פון טויזענדער משא־פוהרען, בעלאָדען מיט טייערע קוואַדראַט־שטיינער און מאַרמאָר־זיילען, האָט זיך כסדר געצויגען אויפ'ן וועג קיין ירושלים, און גאַנצע צעהן טויזענד אַרבייטער־ספּעציאַליסטען זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרען בײַ דער אַרבייט. די אינוועניגסטע אײַנריכטונגען

און פערצירערונגען האבען פערנומען צוויי יאהר, און דאן האט זיך ערשט אנגעהויבען די רעגעלמעסיגע בוי-ארבייט פון די אויסווענינסטע מויערן, הויפען, זאלען, געוועלבטע קאלאנאדען און פערשידענע זיילען, וואס האט זיך געצויגען גאנצע אכט יאהר — כמעט ביז'ן חורבן פון דעם זעלביגען בית המקדש.

אין דעם בית המקדש האט הורדוס אריינגעלעגט נישט בלויז אונגעהויערע אוצרות גאלד, נאר אויך זיין גאנצען שעפערישען גייסט, זיין גאנצען קונסט-געשמאק, און איהם איז ווירקליך געלונגען צו בעשאפען עטוואס פרעכטיג-שענעס, בעצויבערנדעס. דאס איז געווען א מייסטער-ווערק, וואס האט ארויסגערופען די בעוואונדערונג פון דער גאנצער אלטער וועלט, און ווי דאס יהודה'שע פאלק אליין האט זיך שפעטער אויסגעדריקט, האט „דער קיין שענעם בנין נישט געזעהען, ווער עס האט נישט געזעהן הורדוס'עס בית המקדש". דער גאנצער אומפאנג פון דעם בית המקדש-בארג, וועלכער איז געווען ארומגענומען מיט א פעסטער און הויכער מויער-וואנט, האט בעטראפען זעקס סטאדיען, ד. ה. עלף הונדערט פינף און צוואנציג מעטער, און דער צענטר פון דעם קאלאסאלען בנין האט זיך געזעהען אין אלע זייטען אויף דעם שטח פון א סך מיילען. דער הויכער דאך פון דעם בית המקדש איז געווען בעפוצט מיט פערגולדטע שפיצען, וואס האבען געפינקעלט און געשטראהלט אונטער דעם גלאנץ פון דער גאלדענער מזרח-זון; אונבעוואוסטזיניג האבען אבער הורדוס'עס אינזשינערען אויפגעטאן מיט די דאזיגע דאך-שפיצען נאך א וויכטיגע זאך: די לעצטע האבען געדיענט אויך אלס בליץ-אבציהער און האבען פערהיט דעם בית המקדש פון די עלעקטרישע וואלקענשטראמען.

דער יום-טוב פון בעניייען דעם בית המקדש איז געפייערט געווארען מיט א אונגעוועהנליכען פאראד און מיט רייכע פאלקס-פערוויילונגען; די גרויסע שמחה האט געהאט אבער אין זיך אויך א גרויסע מאס טרויער פאר די בעסערע זיהן פון פאלק. אויף די לעצטע האט געמוזט ווירקען שלעכט שוין דאס אליין, וואס אויף הורדוס'עס בעפעהל איז אט דער פאלקס-יום-טוב פעראייניגט געווארען מיט דער פייערונג פון זיין איינענעם נצחון איבער'ן פאלק: דאס חנוכת הבית פון בית המקדש איז געפייערט געווארען אין דעם זעלביגען טאג, ווען הורדוס האט זיך, מיט צוואנציג יאהר, אוועקגעזעצט אויף דעם פערבלוטיגטען טראן פון יהודה; און דערצו איז נאך צוגעקומען נאך

א פאַקט, וואָס האָט בעזונדער שטאַרק אָנגעגריפען אי דעם רעליגיעזען, אי דעם נאַציאָנאַלען געפיהל פון די איבערגעגעבענע יהודה'עאישע פּאַטריאָטען: דער אדומי'שער הערשער האָט דעם נײַ־אויפגעבויטען בית המקדש גלײַך אַוועקגעשטעלט אונטער דער שוץ פון רוים, און האָט געלאָזען אויפשלאָגען איבער דעם אויסווענינסטען הויפט־אַרײַנגאַנג פון בית המקדש א אָדלער־בילד — דאָס עמבלעם פון דער רוימישער קריעגס־מאַכט. לויט דעם געזעץ פון דער יודישער תורה איז יעדע פּלאַסטישע אָבבילדונג איבערהויפּט פערבאָטען געווען אַלס עטוואָס אַזוינס, וואָס אַ שייכות צו עבודה־זרה, און אַזאַ עמבלעם אויף'ן טויער פון בית המקדש האָט געמוזט אָנפילען מיט אַ טיעפען טרויער די הערצער פון די אמת'ע פאָלקס־פרײַנד. הורדוס האָט אויך אײַנגעפיהרט אַלס חוב, מקריב צו זײַן יעדען טאָג אַ קרבן פאַר זײַן רוימישען בעשיצער, אויגוסט, וועלכער האָט דאָס דאַן אפשר גאָרנישט פערלאַנגט; שפּעטער האָט דער קרבן אָנגעהויבען צו דיענען אַלס אויסדריק פון אונטערטעניגקײַט, און האָט קײנמאָל נישט געטאָרט פערמיטען ווערן.

געענדיגט מיט דער אַרבײַט פון בית־המקדש, וואָס האָט איהם אינגאַנצען בעהערשט, האָט הורדוס זיך צוריק אומגעקעהרט צו זײַנע פערזענליכע אונטערהאַלטונגען און פערגניגענס. אַלס האַלב־אָבהענגיגער וואַסאַל האָט הורדוס אין יענער צײַט גאַנץ וועניג געשפירט די אויבערשטע מאַכט פון רוים; ער האָט געהאַט דאָס רעכט צו לאָזען אויסגיסען אײגענע מטבעות, אַרויפצולעגען אויף דער בעפעלקערונג פערשידענע שטײַערן און אויסצוניצען זײַן מאַכט אין די גרענעצען פון לאַנד אָהן אַ שום קאָנטראָל. דאָס אַלץ האָט צוגעגעבען הורדוס'ען אַ בעדײַטענדען אָנזעהען אין אַלע שכני'שע לענדער, און זאָגאַר אויך אין רוים גופא האָט מען זיך צו איהם בעצויגען מיט אַכטונג און ליעבע. זענענדיג עטליכע מאָל אין רוים, האָט ער זיך אויפגעהאַלטען בײַ אויגוסט'ען אין הויז, און דאָרט האָט ער בעוויזען נאָהנט בעפרײַנדעט צו ווערן אויך מיט דעם בעריהמטען מ אַ ר ק אַ ג ר י פּ אַ, אויגוסט'ס אײדים. דער לעצטער איז שפּעטער געקומען אַלס גאַסט צו הורדוס'ען אין ירושלים, און האָט געפונען פאַר אַ פליכט פון זײַן זײַט אויסצודריקען מיט עפּעס זײַן אַכטונג דעם יהודה'עאישען פאָלק; ער האָט געלאָזען מקריב זײַן אויף זײַן רעכנונג אַ גרויסע צאָהל קרבנות אין בית־המקדש, און דאָס פאָלק איז פון דער העפליכקײַט אַזוי געריהרט געווען, אַז עס האָט איהם אַרויסבעגלײַט

פון שטאָרט ביז'ן שיף, בעשיטענדיג דעם וועג מיט בלומען (15).

וועגען דער פערזענליכער פריינדשאַפט, וואָס האָט געהערשט צווישען דער פאַמיליע פון דעם רוימישען אימפעראַטאָר און דעם יהודה'עאישען וואַסאַל, רעדט זיך פיעל אין די היסטאָרישע קוועלען פון דער רוימישער זייט, און לויט דעם אויסדריק פון א געווימען רוימישען היסטאָריקער, האָט אויגוסט נאָך זיין איידים (אגריפאַ'ן) אַממעהרסטען ליעב געהאַט הורדוס'ען, און ביי אַגריפאַ'ן אין הארצען האָט הורדוס פערנומען דעם ערשטען פלאַץ נאָך אויגוסט'ען. ווען אַגריפאַ האָט געמאַכט זיין רייזע איבער קליין-אזיען האָט איהם הורדוס בעגלייט אין וועג, און ווען עטליכע פון די דאָרטיגע יהודה'עאישע קאָלאָניעס האָבען זיך בעקלאָגט פאַר דעם רוימישען מאַכטהאָבער אויף די פערשיעדענע דריקונגען און גזירות, וואָס זיי האָבען אויסצושטעהן פון זייערע גריכישע שכנים, — האָט זיך הורדוס אויך אָנגענומען פאַר זיי און אַגריפאַ האָט בעפרידיגט זייערע בקשות.

די דאָזיגע שטיצע, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזען די יהודה'ער אין דער פרעמד, האָט הורדוס גלייך אויסגענוצט אַלס רעקלאַמע פאַר זיך, און זיך אומקעהרענדיג צוריק פון דער רייזע קיין ירושלים, האָט ער געלאָזען צונויפרופען א גרויסע פאָלקס-פערזאַמלונג, פאַר וועלכער ער האָט אויספיהרליך געשילדערט די גרויסע טובה, וואָס ער האָט דאָ געטאָן די דערווייטערטע יהודה'ער; ביי דער געלעגענהייט האָט ער געשענקט דעם פאָלק אויך א פיערטעל פון די שטייער-חובות, וואָס זענען געבליעבען שטעהן פון פערגאַנגענעם יאָהר.

אזוי האָט הורדוס זיך בעמיהט מיט פערשיעדענע מיטלען, אויך דעם פערגניגען צו ערהייכען — זיך צו ערווערבען די ליעבע פון זיין אייגענעם פאָלק. און ער האָט ווירקליך געקענט רעכנען אויף א געוויסען ערפאָלג אין דער הינזיכט; דאָ האָט זיך אָבער ווידער אָנגעהויבען פאַר איהם א צייט (4—14) פון פאַמיליען-אונרוהען און בעשטראַפונגען, וואָס האָט צושטערט די רוהיגקייט פון זיין גליק און נישט געלאָזען איהם שוין מעהר געניעסען פון זיינע אַרומיגע נצחונות ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבען. די אייביגע אונרוהען, אינטריגעס און טויט-שטראָפען אין דעם ענגען קרייז פון זיין פאַמיליע, האָבען זיך ווי א שווערע לאַסט אַרויפגעלעגט אויף די פלייצעס פון דעם זעכציג-יעהריגען דעספאָט, און דאָס האָט איהם ווידער אַריינגעבראַכט אין יענעם צושטאַנד פון טעמפער פערצווייפלונג, ווען עס ענדיגט זיך

דער מענש און עס הויבט זיך אן די חיה.

הורדוס האט געהאט ארום זיך א גרויסע, פיעלצאהליגע פאמיל־
יע, און אנשטאט דער מאנאגאמישער ארדנונג, וואס האט זיך די גאנ־
צע צייט פראקטיצירט אין דעם חשמונאי׳שען הויף, האט ער דער
ערשטער אנגעהויבען צו לעבען מיט א סך פרויען. אין דער יונגער
נאך האט הורדוס חתונה געהאט מיט א בירגער־מיידעל, דארידא,
וואס האט איהם געבוירען א זוהן אנטיפאטאר; שפעטער אבער,
ווען ער האט חתונה געהאט מיט דער חשמונאי׳אישער פרינצעסין,
האט ער זיין ערשטער פרוי מיט׳ן זוהן אוועקגעשיקט ווייט אין דער
פראווינץ, און אנטיפאטארן איז ערלויבט געווארען צו קומען אין הויף
נאר אויף די גרעסערע יום־טובים. די חשמונאי׳אישע פרינצעסין האט
געלאזען הורדוס׳ען פינף קינדער, פון וועלכע עס זענען פערבליבען
אין דער געשיכטע נאר די צוויי זיהן — אלעקסאנדער און אריס־
טאבול; נאך איהר טוידט האט ער אבער געלעבט מיט נאך אנדע־
רע אכט פרויען, פון וועלכע עס זענען בעוואוסט די אויבען־דער־
מאהנטע אלעקסאנדרינישע כהן־טאכטער, מרים II, די שומרונ׳ערין
מאלטאקא און קלעאפאטרא פון ירושלים. די לעצטע צוויי
האבען איהם געבוירען דריי זיהן: ארכעלאוס, הורדוס־אנ־
טיפא און פיליפ.

אין דעם ערשטער צייט נאך מרים׳ס טוידט האט הורדוס בעש־
טימט אלס יורשים פון דער מלוכה די צוויי זיהן, וואס זענען איהם
געבליבען פון איהר, אלעקסאנדער׳ן און אריסטאבול׳ן. ער האט זיי
אוועקגעשיקט קיין רוים, וואו זיי האבען זיך ערצויגען אין הויז פון אזינ־
יוס פאלאניוס, איינער פון אנגעזעהענסטע פערזענליכקייטען אינ׳ם רומי־
מישען הויף און א נאהנטער בעקאנטער פון די גרויסע דיכטער ווירג־
גיליוס און האראציוס. אויגוסט צעזאר אליין האט זיך אויך זעהר
פריינדליך בעצויגען צו די צוויי יהודה׳עאישע פרינצען, און זיי אריינ־
גענומען אינ׳ם קרייז פון זיין הויף־געזעלשאפט. אזוי האבען זיי פער־
בראכט אין רוים פינף יאהר; דאן איז הורדוס אליין געפאהרען נאך
זיי און זיי געבראכט קיין ירושלים. דא האט ער די יונגע זיהן גלייך
חתונה געמאכט: דעם עלטערן, אלעקסאנדערן, האט ער געגע־
בען פאר א פרוי דער פרינצעסין גלאפירא, דעם קאפאדאקייאישען
קעניג׳ס טאכטער, וועלכע האט זיך דעריבער מגייר געווען; און
דער יונגערער, אריסטאבול, האט חתונה געהאט מיט דער טאכ־

נער פון הורדוס׳עס שוועסטער — בערעניקא.

געוואַלט האָט הורדוס דערמיט ווייטער צונויפבינדען די ביידע משפחות, זיינע מיט דער חשמונאי׳שער, אום עס זאָל מיט דער צייט איינגאַנצען פערשוואונדען ווערן די איינערנע וואַנט, וואָס איז ביז אַהער געשטאַנען צווישען זיי; איהם האָט זיך דאָס אָבער נישט איינגעגעבען. דער אונשולדיגער טוידט פון זייער קעניגליכער מוטער האָט געלאָזען אַ טיעפען איינדריק אין די הערצער פון די שטאָלצע פרינצען, און זיי האָבען נאָך איצט אויך נישט אויפגעהערט זיך צו בעציהען מיט אַ געוויסער פעראַכטונג צו די איבריגע מיטגליעדער פון דער גאַנצער פאַמיליע, נישט אויסשליעסענדיג אויך הורדוס׳ען אַליין. — שטאַרקער פון אַנדערע האָט עס געשפירט די טאָכטער פון דער אדומי׳שער סאַלאָמעאַ, און נאָכדעם ווי זי האָט זיך איינמאַל געקלאָגט פאַר דער מוטער, אַז אַריסטאָבול בעציהט זיך צו איהר גרינגשעצענד, ווי צו אַ פרוי פון אַ ניעדריגען געשלעכט, האָט די שלאַנגענפרוי סאַלאָמעאַ, די צווייטע מערדערין פון דער געוועזענער חשמונאי׳שער קעניגין, וויעדער גענומען בעקלערען אַ פּלאַן געגען די פערבליעבענע חשמונאים (נאָר פון דער מוטער׳ס זייט), זיך נישט אָבשטעלנדיג אויך פאַר דעם, וואָס איינער פון די צוויי זיהן איז דער מאַן פון איהר טאָכטער. זי האָט זיך פעראייניגט אין דער אַרבייט מיט איהר ברודער פעראָר, און צוזאַמען איז ביי זיי געבליעבען, אויסצוניצען צו דעם צוועק הורדוס׳עס ערשטגעבוירענעם זוהן אַנטיפּאַטאָר׳ן. זיי האָבען דאַן גענומען איינרעדען הורדוס׳ען און איהם איבערצייגען, אַז דאָס פאָלק ווייזט אַרויס אַ בעזונדער ליעבע צו די קינדער פון דער געטוידטער חשמונאי׳ערין און אַז די לעצטע טראָגען אין הארצען אַ טיעפע שנאה צו איהם און זוכען פּלענער, ווי אַזוי אָבצונעהמען ביי איהם די קרוין. דאָס האָט דעם אַלטען אדומי אויפגעקאָכט, און ער איז שוין גרייט געווען זיי צו בעשטראָפען, איהם איז אָבער געלונגען זיך איינצוהאַלטען, און דאָס מאָל האָט ער זיך בענוגענט דערמיט, וואָס ער האָט אָנגענומען זיין שוועסטער׳ס עצה און געלאָזען אַראָבברענגען אין הויף אַנטיפּאַטאָר׳ן. בלוטיגע שונאים איינע די אַנדערע, האָבען זיך אָט די דריי — סאַלאָמעאַ, פעראָר און אַנטיפּאַטאָר — דאָך פעראייניגט אין זייער האַס צו די חשמונאי׳שע פרינצען; דער לעצטער, אַנטיפּאַטאָר, האָט גלייך נאָך זיין אָנקומען קיין ירושלים אָנגעהויבען צו שפּיעלען פאַר׳ן פאָטער די ראָליע פון אַ איבערגעגעבענעם זוהן, וועהרענד ער האָט איהם אין דער אמת׳ען נישט ווייניגער געהאַסט

פון זיינע חשמונאי'שע קאנקורענטען. דער פאלשער און גיפטיגער אנטיפאטאר האט זיך וואס וויטער אלץ מעהר דערנעהנטערט צום אלטען הערשער, און אין דער זעלביגער צייט נישט אויפגעהערט אנצושיקען פערשידענע מסירות און בעשולדיגונגען געגען די צוויי חשמונאישע קרוין-יורשים, צו וועלכע הורדוס האט זיך שוין אזוי אויך בעצויגען מיט חשד און שנאה. יעדע בעוועגונג פון איינעם פון די פרינצען, יעדעס ווארט און יעדע בעגריסונג פון פאלק, וואס איז נעוועזען געווענדעט צו זיי, — איז אין הויף אויסגעטייטשט געווארען אלס אקט פון שנאה צום קעניג אדער אלס הכנה צו א פערשווערונג, און דאס אלץ האט אנטיפאטאר געטאן נישט אליין, נאר מיט'ן מויל פון אנדערע זייטיגע, אזוי אז הורדוס האט נישט געקענט זעהען אין די אלע בעשולדיגונגען קיין שום פניה פון אנטיפאטאר'ס זייט; דאס האט זיך געצויגען אזוי לאנג, ביז דער לעצטער האט ענדליך זיין ציעל ערדרייכט: הורדוס האט איהם אנערקענט אלס יורש פון דער מלוכה, און ווען אגריפא האט זיך אומגעקעהרט פון זיין אזיען-רייזע צוריק קיין רוים, האט הורדוס מיטגעשיקט מיט איהם אהין אנטיפאטאר'ן — אלס טראן-יורש פון יהודה.

אט דער שריט פון דעם אלטען הערשער האט געמוזט נאכמעהר אויפרייצען די זיהן פון דער חשמונאי'שער מוטער, און זיי האבען אפען אויסגעדריקט זייער אונצופריעדענהייט מיט דעם פאטער'ס מעשים. דאס איז ווידער אויסגענוצט געווארען פון אנטיפאטאר'ס חברה, און ער אליין, אין זיינע בריעף פון רוים, האט אויך אונטערגעהאלטען די דאזיגע שטימונג, מיט פערשידענע, כלומר'שט-זייטיגע פאקטען. דאס אלץ האט זיך געענדיגט דערוויל דערמיט, אז הורדוס האט גענומען די ביידע פרינצען מיט זיך און אלע דריי האבען זיך פארגעשטעלט דעם רוימישען הערשער; דער לעצטער האט אויסגעהערט די טענות פון ביידע זייטען, און געראטען הורדוס'ען, שלום צו ווערן מיט זיינע קינדער און זיך מעהר נישט ארומצוקריגען מיט זיי.

דאס האט אבער געווירקט נאר אויף א קורצע צייט. דער פאלשער אנטיפאטאר האט דאס געוועהר פון האנד נישט אוועקגעלעגט, און איהם צו הילף זענען געשטאנען סאלאמעא מיט פעראר'ן, וועלכע האבען אויסגענוצט יעדען שריט פון זייערע געגנער, אום צו בעשאפען א נייע נעץ פון מסירות, בעשולדיגונגען און פאלשקייטען. די לאגע פון די ביידע ברידער איז וואס א טאג וויטער געווארען אלץ מעהר אונ-

ערטרעגליך, און נישט בעזיצענדיג דערצו די דיפלאמאטישע פארזיכטיגקייט און איינגעהאלטענקייט פון זייער אדום'ישען ברודער, האבען זיי ווידער אפען אויסגעדריקט זייער פעראכטונג דער גאנצער פאטערליכער פאמיליע; אויף דעם סמך איז שוין צו הורדוס'ען דערטראגען געווארען, אז זיי האבען געזאגט: אויב מיר וועלן בעקומען די מאכט, וועלן מיר די מענער פון דער קעניגליכער פאמיליע מאכען פאר דארפסשרייבער'ס און די פרויען, — וואס רופען זיך פרינצעסינס, — וועלן מיר אויספוצען אין זעק און אוועקזעצען ביי'ן שפין-רעדעל.

אזוי האט אין דעם קעניגליכען הויף כסדר געקאכט פון רכילות און פאלשקייטען. עס האט געמסר'ט איין פארטיי אויף דער צווייטער, א מאן אויף א ווייב, א ברודער אויף א שוועסטער, און דערביי זענען אנטדעקט געווארען די שענדליכסטע מעשים און כונות. דאס האט שטארק געווירקט אויף דעם קראנקהאפט-צורייצטען הורדוס, און זיין אכזריות האט זיך ווידער פונאנדערגעקאכט. ער האט בעשטימט א צוואנגס-אויספארשונג איבער דער דינערשאפט פון די פרינצען, און נאך א גאנצער רייהע שרעקליכע ענויים און פייניגונגען, האבען זיי געזאגט דאס, וואס מ'האט געוואלט, אז זיי זאלען זאגען. עס איז איבערגענומען געווארען אויך אלעקסאנדער'ס א בריעף, אין וועלכען ער האט זיך געקלאגט אויף דער עולה, וואס דער פאטער איז געגען איהם בעגאנגען, איבערגעבענדיג די מלוכה אנטיפאטער'ן, און זיך שטיצענדיג אויף די בעשולדיגונגען, האט הורדוס בעפעהלען צו ארעסטירען אלעקסאנדער'ן. דאן איז געקומען צו לויפען דעם לעצטען'ס שווער, דער קאפידאקיאי'שער קעניג, ארכעלאאוס, און א דאנק זיין דיפלאמאטישער האלטונג איז איהם געלונגען הורדוס'ען צו בערוהיגען און ווידער צושליסען שלום צווישען דעם פאטער און די זיהן.

דערווייל, אין דער צייט פון די דאזיגע אלע אינוועניגסטע סכסוכים און פאמיליען-אינטריגעס, האט זיך אנגערוקט אויף הורדוס'ען א פינסטערער וואלקען גאר פון אנ'אנדער זייט. דער שכנ'ישער אראבישער הערשער סילעאוס, האט געטראגען א כעס אויף הורדוס'ען דערפאר, וואס דער לעצטער האט איהם נישט געוואלט געבען זיין שוועסטער סאלאמע פאר א ווייב אנדערש, סיידען ער זאל זיך מגייר זיין; ווען עס האט זיך דעריבער איצט געמאכט, אז א באנדע פון די רויבערישע טראכאניטען איז אנטלאפען פון הורדוס'עס מאכט און האט געזוכט שוץ ביי איהם אין לאנד, האט ער זי אויפגענומען און נישט

געוואלט ארויסגעבען הורדוס'עס שלוחים; הורדוס האט דאן אוועקגעשיקט א מיליטער-עקספעדיציע קיין אראביען, וועלכע האט צושלאגען סילעאוס'עס מחנה, אנגעמאכט א חורבן אין לאנד און אבגענומען די טראכאניטען. דאס האט נאך שטארקער אויפגעקאכט דעם אראבישען הערשער געגען הורדוס'ען, און ער האט איהם פער'מסר'ט פאר אויגוסטען. און דער לעצטער האט די מסירה אנגענומען — ער האט אנגעשריבען הורדוס'ען א בייזען בריעף, אין וועלכען ער האט איהם מודיע געווען, אז פון איצט אן וועט ער זיך בעציהען צו איהם נישט ווי צו א פריינד, נאר ווי צו א אונטערטעניגען פירשט. הורדוס האט זיך שטארק דערשראקען, און געשיקט שלוחים צו צעזאר'ן, זיך צו פערענטפערן; דער לעצטער האט זיי אבער נישט אנגענומען, און ערשט דאן ווען עס איז געקומען צו איהם הורדוס'עס גריכישער ראטגעבער, דער בעקאנטער ניקאלאאוס פון דאמאסקוס, און האט אויפגעוויזען דעם הערשער, אז הורדוס איז נישט אריבערגעטרעטען די גרענעצען פון זיין מאכט, — האט זיך אויגוסט בעפריעדיגט און אנגעשריבען הורדוס'ען א פריינדליכען בריעף.

אונטער דער צייט האבען זיך די הויפישע אינטריגעס און פאלשקייטען אלץ וויטער פערפלאנטערט און פערוויקעלט, און ענדליך איז צו הורדוס'ען דערגאנגען א נייע מסירה אויף די חשמונאישע פרינצען,— א נייע מסירה וועגען א פערשווערונג, מיט נייע עדות און נייע צוואנגס-אויספארשונגען, ביי דעם גאנג פון וועלכע די בעשולדיגטע אליין האבען ערקלערט, אז אין קיין פערשווערונג האבען זיי זיך נישט בעטייליגט און זיי האבען נאר געוואלט אנטלויפען פון פאטער'ס הויז, וויל זיי האבען נישט געקענט מעהר איבערטראגען די פיינדליכע בעציהונג צו זיי. הורדוס האט דאן געלאזען ארעסטירען די בעשולדיגטע זיהן און אוועקגעשיקט שלוחים צו אויגוסט'ען מיט דער בקשה, ער זאל ערלויבען, זיי צו בעשטראפען. אויף דעם האט אויגוסט צעזאר געענטפערט הורדוס'ען, אז ער ערלויבט איהם צו בעהאנדלען די פרינצען, ווי ער אליין פערשטעהט, נאר ער ראט איהם, צו בעשטימען וועגען דער גאנצער זאך א בעזונדער געריכט, מיט דער בעטייליגונג פון עטליכע העכערע רוימישע בעאמטע. און אזא געריכט איז ווירקליך צוזאמענגעשטעלט געווארען; דא איז אבער אויך פארגעקומען דאס איינענע, וואס מיט דער בעשולדיגטער קעניגין: דאס געריכט האט געוואלט צופריעדען שטעלען דעם צוקאכטען הערשער

און אַרויסגעטראָגען אַ טויט-אורטהייל איבער זיינע צוויי זיהן. די לעצטע זענען אויף הורדוס'עס בעפעהל אוועקגעפיהרט געוואָרען קיין סאַמאַריאַ און דאָרט, אין דער זעלביגער שטאָדט, וואו ער האָט מיט דרייסיג יאָהר צוריק געפייערט זיין חתונה-פערבינדונג מיט זייער אונגליקליכער מוטער, — איז אויסגעפיהרט געוואָרען איבער זיי די שרעקליכע טוידט-שטראָף (7).

הורדוס האָט געמיינט, אַז ער וועט שוין איצט קענען פריי אָבאָטעמען נאָך די אַלע אונרוהען און אינטריגעס; ער האָט אָבער אַ גרויסען טעות געהאַט. די פערשווערונג געגען זיינע צוויי זיהן, וועלכע איז אָנגעפיהרט געוואָרען פון זיין איצטיגען קרוין-יורש אַנטיפּאַטער, איז אייגענטליך געווענדעט געוועזען אויך געגען איהם אַליין, און די אויסגעפיהרטע טוידט-שטראָף האָט נאָר דערנעהנטערט זיין רייהע און איהם אַליין אַרויסגערוקט אין פאָדער-גרונד. אַנטיפּאַטער איז פון הורדוס'ען בעשטימט געוואָרען אַלס טראָנפאָלגער פון יהודה; דער „איבערגעגעבענער" זוהן האָט זיך אָבער נישט געפיהלט זיכער מיט דער ירושה, אַזוי לאַנג ווי דער פאָטער האָט געלעבט, און געלעבט האָט ער פאַר איהם שוין צו-לאַנג; אַנטיפּאַטער האָט מורא געהאַט פאַר די קלענערע דריי פּרינצען: אַרכעלאַוס, הורדוס-אַנטיפּאַ און פיליפּ, וועלכע האָבען זיך אויך איצט ערצויגען אין רוים, און געקענט צו יעדער צייט אַרויסטרעטען מיט טענות און תביעות צום אַלטען הערשער, און אויספועל'ן ביי איהם געוויסע פּריווילעגיעס. דער אדומי'שער זוהן האָט איצט דעריבער געשלאָסען אַ נייעם אָבמאַך מיט הורדוס'עס ברודער, פעראָר, לויט וועלכען ביידע האָבען גענומען אויף זיך צו אַרבייטען געמיינזאַם פאַר דער פערווירקליכונג פון זייער פערלאַנג — אומצוברענגען דעם אַלטען הערשער.

פעראָר'ן האָט געשטויסען אויף דעם וועג די פּערזענליכע שנאה, וואָס ער האָט געפיהלט צו זיין ברודער צוליעב אַ געוויסען סכסוך, וואָס האָט מיט אַ קורצער צייט צוריק אויסגעבראָכען צווישען זיי, און אָט די שנאה האָט אַנטיפּאַטער אויסגענוצט צו זיין צוועק. דאַנגעגען אָבער האָט סאַלאָמעאַ אָבגעטיילט זיך פון פעראָר'ן און איז געבליעבען טריי איהר קעניגליכען ברודער; דאָס האָט געצוואונגען די פערשוואוירענע זיך שטאַרק צו היטען, און אַזוי ווי אין דער פערשווערונג האָבען זיך בעטייליגט אויך אַנטיפּאַטער'ס מוטער, דאָרידאַ, פעראָר'ס פרוי מיט איהר מוטער און שוועסטער, פלעגען זיי בעזונדער אָבהאַלטען גע-

הײמע זיצונגען. די לעצטע איז געלונגען איבערצוקויפען הורדוס'עס לײב-דינער באגאאס און אויך א געוויסען שענעם יונגען מאן, קארוס, מיט וועלכען דער אלטער בעל עבירה איז געשטאנען אין אוננאטירליכע געשלעכטליכע בעציהונגען. און די איצטיגע פערשווערונג וואלט זיך זיכער איינגעגעבען, ווען נישט די שארפע שפיאנען-אויגען פון דער איבערגעגעבענער סאלאמעא, וועלכע האט אויפמערקזאם געמאכט הורדוס'ען אויף דער געפאהר, וואס איהם שטעהט פאר; ווי ס'זעהט אויס איז אבער צום קעניג נישט דערגאנגען דער גאנצער פערשווערונגס-פלאן מיט אלע זיינע איינצעלהייטען, און פעראר מיט אנטיפאטאר'ן זענען געבליבען נישט בעשטראפט. דער קעניג האט זיי נאר צושיידט און אוועקגעשיקט זיין ברודער אין דער טראכאניטען-געגענד הינטערן ירדן, וואו יענער איז שוין לאנג בעשטימט געווארען פון דער רוימישער מאכט אלס טעטראַרך; אנטיפאטאר ווידער האט דאן געבעטען זיינע רוימישע פריינד, זיי זאלען זעהען, אז הורדוס זאל איהם שיקען קיין רוים, און דער לעצטער, וועלכער האט אנטיפאטאר'ן אין קיין ערנסטער זאך נישט חושד געווען, האט איהם ווירקליך צוועקגעשיקט קיין רוים, אום צו בעקומען דארט די בעשטעטיגונג פון אויגוסט צעזאר אויף זיין לעצטער צואה, אין וועלכער ער האט איהם, אנטיפאטאר'ן, בעשטימט פאר זיין טראן-יורש.

דערווייל אבער איז דא פארגעקומען עטוואס אונערווארטעטעס, שרעקליכעס. פעראר איז פלוצלונג געשטארבען, און אזוי ווי עס האבען זיך פערשפרייט קלאנגען, אז ער איז געשטארבען פון א פערגיפטונג, האט הורדוס בעשטימט א גענויע אויספארשונג וועגען דעם גאנג פון זיין קראנקהייט און וועגען די לעצטע מינוטען פון זיין לעבען. און אט די אונטערזוכונג האט ענטדעקט דעם סוד, וועלכען קיינער האט זיך גאר נישט געקענט פארשטעלען: די בעשולדיגטע פרוי האט מודה געווען, אז פעראר מיט אנטיפאטאר'ן צוזאמען האבען בעשלאסען צו פערגיפטען דעם קעניג, און דאס גיפט איז שוין צוגעגרייט געווען, נאר צום סוף האט פעראר חרטה געהאט; דאן זענען שוין געקומען נאך עדות און אלע האבען אויפגעוויזען, אז אנטיפאטאר האט זיך א סך מאל פיינדליך אויסגעדריקט וועגען זיין פאטער און האט זיך ארומגעטראגען מיט דעם פלאן, איהם צו פערגיפטען.

די דאזיגע ענטדעקונג האט הורדוס'ען געטראפען, ווי א דונערשלאג. הייסט עס, אז אט דער זוהן, וועלכען ער האט אויפגעהויבען פון

זײַן נידעריגקײַט און בעשטימט פאַר דעם יורש פון דעם יהודה'שען טראָן, אַז דער זוהן, צוליעב וועלכען ער האָט זײַן שווערד אויפגעהויבען איבער די צוויי זיהן פון דער אונפערגעסליכער חשמונאי'שער קעניגין, — אַז אָט דער זוהן האָט איהם געוואָלט אומבריינגען! אַ שטורם האָט אויפגעברויזט אין הורדוס'עס ברוסט, און ער איז גרייט געווען דעם פערעטערישען זוהן מיט זײַנע אײַגענע הענד אויף שטיקער צו צורײַסען. ווי קריעגט מען איהם אָבער צוריק קיין ירושלים? הורדוס איז דעריבער געצוואונגען געווען, אָבצונאַרען אַנטיפּאַטער'ן און אײַנגאַנצען צו בעהאַלטען פון איהם זײַן גיפטיגען צאָרן. און דאָס האָט געווירקט: אַנטיפּאַטער האָט גאָרנישט געוואוסט פון פעראָר'ס טוידט און האָט זיך געלאָזען פאָהרען קיין ירושלים, און ווי נאָר ער האָט איבערגעטרעטען די טהיר פון פּאַטערס הויף, האָט איהם גלײַך בעגעגענט דער תלין מיט זײַנע אויסגעשטרעקטע אָרעמס. אויפ'ן צווייטען טאָג נאָך זײַן אָנקומען קיין ירושלים, איז אַנטיפּאַטער שוין געשטאַנען פאַר'ן גרויסען געריכט אונטער דער אָנפיהרונג פון דעם רוימישען שטעלפערטרעטער אין סיריען, קווינקטיליוס וואַרוס, וואָס האָט זיך דאַן געפונען אַלס גאַסט אין ירושלים. דאָ איז דורך אַ גאַנצער רייהע עדות קלאָר דערוויעזען געוואָרען אַנטיפּאַטער'ס שולד, און איהם איז נישט געבליעבען מעהר צו טאָן, ווי רחמים צו בעטען בײַ זײַנע ריכטער. אָט די תחנונים האָבען אָבער אויך קיינעם פון די ריכטער נישט גערירט, און דער קאַלטער, מערדערישער אַנטיפּאַטער האָט זײַן בלוטיגע שטראָף בעקומען. ער איז דערווייל געשמידט געוואָרען אין קייטען, און שלוחים זענען עקסטרא אַוועקגעשיקט געוואָרען צו אויגוסט צעזאַר קיין רוים, אום צו בעקומען פון דעם לעצטען די בעשטעטיגונג אויף דעם טוידט-אורטהײל, וואָס דאָס געריכט האָט אַרויסגעטראָגען איבער דעם יהודה'עאישען קרוין-פּרינץ.

די דאָזיגע שרעקליכע איבערלעבונגען און גײַסטיגע אונרוהען האָבען זיך זעהר שלעכט אָבגערופען אויפ'ן געזונדס-צושטאַנד פון דעם זיעבציגיעהריגען הערשער, און ער איז גרויף אויף דער בעט, פון וועלכער ער איז שוין מעהר כמעט נישט אַראָב. הורדוס האָט געפיהלט, אַז עס רוקען זיך אָן זײַנע לעצטע טעג, און ער האָט קודם-כל זיך געאײַלט אָנצושרײַבען אַ נײַע פּאָליטישע צואה, אין וועלכער ער האָט בעשטימט זײַן זוהן הורדוס-אַנטיפּאַ אַלס מלוכה-יורש. דאָס איז אָבער נאָך נישט געווען זײַן לעצטע אַרבײַט—איהם איז נאָך בעשערט געווען צו פערגיעסען דאָס בלוט פון נאָך אַ פּאָר צעהנדליג יהודה'עאישע פּאַטריאָטען און

ארויסצורופען געגען זיך נאך טויזענדער גיפטיגע קללות, וואס האבען איהם שוין בעגלייט ביז'ן קבר. דאס איז פארגעקומען אויף דעם פאל־גענדען אופ'ן: נישט האבענדיג קיין ריכטיגע ידיעות וועגען הורדוס'עס געזונדס־צושטאנד, האבען זיך אין שטאדט ארומגעטראגען ידיעות, אז דער קעניג האלט ביים שטארבען אדער איז שוין געשטארבען. דאס האט צוגעגעבען מוט א קליינעם הייפעל בעגייסטערטע פרושים־פאטריאטען, אונטער דער אנפיהרונג פון די בעריהמטע געלעהרנטע און געזעץ־קענער יהודה בן צריפה און מתיתיהו בן מרגלת, און זיי האבען בעשלאסען אפען צו דעמאנסטרירען די אונאבהענגיגקייט פון יהודה און די צוגעבונדענקייט פון איהרע זיהן צו די געזעצען פון דער תורה. צו דעם צוועק האבען אט די צוויי געלעהרנטע צוזאמען מיט זייער גאנצער מחנה תלמידים זיך אוועקגעלאזען אין א בעשטימטען טאג צו די טויערן פון בית־המקדש, און אראבגעריסען פון דארטין דעם גאלדענעם רוימישען אדלער — דעם סימבאל פון געצענדיענסט און שקלאפעריי. דערביי האט זיך דער גאנצער עולם געפונען אין בית־המקדש, און ווען א מחנה פון הורדוס'עס סאלדאטען איז געקומען צו לויפען אויפ'ן פלאץ פון דער רע־וואלוציאנערער דעמאנסטראציע, האבען זיך גאנץ ווייניג געפרובט אנטלוי־פען און די צוויי אנפיהרער צוזאמען מיט פירציג פון די תלמידים זענען געבראכט געווארען פאר דער גסיסה־בעט פונ'ם אייזערנעם הערשער. דא האט אין דעם אויסגעהענדען טיראן נאך איין מאל ערוואכט דער אינסטינקט פון ווילדער נקמה צוזאמען מיט דער ליידענשאפט צו זעהען פערגאסענעם מענשליכעם בלוט; עס האט זיך אנגעהויבען דער פערהער, און דא איז ווידער הורדוס'ען אויסגעקומען צו הערען אזא טאן, וועלכען ער האט זיך געוויס נישט פארגעשטעלט צו הערען פון א גאנצער גרופע יהודה'־ער, אויף דעם זיבען און דרייסיגסטען יאהר פון זיין הערשען אין לאנד. אויף הורדוס'עס פראגע, צי זיי האבען געוואגט אראבצורייסען דעם גאלדענעם אדלער? ענטפער'ן די בעשולדיגטע פריי און אפען: יא! אויף זיין צווייטער פראגע: אויף וועמענס בעפעהל? — ענטפערן די זעל־ביגע: „אויף דעם בעפעהל פון אונזער תורה”, און ענדליך אויף זיין דריטער פראגע: פארוואס זענען זיי פרעהליך, ווען זיי שטעהט פאר א באלדיגער טוידט, — האבען זיי געענטפערט: „וויל נאכ'ן טוידט ער־ווארט אונז דאס גרעסטע גליק”. א אויפגעקאכטער האט ער זיי אלע געלאזען אבפיהרען קיין ירחו, וואו זיי זענען פערברענט געווארען לע־בעדיגערהייד, און אויסער דעם האט ער נאך אבגעזאגט פון זיין פאסטען

דעם כהן גדול מתיתיהו דערפאר, וואס ער האט דערלאזען די מאגיפעסטאציע.

אונטער דער צייט איז פון אויגוסט'ען אנגעקומען די ערלויבניש, אויסצופיהרען די שטראף איבער אנטיפאטאר'ן. דער קראנקער דעספאט האט דערשפירט דעם טעם פון בלוטיגער נקמה, און איז ווי ניי בעלעבט געווארען; באלד האט איהם אבער די שרעקליכע קראנקהייט וויעדער בעהערשט, און זיינע יסורים זענען אזוי גרוים געווען, אז ער האט געחאפט א מעסער און געוואלט אליין זיך דאס לעבען נעהמען. די נאהנטע האבען איהם אבגעהאלטען פון דעם שריט, און אין שטאדט האבען זיך דערוויל פערשפרייט קלאנגען, אז דער קעניג איז שוין געשטארבען; די דאזיגע קלאנגען האבען זיך דערטראגען אויך צו אנטיפאטאר'ן אין געפענגניש, און ער האט געפרובט אונטערקויפען זיין וועכטער, אום יענער זאל איהם בעפרייען; דער וועכטער האט אבער דעם גאנצען פלאן פון דער פערשווערונג איבערגעגעבען אין הויף, און דאס האט הורדוס'ען אזוי אויפגערייצט, אז ער האט בעפויהלען גלייך אויסצופיהרען די טויט-שטראף איבער דעם געפאנגענעם זוהן, און דאס לעצטע איז באלד געשעהען. דער פאקט פון טויטען דעם דריטען זוהן האט געמאכט אנ'אונגעהויערען איינדריק אויך אויסער די גרענעצען פון יהודה, און דער רוימישער הערשער האט זיך אויסגעדריקט, אז ער וואלט שוין בעסער וועלן זיין הורדוס'עס א חזיר איידער זיינער א זוהן.

אלס א פראדוקט פון די אלע שוידערהאפטע רציחות האבען זיך שפעטער אויסגעבילדעט פערשידענע לעגענדעס וועגען געוויסע בעפעהלען, וואס הורדוס זאל האבען ארויסגעגעבען פאר זיין טויט. צו די לעצטע געהערט אויך דער כלומר'שטער בעפעהל, צונויפצוזאמלען די אנגעזעהענסטע לייט פון יהודה אין איין ארט און זיי אלע אויסצו'הרג'ענען אין דעם טאג פון זיין טויט, כדי דאס פאלק זאל האבען צו בעוויינען דעם טויט פון זיינע בעסטע קינדער און נישט קאנען דערוויל אויסדריקען זיין שמחה איבער דעם, וואס עס איז בעפרייט געווארען פון דעם פערהאסטען טיראן.

אויפ'ן פינפטען טאג (4 פאר דער נייער צייטרעכנונג) נאך דער אויסגעפיהרטער טויט-שטראף איבער אנטיפאטאר'ן איז הורדוס געשטארבען (אויפ'ן ניין און זעכציגסטען יאהר פון זיין לעבען). זיינע קרובים און מיליטערישע בעאמטע האבען מיט א אונגעוועהנליכען פאראד אי-

בערנעפיהרט זיין קערפער פון יריחו קיין הערארדיום, — די פעסטונג וואס דער פערשטארבענער הערשער האט פאר זיין לעבען געלאזען אויפשטעלען אויף זיין נאמען צו דרום-זייט פון ירושלים; דאס פאלק אליין האט זיך אבער אין דעם טרויער נישט בעטהייליגט, און אנשטאט צו בעוויינען דעם טויט פונ'ם „גרויסען" הערשער, ווי עס האבען איהם גערופען זיינע נישט-יודישע מקורבים, האבען זיינע יהודה'עאישע אונ-טערטאנען זיך געקענט נאר פרעהען מיט דער ענדע פון דעם „ארומי'-שען עבד", וואס האט זיך מיט'ן בלוט פון פאלק און זיינע געזעצלי-כע פיהרער דערשלאגען א וועג צו דעם טראן פון יהודה און גאנצע זיעבען און דרייסיג יאהר זי געשטיקט און מיט די פיס געטרעטען איהרע הייליגקייטען.

צווייטעס קאַפּיטעל.

אַרכעלאָוס און די ערשטע פאָלקס-בעוועגונגען.

(פון 4 פאר ביז 6 נאָך דער קריסטליכער ערא).

דער לאַנג-ערוואַרטעטער טויט פון דעם בלוטיגען דעספּאָט האָט פונ'ם ניי אויפגעוועקט אין פאָלק זיין גאַנצען פערביטערטען כעס פאַר די אַלע אכזריות'דיגע דריקונגען און בעליידיגונגען, וואָס עס האָט איבערגעטראָגען פון איהם אין די יאָהרען פון זיין הערשען. הורדוס האָט, אמת, אַ סך אויפגעטאָן פאַר'ן לאַנד: אין זיין צייט האָט יהו-דה פערנומען דעם זעלביגען שטח, וואָס אין די גליקליכסטע צייטען פון די חשמונאים; די שטעדט זענען איבערגעבויט און פערשענערט געוואָרען; די האַפענס פון ים זענען פול געוועז מיט שיפען פון די פערשידענסטע לענדער און דער האַנדעל האָט געבליהט; דער בית המקדש האָט געשטראַהלט אין זיין אונגעוועהנליכער, פרעכטיגער שענהייט און האָט דערמאָהנט אָן די גליקליכע צייטען פון דוד און שלמה, — דעם פאָלק אַליין האָבען אָבער אָט די אַלע גליקען נאָר געררייצט און פערוואונדעט. אַליין אַ דורכגעדרונגענער ליעבהאָבער און פערעהרער פון דער גריכיש-רוימישער קולטור מיט איהרע קערפּערלי-

לע אויסגעלאסענקייטען, מיט איהר זינליכען לעבענס-קולט, האט דער אדומי'שער הערשער פון יהודה, ביי אלע זיינע אונטערנעהמונגען פאר'ן לאנד, אין זינען געהאט אייגענטליך נאר די אדומיגע, פרעמדע פעלקער, בעזונדערס — די רוימער; איהם האט געפעהלט די אינערליכע צוגעבונדענקייט און אכטונג צו די רעליגיעזע און נאציאנאלע טראדיציעס פון דעם יהודה'שען פאלק, וואס האט פארגעשטעלט מיט זיך פונקט דעם היפך פון דער רוימישער וועלט-אנשויאונג; און אזוי איז אויסגעקומען — אפטמאל אויך געגען זיין ווילען — אז צוזאמען מיט די נוצען, וואס ער האט געבראכט זיין לאנד איז געוואקסען די שנאה צו איהם פון דער היימישער בעפעלקערונג. הורדוס האט רייך געמאכט יהודה, דערביי האט ער אבער ארויסגעפרעסט פון די יהודה'ער דעם לעצטען טראפען פון זייער פערהארעוועטען פערמעגען, אום צו לאזען אויפשטעלען אויף זיין רעכנונג געצענדיענערישע טעמפלען אין דער גאנצער מזרח-וועלט; הורדוס האט פערשענערט דאס לאנד מיט א גאנצער רייהע ניי-אויפגעבויטע שטעדט, פעסטונגען, טעמפלען און פאלאצען, די לעצטע האבען אבער אלע געטראגען די נעהמען פון רוימישע מאכטהאבער אדער פון זיינע אייגענע פאמיליען-מיטגליעדער, און אויף אזא אופן פערלעצט דאס נאציאנאלע געפיהל פון פאלק; דאס זעלביגע איז פארגעקומען אויך מיט'ן בענייטען בית המקדש, אויף וועלכען הורדוס האט געלאזען אויפהענגען א צייכען פון דער רוימישער מאכט. צו דעם אלעמען איז נאך צוגעקומען די שנאה פון פאלק צו זיין דעספאטישען הערשער, וואס האט אומגעבראכט די בעסטע זיהן פון דער אומה און פיעל פון זיי געפייניגט אין געפענגעניש — עס איז נאך פריש געווען דער רושם פון דעם אכזריות'דיגען טויט, מיט וועלכען הורדוס האט ערשט נישט לאנג געלאזען אומברענגען די העלדישע פאטריאטען פאר זייער דעמאנסטראציע געגען דעם רוימישען אדלער.

און אט, מיט דער שטימונג פון פאלק איז אויסגעקומען זיך צו בעגעגענען דעם נייעם הערשער פון יהודה, ארכעלאוס'ען. הורדוס האט אויסער די זיהן, וואס ער האט געלאזען אומברענגען, געהאט נאך זעקס זיהן (פון זיינע צעהן פרויען) און נאך די פערשידענע צוואות, וועלכע ער האט שוין געהאט געשריבען און מבטל געווען, האט ער אין די לעצטע טעג פון זיין לעבען געמאכט נאך איין שריט, וואס האט ווידער געפיהרט צו פאמיליען-סכסוכים און מחלוקת: נישט

געפינענדיג צװישען זײַנע זיהן די אײנציגע פּאַסיגע פּערזאָן, װאָס זאָל
זיך קענען אַװעקשטעלען בּראש פון דער גאַנצער מלוכה, האָט ער
זי צוטײלט אויף דרײַ פּראָװינצען און זײ אײַנגעטײלט לויט דעם פאָל־
גענדען סדר: זײַן זוהן פון דער שומרונ׳ערין מאַלטאַקאַ, אַרכעלאַ־
אוס׳ען, האָט ער איבּערגעגעבּען יהודה מיט׳ן טיטול קעניג; דעם
צװײטען זוהן, הורדוס־אַנטיפּאַ — גליל און פּערעאַ, מיט׳ן
טיטול טעטראַרך, און דעם יונגסטען זוהן, פיליפּ — די טעטראַרכיע
אויף יענער זײַט ירדן, װאָס איז בּעשטאַנען פון די װילד־בּעפעלקערטע
געגענדען בּשן, טראַכאָניטיס און פּאַניאַס. בּײַ דער חלוקה פון יהודה
האָט דער אדומי נישט פערגעסען אויך אָן די איבּריגע מיטגליעדער פון
זײַן פאַמיליע; זײַן געטרײַער שװעסטער, שלומית, האָט ער אָבּגע־
שריעבּען די הכנסות פון עטליכע שטעדט, און די װײַטערע קרובים —
גרויסע אַרענדעס און בּעדײַטענדע סומען געלד.

צופריעדען מיט דער צואה איז געבּליעבּען נאָר אײן אַרכעלאוס,
און די איבּריגע יורשים, צו װעלכע עס איז צוגעשטאַנען אויך די דער־
מאָהנטע שלומית, האָבּען געװוכט צו װירקען אויף דעם רוימישען הער־
שער, ער זאָל די צואה נישט בּעשטעטיגען. דאָס האָט בּעװאויגען
אַרכעלאַוס׳ען, זיך צו פערזאָרגען מיט דער שטיצע פון פאָלק, און
גלײַך נאָכדעם, װי די אַרמעע האָט איהם בּעגריסט אַלס קעניג, איז ער
געקומען קײן ירושלים. דאָ איז ער אָבּגעזעסען „שבעה“, און קומענדיג
אויפ׳ן אַכטען טאָג אין בּית־המקדש, האָט ער זיך געװענדעט צום
פערזאַמעלטען פאָלק מיט אַ בּעגריסונגס־רעדע, אין װעלכער ער האָט
איהם צוגעזאָגט אַלערלײ פרײַהײַטען און גליקען. דאָס פאָלק האָט זיך
אָבּער פון די הבטחות נישט געלאָזען פערפיהרען, און האָט אַרויסגע־
שטעלט דעם קרוין־יורש אַ רײַהע קלאָר־פאָרמולירטע פאָדערונגען, װעלכע
האָבּען געזאָלט אינגאַנצען ענדערן דעם בּיזהעריגען רעגיערונגס־סיסטעם
און עפענטליך אַנערקענען די רעכט, װאָס דאָס פאָלק האָט, זיך אַלײן
צו בּעשטימען זײַנע געזעצען און לעבּענס־פאָרמען. אין דער רײַהע פאָדע־
רונגען האָבּען זיך געפונען אויך די: צו פערמינדערן די שװערע יעהר־
ליכע שטײַערן; צו בּעפרײַען פון יעדען אָבּצאָהל די נויטװענדיגסטע
לעבּענס־פּראָדוקטען; פרײַצולאָזען אַלע פּאָליטישע געפאַנגענע, װאָס
פּײַניגען זיך אין די ציטאַדעלען און געפענגענישען; שטרענג צו בּע־
שטראָפען די ריכטער, װאָס האָבּען אַרויסגעטראָגען אַ טויט־אורטײל
איבּער די פּאַטריאָטישע צושטערער פון דעם רוימישען אָדלער און

אַראָבּצוזעצען פון זיין אַמט דעם פערהאַסטען כהן=גדול יועזר .

אַרכעלאוס האָט אויסגעהערט די טענות פון פאָלק און געפּרובט
פערציהען די זאַך אויף אַ געווּיסע צייט ; ער האָט ערקלערט די פערזאַ=
מעלטע, אַז ער וועט די אַלע פאָרערונגען בעטראַכטען, ווען די רוימי=
שע מאַכט וועט איהם בעשטעטיגען אַלס הערשער פון יהודה, און דער=
ווײַל זאָל דאָס פאָלק רוהיג בלײַבען. דאָס פאָלק האָט אָבער נישט גע=
וואָלט און נישט געקענט בלײַבען רוהיג : עס האָט געהאַסט די אדומ׳ער
און זיך געוואָלט בעפרײַען פון זײַער גזלני׳שער הערשאַפט , און ווען די
שלוחים פון דעם נײַען הערשער זענען געקומען צום פאָלק מיט דער
דיפּלאָמאַטישער תשובה , זענען זיי בעגעגענט געוואָרען מיט הילכיגע
פײַנדליכע געשרײַען געגען דער גאַנצער דינאַסטיע פון די אדומי׳שע
שקלאַפען . אַלע אַכזריות׳דיגע דריקונגען , אַ רײַהע גראָבע פערלעצונגען
פון די הייליגסטע יהודה׳שע געפיהלען , די גאַנצע פרעמדקײַט און פער=
אַכטונג בנוגע צו דעם יהודה׳שען פאָלק און זיין נאַציאָנאַלען גײַסט, וואָס
האָט זיך געשפּירט אין יעדען שריט פון דעם אדומי׳שען הויף , — אַלץ
האָט איצט אויפגעוואַכט אינ׳ם זכרון פון די פּאַטריאָטיש צופלאַמטע
פאָלקס=מאַסען , און דער דאָזיגער פאָלקס=צאָרן איז געוואָרען וואָס ווײַ=
טער אַלץ דראָהענדער צוזאַמען דערמיט , ווי עס האָבען אָנגעהוי=
בען אָנקומען אין ירושלים גרויסע מחנות עולי=רגל (פּילגרימען) פון
אַלע עקען לאַנד צוליעב דעם יום=טוב פּסח .

עס האָט געשמעקט מיט אַ פאָלקס=אויפשטאַנד , און אַרכעלאוס
האָט זיך גענומען פאַר׳ן געוועהר . דער ערשטער בלוטיגער צוזאַמענ=
שטויס איז פאָרגעקומען ערב פּסח , ווען די אונאויפהערליך=וואַקסענדע
פאָלקס=מאַסע האָט אויסגעדריקט איהר פּראָטעסט געגען די אדומ׳ער
אין אַ פײַערליכער מאַניפעסטאַציע . אַרכעלאוס האָט דאַן אַרויסגעשיקט
געגען די מאַניפעסטאַנטען אַ מחנה סאָלדאַטען ; דאָס האָט אָבער נאָכ=
מעהר אויפגערייצט די פּאַטריאָטען , און זיי האָבען בעגעגענט די סאָל=
דאַטען מיט שטײַנער . פון די לעצטע זענען אַ סך פערוואונדעט געוואָרען
און די איבריגע זענען זיך צולאָפען; דערמיט האָט זיך אָבער דער צוזאַ=
מענשטויס נאָך נישט געענדיגט . די מאַניפעסטאַנטען האָבען זיך פער=
זאַמעלט אין בית=המקדש , וואו זיי האָבען אויף אַ ווײַלע געשטילט זײַער
צאָרן און זענען צוגעטרעטען צו דער פײַערונג פון דעם „קרבן=פּסח" ;
דאָס האָט דער יונגער אדומי אויסגענוצט און צוזאַמענגענומען אַרום
בית=המקדש דיזס גאַנצע מיליטער , וואָס האָט זיך געפונען אין דער

הויפטשטאדט. א מחנה רייטער=סאלדאטען האט בעוואכט די ארויסגאנגס=טויערן און געטויט די אנטלאפענע, און אין דער זעלביגער צייט האט זיך דאס פוס=מיליטער אריינגעריסען אין בית=המקדש און אויסגעהרג'עט פון דעם פערזאמעלטען פאלק ביז דריי טויזענד מאן. גלייך נאך דער שחיטה האט ארכעלאוס בעפעהלען, נישט צו פייערן דאס יאהר (4) אינ=גאנצען דעם יום=טוב פון קרבן פסח, און די טויזענדער אנגעקומענע עולי=רגל זענען געצוואונגען געווארען, צו פערלאזען די היילינגע שטאדט. אזוי האט דער זוהן פון דעם אדומי'שען טראן=רויבער געמאכט זיין ערשטען שריט אויף דעם וועג צו דער קרוין פון יהודה; דאס פאלק האט זיך דאן נאכמעהר איבערצייגט, אז עס האט נישט צו ערווארטען קיין גוטס פון הורדוס'עס יורשים, און ארכעלאוס האט אויך געזעהען, אז ער האט גאנץ ווענינ צו רעכנען אויף דער שטיצע פון פאלק אין זיין קאמפף מיט די איבריגע יורשים.

און די לעצטע האבען נישט געשוויעגען. די שחיטה אין ירושלים האט זיי געדיענט אלס שטאף פאר א בעשולדיגונג געגען ארכעלאוס'ען, און זיי זענען דערמיט אוועק קיין רוים, אום צו ווירקען אויף אויגוסטען. דאס האט געצוואונגען ארכעלאוס'ען זיך צו פאהרען פערטיידיגען, און ער האט געמוזט פערלאזען די יהודה'שע הויפטשטאדט. איבערלאזען דער בעפעלקערונג אין דעם צושטאנד אהן א בעדייטענדער שמירה האט ער אבער מורא געהאט, און אויף זיין פערלאנג האט דער רוימישער לעגאט אין סיריען, קווינטיליוס ווארוס, אריינגעפיהרט אין ירושלים איינעם פון די דריי לעגיאנען, וואס ער האט געהאט אין זיין רשות. דערביי איז ווארוס אליין געבליבען אין אנטיוכיא, וואו ער האט געהאט זיין הויפט=קווארטיר, נישט זעהענדיג אין דער אונרוהיגער יהודה'שער בעפעלקערונג קיין געפאהר פאר דער רוימישער מאכט. דער=וויל זענען אבער אין רוים דערגאנגען ידיעות וועגען א אויפשטאנד אין ירושלים געגען די הערא֗דיאנער און רוימער, און אויגוסט האט געפונען פאר נויטיג צו שיקען קיין יהודה א ספעציעלען פראקוראטאר אויף צו=ריקצושטעלען די ארדנונג אין לאנד. דער לעצטער, א געלדגיעריגער און אכזריות'דיגער אדמיניסטראטאר מיט'ן נאמען סאבינוס, איז אנגע=קומען קיין ירושלים גלייך נאך ארכעלאוס'עס אבפאהרען; דא האט ער פערנומען דעם קעניגליכען פאלאץ און געוואלט בעקומען אין זיינע הענד די קעניגליכע רייכטימער און די אוצרות פון בית המקדש, און אזוי ווי דאס האט זיך איהם נישט לייכט איינגעגעבען, האט ער געזוכט פער

שיעדענע מיטלען, ארויסצורופען חאטש וועלכען ס'איז אויפשטאנד פון פאלק. און אויף דעם האט ער נישט געדארפט לאנג ווארטען: זיין אכזריות'דיגע בעציהונג צו דער בעפעלקערונג פון יהודה איז דערגאנגען ביז אזוי וויט, אז ביים פאלק איז ענדליך רעכט געווארען ארויסצוטרעטען אין א אפענעם קאמפף געגען דעם מעכטיגען גארניזאן פון די בעדריקער.

דאס איז געווען אינ'ם יום-טוב שבועות. מחנות פון טויזענדער עולי-רגל האבען וויעדער פערפלייצט די גאסען פון דער הייליגער הויפט-שטאדט און וויעדער איז דאס הארץ פון פאלק צופלאמט געווארען פון די דריקונגען, גזירות און בעליידיגונגען, וואס עס הערט נישט אויף אויסצושטעהן פון דער געצענדיענערישער מאכט. א שטראם פון ווילדער פערצווייפלונג האט בעהערשט דער גאנצער מהנה פאטריאטען און, ווי פון זיך אליין, זענען אויסגעוואקסען פיהרער, וועלכע האבען איינגעטיילט די מאניפעסטאנטען אין דריי אבטיילונגען: איינע האט פערנומען דעם היפאדראם, א צווייטע — דעם בית המקדש און די דריטע האט זיך בעפעסטיגט ארום דעם קעניגליכען פאלאץ אין דעם העכערן טייל פון שטאדט, וואו עס האט זיך געפונען סאביניוס. דער לעצטער האט זיך דאן דערשראקען פאר די יהודה'שע רעוואלוציאנערען, און האט זיך ארויפגעקליבען אויף דעם הויכען פאזאעל-טורעם; זיינע סאלדאטען האט ער אבער בעפעהלען אבצושלאגען די אטאקע פון די פאטריאטען, און ביי די ווענט פון בית המקדש איז פארגעקומען א בלוטיגע שלאכט. די פאטריאטען האבען פערנומען די דעכער פון די אויסערליכע בית המקדש-גאלערעען און פון דארטין באמבארדירט די רוימער מיט קוילען און שטיינער; דאן האבען די לעצטע אונטערגעצונדען די גאנצע קאלאנאדע און באלד איז די אויסערליכע געביידע פון בית המקדש געשטאנען אינגאנצען אין פלאמען.

העלדישע קעמפפער זענען פערברענט געווארען אונטער די פאלענדע חורבות, און יענע, וואס האבען זיך געראטעוועט פון פייער, זענען אומגעקומען פון די רוימער. און מעהר האבען די לעצטע נישט געדארפט: זיי האבען זיך גלייך אריינגעריסען אין בית המקדש, וואו זיי האבען גערויבט און געגנב'עט אונגעשטערט, און דער „העלדישער" סאביניוס, וועלכער האט איצט אויך שוין געוואגט זיך צו בעטייליגען אין דער „קריעגס-אפעראציע", האט אוועקגערויבט פאך זיך אליין פון דער בית-המקדש-קאסע — פיער הונדערט טאלאנטען.

די דאָזיגע שענדונג פון דעם הײליגען טעמפעל האָט אַרײנגעגע-
בען נאָכמעהר עקשנות און פערצװײפלונג די געבליעבענע פּאַטריאָטי-
שע קעמפפער. זײ האָבען בעלאַגערט דעם קעניגליכען פּאַלאַץ און
אונטערלעגענדיג מינעס אונטער די טורעמס, האָבען זײ געדראָהעט
די בעלאַגערטע, (צװישען װעלכע עס האָט זיך געפונען אויך סאַבינו-
יוס) און זײ געװאָרענט, זיך אונטערצוגעבען. צו די רעװאָלוציאָנע-
רען איז צוגעשטאַנען אויך אַ טײל פון הורדוס'עס אַרמעע, און סאַבינו-
יוס'ען איז צוגעזאָגט געװאָרען פאָלשטענדיגע אונבערירהרליכקײט, אויב
ער װעט אַרויסגעהן מיט זײנע סאָלדאַטען און פערלאָזען ירושלים.
ער האָט אָבער מורא געהאַט זיך אָנצופערטרויען די, װאָס האָבען
פון איהם אַזוי פיעל געליטען, און בעשלאָסען זיך צו בעפעסטיגען
אין דעם ציטאַדעל פון פּאַלאַץ, ביז װאַרוס װעט איהם קומען צו
הילף.

און אין גאַנצען לאַנד האָט דערװײל געהערשט אַ פאָלשטענדיגע
אַנאַרכיע. די מאַכט פון די רוימער איז אויף אַ קורצע צײט אָבגע-
שװאַכט געװאָרען, און בײ דער פערביטערטער שנאה, װאָס די
פאָלקס-מאַסען האָבען געטראָגען אין הארצען צו די רוימער און צו
דער הערָאָדיאַנישער דינאַסטיע, איז גאַנץ לײכט אָנגעקומען פערשיע-
דענע „העלדען", צונויפצוזאַמלען אַרום זיך גאַנצע מחנות „אונצופריע-
דענע"; און אַזוי האָט כמעט יעדער װינקעל פון לאַנד געהאַט אַ בע-
זונדער אויפשטאַנד, מיט אַ בעזונדער אָנפיהרער און אויך — מיט
גאַנץ בעזונדערע ציעלען. הורדוס'עס אַ געװעזענער שקלאַף, אַ געװי-
סער שענער און העלדישער מאַן מיט'ן נאָמען שמעון, איז געשטאַ-
נען בראש פון אַ מחנה קעמפפער, װאָס האָט איהם אָנערקענט פאַר
אַ קעניג, און ער האָט פערברענט דעם שענעם קעניגליכען פּאַלאַץ,
װאָס הורדוס האָט געלאָזען אויפבויען אין יריחו. אַ צװײטען קעניגלי-
כען פּאַלאַץ אין ליװיאַס, נישט װײט פון ירדן, האָט פערברענט אַנ'-
אַנדער אָנפיהרער, װאָס איז אויך געשטאַנען בראש פון אַ אײגענער
מחנה. אַ דריטע גרופּע, װאָס איז בעשטאַנען פון דעם געװעזענעם
פּאַסטוך אַטראָנגעס מיט זײנע פיער ברידער, האָט אויך אָרגאַני-
זירט אַ קאַמפּפס-מחנה, װאָס איז בעפאַלען די רוימער און האָט זיך
העלדיש געשלאָגען מיט זײ. און אַזוי האָט דאָס גאַנצע לאַנד פאַר-
געשטעלט מיט זיך אײן גרויסע שלאַכט-פעלד; שטעדט זענען חרוב
געװאָרען, בלוט האָט זיך געגאָסען טײכען-װײז. דאָס גאַנצע פריעד-

ליבע לעבען איז געשטערט געוואָרען, און אין דעם אַלעמען איז קיין זין און קיין סיסטעם און קיין איינינקייט נישט געוועזען — די אַנאַרכיע האָט געוועלטיגט.

אין דעם כאַאָס פון איינגענוציגע אויפשטאַנדען און ווילדע מהומות האָט זיך אויסגעצייכענט מיט אמת'ער ליעבע צום פאָלק נאָר איינער פון די אַלע פראָווינציעלע רעוואָלוציאָנערען. דאָס איז געוועזען אַ זוהן פון דעם גאַליל'ער חזקיה, וועלכען הורדוס האָט געהאַט געטויט פאַר זיין אויפשטאַנד געגען די רוימער, מיט'ן נאָמען יהודה. אָט דער יהודה הגלילי (פון גליל) האָט צוזאַמענגענומען אַרום זיך אַ מחנה בעגייסטערטע עהרליכע פאַטריאָטען און מיט זיינע אָנפאַלען אויף די רוימישע און הערָאָדיאַנישע סאָלדאַטען האָט ער די לעצטע נישט וועניג שאָדען געבראַכט. בעפאַלענדיג די שטאָדט צפורה, האָט ער פערנומען דאָס גאַנצע געוועהר, וואָס האָט זיך געפונען אין דעם דאָרטיגען קעניגליכען אַרסענאַל און דערמיט בעוואָפענט זיין מחנה, וועלכע איז פון טאָג צו טאָג גרעסער און פּאָפּולערער געוואָרען.

ענדליך האָט זיך אָבער וואַרוס דערוואוסט פון די אַלע אונרוהען, און ער האָט מאָבּיליזירט דאָס גאַנצע רוימישע מיליטער, וואָס ער האָט געהאַט אין זיין רשות (איבער צוואַנציג טויזענד מאַן). צו דער מחנה איז נאָך צוגעקומען אַ גרויסע צאָהל אַראַבישע סאָלדאַטען פון דעם שכנ'ישען נאַבאַטעא'ישען קעניג, וועלכער האָט איצט בעקומען אַ גינסטיגע געלעגענהייט, זיך נוקם צו זיין אָן יהודה פאַר דער מפּלה, וואָס ער האָט געהאַט, זיך שלאָגענדיג מיט הורדוס'ען. דער מאַרשרוט פון וואַרוס'עס אַרמעע איז געוועזען דורך גליל; דאָ האָט זיך צופלאַקערט אַ בלוטיגע שלאַכט צווישען די רוימישע סאָלדאַטען און אַ מחנה פאַטריאָטען, אונטער דער אָנפיהרונג פון יהודה הגלילי, פאַר דער שטאָדט צפורה; דער קאַמפּף האָט זיך געענדיגט מיט דעם נצחון פון די רוימער: יהודה מיט זיין מחנה איז אַנטלאָפען, די שטאָדט איז אינגאַנצען פערברענט געוואָרען און די איינוואוינער זענען פערקויפט געוואָרען פאַר שקלאַפען. דעם זעלביגען גורל האָט געהאַט אויך די שטאָדט חמת (עמאַוס), וואו עס האָט געהערשט דער אָנפיהרער אַנטראָנגעס, און אויך דער לעצטער איז אַנטלאָפען מיט אַ גרויסען טייל פון דער בעפעלקערונג. פון דאָרטין האָט זיך וואַרוס אוועקגעלאָזען קיין שומרון, וואו די בעפעלקערונג האָט זיך איינגענטליך

ניט בעטייליגט אין קיין אויפשטאַנד ; די רוימישע סאָלדאַטען האָבען דאָ דעריבער קיינעם פון דער בעפעלקערונג נישט געריהרט , נאָר דער אַראַבישער אַוואַנגאַרד האָט נערויבט און חרוב געמאַכט אַלץ, וואָס ער האָט בעגעגענט אויף זיין וועג .

אין ירושלים גופא האָט וואָרום שוין קיין סך אַרבייט נישט געהאַט. דערזעהענדיג די אונגעהויערע מאַכט פון דעם רוימישען לעגאַט האָבען זיך די פּאַטריאָטישע קעמפפער דערשראָקען און אינגאַנצען אויפגעגעבען די בעלאַגערונג . די אָנגעקומענע רעוואָלוציאָנערען פון דער פּראָווינץ זענען זיך צולאָפען יעדערער אין זיין היים און די איינוואוינער פון דער הויפּשטאָדט האָבען זיך אָבגעזאָגט פון דער רעוואָלוציע . דאָס האָט פון דעסטוועגען נישט אָבגעהאַלטען דעם זיעגער פון בעשטראָפען די בעזיעגטע: וואָרום האָט פונאַנדערגעשיקט קליינע מיליטער=אָבטיילונגען איבער'ן גאַנצען לאַנד , און אויף אַזאַ אופן איז איהם געלונגען צו פאַנגען אַרום צוויי טויזענד פּאַטריאָטען, וועלכע ער האָט געלאָזען אויפהענגען . דער בעפרייטער סאַבּיניוס איז אויך אַנטלאָפען גלייך פון ירושלים — ער האָט מורא געהאַט, וואָרום זאָל איהם נישט בעשטראָפען פאַר זיינע אונגעזעצליכקייטען .

אַזוי האָט זיך געענדיגט דער ערשטער אויסברוך פון דעם יהודה'שען פאָלקס=צאָרן , — דער אויסברוך , וואָס איז געווען ווילד און סטיכיש, ווי דער צאָרן פון פאָלק אַליין , און האָט מעהר פון אַלעמען נוצען געבראַכט דער רוימישער מאַכט . די רוימער האָבען איצט נאָכמעהר פערפעסטיגט זייער פּאָזיציע אין יהודה, אַזוי אַז דאָס לאַנד האָט זיך שוין פאַקטיש געפונען אונטער דער אונמיטעלבאַרער הערשאַפט פון רוים .

דאָס לעצטע האָט, איבריגענס , דעם פאָלק איצט ווייניג געשראָקען — אַזוי טיעף איז געווען די שנאה , וואָס עס האָט געטראָגען אין הארצען צו דער דינאַסטיע פון די בלוטיגע אדומ'ער. זאָלען שוין בעסער די רוימער אַליין הערשען איבער'ן לאַנד , אַבי נישט די אדומי'שע „עבדים" (קנעכט) — אַזוי האָבען אין יענער צייט געטראַכט די בעסטע קינדער פון פאָלק , און וויסענדיג , אַז אין רוים ווערט איצט בעשטימט דער גורל פון יהודה צוליעב דעם ספסוק איבער הורדוס'עס צוואה , האָט דאָס פאָלק אַוועקגעשיקט אַהין אַ דעפּוטאַציע פון פופציג אָנגעזעהענע יהודה'ער . די לעצטע האָבען זיך משתדל געווען פאַר דעם רוימישען מאַכטהאָבער , אַז ער זאָל ערקלערן יהודה פאַר איינער פון די סירישע פּראָווינצען , וואָס געפינען זיך אונטער דער אויבערשטער הערשאַפט

פון רוים און ווערן אינערליך פערוואַלטעט פון פאָלק אַליין. דאָס איז פאָרגעקומען אין דעם בעריהמטען פרעכטיגען אַמאָלאָ=פּאַלאַץ, וואו די יורשים פון דעם „גרויסען" הורדוס זענען געשטאַנען פאַר'ן טראָן פון דעם רוימישען הערשער און געבעטעלט די קרוין פון יהודה; פאַר דעם צווייטען יורש, הורדוס=אַנטיפּאַ, איז אַרויסגעטרעטען מיט אַ שענער פערטיידיגונגס=רעדע דער יונגער אַנטיפּאַטאָר, שלומית'עס זוהן. ער האָט בעשולדיגט אַרכעלאַוס'ען אין פערשידענע אונגעזעצליכע מעשים און איהם דערביי פאָרגעוואָרפען אויך דאָס, וואָס ער האָט זיך שוין ערלויבט צו שפּיעלען אין יהודה די ראָליע פון אַ דעספּאָטישען הערשער און געלאָזען אויס'הרג'ענען דריי טויזענד מאַן, נאָך איידער די רוימישע מאַכט האָט איהם בעשטעטיגט אַלס קעניג. דאַן איז אַרויסגעטרעטען אַרכעלאַוס'עס פערטיידיגער, דער בעקאַנטער ניקאָלאַוס פון דמשק, און האָט זיך פערופען אויף די גרויסע פערדיענסטען פון דעם פערשטאָרבענעם הורדוס בנוגע צו דער רוימישער מאַכט; ער האָט אויך בעשטעטיגט, אַז הורדוס האָט געשריבען די לעצטע צואה מיט'ן פולען פערשטאַנד. און ווען דער פערטיידיגטער אַרכעלאַוס האָט זיך נאָך דער רעדע אַראָבגעלאָזען פאַר'ן הערשער אויף די קניע, האָט איהם דער לעצטער געהייסען אויפשטעהן און געזאָגט, אַז ער אַנערקענט איהם פאַר ווירדיג צו טראָגען אַ הערשער=טיטול. דערמיט איז אָבער דער ירושה=סכסוך נאָך אַלץ נישט אויסגעגלייכט געוואָרען, און אויף דער צווייטער פייערליכער זיצונג, וואָס איז ווידער פאָרגעקומען אין דעם זעלביגען פאַלאַץ, זענען אַרויסגעטרעטען מיט זייערע טענות די שלוחים פון דעם יהודה'שען פאָלק. זיי האָבען זיך געקלאָגט פאַר דער רוימישער מאַכט אויף דעם גאַנצען סיסטעם פון הורדוס'עס הערשען און געשילדערט די פינסטערע ווירקליכקייט פון יהודה: הורדוס האָט טיראַניזירט דאָס לאַנד, די בעסטע זיהן פון פאָלק אומגעבראַכט, דאָס גאַנצע פערמעגען פון דער בעפעלקערונג אַרויסגעפּרעסט, די הייליגסטע טראַדיציעס פון דער נאַציאָן אויסגעלאַכט און פערלעצט, און דערצו נאָך אַריינגעבראַכט אין דער פרומער יהודה אויסגעלאַסענקייט און אפּיקורסות; און דער יורש פון דעם אדומי'שען דעספּאָט, אַרכעלאַוס, האָט זיין ערשטען שריט גלייך דורכגעוויעקט מיט'ן בלוט פון פאָלק — די שרעקליכע שחיטה אין בית=המקדש איז נאָך איבערגעגאַנגען הורדוס'עס אכזריות'ען; זאָל=זשע דער רוימישער הערשער אינגאַנצען בעפרייען יהודה פון דער פערהאַסטער נישט=יהודה'שער דינאַסטיע און דאָס פאָלק וועט זיך אַליין איינ=

אָרדנען זײַנע אינערליכע אָנגעלעגענהײַטען, אונטער דער אויבערשטער השגחה פֿון אַ רוימישען פּראָקוראַטאָר.

געגען די טענות פֿון די יהודה׳שע פֿאָלקספֿערטרעטער איז ווידער אַרויסגעטרעטען דער דערטאָהנטער סיריש-גריכישער בעזיצער פֿון דעם אדומי׳שען טראָן-יורש. ער האָט פֿערזיכערט די פֿאָרשטעהער פֿון דער רוימישער מאַכט, אַז די געגנער פֿון הורדוס׳עס דינאַסטיע זענען אויך פֿערביסענע געגנער פֿון דער רוימישער אויבער-הערשאַפֿט און אַז דאָס יהודה׳שע פֿאָלק וועט כסדר מאַכען רעוואָלוציעס און איבערקעהרענישען, אום אַראָבצוּוואַרפֿען פֿון זיך אינגאַנצען דעם רוימישען יאָך; דער רוימישער אָדלער אין יהודה מוז דעריבער האָבען אַזאַ איבערגעגעבענע בעשיצענדע קראַפֿט, ווי עס איז הורדוס׳עס בעסטער זוהן, אַרכעלאַוס.

און די פֿערטײַדיגונג האָט געווירקט: אויגוסט האָט אויך אַנערקענט, אַז הורדוס׳עס יורשים קענען ווירקליך דיענען אַלס איבערגעגעבענע בעשיצער פֿון די רוימישע אינטערעסען, און האָט בעשטעטיגט דעם לעצטענס צוואה (3). לויט דעם בעשלוס זענען אַרכעלאַוס׳ען איבערגעגעבען געוואָרען די געביעטען יהודה, שומרון און אדום מיט׳ן טיטול עטנאַרך (נישט קעניג); דעם צווײטען יורש, הורדוס-אַנטיפּאַ — די געביטען גליל און פּערעאַ מיט׳ן טיטול טעטראַרך. און דער דריטער, פֿיליפּ, האָט בעקומען די טעטראַכיע, וואָס איז בעשטאַנען פֿון די געגענדען טראַכאָניטיס און בשן. די הכנסות פֿון די שטעדט: יבנה, עזה און פֿאַזאַעליד זענען אויך בעשטעטיגט געוואָרען פֿון קייזער פֿאַר הורדוס׳עס שוועסטער.

די האָפֿנונג פֿון פֿאָלק, בעפֿרײַט צו ווערען פֿון דער פֿײַנדליכער דינאַסטיע, איז אַלזאָ ווידער צושוואומען געוואָרען, און דער ערגסטער פֿון די פֿערבליבענע אדומ׳ער, אַרכעלאַוס, איז אַוועקגעשטעלט געוואָרען אָן דער שפּיץ פֿון יהודה. דאָס איז געווען הורדוס׳עס אַ זוהן מיט אַלע פֿעהלערן פֿון פֿאָטער, נאָר אָהן זײַן גרויסקײַט און דיפּלאָמאַטישער געשיקטקײַט; ווי הורדוס, האָט ער אויך אויף יעדען טריט און שריט פֿערלעצט די רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע געפֿיהלען פֿון פֿאָלק, און אויך זײַן בליק איז שטענדיג געווען געווענדעט נאָר אין דער זײַט פֿון רוים. ניין יאָהר האָט אַרכעלאַוס געהערשט איבער יהודה (פֿון 4 פֿאַר ביז 6 נאָך דער קריסטליכער צײַטרעכנונג) און פֿאַר דער קורצער צײַט האָט ער בעשטימט און אַראָבגעזעצט דרײַ כהנים גדולים; צוליעב פּאָליטישער נישט-כשר׳קײַט איז דער כהן גדול יועזר פֿערבּיטען געוואָ-

רען מיט זיין ברודער אליעזר, און דער לעצטער האט וויעדער גע־מוזט אבטרעטען זיין פלאץ א געוויסען יהושע פון דער פאמיליע שת. ארכעלאוס האט טיעף פערוואונדעט דאס רעליגיעזע געפיהל פון פאלק אויך מיט א אקט פון זיין פריוואט־לעבען: ער האט חתונה געהאט מיט דער קאפאדאקיאישער פרינצעסין גלאפירא, די אלמנה פון זיין גע־הרג'עטען שטיף־ברודער אלעקסאנדער (דעם זוהן פון הורדוס'ען מיט דער חשמונאי'שער קעניגין מרים), פון וועלכען זי האט געהאט קינדער, ניטט קוקענדיג אויף דעם, וואס לויט דעם יהודה'שען געזעץ איז אזא פערבינדונג שטרענג פערבאטען. דאס פאלק האט איהם די עבי־רה ניטט געקענט מוחל זיין, און ווען די זעלביגע גלאפירא איז אין א קורצע צייט ארום געשטארבען, איז עס אויסגעטייטשט געווארען פון די ברייטע מאסען אלס א צייכען פון הימעל: פאר'ן טויט איז געקומען צו איהר אין חלום דער געשטארבענער אלעקסאנדער, האט איהר געמוסר'ט דערפאר, וואס זי לעבט אונגעזעצליך מיט זיין ברו־דער, און אנגעזאגט, אז ער וועט זי אין גיכען נעהמען צו זיך, אויף יענער וועלט.

צוליעב די אלע מעשים איז כסדר געוואקסען די שנאה פון פאלק צו דעם אדומי'שען הערשער; דער לעצטער האט זיך אבער דערמיט גאנץ ווייניג גערעכענט. ער האט ניטט אויפגעהערט צו דרי־קען דאס פאלק און ארויסצופרעסען פון איהם וואס מעהר שטייערן, אום צו קענען בעפריעדיגען זיין ליידענשאפט צו בויען, וואס ער האט געירשנ'ט פון פאטער צוזאמען מיט זיינע איבריגע איינגענשאפ־טען. ער האט געלאזען צוריק אויפשטעלען א פרעכטיגען פאלאץ אין יריחו, אנשטאט דעם, וואס די רעוואלוציאנערען האבען געהאט פער־ברענט, דער פאלאץ איז ארומגעפלאנצט געווארען מיט פיניקישע פאלמען און מיט דער צייט האט זיך דא אויסגעבילדעט א נייער ישוב אונטערן נאמען ארכעלאאיד.

דאס פאלק האט אבער דערווייל ניטט אויפגעהערט צו בויען פערשיעדענע פלענער, מיט דעם צוועק, זיך צו בעפרייען פון דעם פערהאסטען הערשער, און ענדליך, ווען צו די יהודה'ער זענען צו־געשטאנען די שומרונ'ער, וועלכע האבען אויך געקרעכצט אונטער'ן שווערען יאך פון דעם ארומי'שען דעספאט, איז בײ ביידע בעפעלקע־רונגען בעשלאסען געווארען, זיך געמיינזאם צו בעקלאגען אויף איהם פאר זיין רוימישען געביטער. עס איז אוועקגעשיקט געווארען א דעפוטאציע פון

יהודה׳עאישע און שומרונישע בירגער, און זייערע טענות זענען געװען אַזױ איבערצייגענד, אז דער רוימישער הערשער האָט גלייך אַרױסגערופען אַרכעלאוס׳ען צו זיך. דער לעצטער איז געקומען; ער איז אָבער נישט אימשטאַנד געװען, זיך ריין צו װאַשען פון די אַלע בעשולדיגונגען, װאָס די פאָלקס־שלוחים האָבען איהם אין פנים געשליידערט, און — האָט זיין שטראָף בעקומען: דער נעכטיגער הערשער פון יהודה איז פערטריבען געװאָרען, װי אַ פערברעכער, אין דער גאַלישער שטאָדט װ י ע נ א (6 נאָך קריסט.). אין דער זעלביגער צייט האָט יהודה דערלעבט אַ נקמה אויך אָן איהר צװייטען „בערוהיגער״, װאַרום; ער איז אויף אויגוסט׳ס בעפעהל אװעקגעשיקט געװאָרען קיין גערמאַניע, און דאָרט איז ער, צוזאַמען מיט זיינע אויסגעװעהלטע רוימישע לעגיאָנען, אומגעקומען אין דער בעריהמטער שלאַכט מיט גערמאַנ׳ען.

אַזױ האָט יהודה ערװייכט דעם פערלאַנגטען „נצחון״, — דעם נצחון, װאָס האָט אייגענטליך נאָר פערענדיגט דעם פּראָצעס פון איהר אונטערגאַנג. יהודה האָט איצט פערלוירען דעם לעצטען שפּור פון איהר פּאָליטישער זעלבסטשטענדיגקייט, און איז איינגאַנצען פערװאַנדעלט געװאָרען אין אַ רוימישער פּראָװינץ, װאָס װערט פערװאַלטעט פון אַ רוימישען פּראָקוראַטאָר. די טעטראַרכיעס פון הורדוס־אַנטיפּאַ (גליל און פּעריאַ) און פיליפּ (טראַכאָניטים און בשן) זענען דערװייל פערבליבען אין זייער ביזהעריגער לאַגע; נאָר די שטעדט, װעלכע האָבען לויט דער צואה, אָנגעהערט צו הורדוס׳עס שװעסטער, זענען איצט פערװאַנדעלט געװאָרען אַלס פּריװאַט־אייגענטום פון דעם רוימישען הערשער, װייל שלומית אַליין האָט זי פאַר איהר טויט אָבגעשריבען דער קייזערין ל י װ י אַ.

דריטעס קאפיטעל.

די ערשטע רוימישע פראָקוראַטאָרען.

(פון 6 ביז 38 נאָך קריסט.)

עס הויבט זיך אָן אַ נייע, שרעקליכע צייט פאַר יהודה — דער גוסס האָט פלוצלונג דערשפירט, אַז זיינע לעצטע שעה'ען האָבען געשלאָגען, און ער שטרענגט אָן אַלע זיינע כחות און פרובט זיך ראַנגלען מיט'ן טויט. יהודה האָט זיך אַליין אַריינגעוואָרפען אין די אָרעמס פון איהר רוימישען בעשיצער; דער לעצטער האָט אָבער געהאַט גאַנץ אַנדערע בעגריפען פון שוץ און רעכט, און בעשיצען יהודה האָט ביי איהם געהייסען — זי דערשטיקען. די יהודה'ער פון יענער עפּאָכע זענען, ווי ס'ווייזט אויס, גאַנץ ווייניג בעקאַנט געווען מיט דעם גרונד־כאַראַקטער פון דעם רוימישען מלוכה־וועזען, און זיי האָבען געגלויבט, אַז צוזאַמען דערמיט, ווי יהודה וועט אַרונטערפאַלען אונטער דער צענטראַלער רוימישער מאַכט, וועלן אַלע פונקציעס פון דער אינערליכער פאָלקס־פערוואַלטונג איבערגעהן צום פאָלק אין די הענד, און רוים וועט זיך איבערלאָזען נאָר די אויבערשטע השגחה איבער'ן לאַנד, וואָס וועט זיך ווייניג אָנזעהען אין לאַנד גופא; דאָס איז אָבער געווען אַ דאָפּעלער טעות: די אויבערשטע הערשאַפט פון רוים האָט זיך ווירקליך נאָר גאַנץ שוואַך געשפירט אין אַלע איהרע

איבריגע אונטערגעוואָרפענע פראָווינצען, און זי האָט זיי געגעבען די ברייטסטע אויטאָנאָמיע; פאַר דער אונטערגעוואָרפענער יהודה האָט זי אָבער געמוזט האָבען אַ גאַנץ בעזונדער מאַסשטאַב, ווייל די יהודה'שע בעפעלקערונג האָט, לויט איהר וועזענטליכען גייסט און כאַראַקטער, ניט געקענט אַרויסווייזען בנוגע צו דער געצענדיענערישער מאַכט די אָפיציעלע לאָיאַליטעט (אונטערטעניגקייט), וואָס עס האָבען איהר אַרויסגעוויזען אַלע אַנ=דערע פעלקער. דאָס יהודה'שע פאָלק, אַלס אַ אָבגעשלאָסענער עלע=מענט, מיט בעזונדערע אייגענשאַפטען, מיט אַ בעזונדער גייסט און מיט אַ אייגענער געטליך=אידעאַלער וועלט=אַנשויאונג, — האָט זיך געמוזט בעציהען מיט אַ געוויסער פעראַכטונג צו דער גאַנצער געצענדיענערי=שער גרויסקייט פון די זיעגער און מאַכטהאָבער, און אין דער צייט, ווען אַלע איבריגע פעלקער פון דער מעכטיגער אימפעריע האָבען זיך כמעט אָהן אַ שום קאַמפף אונטערגעוואָרפען דעם איינפלוס פון איהר געטער= און קייזער=קולט, האָט יעדע פראָבע פון אַזאַ מין איינפלוס אין יהודה אַרויסגערופען אַ בלוטיגען אויפשטאַנד און איז בעטראַכט געוואָ=רען אַלס אַ געפאַהר פאַר דעם קיום פון דער אומה. ביי אַזאַ פערהאַל=טען זיך פון דעם אונטערגעוואָרפענעם פאָלק בנוגע צו דער אויבערש=טער הערשאַפט זענען די קאָנפליקטען געווען אונפערמיידליך, און דאָס האָט דעם פערטרעטער פון דער מאַכט שטענדיג געגעבען די מעגליכ=קייט, פאַקטיש אויסצואיבען אַלע זיינע אויבערשטע רעכט און צו ווערן פאַר'ן לאַנד — אַ זעלבסטהערשענדער דיקטאַטאָר.

דער צענטר פון דער יהודה'שער פערוואַלטונג איז איצט גע=וואָרען קסריה, וואו עס האָט זיך בעזעצט דער רוימישער פראָקו=ראַטאָר. דער לעצטער האָט געהאַט די אויפגאַבע, צו האַלטען די אָרדנונג אין לאַנד, איינצומאָהנען די פערשידענע שטייערן און צו קאָנטראָלירען די טעטיגקייט פון די יהודה'שע געריכטס=אַנשטאַלטען, — אַ פונקציע, וואָס האָט כמעט אינגאַנצען פאַראַליזירט די טעטיגקייט פון דער יהודה'שער יוסטיץ און פערקלענערט די פּאָליטישע בעדיי=טונג פונ'ם סנהדרין.

אום צו שיצען די אויבערשטע רעכט פון רוים אין דער אונ=טערגעוואָרפענער פראָווינץ האָט דער פראָקוראַטאָר געהאַט אין זיין רשות אַ בעדייטענדע מיליטערישע מאַכט, וואָס איז געווען צושפּרייט איבער'ן גאַנצען לאַנד. אין ירושלים האָט זיך דער שטענדיגער רוי=

מישער גארניזאן אויפגעהאלטען אין דער פעסטונג אנטאניום אויפ'ן הר הבית (בית־המקדש־בארג), און אין די גרעסערע יום־טובים, ווען עס פלעגען זיך צונויפקומען א סך עולי רגל אין דער הויפטשטאדט און די מאלט האט מורא געהאט פאר אונרוהען, איז דער פראקוראטאר אליין אויך געקומען קיין ירושלים מיט זיין מיליטערישער סוויטע. און אזעלכע טעג פלעגען די רוימישע סאלדאטען פערנעהמען די גאלערעען ארום בית־המקדש, כדי אויף אזא אופן צו היטען די „ארדנונג“, און גאנץ אפט האט די ערשיינונג גופא פון בעוואפענטע געצענדיענער אויף דער שוועל פון דעם פערהייליגטען נאציאנאלען טעמפעל — ארויסגערופען בלוטיגע אונרוהען און צוזאמענשטויסען.

נאך מעהר דריקענד און שרעקליך פאר'ן פאלק איז געווען די פונקציע פון איינמאהנען די שטייערן. לויט דעם רוימישען סיסטעם זענען די שטייערן געווען דאפעלטע: ערד־שטייערן און קאפ־שטייערן. דערצו זענען נאך צוגעקומען א מאסע אינדירעקטע אבצאהלונגען, וואס פלעגען אויפגעמאהנט ווערן נישט דורכ'ן פראקוראטאר און זיינע אגענטען, נאר דורך ארענדאטארען, וואס פלעגען דאס אבדינגען פון דער רעגירונג און נעהמען פאר זיך אין מאנאפאל די אבגע־צאהלטע לעבענס־פראדוקטען. פון די דאזיגע דאפעלטע שווערע אב־צאהלונגען האט די בעפעלקערונג ביז אהער גארנישט געוואוסט, און זי האט זיך אין אנהויב בעצויגען צו דעם גאנצען צענז־סיסטעם, ווי צו א געוויסער פארם פון שקלאפעריי: קיינער איז נישט קיין בעל־הבית איבער זיך, און די קעפ, די ערד און דאס פערמעגען פון אלע בירגער געהערן צום רוימישען קייזער, וועלכער קען מיט זיי טאן, וואס ער וויל. די חוכרים (ארענדאטארען, מוכס'ניקעס) זענען ביים פאלק שרעקליך פערהאסט געווען; זיי ווערן אומעטום געשילדערט אלס די שענדליכסטע בעשעפענישען און דאס געזעץ האט זאגאר נישט אנערקענט זייער עדות־זאגען און זייער שווערען.

ווייסענדיג די בעדייטונג פון דער כהונה־גדולה, וועלכע האט פארגעשטעלט מיט זיך דעם צענטר פון דער יהודה'שער גייסטיגער מאכט, האט די רוימישע מלוכה געלאזען פאר זיך אויך דאס רעכט צו בעשטימען א כהן־גדול. דער פראקוראטאר פלעגט זיך, נאטירליך, רעכנען דערביי מיט די אינטערעסען פון רוים, און כדי זיכער צו זיין אין זיין רעכט, האט ער אלע כהונה־גדולה־קליידער און די אנדערע נויטיגע מכשירים פון דער יום־טוב'דיגער עבודה אין בית־המקדש

איבערגעגעבען אינ׳ם רשות פון דעם רוימישען פעסטונגס־קאָמענדאַנט אין ירושלים, וואָס האָט זיי געדאַרפט אַרויסגעבען אויף יעדען יום־טוב און גלייך נאָך יום־טוב — צוריק אַרעסטירען.

דאָס זענען געווען די פונקציעס, אין וועלכע עס האָט זיך אויסגעדריקט די אויבערשטע הערשאַפט פון רוים בנוגע צו דער אונטערגעוואָרפענער יהודה. דאָס פאָלק האָט נישט געוואוסט אין אָנהויב אָבצושאַצען די אמת׳ע בעדייטונג פון די זכיות, וואָס די רוימישע מאַכט האָט זיך איבערגעלאָזען, און האָט זיך בעצויגען צו זיי נאָלגיביג; גלייך אָבער ביי דעם ערשטען שריט, וואָס רוים האָט געמאַכט צו רעאַליזירען איהרע זכיות און זיי איינצופיהרען אין לעבען, — האָט דאָס פאָלק אַ ציטער געטאָן. אויגוסט האָט בעשטימט פאַר אַ פּראָקוראַטאָר איבער יהודה אַ געוויסען קאָפּאָניוס, און אין דער זעלבער צייט האָט ער בעפעהלען דעם רוימישען פערוואַלטער פון סיריען, סולפּיציוס קווירינ יוס, ער זאָל איינפיהרען אין יהודה דעם רוימישען צענז, ד. ה. איינאָרדנען אַ אַלגעמיינע פאָלקס־צעהלונג און אַ אויספיהרליכע אָבשאַצונג פון די אונבעוועגליכע גיטער אין לאַנד, אום צו קענען בעשטימען דערנאָך די קאָפּ־ און ערד־שטייערן, וואָס דאַרפען פון איצט אָן איינגעמאָהנט ווערען פאַר דער רוימישער מלוכה־קאַסע. און אָט, ביי דער דאָזיגער פאָלקס־צעהלונג, וואָס איז דורכגעפיהרט געוואָרען מיט דער גאַנצער שטרענגקייט פון דעם רוימישען געזעץ, איז גלייך פאָרגעקומען אַ שטאַרקער צוזאַמענשטויס צווישען די בריימע יהודה׳שע פאָלקס־מאַסען און דער רוימישער מאַכט. די יהודה׳ער האָבען נישט געוואָלט מיט׳ן גוטען ווילען פערשקלאַפען זיך מיט זייער פערמעגען ביי דעם רוימישען הערשער, און די פאָרשטעהער פון פאָלק האָבען אָנגעווענדט אַ סך מיה, אום צו בערוהיגען די מאַסען און זיי אָבצוהאַלטען פון אַקטיווע אַרויסטרעטונגען געגען די מאַכטהאָבער. אין ירושלים גופא האָט דאָס געטאָן דער כהן־גדול יועזר, און איהם האָט זיך ווי ס׳איז איינגעגעבען, דאָס פאָלק צו בערוהיגען; אין דער פּראָווינץ איז אָבער די אויפרעגונג געוואַקסען פון טאָג צו טאָג, און בעזונדער האָבען זיך אין דער היגזיכט אויסגעצייכענט די גליל׳ער, וועלכע האָבען די גאַנצע צייט נישט אויפגעהערט צו קעמפפען פאַר דער בעפרייאונג פון פאָטערלאַנד.

דאָ האָט דער בעריהמטער פּאַטריאָטישער העלד יהודה (הגלילי) זיך פעראייניגט מיט איינעם פון די פרושים־קנאים, צדוק, און צוזאַמען

האבען זיי געגרינדעט די פארטיי **זעלאטען** (קנאים, פאנאטיקער), וואס האט זיך געשטעלט פאר א אויפגאבע, אקטיוו צו קעמפפען מיט דער רוימישער מאכט פאר דער בעפרייאונג פון יהודה. געקעמפפט האבען אט די קנאים-רעוואלוציאנערען אין גאט'ס נאמען; זיי האבען אויסגעטייטשט די בעגריפען פון דער תורה אין דעם זין, אז נאר גאט אליין בעזיצט די הערשאפט און נאר איהם אליין דארף מען אונטערטעניג זיין. יעדערער איז דעריבער פערפליכטעט צו אפפערן אליץ, וואס ער בעזיצט: זיין פערמעגען, זיין פאמיליע און זאגאר אויך זיין לעבען, אום צו בעקעמפפען יענע קראפט, וואס פאדערט פון יהודה, אז זי זאל איהר אונטערטעניג זיין. גאט איז דער האר און געביטער פון יהודה און זיין תורה איז די יהודה'שע קאנסטיטוציע — דאס איז געוועזן דער דעוויז פון די זעלאטען, און זייער איינפלוס איז געוואקסען צוזאמען דערמיט, ווי דער יאך פון די רוימער האט זיך אנגעהויבען שטארקער און דריקענדער צו פיהלען אין דעם אלטעגליכען לעבען פון פאלק.

צו אונז זענען נישט דערגאנגען קיין קוועלען וועגען דעם, מיט וואס עס האט זיך געענדיגט דער קאנפליקט צווישען קוויריניוס'ען און די רעוואלוציאנערען פון גליל, און בכלל וויסען מיר גאנץ וועניג, וואס עס איז פארגעקומען אין יהודה פאר יענער צייט; עס איז בעקאנט נאר דער פאקט, אז פאר קאפאניוס'ען האבען די אלטע יהודה'שע שונאים, די שומרונים, געפונען א געלעגענהייט, זיך נוקם צו זיין אן יהודה דערפאר, וואס דער חשמונאי יוחנן הורקנוס האט געלאזען אמאל צושטערן זייער טעמפעל אויפ'ן בארג גריזים. דאס איז פארגעקומען פסח בייינאכט, ווען די טויערן פון בית המקדש זענען אינגאנצען אפען געווען, האבען זיך אריינגעריסען אהין עטליכע שומרונים און פונאנדערגעווארפען אין די אינוועניגסטע עזרות ביינער פון א טויטען מענשען, מיט דעם צוועק, מטמא צו זיין דעם בית המקדש. פון דאן אן האבען די כהנים פערשטארקט די שמירה ארום בית המקדש און געזארגט דערפאר, אז קיין זייטיגע מענשען זאלען אהין נישט אריינדרינגען.

נאך קאפאניוס'ען האט פערנומען די שטעל פון א פראקוראטאר איבער יהודה א געוויסער **מארק אמביוויוס** (9) און דער האט אבגעטרעטען זיין פלאץ איינעם מיט'ן נאמען **אניוס רופוס** (12—15).

אין 14-טען יאהר נאך דער קריסטליכער צייטרעכנונג איז אויגוסט געשטארבען, און יהודה צוזאמען מיט צעהנדליגער אנדערע פראווינצען פון דער רוימישער אימפעריע, איז געלעגען פאר [illegible]

פון זיין אַדאָפּטירטען זוהן — טיבעריוס. אונטער זיין הערשאַפט האָט יהודה עטוואָס פרייער אָבגעאָטעמט: ער האָט פערלייכטערט די משא פון די שווערע אָבצאָהלונגען און בעשטימט פאַר אַ פּראָקוראַטאָר איבער יהודה אַ געוויסען וואַלעריוס גראַטוס, וועלכען ער האָט איבערגעלאָזען אויף דעם פּאָסטען גאַנצע עלף יאָהר (15—26). טיבעריוס האָט גוט געקענט דעם כאַראַקטער פון די רוימישע פּראָווינציעלע מושלים, און פלעגט זאָגען: „טרייב נישט אָב די פליעג, וואָס האָט זיך שוין זאַט אָנגעטרונקען מיט דיין בלוט — עס וועלען קומען אַנדערע, הונגעריגע פליעגען און זיך נעהמען אויפ'ס ניי זויגען און אויסזויגען דיין בלוט ביז'ן לעצטען טראָפּען". ער האָט דעריבער מבטל געווען דעם סיסטעם פון בייטען אָפט די „פליעגען", און שיקענדיג אַ נייעם פּראָקוראַטאָר אין דער פּראָווינץ, האָט ער איהם עטליכע מאָל איבערגע'חזר'ט, אַז „אַ גוטער פּאַסטוך שערט זיינע שעפּסען, אָבער שינדט נישט אַראָב די פעל פון זיי".

פאַר די עלף יאָהר פון גראַטוס'עס הערשען אין יהודה זענען דאָרט, ווי ס'ווייזט אויס, קיין בעזונדערע געשעהענישען נישט פאָרגעקומען; דער רוימישער פּראָקוראַטאָר האָט נאָר ברייט אויסגענוצט זיין רעכט, צו בעשטימען אַ כהן גדול און פאַר זיין צייט האָבען זיך געביטען גאַנצע פינף כהנים גדולים: ענן, ישמעאל בן פבי, אליעזר (ענן'ס זוהן), שמעון בן קמחית און יוסף כיפא. דער לעצטער האָט פערנומען דעם פּאָסטען אַ לאַנגע צייט, נישט קוקענדיג אויף דעם — און אפשר גראַד צוליעב דעם — וואָס ער איז פערהאַסט געווען ביים פאָלק פאַר זיין שטרענגקייט און האַרט-הערציגקייט.

אין יענער צייט איז פאָרגעקומען אַ שטאַרקער צוזאַמענשטויס צווישען יהודה'עער און דער רוימישער מאַכט אויף דעם באָדען פון גלויבען. דאָס איז געשעהען אין רום גופא, וואו עס האָט זיך שוין אָנגעהויבען צו שפּירען די ווירקונג פון דער יהודה'עאיש-העלעני-שער ליטעראַטור; אין דער לעצטער זענען היים פּראָפּאַגאַנדירט געוואָרען די עטיש-מאָנאָטעאיסטישע יסודות פון יודענטום, און צווישען די פיעל אַנדערע רעליגיעזע אַנשויאונגען פון דער מזרח-וועלט האָט דער ווילד-פרעמדער, מיסטישער עקסטאַז פון דעם יהודה'עאישען קולט געמאַכט אַ בעזונדער שטאַרקען איינדריק אויף די העכערע שיכטען פון דער רוימי-שער געזעלשאַפט. רוימישע אַריסטאָקראַטען האָבען אָנגעהויבען אַרוים-

זייזען שטארקע נייגונגען צו דעם יהודה'עאישען גלויבען, און ווען עס איז פארגעקומען אזא פאל מיט דער פרוי פון דעם רוימישען סענאטאר סאטורנינוס, פולויא, און זי האט דורך עטליכע רוימישע יהודה'ער געשיקט זאגאר רייכע מתנות פאר'ן בית־המקדש אין ירושלים, — האט טיבעריוס געזעהען אין דעם א רעזולטאט פון דער אגיטאציע, וואס עס פיהרט די יהודה'עאישע בעפעלקערונג אין רוים נעגען דעם אפיציעלען רוימישען קולט. ער האט דאן געלאזען ארויסטרייבען פון רוים אלע יהודה'עאישע איינוואוינער צוזאמען מיט די גרים, און א דאנק דער עצה פון זיין מיניסטער סעיאן, זענען פיער טויזענד יונגע יהודה'ער פער־שיקט געווארען אויף דער אינזעל סארדיניען, אויף צו קעמפפען מיט די דארטיגע רויבער־באנדעס (19). דאס איז געוועזען די ערשטע פערפאלגונג, וואס די יהודה'ער האבען געהאט איבערצוטראגען אויסער די גרענעצען פון זייער לאנד ספעציעל פאר זייער גלויבען.

גראטוס'עס נאכפאלגער איז געוועזען פאנטיוס פילאטוס, א מענש מיט א אונגעוועהנליך אכזריות'דיגער נאטור, וואס זיין נאמען איז פערשריבען געווארען מיט שאנד און פעראכטונג נישט בלויז אין דער געשיכטע פון יהודה. פון אלע פראקוראטארען, וואס האבען געהערשט איבער יהודה פאר איהם, איז ער געוועזען דער ערשטער, וואס האט געוואגט אנצוגרייפען די עמפפינדליכסטע זייט פון דעם יהודה'שען נאצ־יאנאלען גייסט — דעם רעליגיעזען געפיהל. ביז איהם האבען די פער־טרעטער פון דער רוימישער מאכט זיך גערעכענט מיט די פערהייליגטע בעגריפען פון דעם יהודה'עאישען פאלק, און וויסענדיג ווי שטרענג עס איז לויט דעם יהודה'שען גלויבען פערבאטען יעדע זאך, וואס האט נאר עפעס א שייכות צו דער פערעהרונג פון א מענשען אדער א מענשליכע אבבילדונג, — האבען זיי זייערע סאלדאטען־אבטיילונגען פערבאטען צו טראגען איבער די גאסען פון ירושלים די מיליטערישע פאהנען, אויף וועלכע עס האט זיך געפונען די אבבילדונג פון דעם רוימישען הערשער; די דאזיגע שוינונג פון דעם רעליגיעזען פאלקס־געפיהל האט זיך פראק־טיצירט אין דער גאנצער צייט, זינט יהודה איז ארונטערגעפאלען אונטער דער רוימישער הערשאפט, און זאגאר די מטבעות, וואס זענען דא גע־גאסען געווארען, האבען אויך געהאט אויף זיך נאר דעם נאמען פון קייזער, אבער נישט זיין בילד — אויף אזוי פיעל איז פאר אלעמען קלאר געוועזען, אז אפילו דער מינדעסטער אויסדריק פון דעם רוימישען

„קייזער־קולט” האָט קיין פּלאַץ נישט דאָרט, וואו ס'הערשט דער קולט פון אַ אַבסאָלוטען, איין־איינציגען גאָט.

פּילאַטוס האָט אָבער גאַנץ אַנדערש פערשטאַנען זיין אויפגאַבע אַלס פּראָקוראַטאָר. ער האָט איבערגענומען דעם פּאָסטען אין דער צייט, ווען דער קייזער מיט'ן סענאַט צוזאַמען האָבען געציטערט פאַר דעם דערמאָהנטען יהודה'ער־פיינד סעיאַן, און ער האָט אויסגעטייטשט זיין אויפגאַבע אין דעם זין, אַז יהודה מוז אינגאַנצען בעזיעגט ווערן. נישט שוינען דאַרף מען דאָס רעליגיעזע געפיהל פון די פערעקשנ'טע יהודה'ער, נאָר רייצען, און דערביי מוז מען דאָס גאַנצע לאַנד אין דער מורא האַלטען. און ער האָט זיך גענומען דורכפיהרען אָט די אויפגאַבע מיט דער גאַנצער גרויזאַמקייט פון זיין נאַטור; באַלד איז איהם אָבער אויסגעקומען זיך צו איבערציי‌גען, אַז עס איז לייכטער צו בעזיעגען צעהן שטאַרקע פעלקער, ווי צו בעהערשען דעם איינציגען גייסט פון די דאָזיגע „באַרבאַרישע” יהודה'ער.

אין אַ געוויסער נאַכט האָט פּילאַטוס געלאָזען אַריינפיהרען קיין ירושלים אַ מיליטער־אָבטיילונג מיט דער פאָהן, אויף וועלכער ס'האָט זיך געפונען דאָס קייזער־בילד. ווען די איינוואוינער פון שטאָדט האָבען דערזעהן די פאָהן, זענען זיי פערציטערט געוואָרען; שלוחים פון פאָלק זענען גלייך אַוועקגעלאָפען קיין קסריה, און האָבען געבעטען דעם פּראָקוראַטאָר, ער זאָל צונעהמען די בילדער פון דער היילינגער הויפּטשטאָדט. גאַנצע פינף טעג זענען זיי נישט אָבגעטרעטען פון זיין פּאַלאַץ און האָבען נישט אויפגעהערט איהם צו בעשטורמען מיט זייער בקשה; ער האָט זיי אָבער אָבגעזאָגט און ערקלערט, אַז צונעהמען די קייזער־בילדער פון דער הויפּטשטאָדט, וואָלט הייסען: בעליידיגען דעם קייזער. אויפ'ן זעקסטען טאָג, ווען ער האָט געזעהען, אַז די יהודה'ער טרעטען נישט אָב פון זיין פּאַלאַץ, האָט ער זיי צוזאַמענגענומען אויף איין פּלאַץ און אָבשליסענדיג איהם פון אַלע זייטען מיט סאָלדאַטען, האָט ער געדראָהעט די בעלאַגערטע מיט'ן טויט, אויב זיי וועלן זיך נישט אָבזאָגען פון זייער פערלאַנג; אַ שטורם פון הייסע פּראָטעסטען איז געווען דער ענטפער אויף זיין פאָדערונג, און ווען די סאָלדאַטען זענען שוין גרייט געווען זיך אַרויפצוּוואַרפען אויף די „ווילדע” יהודה'ער, האָבען זיך די לעצטע געלעגט אויף דר'ערד און אויסגעשטרעקט די העלזער, ערקלערנדיג, אַז זיי ווילען גיכער שטאַרבען, איידער צו־

זעהן, ווי די הייליגע שטאדט ווערט פערשוועכט. די דאזיגע גייסטי־גע שטארקייט האט בעזיעגט דעם בעזיעגער — פילאטוס האט בע־פעהלען, ארויסצופיהרען די קייזער־בילדער פון ירושלים.

און א קורצער צייט ארום האט זיך פילאטוס ווידער געפרובט צוטרעטען צו דעם זעלביגען פונקט, נאר פון אנ׳אנדער זייט. ער האט געלאזען אריינפיהרען קיין ירושלים די גאלדענע פאנצירען, אויף וועלכע ס׳איז געווען אויסגעקריצט דעם קייזער׳ס נאמען, און זיי אוועקגעשטעלט אינ׳ם קעניגליכען פאלאץ, וואו דער פראקוראטאר מיט זיין סוויטע פלעגט זיך אויפהאלטען, קומענדיג אין דער הויפט־שטאדט. דאס איז אויך געטאן געווארען נאר כדי צו רייצען דאס פאלק, און ווען א דעפוטאציע פון דער העכערער געזעלשאפט האט איהם געבעטען, ער זאל די פאנצירען צונעהמען פון ירושלים, האט ער זי אבגעזאגט. די לעצטע האט זיך דאן בעקלאגט אויף פילאט׳ן פאר טיבעריוס׳ן אליין, און ער האט בעפעהלען, מ׳זאל די פאנצי־רען צוריק אוועקפיהרען קיין קסריה, אין דעם דארטיגען אויגוסט־טעמפעל.

א שטארקערער צוזאמענשטויס צווישען פילאטוס׳ען און דער יהודה׳שער בעפעלקערונג איז פארגעקומען ביי א דריטען צופאל. פי־לאטוס האט געוואלט צוציהען וואסער קיין ירושלים פון א טייך, וואס האט זיך געפונען צוויי הונדערט סטאדיען וייט פון שטאדט, און געלד אויף דעם אלעמען האט ער גענומען פון דער — בית המקדש־קאסע. דאס פאלק האט איהם דאס נישט געקענט שענקען, און ווען ער איז אליין מיט די ארבייטער פון דער וואסער־לייטונג אנגעקומען קיין ירושלים, איז ער ארומגערינגעלט געווארען פון א גרויסער פאלקס־מאסע, וואס האט הויך פראטעסטירט געגען דער עולה און געהייסען אבשטעלען די ארבייט. פילאטוס האט דאן בעפעהלען א גרויסע צאהל פון זיינע סאלדאטען זיך איבערצוקליידען אין יהודה׳עאישע מלבושים, און אויסמישענדיג זיך אין דער פערזאמעלטער מאסע האבען די סאל־דאטען גענומען שלאגען די שוצלאזע יהודה׳ער. פון די לעצטע זע־נען דערביי א סך געטויט און פערוואונדעט געווארען.

נאך צעהן יאהר לײדען (26—36) איז יהודה בעפרייט געווא־רען פון דעם מערדערישען פראקוראטאר, און ווידער איז דאס גע־שעהען א דאנק דעם צופאל, וואס ער האט זיך פערטשעפעט אויך מיט די שומרונים. ביי די לעצטע איז צו יענער צייט אויפגעשטא־

נען א געוויסער משיח אדער נביא, וואס האט צוזאמענגענומען א גרויסע צאהל שומרונים אין דעם דארף טיראט אבא, און האט זיי צוגעזאגט, אויסצוגעפינען אויפ'ן בארג גריזים די הייליגע כלים פון דעם משכן, וואס האט עקזיסטירט אין משה'ס צייטען. פילאטוס, וועלכער האט אין יעדער גרעסערער פאלקס־פערזאמלונג גלייך געזעהען א אויפשטאנד געגען רוים, האט ארומגערינגעלט די פערזאמעלטע מיט סאלדאטען און געלאזען הרג'ענען די פארנעהמסטע פון זיי (36); דאס האט אויפגערעגט געגען איהם אלע שומרונים און זיי האבען זיך געקלאגט אויף איהם פאר דעם רוימישען לעגאט אין סיריען, וויטעליוס. דער לעצטער האט דאן אוועקגעשיקט פילאטוס'ן קיין רוים, זיך פערטהיידיגען פאר טיבעריוס'ען, און פון דארטען איז ער שוין מעהר צוריק נישט געקומען.

וויטעליוס האט ארויסגעוויזען א בעזונדער געניגטקייט צו יהודה, און האט נישט בלויז געשוינט די געפיהלען פון פאלק, נאר אויך זיך בעצויגען צו זיי מיט א געוויסער אכטונג. קומענדיג קיין ירושלים האט ער אליין געלאזען ברענגען א קרבן אין בית המקדש, און אויסער די קלענערע פערלייכטערונגען, וואס ער האט געמאכט דעם פאלק בנוגע צו שטייערן און נאך אזעלכע זאכען, האט ער בעפרייט יהודה פון א שווערער בעליידיגונג, וואס האט אנגעגריפען אי איהר נאציאנאלען כבוד, אי איהר רעליגיעזען געפיהל: ער האט צוריק איבערגעגעבען אין בית־המקדש די כהונה־גדולה־קליידער און די איבריגע מכשירים פון דער עבודה, וועלכע זענען ביז אהער געלעגען אונטער'ן שלאס אין דער פעסטונג אנטאניום און פלעגען ארויסגעגעבען ווערען פון דעם רוימישען קאמענדאנט נאר אויף איבער יום־טוב. וויטעליוס האט אויך אראבגעזעצט פון זיין אמט דעם פאלקס־פערהאסטען כהן־גדול יוסף כיפא און בעשטימט אויף זיין פלאץ א געוויסען יהונתן פון דער משפחה ענן.

דאס אלץ איז פארגעקומען אין יהודה גופא, דאס הייסט אין דעם טייל לאנד, וועלכען די רוימער אליין האבען בעהערשט; אין די קאנט־פראווינצען דאגעגען, דארט וואו עס האבען נאך געהערשט די יורשים פון דעם אדומי'שען קעניג, האט זיך דער בעפעלקערונג פיעל רוהיגער געלעבט. ביידע טעטראַרכען, הורדוס־אנטיפא אין גליל און פערעא און פיליפ אין טראכאניטים און בשן, זענען, ווי בעוואוסט, געוועזן איינגעגעבענע אנהענגער פון די רוימישער מאכט; דארט

האט זיך אָבער די דאָזיגע מאַכט גאַנץ שוואַך געשפּירט און די פּראָ־ווינצען זענען כמעט אין אַלע היבזיכטען געווען פאָלקאָם אונאָבהענגיג פון דער צענטראַלער פערוואַלטונג . דאָס איז געשטאַנען אין אַ ענגען צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָס די טעטראַרכען אַליין זענען געווען מעהר רוימער , ווי יהודה'ער , און אין זייער אַדמיניסטראַטיווער טעטיגקייט האָבען זיי שטענדיג אין זינען געהאַט די אינטערעסען נישט פון דעם בעהערשטען פאָלק , נאָר פון דער רוימישער מאַכט . די בעפעלקע־רונג פון די דאָזיגע פּראָווינצען איז אויך נישט אומעטום געווען אַ יהודה'עאישע ; אַזוי איז פיליפ'ס טעטראַרכיע , וואָס איז בעשטאַנען פון די געביטען : בשן , טראַכאָניטיס , גאַלאַן , חרן און פּאַנעאַס , כמעט אינגאַנצען געווען בעזעצט מיט סיריער און גריכען .

פיליפ האָט אויך גערישה'נט פון פאָטער די ליידענשאַפט צו בויען , און פאַר דער צייט פון זיין הערשען זענען אין דער קליינער מלוכה צוגעקומען עטליכע נייע שטעדט . דעם ישוב פּאַנעאַס , ביים ירדן , האָט ער געלאָזען איבערבויען און פערגרעסערן , און האָט איהם אַ נאָמען געגעבען קסריה (קייזער) ; אום אונטערצושיידען די שטאָדט פון דער האַפענשטאָדט קסריה , וואָס הורדוס האָט גע־לאָזען אויפבויען , איז די ערשטע גערופען געוואָרען קסריה־פיליפי . ער האָט איבערגעבויט אויך די שטאָדט בית־סעיד און זי אָנגע־רופען יוליאַדאַ , אויפ'ן נאָמען פון אויגוסט'ס טאָכטער .

אין דער היבזיכט פון קעמפען און בלוט פערגיסען איז אָבער פיליפ גאָרנישט עהנליך געווען צו זיין פאָטער . גאַנצע זיבען און דרייסיג יאָהר האָט ער געהערשט איבער דער פּראָווינץ , וואָס די רוימישע מאַכט האָט איהם אָנפערטרויט , און אין דער גאַנצער צייט איז די מנוחה פון די דאָרטיגע איינוואוינער קיין איינציג מאָל נישט גע־שטערט געוואָרען . אַרומפאָהרענדיג איבער'ן לאַנד האָט ער מיטגעפיהרט מיט זיך זיין ריכטער־שטוהל , און ווען מ'האָט זיך צו איהם אין וועג געווענדעט מיט וועלכען ס'איז ספק , האָט ער זיך גלייך אוועקגעזעצט אויפ'ן שטוהל , אויסגעהערט די טענות פון ביידע בעלי־דברים און אַרויסגעטראָגען זיין אורטייל. געשטאָרבען איז ער אין 34־טען יאָהר נאָך דער נייער צייט־רעכנונג , און אַזוי ווי ער האָט נאָך זיך קיין יורש נישט איבערגעלאָזען , איז די טעטראַרכיע איבערגעגעבען געוואָרען , לויט טיבעריוס'עס בעפעהל , אינ'ם רשות פון דעם רוימישען פערטרעטער אין סיריען , אַלס אַ טייל פון דעם סירישען געביעט .

מעהר יהודה׳עאיש לויט איהר געאָגראַפישער לאַגע און לויט דעם פערנעהם פון דער בעפעלקערונג איז געווען די טעטראַרכיע פון הורדוס׳עס צווייטען יורש, הורדוס־אַנטיפאַ. אין זיין טעטראַרכיע זענען אַריינגעגאַנגען די פּראָווינצען גליל און פּערעאַ; פון זיי איז די ערשטע געווען איינגאַנצען בעפעלקערט מיט פּאַטריאָטישע יהודה׳עער, וועלכע האָבען אָפט פערקעהרט מיט זייערע ברידער פון יהודה און היים געשטיצט יעדע בעוועגונג פאַר דער בעפריינג פון דעם פעראייניגטען לאַנד.

ווי זיין פאָטער און זיינע ברידער, האָט אויך אַנטיפאַ געהאַט אין זיך גאַנץ ווייניג יהודה׳עאישעס, און אויך זיין אידעאַל איז געווען, וואָס מעהר נושא חן צו זיין אין די אויגען פון די רוימער. זיין ערשטע אַרבייט איז געווען, אָבצובויען צוריק די שטאָדט צפורה, וועלכע וואָרום האָט געהאַט צושטערט און זיין קאַמפף מיט יהודה הגלילי. ער האָט די שטאָדט פערגרעסערט אין בעפעסטיגט און געמאַכט פאַר זיין רעזידענץ; באַלד אָבער האָט ער אָנגעהויבען בויען אַ נייע שטאָדט אויף דעם וואונדער־שענעם ברעג פונ׳ם ים כנרת, און ווען טיבעריוס איז אַרויף אויף דעם רוימישען טראָן, האָט ער די שטאָדט אָנגערופען אויף זיין נאָמען: טיבעריאַס (טבריה) און געוואָלט אַהין איבערטראָגען זיין הויפּט־קוואַרטיר. ער האָט געוואָלט אַריבערציהען אין דער נייער הויפּטשטאָדט וואָס מעהר איינוואוינער; די פרומע יהודה׳עער האָבען אָבער אַהין נישט געוואָלט אַריינקומען, ווייל זיי האָבען דאָרט געפונען ביינער פון מענשליכע קערפּער׳ס און דאָס האָט געהייסען, אַז זיי ווערן אַלע טמא און פערליערען דעם צוטריט צום בית־המקדש און צו יעדער הייליגער אַרבייט. דער טעטראַרך האָט דעריבער געמוזט בעזעצען זיין הויפּט־שטאָדט מיט אַ פרעמדער, אַנגעלאָפענער בעפעלקערונג, און ווען די שטאָדט איז ענדליך בעוואוינט געוואָרען, האָט ער דאָרט געלאָזען אויפשטעלען פאַר זיך אַ פּרעכטיגען פּאַלאַץ, וואָס איז געווען בעפּוצט מיט פערשיעדענע פיגורען, — אַ אַקט, וואָס האָט אויך שטאַרק פערלעצט דעם רעליגיעזען געפיהל פון פאָלק.

מיט דער רוימישער מאַכט איז אַנטיפאַ געשטאַנען אין די בעסטע בעציהונגען, און ווען עס איז פאָרגעקומען אַמאָל, אַז דער נאַבאַטעאישער קעניג איז אַרויסגעטרעטען געגען איהם מיט געווער און ער איז געווען צו שוואַך זיך צו שיצען, האָט טיבעריוס בעפעהלען דעם רוימישען פערוואַלטער פון סיריען, וויטעליוס׳ען, ער זאָל מיט זיין גאַנצער מיליטערישער מאַכט אַרויסטרעטען צו הילף דעם טעטראַרך פון

גליל. פארגעקומען איז דער צוזאמענשטויס איבער א ראמאנטישען צופאל: אנטיפא׳ס ערשטע ווייב אין געווען די טאכטער פון דעם דערמאהנטען נאבאטעאישען קעניג; ער האט אבער מיט איהר נישט לאנג געלעבט בשלום, און פאהרענדיג איינמאל קיין רוים, האט ער זיך אויפ׳ן וועג פערליעבט אין דער פרוי פון זיין שטיף־ברידער הורדוס, וועלכער האט געלעבט אין קסריה אלס פריוואט־מאן. די פרוי, הורדיה, א טאכטער פון דעם געהרג׳טען אריסטאבול, האט איהם אויך געליעבט, און אויף זיין פערלאנג האט זי פערלאזען דעם מאן, פון וועלכען זי האט שוין געהאט געבוירען א טאכטער, און חתונה געהאט—געגען דעם יהודה׳שען געזעץ — מיט׳ן געליעבטען. דאן איז אנטיפא׳ס ערשטע ווייב אנטלאפען צו איהר פאטער ארעט, און אין גיכען איז פארגעקומען א בלוטיגער קאמפף צווישען די מחנות פון דעם אראבישען שווער מיט זיין יהודה׳עאישען איידים, — א קאמפף, וואס האט זיך געענדיגט מיט אנטיפא׳ס מפלה. ער האט זיך אבער נישט געוואלט אונטערגעבען און געבעטען שטיצע ביי זיין רוימישען בעשיצער, און אלס ענטפער אויף דעם, האט וויטעליוס בעקומען דעם בעפעהל, ארויסצוטרעטען מיט זיין מיליטער געגען ארעט׳ן. וויטעליוס האט בעשטימט דעם מארשרוט פאר זיינע לעגיאנען פון עכו (פטאלאמעאוס) דורך יהודה קיין גליל; דא האט ער זיך אבער ווידער אנגעשטויסען אן דער פראגע וועגען די פאהנען מיט די קייזער־בילדער, און ווען א דעפוטאציע פון יהודה האט זיך געווענדעט צו איהם און געבעטען, ער זאל דאס מאל אויך שוינען דעם רעליגיעזען געפיהל פון פאלק, — האט ער געענדערט דעם מארשרוט און געפיהרט זיינע סאלדאטען פון יענער זייט ירדן, נישט אריינקומענדיג מיט זיי אין יהודה גופא.

פון דער מיליטערישער עקספעדיציע איז, איבריגענס, גארנישט געווארען. עס איז אנגעקומען פלוצלונג די ידיעה וועגען טיבעריוס׳עס טויט (37), און וויטעליוס האט זיך געמוזט אומקעהרען קיין אנטיוכיא.

פיערטעס קאפיטעל.

דאס אינערליכע לעבען פון פאלק אין יהודה און אין די ארומיגע לענדער.

יהודה האט פערלוירען איהר זעלבסטשטענדיגקייט און איז פערוואנדעלט געווארען אין א רוימישער פראווינץ מיט א רוימישער פערוואלטונג (פריהער אין דער געשטאלט פון דער אדומי׳שער דינאסטיע און דערנאך — פון א רוימישען פראקוראטאר). און די פרעמדע מאכט האט זיך מיט דעם נאמען אליין נישט בענוגענט: זי האט אריינגענומען אין איהרע הענד אלע געביעטען פון דעם יהודה׳שען פאלקס-לעבען און זיך בעמיהט ארויפצולעגען אויף זיי איהר שטעמפעל. די יהודה׳שע געריכטס-טעטיגקייט איז ארונטערגעפאלען אונטער א רוימישער קאנטראלע; פאר א כהן גדול איז בעשטימט געווארען נישט דער, וואס איז אויסגעוועהלט געווארען פון פאלק, נאר יענער, וואס האט נושא חן געווען ביי דעם רוימישען מאכטהאבער; די יהודה׳שע שטעדט זענען פערפוצט געווארען מיט מאנומענטען פון הויכגעשטעלטע רוימער; די ניי אויפגעשטעלטע הייזער און פאלאצען זענען געבויט געווערען אינ׳ם רוימישען סטיל און דער גאנצער טאן פון לעבען אין די ספערען, וואס זענען געשטאנען נעהנטער צו דער מאכט, איז געווארען א רוימישער.

די דאזיגע נייע לאגע, וואס האט פון איין זייט מיטגעבראכט מיט זיך פערשיעדענע ממשות׳דיגע רעפרעסיעס געגען פאלק, אין

דער געשטאלט פון נייע פערפליכטונגען, שטייערן און אנדערע דריקונגען; און פון דער צווייטער זייט — געשטעלט אין געפאהר די איינגעוואָרטיגע גייסטיגע פיזיאָגנאָמיע פון דער אומה, — האָט ארויסגערופען א בעזונדער שטארקע, אינטענסיווע טעטיגקייט אין די רייהען פון דער פּאָפּולערער פאָלקס-פארטיי, די פרושים. פון די איבריגע צוויי פּארטייען, די צדוקים און די איסיים, האָבען די ערשטע, די צדוקים, אינגאנצען אויפגעהערט צו עקזיסטירען אלס פארטיי מיט בעשטימטע לאָזונגען און מיט א געוויסען איינפלוס אויפ'ן פאָלק, צוזאמען דערמיט, ווי הורדוס האָט זיך בעפעסטיגט אויף דעם יהודה'שען טראָן. די דאָזיגע וועלטליכע יהודה'עאישע אריסטאָקראטען, מיט זייער שטארקער נייגונג צו די אויסערליכע לעבענס-פאָרמען פון דער גריכיש-רוימישער וועלט, האָבען געקעמפפט פאר די געבליבענע פערטרעטער פון דער חשמונאי'שער דינאסטיע, אזוי לאנג ווי עס איז נאך געווען וועלכע ס'איז האָפנונג, זיי צוריק אומצוקעהרען צו דער מאכט; קוים איז אָבער די לעצטע האָפנונג פערשוואונדען געוואָרען (נאָך אנטיגאָנ'ס טויט) און דער אדומי'שער הערשער איז געזעסען פעסט און זיכער אויף דעם טראָן פון יהודה, האָבען זיך בעדייטענדע טיילען פון דער פארטיי אונטערגעגעבען, און זיך צופּאסענדיג צו די נייע בעדינגונגען, האָבען זיי איצט, אין דער אדומי'שער רעגירונג, געשפּיעלט די זעלביגע ראָליע, וואָס פריהער — אין דער חשמונאי'שער.

די עקסטרעמע געגנער, ווידער, פון די צדוקים, די איסיים האָבען אויך נישט געהאט קיין דירעקטען איינפלוס אויף די ברייטע מאסען פון פאָלק. זייער נעגאטיווע בעציהונג צו יעדער פאָרם פון מאכט, מלוכה און וועלטליכקייט איבערהויפּט, האָט קיינמאָל נישט אָנגענומען דעם כאראקטער פון וועלכען ס'איז אקטיווען ארויסטריט געגען דער מאכט מיט איהרע איינפיהרונגען. די איסיים האָבען נאָר איין מאכט אנערקענט — די מאכט פון גאָט, און פאר דער מאכט עקזיסטירען נאָר אינדיווידואומען, איינציגע מענשען, וועלכע דארפען זיך וואָס מעהר דערווייטערן פון דעם ערדישען און וועלטליכען לעבען, וועלכע דארפען זיך הייליגען, רייניגען און געטליך זיין. ווען הורדוס האָט (אין 20-טען יאָהר) געצוואונגען דער יהודה'שער בעפעלקערונג, זי זאָל דורך א שבועה איינדריקען זיין טראָן און דער רוימישער אויבער-העג'שאפט איהר טרייע אונטער-

טעניגקייט, האָבען די איסיים נישט געוואָלט שווערען; דער קלוגער אדומי האָט אָבער גאַנץ גוט פערשטאַנען, אַז אַזעלכע „רעוואָלוציאָנערען" זענען פאַר איהם נישט געפעהרליך, און ער האָט געגעבען זיי קיינע רעפּרעסיעס נישט אָנגעווענדט. דער דאָזיגער בלוטיגער טיראַן, וואָס זיין גאַנץ לעבען איז געווען איין לאַנגע קייט פון אכזריות און רציחות, האָט זיך בכלל בעצויגען מיט אַ טיעפער עהרפורכט צו די הייליגע איסיים און גאַנץ אָפט האָט ער זיי זאָגאַר אַרויסגעוויזען אַ בעזונדערע צוגעניגטקייט; דאָס האָט זיך גענומען — ווי ס'האָט זיך אין פאָלק שפּעטער דערצעהלט — פון דעם פאָלגענדען פאַקט: ווען הורדוס איז נאָך אַ קינד געווען, האָט איינער פון די הייליגסטע איסיים, מיט'ן נאָמען מ נ ח ם, אויף איהם נביאות געזאָגט, אַז ער וועט אַמאָל קעניגען איבער יהודה, וועט זיין מעכטיג און גרויס און — וועט אַ סך זינד בעגעהן געגען גאָט און זיינע געבאָטען; שפּעטער, ווען מנחם'ס נבואה איז מקוים געוואָרען און אַנטיפּאַטאַר'ס יורש האָט זיך שוין גאַנץ פעסט געפיהלט אויף דעם יהודה'שען טראָן, האָט ער געשיקט נאָך דעם הייליגען „זעהער" און איהם געפרעגט, וויפיעל יאָהר ער וועט קעניגען. מנחם האָט אָבער געשוויגען און נישט געוואָלט ענטפערן אויף דער געשטעלטער פראַגע; דאַן האָט הורדוס אַליין אָנגעהויבען צעהלען, פרעגענדיג: צעהן יאָהר? צוואַנציג? דרייסיג? און ווען דער הייליגער האָט מיט קיין צייכען זיך נישט אַרויסגעזאָגט געגען אָט די אָנגעגעבענע צאָהלען, האָט הורדוס דערפון אַרויסגעדרונגען, אַז ער וועט רעגירען איבערן לאַנד נישט ווייניגער פון דרייסיג יאָהר. דאָס האָט איהם שטאַרק הנאה געטאָן און ער האָט געטראָגען אין האַרצען אַ געוויסען געפיהל פון דאַנקבאַרקייט צו דעם הייליגען איסיי און זיין אָרדען.

די איינציגע, וואָס האָבען זיך אַנטקעגענגעשטעלט דער מאַכט און געזוכט צו שיצען דעם פאָלק פון איהר שעדליכען איינפלוס, זענען געווען די פ ר ו ש י ם. אָט די נאַציאָנאַל־גייסטיגע פּאַרטיי, וואָס האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך דעם קערנדיגסטען עלעמענט פון דער אומה, האָט שטענדיג געזעהען פאַר זיך נאָר איין ציעל: דאָס פאָלק מוז דערהאַלטען ווערן, אַלס גאַנצער וועזען, מיט זיין בעשטימטער גייסטיגער פיזיאָנאָמיע, מיט זיין תורה, מיט זיין גאָט. און ווייל די פרעמדע מאַכט שטערט די פרייע אויסבילדונג פון דעם יהודה'שען גייסט און ברענגט מיט זיך נייע נאָרמען, נייע פערפליכטונגען

און גאנץ אָפט אויך שווערע רעפּרעסיעס, דארף מען קעמפפען געגען איהר מיט די זעלבינע מיטלען, וואָס זי אַליין שטעלט אַרוים — מיט דער פּשוט׳ער קראַפט; דאָס איז געוועזען דער געדאַנקען־גאַנג פון אַ געוויסען טהייל פון דער פּאַרטיי, פון די אַזוי גערופענע קנאים, פון וועלכע ס׳האָט זיך אויסגעבילדעט די אַקטיווע אָפּאָזיציע.

פון די רייהען פון די דאָזיגע בעגייסטערטע פּאַטריאָטען האָבען געשטאַמט די אַלע אויפשטאַנדען און רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין לאַנד אין דעם פערלויף פון דער גאַנ־צער צייט, דאָס הייסט: זינט פּאָמפּעיוס האָט איינגענומען יהודה. דער אָנפיהרער פון די גליל׳ער מחנות, געגען וועלכען הורדוס האָט געקעמפפט, נאָך איידער ער איז געוואָרען הערשער פון יהודה, חזקיה, האָט אָנגעהערט צו דער גרופּע; די גרויסע פאָלקס־מאַניפעס־טאַציע פאַר די לעצטע טעג פון הורדוס׳עס הערשען, ביי וועלכער ס׳איז אַראָבגעריסען געוואָרען דער רוימישער אָדלער פון בית המקדש, איז אָנגעפיהרט געוואָרען פון די בעריהמטע פּרושים יהודה און מתתיהו, און אויך די לעצטע פּאַטריאָטישע קעמפפער, יהודה הגלילי און צדוק, וועלכע האָבען אָרגאַניזירט די העלדישע קאַמפפס־גרופּען אונטער דעם נאָמען זעלאָטען (קנאים, פאַנאַטיקער), — זענען געוועזען פּרושים.

אָט די אַלע אַקטיווע רעוואָלוציאָנערען האָבען אָבער אויסגעמאַכט צוזאַמען נישט מעהר, ווי אַ קליינער טהייל פון דער גרויסער פאָלקס־פּאַר־טיי; די מעהרהייט אונטער די פּרושים און זייערע בעדייטענדע פיהרער האָבען זיך גאַנץ אַנדער׳ש בעצויגען צו דער אויפגאַבע פון בעשיצען דעם פאָלק. פריעדליכע גייסט־מענשען בכלל און דערצו אויך ווייטזיכטיגע פאָלקס־פריינד, האָבען אָט די דירעקטע נאָכפאָלגער פון די אַמאָליגע סופרים געפיהלט און פערשטאַנען, אַז דאָס קליינע יהודה וועט זיך שוין איצט אַזוי גיך נישט בעפרייען פון דער פּראַקטישער פרעמדער הערשאַפט, און זיי האָבען גענומען בויען פעסטונגען אַרום דעם יהודה׳שען פאָלק, פערשטאַרקענדיג אין איהם זיין איינענעם גייסט און אַרויפלעגענ־דיג אַ ספּעציפיש־יהודה׳שען שטעמפּעל אויף יעדען טריט פון זיין אַלטעג־ליכען לעבען. די זעלבסטשטענדיגקייט פון לאַנד איז אונטערגעגאַנגען; מ׳מוז דעריבער דעם פאָלק היטען פון דעם פרעמדען איינפלוס, און זעהן פערשטאַרקען אין איהם דעם בעוואוסטזיין פון זיין „איך“, פון זיין איינענאַרטיגער וועלט־אויפפאַסונג — דאָס איז געוועזען דער דעוויז פון די

פאסיווע, פריעדליכע פרושים, וועלכע האבען זיך אינגאנצען אוועקגעשטעלט אן א זייט פון דער מאכט און נישט ארויסגעוויזען עפענטליך קיין שום אפאזיציע בנוגע צו איהרע איינפיהרונגען און ארדנונגען. די מאכט האט געקאנט דערפון נאר צופריעדען זיין, און האט זיך בעצויגען דערפאר מיט א געוויסער נאכגיביגקייט צו די גרויסע גייסטער פון פאלק, און דאס האבען די לעצטע אויסגענוצט, אום א נייע מאכט צו ענטוויקלען, — די מאכט פון דעם געטליכען ווארט, פון דער תורה. עס האט זיך ענטוויקעלט א אינטענסיווע טעטיגקייט, וואס האט זיך געשטעלט פאר א ציעל, צו בעלייכטען פון אלע זייטען די יהודה'שע געזעצגעבונג און זי אזוי אוועקצושטעלען, אז זי זאל ארומנעהמען דעם גאנצען אלטעגליכען לעבען פון פאלק; צוזאמען דערמיט, ווי די פראקטישע געזעצגעבונג איז אלץ מעהר און מעהר קאנצענטרירט געווארען אין די הענד פון דעם אדומי'שען אדער רוימישען מאכטהאבער, איז געוואקסען די צאהל פון די פרושים-געזעצגעבער, וואס האבען טעארעטיש בעגרינדעט דעם זין פון געזעץ און אויף דעם יסוד ענטוויקעלט א גאנצע רייהע פון נייע לאגישע מעגליכקייטען און שלום-פאלגערונגען.

די ערשטע פארשטעהער פון דער דאזיגער נייער ריכטונג זענען געווען שמעיה און אבטליון. די דאזיגע „פאר" האט אין סנהדרין פאר הורקנוס דעם II-טען געשפיעלט די זעלביגע ראליע, וואס די פריהערדיגע פארזיצענדע: שמעון בן שטח און יהודה בן טבאי; ווען עס איז פארגעקומען אין דעם סנהדרין די שטורמדיגע זיצונג וועגען דעם יונגען הורדוס, וואס האט אונגעזעצליך בעשטראפט די גליל'עאישע פאטריאטען, האט שמעיה ארויסגעוויזען א בעזונדער מוט און איז ארויסגעטרעטען אלס בעשולדיגער געגען דעם שיצלינג פון די רוימער, וואס איז געקומען צו דעם משפט מיט א סוויטע פון רוימישע סאלדאטען; דער זעלביגער שמעיה האט אבער שפעטער איינגעזעהען, אז דאס פאלק האט קיין האפנונג נישט צו בעקעמפפען דעם שונא, און ער האט געראטען, צו עפנען פאר הורדוס'ען די טויערן פון ירושלים. הורדוס האט דערפאר איבערגעלאזען די ביידע פאלקס-פיהרער אין לאנד, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואס זיי האבען נישט געוואלט געבען די דערמאהנטע שבועה, וועגען דיענען טריי דעם אדומישען טראן און די רוימער. פון סנהדרין — וואס האט פאר הורדוס'עס צייט אינגאנצען פערלוירען זיין חשיבות און זיין אויטאריטעט — האבען זיי אבער מיט דער צייט, ווי

ס'הייזט אוים, געמוזט בעזייטיגט ווערן, און דאַן האָבען זיי געגרינדעט די ערשטע אינסטיטוציע, וועלכע האָט זיך אין אַ געוויסען זין דערהאַלטען ביי אונז ביז היינטיגער צייט און האָט דערהאַלטען מיט זיך אויך די גאַנצקייט פון דער אומה; זיי האָבען געשאַפען אַ מין אַקאַדעמיע פאַר דער יהודה'שער געזעצגעבונג, אַ מין ישיבה, וואו ס'זענען איבערגעגעבען, אויסגעטייטשט און בעלויכטען געוואָרען די פערשידענע מסורות (טראַדיציעס) וועגען יענע פאָרמען פון דעם רעליגיעז-געזעלשאַפטליכען לעבען, וועלכע זענען אין דער תורה נישט דייטליך בעשטימט.

פון דער „פאָר" גייסטיגע פאָלקספיהרער זענען פערבליבען די פאָלגענדע לעבענס-רעגעלן, וועלכע זענען שפּעטער אַריינגענומען געוואָרען אין דער זאַמלונג פון די זעלבע אונטער'ן נאָמען: פרקי אבות:

„שמעיה זאָגט: האָב ליעב די אַרבייט און האָב פיינד די רבנות און גיעב זיך נישט צו דערקענען דער מאַכט".

„אבטליון זאָגט: איהר חכמים! זייט פאָרזיכטיג אין אייערע רייד, טאָמער וועט איהר בעשטראָפט ווערן מיט דער שטראָף פון גלות, און איהר וועט פערטריבען ווערן אין אַזאַ אָרט, וואו ס'איז דאָ שלעכט וואַסער; עס וועלן טרינקען (פון דעם וואַסער) די תלמידים, וואָס געהען אייך נאָך, און וועלן שטאַרבען, און עס וועט אויסקומען, אַז גאָט'ס נאָמען איז פערשוועכט געוואָרן".

נאָכמעהר בעדייטענד און מיט אַ טיעפערער ווירקונג אויף דער אינערליכער אויסבילדונג פון יודענטום, איז געוועזען די טעטיגקייט פון דער שפּעטעריגער „פאָר", פון הלל און שמאי. הלל (געלעבט פון 75 פאַר ביז 5 נאָך דער קריסט. צייטרעכנונג) האָט אַליין געשטאַמט פון בבל, וואו ער האָט אָנגעהערט צו אַ מיוחס'דיגער פאַמיליע, וואָס האָט געצויגען איהר שטאַם-בוים ביז דוד המלך. קיין ירושלים האָט ער, ווי ס'שיינט, איינגעוואַנדערט צוזאַמען מיט'ן קעניג הורקנוס II אין זעקס און דרייסיגסטען יאָהר, און דאָ איז ער געוואָרען איינער פון די פליסיגסטע און בעסטע תלמידים אין דער ישיבה פון די בערימטע רביים שמעיה און אבטליון.

די אונגעוועהנליך-רייכע פערזענליכקייט פון דעם גרויסען הלל האָט זיך דערהאַלטען אין זכרון פון פאָלק, ווי אַ ליכטיג בילד, וואָס בעווייזט זיך איינמאָל אין הונדערטער יאָהרען. דאָס איז געוועזען אַ לעבעדיגע פערקערפּערונג פון אידעאַלער מענשעגליבע, בעצויבערנ-

דער עניוות און אונבעגרענעצטער גוטסקײַט, און אַ דאַנק איהם זענען אַט די אַלע אײגענשאַפטען אַרײַנגענומען געוואָרען אינ'ם עצם מהות פון יודענטום אַלס פּרינציפּ, אַלס יסוד און צענטר פון דער גאַנצער יודישער לעבענס־לעהרע. ווען אַ געווי֯סער געצענדיענער האָט זיך אַמאָל געווענדעט צו איהם, הלל'ן, מיט דעם פערלאַנג, ער זאָל איהם צוזאַמענפאַסען דעם גאַנצען וועזען פון דער תורה אין איין זאַץ, האָט איהם הלל געענטפערט:

„וואָס דיר איז נישט אַנגענעהם, טו אויך נישט דיין חבר — דאָס איז די גאַנצע תורה, און אַלעס איבּריגעס איז נישט מעהר, ווי אַנ'ערקלערונג דערצוגעה, לערן!"

מיט דעם גײַסט זענען דורכגעדרונגען אויך די איבּריגע לעבענס־רעגעלן, וואָס זענען פערבליבען פון איהם אין די פּרקי אבות:

„הלל זאָגט: זײַ פון אהרן'ס תּלמידים: ער האָט ליעב שלום (פריעדען) און יאָגט נאָך דעם שלום; ער האָט ליעב מענשען און איז זײַ מקרב צו דער תּורה".

לעהרנען די תּורה אַלײן און זי מיט ליעבע איבּערגעבען אַנדערע — דאָס איז בײַ הלל'ן אײנע פון די הײליגסטע פליכטען. ער פלעגט זאָגען: ווער עס זוכט צו פערשפּרײטען זײַן נאָמען, פערליערט זײַן נאָמען, ווער עס פערמעהרט נישט (זײַנע קענטענישען), פערמינדערט זײ; און ווער עס לעהרנט נישט, איז ווערט דעם טויט; און דער, וואָס בענוצט זיך מיט דער טאָגאָ (מאַנטעל פון אַ תּלמיד חכם) — געהט אונטער".

ער האָט אויך געזאָגט: „אויב איך אַלײן בין נישט פאַר מיר — ווער איז פאַר מיר? און ווען איך בין אַלײן פאַר זיך — וואָס בין איך (וואָס'רע ווערט האָב איך)? און אויב נישט איצט — טאָ ווען דען?"

הלל'ס ווײכקײט, עניוות און מענשענפרײַנדליכקײַט האָט געהאַט דעם כאַראַקטער פון עטוואָס איבּערמענשליכעס, איבּערנאַטירליכעס, און גאַנץ אָפט האָבען זיך אָבגעשפּיעלט אויף דעם באָדען פערשיעדענע סצענעס. די לעגענדע דערצעהלט: עס האָבען זיך צוויי מענשען פערוועט אום דעם, אַרויסצוברענגען הלל'ן פון געדולד און איהם צו פערבײזערן. איז אײנער פון זײ געקומען צום בעריהמטען

הלל פרייטאג פארנאכט, ווען ער האט זיך געהאלטען אין וואשען און רייניגען לכבוד שבת, און האט איהם ארויסגערופען צו זיך. הלל האט איבערגעריסען זיין ארבייט און איז ארויסגעקומען צו דעם חוצפה׳דיגען בעזוכער מיט דער פראגע: „וואס ווילסטו, מיין קינד?“ דאן האט איהם יענער פארגעלעגט עפעס א נארישע פראגע (פארוואס זעגען די פיס פון דער און דער בעפעלקערונג גראב און ברייט?) און הלל האט איהם אויף איהר געענטפערט; אין עטליכע מינוט ארום איז דער בעזוכער ווידער געקומען מיט א נייער נארישער פראגע, און אזוי עטליכע מאל כסדר; ער האט אבער גארנישט געפועל׳ט — הלל האט איהם יעדעס מאל גאנץ העפליך געענטפערט, דאן האט דער בעזוכער, ענדליך, פערלוירען די געדולד און אויסגעשריגען: אזעלכע ווי דו, הלל, זאלען קיין סך נישט זיין ביי יודען! אויף דעם האט איהם הלל מילד געפרעגט: „פארוואס, מיין זוהן?“ „ווייל איך האב צוליעב דיר דעם געוועט פערשפיעלט“ — האט איהם יענער געענטפערט, און הלל האט געזאגט: „בעסער זאלסטו פערשפיעלען דעם געוועט, איידער איך זאל פערליערען די געדולד“.

ביי דעם אלעמען איז אבער הלל דאך קיין אסקעט נישט געווען; ער האט נאר געזוכט אריינצובריינגען וואס מעהר ליעבע און מילדקייט אין דער בעציהונג פון איין מענשען צום אנדערן. הלל האט געלעהרנט: דו זאלסט דיך נישט אבשיידען פון דער געזעלשאפט; זאלסט זיך אליין נישט גלויבען, ביז דעם טאג פון דיין שטארבען; זאלסט נישט אורטיילען דיין חבר, ביז דו וועסט נישט צוקומען אויף זיין ארט; זאלסט נישט זאגען אזוינס, וואס מ׳קען עס נישט פערשטעהן, מיט דער האפנונג, אז מ׳וועט עס פערשטעהן, און זאלסט נישט זאגען: ווען איך וועל פריי ווערן וועל איך לעהרנען — טאמער וועסטו נישט פריי ווערן.

הלל האט שטארק מקפיד געווען אויף דער ריינקייט פון קערפער. דער מענש איז געשאפען געווארען — האט ער געלעהרנט — אין גאט׳ס געשטאלט, און ער דארף היטען דעם דאזיגען צלם אלהים און איהם ריין האלטען.

וועגען הלל׳ס פלייסיגקייט אין לעהרנען אלס תלמיד פון די בעריהמטע שמעיה און אבטליון האט זיך אין פאלק דערצעהלט פאלגענדעס: דער יונגער הלל איז געווען זעהר ארים. איינמאל האט זיך געמאכט, אז ער האט נישט געהאט צו בעצאהלען די קליינע סומע

פאַר'ן איינטריט אין יענעם בית המדרש, וואו שמעיה און אבטליון האָבען געלעהרנט מיט זייערע תלמידים; הלל איז דאַן אַרויפגעקראָכען אויפ'ן פענסטער, און דאָ איז ער אַזוי לאַנג געלעגען מיט צוגעפרעסטע אויערן צום שויב, ביז דער שניי האָט איהם אינגאַנצען פערדעקט. אין אַזאַ צושטאַנד האָט מען איהם געפונען אויף צומאָרגענס אין דער פריה, ווען ער האָט פערשטעלט מיט זיך די שיין פון פענסטער, און געפונען האָט מען איהם אַזוי פערטיפט אין די געדאַנקען פון לעהרנען, אַז ער האָט גאָרנישט געפיהלט קיין קעלט און קיין וועהטאָג.

ביי אַזאַ אונגעוועהנליכער התמדה איז הלל'ן געלונגען צו ווערן דער ערשטער צווישען זיינע חברים; געוואוסט האָבען אָבער דערפון נאָר געצעהלטע תלמידים, און נאָך דעם טויט פון שמעיה און אבטליון זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרען בראש פון דער אינסטיטוציע צוויי גאַנץ אונבעדייטענדע פרושים פון דער פאַמיליע בתירה (בני בתירה); די לעצטע האָבען, ווי ס'שיינט, פערטרעטען דעם פאָסטען נאָר אַ קורצע צייט, און זייער שטעלפערטרעטער איז געווען הלל. דאָס איז פאָרגעקומען אויף דעם פאָלגענדען אופן: עס איז אויסגעפאַלען אין יענעם יאָהר שבת ערב פסח, און די געזעץ-לעהרער האָבען נישט געוואוסט, ווי צו ענטשיידען דעם דין וועגען קרבן-פסח: צי מעג מען איהם מקריב זיין אום שבת, צי נישט? עס האָבען נישט געגעבען קיין קלאָרען ענטפער וועגען דער פראַגע אויך די פאָרזיצענדע פון דער אַקאַדעמיע, די בני בתירה. דאַן האָט איינער זיך אָבגערופען: דאָ געפינט זיך איינער פון בבל, מיט'ן נאָמען הלל, וועלכער האָט געלעהרנט תורה ביי שמעיה און אבטליון, און ווייסט, ווי מ'דאַרף זיך בעגעהן אין אַזאַ פאַל; און ווען מ'האָט הלל'ן געפרעגט, צי האָט ער נישט געהערט ווען ס'איז פון די רביים, וואָס מ'דאַרף טאָן מיט'ן קרבן פסח, ווען עס פאַלט אויס ערב פסח אום שבת,—האָט ער געענטפערט, אַז דער קרבן פסח, ווי יעדער קרבן תמיד, איז דוחה שבת און מ'דאַרף איהם מקריב זיין. דאַן האָט זיך ענטוויקעלט אַ היציגער וכוח וועגען דער פראַגע, און הלל האָט בעפעסטיגט זיין מיינונג מיט אַ קל וחומר:*) דער קרבן פסח מיט'ן

*) אַ געוויסע לאָגישע בעגרינדונג, וואָס דרינגט אַרויס די האַרבערע זאַך (חומר) פון דער לייכטערער (קל).

קרבן תמיד (אַלטעגליכער קרבן), בײדע זענען נישט קײן פּריװאַטע, נאָר געזעלשאַפטליכע קרבנות, און בײ בײדען גלײך בענוצט זיך די תּורה מיט דעם אויסדריק: במועדו (אין דער צײט); הײנט מה־דאָך דער קרבן תמיד (פאַר װעלכען עס קומט אַ פּיעל לײכטערע שטראָף, אויב מ'ברענגט איהם נישט) איז דוחה שבת, איז דאָך אַ פּשיטא־שוין דער קרבן פּסח (פאַר װעלכען די תּורה זאָגט צו אַ פּיעל האַרבערע שטראָף)?

די דאָזיגע בעגרינדונג האָט אָבער אַרױסגערופען אויך אַ סך געגען־בעגרינדונגען, װאָס האָבען געדרונגען פּונקט דעם היפך דערפון; דאַן האָט הלל אויסגערופען: „אַזױ האָב איך געהערט פון שמעיה און אַבטליון!" — און דער גאַנצער קאָלעגיום האָט זיך אונטערגעגעבען. הלל'ס נאָמען האָט דאַן אָנגעהױבען צו װאַקסען, און ענדליך האָבען די בני בתירה איהם אַלײן אָבגעטרעטען זײער פּלאַץ אַלס פּאָרזיצענדע פון דער אינסטיטוציע (30).

הלל האָט געשפּיעלט איצט אין דער בענײאונג פון יודענטום די זעלביגע ראָליע, װאָס עס האָט געשפּיעלט מיט הונדערט יאָהר פריהער דער גרויסער עזרא. ער האָט קודם כל איבערגעגעבען זײנע תּלמידים דעם רײכען מאַטעריאַל פון מונדליכע מסורות (תּורה שבעל פּה), װעלכען ער האָט זיך ערװאָרבען אַלס תּלמיד פון שמעיה און אַבטליון; אַט דער פערדיענסט איז נאָך אָבער גאַנץ קלײן, אים פערגלײך מיט דעם אַנדערן, װאָס האָט געשאַפען אַ נײעם, פעסטען באָדען פאַר דער יודישער געזעצלעהרע. הלל האָט אונטערגעבראַכט דעם מנהג פון שטיצען זיך אויף אויטאָריטעטען, און האָט אַרײנגעבראַכט אַ בעשטימטען סיסטעם פון געװיסע לאָגישע פערבינדונגען און שלוס־פאָלגערונגען אין דעם װילדען כאַאָס פון געשריבענע און מונדליך איבערגעגעבענע געזעצען און געזעצען צו געזעצען (סינים, חומרות), װעלכע זענען זיך פונאַנדערגעװאַקסען אין דעם פערלויף פון די אַלע פערגאַנגענע דורות. ער האָט אַרײנגעבראַכט אין דעם פערפלאָנטערטען געזעצען־קנויל יענעם לעבעדיגען עלעמענט, װאָס האָט דעם לעצטען געגעבען די מעגליכקײט, זיך אַלײן אויפצופלאָנטערן און קלאָר צו װערן, נישט אָנקומענדיג צו דעם אויטאָריטעט פון געצעהלטע פערזאָנען.

יעדעס געזעץ מוז זיך שטיצען אויף דער תּורה, אויף'ן פּסוק; די בעגרינדונג אָבער פון געזעץ און דער גאַנצער פּראָצעס פון צופּאַסען דעם איצטיגען לעבענס־פאַל צו דעם אונבעשטימטען אויסדריק

פון דער תורה — דאס זאל געשטיצט זיין נישט בלויז אויף דעם זכרון פון דעם אדער יענעם איבערבערענגער פון דער מסורה , נאר אויף בעשטימטע לאגישע יסודות . הלל האט אויסגעארבייט זיבען לאגישע פארמולעס (שבע מדות שהתורה נדרשת בהן) , מיט דער הילף פון וועלכע יעדעם געזעץ האט געקאנט ארויסגעדרונגען ווערן פון דער תורה, און אט די ארויסגעדרונגענע געזעצען האבען בעקומען דעם זעלביגען אויטאריטעט , וואס עס האבען פריהער געהאט די צוגעגעבענע , מונדליכע סיגים און דינים , ד. ה. די זעלביגע געטליכע קראפט , וואס עס האבען אין זיך די בפירוש'ע געזעצען פון דער תורה גופא . די דאזיגע פארמולעס , וועלכע זענען שפעטער פערדאפעלט און נאך טיעפער אויסגעארבייט געווארען , האבען געדיענט אלס פעסטען יסוד פאר דעם אונגעהויערען בנין פון דער יודישער (יהודה'עאיש-יודיש) געזעצלעהרע , וואס איז בעקאנט אונטערן נאמען תלמוד .

הלל'ס סיסטעם פון אויסטייטשען דעם זין פון געשריבענעם געזעץ און לאגיש ארויסדרינגען פון איהם די פארמען און לעבענספאקטען , וואס לאזען זיך אין איהם איינפאסען — האט בעדייטענד אפגעשוואכט אויך דעם אלטען אנטאגאניזם צווישען די פרושים און די צדוקים , ווייל די אלע מסורות , וואס האבען זיך ביז אהער געשטיצט נאר אויף דעם אויטאריטעט פון געוויסע פערזאנען , האבען איצט בעקומען די סאנקציע פון דער תורה אליין . און די פאלגען פון דעם נייעם סיסטעם האבען זיך גלייך ארויסגעוויזען אלס זעהר גינסטיג פאר די פראקטישע לעבענס-אינטערעסען פון פאלק . לויט דעם געזעץ פון דער תורה האבען אין דעם יאהר פון שמיטה (דאס זיבעטע יאהר , ווען קיין זאך האט נישט געטארט געאקערט און געזייהט ווערן) אלע חובות געזאלט פערליערען זייער קראפט ; מיט דער לאגע האבען זיך אבער בענוצט א סך בעלי-חובות , וועלכע האבען אפגעצויגען דעם צאהלונגס-טערמין ביז'ן שמיטה-יאהר , כדי דאן אינגאנצען נישט צו דארפען צאהלען , און דאס האט זיך געמוזט זעהר שלעכט אפרופען אויף דעם גאנצען צושטאנד פון האנדעל אין לאנד , ווייל קיינער האט דעם אנדערן קיין זאך נישט געוואלט לייהען . כדי צו בעזייטיגען די דאזיגע ערשיינונג , האט הלל דאן מתקן געווען א נייע תקנה : ער האט פעראָרדענט , אז פאר דעם שמיטה-יאהר זאל דער מלוה (קרעדיטאר) אריינגעבען אין געריכט א שריפטליכע ערקלערונג, לויט וועלכער אלע זיינע חובות געהען איבער אינ'ם רשות פון דער געריכטס-

מאַכט און די לעצטע איז מחויב, זיי פאַר איהם אויפצומאַהנען אין אַלע צייטען. די דאָזיגע נוצליכע תקנה, וואָס האָט זיך זעהר גוט אָבגערופען אי אויף דער האַנדעלס־טעטיגקייט פון לאַנד, אי אויף דעם זיטליכען צושטאַנד פון דער בעפעלקערונג, — האָט בעקומען דעם גריכישען נאָמען פרוזבול (פראָזבאָל, איבערגעבען).

דעם צווייטען ראַנג נאָך הלל'ן האָט פערנומען א בעריהמטער געלעהרנטער פון די איסיים מיט'ן נאָמען מנחם; דער לעצטער איז אָבער נישט צופריעדען געווען פון הלל'ס נייע איינפיהרונגען, און ער האָט זיך אָבגעזאָגט פון זיין פאָסטען. דעם פלאַץ האָט דאַן פערנומען שמאי, א שטרענגער און האַרטער מענש, וואָס איז געווען פונקט דער היפך פון דעם מילדען און גוטהערציגען הלל. שמאי האָט שטענדיג געזעהען פאַר זיך נישט דעם לעבעדיגען מענשען, נאָר דעם געזעץ פון דער תורה, און אין דער צייט, ווען הלל האָט געשטרעבט און געזוכט מיטלען, בעליעבט צו מאַכען די תורה אויפ'ן פאָלק און צוצופאַסען איהרע געזעצען צו די בעדינגונגען פון לעבען, — האָט שמאי נישט צוגעלאָזען קיין שום פערלייכטערונגען בנוגע צו די געבאָטען פון דער תורה, און זיינע אויסטייטשונגען אין דער הלכה זענען כמעט אַלע געווען דורכגעדרונגען מיט איין בעשטימטען לאָזונג: „מ'טאָר נישט". נישט די תורה איז געגעבען געוואָרען דעם מענשען אויף צו רעגולירען די פאָרמען פון לעבען, נאָר דאָס גאַנצע לעבען איז געשאַפען געוואָרען דערפאַר, אום דער מענש זאָל קאָנען היטען די געבאָטען פון דער תורה; דאָס געזעץ דאַרף זיך דעריבער מיט'ן מענשען און מיט זיינע לעבענס־בעדינגונגען גאָרנישט רעכנען — דער מענש מוז זיך אונטערגעבען, ווען אפילו די פשוט'ע נאַטירליכע מעגליכקייט איז געגען דעם.

די דאָזיגע אונגעוועהנליך־שטרענגע בעציהונג צו די געבאָטען פון דער תורה האָט אַרויסגערופען אין פאָלק פערשיעדענע איראָנישע מעשיות וועגען שמאי'ס פריוואַט־לעבען. מ'האָט דערצעהלט, אַז שמאי האָט געצוואונגען זיינעם אַ קליינעם יונגעל צו פאַסטען די בעשטימטע תעניתים; אַז ווען ביי איהם איז געבוירען געוואָרען אַ אייניקעל, אַ יונגעל, אום סוכות, האָט ער אַראָבגענומען דעם סופית פון צימער, וואו די קינפעטאָרין איז געלעגען, און בעדעקט דעם חלל מיט סכך, כדי דאָס נייגעבוירענע קינד זאָל ערפילען די פליכט פון זיצען אין סוכה, און נאָך אַזעלכע מעשיות. אום צו אילוסטרירען דעם אונטער־

שיעד צווישען הלל'ס גוטסקייט און שמאי'ס האַרטקייט, האָט זיך אין פאָלק דערצעהלט, אַז דער זעלביגער געצענדיגער, וואָס איז שפּעטער געקומען צו הלל'ן מיט דעם בעריהמטען פאָרשלאָג (ער זאָל איהם איבערגעבען דעם וועזען פון דער תורה אין עטליכע ווערטער), איז געווען פריהער ביי שמאי'ן און ער האָט איהם אַרויסגעטריבען.

ווי ס'ווייזט אויס, איז שמאי אין אַלגעמיין געווען געגען אָננעהמען גרים, און אין פאָלק האָט זיך נאָך דערצעהלט, אַז איינער איז געקומען צו שמאי'ן און געזאָגט: איך וויל אָננעהמען די תורה און היטען איהרע געזעצען, אָבער נאָר די געשריבענע (תורה שבכתב) און נישט די איבערגעגעבענע (תורה שבעל פה). פון דעם פאָרשלאָג האָט זיך דער שטרענגער יהודה'שער געזעצלעהרער אויך שאַרף אָבגעזאָגט, און הלל דאַגעגען האָט איהם אָנגענומען און צוגעצויגען דעם געצענדיענער צום יודענטום. נאָך דעם אַלעמען איז אָבער שמאי דאָך נישט געווען קיין פינסטערע, מענשענפיינדליכע נאַטור; דאָס איז צו זעהען פון דעם מאמר אין די פרקי אבות: „שמאי זאָגט: מאַך דיין תורה פאַר אַ קביעות (אַ שטענדיגע זאַך), רעד וועניג און טו אַ סך און נעהם אָן יעדען מענשען מיט אַ פריינדליכען פנים".

אָט די אַלע חלוקי דעות בנוגע צו פערשידענע עטישע און רעליגיעזע פראַגען זענען אָבער נישט אַזוי וויכטיג געווען, ווי די מיינונגס-פערשידענהייט, וואָס האָט זיך ענטוויקעלט צווישען די צוויי גרויסע געזעץ-לעהרער איבער שאלות פון דעם אַלטעגליכען לעבען. די „מדות" אויף צו „דרשה'נען" די תורה (מדות שהתורה נדרשת בהן), וואָס הלל האָט איינגעפיהרט, האָבען געמוזט פיהרען צו געגענזייטיגע טעאָרעטישע פשט'לעך און דריגגעגישען, און אַזוי איז אויסגעקומען, אַז איין פסוק אין דער תורה איז פון איינעם אויסגעטייטשט געוואָרען אַזוי און פון דעם צווייטען פונקט פערקעהרט. אויף אַזאַ אופן האָבען זיך אויסגעבילדעט צוויי בעזונדערע ריכטונגען — און ווי ס'איז צו גלויבען אויך בעזונדערע ישיבות — אין דער יודישער געזעצלעהרע, פון וועלכע איינע האָט זיך גערופען אויף הלל'ס נאָמען (בית הלל), און די צווייטע — אויף שמאי'ס (בית שמאי). די ראָזיגע ביידע ריכטונגען האָבען זיך שטאַרק אונטערשיידט אויך אין זייער בעציהונג צו די פּאָליטישע געשעהענישען פון לאַנד; דער מילדער און פריעדליכער הלל פון בבל האָט זיך בכלל פערהאַלטען גאַנץ פּאַסיוו צו די מאַכטהאָבער און זיין בעציהונג צו די געצענדיענער פון

דער ארומיגער וועלט איז אויך געוועזן א מילדע, א צוגעלאזענע. דאגעגען אבער איז דער יהודה'ער שמאי דורכגעדרונגען געוועזן מיט א הייסער, ביטערער שנאה צו די בעדריקער פון לאנד און צו אלע געצענדיענער, און אט די שנאה איז פון איהם איבערגעגאנגען אויך צו זיינע תלמידים און נאכפאלגער. די לעצטע זענען געשטאנען אין נאהנטע בעציהונגען מיט די „זעלאטען", וואס זענען אנגעפיהרט געווארען פון דעם פאנאטישען רוימערפיינד יהודה הגלילי; דערביי איז כאראקטעריסטיש דער פאקט, אז די נאכפאלגער פון דעם שטרענגען שמאי האבען מיט דער צייט בעקומען אויף זייער זייט די מעהרהייט פון דער פרושים־פארטיי, און זיי האבען געקענט דורכפיהרען אלע זייערע געזעצען און איינפיהרונגען.

אין יענער צייט האבען זיך שטארק פערגרעסערט די יהודה'שע קאלאניעס אויך אויסער די גרענעצען פון יהודה; יודען האבען זיך צושפרייט איבער אלע פראווינצען פון דער רוימישער מלוכה און בכלל האט זיך זיי דארט נישט שלעכט געלעבט. אין רום גופא האבען געלעבט א סך יודען, וועלכע זענען פאר יוליוס צעזאר פערגלייכט געווארען אין אלע זייערע רעכטע מיט די איבריגע בירגער פון לאנד; שפעטער, אין די יאהרען פון אויגוסט צעזאר, איז די לאגע פון די רוימישע יהודה'ער געוועזן נאך פעסטער און זיי האבען שוין פארגעשטעלט מיט זיך א בעדייטענדע צאהל. ווען די דעפוטאציע פון יהודה איז געקומען צו אויגוסטען בעטען, ער זאל נישט בעשטעטיגען הורדוס'עס צואה און איבערלאזען יהודה אונטער דער דירעקטער הערשאפט פון רוים, — האבען זיך גאנצע אכט טויזענד רוימישע יהודה'ער משתדל געוועזן דערפאר, און געשטיצט די שלוחים פון דער אומה אין זייער ארבייט. פאר טיבעריוס'ען האבען די רוימישע יהודה'ער דאס ערשטע מאל אנגעהויבען פיהלען דעם טעם פון דעליגיעזע פערפאלגונגען: צוליעב דעם צופאל מיט דער אריסטאקראטישער פרוי (פולוויא), וואס האט זיך מגייר געוועזן, האט טיבעריוס בעפעהלען ארויסצוטרייבען אלע יהודה'ער פון גאנץ איטאליען, אויב זיי וועלן זיך נישט אבזאגען פון זייער אמונה; די דאזיגע רדיפות האבען זיך אבער נישט לאנג געצויגען, און אין זיינע לעצטע יאהרען איז דער זעלביגער הערשער אויך געווארען בעסער געגנויגט צו די יהודה'ער און זייער אמונה.

נישט ערגער האט זיך פאר דער צייט געלעבט אויך די יודען אין מצרים. נאך דער מפלה פון דער בעריהמטער קלעאפאטרא, ווען

מצרים איז אויך ארונטערגעפאלען אונטער דער רוימישער הערשאפט, האבען די דארטיגע יהודה'ער בעקומען די אלע רעכט, וואס זיי האבען געהאט פריהער. דער רוימישער זיגער, אקטאוויאן, האט זיך זאגאר ארויסגעוויזען צו זיי בעזונדער פריינדליך, און אויף זיין בעפעהל איז דער נשיא (אראבארך) פון די יהודה'ער אין מצרים בעשטימט געווארען פאר א ממונה איבער די שטייער-קאמערן פון עטליכע האפענס. די דאזיגע גוטע לאגע פון די יודען אין מצרים האט זיך געצויגען ביז א געוויסער צייט נאך הורדוס'עס טויט, און זייער קולטור (די יודיש-העלעניש) האט זיך דערווייל כסדר ענטוויקעלט.

אין די אנדערע לענדער האט זיך דאן בעמערקט די זעלביגע איינגענארטיגע ערשיינונג: די איינענע יהודה'ער, וואס בעי זיך אין דערהיים האבען זיי געקעמפפט געגען דער רוימישער מאכט און נישט געוואלט ארויסווייזען געגען איהר קיין שום צייכען פון אונטערטעניגקייט, — די זעלביגע האבען אין די רוימישע פראווינצען אויסער יהודה פארגעשטעלט מיט זיך גאר, פערקעהרט, דעם לאיאלסטען (אונטערטעניגסטען) עלעמענט אין דער בעציהונג צו די ארטיגע סיריש-גריכישע בעפעלקערונגען, און די רוימישע מאכט האט זיי דערפאר געשענקט בעזונדערע זכיות און פריווילעגיעס. אזא פאל איז פארגעקומען אין סיריען און קליין אזיען; יודען האבען דארט געלעבט גאנץ אבגעזונדערט פון דער ארומיגער געצענדינערישער בעפעלקערונג און האבען געהיט די אייגענע געזעצען און מנהגים. די דאזיגע אבגעזונדערטקייט האט ארויסגערופען א שטארקען פערדרוס ביי די ארטיגע העלענישע אדער העלעניזירטע פאלקס-מאסען, און די שטאדט-פערוואלטונגען האבען זיך גאנץ אפט געפרובט בעגרענעצען די יודישע רעכט; די יודען האבען זיך דאן געווענדעט צו זייער בעשיצערין, דער רוימישער מאכט, און די לעצטע האט ארויסגעגעבען בעפעהלען, וואס האבען ענטהאלטען אין זיך בעזונדערע זכיות פאר דער יודישער בעפעלקערונג. אין איינעם אזא בעפעהל זאגט זיך:

„יוליוס גאי, דער רוימישער פרעטאר און קאנסול, שיקט זיין גרוס די הויפטלייט, דעם ראט און דעם פאלק פון (דער אינזעל) פ א ר א ס. אין דער אנוועזענהייט פון אייערע שלוחים האבען זיך צו מיר געמאלדען דעפוטאטען פון די ד ע ל א ס'ע ר י ה ו ד ה'ע ר און עטליכע פון די יהודה'עאישע פערשיקטע און ערקלערט, אז איהר שטערט זיי, דורך פערשידענע פערפליכטונגען און פעראָרדנונגען,

אָבצוהיטען זייערע אייגענע מנהגים, צו זאַמלען געלד פאַר זייערע פער=
זענליכע און רעליגיעזע בעדערפעניסען, — וועהרענד אַפילו אין רוים
גופא איז זיי דאָס אויך נישט פערוועהרט. אין זיין בעפעהל וועגען פער=
באָטען אין שטאָדט יעדען מין פערזאַמלונג, האָט אונזער פרעטאָר און
קאָנסול גאַי צעזאַר אַרויסגענומען נאָר די יהודה'עער פון דעם אַלגעמיי=
נעם כלל און האָט זיי ערלויבט צו זאַמלען געלד און אויך זיך אַליין
צונויפצוקומען אויף זייערע בעראַטונגען. דאָס זעלבע בעפעהל איך אויך,
און פערבאָטענדיג אַלע מיני פערזאַמלונגען און צוזאַמענקומעניסען,
ערלויב איך אויסשליסליך נאָר די יהודה'עער זיך צונויפצוקומען
און אָבצוהאַלטען זייערע בעראַטונגען, לויט די איינפיהרונגען און געזע=
צען פון זייער גלויבען. איהר דאַרפט דעריבער אָבשאַפען די אַלע פער=
אָרדנונגען, וואָס איהר האָט אַרויסגעגעבען געגען אונזערע פריינד און
גענאָסען, צוליעב דעם אויסגעצייכענטען און לויבווירדיגען פערהאַלטען
זיך פון די יהודה'עער".

אַזעלכע „פריי=בריעף" זענען מיט דער צייט אַרויסגעגעבען געוואָ=
רען אַ גאַנצער רייהע יהודה'עאישע קאָלאָניעס אין פערשידענע קליין=
אַזיאַטישע שטעדט. און די „בריעף" האָט די רוימישע מאַכט גאַראַנ=
טירט די יהודה'עער דאָס רעכט, צו לעבען לויט זייערע אייגענע געזע=
צען און מנהגים, עפענטליך אָבצוהאַלטען זייערע גאָטעסדיענסטען, צו
בויען שוהלען, צו היטען זייערע שבתים און יום=טובים און זיך צונויפ=
צוקומען אין יעדער צייט אָהן אַ שום שטערונג. אין געוויסע ערטער איז
שוין דאַן אויך דערוועקט געוואָרען די פראַגע וועגען דער בעטייליגונג
פון יהודה'עער אינ'ם רוימישען מיליטער=דיענסט, וויַיל די יהודה'עאישע
סאָלדאַטען האָבען דאָך נישט געקאָנט ערפילען זייערע מיליטערישע
חיובות אום שבת און עסען די טרפה מאַכלים פון דער אַרמעע; עס
האָבען זיך דעריבער געפונען עטליכע שטעדט אין קליין אַזיען, וואו די
יודען זענען אינגאַנצען בעפרייט געוואָרען פון מיליטער=דיענסט.

צוליעב דעם, וואָס געוויסע פראָווינציעלע בעאַמטע האָבען גע=
פרובט שטערן די יהודה'עער פון די אַרומיגע לענדער צו שטעהן אין
אַזאַ לעבעדיגען פערקעהר מיט דער הויפט=שטאָדט פון יהודה און צו
שיקען גרויסע סומעס געלד פאַר דעם דאָרטיגען בית=המקדש, — האָבען
די יהודה'עאישע קאָלאָניעס אויסגעפועלט ביי דער צענטראַלער מאַכט,
זי זאָל זיי גאַראַנטירען אויך די פרייהייט. דער ערשטער, וואָס האָט
אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל וועגען דעם, איז געוועזען יוליוס צעזאַר, און

נאָך איהם איז געקומען אויגוסט און האָט די דאָזיגע גאַראַנטיע נאָכ־מעהר בעפעסטיגט . ער האָט אַרויסגעגעבען וועגען דער פראַגע עטליכע ספּעציעלע עדיקטען (בעפעהלען) , פון וועלכע מיר ברענגען דאָ איין כאַראַקטעריסטישען מוסטער :

„צעזאַר אויגוסט , דער העכסטער גייסטליכער , וואָס בעזיצט די מאַכ̇ט פון אַ פאָלקס־טריבון , ערקלערט , אַזוי ווי די יהודה׳עאישע אומה האָט זיך אַרויסגעוויזען נישט בלויז פון איצט , נאָר אויך פון די פער־גאַנגענע צייטען (און בעזונדער פון די יאָהרען , ווען עס האָט געהערשט מיין פאָטער , דער אימפּעראַטאָר צעזאַר און הורקנוס איז געווען דער כהן־גדול) פאַר זעהר איבערגעגעבען דעם רוימישען פאָלק , האָב איך מיט מיינע געשוואוירענע יועצים , לויט דעם בעשלוס פונ׳ם רוימישען פאָלק , בעשלאָסען , אַז די יהודה׳עער זאָלען האָבען דאָס פולע רעכט , צו לעבען אונגעשטערט לויט זייערע געזעצען , ווי דאָס איז געווען פאַר דעם כהן־גדול פון אַלערהעכסטען גאָט , הורקנוס ; אַז די הייליגע געלדער זאָלען זיין אונבעריהרבאַר : זיי זאָלען כסדר בעזאָרגט ווערן קיין ירושלים און איבערגעגעבען ווערן אין די הענד פון די דאָרטיגע גבאים ; אַז די יהודה׳עער זאָלען נישט גערופען ווערן צו קיין געריכטס־זיצונג נישט שבת און אויך נישט ערב־שבת פון ניין דעם זייגער . ווער עס וועט האָבען אויף זיך דעם חשד , אַז ער האָט אַרויסגעגנב׳עט הייליגע ספרים אָדער הייליג געלד פון אַ יהודה׳עאישער שוהל אָדער פון אַ יהודה׳עאישען פערזאַמלונגס־זאַל , יענער וועט אָנגעקלאָגט ווערן פאַר גאָט׳ס־לעסטערונג און זיין פערמעגען וועט קאָנפיסקירט ווערן פאַר דעם רוימישען אוצר המלוכה" .

אַ בעזונדער פלאַץ האָט פערנומען די יהודה׳עאישע קאָלאָניע אין בבל , וואָס איז געלעגען אינגאַנצען אויסער דער ספערע פון דער רוימישער מאַכט . דאָס לאַנד האָט זיך געפונען אונטער דער הערשאַפט פון די פּאַרטאַנער , און יודען האָבען דאָ געלעבט אין אַ גרויסער צאָהל נאָך פון די צייטען פון דער פערסישער דינאַסטיע . דאָ האָט געלעבט עטליכע יאָהר אַלס געפאַנגענער דער חשמונאי׳שער קעניג און כהן־גדול הורקנוס II און די יהודה׳עער האָבען איהם אָבגעגעבען גרויס כבוד ; אַ געבוירענער פון בבל איז געווען אויך דער כהן־גדול , וואָס הורדוס האָט געהאַט בעשטימט גלייך נאָך זיין אַרויפטרעטען אויף דעם טראָן פון יהודה , מיט׳ן נאָמען חננאל , און ווען הורקנוס II האָט זיך אומ־געקעהרט קיין ירושלים , איז מיט איהם , ווי ס׳איז צו גלויבען , מיטגע־

גאנגען פון בבל אויף דער בעריהמטער געזעץ־לעהרער הלל, וואס האט געגעבען א נייע ריכטונג דער גאנצער ענטוויקלונג פון יודענטום. אין בבל האבען יודען געלעבט וויט פון די גרעסערע קולטור־צענטערן, און א דאנק דעם האט זיך ביי זיי דערהאלטען די נאציאנאלע גייסטיגע פיזיאנאמיע אין איהר גאנצער ריינקייט, ד. ה. קהן א שום איינפלוס פון די פרעמדע אידעען און בעגריפען.

אזוי האבען די יהודה׳ער אויסער יהודה זיך איינגעארדענט זייער לעבען צווישען די פעלקער פון דער גריכיש־רוימישער וועלט. די לעצטע האבען יודען נישט ליעב געהאט צוליעב פערשיעדענע טעמים: ערשטענס, האבען די יודישע קאלאניעס פארגעשטעלט מיט זיך אבגעשלאסענע קווארטאלען, וואו די בעפעלקערונג האט געלעבט לויט בעזונדערע זיטען און מנהגים און מיט אזעלכע בעגריפען פון גאט, מענש און וועלט, וועלכע זענען אינגאנצען אנדערש געווען פון די אנגענומענע, איינגעפעסטיגטע, געצענדיענערישע; צווייטענס, האבען יודען קאנקורירט מיט זייערע שכנים אויף די געביעטען פון האנדעל און קולטור און כמעט שטענדיג פערנומען דארטין א העכערן פלאץ, אזוי אז זיי האבען אין א געוויסער מאס געקענט שפיעלען די דאמינירענדע, טאן־געבענדע ראליע; און דריטענס, האבע זיך די יודען ארויסגעוויזען פאר פריעדליכע און דאנקבארע אונטערטאנען פון דער בעשיצענדער רוימישער מאכט, ווערענד די העכערע קלאסען פון די איינגעבוירענע פעלקער האבען געטראגען א טיעפע שנאה אין הארצען צו די בעזיעגער און בעדריקער.

פון דעם דאזיגען אנטאגאניזם האבען יודען א סך מאל שטארק געליטען, און דאס האט אין זיי נאכמעהר פערשטארקט די איבערצייגונג פון דער זעלבסטשטענדיגער פאליטיק, ביי וועלכער זיי דארפען זיך האלטען. דא אין גלות, אין פרעמדע לענדער און צווישען פרעמדע פעלקער, זענען מיר צו־שוואך, אום זיך דערהאלטען אלס א גאנצער פאליטישער ארגאניזם, מיט א געוויסער פאליטישער קראפט; מיר דארפען דעריבער קודם כל היטען די אלע גייסטיגע פעדים, וואס בינדען אונז צונויף, און לעבען וואס מעהר אבגעזונדערט, וואס מעהר אבגעשלאסען פון דער ארומיגער וועלט, אום נישט פערשלונגען צו ווערן. און שטיצען דארפען מיך זיך אויף דער פאקטישער הערשענדער מאכט: אין רוים די הערשערין, וועלן מיר איהר ארויסווייזען אלע סימנים פון אונטערטעניגקייט, אבי זי זאל אונז לאזען דאס רעכט, זיך אליין איינ־

צואָרדנען אונזערע אינווענינגסטע, גייסטיגע אָנגעלעגענהייטען — דאָס איז געווען דער אונבעוואוסטזיניגער אינהאַלט פון דעם קאַמפּף פאַר'ן קיום פון דער אומה, וואָס עס האָבען געפיהרט — אין איין און דער זעלביגער ריכטונג — כמעט אַלע אָבגעריסענע טיילען פון'ם פאָלקס־צענטער. דער נאַציאָנאַלער ערהאַלטונגס־אינסטינקט האָט איבער די דאָזיגע טיילען פון פאָלק אַזוי ווי אויסגעפּרובט די מעטאָדע פון אויסער־ליכער אונטערטעניגקייט און אינערליכער פרייהייט, — די מעטאָדע, וואָס איז שפּעטער געוואָרען דאָס אייגענטימליכע פון דעם גאַנצען יודישען פאָלק.

פאָרלויפיג האָבען אָבער די יודישע קאָלאָניעס אין דער אַרומי־גער וועלט געהאַט נאָך איין פונקט, וואָס האָט אַ סך מיטגעווירקט אויף צו דערהאַלטען דעם נאַציאָנאַלען געפיהל ביי די דערווייטערטע פאָלקס־טיילען: עס האָט נאָך עקסיסטירט דער פּאָליטישער און גייס־טיגער צענטער פון דער אומה, און אויסער די נדבות פאַר'ן בית המקדש, פלעגען טויזענדער עולי רגל פון די ווייטסטע לענדער קומען אויף יעדען יום־טוב קיין ירושלים, „זיך זעהען מיט גאָט" און זיך צוריק פערבינדען מיט'ן פאָלק.

פינפטעם קאַפּיטעל.

די ענטשטעהונג פון קריסטענטום.

דאָס איז געוועזען אין די צייטען פון פּאָנטיוס פּילאַטוס. יהודה האָט געקרעכצט אונטער דעם שווערען יאָך פון דער פירטער פרעמ־דער מאַכט (אַשור־בבל, פרס, סיריען און רוים), און האָט איבערגע־טראָגען פערשידענע רעפּרעסיעס, גזירות און שווערע בעליידיגונגען. נישט אין גלות—דאָס פאָלק האָט זיך דערווייל נאָך געפונען אויף זיין איי־גענער ערד; צו־שטאַרק איז אָבער די פרעמדע מאַכט געוועזען און צו פיעל האָט זי זיך ערלויבט אַריינצורייסען אין די הייליגסטע בעהעלטענישען פון דער פאָלק'ס נשמה. האָט די בעליידיגטע און דערשלאָגענע אומה טיעף אינערליך געפיהלט, אַז זי לעבט איבער דעם מיטען פון סוף? האָט זי איצט בעגריפען דעם כאַראַקטער פון דער רוימישער פּאָליטיק און פערשטאַנען, אַז יהודה האָט שוין נישט מעהר צו האָפען אויף אַ זעלבסט־שטענדיגען מלוכה־לעבען? — אויב נישט די גאַנצע אומה, האָט עס אַ בעדייטענדער טייל פון איהר זיכער געפיהלט; און דאָס דאָזיגע בעוואוסטזיין פון דער אייגענער שוואַכקייט און הילפלאָזיגקייט וואָלט ווירקליך געפיהרט דעם פאָלק אויף דעם וועג פון אונטערגאַנג און פערניכטונג, ווען די יהודה'ער וואָלטען נישט זיין אַ פאָלק פון גייסט, אַ פאָלק פון גלויבען.

אונזער פּיין ציהט זיך שוין הונדערטער יאָהרען; אין דעם משך

פון אַ גאַנצער רייהע דורות און תקופות ווערן מיר כסדר געפּלאָגט און געדריקט דאָ פון ד ע ר און דאָ פון דער צווייטער געצענדיענערישער. ווילדער מאַכט: אונזערע בעסטע קינדער ווערן געפּייניגט און אומגעבראַכט; ווילען מיר היטען די געבאָטען פון אונזער תורה מוזען מיר דערפאַר מיט אונזער בלוט בעצאָהלען; די עזרות פון בית המקדש זענען שוין נישט איין מאָל פול געוועזן מיט הויפענ׳ס קעפּ פון מענשען-קרבנות, — מיט הויפענס קעפּ פון יודען-מערטירער, וואָס האָבען זיך אַרויפגעוואָרפען אויף די שפּיצען פון זייערע אייגענע שווערדען מיט גאָט׳ס נאָמען אויף די ליפּען; איז נאָך ווייניג געוועזן דאָס אַלץ, האָבען מיר איצט דערשפּירט אויף זיך די דריקענדע צוואַנג פון דעם אייזערנעם רוימישען יאָך. מיט וואָס-זשע, פרעגט זיך, וועט זיך דאָס סוף כל סוף ענדיגען? וואו איז דער פּונקט, ביי וועלכען אָט די אַלע צרות וועלן אויפהערן און ס׳וועט זיך אָנהויבען אַ צייט פון מנוחה און פריעדען? — אַזוי האָבען ביטער געטענה׳ט די פערצווייפעלטע זיהן פון דער בעליידיגטער אומה; דער נאַציאָנאַלער ערהאַלטונגס-אינסטינקט האָט שוין אָבער פון פריהער געהאַט אָנגעגרייט אויף דעם אַ קלאָרע און בעשטימטע תשובה: וואָס טרויעריגער און פינסטערער עס ווערט אונזער לעבען אויף ד ר ׳ ע ר ד, אַלץ העכער און העכער דאַרפען מיר אויפהויבען דעם קאָפּ צום ה י מ ע ל; וואָס שרעקליכער און דריקענדער עס ווערט די מאַכט פון די מ ע נ ש ל י כ ע הערשער, אַלץ האַרציגער און שטאַרקער דאַרפען מיר זיך איבערגעבען אין די הענד פון דער ג ע ט ל י כ ע ר מאַכט, און וואָס ערגער און פּלאָגענדער עס איז אונזער לאַגע אין דער ג ע ג ע נ וו אַ ר ט, אַלץ ליכטיגער און גליקליכער וועט שיינען אונזער שטערן אין דער צ ו ק ו נ פ ט. דער מעכטיגער רעליגיעזער געפיהל פון פאָלק האָט פון אייביג-אָן פּאָראויסגעשפּירט יעדען קריזיס אינ׳ם פאָלקס-לעבען און זיך צוגעפּאַסט צו איהם, און איצט, פאַר דער נאָהנטער געפאַהר, האָט ער ערגרייכט די העכסטע מדרגה פון זיין בעצווינגונגס-קראַפט, פון זיין אינערליכער ווירקונג; די גאַנצע אומה איז ווי בעהערשט געוואָרען פון איין שטאַרקער רעליגיעזער בעגייסטערונג, וואָס האָט פון איין זייט געמילדערט די ליידען פון יעדען איינצעלנעם, צוזאָגענדיג איהם אַ ניי לעבען נאָכ׳ן טויט, און פון דער צווייטער זייט — געגעהרט די פאַנטאַזיע פונ׳ם כ ל ל, פון פ אָ ל ק, מיט

די שענסטע האָפנונגען אויף דער נאָהנטער צוקונפט. די התלהבות'דיגע אמונה אין דער געטליכער השגחה האָט צרויסגערופען אין זכרון פון פאָלק די אַלטע הבטחה פון אַ גאָט-געזאַלבטען, פון אַ משיח, און ווי די נביאים אַמאָל, אַזוי האָבען די איצטיגע גײַסטיגע פאָלקס-פיהרער אויך ענטוויקעלט כסדר דעם פאָלגענדען געדאַנק: דאָס פאָלק אַלײן האָט פאַר זיך נאָר אײן אײנציגע אויפגאַבע: עס דאַרף זיך רעכטפאַרטיגען פאַר גאָט, היטען די געבאָטען פון דער תורה און דיענען אַלס מוסטער פון גײַסטיגער רײנקײַט און מענשליכער הײליגקײַט פאַר אַלע פעלקער פון דער וועלט; די פרײַהײַט פון לאַנד, דער וואוילשטאַנד פון פאָלק און די אַלע איבריגע ערדישע און וועלטליכע גוטסקײַטען — דאָס וועט שוין קומען דערנאָך, אַלס בעלויהנונג פון גאָט דעם בעשיצער. ער וועט אַראָבשיקען זײַן געזאַלבטען פון דוד'ס הויזגעזינד (משיח בן דוד) און דער לעצטער וועט ברענגען מיט זיך גליק, ליכטיגקײַט און אײביגען שלום צווישען אַלע אומות.

די דאָזיגע אַבסטראַקטע פאָרשטעלונג פון דעם קומענדיגען משיח האָט אָבער די ברײַטערע מאַסען פון פאָלק נישט בעפריעדיגט. בײַ די ממשות'דיגע רעפרעסיעס און בעלײדיגונגען, וואָס דאָס פאָלק האָט איבערגעטראָגען אויף יעדען טריט פון דער שטרענגער רוימישער פּראָקוראַטור, האָט זײַן פאַנטאַזיע פון דעם געטליכען אויסלײזער אויך געמוזט זײַן ממשות'דיג-געגנוי און בעשטימט. דער בעלײדיגטער און דערשלאָגענער האָט געמוזט האָבען פאַר זיך אַ קלאָר בילד פון זײַן בעפרײַער און העלפער: ווי ער וועט קומען און וואָס'רע גליקען ער וועט מיט זיך ברענגען, — און דאָ זענען זיך די מײנונגען פון די פערשיעדענע פאַרטייען פונאַנדערגעגאַנגען.

די נאַציאָנאַלע פּרושים האָבען אין דעם ערוואַרטעטען משיח קודם כל געזעהען אַ נאַציאָנאַלען אויסלײזער. די אַלע גוטע און שלעכטע צײַטען, וואָס יהודה האָט איבערגעלעבט, זינט דאָס פאָלק האָט זיך צוריקאומגעקעהרט אַהין פון'ם גלות בבל, זענען נישט מעהר ווי אַ פאָרברײַטונג צו יענער גליקליכער צוקונפט, ווען עס וועט זיך בעווײַזען משיח'ס אָנזאָגער (מבשר), אליהו הנביא. אין יענער צײַט וועלן אַלע צווײַהטע און צושפּרײַטע קינדער פון דער יודישער אומה זיך אומקעהרען אין'ם הײליגען לאַנד, בעלאָדען מיט רײַכע מתנות פון די פעלקער, צווישען וועלכע זיי האָבען געוואוינט; און

נישט נאָר די לעבעדיגע — אויך די טויטע וועלן לעבעדיג ווערן (תחית המתים): עס וועט זיך אָנהויבען אַ מין נייעס לעבען אונטער אַ נייעם הימעל און אויף אַ נייער ערד.

צו דעם בילד פון די קומענדיגע „משיח'ס צייטען" (ימות המשיח) זענען מיט דער צייט צוגעגעבען געוואָרען נאָך אַ גוזמא ליכטיגע שטריכען. די האָפנונגען פון כלל האָבען זיך צוזאַמענגעגאָסען מיט די האָפנונגען און פערלאַנגען פונ'ם יחיד, און די פאָרשטעלונג פון דעם געטליכען אויסלייזער איז פון דור צו דור רייכער געוואָרען מיט פערשידענע ערדישע גליקען, הימלישע וואונדער און איבערנאַטירליכע שענקייטען. די דאָזיגע ערוואַרטעטע ליכטיגע צוקונפט האָט געפאָדערט אַ בעשטימטע בעציהונג צו זיך שוין איצט, אין דער געגענוואַרט, און דאָ זענען זיך די מיינונגען ווידער פונאַנדערגעגאַנגען. די אַקטיווע קנאים, די נאָכפאָלגער פון דעם בעריהמטען יהודה הגלילי, האָבען געדרונגען: אמת טאַקי משיח וועט קומען און וועט זיך נוקם זיין אָן די בעדריקער פון יהודה, און וועט צוריק אויפשטעלען די יהודה'שע גרויסקייט, אַזוי ווי אין די גאָלדענע צייטען פון דוד און שלמה. דערווייל אָבער הערשען די געצענדינער איבערן לאַנד און גאָט'ס נאָמען ווערט פערשוועכט, דאַרף מען זיך מוסר נפש זיין און קעמפפען געגען זיי און אַרויסרייסען פון זייערע הענד איין פּאָזיציע נאָך דער אַנדערער; די מעהר פאַסיווע נאָכפאָלגער פון דעם שטרענג-פרומען שמאי האָבען נאָכמעהר איינגעפּרעסט און פערהייליגט דאָס אַלטעגליכע לעבען פון פאָלק און כסדר צוגעגעבען נייע דינים, נייע גזירות און נייע חומרות; און די פריעדליכע תלמידים פון דעם גרויסען הלל האָבען געזאָרגט דערפאַר, אַז אַט די אָנגעהויפטע דינים און פערפליכטונגען פון דעם וואָכענדיגען לעבען זאָלען נישט פערטעמפּען די מענשליכע געפילען פון פאָלק, אַז די יהודה'שע אומה זאָל ווערן די טרעגערין פון גייסטיגער ריינקייט און געלייטערטער מענשליכקייט פאַר אַלע אומות, און די יהודה'שע תורה זאָל זיך וואָס מעהר פערשפּרייטען אין פאָלק און אין דער אַרומיגער וועלט.

גאַנץ אַנדערש אָבער האָבען זיך פאָרגעשטעלט די ערשיינונג פון דעם קומענדיגען משיח — די אַסקעטישע איסיים. די דאָזיגע מיסטישע הימעל-מענשען, וועלכע האָבען זיך די גאַנצע צייט געפונען אויסער'ן לעבען פון לאַנד, אויסער אַלע פאָלקס-בעוועגונגען און איבערקעה=

רעניש֫ען און בכלל אויסער יעדער פארם פון מלוכה און געזעלשאפט, האבען ביסליכווייז פערלוירען אינגאנצען דעם געפיהל פון נאציאנאלער איינינקייט. זארגען פאר'ן קיום פון דער אומה, קעמפפען פאר דער אדער יענער פארם פון'ם סדר המלוכה, היטען די גאנצקייט פון דער נאציאן, אלם עטוואס בעזונדערעס, אבגעשלאסענעס — דאס אלץ האט געמוזט ארויסרופען נאר א טיעפען בטול ביי די היילינע נזירים פון די פערוואָרפענע הויהלען און מדבריות. דאס קליינליכע ערדישע לעבען האט געשאפען די בעגריפען: לאנד, מלוכה און פאלק; פאר גאט עקסיסטירט אבער אין דער אמת'ען נאר דער יחיד, דער איינצעל־נער מענש, און ער דארף זיך אויפהויבען איבער דער ערד און איבער אלע איהרע הבל־הבלים'דיגע ערשיינונגען און אינטערעסען. דער מענש דארף „לעבען אין גאט"; זיין העכסטער אידעאל דארף זיין, אראבצוברענגען אויף דר'ערד די „מלוכה פון הימעל" (מלכות השמים) און פערגעסט ער איין ווילע אן גאט און אן דעם העכערן זין פון זיין עקסיסטענץ, מאכט ער דאס לעבען קליין, וואכעדיג, ערדיש. די גאנצע טויזענד־יעהריגע פערגאנגענהייט פון דער יודישער אומה איז דעריבער נישט מעהר, ווי איין לאנגע קייט פון זינד און פערברעכען: אין דעם משך פון די אלע הונדערטער דורות האבען די מיליאנען יחידים פון פאלק כסדר געטראכט וועגען אזעלכע ערדישע זאכען, ווי לאנד און מלוכה. פאר די זינד פייניגט גאט זיינע אויסדערוועהלטע קינדער, און דער צושטאנד קאן שוין לענגער נישט דויערן; עס מוז פארקומען א גרויסע איבערקעהרעניש, די מלכות־השמים מוז זיך דער־נעהנטערן, און צו דעם צוועק שיקט גאט זיין געזאלבטען, משיח'ן. אזוי האבען די איסיים אויסגעטייטשט דעם שענעם חלום פון דער אומה און געמאכט פון איהם א מיסטישען סימבאל פאר אלע אומות, פאר אלע מענשען פון דער ערד.

און דער דאזיגער סימבאל האט באלד אנגענומען א ממשות'דיגע, קערפערליכע געשטאלט. עס האט זיך בעוויזען א אנזאגער פון דעם ערווארטעטען משיח, און די שוואכע שטים, וואס ער האט אויפ־געהויבען אין די מדבריות פון גליל, האט זיך צוטראגען וויים איבער לענדער און ימים. דאס איז געוועזן איינער פון די איסיים מיט'ן נאמען יוחנן, וואס האט שפעטער בעקומען דעם ביינאמען המטבל (דער טויפער) צוליעב דעם, וואס ער האט אלע זינדיגע געהייסען זיך

ט ו ב ל ׳ ע ן אין ירדן . געלעבט האָט ער לויט די זיטען און מנהגים פון אלע איסיים ; ער האָט זיך געשפּייזט מיט קרייטעכצער און ווילדען האָניג , און איז געווען אָנגעקלײדט אין א קעמעל=פעל מיט א לעדערנעם גאַרטעל — ווי דער אַמאָליגער אליהו הנביא . זיין שטענדיגער אָרט איז געווען אין די מדבריות אַרום דעם טויטען ים , וואו עס האָט זיך אויפגעהאַלטען דער גאַנצער אָרדען פון די איסיים, און פון דאָרטין האָט ער זיך אַוועקגעלאָזען אין די שטעדט און דערפער פון ג ל י ל און פּערעאַ . דאָ האָט ער גערופען דעם פאָלק צו תשובה און חרטה , און געהייסען אַלעמען , זיך רייניגען אין ירדן , אָבוואַשען פון זיך די זינד און זיין גרייט צו דעם גרויסען טאָג : — „טוט תשובה , וואָרום עס דערנעהנטערט זיך די מלוכה פון הימעל !“

דאָס פאָלק , וואָס איז אָהן דעם אויך דורכגעדרונגען געווען מיט א רעליגיעזער שטימונג און האָט געוואַרט אויף א צייכען פון הימעל , האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו די שטראָף=רייד פון דעם הייליגען נזיר . פון דער גאַנצער סביבה אַרום ירדן און אויך פון יהודה זענען געקומען מחנות פאָלקס=מענשען צו דעם הייליגען יוחנן , זיך מתודה זיין פאַר איהם און לאָזען זיך פון איהם אָבטובל׳ען אין ירדן . אויף דער פראַגע פון די צוהערער : וואָס זאָלען מיר טאָן , אום אויסצומיידען גאָט׳ס שטראָף ? — האָט דער בעגייסטערטער משיח=אָנזאָגער געענטפערט : טיילט זיך אין אַלץ מיט׳ן אָרימאַן , טוט נישט קיין אונרעכט און בעליידיגט נישט קיינעם . די אַלע , וואָס זענען צוגעשטאַנען צו איהם , האָבען זיך דעריבער נישט אויסגעצייכענט מיט קיין זאַך געגען די געוועהנליכע איסיים , און די פיהרער פון דער הערשענדער פאָלקס=פּאַרטיי , די פּרושים , האָבען נישט געזעהען קיין געפאַהר אין דעם , וואָס גרויסע מאַסען פון פאָלק זענען צוגעשטאַנען צו דעם אָרדען פון די הייליגע אַסקעטען . די צוציהונגס=קראַפט פון יוחנן׳ס נביאות און שטראָף=רייד איז אָבער וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער געוואָרען ; פון אַלע עקען לאַנד האָבען אָנגעהויבען קומען מאַסען יהודה׳ער קיין גליל , כדי צו הערען גאָט׳ס וואָרט , און די גאַנצע זאַך האָט ענדליך אַרויסגעצויגען אויף זיך די שנאה פון דער אַדמיניסטראַציע . אין גליל האָט דעמאָלט געהערשט הורדוס׳עס זוהן , דער טעטראַרך הורדוס=אַנטיפּא , וועלכער איז גאַנץ ווייט געווען פון דעם איסיי׳שען אַסקעטיזם און האָט נאָך דערצו זיך אונגעזעצליך פערבונדען מיט דער שענער ה ו ר ד י ה , די פרוי פון זיין ברודער הורדוס. דער בעגייסטערטער מוכיח האָט דעם זינדיגען הערשער

נישט געשוינט, און די פערזאמעלטע פאלקס-מאסען האבען נישט איין מאל געהערט פון איהם, וואס'רע שענדליכע מעשים עס טוען זיך אב אין די אפארטאמענטען פון דעם פירשטליכען פאלאץ און וואס'רע גרויזאמע שטראף עס ערווארט די דאזיגע „פערשכור'טע פון וויין און פון זנות". דער טעטראַרך האט דעריבער בעפעהלען, מ'זאל אויפזוכען דעם נביא און איהם אריינזעצען אין געפענגעניש. צי יוחנן איז דארט לאנג געזעסען און צי ער האט דערלעבט צו זעהען נאך מיט זיינע אויגען דעם ערווארטעטען „משיח" — דאס איז נישט בעוואוסט; זיכער איז אבער, אז הורדוס האט געלאזען אויספיהרען איבער איהם א אכזריות'דיגע שטראף. די עוואנגעלישע לעגענדע שילדערט זעהר ריהרענד די ענדע פון דעם הייליגען משיח-אנזאגער: אין פאלאץ פון דעם גליל'עאי'שען טעטראַרך איז פארגעקומען א פרעכטיגער באל, אויף וועלכען עס זענען געווען פערזאמעלט א סך אנגעזעהענע, יהודה'עאישע און נישט יהודה'עאישע געסט; הורדוס-אנטיפא איז געוועזען פערשכורט פון שמחה, און האט געבעטען דער יונגער פרינצעסין סאלעמעא, הורדיה'ס טאכטער פון איהר ערשטען מאן, זי זאל טאנצען פאר איהם. סאלאמעא האט דאן מיט א אונגעוועהנליכער גראציע אויסגעפיהרט א רייהע שענע טענץ, און דער טעטראַרך איז אזוי ענטציקט געווארען, אז ער האט זיך ארויסגערופען צו ערפילען אלץ, וואס נאר זי וועט ביי איהם בעטען. אויף דעם האט די פרינצעסין געענטפערט, אז זי בעט, מ'זאל איהר דערלאנגען אויף א טאץ... דעם קאפ פון יוחנן המטבל! דער ווילדער פערלאנג זאל זיך האבען גענומען דערפון, וואס יוחנן פלעגט בעזונדער שטארק אנפאלען אויף איהר מוטער, הורדיה, און זי בעשולדיגען אין פערשידענע אויסגעלאסענקייטען. און דער טעטראַרך האט זיין צוזאג ערפילט: אין א קורצער ווייל ארום איז דער קאפ פון דעם געפאנגענעם הייליגען געלעגען אויף א גאלדענער טאץ פאר דער פערשכור'טער טענצערין, און זי האט עס צוגעטראגען איהר מוטער — דעם קרבן פון זיין שארפער צונג.

נאך דעם ווי יוחנן המטבל איז געפאנגען געווארען, האבען זיך פערשפרייט איבערן לאנד א גאנצע רייהע פון זיינע תלמידים, וואס האבען פארטגעזעצט זיין אנגעהויבענע ארבייט; און אט, פון די דאזיגע תלמידים איז אויסגעוואקסען איינער, מיט דעם נאמען פון וועלכען עס איז פערבונדען די גאנצע נייע ערא אין דער מענשליכער געשיכטע.

ישוע (אבגעקירצט: ישו) אדער יעזוס (די גריכישע פארם

פון דעם נאמען) פון נצרת, א שטעדטיל אין, גליל צו דרום=זייט פון צפורה, איז געווען דער ערשטער זוהן פון א אונבעקאנטען בעל=מלאכה מיט'ן נאמען יוסף און זיין פרוי מרים אדער מאריע, וואס האט איהם, לויט דער לעגענדע, געבוירען, ווען זי איז נאך געווען א כלה. די מוטער האט אויסער איהם געבוירען נאך פיער זיהן: יעקב, יוסי, שמעון און יהודה, און עטליכע טעכטער; צי ישו'ס עלטערען האבען ווירקליך אבגעשטאמט פון דוד המלך, ווי די קריסטליכע לעגענדע גיט אן אלס א פאקט — דאס איז היסטאריש נישט בעוויזען געווארען. פון ישו'ס יוגענד איז אויך גארנישט בעוואוסט, און וויל מען זיך מאכען א געוויסע פארשטעלונג פון זיינע קענטעניסען און זיין בילדונג, מוז מען נעהמען דערביי פאר א מאסשטאב דעם קולטור=רעלען צושטאנד פון זיין געבורטס=לאנד. די גליל'ער זענען געשטאנען א סך ניעדעריגער פון די יהודה'ער אין יודישע קענטעניסען; די לעצטע האבען געהאט ביי זיך דעם בית המקדש און דעם צענטער פון דער יודישער געזעצלעהרע, ווערענד אין גליל האט זיך, ביז'ן חורבן פון בית שני, נישט געפונען קיין איינציגע אינסטיטוציע אויף צו פערשפרייטען די יודישע וויסענשאפט. די גליל'לעאישע בעפעלקערונג איז דעריבער געווען פראסטער, עם=הארצי'שער, און דערפאר אויך פינקטליכער און שטרענגער בנוגע צום מקיים זיין די מינדעסטע געבאטען פון דער תורה. פון זייערע געצענדינערישע שכנים, די סירייער, האבען די גליל'ער איבערגענומען א מאסע אבערגלויבערייען: זיי האבען געגלויבט אין בייזע רוחות, דבוקים און אלערליי כשופים. זייער העברעאישער דיאלעקט האט אויך געהאט אין זיך א מאסע אראמעאישע עלעמענטען, און זיי האבען קיינמאל נישט געקענט אויסרעדען ריין די העברעאישע ווערטער — פארוואס די יהודה'ער פלעגען חוזק מאכען פון זיי און קוקען אויף זיי מיט א געוויסען בטול. דאס שטעדטיל נצרת (נאזארעט) אליין האט אויך נישט פארגעשטעלט מיט זיך קיין שום אויסנאהם: דאס איז געווען א ארים שטעדטיל אין א ארימע געגענד, וואס איז געווען נישט איבריג פרוכטבאר און נישט רייך אין נאטור=שענהייטען.

ווי ס'איז אלזא צו גלויבען האט זיך דער יונגער גליל'ער, ישו, אויך נישט אויסגעצייכענט מיט קיין טיעפע קענטעניסען; דערפאר האט ער אבער אין זיין פריהסטער יוגענד שוין געטראגען אין הארצען דעם געפיהל פון זיטליכער ערנסטקייט און גאטס=פארכטיגער לעבענס=הייליגקייט. נאהנט צו זיין נייסט צו דעם גרויסען מענשענפריינד. הלל, און

אינגאַנצען דורכגעדרונגען מיט דעם מיסטישען עקסטאַז פון די איסיים,
איז דער יונגער ישו געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָבען זיך
אָבגערופען אויף דער אויפפאָדערונג פון יוחנן המטבל. דער טיעף
פיהלענדער ישו ווערט נעהנטער בעקאַנט מיט די יסודות פון דער
איסיי'שער לעבענס־לעהרע, און די לעצטע בעקומען ביי איהם דעם
כאַראַקטער פון שטאַרקע איבערצייגונגען, וואָס ווערן אַרויסגעזאָגט אין אַ
קאַטעגאָרישען טאָן. „גליקליך זענען די אָרימע, דען זיי געהערט די
מלוכה פון הימעל"; „עס איז לייכטער, אַז אַ קעמעל זאָל דורכגעהן
דורכ'ן שפּעלטיל פון אַ נאָדעל, איידער אַז אַ רייכער זאָל אַריינקומען אין
הימעל"; „מ'קען נישט דינען צוויי הערען — גאָט און דעם מאַמאָן
(געלד־גאָט)". די איסיים זענען געווען שטרענגע געגנער פון יעדען מין
שבועה, און ישו האָט געלעהרנט: „שווערט קיינמאָל נישט, נישט ביים
הימעל, נישט ביי דער ערד און נישט ביי אייערע קעפּ, נאָר אייער יאָ
זאָל זיין יאָ און אייער ניין זאָל זיין ניין".

ווען יוחנן המטבל איז געפאַנגען געוואָרען פון הורדוס־אַנטיפּאַ,
האָט ישו גענומען אויף זיך, פאָרטצוזעצען די אַרבייט פון דעם הייליגען
נזיר. „טוט תשובה, דען עס איז נאָהנט די מלוכה פון הימעל!" האָט
איצט געשריגען צום פאָלק דער, וואָס האָט שפּעטער אַליין
פערקערפּערט מיט זיך די דאָזיגע „מלוכה פון הימעל" — משיח'ס
צייטען. ישו האָט זיך אָבער נישט געוואָלט בעגנוגען מיט דער טעטיג־
קייט פון אַ מדבר־נביא, וואָס וואַרט, אַז די זינדיגע זאָלען צו איהם
קומען; ער האָט אָנגעהויבען געהן צו די זינדיגע, און איז אַרויסגע־
טרעטען אין עטליכע גליל'אישע בתי־מדרשים מיט פייערדיגע דרשות,
אין וועלכע ער האָט, ווי זיין רבי, גערופען צו תשובה און ריינינונג.
נאָך אַ רייהע אַנדערע שטעדט, איז ער געקומען אויך אין זיין געבורטס־
שטעדטיל נצרת און איהר סביבה; דאָ האָט ער אָבער קיין ערפאָלג
נישט געהאַט: די הייִמישע בעפעלקערונג האָט חוזק געמאַכט פון דעם
בעגייסטערטען הימעל־מענש, און איראָניש געפרעגט: „איז עס נישט
דער זוהן פון אונזער סטאָליאַר יוסף?" אַנדערע האָבען זאָגאַר געשריגען
צו איהם: הייל דיך אַליין פריהער אויס, דערנאָך וועסטו היילען אַנדערע.

דאַן האָט ישו בעשטימט, זיך צו דערווייטערן אינגאַנצען פון די
הייִמישע שטעדט, און אינגאַנצען צו ווענדען זיין אַגיטאַציע אין דער
זייט פון איין בעשטימטען קלאַס מענשען, וואָס נויטיגט זיך אַממעהרסטען
אין דער הילף פון גאָט'ס וואָרט. ישו האָט זיך אָבגעשטעלט אויף די

ניעדריגסטע שיכטען פון דער יהודה'שער געזעלשאפט: אויפ'ן פראסטען המון, אויף די זינדיגע (עבריינים) און פערשטויסענע, אויף די מוכס'ני־קעס און פראסטיטוטקעס און אויף יענע אלע, וואס האבען קיין צוטריט נישט געהאט נישט צו די בעגריפען פון דער תורה, נישט צו איהרע געבאטען און אויך נישט צו די טראדיציעס פון דער אומה בכלל.

צו די דאזיגע דערשלאגענע און פערשטויסענע האט זיך דער שפעטערדיגער אויסלייזער איצט געווענדעט מיט זיינע שטראף־ און טרייסט־ווערטער. ער האט געוואלט „ראטעווען די פערלוירענע שעפסע־לעך פונ'ם הויז ישראל", ווייל נאר די קראנקע, ווי ער האט זיך אליין אויסגעדריקט, נויטיגען זיך אין הילף, אום זיי זאלען נישט פערלוירען געהן, אבער די געזונטע, די געלעהרנטע און פרומע, דארפען קיין דאקטאר נישט. אום זיינע ווערטער זאלען מאכען דעם געווינשטען איינדריק, האט ער געמוזט ווייזען פערשידענע וואונדער, און אזוי ווי דאס האט זיך די גאנצע צייט פראקטיצירט צווישען די מיט־גליעדער פון דעם איסיישען ארדען, איז ישו אויך נישט אבגעשטאנען פון די פריהערדיגע הייליגע: ער האט געהיילט גייסטיגע און פיזישע קראנקע, ארויסגעטריבען „דבוקים" און בכלל בעוויזען אלערליי מופתים.

דאס האט איהם אין א קורצער צייט שטארק פאפולער געמאכט, און ווען ער איז געקומען אין דער שטאדט כפר נחום (קאפערנאאום) אין דער געגענד פון ים כנרת, האט ער שוין געפונען פאר זיך בעגייסטערטע צוהערער. די בעפעלקערונג פון דער דאזיגער שטאדט און דער שענער, פרוכטבארער געגענד, איז ווי צוגעפאסט געווען פאר די בעגייסטערטע שטראף־רייד פון דעם גרויסען גליל'ער. דא האבען זיך געפונען מעהר לייכטזיניגע, מעהר זינדיגע, און דער געגענגאץ צווי־שען רייכטום און ארימקייט האט זיך דא אויך מעהר בולט געזעהען, ווי אין די אנדערע גליל־שטעדט. ישו האט דעם גינסטיגען פלאץ אויס־גענוצט פאר זיין אגיטאציע, און די ניעדריגע שיכטען פוז דער בעפעל־קערונג זענען טיעף גערירט געווארען פון זיינע הארציגע, בעגייסטער־טע רייד; זיי האבען אין זיינע ווערטער געפיהלט עטוואס נייעס, עט־וואס נאהנטעס און פשוט'עס. דער עקזאלטירטער הימעל־מענש האט אויך און שארף פראטעסטירט געגען די גרויס־האלטער'ס, די לומדים און פרושים, און ווער נאך האט אזוי געפיהלט די גאוה'דיגע פעראכטונג פון די דאזיגע מיוחסים, ווי זיי, די עם הארצים, די זינדיגע און פערשטוי־

סענע! און גערופען האָט דער בעגײַסטערטער מוכיח גאָר צו אַנאַנדער גלויבען, אַ פערזענליכען, אַ פּשוט'ען, וואָס פאָדערט נישט קײן לומדות און קײן פּשט'לעך, נאָר האַרציגקײַט, גוטסקײט און האָבען שטענדיג גאָט אין האַרצען, — דאָס האָט דעם ערפאָלג פון זײַנע דרשות נאָך גרעסער געמאַכט. אַ סך פון זײַנע צוהערער האָבען זיך צוגעבונדען צו איהם און נישט געוואָלט זיך פון איהם אָבשײדען. צו די דאָזיגע ישו'ס ערשטע תלמידים פון כפר נחום געהערען: שמעון (מיט'ן בײַנאָמען כפת אָדער פעטרוס) און זײַן ברודער אַנדרעאַס, בײדע פישער'ס; נאָך צװײ ברידער, יעקב (יאַקאָבוס) און יוחנן, און אײנער אַ רײַכער מוכס'ניק, מיט'ן נאָמען מתיתיהו (אָדער לוי), וואָס ישו האָט זיך אויפגעהאַלטען בײַ איהם און הויז. צו זײ זענען צוגעשטאַנען אויך געוויסע זינדיגע און אויסגעלאַסענע פרויען, פון וועלכע עס איז שפּעטער בערימט געוואָרען די שענע מאַריאַ מאַגדאַלענאַ (פון דער שטאָדט מגדלא בײַ טבריה). די דאָזיגע פערשטויסענע נשמות זענען אונטער דעם אײַנפלוס פון ישו'ס רײד אַרויפגעפירט געוואָרען אויף דעם וועג פון רײנקײט און גאָטס־פאָרכטיגקײַט; אין יענער צײַט איז דאָס אָבער געווען אַ נישט געהערטע זאַך, אַז אַ יהודה'עאישער הײליגער זאָל האָבען וועלכע ס'איז מגע ומשא מיט פרויען, און דערצו נאָך מיט אַזעלכע.

אין כפר נחום האָט זיך ישו אויפגעהאַלטען אַ לענגערע צײַט. די צאָהל פון זײַנע אָנהענגער איז געוואַקסען, און ער האָט כסדר געפּלאַנצט אין זײ ליעבע צו גאָט, האַרציגקײַט, הײליגקײַט און גוטע מדות. ישו האָט געשטרעבט אַרײַנצוברענגען אין שטאָדט יענע אַלע בעגריפען און לעבענספאָרמען, וואָס האָבען געהערשט אין די איסיי'שע הויהלען און מדבריות, און ער האָט בעפעהלען זײַנע תלמידים און אָנהענגער, נישט צו טראָגען אין זײערע גאַרטלען קײן גאָלד און קײן זילבער, נישט איבערצולאָזען פאַר זיך מעהר ווי אײן מלבוש און נישט צו טראָגען קײן שיך אויף די פיס.

„איהר זאָלט נישט זאָרגען פאַר אײַערע לײַבער — האָט ישו געלעהרנט — איהר זאָלט נישט זאָרגען און קלערען וואָס וועט איהר עסען און טרינקען און אין וואָס וועט איהר זיך אָנקלײדען. דער נפש איז דאָך טײַערער פון עסען און דער גוף — פונ'ם מלבוש. קוקט זיך צו און זעהט די פויגעל פון הימעל, וואָס זײען נישט און שנײַדען נישט און זאַמלען נישט צונויף קײן תבואות, און אײַער פאָטער אין הימעל שפּײַזט זײ, און איהר זענט דאָך פיעל העכער פון זײ". „און פאַר

אייער קליידונג וואס דאגה'ט איהר? קוקט זיך צו צו די ליליען פון פעלד, וואס וואקסען און ארבייטען נישט און שפינען נישט. און איך זאג אייך, אז שלמה אין זיין גאנצער פראכט איז נישט געווען אזוי שען אנגעקליידט, ווי איינע פון זיי, און אויב גאט קליידט אזוי אן די גראזען פון פעלד, וואס היינט וואקסען זיי און מארגען ווערן זיי אריינגעווארפען אין פייער, איז דאך א פשיטא שוין אייך, קליין גלויביגע. איהר זאלט דעריבער נישט זארגען: וואס וועלן מיר עסען, וואס וועלן מיר טרינקען און אין וואס וועלן מיר זיך אנקליידען—דאס אלץ זוכען די געצענדינער. אייער פאטער אין הימעל ווייסט דאך, אז איהר דארפט דאס אלץ האבען. זוכט פריהער די מלכות השמים (גאט'ס קעניגרייך) און זיין גערעכטיגקייט און דאס איבריגע וועט שוין ממילא קומען. איהר זאלט נישט קלערען וועגען דעם מארגענדיגען טאג, ווייל דער מארגענדיגער טאג וועט פאר זיך אליין קלערען און יעדער טאג האט גענוג זיינע צרות״.

„בעט און עס וועט אייך געגעבען ווערן, — האט ישו נאך אין א ארט געלעהרנט — זוכט נאך און איהר וועט געפינען, קלאפט אן און עס וועט אייך געעפענט ווערן. דען ווער עס בעט — בעקומט, און ווער עס זוכט נאך — געפינט, און פאר דעם, וואס קלאפט אן — עפענט זיך די טהיר. אדער ווער געפינט זיך דא פון אייך אזוינער, וואס זיין זוהן האט ביי איהם געבעטען ברויט און ער האט איהם א שטיין געגע־בען? און ווען ער בעט ביי איהם פיש — וועט ער איהם דען א שלאנג געבען? איהר, מענשען שלעכטע, ווייסט דאך אויך, צו געבען גוטע מתנות אייערע קינדער, און אייער פאטער אין הימעל וועט געוויס שענקען נאר גוטס יענע, וואס בעטען ביי איהם״. דעם בעפעהל פון דער תורה: „דו זאלסט ליעב האבען דיין חבר, ווי זיך אליין״ (ואהבת לרעך כמוך), האט ער דערפיהרט ביז צו דער מדרגה פון זעלבסט־אפפערונג: „דו זאלסט דיך נישט שטעלן אקעגען דעם, וואס קומט דיר שלעכטס טאן. אויב ער שלאגט דיר אין דער רעכטער באק — גיעב איהם אויך די לינקע; און ווער עס וויל זיך קריגען מיט דיר און אראבנעהמען דאס העמד פון דיין לייב — לאז איהם איבער דיין אויבער־בגד; און דער וואס צווינגט דיך צו געהן מיט איהם איין שטרעקע וועג — געה מיט איהם צוויי...״

דער יסוד פון די אלע געדאנקען איז דעם דעמאלדיגען יודענטום נישט נייע און נישט פרעמד געווען. מענשענליעבע, לעבענס־הייליגקייט און אונבעגרענעצטע אמונה אין דער טיעפער גוטסקייט פון דעם

באַרימהאַרציגען גאָט אין הימעל — דאָס האָט זיך פון אייביג אָן געד רעכענט פאַר דעם עצם מהות פון יודענטום, און די הונדערטער מאַמרים מיט דעם אינהאַלט, וואָס זענען דערגאַנגען צו אונז אין די תלמודים און מדרשים, שניידען זיך אין תוך גאַנץ ווענינ אונטער פון די עוואַנגעלישע; די לעצטע צייכנען זיך נאָר אויס מיט זייער נייער פאָרם און מיט זייער אנטי־געזעלשאַפטליכען און אנטי־נאַציאָנאַלען כאַראַקטער.
אין יודענטום האָבען זיך די יסודות פון אמונה, הייל.גקייט און מענשען־ליעבע צוגעפּאַסט צו דעם מהות פון אַ בעשטימטער געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזאַציע, פון אַ בעשטימטען פאָלק, וואָס האָט צו היטען זיין ספּעציפישע פיזיאָנאָמיע. די יודישע תורה האָט געזוכט איינצופלאַנצען אין יעדען יחיד פון דער אומה די אידעאַלסטע בעגריפען פון גאָט, מענש און וועלט; דערביי איז זי אָבער אינגאַנצען געשטאַנען אויף דעם נאַציאָנאַל־היסטאָרישען באָדען און האָט פערפליכטעט דעם זעלבינגען יחיד, זיך צו פיהלען און צו לעבען, ווי אַ טייל פונ'ם גאַנצען, ווי איינער פון כלל. די אידעאַלע בעגריפען זענען צוגעקומען צום פאָלק אין דער געשטאַלט פון נאָרמען און געזעצען, און זיינע גייסטיגע פיהרער האָבען כסדר געזאָרגט דערפאַר, אַז די לעבענס־פאָרם פון דער פאָלקס־אָרגאַניזאַציע זאָל ווערן וואָס ווייטער אַלץ פעסטער און בעשטימטער.

און אָט דעם נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטליכען באָדען פון דער יודישער תורה האָט דער גרויסער טרוימער פון נצרת אונטערגעגראָבען, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ער האָט זיך געשטיצט אויף דער זעלביגער תורה און געפּרייזט איהרע בעגריפען און איהר מוסר.
דער מיסטיש־בעגייסטערטער גליל'ער האָט אָוועקגעשטעלט אינ'ם צענטר פון זיין לעהרע דעם יחיד, דעם אינדיווידואום, אַלס עטוואָס בעזונדערעס, וואָס האָט צו דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע קיין שיכות נישט, און געדערעדט האָט ער גראָד צו יענע יחידים, וואָס די אָרגאַניזאַציע האָט זיי אַזוי ווי אַרויסגעשטויסען פון זיך דערפאַר, וואָס זיי האָבען נישט געוואָלט טראָגען די משא פון איהרע נאָרמען און געזעד צען. ער האָט דעריבער גערעדט מעהר וועגען די אידעאַלע בעגריפען פון דער תורה (און דאָס אויך און דער עקסטרעמסטער פאָרם און אין זיין אייגענעם נאָמען), ווי וועגען איהרע נאָרמען און געד באָטען, און די דאָזיגע געטליכע יודישע קאָנסטיטוציע, וואָס זאָגט צו דעם פאָלק קודם כל ערדישע גליקען און נאַציאָנאַלע גרויסקייט, — איז ביי

איהם פערוואנדעלט געווארען אין א מיסטישען ליטער צו דער מלוכה פון הימעל, וואו עס וועלן זוכה זיין אריינצוקומען נאר די ארימע און דערשלאגענע. — אויף דער פראגע פון א געוויסען פרוש: „וואס איז דער עצם מהות פון יודענטום?" האט ישו אויך, ווי דער גרויסער הלל, געענטפער־ט: „שמע ישראל, אונזער גאט איז איינציג, און דו זאלסט ליעב האבען דיין חבר, ווי זיך אליין"; אין דער צייט אבער, ווען דער גרויסער געזעץ־לעהרער האט אויסער דער תשובה נאך געווידמעט זיינע אלע יאהרען אויף צו פערשפרייטען אין פאלק די בעשטימטע רעליגיעזע פארמען פון זיין אלטעגליכען, ערדישען לעבען, האט דער גליל'עאישער הימעל־טרוימער געשאפען פאר זיינע תלמידים און אנהענגער א קורצע תפלה (פאטער אונזער), כדי יעדער פון זיי זאל קענען אויסגיעסען זיין הארץ פאר גאט אין מינוטען פון הימעל־בענקשאפט.

ביי דעם אלעמען איז ישו אין דער גאנצער צייט נישט ארויסגעטרעטען אפען געגען דעם אפיציעלען יודענטום. ער האט געזאגט: „איך בין נישט געקומען פערמינדערן דאס געזעץ, נאר עס פערמעהרען; הימעל און ערד וועלן גיכער פערגעהן, איידער איין פינטעל פון געזעץ". ער איז נישט געווען געגען קרבנות, האט געטראגען אין זיין קלייד ציצית און האט זאגאר געפיהלט אין הארצען א טיעפע פעראכטונג צו די גיצענדיענער פון דער ארומיגער וועלט. ער האט מיט די לעצטע גארנישט געוואלט האבען צו טאן, און געזאגט: „מ'דארף נישט ווארפען קיין הייליגע זאך פאר הינט און קיין פערל פאר חזירים—זיי וועלן עס מיט די פים צוטרעטען און אייך פערניכטען".

און די צאהל פון זיינע אנהענגער איז דערווייל געוואקסען. פון כפר נחום איז ער געגאנגען אין די אנדערע גליל'עאישע שטעדט און האט זיך ערווארבען נייע אנהענגער פון בית סעיד (יוליאדא), מגדלא און כאראזין. די תלמידים, וואס האבען זיך פון איהם נישט געוואלט אבשיידען און זענען איהם אומעטום נאכגעגאנגען, האבען געטאן אלץ, וואס ער האט זיי בעפעהלען. דאס פערמעגען איז צוטיילט געווארען און אלע מיטגליעדער פון דער הייליגער משפחה האבען זיך גלייך געשפייזט פון איין קאסע; פון דער גרויסער צאהל אנהענגער האבען זיך אויסגעצייכענט עטליכע, וואס ישו האט זיי געשענקט מעהר צוטרוי און זיי זענען שפעטער פערדעכענט געווארען פאר די ערשטע צוועלף אפאסטאלען. און אט, די דאזיגע גרויסע מחנה פון אנהענגער־פערגעטערער האט ענדליך צוגעבראכט דעם טיעפען מיסטישען חלום ביז

צו זיין שטאַרקסטען אויסדריק. אין די ערשטע צייטען פון זיין אַרויס=
טרעטען האָט ישו געקוקט אויף זיך נאָר, ווי אויף אַ מוכיח, און
העכסטענס נישט מעהר, ווי אויף אַ אָ נ זאָ גע ר פון דער קומענדיגער
„מלכות השמים”; נאָכדעם אָבער, ווי די צאָהל פון זיינע בעגלייטער
האָט זיך כסדר פערגרעסערט און יעדעס וואָרט פון זיין מויל איז
בעטראַכט געוואָרען ווי אַ געטליכע ענטדעקונג און האָט אַרויסגערופען
ביי אַלע אַ שטורם פון רעליגיעזער בעגייסטערונג, — האָט אין איהם
ביסליכווייז אָנגעהויבען זיך פונאַנדערצעוואַקסען דאָס געפיהל, אַז ע ר
אַ ליין איז ע ם ד ע ר ע רוואַרטעטע ר משיח, דער געשיקטער
פון גאָט, צו בעפעסטיגען אויף דר'ערד די מלוכה פון הימעל. אַ
לאַנגע צייט האָט ער געטראָגען דעם גרויסען סוד איז האַרצען, און
נישט געוואַגט, איהם פאַר'ן מויל צו ברענגען; ענדליך אָבער איז
דער חלום צייטיג געוואָרען און ער האָט געמאַכט דעם ערשטען שריט
אויף דעם וועג צו דער מערטירער=קרוין.

דאָס איז פאָרגעקומען אין דעם אָבגעלעגענעם טאָל, צו פוסענס
פון באַרג חרמון, נישט וויט פון קסריה=פיליפי, די הויפט שטאָדט
פון דעם טעטראַך פיליפ, וואו דער ירדן שטראָמט אַרויס פון אַ מעכ=
טיגען פעלזען. אין דעם דאָזיגען איינזאַמען ווינקעל האָט ער געבראַכט
עטליכע פון זיינע פערטרויטסטע תלמידים, און דאָרט האָט ער זיי
ענטדעקט זיין געהיימסטען געדאַנק. ישו האָט זיי געפרעגט: פאַר וועֿ=
מען האַלט איהר מיך? אויף דעם האָט שמעון פעטרוס געענט=
פערט: דו ביזט משיח (קריסטוס). ישו האָט דאַן שטאַרק געלויבט
פעטרוס'ען און מודה געווען, אַז ער איז ווירקליך משיח; דערביי
האָט ער אָבער געבעטען די פערטרויטע, זיי זאָלען נאָך דערווייל
דעם סוד נישט ענטדעקען און מיט קיינעם וועגען דעם נישט ריידען.
דאָס איז געווען די געהיימע געבורטס=שעה פון קריסטענטום! ווען דער
זעלביגער שמעון פעטרוס און נאָך צוויי פון די פערטרויטע תלמידים,
יעקב און יוחנן, האָבען זיך ערלויבט צו מאַכען דעם רבי'ן די בע=
מערקונג, אַז לויט דער מסורה האָט דאָך פאַר משיח'ן געדאַרפט
קומען דער מבשר, אליהו הנביא, — האָט זיי ישו געענטפערט, אַז
י ו ח נ ן ה מ ט ב ל איז זיין מבשר, נאָר קיינער האָט נישט דערקענט
אין איהם דעם געטליכען נביא.

ישו האָט זיך אַליין קיינמאָל נישט אָנגערופען משיח; דערפאַר
אָבער האָט ער אויסגעזוכט פאַר זיך פערשידענע בעצייכנונגען, גענו=

מען פון בעקאנטע שטעלען אין די הייליגע שריפטען , וואס האבען געקאנט בעדייטען אוי משיח , אוי עטוואס אנדערעס . ער האט זיך אנגערופען „מענשענזוהן״ (בן האדם) , געשטיצט אויף דער נבואה אין דניאל : זעה , מיט די וואלקען פון הימעל קומט א מענשענזוהן און געלאנגט ביז א. א. וו. ; און אין געוויסע שטעלען רופט ער זיך „גאט׳ס זוהן״ (בן אלהים) — ווי עס שטעהט אין תהלים : „גאט האט געזאגט צו מיר : דו ביזט מיין זוהן , איך האב דיך היינט געבוירען״ .

ווען ישו האט זיך געלאזען אנערקענען פון זיינע תלמידים פאר משיח׳ן , בעפעהלענדיג זיי , צו האלטען דאס נאך דערווייל בסוד , האט ער זיי געטרייסט , אז עס וועט קומען באלד די צייט , ווען זיי „וועלען קאנען אלעמען איבערגעבען אין דער ליכטיגקייט דאס , וואס ער האט זיי פערטרויט אין דער פינסטער״ , ווען זיי „וועלען קאנען פון די דעכער אראבשרייען דאס , וואס זיי האבען קוים פערנומען מיט זייערע אויערן״ . די נבואה איז אבער נישט מקוים געווארען ; די תלמידים האבען דעם סוד לאנג נישט געהאלטען און ווען ס׳איז בעקאנט געווארען , אז ישו פון נצרת איז נישט בלויז דער צוגרייטער פון גאט׳ס קעניגרייך , נאר אויך דער געשיקטער משיח אליין , איז זיין פרעסטיזש שטארק געפאלען . דער עולם האט געפאדערט פון איהם די אלע ערווארטעטע נסים , וואס זענען פערבונדען געוועזען מיט דער ערשיינונג פון משיח׳ן , און ער האט זיי נישט געקענט בעווייזען ; דאס האט א סך פון זיינע אנהענגער אינגאנצען אבגעשטויסען פון איהם , און די מעהר צוגעבונדענע האבען אויך אנגעהויבען שטארק צו פאדערען , אז ער זאל עפעס „אויפטאן״ און ארויסטרעטען אלס משיח אפען , פאר דער גאנצער אומה .

דערווייל האבען זיך די קלאנגען וועגען דעם געטליכען משיח דערטראגען אויך אין הויף פון דעם גליל׳עאישען טעטראַרך , און ער האט ווידער בעפעהלען צו פאנגען דעם „פערפיהרער״ . ישו האט דאן געמוזט אנטלויפען מיט זיינע אנהענגער פון איין ארט אין אנדערן , אום זיך אויסצובעהאלטען פון הורדוס׳עס שפיאנען , און ווען איינער פון די סופרים איז אין יענער צייט צוגעקומען צו איהם און געזאגט : רבי , איך וועל דיך נאכגעהן , וואו דו וועסט געהן , — האט איהם ישו געענטפערט : „דער פוקס האט זיין נארע , די פויגעל פון הימעל האבען זייערע נעסטען , און דער מענשען-זוהן האט נישט קיין ארט , וואו דעם קאפ אנידערצולעגען״ .

אַזוי צוגעדריקט פון אַלע זייטען, האָט ישו זיך געזעהען געצוואונגען, זיך אַוועקצולאָזען אין דער הויפּטשטאָדט פון יהודה.

אָנקומענדיג דורך יריחו קיין ירושלים, האָט ער זיך אויפגעהאַלטען נישט אין מיטען שטאָדט, נאָר הינטען, נישט ווייט פון דער שטאָדט־וואַנט, אין דאָרף בית־ענין, וואו ס'האָבען זיך דעמאָלט אויפגעהאַלטען די מחוץ למחנה'דיגע (קרעציגע און אַזוי טמאים, וואָס האָבען זיך נישט געטאָרט געפינען אין דער הייליגער הויפּט־שטאָדט). דאָ האָט איהם אַריינגענומען צו זיך אין הויז אַ געוויסער מחוץ למחנה'דיגער מיט'ן נאָמען שמעון, און פון דאַנען האָבען אויך געשטאַמט די בעקאַנטע אָנהענגער לאַצאַרוס מיט זיינע צוויי שוועסטער מאַריאַ און מאַרטאַ.

ענדליך איז ישו אָנגעקומען אין שטאָדט. ווי ער איז דאָרט אויפגענומען געוואָרען פון דער בעפעלקערונג — לאָזט זיך געשיכטליך נישט דערווייזען; ווי ס'איז אָבער צו גלויבען, האָבען זיינע אָנהענגער ערוואַרטעט צו זעהען פון איהם דאָ, אין דער הייליגער הויפּטשטאָדט, די גרעסטע מופתים און הימעל־וואונדער, און זייער בעגייסטערונג איז אַזוי שטאַרק געווען, אַז זיי האָבען איהם אַריינגעפיהרט אין שטאָדט מיט אַ אונגעוועהנליכער פייערליכקייט און מיט הייליגע אויסגעשרייען: „משיח", „גאָט'ס זוהן", „מלך פון יהודה"! די דאָזיגע פייערליכע פערעהרונג האָט צוגעגעבען דעם פערעהרטען אַליין נאָכמעהר מוט און גלויבען אין זיך, און ער האָט זיך ערלויבט אַרויסצוטרעטען געגען געוויסע איינפיהרונגען אין בית המקדש און געגען די גייסטיגע פיהרער פון דער אומה. די לעצטע האָבען זיך ביז אהער בכלל בעצויגען מיט אַ געוויסען בטול צו דעם „הייליגען" פון גליל, וואָס פיהרט זיך אַרום מיט אַ כנופיא פון עמי הארצים, עברינים, מוכס'ניקעס, פּראָסטיטוטקעס און גלאַט זינדיגע פרויען; איצט אָבער, ווען ס'האָבען זיך געטראָגען אין דער לופטען אַזעלכע אויסרופען, ווי „משיח" און „בן אלהים", — האָבען זיי זיך אָנגעהויבען בעציהען צו דער זאַך ערנסטער. דאָ האָט קיינער נישט געקענט אַנערקענען דעם נישט געלעהרנטען גליל'ער פאַר'ן אמת'ען משיח שוין נאָר דערפאַר אַליין, וואָס לויט דער נבואה האָט דער ערוואַרטעטער אויסלייזער דורכאויס געמוזט שטאַמען פון די מלכי בית דוד, און אָנקומען גאָר... פון בית־לחם; אויסער דעם האָט דער הייליגער פון נצרת בכלל נישט בעפריעדיגט די אַלע ליכטיגע, גייסטיגע און מאַטעריעלע, האָפנונגען,

וואָס האָבען געלעבט אין דער פאָרשטעלונג פון פאָלק צוזאַמען מיט דער פאָרשטעלונג פון דעם קומענדיגען גאָט-געזאַלבטען. אין די אָפיצי-יעלע קרייזען פון יודענטום האָט מען דעריבער אָנגעהויבען צו קוקען אויף דעם גליל׳ער, ווי אויף אַ פאַלשען משיח, וואָס גראָבט אונטער די יסודות פון דעם נאַציאָנאַלען יודישען גלויבען, און בעזונדער שטאַרק איז געווען די בעשולדיגונג געגען איהם דערפאַר, וואָס ער האָט געלעסטערט גאָט, זיך אָנגעבענדיג פאַר זיינעם אַ זוהן.

אָט די לעצטע בעשולדיגונג האָט נאָך געמוזט בעזונדער בעשטע-טיגט ווערן, ווייל ס׳האָבען זיך געפונען אַ סך, וואָס האָבען געזאָגט, אַז ישו אַליין האַלט זיך נישט פאַר אַ זוהן פון גאָט, און ער בענוצט זיך סתם מיט דעם אויסדריק „בן אלהים“, ווי מיט אַ געוויסער מליצה פון תהלים. דאָ איז דעריבער זעהר וויכטיג געווען די עצות פון איינעם פון ישו׳ס נאָהנטסטע תלמידים, יהודה איש-קריות (איסקאַר-יאָט), וועלכער האָט בעשטעטיגט דעם פאַקט, אַז דער נזיר פון גליל האַלט זיך פאַר אַ ווירקליכען „בן אלהים“. ישו איז דאַן אַריינגעזעצט געוואָרען אין געפענגניש, און אַלע זיינע אָנהענגער זענען פון איהם אַנטלאָפען; נאָר איין שמעון פעטרוס האָט זיך איצט אויך נישט געוואָלט אָבשיידען פון זיין פערגעטערטען רבי׳ן. ווי לאַנג ער איז געזעסען אין געפענגניש ביז׳ן משפט—איז נישט בעוואוסט. עס איז בע-קאַנט נאָר דאָס, אַז אום ערב פסח איז ישו פאָרגעפיהרט געוואָרען פאַר׳ן געריכט פון סנהדרין, וו דער פאָרזיצענדער איז געווען יוסף כיפא, דער כהן גדול. די חקירה ודרישה איז בעשטאַנען נאָר אין דעם, וואָס די שופטים האָבען געוואָלט זיך איבערצייגען פון איהם אַליין, צי ער האָט זיך ווירקליך אָנגעגעבען פאַר אַ בן אלהים, ווי די עדות האָבען בעשטעטיגט. ווען איינער פון די שופטים האָט זיך געווענדעט צו איהם מיט דער פראַגע, האָט ער געשוויגען און גאָרנישט געענטפערט; דאַן האָט איהם דער פאָרזיצענדער נאָכאַמאָל געפרעגט, צי ער איז גאָט׳ס זוהן, און אויף דעם זאָל איהם ישו האָבען געענטפערט: „דו זאָגסט עס“, און גלייך דערנאָך צוגעגעבען: „באַלד וועט מען דעם מענשענזוהן זעהן זיצען ביי דער רעכטער זייט פון גאָט׳ס טראָן, זיך טראָגענדיג אויף די וואָלקענס פון הימעל“. פון די אַלע טענות האָבען די שופטים אַרויסגעדרונגען, אַז ישו האַלט זיך ווירקליך פאַר אַ גאָט געשיקטען און שרייבט זיך צו אַ געטליכע קראַפט; דער כהן גדול האָט דאַן געריסען

קריעה, און דאס געריכט האט איהם פערארטהיילט אלס גאטטעסלעסטערער.

אויספיהרען די שטראף אהן דער ערלויבניש פון דער רוימישער מאכט האט אבער דאס סנהדרין קיין רעכט נישט געהאט, און אזוי ווי דער פראקוראטאר, פאנטיוס פילאטוס האט זיך גראד געפונען דאן (צוליעב'ן יום=טוב) אין ירושלים, האט דאס סנהדרין געבעטען ביי איהם די דאזיגע ערלויבניש. און פילאטוס האט דעם אורטהייל בעשטעטיגט, האטש נישט צוליעב די מאטיוועז, וואס דאס סנהדרין האט דערביי ארויסגעשטעלט. ווען ישו איז געבראכט געווארען פאר דעם רוימישען מאכטהאבער, האט איהם דער לעצטער קודם=כל געפרעגט, צי ער האט זיך אנגעגעבען פאר א מלך פון די יודען, און ווען ישו האט איהם אויף דעם אויך געענטפערט: „דו זאגסט עס", האט ער בעפעסטיגט דעם אורטהייל און געהייסען אויספיהרען איבער איהם די געוועהנליכע רוימישע טויט=שטראף — אויפהענגען אויף א קרייץ (צלם). די דאזיגע אכזריות'דיגע שטראף האט זיך פראקטיצירט אין יהודה זינט זי איז ארונטערגעפאלען אונטער דער רוימישער הערשאפט, און נאך מיט א קורצער צייט צוריק האט וארוס געלאזען אזוי אויפהענגען אויף קרייצען ביז דריי טויזענד פאטריאטישע יהודה'ער פאר זייער בעטהייליגען זיך אין די רעוואלוציאנערע ארויסטרעטונגען געגען דער רוימישער אויבער=הערשאפט. פאר די צייטען פון דעם זעלביגען פראקוראטאר, פילאטוס, זענען אויך פיעל פאטריאטען בעשטראפט געווארען מיט דעם טויט, אזוי אז די אויסגעפיהרטע אכזריות'דיגע שטראף איבער דעם היילינגען פון גליל האט אין איהר צייט קיין בעזונדער רושם נישט געמאכט, און אזעלכע יהודה'שע היסטאריקער פון יענער עפאכע, ווי יוסטוס פון טבריה און יוסיפון (יאזעפוס פלאוויוס), וועלכע לאזען נישט דורך די מינדסטע געשעהעניש אין דעם דעמאלדיגען לעבען פון יהודה, — געהען פערביי אינגאנצען שווייגענדיג די ערשיינונג פון ישו'ס בעשטראפונג. ווי די קריסטליכע לעגענדע דערצעהלט, איז ישו געקרייציגט געווארען (צווישען דעם 30=טען און 35=טען יאהר) זעקס דעם זייגער אין דערפריה און ערשט אום ניין פאר האלבען טאג האט ער ארויסגעלאזען זיין לעצטען אטעם=צוג מיט דעם פסוק פון תהלים (אין דער אראמע'אישער שפראך): אלי, אלי, למה שבקתני (גאט, מיין גאט, פארוואס האסטו מיך פערלאזען!) די קרייציגונג איז פארגעקומען הינטערן שטאדט, אויף א פלאץ, מיט'ן נאמען ג ל ג ת א (גאלגאטא),

וואס איז ספעציעל בעשטימט געווארען צו דעם צוועק, און אט דער
פלאץ איז שפעטער געווארען דער אויסגאנגס=פונקט פון דער גאנצער
נייער ערא אין דער וועלט=געשיכטע.

ווען עס זענען אריבער די ערשטע שרעקען פון דער אויסגעפיהר=
טער שטראף איבער דעם גרויסען רבי'ן האבען זיך זיינע נאהנטע
תלמידים פערזאמעלט אין איין ארט, אום צו בעוויינען דעם אומגעקומע=
נעם און צו בעשטימען דעם גאנג פון דער ווייטערדיגער טעטיגקייט.
צוזאמען מיט די הייסערע אנהענגער פון גליל האט די גאנצע קאלאניע
פון קריסטוס=גלויביגע געצעהלט ארום פינף הונדערט מאן. דאס זענען
געווען טרוימערישע, בעגייסטערטע נאטורען, וואס דער שוידערהאפטער
אכזריות'דיגער טויט פונ'ם הייליגען משיח האט נאכמעהר פערשטארקט
אין זייערע הערצער דעם גלויבען אין זיין הייליגקייט און געטליכקייט.
עס האבען זיך, אמת, געפונען אזעלכע, וואס האבען געפרעגט:
סטייטש, ווי שיקט זיך עס, אז דער גרויסער משיח, דער געטליכער
אויסלייזער פון יהודה און דער פארברענגער פון דער מלכות השמים, —
זאל שטארבען מיט אזא שרעקליכען טויט? די הייסע פאנטאזיע פון דעם
בעגייסטערטען גלויבען האט אבער אויף דעם אויך געפונען א תירוץ: עס
איז געפונען געווארען א פסוק אין ישעיה, אין וועלכען עס זאגט זיך:
ער ווערט ארויסגעריסען פונ'ם לאנד פון די לעבעדיגע און פאר די זינד
פון זיין פאלק טראגט ער איבער וואונדען, — און דער פסוק איז אוים=
געטייטשט געווארען אויף דעם נאר=וואס אומגעקומענעם משיח. די דאזיגע
נבואה פון דעם אלטען נביא האט אלץ פערענטפערט און אלץ רעכט
געמאכט: עס האט געמוזט אזוי זיין, ישו האט געמוזט אריבערטראגען
אלערליי פיינען און יסורים; און יעדערער פון די תלמידים האט זיך
דערביי דערמאהנט, אז ער האט דאס אליין געהערט פון דעם הייי=
ליגען משיח — ישו האט געזאגט, אז ער געהט אקעגען אלערליי פער=
פאלגונגען און אפילו אויך דעם טויט. און קוים איז די פראגע געלונ=
גען ווי ס'איז צו פערענטפערן, איז שוין נישט שווער אנגעקומען, רעכט
צו מאכען אויך די צווייטע: „ווען=זשע וועט איצט אנקומען די אזוי לאנג
ערווארטעטע מלכות השמים, נאכדעם ווי דער געשיקטער פון גאט זי
אראבצוברענגען, האט אויפ'ן קרייץ זיין טויט געפונען? די פאנטאסטי=
שע האפנונג האט אויף דעם געענטפערט, אז דער הייליגער משיח וועט
באלד צוריק קומען אין זיין גאנצער פראכט און שענקייט, בעגלייט פון
גאנצע שארען מלאכים, און דאן וועט ער יעדערן בעלויהנען נאך זיינע

מעשים נאָך. אין צוזאַמענהאַנג מיט די האָפנונגען, האָבען זיך באַלד פערשפּרייט קלאַנגען, אַז ישו איז נאָר דריי טאָג געלעגען אין קבר און דאַן איז ער אויפגעשטאַנען תחית המתים — זיין קבר איז געפונען געוואָרען לעדיג. און ער האָט זיך ווידער געפונען צווישען די לעבעדיגע — איין תלמיד האָט דערצעהלט, אַז ער האָט משיח'ן געזעהען, אַ צווייטער, — אַז ער האָט מיט איהם גערעדט, אַ דריטער, — אַז ער האָט זוכה געווען זאָגאַר צו בעריהרען די וואונדען פון דעם הייליגען געקרייציגטען און צו עסען מיט איהם צוזאַמען. אַזוי איז דאָס בילד פון דעם געקרייציגטען משיח וואָס ווייטער אַלץ ליכטיגער און הימלישער געוואָרען אין דער פאָרשטעלונג פון די בעגייסטערטע משיח=טרוימער.

ביי דעם אַלעמען איז אָבער דערווייל דער גלויבען אינ'ם נוצרי נאָך אַלץ נישט איבערגעגאַנגען די גרענעצען פון דער מענשליכער ספערע; די משיח=גלויביגע זענען נאָך נישט אַוועק דערווייל אין זייער בעגייסטערונג ביז אַזוי ווייט, צו בעטראַכטען דעם נוצרי פאַר אַ גאָט. לויט די בעגריפען, וואָס האָבען געהערשט דעמאָלט אין דעם אָרדען פון די משיח=אָנהענגער, איז ישו געווען אַ געטליכער, הייליגער מענש, וואָס איז אויסגעוועהלט געוואָרען פונ'ם אַלמעכטיגען גאָט, צו ערפילען די שליחות פון זיינעם אַ געשיקטען, פון זיינעם אַ געזאַלבטען. און הייליג איז ער געווען דערפאַר, וואָס ער האָט אָבגעהיט אַלע געבאָטען פון גאָט'ס תורה און ערפילט גאָט'ס ווילען; זיי האָבען דעריבער אויך נישט אָבגעטרעטען אויף דאָס מינדעסטע פון די יודישע דינים און מנהגים, און האָבען שטרענג געהיט די מצוות שבת, מילה, כשרות פון עסען, א. א. וו. אין אַלע אַנדערע הינזיכטען און אין איהר לעבענס=אַנשויאונג בכלל האָט זיך די דאָזיגע גרופּע פון די משיח=גלויביגע גאַנץ ווענוג אונטערגעשיידט פון די איסיים; די נוצרים האָבען זיך אויסגעצייכענט נאָר דערמיט, וואָס זיי האָבען זיך בעצויגען מיט אַ בעזונדער שעצונג צו אָרימע און דערשלאָגענע. אין זייער אָרדען האָבען זיך אַלע מיטגליעדער גלייך ערנעהרט פון דער איינציגער שותפות'דיגער קאַסע, און ביים אַריינטרעטען האָט יעדער נייער מיטגליעד געמוזט פערקויפען זיין האָב און גוטס און דעם קאַפּיטאַל אַריינטראָגען אין דער קאַסע. ווי די איסיים, האָבען די ערשטע אָנהענגער פון דעם גרויסען גליל'ער זיך אויך אָבגעהאַלטען פון אַלע ערדישע מותרות'ען און פערגניגענס; זיי האָבען נישט געגעסען קיין פלייש און נישט געטרונקען קיין ווין, נישט געלעבט מיט קיין פרויען, זיך נישט געזאַלבט מיט קיין אייל און נישט

געטראגען אויף זיך קיין טייערע מלבושים. יעדער מיטגליעד האט געהאט נאר איין לייבעגקלייד. דער פארשטעהער פון דעם ערשטען יודיש-קריסט-ליכען ארדען איז געוועזען ישו'ס ברודער, יעקב (יאקאבו'ס); פון איהם ווערט דערצעהלט, אז ער האט קיין פערשכור'נדע משקה נישט געטרונקען, קיין שום פלייש נישט געגעסען, קיינמאל קיין שער אויפ'ן קאפ נישט געהאט און אינגאנצען נישט געהאט מעהר, ווי איין איינציג לייבענ-קלייד. נעבען איהם זענען געשטאנען בראש פון דעם אביונים-ארדען (די ערשטע נוצרים האבען זיך גערופען אויך אביונים) שמעון כפא אדער פעטרוס און יוחנן (יאהאנעס) דער זוהן פון זעבעדאי.

פון די דאזיגע „זיילען פון קריסטענטום" איז שמעון פעטרוס געוועזען דער טעטיגסטער; ער האט געזוכט צו ערווערבען וואס מעהר אנהענגער פאר דעם ארדען פון די משיח-גלויביגע; דערביי ווערט ער אבער געשילדערט אין די קריסטליכע קוועלען, ווי א מענש מיט א שוואנקענדען, שוואכען כאראקטער. זיין אויפגאבע, ווי די אויפגאבע פון די איבריגע נאהנטע „תלמידים", איז בעשטאנען אין דעם, פארטצוזעצען די ארבייט פון ישו הנוצרי און יוחנן המטבל, ד. ה. צו געהן „צו די פערלוירענע פונ'ם הויז ישראל" און זיי צוצוגרייטען צו דער נאהנטער „מלכות השמים".

די מיטלען דערצו, ווי אזוי צוצוקומען צו די ברייטערע מאסען פון פאלק און זיך צו ערווערבען זייער צוטרוי, — האבען זיי אויך גע'ירשה'נט פון זייערע רבי'ים: אויך זיי האבען געהיילט קראנקע, ארויסגעטריבען דבוקים און לעבעדיג געמאכט טויטע. א דאנק די דאזיגע תלמידים פון דעם גרויסען גליל'ער, האט זיך אין יהודה פערשפרייט די אמונה אין דער שטארקער מאכט פון שטן און אנדערע בייזע רוחות. אט די אמונה האט שוין עקזיסטירט אין יודענטום פריהער אויך; זי האט אבער ביז איצט נישט געהאט קיין רעליגיעזען כאראקטער און ערשט איצט, א דאנק דעם איינפלוס פון קריסטענטום, איז דאס געווארען א בעדייטענדער עלעמענט אין דעם מהות פון דער רעליגיע בכלל. ביים אננעהמען א נייעם מיטגליעד, פלעגט געפראוועט ווערן א געוויסע צערעמאניע פון בעשווערען די רוחות און פינסטערע כחות, אזוי ווי דער מיטגליעד וואלט זיך איצט דארפען בעפרייען פון דעם טייוועל, וואס האט איהם ביז אהער בעהערשט. די יהודה'ער האבען דעריבער טאקי געקוקט אין אנהויב אויף די נוצרים, ווי אויף שווארץ-קינסטלער און מכשפים.

אזוי האט אויסגעזעהען די קליינע גרופע פון ישו'ס תלמידים און אנהענגער אין דעם משך פון די ערשטע צעהן יאהר נאך זיין טויט. אין

די העכערע יהודה'עאישע קרייזען איז די דאזיגע גרופע כמעט ווי גארנישט בעמערקט געווארען — די צאהל פון איהרע מיטגליעדער איז צו קליין געוועזען, און צו פיעל איז זעהר לעבען בכלל עהנליך געוועזען צונ'ם לעבען פון די איסיים. זיי זענען דעריבער צוגערעכענט געווארען צו די לעצטע און האבען קיין בעזונדערע אויפמערקזאמקייט נישט צוגעצויגען. אין דער אמת'ען אבער האבען די תלמידים פון דעם געקרייציגטען משיח געטראגען אין הארצען עטוואס אזוינס, וואס די געוועהנליכע איסיים האבען דערפון געוויס נישט געוואוסט: א פייערדיגער משיח-גייסט האט געברענט אין די הערצער פון די דאזיגע טרוימערישע גליל'ער און צוזאמען דערמיט אויך א בעהאלטענע, אונבעוואוסטזיניגע שנאה צו די אומבריינגער פון זייער הייליגען פיהרער. דאס שרעקליכע בילד פון דעם בלוט-טריעפענדען נוצרי מיט דער דערנער-קרוין אויפ'ן קאפ האט זיי שטענדיג פאר די אויגען געשוועבט, און ס'איז גענוג געוועזען די קראפט פון איינציגען מענשען, פונאנדערצובלאזען אט דעם פייער און צו מאכען פון איהם: א קוואל פון ליכט, לעבען און ווארימקייט פאר דער גאנצער געצענדיענערישער וועלט, און א שאטען פון טויט, פלאגען און פינסטערניש פאר דער יודישער אומה. —

זעקסטעס קאַפּיטעל.

אַגריפּוס I.

(פון 37 ביז 44).

אין זיבען און דרײַסיגסטען יאָהר נאָך דער קריסטליכער צײַט־רעכנונג איז דער רוימישער קײזער טיבעריוס דערשטיקט געװאָרען, און אין אַ קורצע צײַט אַרום האָט קאַיוס קאַליגולאַ גערמאַני־קוס געטראָגען אויפ'ן קאָפּ די קרוין פון רוים (37). מיט דער דאָזיגער ענדערונג אין דעם רוימישער מלוכה־לעבען האָט זיך בעדײַטענד געענ־דערט אויך די לאַגע פון יהודה, און אַ דאַנק דער פערזענליכער צו־גענויגטקײַט פון דעם נײַעם הערשער צו אײנעם פון די יהודה'עאישע פּרינצען, האָט יהודה זוכה געװען נאָכאַמאָל צו פיהלען דעם טעם פון פּאָליטישער פרײַהײַט און זעלבסטשטענדיגקײַט.

גערופען האָט מען דעם פּרינץ אַגריפּוס (אַגריפּאַ, געבוירען אין 10־טען יאָהר און געשטאָרבען אין 44־טען יאָהר נאָך דער קריסט. צײַטרעכנונג). דאָס איז געװען אַ זוהן פון דעם פערמשפּט'ען אַריס־טאָבול, װאָס איז געבוירען געװאָרען פון הורדוס דעם I־טען מיט דער חשמונאי'שער פּרינצעסין מרים, און איז שפּעטער פערמשפּט געװאָרען צום טויט אויפ'ן פאָטערס בעפעהל. װען זײַן פאָטער איז געטויט געװאָרען איז אַגריפּוס נאָך אַ קינד געװען (דרײַ יאָהר אַלט) און מיט דרײַ יאָהר שפּעטער האָט איהם הורדוס אַװעקגעשיקט קײַן רוים, ער זאָל זיך דאָרטען ערציהען. דאָ איז אַגריפּוס אַרײַנגעפאַלען

אין די הילפסטע קרייזען פון דעם רוימישען אדעל און איז געווארען זעהר נאהנט בעפריינדעט מיט טיבעריוס'עס זוהן, מיט דרוזוס'ען; אין דער געזעלשאפט האט זיך דער יונגער און בענאבטער יהודה'עאישער פרינץ גלייך ערווארבען די אלע זיטען און פארמען, וואס האבען דא געהערשט, און איז געווארען דער ליעבלינג פון פיעל הויכגעשטעלטע פערזענליכקייטען. אגריפוס האט פערשווענדעט זיין גאנצען פערמעגען און די גאנצע ירושה, וואס ער האט בעקומען פון זיין מוטער בערעניקא, די טאכטער פון הורדוס'עס שוועסטער שלומית, און צו דעם איז ער נאך פערזונקען געווען אין חובות. ער איז דעריבער געצוואונגען געווען צו פערלאזען רוים, און נאך דעם טויט פון זיין פריינד דרוזוס (23) קעהרט ער זיך צוריק אום קיין פאלעסטינע, וואו ער לעבט זעהר ארים אין א פערווארפענעם ווינקעל פון לאנד. זיין לאגע איז אויף אזוי פיעל א פערצווייפעלטע, אז ער טראגט זיך ארום מיט א געדאנק ווענען זעלבסטמארד; דאן טרעט ארויס איהם צו הילף זיין ווייב, קיפראס, און א דאנק איהר השתדלות ביי זיין שוועסטער הורדיה, די פרוי פון דעם גליל'עאישען מעטראך הורדוס־אנטיפא, בעקומט ער פון דעם לעצטען א געוויסע שטיצע: אגריפוס ווערט בעשטימט פאר א פאליציי־הויפטמאן (אגאראנאם) אין טבריה. דער פערשווענדערישער און שטאלצער פרינץ קען זיך אבער לאנג אויף דעם פאסטען נישט האלטען, און אין א קורצער צייט ארום צוקריעגט ער זיך מיט'ן שוואגער און פערלאזט טבריה.

פון דארטין איז אגריפוס אנגעקומען אלס פריינד צו דעם רוימישען שטאטהאלטער פון סיריען, פלאקוז; דא האט ער זיך אבער אויך לאנג נישט אויפגעהאלטען. א פערלאזענער און א פערשטויסענער האט אגריפוס בעשלאסען נאכאמאל צו פראבירען זיין מזל אין רוים, און כדי נישט אריינצופאלען אין די הענד פון זיינע דארטיגע בעלי חובות האט ער זיך אבגעשטעלט אין אלעקסאנדריע און געבעטען שטיצע ביי דעם נשיא (אראבארך) פון דער דארטיגער יהודה'עאישער קהלה, אלעקסאנדער ליזימאכוס. דער לעצטער איז איהם געקומען צו הילף מיט א בעדייטענדען קאפיטאל און אגריפוס איז אוועק קיין איטאליע.

מיט זיין אנקומען קיין רוים (אין פריהלינג פון 36־טען יאהר) הויבט זיך אן פאר אגריפוס'ען א נייע רייהע פון גליקען און פינסטערע צייטען. אראבשטייגענדיג אויף דער אינזעל קאפרי איז ער פריינדליך אויפגענומען געווארען פון קייזער טיבעריוס, וועלכער האט אין

איהם געזעהען אַ לעבעדיגען אָנדענקען פון זיין געשטאָרבענעם זוהן; באַלד אָבער האָט זיך טיבעריוס דערוואוסט, אַז אַגריפּוס איז שולדיג דעם קייזערליכען שאַץ אונגעהויערע סומען געלד, און ער האָט זיך אָבגעקעהרט פון איהם. דאַן האָט זיך פאַר דעם יהודה׳עאישען פּרינץ אָנגענומען די יונגערע אַנטאָניאַ, און אַ דאַנק איהר פערמיטלונג איז אַגריפּוס געוואָרען דער פערטרויטער פריינד פון דעם רוימישען טראָן־פאָלגער קאַיוס קאַליגולאַ. דער איבערגעגעבענער אַגריפּוס איז אָבער צו ווייט פערגאַנגען אין זיין פריינדשאַפט צו קאַליגולאַ׳ן און איז דערפאַר הארט בעשטראָפט געוואָרען; ער האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט אין אַ אינטימען געשפּרעך מיט דעם לעצטען: „ווי דער־לעבט מען שוין די צייט, ווען טיבעריוס וועט פריי מאַכען דעם טראָן פאַר אַ מעהר ווירדיגען פון איהם", און איינער, פון זיינע שקלאַפען האָט דאָס דערטראָגען דעם קייזער; טיבעריוס האָט דאַן בעפעהלען צו שמידען אַגריפּוס׳ען אין קייטען און איהם אַריינצוזעצען אין תפיסה, און ער איז דאָרט אָבגעזעסען זעקס חדשים — ביז טיבעריוס איז גע־שטאָרבען און זיין פריינד קאַליגולאַ איז אַרויף אויף דעם רוימישען טראָן.

פון דער צייט הויבט אָן פאַר אַגריפּוס׳ען צו שיינען דער שטערן פון זיין גליק. דער נייער קייזער, קאַליגולאַ, האָט איהם גלייך בע־פרייט פון געפענגעניש, האָט איהם געשענקט אַ גאָלדענע קייט צום אָנדענקען פון די קייטען, וואָס ער האָט געטראָגען אויף זיך אין תפיסה, האָט איהם אָנגעטאָן אויפ׳ן קאָפּ אַ קעניגליכע דיאַדעם און גע־שענקט די טעטראַרכיע פון דעם פערשטאָרבענעם פיליפּ, וואָס איז נישט לאַנג איבערגעגאַנגען אינ׳ם רשות פון די רוימישע פּראָווינצען אין סיריען. צו דעם אַלעמען האָט דער רוימישער סענאַט אויך גע־שענקט אַגריפּוס׳ען דעם טיטול פּרעטאָר (37), און דער נייער הער־שער האָט זיך אַזוי ענג צוזאַמענגעלעבט מיט דעם יהודה׳עאישען פּרינץ, אַז ער האָט איהם אַ גאַנצען יאָהר נישט אָבגעלאָזען פון זיך, און ערשט אין אַ יאָהר אַרום, נאָכדעם ווי אַגריפּוס האָט בעקומען זיין קע־ניגליכען טיטול, האָט ער געקענט אָבפאָהרען פון רוים.

אַגריפּוס, דער געוועזענער בעטעל־פּרינץ, איז געקומען קיין יהודה אַלס קעניג און פערזענליכער פריינד פון קייזער (38); דאָס האָט אַרויס־גערופען אַ שטאַרקע קנאה ביי זיין שוועסטער הורדיה, און זי האָט אָנגעהויבען איינרעדען איהר מאַן, דעם טעטראַרך פון גליל, ער זאָל

פאהרען קיין רוים און אויך אויספועל'ן פאר זיך דעם טיטול קעניג. הורדוס אנטיפא האט זיך אין אנהויב אבגעהאלטען פון מאכען אזא שריט; ענדליך האט ער אבער נאכגעגעבען הורדיה'ן און האט זיך מיט איהר צוזאמען אוועקגעלאזען קיין איטאליע. דא האט ער זיך פארגעשטעלט פאר'ן נייעם הערשער אין ביי, און אנגעהויבען פארצולעגען פאר איהם זיין השתדלות; קאליגולא האט אבער שוין פריהער געהאט בעקומען א בריעף פון אגריפוס'ען, אין וועלכען דער אמאליגער בעלייידיגטער פרינץ האט זיך נוקם געווען אן זיין בעליידיגער און איהם פערמסר'ט, אז ער פיהרט געהיימע אונטערהאנדלונגען מיט דעם פארטאנישען קעניג און בעוואפענט זיך שטארק, כדי זיך אבצוררייסען פון רוים. דער קייזער האט דעריבער אינגאנצען צוגענומען ביי הורדוס־אנטיפא זיין טעטראַרכיע און האט איהם פערשיקט קיין ליאן אין פראנקרייך (39). נישט וועלנדיג פערלעצען אגריפא'ס ברודער־ליבע, האט קאליגולא ערלויבט הורדיה'ן צו פערבלייבען אין לאנד און האט איהר אומגעקעהרט איהר פערמעגען; די שטאלצע פרוי האט זיך אבער אבגעזאגט פון דעם חסד, און איז מיטגעגאנגען מיט'ן מאן אין גלות.

די טעטראַרכיע פון דעם פערשיקטען הורדוס (־אנטיפא) האט קאליגולא אויך איבערגעגעבען אגריפוס'ען, אזוי אז ער האט שוין געהאט אין זיין מאכט א בעדייטענדען טייל פון פאלעסטינא. און באלד האט אגריפוס בעקומען אויך דעם צענטער פון לאנד, יהודה אליין; דא זענען אבער דערווייל פארגעקומען בעדייטענדע געשעהענישען, וואס האבען שטארק פונאנדערגעטרייסעלט די עמפפינדליכסטע נערווען פון דעם יודישען פאלקס־ארגאניזם.

די חסדים, וואס קאליגול האט ארויסגעוויזען דעם פערארימטען יהודה'עאישען פרינץ, האבען פערשטארקט די שנאה צו די יהודה'ער, וואס האט שוין לאנג געהערשט אין אלע פראווינצען פון דער רוימישער אימפעריע; אין קיין אנדער ארט האט אבער אט די פיינדשאפט נישט אנגענומען אזא שארפען כאראקטער, ווי אין דער עגיפטישער הויפטשטאדט, אלעקסאנדריע. די גריכען, וואס האבען זיך גערעכענט פאר די בעלי בתים פון שטאדט, האבען נישט געקענט מוחל זיין זייערע יהודה'עאישע שכנים דעם חטא, וואס זיי האבען געשפיעלט אזא גרויסע ראליע אין דעם האנדעל פון לאנד און אין דער קולטור, וואס זיי האבען געלעבט אינגאנצען אבגעזונדערט פון דער ארומיגער בעפעלקערונג און מיט א גאנץ פרעמדער וועלט־ און לעבענס־אנשויאונג, און — הויפטזעכליך —

וואָס זיי האָבען אויסגעפּועלט פאַר זיך ביי דער רוימישער מאַכט בע־זונדערע זכיות און פּריוועלעגיעס; די דאָזיגע שנאה איז וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער געוואָרען אַ דאַנק דער אַגיטאַציע פון אַ גאַנצער רייהע שריפטשטעלער־יודאָפאָבען (יודענפיינד), וואָס האָבען געזוכט אַלערליי מיטלען, צו פערקלענערן די בעדייטונג פון דעם יודישען פאָלק אין דער געשיכטע און איהם פערהאַסט צו מאַכען ביי אַלע פעלקער פון דער געצענדיענערישער וועלט.

די דאָזיגע יודען־פיינדליכע שרייבער האָבען זיך פאַר קיין ליגען און פאַר קיין נאַרישען פּשט׳ל נישט אָבגעשטעלט, אַבי נאָר צו בעליידיגען די יודישע אומה און זי פערהאַסט צו מאַכען. פּ אָ ז י ד אָ נ י ו ס פון אַ פּ אַ מ ע אַ אין דער צייט פון אַנטיוכס עפּיפאַנעס, אַ פּ אָ ל אָ נ י ו ס מ אָ ל אָ אין דער צייט פון דעם רוימישען יודענפיינד ציצעראָ, כ ע ר ע מ אָ ן אין דער צייט פון יוליוס צעזאַר און ענדליך דער בעריהמטער אונפערשעמטער ליגנער אַפּיאָן — אַלע האָבען זיי נאָר איין ציעל פאַר זיך געהאַט און איין אמת געפּלאַנצט אין די הערצער פון זייערע צוהערער: דאָס יודישע פאָלק איז אַ ר ו י ס ג ע ט ר י ע ב ע ן געוואָרען פון מצרים, ווייל עס איז געווען קרעציג און קראַנק; משה איז געווען אַ כּשוף־מאַכער און אַ שוואַרץ־קינסטלער; דאָס יודענטום לעהרנט זיינע אָנהענגער צו האַסען די פרעמדע און זיי צו רודפ׳ען, און נאָך אַזעלכע „זיכערע פאַקטען", וואָס האָבען זיך גאַנץ לייכט צוגעקלעפּט צו׳ם שכל פון ווילדען המון, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס צוזאַמען מיט די יודענפיינד זענען אַרויסגעטרעטען אויך יודענפריינד און האָבען, פערקעהרט גאָר, אָוועקגעשטעלט די יודען בראש פון דער גאַנצער מענשליכער קולטור.

אונטער דער הערשאַפט פון אויגוסט און טיבעריוס האָט די דאָזיגע פיינדליכע שטימונג פון דער אַלעקסאַנדרינישער בעפעלקערונג געגען די יודען געמוזט נאָך שטאַרקער ווערן, ווייל די פּראָקוראַטאָרען פון די מלכים האָבען זיך זעהר שטרענג בעצויגען צו יעדען מין אויפשטאַנד און ווי געהעריג אָבגעשאַצט די לאָיאַליטעט פון דער יודישער בעפעלקערונג; דאַגעגען אָבער איז דער איצטיגער שטאַטהאַלטער פון עגיפּטען, פלאַקוס, געווען מעהר מחותן מיט די איינגעבוירענע אַלעקסאַנדרינער, ווייל ער איז געווען בעקאַנט פאַר אַ אָנהענגער פון דעם דערשטיקטען טיבעריוס און זיין אומגעבראַכטען אייניקעל, און קאַליגולאַ האָט זיך בעצויגען צו איהם מיט וועניג צוטרוי. פלאַקוז

האט דעריבער שטארק מורא געהאט פאר א מסירה אויף איהם, און האט געקוקט צווישען די פינגער אויף די מעשים פון דער ארטיגער בעפעל־קערונג .

ווען ס'איז אנגעקומען אין אלעקסאנדריע די ידיעה , אז אגריפפום איז בעקרוינט געווארען פון קייזער מיט א קעניגליכער דיאדעם , האבען די דארטיגע יהודה'ער אפען אויסגעדריקט זייער שמחה איבער דעם פאקט ; דאס האט שטארק אויפגערייצט זייער געצענדיענערישע מיטביר־גער , און דאן זענען פארגעקומען די ערשטע יודען־פיינדליכע דעמאנ־סטראציעס אונטער דער אנפיהרונג פון צוויי צוררי היהודים — א געוויסען היסטאריקער מיט'ן נאמען א י ז י ד א ר ו ס און איינעם לאמפא . צום אונגליק איז גראד דעמאלט אנגעקומען קיין אלעקסאנדריע אגריפפום אליין . פאהרענדיג פון רוים צוריק קיין יהודה — דאס האט נאך ארויפגעגאסען אייל אויפ'ן פלאם . דער המון האט קודם כל א ו י ס ג ע ל א כ ט דעם נייעם הערשער צוזאמען מיט זיין פאלק ; צו דעם צוועק איז דער שטאדט־משוגע'נער ק א ר א ב א ס אויסגעפוצט געווארען אין א קרוין מיט א קעניגליכען מאנטעל פון פערשידענע שמאטעס , און נאכדעם ווי מ'ואט איהם אוועקגעשטעלט אויף א הויכען פיעדעסטאל אינ'ם גרויסען זאל פון גימנאזיום , האט זיך די מאסע ארומגעשטעלט פון אלע זייטען און גע־שריגען צו איהם אירא ניש : מארין (אויף כאלדעאיש : אונזער הערר , קעניג) . פון דאנען האט זיך דער צעבושעוועטער המון אוועקגעלאזען אין די שוהלען , כדי אוועקצושטעלען דארטין די קייזער־בילדער , וויסענדיג , אז דאס איז לויט דעם יודישען גלויבען שטרענג פערבאטען . דאס איז געווען א גוט בעטראכטער טייוועלשער פלאן , וואס האט פון איין זייט זיך אריינגעריסען אינ'ם סאמע הארצען פון דעם יודישען גלויבען אהן א שום מורא , בעשטראפט צו ווערן דערפאר , און פון דער צווייטער זייט — פראוואצירט א יודישען ווידערשטאנד , וואס וועט קענען אויסגעטייטשט ווערן אין דעם זין , אז די יודען זענען נישט קיין איבערגעגעבענע דיענער פון קייזער און ווילען נישט אבגעבען קיין כבוד זיין בילד .

און דער פלאן האט זיך ווירקליך איינגעגעבען . פלאקוז , וועלכער האט זיך געוואלט ערווערבען דעם צוטרוי פון זיין נייען הערשער , האט אויסגענוצט די דאזיגע געלעגענהייט און זיך אפען אוועקגעשטעלט אויף דער זייט פון דעם צעווילדעטען המון , וואס האט זיך כלומרש'ט אנגענו־מען פאר'ן קייזער־קולט . ער האט מיט איין בעפעהל מבטל געווען נישט בלויז די בעזונדערע זכיות און פריווילעגיעס פון די רוימישע מלכים ,

וואָס די אַלעקסאַנדרינישע קהלה האָט זיך ערוואָרבען אין דעם משך פון הונדערטער יאָהרען, — נאָר האָט זי אויך אינגאַנצען אַוועקגעשטעלט **אויסערן געזעץ**. פלאַקוז האָט ערקלערט אַלע יהודה'ער פון אַלעקסאַנדריע פאַר **פרעמדע**, וואָס האָבען קיין רעכט נישט, זיך צו בענוצען מיט די בירגערליכע געזעצען פון לאַנד, און אויף אַזאַ אופן אָפען ערלויבט, אויסצואיבען איבער זיי די שרעקליכסטע אַכזריות'ען.

און מעהר האָט דער בלוט-דורשטיגער המון נישט געדאַרפט. די יהודה'ער פון אַלע איבריגע פיער שטאָדט-טיילען זענען צונויפגעטריבען געוואָרען אין זייער אייגענעם קוואַרטאַל ביים ברעג פון ים, אין דער **דעלטאַ**. די פערלאָזענע הייזער פון די אַרויסגעטריבענע זענען צורויבט, צושטערט און חרוב געוואָרען; דאָס גאַנצע האָב און גוטס פון די רייכע אַלעקסאַנדרינישע יהודה'ער, וואָס איז געזאַמעלט געוואָרען אין דעם משך פון צעהנדליגער דורות, איז אַריינגעפאַלען אין די הענד פון זייערע גזלני'שע שכנים. און דערמיט האָט זיך דער פּאָגראָם נאָך נישט געענדיגט: די גריכען האָבען זיך אַריינגעריסען אין די יודישע שוהלען און זיי טיילוויז חרוב געמאַכט און טיילוויז — פערשוועכט מיט די סטאַטוען פון דעם פערגעטערטען קייזער. דאַן האָבען זיי בעלאַגערט די דעלטאַ און קיין לעבעדיגען נפש פון דאָרטין נישט אַרויסגעלאָזען, אום אויף אַזאַ אופן אויסצוראָטען די גאַנצע אַלעקסאַנדרינישע יודישע קהלה דורך היץ און הונגער. האָט איינער געפּרובט זיך אַרויסרייסען פון דער בעלאַגערונג, איז ער פון המון פערברענט, טויט געשלאָגען אָדער אויפגעהאַנגען געוואָרען. און אָט דער אונערטרעגליכער צושטאַנד האָט זיך געצויגען איבער אַ חודש.

דער פערטרעטער פון געזעץ האָט די שוצלאָזע יהודה'ער נאָכמעהר געשטיקט און דערשלאָגען: ער האָט געלאָזען שמיַדען אין קייטען אַכט און דרייסיג מיטגליעדער פון דעם יודישען געמיינדע-ראַט, און זיי ברענגען אין טעאַטער, וואו ס'זענען אויסגעפיהרט געוואָרען איבער זיי די שענדליכסטע לייבשטראָפען אין דער אָנוועזענהייט פון דעם גאַנצען גריכישען המון; פון די דאָזיגע בעשטראָפטע זענען עטליכע געשטאָרבען אונטער די ריטער פון דער עקזעקוציע און די איבריגע זענען שטערבליך קראַנק געוואָרען. כדי זיך צו בעוואָרענען פון אַ ווידערשטאַנד, האָט פלאַקוז צושיקט מחנות סאָלדאַטען אין די הייזער פון דעם יודישען קוואַרטאַל, אום צו זוכען דאָרט געוועהר, און דערביי

זענען געפּייניגט, געשענדעט און געטויט געוואָרען הונדערטער יודישע פרויען און טעכטער. די אונמענשליכע לאַגע פון די אַלעקסאַנדרי־נישע יהודה'ער איז איבערגעגאַנגען אַלע גרענעצען פון דער ווילדסטער אַכזריות, און עס האָט זיך גאָר קיין סוף און קיין אָבהאַלט נישט געזעהען צו די אַלע יסורים און פּיינען. דערוויילע אָבער האָט זיך פלאַקוז מיט עפּעס פערשולדיגט געגען זיין הערשער, און פּלוצלינג האָבען די אונגליקליכע יודען בעקומען די בשורה, אַז אַ שליח מיוחד פון קייזער איז געקומען קיין אַלעקסאַנדריע, צו אַרעסטירען פלאַקוז'ען און איהם אַוועקצופיהרען קיין רוים. פון דאָרטין האָט איהם קאַליגולאַ פערשיקט אויף איינער פון די עגעאישע אינזלען, וואו ער איז געטויט געוואָרען.

דער נאָכפאָלגער פון דעם מערדערישען פלאַקוז האָט, ווי ס'שיינט, צוריקגעשטעלט די אָרדנונג אין שטאָדט און געשיצט אין אַ געוויסער מאָס די יהודה'ער פון נייע אָנפאַלען און פּאָגראָמען; די שווערד, וואָס איז געהאַנגען איבער די יודישע קעפּ, איז נאָך אָבער אַלץ נישט אַראָבגענומען געוואָרען און עס האָט זיך אָנגעהויבען פאַר זיי אַ נייע צרה.

קאַיוס קאַליגולאַ האָט זיך צו יענער צייט (40) אומגעקעהרט פון די מלחמות, וואָס ער האָט געפיהרט אין גאַליען און גערמאַניען, און זיין גרויסקייט האָט איהם אַזוי פערשכור'ט, אַז ער אַליין האָט אָנגעהויבען קוקען אויף זיך, ווי אויף אַ גאָט, און האָט בעפעהלען אויפצושטעלען אין אַלע לענדער פון דער רוימישער אימפּעריע טעמפּלען מיט זיין בילד, וואָס זאָל נישט פ ע ר ע ה ר ט, נאָר פ ע ר ג ע ט ע ר ט ווערן. דאָס האָבען די יודענ־פיינדליכע גריכען ווידער אויסגענוצט און אָנגעהויבען צווינגען די אַלעק־סאַנדרינישע יהודה'ער, איינצופיהרען אין זייערע שוהלען דעם קייזער־קולט. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבען אַ נייער שטרייט, און דער איצטיגער שטאָטהאַלטער פון מצרים האָט זיך אויך אָנגענומען פאַר'ן כבוד פון דעם פערגעטערטען קייזער. די יודישע עקשנות האָט איהם שטאַרק געהייצט און ווילד געמאַכט, אַז דער ש ב ת איז איינער פון די וויכטיגסטע יסודות פון יודענטום, האָט ער קודם כל געצוואונגען די יהודה'ער צו טאָן אום שבת אַלערליי פערבאָטענע מלאכות. ער האָט זיך געווענדעט צו די אָנגעזעהענסטע יהודה'ער און געזאָגט צו זיי: „ווי וואָלט זיין, ווען אַ פּלוצלונגער איבערפאַל פון שונא, אַ פערפלייצונג, אַ שרפה, ווען הונגער, פּעסט, ערדציטערניש און אַלערליי אַנדערע אונגליקען וואָלטען אויף אייך קומען, וואָלט איהר אויך אַזוי היטען אייער שבת, וואָלט איהר אויך אַזוי בלייבען זיצען מיט פערלעגטע הענד און גאָרנישט

טאָן, אום זיך צו ראַטעווען פון דער געפאַהר? וואָלט איהר דעמאָלט אויך אַזוי געזעסען אין אייערע בתי מדרשים און זיך געפּשט'לט שעה'ן לאַנג איבער אַ אונפערשטענדליכען וואָרט פון וועלכען ס'איז ספר? וואָלט איהר דען נישט דאַן אַלץ פון זיך אַראָבוואַרפען און געלאָפען ראַטעווען אייערע עלטערען און קינדער, אייער האָב און גוטס, אייער לעבען? טאָ זעהט זשע אַלזאָ: איך וועל דאָס אַלץ פאַר אייך זיין! דער איבערפאַל פון שונא, די פערפלייצונג, די שרפה, דער הונגער, די מגפה און די ערד־ציטערניש. איך וועל זיין פאַר אייך די פערקערפערטע געשטאַלט פון דעם אונערביטליכען שיקזאַל, אויב איהר וועט מיין בעפעהל נישט היטען". פאַר דער יודישער עקשנות עקסיסטירט אָבער קיין אונערביטליכער שיקזאַל נישט, און די גאַנצע קהלה איז גרייט געווען איבערצוטראָגען אויף זיך דאָס שרעקליכסטע, און נישט אָבצוטרעטען פון איהר גאָט און זיין תורה. נאָר געצעהלטע יודען זענען דעם נסיון נישט בייגעשטאַנען, און צווישען די לעצטע האָט זיך געפונען אויך דער זוהן פון דעם יודישען נשיא (אַראַבאַרך) מיט'ן נאָמען טיבעריום אַלעקסאַנדער, וועלכער האָט זיך אָבגעזאָגט פון זיין גלויבען און האָט זיך שפּעטער דעררייכט צו זעהר אַ הויכען טיטול אין דער רוימישער מלוכה.

דער רייכער יודישער קהלה אין אַלעקסאַנדריע איז אויף אַזאַ אופן פאָרגעשטאַנען די געפאַהר, אונטערצוגעהן אינגאַנצען, און דאָס איינציגע וואָס איהר איז געבליבען צו טאָן, איז געווען: שיקען אַ דעפּוטאַציע צום הערשער אַליין, וואָס זאָל איהם ערקלערן, אַז יודען קענען נאָר דינען דעם קייזער אָבער נישט פערגעטערן איהם, ווייל דאָס איז געגען דעם עצם מהות פון דער יודישער אמונה, און אַז קיינער פון די רוימישע מלכים האָט דאָס פון יודען נישט געפאָדערט. בראש פון דער דעפּוטאַציע איז אַוועקגעשטעלט געוואָרען דער בעריהמטער יודישער פילאָזאָף פילאָ (פילון האלכסנדרוני), וואָס איז געווען ווי צוגעפּאַסט פאַר דער ראָליע אַ דאַנק זיין רייכען יחוס, זיין געזעלשאַפטליכער לאַגע און זיין אַלזייטיגער טיעפער בילדונג. די גריכען ווידער פון זייער זייט האָבען אויך אַוועקגעשיקט אַ דעפּוטאַציע קיין רוים, אונטער דער אָנפיהרונג פון דעם בעריהמטען יודאָפאָב אַפּיאָן, אום אויסצופועל'ן ביי דער מאַכט פערשידענע גזירות און פערפאָלגונגען געגען דער יודישער קהלה. אַזוי זענען צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע אַוועקגעשטעלט געוואָרען איינער געגען אַנדערן די פערקערפּערונגען

פון יודענטום און הײדענטום; דער שטאָלצער און ערנסט־טיפער פילאָזאָף פון יודענטום, וואָס האָט געשטרעבט צום אמת און צו די העכסטע מאָראַלישע אידעאַלען, איז געגאַנגען פיהרען אַ וואָרט־קאַמפף מיט דעם גיפטיגען פּאַמפלעטיסט, וואָס האָט זיין גאַנצען לעבען גע־פרײדיגט פאַלשקייט, שנאה צווישען איין פאָלק און דעם אַנדערן און אכזריות'דיגע געוואַלד־טאַטען, — און ווי מ'האָט געקענט פאָראויסזעהען, איז דער אויסגאַנג פון דעם קאַמפף געוועזען מעהר גינסטיג פאַר דעם לעצטען, ווי פאַר'ן ערשטען.

אָנקומענדיג קיין רוים האָבען ביידע דעפּוטאַציעס זיך בעמיהט אָנגענומען צו ווערען פון קייזער; און דאָ האָט זיך גלייך אַרויסגע־וויזען, אַז די יודישע שלוחים האָבען נישט פון איהם וואָס צו ער־וואַרטען. קאַליגולאַ האָט פריינדליך אויפגענומען אַפּיאָנ'ען מיט זיין חבריא און אויסגעהערט זייערע אַלע אָנפאַלען און בלבולים אויף יודען, ווערהענד די יודישע שלוחים האָבען געמוזט אויסשטעהן פערשידענע ערנידריגונגען ביז ער האָט בעוויליגט זיי אָנצונעהמען. און דאַן האָט ער זיי אויך נישט געלאָזען קיין וואָרט אַרויסרעדען; די ערשטע ווערטער, מיט וועלכע ער האָט בעגעגענט די יודישע שלוחים, זענען געוועזען: איהר זענט עס די אַפּיקורסים, וועלכע ווי־לען מיך נישט אָנערקענען פאַר אַ גאָט?! די יודענפיינדליכע דעפּוטאַ־טען, וואָס זענען דערביי געשטאַנען, האָבען בעשטעטיגט, אַז די יודען פעראַכטען דעם קייזער, ווילען איהם נישט דינען און ברענגען אפילו קיין קרבנות נישט פאַר זיין געזונד, און ווען די יודישע שלוחים האָבען פראָטעסטירט געגען דער לעצטער בעשולדיגונג און ערקלערט, אַז אין בית המקדש ווערן אָפט געבראַכט קרבנות פאַר'ן קייזערס געזונד, האָט דער לעצטער אויסגעשריען: „גוט, אָבער מיר אַליין ווילט איהר דאָך קיין קרבנות נישט ברענגען!“ דאַן האָט ער זיך אינגאַנצען אָבגעווענדעט פון זיי, און זיי געלאָזען שטעהן אַ לענגערע צייט; דערנאָך האָט ער זיי צוגעוואָרפען די פראַגע: „און פאַרוואָס ווילט איהר קיין חזיר נישט עסען?“ און דערביי האָט ער מיט זויפ־געהויבענע פויסטען געגען הימעל זיך אויסגעדריקט מיט אַזעלכע שענד־ליכע ווערטער וועגען דעם יודישען גאָט, אַז דער היסטאָריקער האָט נישט געפונען פאַר מעגליך, זיי איבערצוגעבען. ענדליך האָט דער געקרוינטער אידיאָט אָבגעלאָזען די יודישע שלוחים, מיט דער ערקלע־רונג (נישט צו זיי אַליין, נאָר צו זיינע בעגלייטער): „די דאָזיגע

מענשען זענען נישט אזוי פיעל שולדיג, ווי אונגליקליך, ווייל זיי גלויבען נישט אין מיין געטליכקייט".

און די שלוחים זענען שוין גרייט געוועזען, זיך אומצוקעהרען צוריק קיין אלעקסאנדריע מיט דער טרויעריגער תשובה; דא זענען זיי אבער פערשטיינערט געווארען פון א נייעם אונגליק: א יהודה'ער איז צו זיי צוגעלאפען און דערצעהלט מיט א דערשטיקטער שטים פון טרערען: אונזער בית-המקדש אין ירושלים איז פערשוועכט — קאליגולא האט בעפעהלען, מ'זאל דארט אויך אוועקשטעלען זיין בילד!

דער ליידענשאפטליך איינגעבילדעטער קאליגולא האט זיך נישט געקענט שענקען דעם פאקט, וואס גראד די יהודה'ער, וועלכע ער האט גוטס געטאן און זייער פרינץ אזוי הויך דערהויבען, — וואס גראד זיי האבען זיך אזוי „ווילד" פערעקשנ'ט און ווילען איהם בשום אופן נישט אנערקענען פאר א גאט, אין דער צייט, ווען אלע פעלקער פון דער רוימישער אימפעריע האבען דאס שוין לאנג געטאן; ער האט דעריבער ארויסגעגעבען א בעפעהל, איינצופיהרען אין יהודה דעם קייזער-קולט איבער געוואלט, זיך נישט אבשטעלענדיג פאר קיין זאך.
מיט דעם בעפעהל האבען זיך באלד בענוצט די געצענדיענערישע איינוואוינער פון דער שטאדט יבנה, ביי יפו, און האבען אוועקגעשטעלט אין איינער פון די הויפטגאסען א מזבח מיט קאליגולא'ס סטאטוע. דאס איז געטאן געווארען מיט דער כונה, צו פראוואצירען די יודישע איינוואוינער פון שטאדט, און די לעצטע האבען ווירקליך קיין אנדער אויסוועג נישט געהאט: זיי זענען אפען ארויסגעטרעטען געגען דער דאזיגער פערשוועכונג פון דעם הייליגסטען יודישען געפיהל און האבען דעם מזבח צובראכען. דער צורייצטער דעספאט איז דאן נאכמעהר אויפגעקאכט געווארען און האט בעפעהלען דעם רוימישען פערוואלטער פון סיריען, פעטראניוס'ען, ער זאל גלייך אריין מיט צוויי לעגיאנען סאלדאטען קיין ירושלים און אוועקשטעלען אזא מזבח אין בית-המקדש. פעטראניוס האט פערשטאנען, ווי ווייט נארעש און געפעהרליך עס איז, אויף אזא אופן זיך צו פערטשעפען מיט דעם יודישען פאלק; ער האט אבער געמוזט ערפילען דעם בעפעהל פון זיין געביטער, און ארום סוכות-צייט אין פיערציגסטען יאהר האט ער זיך אנגעהויבען צורוקען מיט זיינע לעגיאנען צו די גרענעצען פון יהודה.

דערווייל זענען די קלאנגען וועגען דער שרעקליכער גזירה אנגעקומען אויך קיין ירושלים, און דאס פאלק, וואס האט זיך געקליבען

צו פייערן דעם פרעהליכען יום=טוב (סוכות), איז אינגאנצען צוטומעלט און דערשלאגען געווארען. טויזענדער יהודה'ער האבען פערלאזען זייער ארבייט אין פעלד און ווייןגארטען און זענען געלאפען קיין עכו, וואו פעטראניוס האט זיך געפונען מיט זיינע סאלדאטען. דא האבען זיי זיך אלע פערזאמעלט ארום דעם פערטרעטער פון דער מאכט און איהם ערקלערט, אז זיי ווילען גיכער איבערטראגען אויף זיך אלע יסורים און טויטען פון דער וועלט, איידער צולאזען, אז דער בית=המקדש זאל פערשוועכט ווערן מיט א געצענבילד. פעטראניוס, וועלכער האט דאס פאראויסגעזעהען און אליין אויך געזוכט א אויסוועג פון דעם אידיאטישען בעפעהל, האט אויסגעהערט די טענות און איז אוועק קיין טבריה, די הויפט=שטאדט פון גליל, אום זיך דארטין צו בעראטען וועגען דער לאגע מיט אגריפוס'עס יועצים און מיט די אויסגעוועהלטע אריסטאקראטען, וועלכע זענען דאס מאל אויך צוגעשטאנען צום פאלק. אין טבריה האבען זיך ארום פעטראניוס'ען ווידער פערזאמעלט טויזענדער יודען, און אויך זיי האבען ערקלערט, אז דאס גאנצע פאלק, ווי איין מענש, איז פעסט ענטשלאסען, דאס לעבען אוועקצוגעבען פאר דער הייליגקייט פון בית=המקדש.

די בעראטונג צוזאמען מיט די מאסען=דעמאנסטראציעס האבען זיך געצויגען גאנצע פערציג טאג. דאס פאלק האט נישט געאקערט און נישט געשניטען און האט זיך געפונען אינגאנצען אין דעם צושטאנד פון א שטארקער אויפרעגונג, וואס האט יעדע מינוט געקאנט פערוואנדעלט ווערן אין א פערצווייפעלטען, בלוטיגען אויפשטאנד; כדי דאס אויסצומיידען האט פעטראניוס ענדליך געפועלט ביי זיך, צו מאכען א געפעהרליכען שריט: ער האט זיינע לעגיאנען ארויסגעפיהרט פון עכו (פטאלאמעאיד) צוריק קיין אנטיוכיא, און צו קאליגולא'ן האט ער אוועקגעשיקט א אויספיהרליכען ראפארט, אין וועלכען ער האט איהם קאטעגאריש ערקלערט, אז עס איז אונמעגליך איינצופיהרען דעם קייזער=קולט אין יהודה, אויב מ'וויל נישט אויסראטען דעם גאנצען פאלק און מאכען פון לאנד — א מדבר.

אונטער דער צייט האט אגריפוס אליין אויך נישט גערוהט. דער קעניג פון די ביידע פאלעסטינישע קאנט=פראווינצען (גליל און טראכאניטים), וועלכער האט געהאט א שטארקען איינפלוס אויף דעם רוימישען טיראן, האט דאן געוויילט אין רוים, און דארט האט ער זיך אויך דערוואוסט פון דעם בעפעהל, אוועקצושטעלען דעם קייזער'ס סטאטוע

אין בית-המקדש, דער לעבענס-לוסטיגער און פערשווענדערישער אגריפּוס האט זיך בלומרש'ט גאָרנישט וויסענדיג געמאַכט און פערבראַכט ביי איין טיש מיט דעם געקריינטען פייניגער פון זיין פאָלק. אזוי ווי די אלע בכיות און בקשות פון די פערצווייפעלטע יהודה'ער וואָלטען איהם גאָרנישט אָנגעהן. טיעף אין הארצען האט איהם אָבער די זאך שטאַרק געקרענקט, און ווען קאליגולא האט זיך אין א מינוט פון הארציגער פריינדשאַפט ארויסגערופען, צו ערפילען אלץ, וואָס אגריפּוס וועט פון איהם פערלאַנגען, האט דער אָרימער קעניג פון די צוויי קליינע פּראָווינצען קיין אנדער זאך נישט געבעטען אויסער דאָס, — אז די יהודה'ער זאָלען זיך ווייטער אויך קענען בענוצען מיט די זכיות בנוגע צו אמונה-ענינים, וואָס זיי האָבען בעקומען פון די פריהערדיגע רוימישע מלכים און עס זאָל אָבגעשאַפט ווערן דער בעפעהל וועגען איינפיהרען דעם קייזער-קולט אין יהודה. קאליגולא'ן האט די דאָזיגע בקשה פון זיין לייכטזיניגען און אויסגעלאַסענעם פריינד נישט וועניג ערשטוינט; אָבזאָגען איהם האט ער אָבער נישט געקענט, און גלייך נאָכדעם איז פּעטראָניוס'ען אוועקגעשיקט געוואָרען א בעפעהל אין קייזער'ס נאָמען, נישט צו בעאונרוהיגען מעהר די יהודה'ער און זיי צו לאָזען לעבען, ווי זיי ווילען — מיט זיינע סטאַטוען אָדער אָהן זיי.

דאָס איז געשעהען אין די חדשים חשון-כסלו, און אין דער זעלביגער צייט איז אָנגעקומען קיין רוים פּעטראָניוס'עס ראַפּאָרט, אין וועלכען ער האט געשריבען, אז מ'קען נישט איינפיהרען דעם קייזער-קולט אין יהודה און מ'מוז זיך דערפון אָבזאָגען. דאָס האט קאליגולא'ן ווידער אויפגעקאָכט, און ער האט גלייך אוועקגעשיקט פּעטראָניוס'ען א טויט-אורטייל*). דער דאָזיגער לעצטער בעפעהל איז אָבער פערהאַלטען געוואָרען אין וועג, און נאָך איידער די קייזערליכע שלוחים האָבען איהם געבראַכט קיין אנטיוכיא, האט מען שוין דאָרט געוואוסט, אז דער ווילדער דעספּאָט איז געטויט געוואָרען פון א פערשוואוירענעם פּרעטאָריאַנער (24 יאַנואר 41).

די בשורה וועגען קאליגולא'ס טויט איז בעטראַכט געוואָרען פון פאָלק, ווי א ישועה פון הימעל, און דער טאָג (22 שבט 41), ווען

*) לויט די דעמאָלדיגע געזעצען האט עס געהייסען; א בעפעהל, זיך אליין צו נעהמען דאָס לעבען.

ס'איז אנגעקומען אין ירושלים די ידיעה: „קאיוס קאליגולא איז טויט און זיינע בעפעהלען זענען אבגעשאפט", — איז פון דעמאלט אן געפייערט געווארען, ווי א נאציאנאלער יום־טוב.

קאליגולא'ס נאכפאלגער אויף דעם רוימישען טראן איז געווען זיין פעטער קלודיוס. דער נייער הערשער האט זיך אויך געפיהלט פער־פליכטעט אקעגען אגריפוס'ען, ווייל דער לעצטער האט א סך מיטגע־ווירקט דערצו, אז דער רעפובליקאנישגעשטימטער סענאט זאל מרוצה ווערן, צו אנערקענען איהם, קלודיוס'ען, פאר א קייזער. זיין ערשטער שריט, בעקומענדיג די מאכט, איז דעריבער געווען, אבצודאנקען דעם יודישען פירשט פאר דער טובה. ער האט געלויבט אגריפוס'ען אין א עפענטליכער סענאטס־זיצונג, האט איהם געשענקט דעם טיטול קאנסול און געמאכט פאר א קעניג איבער גאנץ פאלעסטינא, — איבערגעבענדיג אין זיין רשות אויסער די פריהערדיגע צוויי טעטראַרכיעס אויך יהודה מיט שומרון. אגריפוס'עס זכות איז בייגעשטאנען אויך זיין ברודער, הורדוס II, און קלודיוס האט איהם געשענקט דעם טיטול פרעטאר און דאס קליינע פירשטענטום חלקית, צווישען די לבנון־בערג.

קלודיוס האט ארויסגעוויזען בעזונדערע חסדים נישט נאר אגרי־פוס'ען. ער איז געווען גוט בעפריינדעט אויך מיט דעם יודישען נשיא (אראבארך) פון מצרים, אלעקסאנדער (פילאָנ'ס ברודער). דער לעצטער איז אויף קאליגולא'ס בעפעהל געהאט אריינגעווארפען געווארען אין א געפענגניש, צוליעב די מסירות פון דער אלעקסאנדרינישער בעפעלקע־רונג, און איצט האט איהם קלודיוס בעפרייט און וויטער בעשטימט אויף זיין פאסטען אלס אראבארך אין אלעקסאנדריע. די יודען אין מצרים האט קלודיוס צוריק גלייך געשטעלט אין אלע זייערע רעכט מיט דער איבריגער בעפעלקערונג, און דערביי האט ער בעפעהלען, אז אלע יודען פון דער רוימישער אימפעריע דארפען האבען פולע רע־ליגיאנס־פרייהייט, און קיינער פון זייערע שכנים טאר זיי נישט שטערן, אבצוהיטען זייערע דינים און מנהגים און צו לעבען לויט זייער תורה. ער האט אויך געלאזען בעשטראפען די הויפט־שולדיגע אין דער אגי־טאציע געגען יודען און און אויף אזא אופן בעווארענט די לעצטע, זיי זאלען נישט ליידען מעהר פון קיין אנפאלען און פאגראמען. אזוי האט זיך מיט קאליגולא'ס טויט אויסגעלייטערט דער הימעל איבער די יודישע קעפ און די דערשלאגענע אומה האט פריי אבגעאטעמט.

בעזונדער געהויבען איז איצט געווארען די לאגע פון יהודה.

דאָס לאַנד, וואָס האָט אין די לעצטע צעהנדליגער יאָהרען אַזוי פיעל איבערגעטראָגען פון פערשיעדענע פרעמדע מושלים און איז געװען צוטײלט און צוברעקעלט, איז איצט אויפגעריכט און ניי=בעלעבט געװאָרען. איין גרויסע, כמעט=זעלבסטשטענדיגע מלכות יהודה, איין גאַנץ און פעראייניגט פאָלק ישראל, בעהערשט פון אַ יודישען, נאַציאָנאַלען קעניג — אַזוי האָט אויסגעזעהען יהודה אין דער קורצער צייט פון אַגריפּוס'עס הערשען. דאָס פאָלק האָט מוחל געװען אַגריפּוס'ען זיין האַלב=אדומיש'ע אָבשטאַמונג צוזאַמען מיט זיינע לייכטזיניגקייטען און אויסגעלאַסענקייטען, און האָט זיך בעצויגען צו איהם מיט האַרציגער ליעבע; דאָס איז געשעהען ערשטענס דערפאַר, וואָס אַגריפּוס האָט געהאַט אַזאַ שטאַרקען חלק אין דער אויסלייזונג פון קאַליגולאַ'ס שרעקליכער גזירה; און צווייטענס, האָט אַגריפּוס אַליין זיך אויך שטאַרק געענדערט צום גוטען, אונטער דעם איינדריק פון די גרויסע געשעהענישען אין רוים. דער לייכטזיניגער און אויסגעלאַסענער פּרינץ האָט מיט אַמאָל דערשפירט די גאַנצע פעראַנטוואָרטליכקייט, וואָס די מאַכט לעגט אויף איהם אַרויף, און אין איהם האָט ערוואַכט אי דער פּאַטריאָט, אי דער געוויסענהאַפטער הערשער. אַגריפּוס האָט זיך דערנעהנטערט צום פאָלק און צו זיינע טראַדיציעס, און איז געוואָרען אַן'אמת=איבערגעגעבענער פריינד און בעשיצער פון דער אומה. דער חשמונאי אין איהם האָט בעזיעגט דעם העראָדיאַנער, און ער האָט מיט'ן גאַנצען האַרצען געשטרעבט, אויפצוהויבען אין אַלע הינזיכטען דעם וואוילשטאַנד פון יהודה און צו לאָזען דעם פאָלק זיך פריי ענטוויקלען אין זיין אייגענעם גייסט.

די דאָזיגע פלוצלינגע גליקליכע ענדערונגען האָבען שטאַרק אויפגעהויבען די שטימונג פון פאָלק. די געשעהענישען אין און אויסערן לאַנד האָבען ווידער געוויזען, אַז גאָט פערלאָזט נישט זיין אויסדערוועהלטע אומה און טוט נישט אָב זיין אויג פון איהר: מיט צוויי הונדערט יאָהר צוריק, ווען דער בית=המקדש איז פערשוועכט געוואָרען דורך אַנטיאָכוס עפּיפאַנעס, האָט ער געשיקט זיינע שלוחים, די חשמונאים, און זיי האָבען בעזיעגט די מעכטיגע סיריער; איצט האָט ער געשיקט זיין געטליכע ישועה גאָר אָהן מלחמות, און דער בית=המקדש איז געבליעבען נישט פערשוועכט, און אַלע האָפנונגען פון די יודישע שונאים זענען געוואָרען צו שאַנד, און אַ גוטער אייניקעל פון די חשמונאים טראָגט אויפ'ן קאָפּ די קרוין פון גאַנץ יהודה! דאָס לאַנד איז דעריבער

בעהערשט געווארען פון א טיעפער פרייד און די יום=טובים אין יענעם יאהר זענען געפייערט געווארען מיט א אונגעוועהנליכער הארציגקייט. דעם גאנצען זומער האט זיך געצויגען דער יום=טוב פון ברענגען די בכורים (ערשט=צייטיגע פרוכט) אין בית=המקדש; פון די קלענערע שטעדט און דערפער האבען זיך צוזאמענגענומען מחנות בעזיצער פון פרוכט=גערטנער, און טראגענדיג זייערע „בכורים" אין שען פערפוצטע קערב, — די רייכע אין קערב פון זילבער און גאלד — האבען זיי זיך אבגעשטעלט אין דער גרעסטער שטאדט פון געגענד. פון דארט האבען זיך די פעראייניגטע מחנות, אונטער געזאנג און פלייטען=שפיעל, געלאזען זיך געהן קיין ירושלים און דא האט דער נייער קעניג אויך ארויסגעוויזען זיין עניוות און זיין ליעבע צו די טראדיציעס פון דער אומה: ער האט גלייך מיט אלע אליין געטראגען אויפן אקסעל דעם קארב מיט די בכורים, און ביים איבערגעבען דאס דעם כהן אין בית=המקדש, האט ער צוזאמען מיט'ן גאנצען פאלק געזאגט די תפילה, וואס איז דערצו בעשטימט געווען. אגריפוס האט זיך בכלל בעמיהט צופריעדען צושטעלען נישט בלויז די פאטריאטישע, נאר אויך די רעליגיעזע געפיהלען פון פאלק, און דאס האט איהם שטארק בעליעבט געמאכט אפילו ביי די שטרענג=פרומע פרושים. ער האט געלאזען אויפהענגען איבערן אריינגאנג פון איינעם פון די בית=המקדש=צימערן די מאסיווע גאלדענע קייט, וואס קאליגולא האט איהם געשענקט נאכדעם, ווי ער איז בעפרייט געווארען פון דער רוימישער געפענגעניש, און ביי זיין אנקומען קיין ירושלים האט ער געבראכט בעזונדערע קרבנות אין בית=המקדש.

לויט דעם אלטען מנהג האט דער קעניג געדארפט אום סוכות פארלייענען אין בית=המקדש פאר'ן פאלק דעם ספר „דברים".*) דער דאזיגער מנהג האט זיך געהאט אויפגעהערט צו פראקטיצירען, זינט עס איז אונטערגעגאנגען די מלוכה פון די חשמונאים, און איצט האט איהם אגריפוס ווידער איינגעפיהרט. ער האט געלאזען פערזאמלען דעם פאלק אין בית=המקדש, און איז ארויפגעגאנגען אויף דער טריבונע, וואס איז בעשטימט געווען צו דעם צוועק; דא האט איהם דער כהן=גדול אונטערגעטראגען א ספר תורה, און דער קעניג האט זיך

*) דער פינפטער ספר פון דער תורה, וואו עס ווערט אין קורצען איבערגעחזר'ט דער אינהאלט פון די פריהערדיגע פיער ספרים

גענומען ליידענען פון איהר די בעשטימטע טהיילען. ווען ער איז צוגעקו־מען צו דעם פסוק: מקרב אחיך תשים עליך מלך; לא תוכל לתת עליך איש נכרי, אשר לא אחיך הוא (פון צווישען דיינע ברידער זאָל־סטו בעשטימען איבער זיך א מלך; דו קענסט נישט אוועקשטעלען איבער זיך א פרעמדען מענשען, וואָס איז נישט דיין ברודער), — האָט ער זיך פונאנדערגעוויינט, ווייסענדיג, אַז ער אַליין איז אַ האַלבער אדומי (אַ אייניקעל פון הורדוס'ען מיט דער חשמונאישער פּרינצעסין מרים) און איז נישט ראוי צו זיצען אויף דעם טראָן פון יהודה. פון דער עהרליכקייט איז דאָס פאָלק שטאַרק גערידהרט געוואָרען און האָט מיט בעגייסטערונג אויסגעשריען: „טרויער נישט, אַגריפּוס! דו ביזט אונזער ברודער, דו ביזט אונזער ברודער!"

די גייסטיגע פיהרונג פון פאָלק האָט אַגריפּוס איבערגעגעבען אין די הענד פון די נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישע פרושים, און פאַר זיין צייט האָבען זיי ווידער בעקומען דעם שטאַרקסטען איינפלוס אויף דעם גאַנג פון דער מלוכה־פיהרונג. די העכסטע געזעצגעבענדע אינסטיטוציע פון לאַנד, דאָס סנהדרין, האָט אונטער זיין ממשלה אויך צוריק בעקומען איהר אַמאָליגע וויכטיגע בעדייטונג, און איהר נשיא (פּרעזידענט) פלעגט דורך זיין ספּעציעלען סעקרעטאַר איבערגעבען אין די ווייטסטע יודישע קאָלאָניעס די החלטות פון סנהדרין בנוגע צו די פערשידענע אַנגעלע־גענהייטען פון דעם נאַציאָנאַלען און רעליגיעזען לעבען. פאַר זיך אַליין, אַלס אַ בעזונדער פּריוועלעגיע, האָט אַגריפּוס איבערגעלאָזען נאָר דאָס רעכט, צו בעשטימען אַ כהן־גדול, און פאַר די פיער יאָהר, וואָס ער האָט געהערשט, האָבען זיך געביטען דריי כהנים גדולים.

אַגריפּוס'עס צוגעבונדענקייט צו דער יודישער אומה האָט זיך אַרויסגעוויזען אויך אין עטליכע פאַקטען פון זיין פאַמיליען־לעבען. זיינענדיג נאָהנט בעפריינדעט מיט די רייכסטע פירשטען פון די אַרומיגע לענדער, האָט ער זיינע קינדער דאָך חתונה געמאַכט נאָר פאַר יודישע מענער און נישט פאַר קיין פרעמדע געצענדינער. זיין עלטסטע טאָכ־טער, בערעניקע, וועלכע איז דערנאָך אַזוי בעריהמט געוואָרען צוליעב איהר שטראַהלענדער שענקייט, איז פריהער פערקנס'ט געווען פאַר אַ זוהן פון אַלעקסאַנדער ליזימאַכוס, דעם יודישען נשיא (אַראַבאַרך) פון אַלעקסאַנדריע; דער דאָזיגער חתן איז אָבער געשטאָר־בען פאַר דער חתונה, און בערעניקע האָט חתונה געהאַט מיט אַגרי־פּוס'עס ברודער, הורדוס II, דעם קעניג פון חלקית. די צווייטע

טאָכטער, מ ר י ם (מאַריאַמנע), האָט בעקומען פאַר א מאַן אַ געוויסען יהודה'ער מיט'ן נאָמען יוליוס אַרכעלאַוס, און ווען די דריטע טאָכטער, די בעריהמטע שענהייט דרוסילא, איז פערקנס'ט געוואָרען פאַר עפּיפאַנעס'ן, דעם זוהן פון אַגריפּוס'עס נאָהנטען פריינד, קעניג אַנטיוכס פון קאָמאַגענע, האָט דער חתן געמוזט צוזאָגען, אַז ער וועט זיך מגייר זיין.

אין דער קורצער צייט פון אַגריפּוס'עס הערשען איז איהם עטליכע מאָל אויסגעקומען צו פערטיידיגען די אינטערעסען פון די ווייטערע יודישע קאָלאָניעס, און ער האָט דאָס שטענדיג געטאָן מיט מוט און איבערגעבענקייט. אַזוי איז פאָרגעקומען אַ פאַל אין דער פיניקישער שטאָדט דור, אַז גריכישע שקצים האָבען אַוועקגעשטעלט דעם קייזער'ס סטאַטוע אין איינער פון די דאָרטיגע יודישע שוהלען. די יודען האָבען זיך בעקלאָגט פאַר אַגריפּוס'ען און ער האָט זיך גלייך געווענדעט וועגען דעם צו זיין פריינד, דעם רוימישען פערטרעטער פון סיריען; דער לעצטער האָט דאַן בעפּעהלען, צו בעשטראָפען די שולדיגע, און בעוואָרענט דערביי, אַז בכלל זאָלען מעהר אַזוינע זאַכען נישט פאָרקומען און די יודען זאָלען לעבען אונגעשטערט לויט זייערע דינים און מנהגים.

אַגריפּוס האָט זיך בעצויגען מילד און וויך-האַרציג אַפילו צו זיינע געגנער. עס איז פאָרגעקומען, אַז אַ געוויסער פאַנאַטיקער פון שמאי'ס שול, מיט'ן נאָמען שמעון, האָט עפענטליך געזידעלט דעם קעניג דערפאַר, וואָס ער בעזוכט די געצענדינערישע טעאַטערן, ווען ער פאָהרט אַרויס פון ירושלים. די דאָזיגע בעשולדיגונג איז דערטראָגען געוואָרען צו אַגריפּוס'ען און ער האָט דעם שטרענגען פרוש בעזיעגט: ער האָט איהם מיטגענומען מיט זיך קיין קסריה, האָט איהם אַוועקגעזעצט נעבען זיך אין טעאַטער, און וויך געפרעגט: „נו, וואָס איז דאָ פערהאַן פערבאָטענעס?” שמעון האָט דאַן געבעטען ביים קעניג מחילה, און דער לעצטער האָט איהם נאָך געגעבען אַ סך רייכע מתנות.

ביי זיין גאַנצער פרומקייט האָט זיך אָבער אַגריפּוס דאָך נישט דערווייטערט פון דער אַרומיגער נישט יודישער וועלט, און אין דער געזעלשאַפט פון גריכען אָדער רוימער האָט ער זיך, ווי פריהער, אַרויסגעוויזען פאַר אַ איבערגעגעבענעם פריינד פון דער העלענישער קולטור. ווי זיין זיידע, הורדוס I, האָט אויך אַגריפּוס געשטיצט מיט גרויסע נדבות אַ גאַנצע רייהע גריכישע, רוימישע און סירישע שטעדט.

אין בּירוּט האָט ער געלאָזען אויפשטעלען פאַר דער בּעפעלקערונג אַ טעאַטער און געגעבען מיטלען, אויסצוהאַלטען אַ טרופּע גלאַדיאַטאָרען. די בּעפעלקערונג פון דער האַפען־שטאָדט קסריה האָט, צום צייכען פון דאַנקבּאַרקייט פאַר זיינע גרויסע נדבות, אויפגעשטעלט אין איינער פון די הויפּט־גאַסען די סטאַטוען פון זיינע דריי טעכטער; די זעלבּיגע בּעפעלקערונג האָט אויך געלאָזען אויסגיעסען מטבעות מיט אגריפּוס'עס בּילד און מיט דעם אויפשריפט: „דער גרויסער קעניג אַגריפּאַ, דער געטרייער פריינד פון קייזער און פון די רוימער". אַזעלכע מטבעות האָבּען געלאָזען אויסגיעסען אויך די שטעדט אַנטעדאָן און עזה, און אין די אַלע כּבודים און אויפשריפטען איז בּעטאָנט געוואָרען די ליעבּע פון דעם גרויסען יהודה'עאישען קעניג צו דער העלענישער וועלט בּכלל און צו רוים בּפרט.

געצווייפעלט אין אַגריפּוס'עס אמת'ער ליעבּע צו דער רוימישער מאַכט האָט מען נאָר אין איין אָרט — אין רוים גופא. אָט די ענדערונג אין דער שטימונג פון די רוימישע מאַכט־האָבּער בּנוגע צו דעם אַזוי געשעצטען יהודה'עאישען קעניג איז פאָרגעקומען אויף דעם פאָלגענדען אופן. דער וויטזיכטיגער און נאַציאָנאַל־געשטימטער אַגריפּוס האָט זיך סוף כּל סוף אַרומגעזעהען, אַז דער גורל פון יהודה ליעגט אין די הענד פון דעם בּלויזען צופאַל, און דאָס ערשטע פּאָליטישע ווינטעל, וואָס וועט אַ בּלאָז טאָן אין רוים, קען חרוב מאַכען די גאַנצע יהודה'שע זעלבּסט־שטענדיגקייט און די גאַנצע פרייהייט פון דעם יודישען פאָלק. זענענדיג גוט בּעקאַנט מיט די געהיימע זייטען פון דעם רוימישען הויף־לעבּען, האָט אַגריפּוס'ען געמוזט אַרויפשווימען אויפן זינען די פראַגע: וואָס וועט ווערן פון יהודה'ס אונאָבּהענגיגקייט נאָכדעם ווי אויף דעם רוימישען טראָן וועט זיצען נישט קלאַודיוס, נאָר אַן'אַנדערער — אַ נייער מין קאַליגולאַ? און דער האַלבּער חשמונאי, וועלכער האָט זיך וואָס וויטער אַלץ שטאַרקער צוגעבּונדען צו זיין פאָלק, האָט בּעשלאָסען, צו פערזיכערן דאָס לאַנד פאַר'ן פאַל פון אַ קאַטאַסטראָפע. אַגריפּוס האָט געלאָזען אַריינפיהרען אין ירושלים מאַסען בּוי־מאַטעריאַל און האָט זיך גענומען אויפשטעלען הויכע און שטאַרקע מויער־ווענט אַרום דעם צפון־טייל פון שטאָדט, וואו די פריהערדיגע בּעפעסטיגונגען זענען געווען צו שוואַך. אויף דער דאָזיגער אונטערנעהמונג האָט אַגריפּוס, אונטער פערשידענע תּרוצים, אויסגעפועלט אַ ערלויבּניש פון דער רוימישער מאַכט, און די הויכע שוץ־ווענט, וואָס האָבּען געזאָלט פערוואַנדלען די גאַנצע הויפּט־

שטאָדט אין אַ אונבעצווינגבאַרער פעסטונג, האָבען שוין געהאַלטען ביים געענדיגט ווערן. דאָ האָט אָבער דער גאַנצער ענין אַרויפגעצויגען אויף זיך מיט אַמאָל דעם חשד פון ביבּיוס מאַרס, דעם נייעם רוימישען פערוואַלטער פון סיריען, און אין דעם ספּעציעלען בעריכט, וואָס ער האָט צוגעשטעלט וועגען דעם אין רוים, האָט ער די זאַך געשילדערט, ווי אַ געפאַהר פאַר דער רוימישער אויבער־הערשאַפט איבער יהודה. קלוידיוס האָט דאַן גלייך בעפוילען אַגריפּוס׳ען אָבצושטעלען די בעפעסטיגונגס־אַרבייט, און דער לעצטער איז געצוואונגען געווען צו פאָלגען.

אָט דער קלאַפּ האָט אין אַגריפּוס׳ען נאָכמעהר לעבעדיג געמאַכט דעם געפיהל פון יהודה׳ס אָבהענגיגקייט, און ער האָט בעטראַכט אַ פּלאַן פון אַ ברייטער פּאָליטישער קאָמבּינאַציע, וואָס האָט געזאָלט אוועקשטעלען אַקעגען דער רוימישער מאַכט אַ גאַנצע רייהע קלענערע, אָבער פעסט פעראייניגטע קרעפטען. צו דעם צוועק האָט ער פעראַבּעטען צו זיך קיין טבריה, כלומר׳שט אויף אַ אונטערהאַלטונגס־אָבענד, זיין מחותן אַנטיוכס, דעם קעניג פון קאָמאַגענע; זיין ברודער׳ס שוועער סאַמסיגראַם, דעם קעניג פון עמעס; דעם קעניג פון קליין־אַרמעניען, קאָטיס׳ען; דעם פירשט פון ציליציע, פּאָלעמאָנ׳ען און ענדליך זיין ברודער, הורדוס II פון חלקית. דער פּערט־עטער פון דער רוימישער מאַכט, מאַרס, האָט אָבער דעם צוזאַמענפאָהר אויך געשטערט: ער איז אונערוואַרטעט געקומען קיין טבריה, און אַריינטרעטענדיג אין זאַל, וואו די געסט זענען געווען פערזאַמעלט, האָט ער זיי געהייסען זיך גלייך פונאַנדערפאָהרען.

דער קאָנפליקט צווישען אַגריפּוס׳ען און דער רוימישער מאַכט וואָלט זיך איצט אַלזאָ נאָך שטאַרקער ענטוויקעלט, ווען דער טויט וואָלט זיך דאָ נישט אַריינמישען און צושטערען אַלע פּלענער — דער געליעבטער קעניג אַגריפּוס איז פּלוצלונג געשטאָרבען אויפ׳ן פיער און פופציגסטען יאָהר פון זיין לעבען (44). וועגען דעם פּלוצלונגען טויט האָבען זיך אין פאָלק דערצעהלט פערשידענע מעשיות, און לויט איינער פון זיי, איז די זאַך אַזוי פאָרגעקומען: אַגריפּוס איז געווען אין קסריה און האָט זיך דאָרט בעטייליגט אין אַ געוויסען יום־טוב לכבוד דעם קייזער. אַריינקומענדיג אין טעאַטער, אין זיין פּרעכטיגער, מיט זילבער בעפּוצטער קליידונג, האָט דער המון, וואָס איז געווען ערצויגען אויף די בעגריפען פון קייזער־קולט, אָנגעהויבען רו־

פען: גאָט, האַר און נאָך אַזעלכעס. אַגריפּוס האָט זיך דאַן אַיועקגעזעצט אויף זיין פּלאַץ, און גלייך האָט ער דערשפּירט אַ שטאַרקען ווערטאָג אין „די געדערים״, וועגען וואָס ער האָט זיך אָבגערופען מיט אַ שמייכעל צו זיינע בעגלייטער: באַלד וועט שטאַרבען דער, וואָס איז נאָר וואָס געוועזען אַ אונשטערבליכער. אַוועקגעהענדיג פון טעאַטער האָט זיך אַגריפּוס אָבגעפּייניגט פינף טאָג אין שרעקליכע יסורים און איז געשטאָרבען — אַ פיערטעל יאָהרהונדערט פאַר דעם אונטערגאַנג פון דער יודישער מלוכה.

דער אונגעוועהנליכער און פריהצייטיגער טויט פון דעם בעליעבטען קעניג האָט אַרויסגערופען אַ טיעפען טרויער אין גאַנץ יהודה, און דער טרויער האָט זיך נאָכמעהר פערשטאַרקט צוליעב דער שענדליכער בעציהונג פון די אַרומיגע געצענדיענערישע בעפעלקערונגען צו דעם טויט פון זייער שטיצער און וואוילטעטער. די סיריער און גריכען אין קסריה — די זעלביגע, וואָס האָבען ערשט געלויבט אַגריפּוס'ען אין הימעל אַריין און איהם געמאַכט פאַר אַ גאָט! — האָבען עפענטליך אויסגעדריקט זייער שמחה איבער דעם טויט פון'ם יהודה'עאישען קעניג, און בעליידיגט זיין אָנדענקען מיט שמוץ און שענדליכע רכילות. די רוימישע סאָלדאַטען האָבען נישט בלויז נישט געשטערט דעם פערשכור'טען המון, — נאָר זיך אַליין אויך אַקטיוו בעטייליגט אין דער דאָזיגער ווילדער שמחה; זיי האָבען אַוועקגעשלעפּט די סטאַטועס פון אַגריפּוס'עס טעכטער אין אַ שאַנד־הויז און דאָרט אויסגעאיבט איבער זיי די שענדליכסטע מעשים; דערנאָך האָבען זיי געשכור'ט און געהוליעט אין די הויפּט־גאַסען פון שטאָדט, געבראַכט קרבנות צום גאָט כאַראָן, איינגעאָרדענט דעמאָנסטראַציעס און בעשמוצט דעם נאָמען פון פערשטאָרבענעם מיט אַלערליי זלזולים און זידלערייען.

ווען די ידיעות וועגען די אַלע מעשים זענען אָנגעקומען קיין רוים, האָט דער קייזער, קלאודיוס, בעפוילען צו בעשטראָפען די שולדיגע און האָט געוואָלט בעשטימען גלייך אַגריפּוס'עס זיבעצעניעהריגען זוהן, אַגריפּוס II, וועלכער האָט זיך געפונען אין רוים, אַלס קעניג פון יהודה. עס האָבען זיך אָבער געפונען יועצים, וואָס האָבען דעם קייזער אָבגערעדט פון דעם פּלאַן. זיי האָבען איהם אויפגעוויעזען, אַז אַגריפּוס דער זוהן איז נאָך צו־יונג און וועט נישט אימשטאַנד זיין, צו האַלטען אין אָרדנונג אַזאַ אונרוהיגע מלוכה, ווי יהודה. עס איז דעריבער בעשלאָסען געוואָרען, וויעדער צו ערקלערן

יהודה פאַר אַ רוימישער פּראָווינץ און זי צוריק איבערצוגעבען אין די הענד פון אַ רוימישען פּראָקוראַטאָר. אַזוי האָט זיך געענדיגט די קורצע צייט פון יהודה׳ס זונענשיין, און דאָס פאָלק האָט ווידער דערפיהלט אויף זיך די אייזערנע האַנד פון דער רוימישער מאַכט.

דער ערשטער פּראָקוראַטאָר נאָך אַגריפּוס׳עס טויט איז געווען קוספּיוס פאַדוס (44—46). איהם האָט קלודיוס איבערגעגעבען אויך די שליחות, צו בעשטראָפען די סאָלדאַטען, וועלכע האָבען בעליידיגט אַגריפּוס׳עס אָנדענקען; אָט די שליחות איז אָבער געבליבען נישט אויסגעפיהרט, ווייל די בעשולדיגטע האָבען אויסגעפּועלט פאַר זיך אַ פאָלשטענדיגע אַמניסטיע. די אונבעשטראָפטע פערברעכער צוזאַמען מיט די יודענפיינדליכע סאָלדאַטען זענען אַלזאָ פערבליבען אין לאַנד און די אָפטע צוזאַמענשטויסען צווישען זיי און דער יודישער בעפעלקערונג האָבען געצוואונגען דער לעצטער, זיך אַליין צו שיצען, מיט איהרע אייגענע כחות. עס האָבען זיך ווידער אויסגעבילדעט מחנות פון פרייווילליגע יודישע רעוואָלוציאָנערען, וואָס האָבען בעאונרוהיגט די שכני׳שע געצענדיענער, זיי געררודפ׳ט און אויסגענוצט יעדע געלעגענהייט, זיך אָן זיי נוקם צו זיין. די סירער און גריכען האָבען זיך דאַן געווענדעט צו דעם נייעם פּראָקוראַטאָר, צו פאַדוס׳ען, און ער האָט געלאָזען פאַנגען די רעוואָלוציאָנערען און האָט אַ טייל פון זיי פערמשפּ׳ט צום טויט און אַ טייל — פערטריבען פון לאַנד.

און דערמיט אַליין האָט זיך די טעטיגקייט פון דעם פּראָקוראַטאָר נאָך נישט געענדיגט. איהם האָט גערייצט יעדער אויסדריק פון זעלבסטשטענדיגקייט אינ׳ם לעבען פון פאָלק, און האָבענדיג אין זיינע הענד די גאַנצע פּאָליטישע פערוואַלטונג פון לאַנד, האָט זיך איהם נאָך דורכאויס געוואָלט אַ דעה זאָגען אויך איבער אַלע גייסטיגע אָנגעלעגענהייטען פון דעם יודישען פאָלקס-לעבען. צו דעם צוועק האָט ער געוואָלט צוריק איינפיהרען, אַז די קליידער פון כהן גדול און די איבריגע מכשירים פון דער עבודה אין בית המקדש, זאָלען אַ גאַנץ יאָהר זיין איינגעשלאָסען אין דער פעסטונג אַנטאָניום און נאָר אויף יום טוב זאָל זיי דער קאָמענדאַנט אַרויסגעבען. די דאָזיגע פאָדערונג, וואָס האָט אָנגעגריפען אי דעם נאַציאָנאַלען, אי דעם רעליגיעזען געפיהל פון פאָלק, האָט אַרויסגערופען אַ גאַנצען שטורם אין ירושלים, און די רוימישע מאַכט האָט זיך געזעהן געצוואונגען צו קאָנצענטרירען דאָ אַ גרויסע מיליטערישע קראַפט. דאָ איז אָבער דאָך צו קיין

צוזאַמענשטויס נישט געקומען; די פאָרשטעהער פון פאָלק האָבען נאָר געבעטען דעם פּראָקוראַטאָר, אָבצולעגען די אויספיהרונג פון דער גזירה ביז אַ געוויסער צייט, ווייל זיי ווילען שיקען וועגען דעם אַ דעפּוטאַציע קיין רוים, און די בקשה איז ערפילט געוואָרען. אין רוים, וויעדער, זענען די יודישע שלוחים שטאַרק געשטיצט געוואָרען פון דעם יונגען פּרינץ אַגריפּוס, און אַ דאַנק זיין השתדלות האָט קלודיוס מבטל געווען די גזירה און בעפויהלען, צו לאָזען די יודען לעבען רוהיג לויט זייערע אייגענע זיטען און געזעצען. דאָס רעכט צו בעשטימען אַ כהן גדול איז, לויט דעם בעפעהל, איבערגעגעבען געוואָרען דעם ברודער און איידים פון דעם פערשטאָרבענעם קעניג, הורדוס II פון חלקית.

אונטער דער צייט איז אין יהודה פאָרגעקומען אַ בעדייטענדע געשעהעניש. אַ געוויסער טעאודע איז אַרויסגעטרעטען אַלס נביא אָדער משיח און האָט צוזאַמענגענומען אַרום זיך עטליכע הונדערט גלויבינגע; אָט די מחנה האָט אַרומגעוואַנדערט איבערן לאַנד פון אָרט צו אָרט, און ענדליך האָט זיך דער נביא אונטערגענומען צו שפּאַלטען דעם ירדן און אַריבערצופיהרען דורך איהם זיינע אָנהענגער. די לעצטע האָבען זיך דאַן פערזאַמעלט אַרום זייער אויסלייזער מיט זייערע ווייבער און קינדער, גרייט צו דער גרויסער געטליכער ישועה, נאָך וועלכער עס דאַרף זיך אָנהויבען די נאַציאָנאַלע גאולה. דאָס האָט שטאַרק בעאונרוהיגט דעם פערטרעטער פון דער רוימישער מאַכט און ער האָט געלאָזען אַרומרינגלען די משיח־טרוימער מיט אַ מחנה רייטער־סאָלדאַטען, וועלכע האָבען פיעל פון זיי געטויט און די איבריגע געפאַנגען. צווישען די לעצטע האָט זיך געפונען אויך טעאודע אַליין, וועלכען פאַדוס האָט געלאָזען אָבהאַקען דעם קאָפּ און איהם ברענגען מיט פּאַראַד קיין ירושלים (45—46).

מיט אַ קורצער צייט שפּעטער איז פאַדוס אָבגערופען געוואָרען פון יהודה און דעם פּאָסטען האָט פערנומען טיבעריוס יוליוס אַלעקסאַנדער, דער זוהן פון דעם יודישען אַראַבאַרך אין אַלעקסאַנדריע, וועלכער איז איבערגעגאַנגען צום הייךענטום און האָט פערנומען אַ אָנגעזעהענעם פּלאַץ אין דעם רוימישען מלוכה־לעבען. דער פאַקט, וואָס אַ משומד איז אַוועקגעשטעלט געוואָרען בראש פון דעם גאַנצען יודישען פאָלק, האָט אַרויסגערופען אין יהודה אַ טיעפען פערדרוס, און די זיהן פון דעם אַמאָליגען פייערדיגען קנאי יהודה הגלילי,

יעקב און שמעון, האבען ווידער אנגעהויבען ארגאניזירען געהיי־מע רעוואלוציאנערע מחנות. טיבעריוס'ען האט זיך אבער איינגעגעבען, צו דערשטיקען די בעוועגונג באלד פון איהר אנהויב, און ער האט זיך אכזריות'דיג נוקם געווען אן די ביידע ברידער: ער האט זיי ביי־דען געלאזען קרייציגען, — וואס ס'האט זיך גערעכענט פאר דער הארטסטער שטראף, לויט די רוימישע געזעצען.

זיעבטעס קאַפּיטעל.

אגריפּוס II און די רוימישע פּראָקוראַטאָרען.

(49—65).

אַגריפּוס II, דער זוהן פון דעם לעצטען יהודה'עאישען קעניג, האָט אונטער דער גאַנצער צייט געלעבט אין רוים, וואו ער האָט פערקעהרט אין די העכסטע קרייזען פון דער דאָרטיגער געזעלשאַפט, און איינגעזויגען אין זיך די אַלע בעגריפען און אויסגעלאַסענקייטען, וואָס האָבען דאָרטין געהערשט. ווען זיין פעטער, הורדוס II, איז געשטאָרבען, איז דאָס קליינע קעניגרייך חלקית איבערגעגאַנגען צו איהם, אַגריפּוס'ען, און צוזאַמען דערמיט האָט ער גע־ירשה'נט פון דעם פערשטאָרבענעם אויך די השגחה איבערן בית המקדש און דאָס רעכט צו בעשטימען אַ כהן גדול. ער איז אָבער נאָכדעם אויך פער־בליעבען אין רוים, און מיט איהם צוזאַמען האָט זיך געפונען אויך זיין שענע שוועסטער בערעניקאַ, וועלכע איז געווען מיט איין יאָהר יונגער פון איהם און איז געבליעבען אַ יונגע אלמנה נאָך איהר מאַן, דעם דערמאָהנטען הורדוס. דער דאָזיגער פאַקט האָט אַרויס־גערופען שלעכטע נאָכרייד אין דער רוימישער געזעלשאַפט, און כדי זיך צו שטיצען דערפון האָט אַגריפּוס חתונה געמאַכט בערעניקאַ'ן מיט'ן קעניג פון ציליציע, פּאָלעמאָן, וועלכער איז מרוצה געוואָרען זיך מגייר צו זיין צוליעב איהר. די אויסגעלאַסענע און לעבענסלוס־טיגע שענהייט האָט זיך אָבער ביי דעם צווייטען מאַן אויך נישט לאַנג

דערהאלטען: זי איז אוועק פון איהם און האט זיך ווידער פריי איבערגעגעבען איהרע לייכטזיניגקייטען. ביי דעם אלעמען האט זיך בערעניקא דאך נישט אבגעזאגט פון איהר גלויבען, וועהרענד איהר אנדערע שוועסטער, דרוסילא, האט דאס יא געטאן. די לעצטע איז, אלס קינד נאך, פערקנס'ט געווארען פאר דעם קאמאגענישען פרינץ עפיפאנעס, וועלכער האט זיך פערפליכטעט, אנצונעהמען דעם יודישען גלויבען און האט זיין ווארט נישט געהאלטען. דרוסילא האט דאן חתונה געהאט מיט'ן קעניג פון עמעס, אזיז, וועלכער האט זיך גלייך מגייר געווען; פאר דער לייכטזיניגער און שענער פרינצעסין האט דאס אבער געהאט א גאנץ קליינע בעדייטונג, און ווען עס האט זיך, גלייך נאכדעם, פערליעבט אין איהר דער רוימישער פראקוראטאר פעליקס, האט זי צוליעב איהם פערלאזען דעם מאן צוזאמען מיט'ן גלויבען, און האט זיך פערבונדען מיט דעם געצענדיענערישען פייניגער פון איהר פאלק.

דאס פאלק האט דער פרינצעסין דעם חטא, נאטירליך, נישט מוחל געווען; דאגעגען אבער האט דאס איהר ברודער, אגריפוס'ען, נישט שטארק געקימערט, און זיין אייגענע אנגעהעריגקייט צו דעם יודישען גלויבען איז אויך געווען נאר א אפיציעלע, א קאלטע. אגריפוס האט זיך גערעכענט אפיציעל פאר דעם קעניג פון יהודה, האטש ער האט געהאט אין זיין רשות נישט מעהר, ווי די קליינע פראווינץ חלקית, און די גאנצע פאקטישע מאכט איבער'ן לאנד האט זיך געפונען אין די הענד פון דעם רוימישען פראקוראטאר. אגריפוס האט זאגאר געלאזען אויסגיעסען מטבעות מיט דעם אויפשריפט: „דער גרויסער קעניג, פריינד פון קייזער און פון די רוימער"; דאס איז אבער געווען נישט מעהר, ווי א עהרען-טיטול, וועלכען די רוימישע מאכט האט איהם איבערגעלאזען און וועלכער האט אין דער ווירקליכקייט קיין בעדייטונג נישט געהאט. דער איינציגער פונקט אין יהודה, איבער וועלכען אגריפוס האט געהאט א דעה צו זאגען, איז געווען דער בית המקדש. דא איז ער געווען דער פאקטישער בעל הבית און ער האט נישט ווייניג אויפגעטאן פאר דער אויסערליכער פערשענערונג פון דעם טעמפעל גופא און פון דער עבודה אינוועניג. אגריפוס האט געלאזען אויספלאסטערן די גאסען ארום בית המקדש מיט מארמאר-שטיינער; פאר דעם לוים-כאר האט ער איינגעפיהרט א שענערע קליידונג, און ווען מ'האט געוואלט רעמאנטירען דעם בית

המקדש, האָט ער געלאָזען אויסהאַקען זעהר טייערע בוימער פון די רייכע לבנון-וועלדער.

אַגריפּוס'עס קאַלטע בעציהונג צו די הייליגטימער פון פאָלק האָט אָבער אָפט געבראַכט צו סכסוכים צווישען איהם און די גייסטיגע פיהרער פון דער אומה. אַזאַ מין סכסוך איז פאָרגעקומען אַמאָל צווישען זיי איבער אַ קלייניגקייט. אַגריפּוס האָט אויפגעשטעלט אַ הויכען טורעם אין הויף פון דעם חשמונאים-פּאַלאַץ, וואָס האָט זיך געפונען נישט וויים פון בית המקדש, און פון דעם טורעם פלעגט ער ליעב האָבען אַראָבצוקוקען אויף דער שענער פּאַנאָראַמע פון שטאָדט, פון וועלכער ס'האָבען זיך בעזונדער בולט אַרויס געזעהען די אינווענינגסטע עזרות פון בית המקדש און אַלץ, וואָס ס'טוט זיך אין זיי. דאָס איז בעטראַכט געוואָרען פון די פרומע זקנים, ווי אַ פּראָפּאַנאַציע און אַ פערברעך געגען געזעץ, און זיי האָבען בעפוילען, אַוועקצושטעלען אַ הויכע וואַנט צווישען טורעם און בית המקדש. אַגריפּוס איז אין כעס געוואָרען און האָט געוואָלט צווינגען די כהנים, זיי זאָלען די וואַנט צונעהמען; די לעצטע האָבען זיך אָבער נישט געוואָלט אונטערגעבען, און די דעפּוטאַציע, וואָס זיי האָבען אַוועקגעשיקט וועגען דעם קיין רוים, מיט'ן כהן גדול ישמעאל בן פּאַבי בראש, האָט בעקומען אויף איהר זייט די הסכמה פון דער מאַכט. אַגריפּוס האָט זיך דערפאַר נוקם געווען אין דעם דערמאָהנטען כהן גדול און איהם אַראָבגעזעצט פון דעם פּאָסטען, בעשטימענדיג אויף זיין פּלאַץ אַ געוויסען יוסף קאַבי.

בנוגע צו דער כהונה גדולה האָט זיך אַגריפּוס בכלל גאַנץ ווייניג אויסגעצייכענט פון די ערשטע אדומ'ער. פאַר זיין צייט איז דער דאָזיגער הויכער פּאָסטען געוואָרען צו שאַנד און צו שפּאָט און האָט פערלוירען זיין גאַנצען אויטאָריטעט. עס איז איינגעפיהרט געוואָרען דער שענדליכער סיסטעם פון קויפען דעם הויכען טיטול און יעדער בעשטימטער כהן גדול האָט געזוכט אָנצוזאַמלען וואָס מעהר געלד אין דער צייט פון זיין „הערשען", ווייסענדיג, אַז ביי דער ערשטער געלעגענהייט קען קומען אַן אַנדערער און אויסקויפען דעם פּאָסטען פאַר אַ גרעסערע סומע. גאַנץ אָפט איז עס געקומען צו פּשוט'ע עפענטליכע גיזשלעגען צווישען פערשיעדענע „קאַנדידאַטען" און דאָס האָט געמוזט ברענגען דערצו, עס זאָל פאַלען דער גאַנצער כבוד פון בית המקדש. פון יענער צייט אָן — האָט זיך דערצעהלט

אין פאלק — האבען זיך אויפגעהערט צו ווייזען די בעשטימטע צייכענס אין קדשי קרשים ; די כהנים האבען אויפגעהערט ארויסצורעדען דעם שם (יהוה) אין זייערע ברכות און דער כהן גדול אפילו אין דער יום כפור'דיגער עבודה האט איהם אויך ארויסגערעדט אזוי שטיל, אז קיינער האט איהם נישט געהערט — נישט זיי און נישט די צייט זענען ראוי געווען דערצו .

אין די צוויי צעהנדליג יאהר פון אגריפוס'עס בעל הבתי'ווען אין בית המקדש האבען זיך כסדר געביטען די כהנים-משפחות באעטוס (ביתוס), קנתר, פאבי, קמית, חנן, און דער בעל אגדה פון תלמוד קלאגט : „ביטער איז מיר פון דער משפחה באעטוס, ביטער איז מיר פון זיינע שטעקענס ! ביטער איז מיר פון דער משפחה חנן , ביטער איז מיר פון זיין שלאנגענגיפט ! ביטער איז מיר פון דער משפחה קנתר און פון זיין פעדער ! ביטער איז מיר פונ'ם הויז פון ישמעאל בן פאבי און פון זיינע פויסטען ! זיי אליין זענען די כהנים גדולים, זייערע זיהן — די שאצ-אויפזעהער (פון בית המקדש), זייערע איידימס — די משגיחים, און זייערע קנעכט שלאגען דעם פאלק מיט שטעקענס" .

אזוי נידריג איז געפאלען די הייליגסטע אינסטיטוציע פון לאנד, אין דער צייט, ווען דאס פאלק האט זיך געראנגעלט מיט די שרעקליכסטע גסיסה-יסורים, האט זיך געבויגען אין דרייען אונטער דעם יאך פון דער פרעמדער הערשאפט און געפרובט מיט די לעצטע כחות ארויסצורייסען פון זיך די שווערע אייזערנע קייטען פון די אכזריות'דיגע פראקוראטארען .

נאך טיבעריוס אלעקסאנדערן איז קיין יהודה אנגעקומען אלס פראקוראטאר א געוויסער קומאנוס (48—52) . דאס איז געווען א רויהער רוימישער אדמיניסטראטאר, וואס האט כסדר געזוכט א געלעגענהייט צו „בערוהיגען" און האט אומעטום געזעהען נאר אויפשטאנדען און מאיעסטעטס-בעליידיגונגען . אין אזא מין געלעגענהייט האט זיך איהם גלייך געמאכט : דאס איז געווען אינ'ם יום טוב פסח ; קומאנוס האט געזעהען, ווי פון אלע זייטען ציהען זיך אונגעהויערע מענגעס מענשען קיין ירושלים, האט ער זיך דערשראקען און געלאזען אוועקשטעלען א גרויסע מחנה בעוואפענטע סאלראטען אין דער זיילען-גאלערעע פון בית המקדש . דער דאזיגער אנבליק פון געצענדינערישע סאלראטען אויף דער שוועל פון פערהייליגטען נאציאנא-

לען טעמפּעל האָט שוין אַליין אויך שטאַרק אויפגערעגט די פּערזאַמעלטע;
דאָ איז נאָך אָבער צוגעקומען אויך דער פאַקט, וואָס איין סאָלדאַט האָט
געמאַכט אַ שענדליכע בעוועגונג געגען דעם פערזאַמעלטען פאָלק, ווען
עס האָט געהאַלטען אין מיטען גאָטעס־דיענסט, און אויף דער פאָדערונג,
צוצונעהמען דעם סאָלדאַט פון בית־המקדש האָט קומאַנוס געענטפערט
מיט דראָהענדע התראות. דער צורייצטער עולם האָט זיין צאָרן ניט
געקענט שטילען און אָנגעהויבען צו וואַרפען שטיינער אין די סאָלדאַטען
און צו זידלען דעם פּראָקוראַטאָר. דאַן האָט קומאַנוס צוזאַמענגעצויגען
אויף דעם פּלאַץ פון די אונרוהען גרויסע מחנות סאָלדאַטען, וועלכע
האָבען זיך אַרויפגעוואָרפען אויף די ניט בעוואָפענטע יודען און מאַסען
פון זיי געטויט און געפייניגט. די אונגליקליכע האָבען זיך געפרובט
אַרויסרייסען פון דער סאָלדאַטען־קייט און אַנטלויפען; איז אָבער דאָס
שטופּעניש ביי די טויערן געוועזען אַזוי שטאַרק, אַז טויזענדער יודען זענען
דערנאָך געפונען געוואָרען דערשטיקטע און צוקוועטשטע.

אָט די אַלע מעשים האָבען געמוזט אַרויסרופען אין פאָלק אַ שטאַר־
קען דורשט, זיך נוקם צו זיין אָן די בעדריקער פון פאָטערלאַנד, און
דאָס האָט זיך דערווייל אויסגעדריקט אין אַ רייהע איינצעלנע טעראָריס־
טישע אַקטען. אַזוי איז פאָרגעקומען, אַז אַ גרופּע יהודה'ער האָט בעגע־
גענט אויפ'ן וועג דעם דורכפאָהרענדען קייזערליכען בעאַמטען סטעפאַנוס
און איז איהם בעפאַלען. דאָס האָט שטאַרק אויפגעקאָכט קומאַנוס'ען און
ער האָט אַרויסגעשיקט אַ שטראָף־עקספּעדיציע מיט דעם בעפעהל — חרוב
צו מאַכען אַלע דערפער און ישובים, וואָס ליגען אַרום דעם אָרט, וואו
דאָס פערברעכען איז פאָרגעקומען. די סאָלדאַטען האָבען דעם בעפעהל
דורכגעפיהרט מיט דער שרעקליכסטער אַכזריות, און געפינענדיג אין
איינעם פון די ישובים אַ ספר תורה, האָבען זיי זי צוריסען און געשענ־
דעט. אָט דעם פערברעכערישען חלול־הקודש האָבען די יודען ניט גע־
קענט מוחל זיין, און מאַסען פון זיי האָבען זיך אַוועקגעלאָזען צו קומאַ־
נוס'ען קיין קסריה, וואו זיי האָבען געפאָדערט אַ בעפריעדיגונג. קומאַ־
נוס האָט אין אָנהויב גאָרניט געוואָלט אויסהערען די טענות פון די
יודישע פּראָטעסטאַנטען; ענדליך אָבער האָט ער געפונען פאַר נויטיג
זיי נאָכצוגעבען, און די שולדיגע סאָלדאַטען זענען געטויט געוואָרען.

צווישען קומאַנוס'ען און דער יודישער בעפעלקערונג איז פאָרגע־
קומען נאָך אַ דריטער צוזאַמענשטויס, — אַ צוזאַמענשטויס, וואָס האָט
אָנגענומען אַ מעהר ערנסטען כאַראַקטער און האָט זיך געענדיגט פיעל

בלוטיגער פון די ערשטע צוויי. א גרופע יודען פון גליל איז געגאנגען קיין ירושלים אויף א געוויסען יום-טוב דורך שומרון, און די שומרונ'ער זענען בעפאלען די יודישע עולי-רגל (פילינרימען) און האבען עטליכע פון זיי געהרג'עט. א דעפוטאציע פון די גליל'עאישע יודען האט זיך דאן געווענדעט צו קומאנוס'ען מיט דער פאדערונג, צו בעשטראפען די שומרונ'ער; די לעצטע האבען שוין אבער געהאט אונטערגעקויפט קומאנוס'ען, און ער האט זיך בעצויגען צו דער גאנצער זאך גלייכגילטיג. דאס האט געצוואונגען דער יודישער בעפעלקערונג אנצונעהמען אייגענע מיטלען און זיך אליין אבצורעכנען מיט די שולדיגע.

און יענער צייט האבען די פערבליבענע אנהענגער פון די אמאליגע זעלאטען (קנאים) צוריק אנגעהויבען צו ארגאניזירען בעוואפענטע קאמפפס-גרופען מיט דעם צוועק, צו קעמפפען פאר דער בעפרייאונג פון פאטערלאנד; און אט האט איינע פון די דאזיגע גרופען, אונטער דער אנפיהרונג פון דעם העלדישען אלעזר בן דינאי, איבערגענומען דעם גאנצען ענין אין איהרע הענד. די מחנה זעלאטען האט זיך אוועקגעלאזען אין דער געגענד אקראבאטאנע, וואס איז געווען אינגאנצען בעזעצט מיט שומרונ'ער, און האט בערויבט און חרוב געמאכט אהן רחמנות א גאנצע רייהע שטעדט און דערפער. צוטומעלט פון דעם שרעקליכען קלאפ, זענען די שומרונ'ער געלאפען בעטען הילף ביי זייער בעשיצער, און ער האט זייווירקליך געהאלפען. קומאנוס האט זיי ערלויבט, זיך צו בעוואפענען, און האט זיי נאך צוגעשיקט א גרויסע מחנה סאלדאטען, וואס האט זיך אוועקגעלאזען אנטקעגען די זעלאטען און פיעל פון זיי געפאנגען און געטויט.

די דאזיגע אפענע פארטייליכקייט פון דעם רוימישען פערטרעטער האט נאכמעהר אויפגערעגט די ברייטערע שיכטען פון פאלק, און עס האט געהאלטען דערביי, אז די גאנצע בעפעלקערונג זאל אפען ארויסטרעטען געגען קומאנוס'ען מיט זיינע סאלדאטען, — וואס עס וואלט געוויס געבראכט צו א שרעקליכען חורבן. דא האבען זיך אבער אריינגעמישט אין דער זאך די אנגעזעהענע פארשטעהער פון דער יודישער אריסטאקראטיע, און שטרעבענדיג מיט אלע מיטלען, אויסצומיידען די קאטאסטראפע, האבען זיי אבגעהאלטען דעם פאלק פון בעוואפענטע ארויסטרעטונגען און געראטען, צו קעמפפען געגען דער אונגערעכטיגקייט מיט די מיטלען פון געזעץ. דאן זענען אוועקגעשיקט געווארען צוויי דעפוטאציעס צו דעם רוימישען פערוואלטער פון גאנץ סיריען אומידיוס קוואדראטוס:

איינע אַ יודישע, וואָס האָט זיך בעקלאָגט אויף די שומרונ'ער מיט זייער בעשיצער קומאַנוס, און די צווייטע אַ שומרוני'שע מיט אַ פּראָטעסט נעגען די אונגעזעצליכע אַכזריות'ען פון אלעזר'ס גרופּע. קוואַדראַטוס איז צוליעב דעם ספסוך אַליין געקומען קיין שומרון, און זיין ערשטע עובדא איז געווען זיך נוקם צו זיין פאַר דעם בעליידיגטען רוימישען כבוד און צו בעשטראָפען (קרייציגען) די זעלאָטען-רעוואָלוציאָנערען, וועלכע זענען געפאַנגען געוואָרען דורך קומאַנוס'עס סאָלדאַטען. דערנאָך האָט ער זיך גענומען צום עצם ענין און בעשטימט וועגען דעם אַ ספּעציעלען געריכט אין דער שטאָדט לידדאַ, וואו עס זענען זיך צונויפגעקומען די פאָרשטעהער פון ביידע צדדים. דאָ האָט זיך אָבער די פראַגע אַרויסגעוויזען פאַר זעהר פערפּלאָנטערט, און קוואַדראַטוס האָט נישט געפּועל'ט ביי זיך, אַרויסצוגעבען אַ קאַטעגאָרישע ענטשיידונג; ער האָט דעריבער בעפוילען, פאַרצושטעלען דעם גאַנצען ענין פאַר'ן קייזער אַליין, און ביידע פּאַרטייען האָבען אַוועקגעשיקט אויסגעוועהלטע דעפּוטאַציעס קיין רוים. אין דער יודישער דעפּוטאַציע האָבען זיך דאָס מאָל געפונען די פאָרשטעהער פון דער אַריסטאָקראַטיע מיט'ן כהן-גדול יונתן בראש, און אויף דער זייט פון די שומרוני'שע פערטרעטער איז געווען קומאַנוס, וועלכער איז אַליין אויך אַריינגעצויגען געוואָרען אין דעם משפּט אַלס בעשולדיגטער, און האָט געמוזט פאַהרען זיך פערטיידיגען פאַר זיין הערשער.

קומענדיג קיין רוים, האָבען זיך ביידע דעפּוטאַציעס פאָרגעשטעלט פאַר קלודיוס'ען. קומאַנוס און מיט איהם אויך די שומרונים האָבען געהאַט אויף זייער זייט דעם גאַנצען הויף און די הויכע מקורבים פון קייזער; די יודישע שלוחים האָבען אָבער אויך געהאַט אַ גרויסען צד: פאַר זיי האָט זיך שטאַרק איינגעשטעלט דעם קייזער'ס ליעבלינג אַגריפּוס II, וועלכער האָט זיך בכלל אויפגעהאַלטען אין רוים מעהר, ווי אין פאַלעסטינאַ. אַגריפּוס'ען איז בעזונדער נאָך געלונגען צו געווינען פאַר זיך דער קייזערין אַגריפּינאַ, און אַ דאַנק איהר ענערגישען אַנטייל אין דעם פּראָצעס, איז דעם קייזער'ס פּסק געווען צום גונסטען פון די יהודה'ער; לויט דעם אורטייל זענען די שולדיגע שומרונים געטויט געוואָרען און קומאַנוס איז פערשיקט געוואָרען אין גלות.

אין דער זעלביגער צייט און אַ דאַנק דער זעלביגער אַגריפּינ'ען איז אַגריפּוס אַליין אויך נתעלה געוואָרען: ער האָט בעקומען אין זיין מאַכט די גאַנצע צפון-מזרח געגענד פון יהודה, וואָס האָט אַמאָל אַנגע-

הערט צו פיליפ'ס טעטראַרכיע. דעם צענטר פון יהודה האָט אָבער רוים איצט אויך נישט געוואָלט אַרויסלאָזען פון איהרע אייזערנע הענד, און דער כלומר'שטער נצחון פון די יודען איבער די שומרונים האָט די אויגענטליכע פּאָליטישע לאַגע פון יהודה גאָרנישט פערבעסערט.

נאָכדעם ווי קומאַנוס איז פערמשפּט געוואָרען, איז אויף דעם פּאָסטען פון אַ פּראָקוראַטאָר איבער יהודה בעשטימט געוואָרען פעליקס (52—60), אַ בעפרייטער שקלאַף פון קייזערליכען הויף און אַ ברודער פון אַגריפּינאַ'ס אַלמעכטיגען ליעבלינג פּאַלאַס. אויף דער בעשטימונג האָבען די פריינד פון יהודה געלעגט גרויסע האָפנונגען, און אויסער אַגריפּוס'ען האָט דער כהן-גדול אַליין אויך געבעטען דעם קייזער, ער זאָל בעשטימען פעליקסען אויף דעם פּאָסטען; אָט די אַלע האָפנונגען האָבען זיך אָבער געענדיגט מיט אַ ביטערער ענטטוישונג — פעליקס איז נאָך איבערגעגאַנגען קומאַנוס'ען אין רשעות און חוצפה. די אַכזריות'דיגע און געלד-גיעריגע שקלאַפען-נאַטור האָט געזעהען פאַר זיך נאָר איין ציעל: בעפריעדיגען אַלע תאוות און אַרויספּרעסען פון דער בעפעלקערונג וואָס מעהר געלד. און דערביי זענען אַלע מיטלען כשר געווען פאַר דעם אויפגעקומענעם קנעכט — ער האָט גוט געוואוסט, אַז דער איינפלוס פון זיין ברודער אין הויף איז גענוג שטאַרק, אום צו פערדעקען אפילו די גרעסטע חטאים. די פעסטע לאַגע פון דעם נייעם פּראָקוראַטאָר איז נישט שוואַכער געוואָרען אַפילו אויך נאָכדעם, ווי קלאַודיוס איז געשטאָרבען (54) און אויפ'ן טראָן איז אַרויף דער יונגער נעראָ. דער לעצטער איז צו אַגריפּוס'ען געווען נישט שלעכט געניגט, און האָט איהם צוגעגעבען פיער בערייטענדע שטעדט מיט זייערע סביבות, דערונטער אויך טבריה און טאַריכעאַ; צו די זעלבסטשטענדיגע נייגונגען פון די יהודה'ער בכלל האָט ער זיך אָבער בעצויגען נישט פריינדליך, אַזוי אַז פעליקס האָט געקאָנט טאָן אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געוואָלט, מיט דעם אויסרייד פון „בערוהיגען".

אַ קורצע צייט נאָך זיין אָנקומען אין יהודה האָט זיך פעליקס פערבונדען מיט דער בעריהמטער יודישער פּרינצעסין דרוסילאַ, די טאָכטער פון דעם פערשטאָרבענעם אַגריפּוס I, וועלכע האָט צוליעב איהם פערלאָזען איהר מאַן און איהר פאָלק. דאָס האָט אָבער קיין ווירקונג נישט געהאַט אויף זיין טעטיגקייט אַלס פּראָקוראַטאָר און אויף זיין בעציהונג צו דער יודישער בעפעלקערונג. שטרעבענדיג, אויסצורייניגען דאָס לאַנד פון די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטען, האָט ער זיך קודם כל גענו-

מען צו די זעלאָטען; די דאָזיגע פאַנאַטישע פריהייטס-קעמפפער האָבען זיך אָבער נישט אַזוי לייכט אונטערגעגעבען, און גאַנץ אָפט איז ער געוועזען געצוואונגען, זיך צו בענוצען דערביי מיט פשוט'ער רמאות. אַזוי האָט פעליקס פערנאַרט צו זיך דעם בעריהמטען אָנפיהרער פון די זעלאָטען אלעזר בן דינאַי, צוזאָגענדיג איהם פאָלשטענדיגע אומבעריהרליכקייט, און דערנאָך איהם געשמידט אין קייטען און אַוועקגעשיקט קיין רוים. מיט די איבריגע געפאַנגענע זעלאָטען איז ער זיך אויך בעגאַנגען נישט בעסער פון זיינע פאָרגענגער: מאַסען פון זיי האָט ער געלאָזען קרייציגען (צושלאָגען צו אַ בוים) און די בלויזע פערדעכטיגע אין פאָליטישער נישט כשר'קייט זענען אויך אַכזריות'דיג בעשטראָפט געוואָרען.

אין דער דאָזיגער אַטמאָספערע פון בלוט- און טויט-שטראָפען האָט זיך געמוזט ענטוויקלען אַ גינסטיגער באָדען פאַר אַלערליי טעראָריסטישע שטימונגען און ליידענשאַפטען, און באַלד איז ווירקליך אויסגעוואַקסען אַ געפעהרליכע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אָנגעוואָרפען אַ שרעק אויפ'ן גאַנצען לאַנד און געשטערט דעם נאָרמאַלען גאַנג פונ'ם פאָלקסלעבען. די דאָזיגע געהיימע אָרגאַניזאַציע האָט זיך אויסגעבילדעט פון די איינצעלנע עקסט-פאַנאַטישע זעלאָטען, וועלכע האָבען אין זייער ביטערער פערצווייפלונג אינגאַנצען פערלוירען יעדען שפור פון אויסגערעכענטקייט און פון אַכטונג צום מענשליכען לעבען. מ'האָט זיי גערופען סיקאַריער (סיקריקון) צוליעב דעם קורצען מעסער (סיקאַ), מיט וועלכען זיי זענען געוועזען בעוואָפענט; אָט דעם מעסער פלעגען זיי טראָגען בעהאַלטען אונטער די קליידער, און אויסמישענדיג זיך מיט'ן גרויסען עולם (אַממערהרסטענטהייל יום-טוב-צייט) פלעגען זיי אונבעמערקט דערשטעכען די פערזאָן, אויף וועלכער זיי האָבען געטראָגען אַ געוויסען כעס. די סיקאַריער פלעגען דורכפיהרען זייערע רציחות אַזוי שנעל און געשיקט, אַז אַ לאַנגע צייט האָט מען קיינעם פון זיי נישט געכאַפּט, און דאָס האָט נאָכמעהר פערשטאַרקט די מורא פאַר זיי. די קרבנות פון די סיקאַריער זענען דאָס רוב געוועזען יודען, און זייערע רציחות זענען געוואָרען אַזוי אָפט און אַלטעגליך, אַז די געזעצלעהרער האָבען געפונען פאַר נויטיג אָבצושאַפען אינגאַנצען דעם קרבן, וואָס פלעגט געבראַכט ווערן פאַר אונשולדיג פערגאָסענעם בלוט, ווייל עס וואָלט אויסקומען צו ברענגען אַזעלכע קרבנות — אָהן אַן אויפהער.

מיט די פערטרעטער פון דער רוימישער מאַכט זענען די סיקאַר-

יער דערווייל געשטאנען אין נאהנטע בעציהונגען, און ווען פעליקס האט געוואלט פטור ווערן פון דעם אלטען כהן־גדול, יונתן (דער זעלבינער, וואס האט איהם „אויסגעפועלט" פאר יהודה פונ׳ם רוימישען קייזער), וועלכער האט איהם עפענטליך געמוסר׳ט פאר זיינע אונגעזעצליכע מעשים, — האט ער אונטערגעשיקט איינעם פון די סיקאריער, און יענער האט דורכגעשטאכען דעם כהן־גדול׳ם ברוסט מיט זיין בלוטיגען מעסער.

פונקט דער היפך פון די סיקאריער, אבער דאך "בעאונרוהיגענד" און „געפעהרליך" איז געווען אנ׳אנדער גרופע, וואס האט זיך אויך אנגעהויבען שטארק צו פערשפרייטען איבערן לאנד — די גרופע פון די בעגייסטערטע משיח־טרוימער. דער האפנינגסלאזער צושטאנד האט אלץ מעהר און מעהר אויפגערייצט די צוהיצטע פאנטאזיע פון פאלק, און וואס ווייטער איז אלץ שטארקער און אונגעדולדיגער געווארען זיין בענקשאפט נאך דעם ערווארטעטען אויסלייזער און בעפרייער. אט די אנגעגליהטע שטימונג האט גענוצט ארויסרופען לעבעדיגע פערקערפערונגען פון דער האפנונג און איהרע אנזאגער; און עס האבען זיך דעריבער פון צייט צו צייט בעוויזען עקזאלטירטע „נביאים" און „משיחים", וואס האבען פערזיכערט, אז אט־אט קומט אן די ישועה און דאס לאנד ווערט אויסגעלייזט פון שונא׳ם הענד. צו דעם סארט משיחים האט אנגעהערט דער אויבענדערמאהנטער טעאודע, וועלכער האט זיך צוזאמענגעשטויסען מיט׳ן ערשטען פראקוראטאר וואדוס, און איצט האט זיך זייער צאהל נאך פערגרעסערט. איינער פון זיי, א געוויסער „משיח", וואס איז געקומען פון מצרים, האט צוזאמענגענומען ארום זיך אין א מדבר טויזענדער יודען, און האט זיי איינגערעדט צו געהן מיט איהם קיין ירושלים, איינגעהמען דעם רוימישען גארניזאן. די בעגייסטערטע גלויביגע האבען זיך ווירקליך געלאזען געהן קיין ירושלים, ווייל דער משיח האט זיי פערזיכערט, אז ווי נאר זיי וועלן צוקומען צו דער בעפעסטיגטער שטאדט, וועט גאט א נס טאן און די מויערן וועלן איינפאלען. זיי איז אבער נישט בעשערט געווען, זיך צו איבערצייגען אין דעם אמת פון דער נבואה: פעליקס האט זיך דערוואוסט פון דער איינגענארטיגער אונטערנעהמונג און זיינע סאלדאטען האבען פון דער גאנצער מחנה „געטליכע קעמפפער" קיינעם נישט איבערגעלאזען.

אזוי האט פעליקס נישט אויסגעמיטען קיין איין געלעגענהייט צו

ערניעדריגען דעם פאָלק און צו פערגיסען זײַן בלוט, און דאָס האָט זיך, נאַטירליך, אָבגערופען אויך אויף דער בענעהמונג פון די אַרומיגע פרעמדע בעפעלקערונגען בנוגע צו זייערע יודישע מיטבירגער. די סיריער, גריכען און רוימער, וועלכע האָבען געוואוינט מאַסענווייז אין די יודישע שטעדט, האָבען אָנגעהויבען אָפען אַרויסצוטרעטען געגען יודען, און אין קסריה, דעם פּראָקוראַטאָר'ס רעזידענץ, איז עס אפילו געקומען צו אַ שטאַרקען קאָנפליקט צווישען די דאָרטיגע סיריער און יודען. די יודען, וועלכע האָבען זיך דאָ אויסגעצייכענט מיט זייער עשירות, מיט זייער רייכען מסחר האָבען געפאָדערט פאַר זיך פולע גלייכבערעכטיגונג מיט אַלע איבריגע בירגער פון לאַנד, ווייל די שטאָדט איז אויפגעבויט געוואָרען דורך זייער קעניג הורדוס I; די סיריער האָבען דאָס אָבער נישט געוואָלט אָנערקענען, ערקלערנדיג, אַז אַמאָל זענען דאָ גאָר קיין יודען נישט געווען. דער סכסוך האָט זיך געצויגען אַ לאַנגע צייט, און איז ענדליך איבערגעגאַנגען אין אַ אָפענעם גאַסען-געשלעג, פון וועלכען די יודישע יוגענד איז אַרויס אַלס זיעגערין. דאַן האָט פעליקס זיך אַריינגעמישט אין דעם גאַנצען ענין, און געפאָדערט פון דעם פערזאַמעלטען יודישען עולם, ער זאָל זיך גלייך פונאַנדערגעהן, און ווען די יודען האָבען אַזוי גיך נישט געהערט זיין בעפעהל, האָט ער אַרויסגעלאָזען איבערן שטאָדט אַ בעוואָפענטע מחנה כאַלדאַטען, וואָס האָט מאַסען יודען אויסגעהרג'עט, מאַסען — געפאַנגען און מאַסען יודישע הייזער און געשעפטען בערויבט און חרוב געמאַכט; דער עצם סכסוך איז אָבער דערמיט נאָך אַלץ נישט אויסגעגלייכט געוואָרען, און די פראַגע איז איבערגעגאַנגען צום קייזער אַליין. צו דעם צוועק האָבען ביידע בעפעלקערונגען אַוועקגעשיקט שלוחים קיין רוים, וואו די סיריער האָבען באַלד בעקומען אויף זייער זייט דעם גאַנצען הויף מיט דעם אַלמעכטיגען פאַלאַס (דער ברודער פון דעם בעשולדיגטען פעליקס) בראש. די סיריער איז, אויסער דעם, נאָך געלונגען אונטערצוקויפען דעם קייזער'ס סעקרעטאַר בורוס, און אַ דאַנק דעם אַלעמען האָט זיך דער סכסוך געענדיגט מיט זייער נצחון: נעראָ (נירון קיסר) האָט אַרויסגעטראָגען זיין בעשלוס, אַז די „העלענען" דאַרפען זיך רעכנען פאַר די בעלי בתים פון קסריה און די יודישע בירגער זענען דאָרטין נישט מעהר, ווי שכנים. די דאָזיגע אָפענע אונגערעכטיגקייט, וואָס האָט די פאַקטישע איינגעבוירענע בעלי בתים פון שטאָדט אַוועקגעש-

טעלט אין אַ ערגערער לאַגע פון די אָנגעקומענע פרעמדע, האָט נאָכמעהר אויפגערייצט דעם פאָלק געגען דער רוימישער געוואַלט=הערשאַפט און האָט געדינט דערנאָך אַלס פונק פאַר דעם רעוואָלוציאָנערען פייער, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד.

אונטער דער צייט איז פעליקס אָבגערופען געוואָרען פון יהודה און זיין פּלאַץ האָט פערנומען פּאָרציוס פעסטוס (60—62). אָט די פערזאָנען=ענדערונג האָט אָבער גאַנץ ווייניג געווירקט אויף דער לאַגע פון יהודה, חאָטש דער נייער מושל האָט נישט בעהאַנדעלט זיינע אונטערטאַנען מיט דער חוצפה'דיגער אכזריות, מיט וועלכער עס האָבען זיי בעהאַנדעלט די פריהערדיגע פּראָקוראַטאָרען. פעסטוס האָט אויך אָנגעווענדט אַלערליי רעפּרעסיווע מיטלען, כדי צו דערשטיקען די רעוואָלוציאָנערע טעטיגקייט פון די פערשיעדענע מחנות און אָרגאַניזאַציעס — איהם האָט זיך דאָס אָבער נישט איינגעגעבען. די שאָטענס פון דעם קומענדיגען אויפשטאַנד האָבען זיך שוין געטראָגען אין דער לופטען, און קיין קראַפט איז נישט אימשטאַנד געווען, אָבצושטעלען דעם ברויזענדען שטראָם פון די צורייצטע אינסטינקטען און צופלאַמטע פאַנטאַזיעס. די עקסטרע=לינקע זעלאָטען האָבען זיך וואָס ווייטער אַלץ מעהר דערנעהנטערט צו די טעראָריסטען=סיקאַריער, און אָט די ביידע אַקטיווע עלעמענטען האָבען געגענזייטיג געווירקט איינער אויפ'ן צווייטען: אונטער דעם איינפלוס פון די פּאַטריאָטישע זעלאָטען זענען די אַרויסטרעטונגען פון די סיקאַריער אויך פּאַטריאָטיש און ציעלמעסיג געוואָרען, און דאַגעגען זענען די רעוואָלוציאָנערע זעלאָטען געוואָרען ווילד=בלוטיג און טעראָריסטיש. זיי האָבען געטויט, גערויבט, געפּייניגט און אָהן אַ שום רחמנות גערודפ'ט די „פּרעדליכע" און רוהיגע „בירגער" פון די רייכערע קלאַסען, וואָס האָבען זיך געהאַלטען פון דער ווייטענס און נישט געשטיצט די רעוואָלוציאָנערע אונטערנעהמונגען. דאָס גאַנצע פאָלק: אַלט און יונג, אָרים און רייך, קליין און גרויס — אַלע מוזען קעמפּפען געגען דעם מעכטיגען שונא, אַלע מוזען העלפען פערטיידיגען די פרייהייט פון פאָטערלאַנד! — דאָס איז איצט געוואָרען דער אַלגעמיינער דעוויז פון די רעוואָלוציאָנערען, און זיי פלעגען אָנפאַלען אויף גאַנצע דערפער און זיי חרוב מאַכען דערפאַר, וואָס די איינוואוינער האָבען זיך נישט געוואָלט צושליעסען צו די בעוואָפענטע גרופּעס.

פון דער צווייטער זייט ווידער האָבען נאָך אַלץ געאַרבייט אַלערליי

נביאים און משיחים. זיי האָבען כּסדר געוועקט די שענע האָפנונגען פון דער אומה, און אַלע מאָל איז אַנאַנדערער פון זיי אַרויסגעטרעטען אַלס בעפרייער און אויסלייזער. און דאָס פאָלק האָט געהאָפט און געגלויבט — עס האָט נישט געוואָלט צולאָזען צו זיך דעם שרעקליכען געדאַנק וועגען יהודה'ס אונטערגאַנג, עס האָט נישט געוואָלט זעהען דעם שאָטען פון דעם שרעקליכען חורבן, וואָס איז שוין געשטאַנען הינטער זיינע פּלייצעס. נאָר איינצעלנע, געצעהלטע פאָלקס־קינדער האָבען זיך געפונען, וועלכע האָבען זיך נישט געלאָזען פערשכור'ן פון די אַלע האָפנונגען און חלומות. אָט די אונגליקליכע ניכטערע זיהן פון דער אומה האָבען געפיהלט און געזעהן די שרעקליכע פינסטערע וואָלקענס, וואָס רוקען זיך אָן אויף יהודה'ס הימעל, און זיי זענען נישט אימשטאַנד געווען, צו דערשטיקען אין זיך דעם טרויער. וועגען איינעם פון די דאָזיגע אָנזאָגער פונ'ם פאָלקס־אונגליק, מיט'ן נאָמען יהושע בן חנן, ווערט דערצעהלט, אַז ער איז אַרומגעגאַנגען אין יענער צייט איבער די גאַסען פון ירושלים, און געשריען: „אַ קול פון אויפגאַנג, אַ קול פון אונטערגאַנג, אַ קול פון די פיער ווינטען, אַ קול וועגען ירושלים און בית־המקדש, אַ קול וועגען דעם חתן מיט דער כּלה, אַ קול וועגען דעם גאַנצען יודישען פאָלק!" דער המון האָט געקוקט אויף דעם טרויעריגען נביא, ווי אויף אַ משוגע'נעם, און האָט איהם געשלאָגען און געטריבען; דאָס צעוועהטאָגטע האַרץ האָט זיך אָבער פאַר דעם נישט אָבגעשטעלט. טאָג און נאַכט האָט דער טרויעריגער שאָטען געוואַנדערט איבער די גאַסען פון דער יודישער הויפּט־שטאָדט, און נישט אויפגעהערט צו שרייען וועגען דעם נאָהנטען אונגליק, אויסרופענדיג יעדעס מאָל: „וועה, וועה צו דיר, ירושלים!"

פאַר יענער צייט איז פאָרגעקומען אין יהודה אַ קליינע בעוועגונג, וואָס האָט געהאַט וויכטיגע פאָלגען פאַר דער ווייטערדיגער פערצווייגונג פון יודענטום. ביי דער אָרדנונג פון קויפען די כּהונה גדולה, וואָס איז איינגעפיהרט געוואָרען אין דער צייט פון אַגריפּוס'עס בעל־הבתי'ווען איבער'ן בית־המקדש, איז גאַנץ אָפט פאָרגעקומען, אַז דער העכסטער פּאָסטען פון דעם יודישען רעליגיעזען לעבען, דער פּאָסטען פון אַ כּהן־גדול, איז פערטרעטען געוואָרען פון אַ פּערזאָן, וואָס איז אַליין גאָר ווייט געווען פון אַלע יודישע רעליגיעזע מסורות (טראַדיציעס) און מנהגים. אַזאַ כּהן־גדול איז געווען איינער

מיט'ן נאָמען ע נ ן, וועלכער האָט אָנגעהערט, לויט זײַנע איבערצײַגונגען, צו די אַמאָליגע צדוקים, און האָט געשטרעבט צו בעגײַען די דאָזיגע האַלב־אָבגעשטאָרבענע סעקטע. אַלס פּאַרטײַ זענען די צדוקים אונטערגעגאַנגען כמעט אין אײַן צײַט מיט דער חשמונאי'שער דינאַסטיע, און ווײַל זײ האָבען אין פאָלק געהאַט גאַנץ וועניג אָנהענגער, האָבען זײ זיך אַלײן אויך אונטערגעגעבען און געהיט אָפּיציעל אַלע מנהגים און דינים לויט די געזעץ־אויסטײַטשונגען פון די פּרושים. דער איצטיגער כהן־גדול האָט אָבער אַרויסגעוויזען אין דער הינזיכט אַ בעזונדער מוט, און מיט זײַנע שאַרפע אַרויסטרעטונגען געגען די פּרושים האָט ער געבראַכט דערצו, עס זאָל זיך ווידער פונאַנדערקאָכען דער אַלטער קאַמפּף וועגען די געזעץ־אויסטײַטשונגען פון דער תורה. דאָס מאָל איז דער קאַמפּף געווען אַנ'אַקאַדעמישער: ענן מיט אַ געוויסער צאָהל צדוקים האָבען געזוכט צו דערווײַזען, אַז די געזעצען פון דער תורה מוזען בוכשטעבליך פערשטאַנען און געהיט ווערן, און אַנטקעגען זײ זענען אַרויסגעטרעטען די פּרושים מיט ר' יוחנן בן זכאי בראש, וועלכע האָבען אויפגעוויזען, אַז די געזעצען מוזען זײַן צוגעפּאַסט צום לעבען און דאַרפען אָבגעהיט ווערן נאָר אין דעם זין, ווי די מסורה האָט זײ איבערגעגעבען. עס איז אָבער פאָרגעקומען אַ פאַל, אַז ענן האָט געלאָזען צוזאַמענרופען דעם סנהדרין און האָט פערמשפּט אַזעלכען, וואָס לויט דער יורידישער אויסטײַטשונג פון די פּרושים, איז ער אינגאַנצען אונשולדיג געווען. דאָ האָבען די פּרושים שוין געמוזט שטאַרקער אַרויסטרעטען געגען איהם, און זײ האָבען געפאָדערט פון אַגריפּוס'ען, ער זאָל אַראָבזעצען ענן'ען פון זײַן פּאָסטען אַלס כהן־גדול; מיט דער זעלביגער בעשולדיגונג געגען דעם חוצפּה'דיגען כהן־גדול האָבען זײ זיך געווענדעט אויך צו דעם פּראָקוראַטאָר, וואָס איז נאָר וואָס געהאַט אָנגעקומען אין לאַנד, אַ ל ב י נ ו ס, און סוף כל סוף האָבען זײ זײערס אויסגעפיהרט: ענן איז אַראָבגעזעצט געוואָרען פון דעם הויכען שטוהל, וועלכען ער האָט פערנומען סך הכל דרײַ חדשים. ענן'ס נאָכפאָלגער איז געווען אַ געוויסער ישוע בן דמנאי (פון 61 ביז 63), וועלכער האָט באַלד ווידער געמוזט פרײַ מאַכען דעם פּלאַץ פאַר יהושע בן גמלא. די דאָזיגע כהנים גדולים האָבען יום כפור, אײדער זײ זענען צוגעטרעטען צו דער עבודה, געמוזט שווערן, אַז זײ וועלן נישט אָבטרעטען פון דין און וועלן אַלץ טאָן אַזוי ווי די פּרושים לערנען, נישט ווי די צדוקים.

בן גמלא איז געקומען צו דעם הויכען פּאָסטען אַ דאַנק דער גרויסער סומע געלד, וואָס זיין ווייב, מאַרטאַ, האָט געגעבען אַגריפּוס׳ען; ער איז אָבער געווען נאָך נישט פון די ערגסטע כהנים גדולים פאַר יענער צייט. יהושע בן גמלא האָט זיך שטאַרק בעשעפטיגט מיט דער יודישער קינדער־ערציהונג, און אַ דאַנק זיין איינפיהרונג איז אין יעדער שטאָדט געגרינדעט געוואָרען אַ שול פאַר יונגלעך פון פינף יאָהר אָן. בן גמלא איז אויך נישט לאַנג געזעסען אויף זיין כהן־גדול־שטוהל: ער האָט איבער געגעבען זיין פּלאַץ אַ געוויסען מתיתיהו — דער לעצטער פון די זיבען און צוואַנציג כהנים גדולים, וועלכע זענען בעשטימט געוואָרען פאַר דער גאַנצער צייט, זינט די אדומ׳ער האָבען פערנומען דעם טראָן פון יהודה.

אַלבינוס האָט געוועלטיגט איבער יהודה אַ קורצע צייט (פון 62 ביז 64), און בנוגע צו דער אונטערגעוואָרפענער בעפעלקערונג, האָט ער געוואוסט נאָר דאָס איינציגע: וואָס מעהר געלד פון איהר אַרויספּרעסען. ער האָט צורויבט אַלע געזעלשאַפטליכע געלדער, האָט אַוועקגענומען גאַנצע קאַפּיטאַלען ביי פּריוואַטע פּערזאָנען און געשטיקט דאָס פאָלק מיט אונגעוועהנליכע שטייערן. פאַר געלד פלעגט ער בעפּרייען פון געפענגעניש אפילו די געפעהרליכסטע פערברעכער, און אַזוי ווי ער איז זיך זעהר שטרענג בעגאַנגען מיט די סיקאַריער, זענען זיי געפאַלען אויף אַ פּשוט׳ען מיטעל, ווי אַזוי זיך צו בעפרייען פון זיינע הענד. די געבליבענע חברים־סיקאַריער אויף דער פרייהייט פלעגען פאַנגען וועלכען ס׳איז מיטגליעד פון אַ רייך־אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע און דערנאָך מודיע זיין די עלטערן, אַז דער געפאַנגענער וועט צוריק־געקעהרט ווערן, אויב אַלבינוס וועט אַרויסלאָזען פון געפענגעניש אַזוי פיעל און אַזוי פיעל סיקאַריער. די רייכע אַריסטאָקראַטען זענען אויף אַזאַ אופן געצוואונגען געווען צו בעצאָהלען אַלבינוס׳ען די געפאָדערטע סומע געלד פאַר דער בעשטימטער צאָהל סיקאַריער, און דער געפאַנגענער פלעגט זיך צוריק אומקעהרען אין דער היים.

אַלבינוס׳עס נאָכפאָלגער איז געווען געסיוס פלאָרוס (64 — 66). דאָס איז געווען דער לעצטער פּראָקוראַטאָר פון יהודה און אויך דער ערגסטער. אַ אויפגעקומענער גרעק און אַ פערביסענער יודענפיינד, איז פלאָרוס געקומען גלייך קיין יהודה, ווי אַ תלין, וואָס קומט בעשטראָפען די בעשולדיגטע. פאַר איהם איז קיין זאַך נישט הייליג געווען, און דאָס אַלץ, וואָס די פריהערדיגע מושלים האָבען געזוכט צו פערדעקען אונטער אַ מאַסקע פון געזעץ, האָט ער געטאָן אָפען אָהן שום

בושה און אבשײ פאר דער וועלט. פון דער נאטור א געבוירענער מערדער, איז פלארוס געשטאנען אין די בעסטע בעציהונגען מיט אלערלײ גנבים און רוצחים פון לאנד, און האט זײ ערלויבט פראנק און פרײ צו גנב'ענען און צו גזל'נען, אבי נאר זײ זאלען איהם ברענגען זײן חלק פון דעם בערויבטען פערמעגען. בײ אזא צושטאנד זענען, נאטירליך, גאנצע שטעדט אויסגערויבט געווארען, און קײנער איז פשוט נישט זיכער געוועזען מיט זײן לעבען און פערמעגען. טויזענדער יהודה'ער האבען דעריבער אינגאנצען פערלאזען דאס לאנד און זיך אוועקגעלאזען אין די ארומיגע געגענדען, וואו ס'איז וועניגסטענס מעגליך געוועזען צו לעבען במנוחה, און די איבערגעבליבענע אײנוואוינער האבען זיך פון טאג צו טאג אלץ מעהר צוגעשלאסען צו די רײהען פון די רעוואלוציאנערען; פלארוס האט זיך אבער מיט דעם אלעמען גארנישט גערעכענט. איהם האט אפילו נישט איבערגעשראקען אויך דאס, וואס די יודען האבען זיך געקלאגט אויף איהם פאר דעם רוימישען פערוואלטער פון גאנץ סיריען, צעסטיוס גאלוס. דער לעצטער איז ספעציעל צוליעב דעם געקומען קײן ירושלים, און די בעפעלקערונג איז אזוי פערביטערט און פערצווײפעלט געווען, אז זי האט זיך נישט אבגעשטעלט אפילו פאר פלארוס'ען אלײן, און אין זײן אײגענער געגענווארט האבען די יודען געבעטען דעם סירישען פערוואלטער, ער זאל רחמנות האבען אויף זײ און זײ בעפרײען פון דעם שרעקליכען תלין. בײ פלארוס'ען האבען אט די אלע השתדלות'ען און בקשות ארויסגערופען נאר א גיפטיגען שמייכעל אויף די ליפען — ער האט גוט געוואוסט, אז גאלוס איז צו שוואך צו קעמפען געגען איהם און נערא אלײן איז צופיעל פערנומען מיט זײנע ארגיעס און רציחות, אום זיך צו קימערן וועגען דער קלײנער יהודה מיט איהרע עסקים. די שארפע ארויסטרעטונגען געגען איהם האט ער אבער דער יודישער בעפעלקערונג נישט געקענט מוחל זײן, און כדי צו מעגען פרײ אויסאיבען איבער זײ זײן אכזריות'דיגע נקמה אין ברײטסטען מאסשטאב האט ער געזוכט ארויסצורופען בײ די יודען חאטש די מינדעסטע בעוועגונג, וואס זאל קענען אויסגעטײטשט ווערן, ווי א אויפשטאנד.

און עס האט זיך ווירקליך אזוי געמאכט. בײ דער פערביטערטער אויפגערײצטקײט פון דער יודישער בעפעלקערונג געגען די אכזריות'דיגע פרעמדע פײניגער, איז גענוג געווען דער מינדעסטער פונק, אום ארויסצורופען א בלוטיגע קאטאסטראפע, און אזא פונק האט זיך באלד בע-

וויזען, אין דער געשטאַלט פון אַ שענדליכער נאַציאָנאַלער באַליידיגונג. דאָס איז פאָרגעקומען אין קסרי ה; נאָך דעם אויבענדערמאָהנטען קייזער־ליכען בעפעהל, לויט וועלכען די יודען פון דער שטאָדט זענען בעגרענעצט געוואָרען אין זייערע רעכט, האָבען זיך די סירישער אַנגעהויבען בעציהען צו זיי מיט נאָכמעהר עזות און חוצפּה. די יודען האָבען אָנגעהויבען אויסצושטעהן פון זייערע נייע „בעלי־בתים“ אַלערליי דריקונגען און באַליידיגונגען, און האָבען פון דעסטוועגען געשוויגען. די געצענדינערישע יודענפיינד האָבען זיך אָבער ענדליך ערלויבט אָנצוגרייפען אויך דעם רעליגיעזען געפיהל פון זייערע יודישע שכנים, און דאָס האָבען שוין די לעצטע נישט געקענט שענקען.

דער לעצטער צוזאַמענשטויס איז פאָרגעקומען אויף דעם פאָלגענדען אופן: די יודישע שוהל אין קסריה איז געשטאַנען אויף אַ פּלאַץ, וואָס האָט אָנגעהערט צו אַ גריכישען איינוואוינער. אויף דעם פאָרשלאַג פון דער יודישער בעפעלקערונג, אָבצוקויפען ביי איהם דעם פּלאַץ פאַר אַ טייערן מקח, האָט דער יודענפיינדליכער בעל־הבית געענטפערט מיט פערשיעדענע זלזולים, און כדי די יודען נאָכמעהר צו דריקען, האָט ער גענומען אויפשטעלען אויף דעם זעלביגען פּלאַץ אַ גאַנצע רייהע קראָמען, אַזוי אַז צו דער שוהל איז געבליעבען פריי נישט מעהר ווי אַ גאַנץ שמאָלער צוגאַנג. די יודישע יוגענד האָט זיך דאַן נישט איינגעהאַלטען און געפּרובט מיט געוואַלט שטערן די אַרבייט, און נאָכדעם ווי פלאָרוס איז אונטערגעקויפט געוואָרען מיט אַ געוויסער סומע געלד, האָט ער זיך געהאַלטען אינגאַנצען אָן אַ זייט און נישט געשטערט די יודען אין זייער זעלבסט־געריכט. דאָס האָט דער נישט יודישער בעפעלקערונג נאָכמעהר אויפגערייצט, און זי האָט געמאַכט אַ גיפטיגען אָנפאַל אויף דעם יודישען נאַציאָנאַלען כבוד: אין דעם נעהנטסטען שבת, ווען די יודען זענען פערזאַמעלט געווען אין שוהל און האָבען געדאַוונט האָט אַ געוויסער אונטערגעשיקטער גרעק זיך אַוועקגעשטעלט האַרט נעבען שוועל פון שוהל און האָט דאָרט מקריב געווען עטליכע פויגעל. דאָס איז געווען אַ איראָנישער וואונק אויף דער לעגענדע, וואָס די העלענישע יודענפיינד האָבען פערשפּרייט, אַז די יודישע אומה שטאַמט אָב פון די מצורעים (קרעציגע), וועלכע מ'האָט געהאַט אַמאָל אַרויסגעטריעבען פון מצרים, — ווייל לויט דעם יודישען דין האָט אַ מצורע געדאַרפט מקריב זיין פויגעל־קרבנות. טיעף אויפגעקאָכט פון דער דאָזיגער שענדליכער באַליידיגונג, האָבען זיך די יודען אַרויפגעוואָרפען אויף זייערע

פייניגער, און באלד איז דאס געשלעג איבערגעגאנגען אין א בלוטיגען גאסען־קאמפף, וואס האט זיך געצויגען אזוי לאנג ביז די יודען — וועלכע זענען געווען פיעל קלענער אין צאהל — זענען בעזיעגט געווארען און האבען געמוזט איינגאנצען אנטלויפען פון שטאדט. אנטלויפענדיג, האבען די יודען בעוויעזען מיטצונעהמען מיט זיך בלויז די הייליגע ספרים, און דער ערשטער פונקט, וואו זיי האבען אבגעשטעלט, איז געווען דאס דערביי־איגע שטעדטיל נארבאטא. פון דאנען האבען זיי אוועקגעשיקט א דעפוטאציע קיין סעבאסטע צו פלארוס'ען, וואס האט איהם דערמאהנט זיין הבטחה, צו שיצען די יודען אים פאל פון א אנפאל אויף זיי; דער אכזריות'דיגער רוימישער אדמיניסטראטאר איז אבער פון דער בלוטיגער „רייסעניש" שטארק צופריעדען געווען, און לא די, וואס ער האט די יודען נישט געהאלפען, האט ער נאך די דעפוטאטען אליין געלאזען אריינווארפען אין א געפענגניש.

ווען מ'האט זיך דערוואוסט אין ירושלים פון די אלע שרעקליכע מעשים, איז די בעפעלקערונג שטארק אויפגעקאכט געווארען; נאך פריהער אבער, איידער זי איז אימשטאנד געווען אנצונעהמען וועלכען ס'איז בעשלוס וועגען דער זאך, איז זי שוין דערשלאגען געווארען פון א נייעם קלאפ. דעם געלד־גיריגען אכזר איז איינגעפאלען, ארויסצופרעסען פון זיינע שוצלאזע אונטערטאנען דאס לעצטע, וואס ער האט נאך נישט בעוויעזען ביז איצט אוועקצורויבען ביי זיי, און ער האט אריינגעשיקט א בעפעהל קיין ירושלים, מ'זאל איהם גלייך צושיקען זיעבעצעהן טאלאנטען פון דער בית־המקדש־קאסע — כלומר'שט פאר דעם רוימישען אוצר־המלוכה. אט דער חוצפה'דיגער בעפעהל, וואס די איינוואוינער פון ירושלים האבען גוט פערשטאנען די כונה זיינע, האט צונויפגעבראכט כמעט דער גאנצער בעפעלקערונג פון שטאדט אויפ'ן פלאץ פון בית־המקדש. דא האבען א סך געוויינט איבער דעם ביטערן גורל פון דער פערשקלאפטער אומה; דער גרעסטער טהייל אבער פון די פערזאמעלטע האט נישט געקענט דערשטיקען אין זיך דעם פערביטערטען צארן און האט געזידעלט און פערשאלטען דעם בלוטיגען טיראן. צווישען עולם האבען זיך געפונען אויך אזעלכע, וואס האבען גיפטיג אויסגעלאכט דעם פראקוראטאר'ס געלדגיריגקייט, ארומגעהענדיג מיט צדקה־פושקעס זאמלען נדבות פאר דעם „ארימען, אונגליקליכען פלארוס".

דערוויסענדיג זיך פון דעם אלעמען, איז פלארוס געקומען צו

לויפען קיין ירושלים מיט אַ מחנה סאָלדאַטען. דאָ האָט ער גלייך אַרויסגערופען צו זיך, אינ'ם העראָדיאַנישען פּאַלאַץ, דעם כהן-גדול מיט די אָנגעזעהענסטע זקנים און געפאָדערט, זיי זאָלען איהם צושטעלען די אָנפיהרער פון דער פיינדליכער דעמאָנסטראַציע. די פאָרשטעהער פון פאָלק האָבען געזוכט ווייכער צו מאַכען דעם צורייצטען פּראָקוראַטאָר און האָבען איהם געגעבען צו פערשטעהן, אַז איצט איז נישט די צייט צו קלערן וועגען פערזענליכער נקמה און אַז ער וועט בעסער טאָן, אויב ער וועט בערוהיגען די פערביטערטע פאָלקס-מאַסען. דאַן האָט דער בעליידיגטער דיקטאַטאָר גענומען „בערוהיגען” דער בעפעלקערונג אויף דעם רוימישען שטייגער: ער האָט בעפוילען זיינע סאָלדאַטען צו פערנעהמען דעם רייכען קוואַרטאַל פון שטאָדט, דעם „אויבערמאַרק”, און איהם צו בערויבען. און די סאָלדאַטען האָבען מעהר נישט געדאַרפט: זיי האָבען זיך, ווי ווילדע טייוואָלים, אַרויפגעוואָרפען אויף דעם קוואַרטאַל און אויך אויף די אַרומיגע גאַסען, און האָבען געהרג'עט, געפּייניגט און בערויבט, וועמען און וואָס זיי האָבען נאָר בעגעגענט. מעהר ווי דריי-טויזענד יודען זענען אין יענעם טאָג (16 אייר 66) אומגעקומען, און הונדערטער הייזער זענען וויסט און צושמעטערט געוואָרען. איבער די געפאַנגענע האָט פלאָרוס געלאָזען אויסאיבען פריהער די שענדליכסטע לייב-שטראָפען, און דערנאָך — געהייסען זיי קרייציגען. די אַכזריות פון דעם בלוטיגען פּראָקוראַטאָר האָט פאַר זיך גאָר קיין גרענעץ נישט געהאַט, און ער האָט נישט געוואָלט אָבשטעלען די ווילדע מעשים אפילו אויך נאָכדעם, ווי די פּרינצעסין בערעניקאַ, וועלכע האָט זיך גראָד געפונען דעמאָלט אין ירושלים, איז געקומען צו איהם אין פּאַלאַץ און האָט זיך איהם פאַר די פיס געוואָרפען, בעטענדיג אום רחמנות.

אויף צו-מאָרגענס נאָך דער שרעקליכער שחיטה האָט זיך דאָס פאָלק פערזאַמעלט אין דעם האַלב פערוויסטען אויבערשטען שטאָדט-קוואַרטאַל (ציון), און דאָ האָבען זיך ווידער איבערגעחזר'ט די זעלביגע סצענעס פון וויינען און שילטען. די אָנגעזעהענע זקנים האָבען זיך בעמיהט מיט אַלע מיטלען, איינצוהאַלטען דעם צאָרן פון פאָלק, אום עס זאָל נישט קומען צו קיין נייע שחיטות; פלאָרוס האָט זיך אָבער מיט די אַלע אַכזריות'ען נאָך נישט געפיהלט בעפרידיגט, און ער איז געפאַלען אויף אַ חוצפה'דיג-בלוטיגער פּראָוואָקאַציע: ער האָט ווידער גערופען צו זיך די זקנים און געפאָדערט פון זיי, אַז דאָס פאָלק זאָל

ארויסווייזען זיין פאָלשטענדיגע הכנעה פאַר דער מאַכט דערמיט, וואָס עס וועט פריינדליך בעגריסען די צוויי מחנות רוימישע סאָלדאַטען, וואָס דאַרפען באַלד אָנקומען פון קסריה קיין ירושלים. מורא האָבענדיג פאַר די שרעקליכע פאָלגען פון א ווידערשטאַנד, האָבען די זקנים גענומען אויף זיך, דורכצופיהרען דעם דאָזיגען שענדליכען פערלאַנג; צו דעם צוועק איז איינגעאָרדענט געוואָרען א פייערליכע פראָצעסיע פון אלע כהנים, אין זייערע בית=המקדש קליידער, וועלכע האָבען זיך געבעטען בייםּ פאָלק, עס זאָל נאָכגעבען אויך דעם קאַפּריז פון דעם רוימישען מאַכט=האָבער. און דאָס פאָלק האָט נאָכגעגעבען: גרויסע מאַסען זענען ארויס אַנטקעגען די רוימישע סאָלדאַטען, און ווען די לעצטע זענען אָנגעקומען, האָבען די יודען דערשטיקט אין זיך אַלע מענשליכע געפיהלען און זיי פריינדליך בעגריסט. די סאָלדאַטען האָבען שוין אָבער פון פריהער געהאַט א געהיימען בעפעהל, נישט צו ענטפערן אויף דער דאָזיגער בעגריסונג, און ביי דעם ערשטען מינדעסטען אויסדריק פון פערביטערטען פערדרוס, וואָס די שענדליך=אָבגענאַרטע יהודה'ער האָבען אָנגעהויבען ארויסצווייזען, — האָבען זיי זיך אַריינגעריסען מיט זייערע פערד אין דער אַנטלויפענדער מאַסע און פערשפרייט אַרום זיך טויט, גסיסה=יסורים און גיהנם=פּיין. עס האָט זיך אָנגעהויבען א שרעקליכע שטופעניש, און דער גאַנצער וועג פון דער פאָרשטאָדט ביזעטאַ ביז ירושלים איז פערזייהט געוואָרען מיט דערשטיקטע, צוקוועטשטע און דערשלאָגענע.

אָט די מערדערישע פּראָוואָקאַציע האָט ענדליך אינגאַנצען געבראַכט די געדולד פון דעם בעליידיגטען פאָלק. זעהענדיג, אַז די סאָלדאַטען לאָזען זיך געהן אין דער זייט פון דער פעסטונג אַנטאָניום, האָבען די פּאַטריאָטען פערשטאַנען, אַז פלאָרוס וויל דאָ איצט בערויבען דעם אוצר פון בית=המקדש, אויף וועלכען ער האָט שוין לאַנג געוואָרפען אַן'אויג. זיי האָבען דעריבער פערנומען די דעכער פון די הייזער און פערשאָטען פון דאָרטען די דורכגעהענדע סאָלדאַטען מיט פיילען און שטיינער. די סאָלדאַטען האָבען דאַן אָנגעהויבען אָבצוטרעטען צוריק אין זייערע קאַזאַרמעס און האָבען זיך בעפעסטיגט אין דעם קעניגליכען פּאַלאַץ. דאַן האָבען זיך עטליכע העלדען ארויפגעקריגען אויפ'ן בית=המקדש=בארג (הר הבית), און צושטערט די גאַנצע זיילען=גאַלערעע, וואָס האָט פערבונדען די פעסטונג אַנטאָניום מיט'ן בית=המקדש. מיט דעם אַרויסטריט איז דער בית=המקדש בעפרייט געוואָרען פון דער רוימישער השגחה, און דאָס איז אויך געווען דער ערשטער שריט פון

דעם גרויסען פאָלקס־אויפשטאַנד .

די פערביטערטע ענטשלאָסענקייט פון פאָלק האָט דערווייל אַנגע־וואָרפען אַ שרעק אויף פלאָרוס'ען, און ער האָט ערקלערט די פאָרשטע־הער פון שטאָדט , אַז כדי נישט צו רייצען דער בעפעלקערונג איז ער גרייט אַרויסצופיהרען פון ירושלים דעם גרעסטען טייל פון די פערהאַסטע סאָלדאַטען , און איבערצולאָזען נאָר אַ קליינע מיליטער־אָבטיילונג ,— אַזעל־כע , וואָס האָט זיך אין די לעצטע הריגות גאָרנישט בעטייליגט . און איצט ערשט , נאָכדעם ווי פלאָרוס מיט דעם גרעסטען טייל פון זיינע סאָלדאַטען זענען אַוועק פון שטאָדט, האָט זיך אָנגעהויבען אויסבילדען אַ בעשטימטע איינטיילונג פון די פערשידענע פאָלקס־שיכטען בנוגע צו דער פראַגע : שלום אָדער מלחמה , טראָגען ווייטער אויף זיך דעם אונ־ערטרעגליכען פרעמדען יאָך און געדולדיג וואַרטען אויף בעסערע צייטען אָדער אַוועקשטעלען זיך איינמאָל פאַר אַלע מאָל מיט געוועהר אין האַנד און קעמפפען פאַר דער בעפרייאונג פון יהודה — אויף לעבען און טויט ! די יונגע און קרעפטיגע פאָלקס־קינדער זענען דאָס רוב געשטאַנען אויף דער זייט פון די רעוואָלוציאָנערען־זעלאָטען , און צו זיי איז צוגעשטאַנען אויך אַ געוויסער אלעזר בן חנניה, איינער פון די שטרענגע פרושים פון שמאי'ס שול , וועלכער איז שפּעטער געוואָרען די נשמה פון דער גאַנצער פּאַרטיי. דאַגעגען אָבער זענען אויף דער זייט פון שלום געשטאַ־נען אַלע מעסיגע , מיושב'דיגע עלעמענטען פון די מעהר אַריסטאָקראַ־טישע קלאַסען, וועלכע האָבען זיך בכלל געשראָקען פאַר יעדען מין אויפ־שטאַנד , און בעזונדער נאָך פאַר אַ אויפשטאַנד געגען רוים . אָט די אָנהענגער פון אונטערטעניגקייט זענען געווען אויך שרעקליך אויפגע־בראַכט אויף דעם איצטיגען פּראָקוראַטאָר פאַר זיינע אַכזריות'דיגע מעשים ; זיי האָבען אָבער געגלויבט , אַז דאָ איז שולדיג בלויז די פּער־זענליכקייט פון דעם רוימישען פערטרעטער און קיים וועט רוים צונעה־מען פון יהודה דעם איצטיגען טיראַנישען מושל און שיקען אַן אַנדערן , וועט אַלץ גוט זיין , און דאָס פאָלק וועט זיך נישט פיהלען געשטערט אין קיין זאַך .

די פריעדענס־פּאַרטיי האָט דעריבער קודם כל גענומען אַנווענדען אַלע געזעצליכע מיטלען , אום צו בעפרייען דאָס לאַנד פון דעם שלעכ־טען פּראָקוראַטאָר . צו דעם צוועק האָט זי אַוועקגעשיקט שלוחים צו דעם רוימישען פערוואַלטער פון גאַנץ סיריען, צעסטיוס גאַלוס, מיט דער בקשה, ער זאָל אַליין קומען קיין ירושלים און זיך איבערצייגען אין די

אונגעזעצליכקייטען פון דעם מערדערישען פלארוס. גאלום האט דעם פארשלאג אנגענומען, און נישט קענענדיג אליין אבפאהרען פון אנטיוכיא, האט ער געשיקט קיין ירושלים זיינעם א בעאמטען, דעם טריבון נעאפאליטאנוס; דער לעצטער האט זיך אבער אין וועג געטראפען מיט אגריפוס'ען, וועלכער איז גראד געפאהרען פון אלעקסאנדריע, און אזוי ווי אגריפוס איז פעראינטערעסירט געוועזען אין דעם, אז די צענטראלע רוימישע רעגירונג זאל זיך נישט האבען וואס צו טשעפען צו יהודה, האט ער געווירקט אויף נעאפאליטאנוס'ען אין דער ריכטונג, אז יענער זאל קיין גרויסען וועזען נישט מאכען מיט די אלע סכסוכים און בעטראכטען די גאנצע זאך, ווי א קלייניגקייט; דער רוימישער בעאמטער האט דעריבער פערבראכט אין יהודה נאר א קורצע צייט, און איז צוריקגעפאהרען קיין סיריען מיט א בערוהיגענדער תשובה.

אונטער דער צייט האבען די רעוואלוציאנערען אויך נישט גערוהט. אט די הייסע פאלקס-ליעבהאבער זענען געקומען צו דעם פעסטען בעשלוס, אז שולדיג אין די אלע צרות פון יהודה איז נישט דער אדער יענער פראקוראטאר, נאר דאס גאנצע סיסטעם פון יהודה'ס אונטערגעווארפענקייט; אז אזוי ווי יהודה וועט טראגען אויף זיך דעם יאך פון דער געצענדיענערישער מאכט, וועט זי מוזען אויסשטעהן אלערליי גזירות און דריקונגען, און וועט זיך פאר קיין פאל נישט קענען פריי ענטוויקלען אין איהר אייגענעם גייסט. זיי האבען דעריבער כסדר פראפאגאנדירט די נויטיגקייט פון א בעוואפענטען פאלקס-אויפשטאנד און ארגאניזירט נייע קאמפפס-מחנות; און ענדליך איז זייער אגיטאציע געגען דער רוימישער איבער-מאכט דערגאנגען ביז אזוי ווייט, אז דאס פאלק האט אויפגעהערט איינצוטראגען די בעשטימטע שטייערן פאר דעם רוימישען אוצר המלוכה.

אט דער פאקט האט שטארק בעאונרוהיגט דעם נאמינעלען „קעניג" פון לאנד, אגריפוס'ען. אליין א ווירקליכער און איבערגעגעבענער פריינד פון די רוימער און פון דעם רוימישען הויף, האט דער דאזיגער דערווייטערטער זוהן פון זיין פאלק זיך בעצויגען גאנץ ניכטער און קאלט צו די אלע צרות, וואס יהודה האט איבערגעטראגען אין דער לעצטער צייט; ער, דער פריווילעגירטער און בעליעבטער יהודה'עאישער פרינץ, דער פערזענליכער פריינד פון דעם אלמעכטיגען קייזער, האט געזעהען, אז „זיין" פאלק, דארט אין דער „בארבארישער" יהודה, ליידט און שטעהט אויס אלערליי גזירות און בעליידיגונגען. דאס האט

אָבער אין בעסטען פֿאַל אַרויסגערופֿען בײַ איהם נישט מעהר, ווי מיטלייד, אָבער נישט קײן געפֿיהל פֿון פֿערזענליכער בעלײדיגונג און נישט קײן פּאַטריאָטישע התלהבות. אין די איצטיגע רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען פֿון פֿאָלק האָט אַגריפּס דעריבער געמוזט זעהן, נאָר די געפֿעהרליכע זײַט, און דאָס אײנציגע, וואָס ער האָט געפֿונען צו זאָגען זײַנע דערשלאָגענע ברידער אין דעם קריטישען מאָמענט, איז געווען דאָס: זיי זאָלען אַראָפּבויגען דעם קאָפּ. הכנעה'דיג איבערטראָגען אַלע קלעפּ פֿון דער פֿרעמדער מאַכט און געדולדיג זיך בעגנוגען מיט דעם קלײן ביסעל זעלבסטשטענדיגקײַט, וואָס דער גרויסער הערשער האָט אַלערגנעדיגסט בעוויליגט, זיי איבערצולאָזען. כדי איבערצוגעבען אָט די עצה דעם פֿאָלק און איהם אויפֿצוקלערען איבער דער גאַנצער געפֿאַהר, וואָס איהם שטעהט דאָ פֿאַר, האָט אַגריפּס געלאָזען צונויפֿרופֿען אַ אונגעוועהנליכע מאַסען־פֿערזאַמלונג אויף אײנעם פֿון די פֿרײַע פּלעצער נעבען בית־המקדש, און ער האָט זיך געווענדעט צו די פֿערזאַמעלטע מיט אַ לאַנגער און אויספֿיהרליכער רעדע. אין דער רעדע האָט זיך אַגריפּס בעמיהט מיט אַלערלײ לאָגישע און סאָפֿיסטישע ראיות צו איבערצײַגען דעם פֿאָלק, ווי ווײַט נאַריש און געפֿעהרליך עס איז פֿון זײַן זײַט אַרויסצוטרעטען אַקטיוו געגען דער אויבערהערשאַפֿט פֿון די אונבעזיגבאַרע רוימער. וועלנדיג בערוהיגען דער פֿערלעצטער נאַציאָנאַלער אײַגענליעבע פֿון די יהודה'ער, האָט אַגריפּס זיי אויסגערעכענט דעם גאַנצען צעטיל פֿון די אַלע פֿעלקער און לענדער, וואָס זענען אונטערגעוואָרפֿען דעם שטאָלצען רוימישען אָדלער. די אַריסטאָקראַטישע העלענען, די קריגערישע לאַקעדעמאָנ'ען, פֿינף הונדערט שטעדט אין אַזיע, די צעהנדליגער מיליאָנען מענשען אויף די ברעגען פֿון פֿערשידענע וואַסערן און ימים, די העלדישע טראַקיער, דאַקען, איבעריער, גאַלען, גערמאַנער, בריטאַנער — אַלע בויגען דעם קאָפּ פֿאַר דער מעכטיגער רוים. „און נאָר איהר אײנציגע — האָט אַגריפּס אויסגעשריען — האַלט עס פֿאַר אַ חרפּה, זיך אונטערצוואַרפֿען דעם, בײַ די פֿיס פֿון וועלכען עס ליעגט די גאַנצע וועלט. וואו איז אָבער אײַער מיליטער, וואו איז דאָס געוועהר, וואָס גיט אײַך אַזאַ פֿעסטע זיכערקײַט אין די אײגענע כחות? וואו איז אײַער פֿלאָט, וואָס דאַרף אײַננעהמען די רוימישע וואַסערן? קוקט אויף די ווענט פֿון די בריטאַנער, — איהר, וועלכע ליעגט אַזוי פֿיעל האָפֿנונגען אויף די מויערן אַרום ירושלים! די בריטאַנער האָבען אַרום זיך דעם אָקעאַן, און אַ

אינזעל בעוואוינען זיי, וואס איז נישט קלענער פון אונזער לאנד, און פון דעסטוועגען האבען די רוימער זיי איינגענומען און איצט היטען פיער לעגיאנען די גאנצע אונגעהויערע אינזעל." וויסענדיג, אז יודען שטיצען זיך אין זייערע מלחמות נישט אזוי פיעל אויף זייערע אייגענע כחות, ווי אויף די ישועות פון דער געטליכער השגחה, האט אגריפּוס זיך בעמיהט, צו־נישט צו מאכען אויך די אילוזיע פון זיינע צוהערער. די רעוואלוציאנערען האפען אויף גאט'ס היל; ווער אבער האט געגעבען די רוימער די מאכט אין די הענד, אויב נישט — גאט? היינט וואו זענען די הארבע געזעצען פון דער תורה, וואס מוזען פערנאכלעסיגט ווערן אין קאמפף! „אויב־זשע איהר האט נישט צו ערווארטען קיין הילף נישט פון גאט און נישט פון מענשען, הייסט דאך עס, אז איהר געהט אויף א זיכערן טויט. פארוואס־זשע, אויב אזוי, זאלט איהר נישט נעהמען מיט די אייגענע הענד און אויסהרג'נען אייערע ווייבער און קינדער און אונטערצינדען אייער הויפטשטאדט? דאס וואלט, נא־טירליך, זיין א משוגעת; דערפאר אבער וואלט איהר, ווענינסטענס, אויסמיידען דעם בזיון פון בעזיעגט ווערן... בעזיעגענדיג אייך, וועלן דאך די רוימער אין אש פערוואנדלען אייערע הייליגע שטעדט און אב־מעקען פון דער ערד דעם גאנצען שטאם אייערן! און נישט נאר די היגע — אויך די פרעמדע יודען וועלן אומקומען, דען ס'איז נישטא קיין איין לאנד אויף דר'ערד, וואו עס זאל נישט לעבען א טייל פון אייער פאלק, און זיי אלע וועט דער זיעגער אויסראטען איבער אייער אויפשטאנד".

די שילדערונג פון דעם קומענדיגען אונגליק האט ביסלעכווייז גע־ווירקט אויך אויף אגריפּוס'ען אליין, און ער האט געענדיגט זיין רעדע מיט די פאלגענדע ריהרענדע אויסרופען: „האט־זשע רחמנות, אויב נישט אויף אייערע ווייבער און קינדער, איז חאטש אויף דער מוטער־ירושלים און איהר בעפעלקערונג! שוינט אט דעם בית־המקדש מיט זיינע הייליג־קייטען! ווארום די רוימישע זיעגער וועלן אויך זיי נישט שוינען נאך דעם, ווי איהר וועט בעצאהלען מיט אונדאנקבארקייט פאר זייער פריהער־דיגער גנעדיגער בעציהונג צו אייך. איך רוף אייערע הייליגקייטען, די הייליגע געטליכע מלאכים און אונזער אלגעמיינעם פאטערלאנד פאר עדות אויף דעם, אז איך האב נישט דורכגעלאזען קיין זאך, וואס איז מעגליך געווען צו טאן פאר אייער רעטונג. וועט איהר זיך פיהרען איצט, ווי ס'דארף צו זיין, וועט איהר צוזאמען מיט מיר געניסען די

גוטסקייטען פון דער וועלט; וועט איהר אָבער נאָכגעבען די געפיהלען פון אייער צאָרן, וועט איהר אַרויפציהען אויף זיך אַ געפאַהר — שוין אָהן מיין בעטייליגונג!"

ענדיגענדיג זיין רעדע האָט זיך אַגריפּוס פונאַנדערגעוויינט און מיט איהם צוזאַמען האָט געוויינט אויך זיין שוועסטער בערעניקאַ, וועלכע איז די גאַנצע צייט געשטאַנען נעבען איהם. אָט דער עפעקט האָט נאָכמעהר פערשטאַרקט דעם איינדריק פון דער שטאַרקער רעדע, און די פערזאַמעלטע האָבען געפּרובט דערשטיקען אין זיך אויף אַ ווײַלע די געפיהלען פון פערביטערטען צאָרן און פערצווייפעלטען קאַמפּפס־מוט. עס האָבען זיך געהערט אויסרופען, אַז דאָס פאָלק מיינט נישט צו קעמפּפען געגען די רוימער, נאָר געגען דעם אַכזריות'דיגען פּראָקוראַטאָר. אויף דעם האָט זיך אַגריפּוס אָבגערופען: „איהר זענט דאָך אָבער שוין אַרויסגעטרעטען געגען די רוימער, דערמיט, וואָס האָט איהר צושטערט די זיילען־גאַלערעע פון דעם פּאַלאַץ אַנטאָניום און האָט אויפגעהערט איינצוטראָגען די מלוכה־שטייערן. קוים מיינט איהר ווירקליך נישט צו קעמפּפען געגען דער מאַכט, מוזט איהר די ביידע פעהלערן גלייך צוריק גוט מאַכען". די פערזאַמעלטע האָבען אויסגעהערט די בעשולדיגונג מיט אַ געוויסען געפיהל פון חרטה, און עס האָט אויסגעזעהען אין דעם מאָמענט, אַז אַלץ וועט ווידער בלייבען ווי געוועזען; אַ גרויסער טהייל פון עולם האָט זיך גלייך זאָגאַר גענומען צוריקשטעלען די גאַלערעע און די זקנים האָבען זיך אַוועקגעלאָזען איבער דער סביבה, כדי צונויפצוזאַמלען די שטייערן. אָט די שטימונג האָט זיך אָבער נישט לאַנג געהאַלטען, און שולדיג אין דעם איז געוועזען דער זעלביגער אַגריפּוס אַליין; ווען ער האָט געזעהען, אַז זיינע רייד האָבען געמאַכט אַזאַ שטאַרקען רושם, האָט ער געמאַכט נאָך איין טריט ווייטער, און האָט אויפגעפאָדערט דאָס פאָלק, זיך אונטערצוּוואַרפען דערווײַל די הערשאַפט פון דעם איצטיגען קייזערליכען פערטרעטער, פלאָרוס, אַזוי לאַנג, ווי עס איז נישט בעשטימט געוואָרען קיין אַנדערער אויף דעם פּאָסטען. דאָס האָט קאַליע געמאַכט דעם גאַנצען פריהערדיגען איינדריק; דער נאָמען פלאָרוס האָט פונאַנדערגעריסען אַלע אָנגעוועהטאָגטע, בלוטיגע וואונדען פון דער פאָלקס־נשמה, און הערענדיג איהם פון אַגריפּוס'עס מויל, איז אויך ער, אַגריפּוס, געוואָרען אַ פעררעטער, אַ פאָלקספיינד. די רעוואָלוציאָנערען האָבען גלייך בעקומען די עפענטליכע מיינונג פון פאָלק אויף זייער זייט, און די אויפרעגונג געגען אַגריפּוס'ען איז דער-

גאנגען ביז אזוי ווייט, אז מ׳האט איהם אנגעהויבען צו פערוואַרפען מיט שטיינער, און ער איז געצוואונגען געוואָרען, צו אנטלויפען פון ירושלים.
וועגען אויפמאַהנען די שטייערן האט שוין איצט גאר קיין רייד ניש׳ט געקענט זיין; יעדערער איז געווען צופריעדען, וואס ער איז בעפרייט געוואָרען פון א שווערער לאסט און אפילו די פראָפעסיאָנעלע מוכס׳ניקעס האבען אויך נישט געפועלט ביי זיך, צוצושטעהן איצט צום פאלק מיט זייערע שטייער-פאָדערונגען. די גאנצע טאָן-געבער פון דעם געזעלשאפטליכען לעבען זענען געוואָרען די זעלאָטען, און א דאנק דער ענערגישער טעטיגקייט פון זייער אנפיהרער, אלעזר, איז די קריעגערישע שטימונג פון פאלק אלץ מעהר געוואקסען. אלס הויפטמאַן פון דער בית-המקדש-וואך האט אלעזר געהאט אונטער זיך דעם גאנצען שטאט פון די ניעדריגע כהנים, און דאס האט ער אויך אויסגענוצט צו דעם צוועק פון א שארפער דעמאָנסטראציע געגען דער אויבערהערשאפט פון די געצענדיענער: ער האט אַרויסגעגעבען א בעפעהל, נישט צו ברענגען מעהר אין בית-המקדש דעם טעגליכען קרבן פאר׳ן קייזער׳ס געזונד, און בכלל נישט צוצונעהמען מעהר קיין שום קרבן פון א געצענדיענער. די מעסיגע און פריעדליכע פרושים האבען געזעהען די גאנצע געפאהר פון דעם שריט, און האבען אנגעווענדעט אלע מעגליכע מיטלען, אום אבצושאפען דעם בעפעהל; אלעזר האט זיך אבער פעסט געהאלטען ביי זיינס, און די ניעדריגע כהנים זענען אויך געשטאנען איף זיין זייט.
אט דער ערפאָלג פון די רעוואָלוציאָנערען האט אַרויפגעוואָרפען א שרעק אויף די פריעדליך-געשטימטע אריסטאָקראטען. זיי האבען אנגעהויבען זוכען מיטלען, ווי איינצוהאלטען די קריעגערישע נייגונגען פון דער בעפעלקערונג, און זעהענדיג, אז מיט גוטען וועלן זיי גאָרנישט פועל׳ן, האבען זיי בעשלאָסען צו בענוצען זיך מיט געוואלט. זיי האבען אוועקגעשיקט שלוחים צו אגריפּוס׳ען מיט דעם פאָרשלאג, צוצושיקען קיין ירושלים א בעדייטענדע מיליטערישע קראפט. אגריפּוס האט דעם פאָרשלאג אנגענומען, און האט גלייך אריינגעשיקט דריי טויזענד רייטער-סאָלדאטען, אונטער דער אנפיהרונג פון א געוויסען בבל׳ישען יודען מיט׳ן נאָמען פיליפּ אין איינעם דאריא. אנקומענדיג קיין ירושלים, האבען זיי אבער געפונען דעם בית-המקדש-באַרג און דעם גאנצען אונטערשטען טייל פון שטאָדט שוין בעזעצט פון זעלאָטען; זיי איז דעריבער געבליבען צו פערנעהמען נאר דעם בעפעסטיגטען פּאלאַ׳ן אנטאָ-

ניום און דעם אויבערשטען שטאָדט=טייל, וואו עס האָבען געוואוינט די
געלד= און בלוט=אַריסטאָקראַטען.

און עס האָט זיך פונאַנדערגעקאָכט אַ בלוטיגע בירגער=מלחמה.
די מיליטעריש=געלערנטע סאָלדאַטען האָבען זיך בענוצט מיט אַלע
קריעגס=מכשירים און האָבען אין די ערשטע טעג געהאַט די אויבער=
האַנד איבערן „שונא“; אויפ׳ן זיבעטען טאָג האָט זיך אָבער די לאַגע
געענדערט צום גונסטען פון די רעוואָלוציאָנערען. דאָס איז געשעהען אין
דעם האַלב=יום=טוב חמשה עשר באב, ווען מאַסען פּילגרימען (עולי
רגל) פון אַלע עקען לאַנד זענען אָנגעקומען קיין ירושלים, און די זעלאָ=
טען האָבען בעקומען אַט די קראַפט אויף זייער זייט. די אונגעוואָפּענ=
טע מחנה אַליין וואָלט נאָך פון דעסטוועגען דעם נצחון פון די זעלאָטען
נישט געזיכערט, ווען צו זיי וואָלטען נישט צוקומען אויך די בעריהמטע
סיקאַריער. אַט די באַנדיטען=רעוואָלוציאָנערן אונטער דער אָנפיהרונג
פון יהודה הגלילי׳ס לעצטען זוהן מנחם, זענען מיט אַ קורצער צייט פריה=
ער בעפאַלען די פעסטונג מסדה, האָבען אויסגעהרג׳עט דעם רוימישען
גאַרניזאָן, און בערויבט דעם גאַנצען וואַפען=אַרסענאַל. דערנאָך האָבען
זיי זיך צוזאַמען מיט די פּילגרימען צוריק אַריינגעגנב׳עט קיין ירושלים
און האָבען זיך אַרונטערגעשטעלט אונטער דער פאָהן פון די קעמפּפענ=
דע זעלאָטען. די לעצטע האָבען דאַן, פערשטאַרקט פון די צוגעקומענע
קרעפטען, פערשטויסען זייערע געגנער און זיי זענען געוואָרען די בעלי=
בתים פון דער אויבערשטאָדט אויך. דאָ האָבען זיי זיך נוקם געווען אָן
די רוימער=פריינד און אונטערגעצונדען די פּאַלאַצען פון „קעניג“ אגריפּוס
מיט זיין שוועסטער בערעניקא, דאָס הויז פון דעם געוועזענעם כהן
גדול חנניה, און ענדליך אויך דעם אַרכיוו, וואו ס׳זענען געלעגען די
דאָקומענטען וועגען פערשידענע חובות, כדי די אונפערמעגליכע בעלי
חובות זאָלען נישט קענען געצוואונגען ווערן צום בעצאָהלען. פון דאַנען
האָט זיך די פעראייניגטע מחנה אַוועקגעלאָזען צום פּאַלאַץ אַנטאָניום,
און איינגענעהמענדיג אוהם מיט׳ן שטורם, האָבען זיי אויסגעהרג׳עט די
רוימישע וואַך, וואָס האָט זיך דאָרט געפונען.

דער קליינער רוימישער גאַרניזאָן צוזאַמען מיט אַגריפּוס׳עס סאָל=
דאַטען האָבען זיך דאַן בעפעסטיגט אין דעם הורדוס=פּאַלאַץ, וואָס האָט
זיך געפונען אין מערב זייט פון שטאָדט, און אַט צו דעם פּאַלאַץ
זענען איצט צוגעטרעטען די יודישע רעוואָלוציאָנערען. אַכצעהן טאָג
אָהן אַ אויפהער האָט זיך געצויגען דער פערביטערטער קאַמפּף צווישען

די בעלאַגערטע סאָלדאַטען און די בעלאַגערער-זעלאָטען, און אויך דאָס מאָל האָט זיך די שלאַכט געענדיגט מיט דעם פאָלשטענדיגען נצחון פון די זעלאָטען. די ערשטע האָבען קאַפּיטולירט אַגריפּס'עס סאָלדאַטען, און זיי איז ערלויבט געוואָרען, פריי אַרויסצוגעהן פון שטאָדט; די רוימישע אָבטהיילונג, דאַגעגען, אונטער דער קאָמאַנדע פון אַ געוויסען מעטיליוס, האָט נישט אַזוי לייכט געפועלט ביי זיך, אַוועקצולעגען דאָס געוועהר פאַר די יודישע זיגער, און זי האָט זיך נאָך געפּרובט אַוועקשטויסען די בעלאַגערער פון פּאַלאַץ; ענדליך אָבער האָט זי זיך אויך געמוזט אונטערגעבען, און נאָכדעם ווי די סאָלדאַטען האָבען אַראָבגעלעגט פון זיך דאָס געוועהר, האָבען זיך די רעוואָלוציאָנערען אַרויפגעוואָרפען אויף זיי און אויסגעהרג'עט די גאַנצע גרופּע אויסער דעם איינציגען קאָמאַנדיר, מעטיליוס'ען, וועלכען זיי האָבען געשענקט דאָס לעבען דערפאַר, וואָס ער האָט צוגעזאָגט, זיך מגייר צו זיין.

דער ערשטער שריט פון אויפשטאַנד האָט זיך אַלזאָ איינגעגעבען מיט אַ אונגעוועהנליכען ערפאָלג, און די שטימונג פון די בעגייסטערטע פרייהייטס-קעמפפער האָט געקענט זיין זעהר אַ געהויבענע; האָט אָבער דער דאָזיגער ערשטער ערפאָלג גלייך מיטגעבראַכט מיט זיך שטאַרקע רייבונגען אין די רייהען פון די רעוואָלוציאָנערען גופא, און אויך דאָ איז עס געקומען צו ברודער-רציחות און גרויסע בלוט-פערגיסונגען. דאָס איז פאָרגעקומען אַזוי: די פעראייניגונג פון די פּאַטריאָטען-קנאים מיט די געוועזענע באַנדיטען-סיקאַריער האָט זיך געשטיצט אויף דעם געמיינזאַמען קאַמפף געגען שונא. קוים איז אָבער אָט דער קאַמפף געענדיגט געוועזען, האָט זיך גלייך אַרויסגעוויזען, אַז די פעראייניגונג קען קיין קיום נישט האָבען. מנחם מיט זיינע באַנדיטען זענען, נאָך דעם נצחון איבער די רוימישע סאָלדאַטען, אינגאַנצען פערשכורט ווילד געוואָרען און זיי האָבען אָבגעטאָן די שרעקליכסטע מעשים אָהן אַ שום פעראַנטוואָרטליכקייט. מנחם האָט אויסער דעם נאָך פערלאַנגט דורכאויס, אַז ער זאָל בעשטימט ווערן פאַר דעם פיהרער פון דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער מחנה, און זאָל בכלל בעטראַכט ווערן, ווי אַ... משיח, וואָס איז געשיקט געוואָרען פון גאָט, אויסצולייזען זיין פאָלק ישראל. אויף דעם באָדען האָבען עטליכע מאָל אויסגעבראָכען שטאַרקע מחלוקת'ען צווישען איהם און אלעזר'ן. דער לעצטער האָט זיך סוף כל סוף אַרומגעזעהען, אַז די אַכזריות'דיגע מעשים פון די סיקאַריער שטייגען נאָך איבער די רציחות פון די רוימער, און אַז מיט אַלעכע וועגען

וועט מען דעם פאלק נאר אבשטויסען פון דעם הייליגען אויפשטאנד. ער האט דעריבער פעסט בעשלאסען, אבצורייניגען די רעוואלוציאנערע רייהען פון דעם באנדיטישען עלעמענט און האט אפען ערקלערט, אז עס האט נישט געלוינט צו קעמפפען געגען די רוימער, כדי ארונטערצופאלען דערנאך אונטער דער מערדערישער דיקטאטור פון די סיקאריער. מיט דער ערקלערונג האט אלעזר צוגעצויגען צו זיך אויך פיעל פון די מעסיגע עלעמענטען; דאס האט איהם צוגעגעבען נאכמעהר מוט, און ווען דער חוצפה'דיגער באנדיטען־אנפיהרער האט זיך, א אויסגעפוצטער אין די בערויבטע קעניגליכע קליידער, געפרובט אריינגעהן אין בית המקדש, האט איהם אלעזר נישט אריינגעלאזען. דאס איז געווען דער סיגנאל צום קאמפף געגען די סיקאריער, און אין דעם בלוטיגען געשלעג, וואס האט זיך פונאנדערגעקאכט גלייך נאכדעם, זענען די סיקאריער איינגאנצען צושלאגען געווארען. מנחם אליין האט זיך געפרובט אנטלויפען און בעהאלטען אין דעם אבגעלעגענעם שטאדט־ווינקעל אופל; מ'האט איהם אבער דא אויך געפונען און פערמשפּט צום טויט. פון די איבריגע סיקאריער זענען א סך גלייך געטויט געווארען, און נאר עטליכע זענען אנטלאפען אין דער פעסטונג מסדה.

די ידיעות וועגען דעם יודישען אויפשטאנד אין ירושלים און וועגען דער אויסגעאיבטער נקמה איבער די רוימישע סאלדאטען, האבען ארויסגערופען א גאנצען שטורם פון גיפטיגען כעס ביי דער ארומיגער נ־צענדיענערישער בעפעלקערונג. די ערשטע האבען זיך אויף דער ידיעה אבגערופען די סיריש־גריכישע איינוואוינער פון קסריה, וואו עס האט זיך געפונען אויך דער „העלדישער" פּראקוראטאר, פלארוס. די דאזיגע פערביסענע יודענפיינד האבען איצט בעקומען די געלעגענהייט, צו טאן מיט יודען אלץ, וואס זייער הארץ גלוסט, אונטער דער מאסקע פון פאטריאטישער נקמה, און זיי האבען דאס גלייך אויסגענוצט אויף א שוידערליכען אופן: פעראייניגט מיט פלארוס'עס סאלדאטען האבען זיי זיך ארויפגעווארפען אויף דער יודישער בעפעלקערונג פון שטאדט, וואס האט זיך פאר דער צייט געהאט אומגעקעהרט ביסליכווייז, און זיי איינגאנצען אויסגעהרג'עט, אזוי אז פון דער גאנצער יודישער קהלה אין קסריה, וואס האט געצעהלט ביז צוואנציג טויזענד נפשות, איז קיין איינציגער נישט איבערגעבליעבען. די קליינע צאהל אנטלאפענע, זענען פון פלארוס'עס סאלדאטען אויך געפאנגען געווארען, און ער האט זיי געלאזען שמידען אין קייטען און פונאנדער־

שיקען פאר צוואנגס=ארבייטער אויף די שיפען .

אַט די שוידערהאַפטע מאַסען=שחיטה פון טויזענדער יודען דורך געצענדיענער אין אַ שטאָדט , וואָס געהערט צו יהודה , האָט פערוואַנדעלט דאָס גאַנצע לאַנד אין איין מורא'דיג אכזריות'דיגען שלאַכט=פעלד. די גאַנצע יודישע בעפעלקערונג איז בעהערשט געוואָרען פון איין ליידענשאַפטליך=ברענענדער שטרעבונג , זיך נוקם צו זיין פאַר דעם פערגאָסענעם ברודער=בלוט , און אין די אַלע יהודה'עאישע שטעדט , וואו עס האָבען זיך נאָר געפונען געצענדיענער , זענען זיי פון די יודען אויסגעהרג'עט און זייערע הייזער — חרוב געוואָרען . אָהן אַ אויפהער און פון אַלע זייטען האָבען זיך געבילדעט פריוויליגע מחנות , וואָס זענען גרייט געווען , ביי דעם ערשטען וואונק זיך אַרויפצעוואַרפען אויף טויזענדער געצענדיענער און זיי צו פערניכטען , און דאָס האָט , נאַטירליך , געבראַכט דערצו , אַז די סיריער זאָלען זיך אויך אַזוי בעגעהן מיט יודען אין יענע שטעדט , וואו זיי האָבען אויסגעמאַכט די מעהרהייט. אַזוי איז גאַנץ פּאַלעסטינא אַרומגעחאַפּט געוואָרען פון דעם פייערדיגען ראַסען=קאַמפף . „יעדער שטאָדט האָט זיך צוטיילט אויף צווי פיינדליכע לאַגערן , און יעדע בעפעלקערונג האָט געזוכט איהר רעטונג אין דעם אונטערגאַנג פון דער צווייטער. די טעג זענען אַריבערגעגאַנגען אין בלוטיגע געשלעגען , און די נעכט האָבען נאָך אַ גרעסערע שרעק אַרויפגעוואָרפען” .

אין געוויסע ערטער האָט זיך די שוואַכערע בעפעלקערונג בענוצט מיט פערשידענע שווינדלען און רמאות'ען אום ביצוקומען דעם געגנער , און ביי איין פאַל האָט אַזאַ מין שווינדעל פון די סיריער געבראַכט צו אַ שוידערהאַפטער טראַגעדיע . דאָס איז פאָרגעקומען אין דער שטאָדט בית שאן (סקיטאָפּאָליס); מורא האָבענדיג פאַר די וואַנדערנדע יודישע רעוואָלוציאָנערע באַנדעס , וואָס האָבען געזאָלט אַהער אָנקומען , האָבען די געצענדיענערישע איינוואוינער פון שטאָדט געשלאָסען אַ אָבמאַך מיט זייערע יודישע שכנים , לויט וועלכען די לעצטע האָבען זיך מתחייב געווען , אַרויסצוטרעטען צוזאַמען מיט זיי , די געצענדיענער , געגען די אָנקומענדע זעלאָטען , און דערפאַר וועלען ביידע בעפעלקערונגען לעבען דערנאָך בשלום און קיינער וועט נישט שטערן דעם אַנדערנס מנוחה . די יודען האָבען זייער הבטחה געהאַלטען , און געקעמפּפט געגען זייערע אייגענע ברידער — אינ'ם נאָמען פון דעם שפּעטערדיגען „שלום” . באַלד אָבער , ווי די געפאַהר איז אַריבער און די אָנגעקומענע מחנות

זענען געצוואונגען געוואָרען צו אנטלויפען פון שטאָדט, — האָבען די אכזריות׳דיגע געצענדיענער צוריק ארויסגעוויזען זייער אמת׳ע פיזיאָנאָמיע: זיי האָבען צוזאמענגענומען זייערע תמימות׳דיגע יודישע שכנים אויף איין פלאַץ און זיי אַלעמען אויסגעהרג׳עט. נאָר איינער איז געבליבען פון דער גאנצער מחנה קרבנות — דאָס איז געווען אַ לייבען=שטאַרקער יוד מיט׳ן נאָמען שמעון בן שאול. אין דעם געמיינזאַמען קאַמפף מיט די זעלאָטען, האָט ער, שמעון, ארויסגעוויזען די שטאַרקסטע גבורות און נישט איין קעמפפער פאַר דער יודישער פרייהייט איז פון זיין האַנד געפאַלען — דאָס האָט זיך דער אָבגעגאַרטער זוהן פון זיין פאָלק נישט געקענט מוחל זיין און ער האָט גענומען פון זיך אַ שרעקליכע נקמה: נישט צולאָזענדיג צו זיך די געצענדיענערישע מערדער, האָט ער מיט זיינע אייגענע הענד אויסגעהרג׳עט איינס נאָך דאָס אַנדערע זיינע עלטערן, זיין ווייב און זיינע קינדער; דערנאָך האָט ער אַריינגעשטאָכען דאָס שווערד אין זיין אייגענער ברוסט און איז אַנידערגעפאַלען אויף די טויטע קערפער׳ס פון זיינע נאָהנטסטע און טייערסטע.

דאָס פייער פון דער פונאַנדערגעקאָכטער מלחמה צווישען יודען און הייַדען (געצענדיענער) האָט זיך דערווייל דערטראָגען אַז ביז אַלעקסאַנדריע, און דאָ האָט זיך דער צוזאַמענשטויס ווידער געענדיגט מיט אַ שרעקליכער בלוט=באָד, וואָס האָט איינגעשלונגען ביז פופציג טויזענד יודישע קרבנות. די גריכען אין אַלעקסאַנדריע, וועלכע האָבען נאָך פון די אַלטסטע צייטען געטראָגען אין הארצען אַ גיפטיגע שנאה צו יודען האָבען זיך נישט געקענט שענקען דעם פאַקט, וואָס קלודיוס האָט צוריקגעגעבען די יודען אַלע זייערע רעכט און זיי גלייכגעשטעלט מיט דער איבריגער בעפעלקערונג פון לאַנד; זיי האָבען דעריבער געוואָלט איצט זיך משתדל זיין פאַר דעם נייעם הערשער, פאַר נעראָנ׳ען, ער זאָל בעגרענעצען די אַלעקסאַנדרינישע יודען אין זייערע בירגער=רעכט בענוצענדיג זיך מיט דער אויפגעבראַכטקייט פון דעם רוימישען הויף איבער דעם אויפשטאַנד אין יהודה. צו דעם צוועק האָבען זיי זיך אַלע פערזאַמעלט אינ׳ם שטאָדטישען אַמפיטעאַטר, וואו זיי האָבען געזאָלט אויסוועהל׳ען אַ דעפוטאַציע צום קייזער, און אַזוי ווי די יודען זענען געווען שטאַרק פעראינטערעסירט מיט דעם רעזולטאַט פון דער גריכישער פאָלקס=פערזאַמלונג, האָבען זיך עטליכע פון זיי אַריינגעגנב׳עט אין אַמפיטעאַטר. דאָ האָט זיי אָבער די אויפגערעגטע מאַסע גלייך בעמערקט, און מיט קולות: „שפיאָנען, שונאים!" אָנגעהויבען צו

פייניגען די עטליכע געפאנגענע, שלעפענדיג זיי איבער די גאסען צום פערברענען. צו אַ זעלכע מעשים האָט די יודישע קהילה נישט געקענט בלייבען גלייכגילטיג; די צוהיצטע יודישע פאָלקס-מאַסען זענען געקומען צו לויפען צום טעאַטער מיט געוועהר און פאַקעלן אין די הענד, און האָבען געדראָהט, אונטערצוצינדען די גאַנצע געביידע. דאַן האָט זיך אריינגעמישט אין דער זאַך דער רוימישער פערוואַלטער פון שטאָדט, און ער האָט געפאָדערט פון די יודען, זיי זאָלען זיך פונאַנדערגעהן.

דער אַנבליק פון דעם פערהאַסטען שטאָדט-פערוואַלטער (דאָס איז געווען דער משומד טיבעריוס אַלעקסאַנדער, דער זעלביגער, וואָס איז געווען פריהער פראָקוראַטאָר אין יהודה) האָט אָבער דעם פערביטערטען יודישען המון נאָכמעהר צורייצט, און ער האָט געענטפערט אויף דער פאָדערונג מיט פערשידענע פיינדליכע אויסרופען. דאָס האָט דעם יודענפיינדליכען משומד אינגאַנצען אַרויסגעבראַכט פון די כלים, און ער האָט בעפוילען זיינע סאָלדאַטען צו בעפאַלען דעם יודישען קוואַרטאַל, און איהם חרוב צו מאַכען. און דער בעפעהל איז פינקטליך אויסגעפיהרט געוואָרען: די בלוט- און רויב-דורשטיגע סאָלדאַטען האָבען זיך, ווי ווילדע חיות, אַרויפגעוואָרפען אויף דער שענער דעלטאַ. און האָבען זי פערוואַנדעלט אין איין גרויסען שחיטה-פלאַץ. די יודען האָבען זיך אַפילו ענערגיש געוועהרט און אויסגעהרג'עט אַ סך גריכען און רוימער, סוף כל סוף אָבער זענען זיי דאָך אינגאַנצען דערשלאָגען געוואָרען, און ווי דער היסטאָריקער גיט אָן פאַר אַ פאַקט, האָבען גאַנצע פופציג טויזענד יודען זייער לעבען פערלוירען אין יענעם שרעקליכען טאָג.

אַזוי האָט זיך דער אויפשטאַנד וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער און ברייטער פונאַנדערגעקאָכט. דאָס גאַנצע פאָלק איז אַרומגענומען געוואָרען פון דעם מעכטיגען רעוואָלוציאָנערען פייער, און האָט געזעהען פאַר זיך נאָר איין איינציגען אויסוועג און איין-איינציגע האָפנונג: זיך בעפרייען פון די געצענדיענער, אַראָבוואַרפען פון זיך דעם פרעמדען יאָך און איין מאָל פאַר אַלע מאָל אויפהערען צו ליידען פון דער אַכזריות'דיגער אַרומיגער וועלט. און די שטימונג פון פאָלק איז געווען אַ געהויבענע. ביי אַלע שרעקליכע צוזאַמענשטויסען פון דער לעצטער צייט, ביי די אַלע שרעקליכע שחיטות און הריגות, האָט עס דאָך גוט געדענקט דעם גלענצענדען נצחון, וואָס דער אויפשטאַנד האָט אָבגעהאַלטען איבער די רוימער אין ירושלים, און דאָס האָט איהם צוגעגעבען מוט און האָפנונג. דערווייל איז גאַנץ יהודה כמעט אָבגערייניגט געוואָרען

פון די רוימער, און עס האָט געהייסען, אַז די פרייהייט איז שוין געווי־נערט, אַז די פרעמדע געצענדיענער וועלן שוין מעהר קיינמאָל קיין שליטה נישט האָבען איבער דער יודישער אומה. דאָס האָט דעם פאָלק אַזוי ווי פערשכורט, און די פיהרער פון דעם אויפשטאַנד האָבען צום יכר פון דער גרויסער ישועה, אויסגעגאָסען אַפילו נייע אייגענע מטבעות מיט דעם העבּרעאישען אויפשריפט: „דאָס ערשטע יאָהר צו דער אויס־לייזונג פון ישראל" און דאָס וואָרט „ירושלים". אויף דער צווייטער זייט האָבען די מטבעות געהאַט פערשיעדענע פערציערונגען פון סכות־בילדער (אַ בוקעט פון לולב מיט די הדסים, אַ אתרוג און אויך די אָבּבילדונג פון אַ סוכה), וואָס האָבען געזאָלט דערמאָהנען דעם גרויסען נצחון (וועל־כער איז אָבּגעהאַלטען געוואָרען פאַר סוכות), און אַרויסרופען ביים פאָלק אמונה און בטחון אין גאָט'ס ישועות.

נישט לאַנג אָבער האָט זיך דער חלום געצויגען. דער רוימישער פערטרעטער פון סיריען, צעסטיוס גאַלוס, האָט זיך סוף כל סוף גענוי־מען ענערגיש גרייטען, צו דערשטיקען דעם יהודה'שען אויפשטאַנד און צוריקשטעלען דאָרטען די „אָרדנונג". ער האָט צוזאַמענגעצויגען אין אַנ־טיוכיא אַ אַרמעע פון דרייסיג טויזענד מאַן, וואָס איז בעשטאַנען טיילווייז פון רוימישע לעגיאָנען, און טיילווייז פון קלענערע פרעמדע מחנות, וועלכע עס האָבען איהם געשטעלט צו הילף די אַרומיגע רוימישע וואַ־סאַלען. צו די לעצטע האָט, איבריגענס, אָנגעהערט אויך אגריפּוס II, וועלכער האָט אויסער זיינע הילפס־מחנות, זיך נאָך אַליין אויך אַרויסגע־רופען, צו דיענען דער גאַנצער אַרמעע אַלס וועג־ווייזער. מיט דער אַרמעע האָט זיך גאַלוס אָנגעהויבען צורוקען נעהנטער צו די גרענעצען פון יהודה, און ווי ס'האָט זיך געוועהנליך פּראַקטיצירט אין יענער צייט, האָבען די סאָלדאַטען קודם כל חרוב געמאַכט אַלץ, וואָס זיי האָבען נאָר בעגעגענט אויף זייער וועג.

ווען ס'איז אָנגעקומען קיין ירושלים די ידיעה וועגען גאַלוס'עס מאַרשרוט, האָבען זיך אַלע גענומען פאַר'ן געוועהר. צעסטיוס האָט זיך אָבּגעשטעלט מיט זיין מחנה ביי גבעת, אַ מייל ווייט פון ירושלים, וואו ער האָט ערוואַרט אויפצונעהמען די שלוחים פון דער יודישער בע־פעלקערונג מיט דער בקשה וועגען בעגנאַדיגונג; ער האָט זיך אָבער ביטער גענאַרט. די זעלאָטען האָבען זיך אין גרויסע מאַסען אַרויסגעלאָ־זען פון ירושלים, און צוקומענדיג צו דעם רוימישען לאַגער זענען זיי איהם בעפאַלען מיט אַזאַ ווילדען אימפעט, אַז די סאָלדאַטען זענען

פשוט צוטומעלט געווארען , און איידער נאך זיי האבען בעוויעזען , צו זיך צו קומען , האבען זיי שוין געהאט פערלוירען איבער פינף הונדערט מאן , וועהרענד פון דער יודישער זייט זענען אינגאנצען געפאלען דריי און צוואנציג . נאך דעם דאזיגען צוזאמענשטויס מיט די רוימער , וואס האט זיך ווידער גלענצענד איינגעגעבען , האבען זיך די רעוואלוציאנע־רען אומגעקעהרט מיט לויב־ און הושענה־געזאנגען צוריק קיין ירושלים איבערלאזענדיג אויפ׳ן וועג א וואך פון פונאנדערגעווארפענע קליינע קרעפטען , כדי צו שטערן די שנעלע בעוועגונג פון שונא׳ס מחנה . אונטער דער צייט האט דער „יודישער קעניג״ אגריפפוס נאכאמאל ארויס־געוויעזען זיין רוימישען פאטריאטיזם—שוין אויף א דיפלאמאטישען אופן . ער האט אריינגעשיקט צוויי שלוחים קיין ירושלים מיט דעם פארשלאג , אז יודען זאלען אוועקלעגען דאס געוועהר , און ער זאגט זיי צו דערפאר אויסצופועל׳ן א פולע אמנעסטיע פאר די רעוואלוציאנערען . די זעלאטען האבען אבער , דעם פאטריאטישען פארשלאג גארנישט געוואלט אויס־הערן — זיי האבען איינעם פון די שלוחים געהרג׳עט , און דעם צוויי־טען פערוואונדעט .

אויפ׳ן פירטען טאג נאך דעם צוזאמענשטויס אין גבעת איז צעשטויס׳ען דאך געלונגען צוזאמענצונעמען אלע זיינע מיליטערישע כחות , און דורכרייסענדיג די קייט פון דער יודישער וואך , האט ער זיך דער־שלאגען מיט זיין מחנה קיין ירושלים . אין שטאדט גופא האט ער אבער די סאלדאטען נישט אריינגעפיהרט , און די מחנה האט געלאגערט אויף דעם שטח ס ק א פ א ס , זיעבען סטאדיומ׳ס וויט פון ירושלים . די זע־לאטען האבען די שוואך־בעפעסטיגטע פאזיציעס אויסערן שטאדט אינ־גאנצען איבערגעלאזען , און צוזאמענגענומען זייערע אלע קרעפטען אין צענטר פון שטאדט , וואס איז געוועזען גוט געשיצט מיט פעסטע מויער־ווענט , און אויפ׳ן בית־המקדש־בארג . מיט דער לאגע האבען זיך דערוויל בענוצט די רוימער , און צושטערענדיג די פארשטאט בעזעטא , האבען זיי זיך גערוקט פאראויס , צו די טויערן פון שטאדט . דאס האט אבער די זעלאטען נישט אבגעשראקען ; זיי האבען זיך גרייט געמאכט , צו קעמפפען פאר זייערע איינגענומענע פאזיציעס אויף לעבען און טויט , און ווען עטליכע דערשראקענע אריסטאקראטען האבען זיך געפרובט אויפעפענען פאר די רוימער די טויערן פון שטאדט , האבען זיך די זעלא־טען ארויפגעווארפען אויף זיי , ווי אויף פעררעטער , און געלאזען זיי אראבערווארפען פון די שוץ־ווענט . די רוימער זענען דאן צוגעטרעטען

צו דער בעלאַגערונג און האָבען פינף טאָג דורכאַנאַנד באָמבאַרדירט די שטאָדט־מויערן. זיי זענען אָבער כסדר אָבגעשטויסען געוואָרען — דער פייער־מבול פון די בעלאַגערטע האָט זיי געצוואונגען אָבצוטרעטען. ערשט אויפ'ן זעקסטען טאָג האָט זיך די רוימער איינגעגעבען אונטערצוגראָבען די צפון־וואַנט, אַנטקעגען בית־המקדש; גאַלוס האָט אָבער נישט געפונען פאַר מעגליך, אויסצוניצען די דאָזיגע גינסטיגע לאַגע און זיך אַריינצורייסען מיט זיין מחנה אין דער נאָך גוט בעפעסטיגטער שטאָדט. דערצו האָבען זיך אָנגעהויבען די גרויסע רעגענס פון הערבסט; די וועגען זענען פערדאָרבען געוואָרען און גאַלוס האָט מורא געהאַט, די רעוואָלוציאָנערען פון דער פּראָווינץ זאָלען זיך איהם נישט אַוועקשטעלען פון הינטען און אַזוי אַרום אָבשניידען פון דער אַרומיגער וועלט. ער האָט דעריבער אינגאַנצען אָבגעצויגען זיין מחנה פון שטאָדט און אָנגעהויבען מאַרשירען מיט איהר צוריק.

דער פאַקט, אַז די רוימער טרעטען אָב פון שטאָדט, האָט די רעוואָלוציאָנערען נאָכמעהר בעגייסטערט, און זיי האָבען זיך גענומען פערפאָלגען די אַנטלויפענדע און זיי נאָכיאָגען. די הינטערשטע רייהען פון דער שווער־בעלאָדענער רוימישער אַרטילעריע, האָבען זיך כסדר געפונען אונטערן שרעקליכען פייער פון די לייכט־בעוועגליכע יהודה'עאישע מחנות, און די שמאָלע בערג־דורכגאַנגען אַרום ירושלים זענען בעדעקט געוואָרען מיט געפאַלענע רוימישע סאָלדאַטען. אַזוי האָט זיך גאַלוס דערשלאָגען מיט דעם פאָדערשטען טייל פון זיין מחנה צוריק קיין גבעת. די פערפאָלגענדע יהודה'עאישע מחנות האָבען איהם אָבער דאָ אויך נישט רוהיג געלאָזען, און ער האָט זיך געזעהן געצוואונגען איבערצולאָזען דעם גאַנצען לאַגער פון שפּייז און געוועהר, און זיך צו לאָזען לויפען ווייטער, קיין בית חורון. און דאָ, אין דעם שמאָלען בערג־דורכגאַנג, איז די לאַגע פון די רוימער נאָך ערגער געוואָרען! די יהודה'עאישע רעוואָלוציאָנערען האָבען פערנומען אַלע אַרומיגע בערג און כסדר געשאָסען אויף דער דורכגעהענדער רוימישער מחנה, אַזוי אַז די לעצטע האָט זיך געפונען אַרומגענומען פון אַלע זייטען, און עס האָט קיין ספק נישט געפעהלט, זי זאָל אינגאַנצען צוריבען און פערניכטעט ווערן. עס האָט זיך אָבער אָנגערוקט דערווייל די נאַכט, און גאַלוס'ן איז געלונגען, אָבצונאַרען די יודישע העלדען און זיך אַרויסצוגנב'נען פון זייערע הענד. ער האָט איבערגעלאָזען אויפ'ן פּלאַץ אַ אָבטיילונג פון פיער הונדערט העלדישע סאָלדאַטען, און ער אַליין

מיט די איבריגע אָבטהיילונגען האָבען שטילערהייד אוועקגעמארשירט פאַראויס . די רעוואָלוציאָנערן האָבען ערשט אין דער פריה בעמערקט אַז גאַלוס איז אַנטלאָפען , און נאָך דעם ווי זיי האָבען אויסגעהרג'עט דעם איבערגעבליבענעם גאַרניזאָן , האָבען זיי זיך געלאָזען נאָכיאָגען די אַנטלאָפענע ביז אַנטיפּאַטרוס ; יענע זענען שוין אָבער דאָ נישט געווען . דאַן האָבען זיך די רעוואָלוציאָנערען אָבגעשטעלט , און צונויפגענומען די אַלע כלי זיין און בעלאַגערונגס-מאַשינעם , וועלכע גאַלוס איז געצוואונגען געווען איבערצולאָזען אין וועג , כדי זיך צו קענען לייכטער בעוועגען , — האָבען זיי זיך אומגעקעהרט צוריק קיין ירושלים . צווישען אַט די טראָפּעען האָט זיך געפונען אויך די רוימישע קריגס-קאַסע מיט אַ בעדייטענדער סומע געלד , און דאָס האָט נאָכמעהר פערשטאַרקט די שאַנסען פון אויפשטאַנד . אויסער דעם אוצר פון געלד , שפּייז און כלי זיין , האָבען די רוימער פערלוירען אין דער מלחמה ביז זעקס טויזענד סאָלדאַטען , און די בעסטע אָבטהיילונג פון דער גאַנצער מחנה , וואָס איז געווען ספּעציעל בעשטימט פאַר ירושלים , — האָט צו דעם אַלעמען נאָך פערלוירען איהר אָדלער , וואָס ס'האָט זיך גערעכענט ביי די רוימער פאַר דער שענדליכסטער מפּלה .

דער דאָזיגער אונגעוועהנליכער נצחון איבער די לעגיאָנען פון שונא, האָט אַרויסגערופען אין ירושלים אַ אונבעשרייבליכע פרעהליכקייט. די גאַסען זענען פערהילכט געוואָרען פון מונטערע קריגס-לידער , און אַלע הערצער זענען פול געווען מיט גליקליכע האָפנונגען . פאַר דער צוקונפט האָט זיך קיינער נישט געשראָקען : „ווי מיר האָבען צושלאָגען — האָבען די זעלאָטען געזאָגט — די צוויי קריגס-פיהרער , אַזוי וועלען מיר אויך די איבריגע בעזיגען” . די אָנהענגער פון שלום האָבען שוין איצט נישט געוואַגט אָפען צו רעדען וועגען „אונטערטעניגקייט” און „אונטערגעבען זיך” . און זענען אַליין אויך אַריינגעצויגען געוואָרען ביסליכווייז אין דעם אַלגעמיינעם שטראָם פון אויפשטאַנד . וואָס האָט פערכאַפּט דעם גאַנצען פאָלק . די שומרונים אַפילו , האָבען אויך פערגעסען זייער אַלטען כעס . און זיך אַוועקגעשטעלט אין איין רייהע מיט זייערע נעכטיגע שונאים .

די פרעהליכע בעגייסטערונג פון די זיגער האָט צוגעגעבען דער יהודה'שער הויפּטשטאָדט גאָר אַ פערענדערטען אויסזעהען . די זעלאָטען זענען געווען דורכגעדרונגען מיט אַ טיעפער , בעגייסטערטער זיכערקייט אין דעם ערפאָלג פון זייער אונטערנעהמונג ; געוואוסט האָבען זיי אָבער

אַז די אמת׳ע מלחמה הויבט זיך איצט אָן, און מ׳מוז זיך ערנסט גרייטען צו אַ לאַנג=דויערנדען קאַמפּף. זיי האָבען זיך דעריבער גענומען אויסניצען די איצטיגע געוואונענע צייט. הונדערטער הייזער זענען בעשעפּטיגט געוואָרען מיט וואָפּענשמידעריי; די מויערן אַרום שטאָדט זענען גוט פערריכט און נאָך שטאַרקער בעפעסטיגט געוואָרען; די יוגענד האָט זיך יעדען טאָג איינגעאיבט אין דער קריעגס=קונסט, און דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרען פון אַלע — די מעסיגע אַריסטאָקראַטען און מיושב׳דיג=פּאַסיווע פּרושים אויך נישט אויסגעשלאָסען. צו די פּאָליטישע אויסרעכנונגען און דעם רעוואָלוציאָנערען ענטוזיאַזם איז דאָ צוגעקומען בּיסליכווייז אויך דער רעליגיעזער עלעמענט: דער אונגעוועהנליכער נצחון איבער די מעכטיגע רוימער האָט נישט ווילענדיג אַרויסגערופען דעם געדאַנק וועגען אַ צייכען פון גאָט, וואָס קלויבט זיך ענדליך אויסצולייזען זיין אויסדערוועהלטען פּאָלק פון די געצענדיענערישע הענד.

דערווייל אָבער איז דאָס לאַנד געבליבען אָהן אַ שום פערוואַלטונגס=מאַכט, און עס האָט זיך שטאַרק געשפּירט דער מאַנגעל פון אַ צענטראַלען פּונקט, וואָס זאָל פעראייניגען אַרום זיך אַלע כחות פון דעם אויפשטאַנד און איהם צוגעבען אַ בעשטימטען, אָרגאַניזירטען כאַראַקטער. צו דעם צוועק איז געשאַפען געוואָרען אַ דערווייליגע רעגירונג. אָט די רעגירונג האָט איבערגענומען אין איהרע הענד אַלע פונקציעס פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען, און בעזונדער — די גאַנצע מאָביליזאַציאָנס=אַרבייט און די אָרגאַניזירונג פון דער פאָלקס=מיליציע. אַ גרויסע פּאָליטישע און אַדמיניסטראַטיווע בעדייטונג האָט איצט בעקומען אויך דאָס סנהדרין, בּראש פון וועלכען ס׳איז אַוועקגעשטעלט געוואָרען הלל׳ס אַ אייניקעל, מיט׳ן נאָמען ר׳ שמעון בן גמליאל. די מיטגליעדער פון אָט די ביידע אינסטיטוציעס האָבען אַמטעהרסטענטייל אָנגעהערט צו די העכערע קלאַסען, און פיעל פון זיי זענען אַפילו געוועזען בעקאַנט אין אָנהויב פאַר הייסע געגנער פון דעם אויפשטאַנד. איצט אָבער, נאָך די ערשטע גליקליכע נצחונות איבער דער פרעמדער מאַכט, האָבען זיי זיך פעראייניגט מיט׳ן פאָלק און זיך אַוועקגעשטעלט אין דער שפּיץ פון דעם אויפשטאַנד אַלס פיהרער און דעה=זאָגער. די אינטערעסען פון דער רעוואָלוציע האָבען פון דער פעראייניגונג נישט פערדיענט, ווייל די דאָזיגע קאַלטע אַריסטאָקראַטען האָבען נאָך איצט אויך נישט שלום געשלאָסען איננאַנצען מיט דעם געדאַנק פון אַ אויפשטאַנד געגען

די אונבעזיעגבארע רוימער, און אין בעסטען פאל האט זיי געפעהלט דער פאטריאטישער ענטוזיאזם, דער פעסטער בעשלוס, זיך מוסר נפש צו זיין פאר יהודה'ס זעלבסטשטענדיגקייט. אט דער קאלטער רעכנונג און די פערזענליכע פאליטיק האט זיך ארויסגעוויזען גלייך ביי דער בעשטימונג פון די פערשיעדענע פעראנטווארטליכע פאסטענס: די ארגאניזירונג פון דער פאלקס-מיליציע אין ירושלים און די בעפעסטיגונג פון דער הויפטשטאדט בכלל איז איבערגעגעבען געווארען דעם געוועזענעם כהן-גדול ענן און דעם אריסטאקראט יוסף בן גוריון; פאר א הויפטמאן פון דער גאנצער גליל-פראווינץ איז בעשטימט געווארען יוסף בן מתתיהו, דער שפעטערדיגער בעריהמטער היסטאריקער, און אזוי זענען איינגעטיילט געווארען צווישען די הויכע אריסטאקראטען אויך די איבריגע „טאפארכיעס" (פראווינצען), ווערהענד די פאקטישע פיהרער פון דעם אויפשטאנד, אלעזר בן חנניה און אלעזר בן שמעון, זענען כמעט אינגאנצען בעזייטיגט געווארען פון דער גרויסער ארבייט. און דאס אלץ איז געטאן געווארען נישט געגען דעם ווילען פון פאלק — דאס פאלק אליין איז נאך געוועזען דורכגעדרונגען מיט א טיעפער יראת הכבוד צו די אלטע מיוחס'דיגע משפחות און האט זיך סוף כל סוף דאך נישט געקענט ענטשליסען, אוועקצושטעלען זיינע קינדער, די העלדען פון היינט אהן וועלכען ס'איז זכות פון נעכטין, בראש פון דער גאנצער בעוועגונג.

אַכטעס קאַפּיטעל.

די מלחמה אין גליל.

(66—67).

גליל, דאָס לאַנד, וואָס איז איצט איבערגעגעבען געוואָרען איין דער מאכט פון יוסף בן מתתיהו (יאָזעפוס פלאַוויוס), איז געוועזען דער בעדייטענדסטער פונקט פון דעם גאַנצען אויפשטאַנד נאָך ירושלים. די דאָזיגע פרוכטבאַרע און רייכע פראָווינץ, מיט איהר קרעפטיגער און היציגער בעפעלקערונג, האָט ניט געקענט רוהיג בלייבען בייַ די ידיעות וועגען דעם אויפשטאַנד אין ירושלים; די אונגליקליכע אַנטלאָפענע יודען פון די אַרומיגע שטעדט, וועלכע פלעגען מאַסען=ווייַז קומען צו זייערע ברידער קיין גליל, און בעטען בייַ זיי שוץ און הילף, — האָבען געמוזט מאַכען אַ שטאַרקען רושם אויף די גליל'ער, און זיי האָבען זיך ביסליכווייַז אָנגעהויבען צו פעראייניגען מיט די יהודה'ער אונטער דער פאָהן פון דעם הייליגען קאַמפף פאַר דער בעפרייאונג פון דער אומה. די צענטערן פון דער רעוואָלוציע אין גליל זענען געוועזען: טבריה אין דרום און גוש=חלב (גיסחאַלאַ) אין אויסערסטען צפון, טבריה אין דרום און גמלא געגענאיבער טבריה, בייַם מזרח=ברעג פון ים כנרת. אין גוש=חלב איז די יודישע בעפעלקערונג פשוט אַרויסגעפאָדערט געוואָרען צום קאַמפף: די אַרומיגע געצענדיענער האָבען זיך צוזאַמענגענומען און זענען בעפאַלען די שטאָדט מיט די אייַנוואוינער, אונטערציַנדעדיג אַ מאַסע הייַזער. אָט דער אָנפאַל האָט געדיענט אַלס סיגנאַל פאַר

די יודען פון שטאדט , און באלד האט זיך פון זייערע רייהען ארויסגערוקט די ליכטיגע געשטאלט פון א וואוטיג-פייערדיגען קנאי , וואס האט מיט א אונגעוועהנליכער העלדישקייט און פערצווייפלונג געקעמפפט געגען די רוימער ביז דער לעצטער שעה. דאס איז געוועזן איינער מיט'ן נאמען יוחנן בן לוי (יוחנן פון גוש-חלב) , — אליין א ארימער און זאגאר אויך פיזיש-שוואכער , דערפאר אבער א מענש מיט א אונגעוועהנליכער פאטריאטישער התלהבות אין הארצען און א אייזענ-פעסטען כאראקטער . יוחנן האט אנגעהויבען זיין רעוואלוציאנערע קאריערע דערמיט, וואס ער האט צינויפגעזאמעלט ארום זיך אלע פאטריאטיש געשטימטע יודען פון אויבער-גליל (גליל האט זיך געטיילט אויף אויבער- און אונטער-גליל) און אויך די אנטלאפענע פון די ארומיגע סירישע שטעדט , און איז מיט דער מחנה בעפאלען עטליכע שכנישע ישובים , כדי זיך נוקם צו זיין אן די געצענדיענער .

אין טבריה האט די רעוואלוציאנערע פארטיי געמוזט פיהרען א ביטערן קאמפף מיט די פריעדליכע רוימער-פריינד . די דאזיגע פרוכטבאר-שענע שטאדט ביים ברעג פון ים כנרת, האט זיך שוין פון א בעדייטענדער צייט געהאט געפונען אונטער דער מאכט פון דעם האלב-יודישען און רוימיש-געשטימטען קעניג , אגריפס II , אזוי אז דער בעפעלקערונג האט זיך געלעבט נישט שלעכט און זי האט גאנץ וועניג געשפירט אויף זיך דעם דריקענדען יאך פון דער פרעמדער מאכט . זי האט דעריבער געקוקט אויף די רעוואלוציאנערע פאטריאטען , ווי אויף צושטערער פון דער געזעלשאפטליכער רוהיגקייט , און האט זיך זייער נישט געוואלט אונטערגעבען ; געענדיגט האט זיך אבער דער צוזאמענשטוים מיט'ן נצחון פון די זעלאטען, און גרויסע מאסען פון די איינוואוינער זענען אריבער אין די רייהען פון דער רעוואלוציע . דאס איז געשעהען א דאנק דער אגיטאציע פון א געוויסען יוסטוס בן פינטוס , וועלכער האט זיך דערנאך בעריהמט געמאכט מיט זיין גריכישע בעארבייטונג פון דער יודישער געשיכטע . יוסטוס האט זיך אויסגעצייכענט מיט א אונגעוועהנליכער רעדע-קראפט און האט אנגעהערט צו די אינטעליגענטע קרייזען פון דער בעפעלקערונג ; ער האט דעריבער בעזונדער געווירקט אויף די רייכע און פערמעגליכע , און איהם צו הילף איז געקומען אנ'אנדער קנאי , יהושע בן ספיא , וועלכער האט צוגעצויגען צו דער „הייליגער זאך" די שיפער'ס און משא-טרעגער'ס פון טבריה . צוזאמען האבען די רעוואלוציאנערען אלזא געהאט אויף זייער

זײַט אַ בּעדײַטענדע מעהרהײַט, און דער קלײנער הײפעל אַריסטאָקראַטען, װאָס איז טרײַ געבּליבּען אַגריפּוס'ען, איז נישט אימשטאַנד געװען, זיך זײ אַנטקעגענצושטעלען. נאָך דעם װי ס'איז אָנגעקומען די ידיעה װעגען גאַלוס'עס מפּלה, האָבּען זיך די בּעגײַסטערטע זעלאָטען פון טבריה אױך אָװעקגעלאָזען אין די סירישע שטעדט, און זיך בּיטער גוקם געװען אָן די געצענדיענער פאַר די יודישע שחיטות.

אַזאַ בּלוטיגער צוזאַמענשטױס צװישען געצענדיענער און יודען איז פאָרגעקומען אױך אין גמלא, דער װיכטיגסטער פּונקט בּײַם דרום-מזרח-בּרעג פון ים, װאָס איז געװען כמעט אומבּעצװינגבּאַר צוליעב זײַן געאָגראַפישער לאַגע. די יודען זענען געצװאונגען געװאָרען זיך צו פערטײדיגען, און דאָס האָט זײ שױן ממילא אַװעקגעשטעלט אין די רײהען פון דער רעװאָלוציע.

דער רעװאָלוציאָנערער שטראָם האָט שױן אַלזאָ געהאַט פערכאַפּט די בּעדײַטענדסטע פּונקטען פון גליל, נאָך אײדער יוסף איז געקומען אַהין אַלס פערטרעטער פון דער צענטראַלער דערװײַליגער רעגירונג, און פון גאַנץ גליל איז נאָר די איצטיגע הױפּטשטאָדט, צ פּ ו ר ה, טרײַ געבּליבּען די רױמער און נישט געװאָלט צושטעהן צום אױפשטאַנד, פאַרװאָס זי איז פערהאַסט געװען פון דער גאַנצער גליל'עאישער בּעפעלקערונג. בּײַ שטאַרקע קריעגס-פעהיגקײַטען און בּײַ אַ ערליכער בּעגײַסטערונג פאַר דער זאַך, װאָלט דער דאָזיגער רײַכער מאַטעריאַל אָהן צװײפעל געקענט אױסגענוצט װערן מיט אַ גלענצענדען ערפאָלג, און פון דעם איז אין אַ געװיסען זין אָבּגעהאַנגען דער גורל פון דער גאַנצער אונטערנעהמונג; אָט די מעלות האָבּען אָבּער געפעהלט דעם נײַעם פערװאַלטער פון לאַנד, און דאָס האָט געמוזט פיהרען צו שלעכטע רעזולטאַטען.

י ו ס ף בּ ן מ ת י ת י ה ו, דער שפּעטער בּערימטער געװאָרענער היסטאָריקער י אָ ז ע פ ו ס פ ל אַ װ י ו ס (געבּ. 38), האָט געשטאַמט פון אַ אָנגעזעהענער כהנים-משפּחה, װאָס האָט זיך געצױגען (פון דער װײַבּליכער ליניע) בּיז די חשמונאים. ערצױגען אַלס געזעצלעהרער אין די ישיבות פון די פּרושים, איז יוסף דאָך געקומען אין אַ געװיסער בּערירונג מיט דער גריכיש-רױמישער קולטור, און די דאָזיגע בּערירונג איז איבּערגעגאַנגען אין אַ נאָהנטער פערבּינדונג נאָכדעם, װי ער האָט פערבּראַכט צװײ יאָהר אין'ם צענטער פון אָט דער קולטור, אין רױם. אַהין איז דער זיבּענאונצװאַנציג יעהריגער אַריסטאָקראַט

געשיקט געווארען אלס שתדלן, אום אויסצופועל'ן די בעפרייאונג פון א געוויסען יהודה'עאישען געפאנגענעם, און דורך דער רעקאמענדאציע פון א בעליעבטען יודישען ארטיסט, אליטיראס, איז ער אנגענומען געווארען פון דער יודענפריינדליכער קייזערין פאפעא, וועלכע האט ערפילט זיין שתדלנות און איהם נאך בעגליקט מיט רייכע מתנות. דער בעריהמטער יודישער געזעצלעהרער אין גייסט פון די פרושים האט דא, אלזא, געהאט די מעגליכקייט זיך נאהנט צו בעקאנען מיט דעם גרונד־כאראקטער פון דער וועלט־קולטור, און דאס האט זיך שטארק אבגערופען אויף זיין גאנצער וועלט־ און לעבענס־אנשויאונג. דער גלאנץ פון נעראנ'ס הויף, די ענטציקענדע שענקייט פון דער ריזיגער וועלט־שטאדט, דער קאמפליצירטער מעכאניזם פון דער אונגעהויערער מלוכה־אינסטיטוציע — אלץ האט דעם זוהן פון דער אייגנפארביג־רעליגיעזער יהודה בערוישט און פערבלענדעט, און ער האט אנגעהויבען צו גלויבען, אז די השגחה אליין האט בעשטימט די רוימער פאר אייביגע וועלט־בעהערשער.

און אט, מיט אזא טיעפער התפעלות פון רוימ'ס גרויסקייט, מעכטיגקייט און שענקייט, האט זיך יוסף אומגעקעהרט צוריק קיין יהודה, גראד אין דער צייט, ווען א מחנה בעגייסטערטע פאטריאטען האט זיך ארומגעטראגען מיט דער האפנונג, צו פערטרייבען די רוימער פון לאנד. אין אנהויב האט זיך יוסף בעצויגען צו די דאזיגע היץ־קעפ, ווי צו פשוט'ע משוגעים, און האט אנגעווענדעט זיין גאנצען איינפלוס, אום אבצוהאלטען דעם פאלק פון אזעלכע ווילדע פלענער. שפעטער אבער, ווען ער האט געזעהען, אז דאס פאלק טראכט טאקי גאנץ ערנסט וועגען א אויפשטאנד און האט שוין אפילו אבגעהאלטען עטליכע אונגעוועהנליכע נצחונות איבער די אלמעכטיגע לעגיאנען פון די רוימער, — האט ער אנגעהויבען צו פערשווייגען זיינע מיינונגען און זאגאר אויך ארויסצעווייזען א געוויסע סימפאטיע צו די שטרעבונגען פון די פאטריאטען, און דאס האט געבראכט דערצו, אז ער זאל בעקומען אין זיין מאכט די בעדייטענדסטע פראווינץ פון גאנץ פאלעסטינא.

אנקומענדיג קיין גליל, האט זיך יוסף ערנסט גענומען צו ערפילען זיינע חובות אלס פערוואלטער פון לאנד, און ס'האט אויסגעזעהען, אז ער קלויבט זיך ווירקליך נישט בלויז אונטערצוהאלטען דאס רעוואלוציאנערע פייער, נאר זאגאר אויך עס נאך שטארקער פונאנדערצובלאזען. ער האט קודם כל ארגאניזירט די בירגערליכע אדמיניסטראציע

פון לאנד, און צו דעם צוועק האט ער געגרינדעט א מין סנהדרין פון זיעבעציג זקנים, לויט דעם מוסטער פון דער זעלביגער אינסטיטוציע אין ירושלים. דאס איז געווען די צענטראלע געריכטס-אינסטיטוציע, און אויסער דעם האט ער אין יעדער שטאדט און שטעדטיל געלאזען אויסוועהלען א קאמיטעט פון זיעבען פערזאן, וואס האט געהאט צו זאגען איבער אלע אינערליכע אנגעלעגענהייטען פון דער קהלה. דערנאך האט ער זיך גענומען צו די רעוואלוציאנערע פארברייטונגען. א ריידע גליל'עאישע שטעדט, וואס האבען זיך געפונען אין א גוטער געאגראפישער לאגע, האט ער געלאזען גוט בעפעסטיגען; דאן האט ער רעקרוטירט א מחנה פון גאנצע הונדערט טויזענד מאן, נעהמענדיג פון יעדער שטאדט א העלפט פון דער גאנצער מאנסבילשער בעפעלקערונג. אט די אלע סאלדאטען זענען איינגעאיבט געווארען אין דער מיליטערישער דיסציפלין, האבען בעקומען געוועהר און זענען בכלל געבילדעט געווארען אין דער מיליטערישער קונסט, לויט דעם מוסטער פון די רוימער. ביי דעם אלעמען האט יוסף אויך זיך נישט פערגעסען: ער האט ארגאניזירט א בעזונדער לייב-וואך פון פינף הונדערט טראבאנטען (בעוואפענטע גבורים), וואס איז געשטאנען גרייט צו ערפילען יעדען וואונק פון איהר געביטער.

די בעפעלקערונג פון גליל האט זיך אין דער ערשטער צייט בעצויגען מיט דער געהעריגער אכטונג צו דעם געשיקטען פערטרעטער פון ירושלים, און איז איהם געווען געהארכזאם אין אלע הינזיכטען; באלד אבער האט זי זיך אנגעהויבען בעציהען צו איהם מיט א געוויסען פערבארגענעם חשד, וועלכער האט געשטאמט דערפון, וואס יוסף האט ארויסגעוויזען צווייזייטיגקייט אין זיין פערהאלטען זיך צום קעניג אגריפום. דער לעצטער, וועלכער איז איצט אפען ארויסגעטרעטען געגען זיין פאלק, אלס וועגווייזער פון דער רוימישער מחנה. — האט ארויסגערופען געגען זיך אלע רעוואלוציאנערע טיילען פון דער גליל'עאישער בעפעלקערונג, און דא האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער געשיקטער פון ירושלים צו ארגאניזירען דעם „אויפשטאנד”, געהט גאר האנד ביי האנד מיט דעם קעניגליכען „פעררעטער”, מיט אגריפוס'ען! דער ערשטער סכסוך האט אויסגעבראכען צווישען יוסף'ן מיט דער בעפעלקערונג נאכדעם, ווי א מחנה יונגע לייט, אונטער דער אנפיהרונג פון יהושע בן סאפיא, האט צושטערט דעם קעניגליכען פאלאץ אין טבריה אין איהם בערויבט. יוסף איז גלייך אוועקגעלאפען אויפ'ן פלאץ פון דעם

געשעהעניש, און געזעהען, אז די אלע אוועקגערויבטע זאכען זאלען אנקומען צו אגריפוס'ען אין די הענד. דאס האט דער בעפעלקערונג אויסגעזעהען פערדעכטיג, ווייל ער, יוסף, אליין האט מיט עטליכע טעג פריהער געהייסען דעם פאלאץ צושטערן צוליעב דעם, וואס אין איהם האבען זיך געפונען פערבאטענע פערפוצונגען — בילדער פון חיות.

מיט א בעזונדער שטארקען חשד האט אנגעהויבען קוקען אויף יוסף'ן — יוחנן פון גוש חלב. אט דער גליהענדער פאטריאט, וואס איז אינגאנצען געווען בעהערשט פון דער ליידענשאפטליכער שטרעבונג צו פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט, האט נישט געקענט מוחל זיין דעם אריינגעשיקטען פיהרער זיין קאלטקייט און זיין צווייזייטיגע פאליטיק. יוחנן האט געפרובט בעטען ביי יוסף'ן א ערלויבניש, צו פערקויפען די קייזער=ליכע תבואות פון די אויבער=גליל'עאישע דערפער, אום פאר דעם געלד אבצובויען די איינגעפאלענע מויער=ווענט פון גוש=חלב — האט איהם יוסף די ערלויבניש נישט געוואלט געבען. דערנאך איז פארגעקומען אנ'אנדער פאל: עטליכע יהודה'עאישע פרייוויליגע פון דעם דארף דברת זענען בעפאלען אגריפוס'עס רייזע=פערוואלטער און האבען ביי איהם אוועקגענומען דעם גאנצען באגאזש, אין וועלכען ס'האבען זיך געפונען פיעל טייערע חפצים. דאס אוועקגערויבטע גוטס איז צוגעשטעלט געווא=רען דעם לאנד=פיהרער, יוסף'ן, אלס קריגס=רויב, און ער האט צוגע=זאגט, דאס אבצושיקען קיין ירושלים, אין דער נאציאנאלער קאסע; פאקטיש האט ער אבער די אוועקגערויבטע חפצים געוואלט צוריק בע=זארגען אגריפוס'ען. פון דעם פאקט האט זיך די בעפעלקערונג דער=וואוסט, און דאס האט נאכמעהר פערשטארקט די שנאה צו דעם „פער=רעטערישען" פיהרער. די דערצארענטע און אויפגערייצטע מאסען האבען ארומגערינגעלט זיין פאלאץ און געוואלט איהם אונטערצינדען; דאס האט ארויפגעווארפען אויף יוסף'ן א טויט=שרעק, און ער האט זיך געבעטען ביי די פערזאמעלטע, זיי זאלען איהם שענקען דאס לעבען, צוזאגענדיג, אז ער וועט דאס אוועקגענומענע רויב נישט אבשיקען אגריפוס'ען, נאר פערניצען צו א פאטריאטישען צוועק. די פערזאמעלטע האבען איהם געגלויבט און זיך אנגעהויבען פונאנדערצוגעהן, דאן האט יוסף זיך נוקם געווען אן דעם איבערגעבליבענעם טייל פון פערזאמעלטען עולם, און זיינע טראבאנטען האבען זיך ארויפגעווארפען אויף זיי און זיי געשלא=גען מכות=רצח.

נאָך די אַלע מעשים האָט שוין מעהר וועגען אַ פעראייניגטער רעוואָלוציאָנערער טעטיגקייט קיין רייד נישט געקענט זיין. די בעפעלקערונג איז צוטיילט געוואָרען אויף צוויי פיינדליכע פּאַרטייען, פון וועלכע איינע האָט זיך ווייטער געהאַלטען ביי דעם אָפּיציעלען פיהרער פון אויפשטאַנד, ביי יוסף'ן, און די אַנדערע האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום דעם פּאַקטישען זעלאָטען־אָנפיהרער — יוחנן פון גוש־חלב. די דאָזיגע ביידע מנהיגים זענען זיך געווען טויט־שונאים איינער דעם צווייטען, און יוחנן האָט מיט אַ בעזונדער פערביטערטקייט אַנגעווענדעט פערשידענע מיטלען, אום צו בעפרייען דאָס לאַנד פון דעם אַראָבגעשיקטען הויפּטמאַן, וועלכען ער האָט אָפען בעשולדיגט אין פערראַט. ער האָט געפּרובט אונטערשיקען עטליכע פון זיינע מענשען קיין טבריה, און זיי האָבען דאָרטין געמאַכט אַ אָנפאַל אויף יוסף'ן; איהם איז אָבער געלונגען נצול צו ווערן. דאַן האָט זיך יוחנן בענוצט מיט אַ געזעצליכען מיטעל; ער האָט אַוועקגעשיקט זיין ברודער שמעון מיט נאָך הונדערט שלוחים קיין ירושלים צום דאָרטיגען סנהדרין מיט אַ אָנקלאָגע געגען דעם גליל'עאישען פיהרער; און דאָס האָט געווירקט: דער נשיא פון סנהדרין, ר' שמעון בן גמליאל, האָט אָנערקענט די אָנקלאָגע פאַר ריכטיג, און אַזוי ווי צו איהם איז צוגעשטאַנען אויך דער כהן גדול, ענן, האָבען זיי צוזאַמען דורכגעפיהרט, עס זאָלען אַוועקגעשיקט ווערן פיער שלוחים קיין גליל, ד. ה. פיער בעפאָלמעכטיגטע פון דעם סנהדרין, אַראָבצוזעצען יוסף'ן פון זיין פּאָסטען און איהם צו ברענגען קיין ירושלים אַ טויטען אָדער אַ לעבעדיגען. און דערביי האָט זיך די דערווייליגע רעגירונג נישט אָבגעשטעלט; די בעשולדיגונגען געגען יוסף'ן זענען געווען קלאָר און איבערצייגענד און כדי צו פּאַראַליזירען זיין שעדליכע טעטיגקייט, האָט דאָס סנהדרין צושיקט בריעף אין די גרעסערע גליל'עאישע קהלות מיט דער ערקלערונג, אַז יוסף איז אַ שונא פון פאָטערלאַנד און די בעפעלקערונג טאָר איהם נישט אַרויסווייזען קיין שום שוץ און שטיצע. דער אָנגעקלאָגטער האָט זיך אָבער בעצייטענס דערוואוסט פון דעם שווערען אורטייל, וואָס די ירושלים'ער רעגירונג האָט אַרויסגעגעבען איבער איהם, און מיט דער הילף פון פערשידענע פאַלשקייטען און דיפּלאָמאַטישע שווינדלערייען איז איהם געלונגען זיך ריין צו וואַשען פון אַלע בעשולדיגונגען און אויסצופּועל'ן, אַז דאָס סנהדרין זאָל אָברופען די פונאַנדערגעשיקטע בריעף. ער האָט זאָגאַר געלאָזען אַרעסטירען

די פיער בעפאָלמעכטיגטע פון דער ירושלים׳ער אדמיניסטראציע, וועלכע זענען געקומען איהם אראָבזעצען פון זיין פאָסטען, און דערנאָך זיי צוריק אָבגעשיקט קיין ירושלים.

אזוי האָבען זיך אַלע פלענער אויסגעלאָזען מיט גאָרנישט, און דער שוואַכמוטיגער רוימער־פריינד, יוסף, איז ווייטער פערבליבען דער אָפיציעלער אָנפיהרער פון דעם פּאַטריאָטישען אויפשטאַנד. אָט דער פאַקט האָט זעהר שלעכט געווירקט אויף דער רעוואָלוציאָנערער בעפעלקערונג, און זי האָט זיך נאָכמעהר אָבגעווענדט פון איהם. יוסף האָט געהאַט אין זיינע הענד די פעסטונגען פון לאַנד; ער האָט אָבער קיין סאָלדאַטען נישט געהאַט, זיי צו בעשיצען, און דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז ווען דער שונא איז אַריבער די גרענעצען פון גליל, האָט ער געפונען פאַר זיך כמעט ליידיגע פעסטונגען פון איין זייט, און שלעכט בעוואָפענטע פאָלקס־מחנות פון דער צווייטער זייט.

און די געפאַהר האָט זיך דערווייל אַלץ נעהנטער און נעהנטער אָנגערוקט. דער קייזער נערא האָט זיך צו יענער צייט געפונען אין גריכענלאַנד, וואו ער האָט געוויזען זיינע וואונדער אַלס זינגער, ציטער־שפּיעלער און צירק־קינסטלער; און דאָ האָט מען איהם געבראַכט די ידיעה וועגען דעם אויפשטאַנד אין יהודה, און וועגען צעסטיוס׳עס שרעקליכער מפּלה. דער ליידענשאַפטליך־שטאָלצער הערשער האָט זיך פון דעם פאַקט געפיהלט טיעף בעליידיגט, און דערצו איז נאָך צוגעקומען אויך די מורא פאַר די אַרומיגע מזרח־לענדער, וואָס האָבען גאַנץ לייכט געקענט אָנגעשטעקט ווערן פון דעם יהודה׳עאישען רעוואָלוציאָניזם. ער האָט דעריבער בעשלאָסען, צו דערשטיקען דעם אויפשטאַנד וואָס אַמשנעלסטען, און צו דעם צוועק האָט ער אויסגעקליבען דעם בעסטען רוימישען קריעגספיהרער פון יענער צייט, פלאוויום וועספּאַסיאַן, וועלכער האָט זיך בעריהמט געמאַכט אין דער מלחמה מיט די בריטאַנער. מיט איהם צוזאַמען איז בעשטימט געוואָרען אויך אַ נייער רוימישער פערוואַלטער איבער סיריען, ליציניוס מוציאַנוס, וועלכער האָט בעזונדער בעקומען אַ גרויסע מיליטערישע מאַכט, כדי גרייט צו זיין, צו שטיצען וועספּאַסיאַנען אים פאַל פון אַ נויט.

אים ווינטער פון זיבען און זעכציגסטען יאָהר האָט זיך וועספּאַסיאַן אוועקגעלאָזען פון גריכענלאַנד קיין סיריען, און אָבשטעלנדיג זיך אין עכו (פּטאָלאָמעאיר), האָט ער דאָ אָנגעהויבען מאַכען זיינע

מיליטערישע פארברייטונגען צו דער מלחמה. זיין יונגען זוהן טיטוס האט ער אוועקגעשיקט קיין אלעקסאנדריע, אום אריבערצופיהרען אהער א טייל פון דעם דארטיגען גארניזאן, און ער אליין האט זיך גענומען צוזאמענשטעלען א רעזערוו־מחנה פון די קלענערע אבטיילונגען, וואס עס האבען איהם געשטעלט צו הילף די ארומיגע אונטערטעניגע פירשטען. די לעצטע זענען זיך אלע צונויפגעקומען אין דעם הויפט־לאגער פון דער רוימישער מחנה, אין עכו, און צווישען זיי האט זיך געפונען אויך אגריפוס, וועלכער האט אויך צוגעשטעלט וועספאסיאנ׳ען א בעדייטענדע מיליטערישע הילף, און האט בכלל געזוכט מיט אלע מעגליכקייטען, זיך ריין צו וואשען פון דער מסירה, וואס די טיר׳ער האבען אויף איהם דערלאנגט, אז ער שטעהט אין געהיימע פערבינדונגען מיט די רעוואלוציאנערען און שטיצט זיי. צוזאמען מיט אגריפוס׳ען האט זיך אין וועספאסיאנ׳ס הויפט־קווארטיר געפונען אויך זיין שוועסטער, בערעניקא, און ווען דער יונגער טיטוס האט זיך אומגעקעהרט פון אלעקסאנדריע (מיטברענגענדיג מיט זיך צוויי לעגיאנען פאר דער צענט־אלער רוימישער ארמעע), האט ער זיך שטערבליך פערליעבט אין דער שענער יהודה׳עאישער פרינצעסין (האטש זי איז געווען בעדייטענד עלטער פון איהם) און עס האט זיך פערבונדען צווישען זיי דער בעריהמטער ראמאן, וואס האט זיך געענדיגט כמעט אין איין צייט מיט דעם פאלשטענדיגען אונטערגאנג פון יהודה — דורך דעם זעלביגען טיטוס׳ען. —

די גאנצע מחנה, מיט וועלכער וועספאסיאן האט זיך געקליבען צו דערשטיקען די יהודה׳עאישע רעוואלוציע, האט געהאט איבער פופציג טויזענד מאן, און ארום פסח־צייט זענען שוין אלע פארברייטונגען געענדיגט געווען, און וועספאסיאן האט זיך אנגעהויבען בעוועגען פארווערטס — צו די גרענעצען פון גליל. דערביי האט ער איין נצחון שוין אפגעהאלטען, ווארום נאך איידער ער האט אנגעהויבען צו מארשירען מיט זיין ארמעע, זענען געקומען צו איהם שלוחים פון דער גליל׳עאישער שטאדט צפורה, מיט דעם אויסדריק פון געטרייער אונטערטעניגקייט און מיט דער בקשה, אריינצושיקען אהין א מיליטערישע מחנה, וואס זאל זיי בעהילפיג זיין אין זייער קאמפף מיט די רעוואלוציאנערען. וועספאסיאן האט ממלא געווען די בקשה פון די דאזיגע „עהרליכע אונטערטאנען": ער האט מיטגעשיקט מיט זיי א מחנה פון זיעבען טויזענד מאן אונטער דער אנפיהרונג פון א געוויסען פלאצידוס. דער לעצ־

טער האט אבער גאנץ ברייט אויסגעטייטשט די אויפגאבע פון בעשיצען די שטאדט , און די איינוואוינער פון דער גאנצער סביבה זענען דורך איהם אויסגעהרג'עט אדער געפאנגען געווארען . דאס איז געווען דער ערשטער צוזאמענשטויס צווישען די פערטרעטער פון דער רוימישער מאכט און די בירגער פון דער פראווינץ , וואס איז די גאנצע צייט צוגעגרייט געווארען צום אויפשטאנד , אונטער דער השגחה פון דעם ספעציעל אראבגעשיקטען ארגאניזאטאר און קריעגספיהרער , יוסף בן מתיתיהו .

נאך מעהר בולט האבען זיך ארויסגעוויזען די רעזולטאטען פון יוספ'ס ארגאניזאטארישער טעטיגקייט ביי די ערשטע צוזאמענשטויסען מיט וועספאסיאנ'ען אליין . וועספאסיאנ'ס פלאן איז געווען צו פערנעהמען פריהער גאנץ גליל , כדי צו קענען דערנאך פריי צוטרעטען צו יהודה , נישט מורא האבענדיג דערפאר , אז די רעוואלוציאנערען וועלן איהם אבשניידען דעם וועג פון הינטען . ער האט זיך דעריבער געלאזען מארשירען מיט דעם וועג צו די צפון-גליל'עאישע פעסטונגען גאבארא און יאטאפאטא . יוסף ווידער האט קאנצענטרירט זיין גאנצע מחנה נישט וויט פון צפורה , אום דארט צו בעגעגנען דעם שונא ; ביי די ערשטע ידיעות וועגען וועספאסיאנ'ס גרויסער ארמעע , וואס קומט צו אלע מאל נעהנטער , זענען זיך אבער דער גרעסטער טייל פון זיינע סאלדאטען צולאפען , און ער איז געצוואונגען געווען אבצוטרעטען מיט זיין געבליבענער מחנה , און זי צוצופיהרען ביז טבריה . דא האט דער קריעגספיהרער אליין שוין אויך אנגעהויבען צו קלערן וועגען דעם אויסגאנג פון דער גאנצער מלחמה , און ער האט אוועקגעשיקט א דרינגענדען ראפארט קיין ירושלים , אין וועלכען ער האט געפאדערט פון דער רעגיערונג , זי זאל איהם צושיקען א גרויסע מיליטערישע קראפט , אדער — בעפאלמעכטיגען צו פיהרען מיט וועספאסיאנ'ען אונטערהאנדלונגען וועגען די בעדינגונגען פון דער קאפיטולאציע .

די רוימער האבען אבער גארנישט געטראכט וועגען איבעררייסען די מלחמה, זיי האבען איינע נאך דער אנדערער פערנומען די אלע פאזיציעס , וואס יוסף האט זיי פריי געלאזען, און אויף אזא אופן געצוואונגען די יודישע מחנות זיך צו קאנצענטרירען אין די עטליכע שטארקערע גליל'עאישע פעסטונגען , כדי אויסצומיידען א עפענטליכען געשלעג . אזא געשיצטע פעסטונג איז געווען יאטאפאטא , וועלכע האט זיך באך דערצו געפונען אויך אין א גוטער געאגראפישער לאגע , זייענדיג

ארומגערינגעלט מיט הויכע פעלזענס און טיפע גריבער. דא האבען זיך צוזאמענגענומען אלע פערבליבענע טיילען פון דער רעוואלוציאנערער מחנה, וועלכע זענען ווירקליך געווען דורכגענומען מיט א פערביטערטער שנאה צו די רוימער, און האבען געהאט פעסט בעשלאסען נישט אבצוטרעטען פון דער פעסטונג און זיך נישט איבערצוגעבען אליין אין די הענד פון דעם שרעקליכען תלין. ווארום וועספאסיאן האט זיך אכזריות׳דיג נוקם געווען אן די בעזיגטע, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואס זיי האבען איהם כמעט קיין ווידערשטאנד נישט געשטעלט. די גאנצע בעפעלקערונג פון דער איינגענומענער גאבארא האט דער רוימישער קריגספיהרער געלאזען אויסהרג׳ענען און דעם זעלביגען סוף האבען געהאט אויך די איינוואוינער פון אלע ארומיגע שטעדט און דערפער.

דער קאמפף ביי יאטאפאטא האט דעריבער אנגענומען א שארפען און פערביטערטען כאראקטער. גאנצע אנדערהאלבען חדשים זענען די צורייצטע רוימער געשטאנען ביי דעם פעלזען מיט די הויכע בערג און טיפע אבגרונדען, אויף וועלכען ס׳איז געשטאנען די מעכטיגע פעסטונג. די רעוואלוציאנערען האבען דעם גאנצען שמאלען צוגאנג צום פעלזען פערלעגט און צוגראבען, אזוי אז די רוימער האבען זיך מיט שרעקליכע אנשטרענגונגען און צרות קוים דערשלאגען צו דער פעסטונג, אום זי צו בעלאגערן. די בעלאגערטע האבען זיך פון דאן אן כסדר געפונען אונטער דעם פייערדיגען שטורם פון די רוימישע שליידער-מאשינעם; זיי זענען אבער נישט אבהענגיג געבליבען, און אויפשיטענדיג אין דער זעלביגער צייט גופא א הויכען וואל, האבען זיי פון זייער זייט אויך נישט אויפגעהערט אבצוועטפערן דעם שונא מיט א האגעל פון שטיינער, ברענענדע שטיקער האלץ, שארפע פליסיגקייטען און נאך אזעלכע שעדליכע פיילען. די רוימער האבען אנגעווענדט אלע זייערע כחות אויף דעם איינציגען פרייען צוגאנג צו דער פעסטונג אין צפון זייט, וועלכען די בעלאגערטע האבען פערשפארט מיט פערשידענע שאנצען און טורעמס; זיי האבען אין דער זייט אוועקגעשטעלט גאנצע וועלציג בעלאגערונגס-מאשינעס, וועלכע האבען אהן א אויפהער געשליידערט טויט און פייער אויף דער פעסטונג, די בעלאגערטע האבען זיי אבער כסדר אבגעשטויסען און געקעמפפט מיט א אונגעוועהנליכער פערצווייפלונג, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואס זיי האט שוין אנגעהויבען אויסצופעהלען וואסער. און די פעסטונג וואלט אפשר נאך א לאנגע צייט

אויסגעהאַלטען דעם אָנגריף פון דער בעלאַגערונג, ווען עס וואָלט זיך נישט אַרויסהאַפּען אַ פעררעטער און זי אַליין איבערגעבען דעם שונא. איינער פון די בעלאַגערטע איז אַריבערגעלאָפען אויף דער זייט פון די רוימער, און האָט זיי איבערגעגעבען, וועלכע פונקטען ס'זענען שוואַך בעפעסטיגט; זיי האָבען דאָס גלייך אויסגענוצט, און אויף צו מאָרגענס פאַרטאָג זענען זיי פּלוצלונג בעפאַלען די טויט-מידע, איינגעשלאָפענע וואַך-סאָלדאַטען, און זיי אויסגעהרג'עט ביז איינעם (תמוז, 67). דאָן האָט שוין וועגען שיצען די פעסטונג קיין רייד נישט געקענט זיין, און ערשט האָבען זיך די רוימער, ווי ווילדע שטייגער איז געווען, גענומען נוקם זיין אָן זייערע בעזיגטע. אויסער דער גרויסער צאָהל קעמפפער, וואָס האָבען זיך אַליין געשאָכטען אָדער זיך אַריבערגעוואָרפען פון די שטאָדט-מויערן, כדי נישט אַריינצופאַלען צום בלוטיגען בעזיגער אין די הענד, האָבען טויזענדער פון די בעזיגטע זייער לעבען פערלוירען אין דער בלוטיגער אָרגיע פון די ווילד-צוקאָכטע רוימישע סאָלדאַטען, און צוזאַמען האָט די בעשיצונג פון דער דאָזיגער פעסטונג איינגעשלונגען ביז פירציג טויזענד יודישע לעבענס; דערצו זענען איבער טויזענד פרויען און קינדער פערקויפט געוואָרען פאַר שקלאַפען, און לויט וועספּאַסיאַנ'ס בעפעהל, איז קיין שטיין אויף אַ שטיין נישט איבערגעבליבען פון דער גאַנצער שטאָדט און זי איז פערגלייכט געוואָרען מיט דער ערד.

מיט דעם אונטערגאַנג פון יאָטאַפּאַטאַ האָט זיך געענדיגט אויך יוסף'ס קאַריערע, און נישט בלויז אַלס אָנפיהרער פון דעם יודישען אויפשטאַנד, נאָר אויך אַלס זוהן פון זיין פאָלק בכלל. ווען די רוימער זענען צוגעטרעטען צו דער בעלאַגערונג פון יאָטאַפּאַטאַ, איז יוסף געקומען אין שטאָדט און אָנגעפיהרט די פערטיידיגונג, נאָר ווען ער האָט זיך אַרומגעזעהען, אַז די פעסטונג וועט זיך סוף כל סוף פאָרט מוזען אונטערגעבען, האָט ער אָנגעהויבען מאַכען הכנות צו אַנטלויפען פון שטאָדט. די בעפעלקערונג האָט זיך אָבער דערוואוסט דערפון און איהם נישט געלאָזען דורכפיהרען זיין פּלאַן. דערווייל האָבען די רוימער איינגענומען די פעסטונג, און יוסף האָט זיך געוואָלט אויסבעהאַלטען אין אַ אונטערערדישער מערה; דאָ האָבען זיך שוין אָבער פון פריהער געפונען פירציג רעוואָלוציאָנערען, און דערצו האָט איינע אויסגעגעבען די רוימער דעם סוד פון דער מערה. וועספּאַסיאַן האָט דאַן דורך זיינעם אַ שליח אויפגעפאָדערט די בעהאַלטענע, זיי זאָלען זיך אונטער-

געבען, צוזאגענדיג זיי פולע אונבעריהרליכקייט. און יוסף איז שוין גרייט געוועז ארויסצוגעהן צום זיעגער און צו קניען פאר איהם; דא האבען אבער די חברים־רעוואלוציאנערען אנגעשטעלט זייערע שווערדען געגען זיין ברוסט און געדראהעט, איהם אויפ'ן ארט צו טויטען, אויב ער וועט פועל'ן ביי זיך אזוי שענדליך צו בעליידיגען דעם כבוד פון דער אומה. ער איז אלזא געצוואונגען געווארען צו פערבלייבען צוזאמען מיט די חברים, און זיי האבען אלע פייערליך געשוואוירען, זיך נישט איבערצוגעבען קיין לעבעדיגע דעם שונא אין די הענד; יוסף האט זיך אבער אין דער קריטישער מינוט אויך נישט פערלוירען. ער האט אויסגעארבייט א פלאן פאר דעם קאלעקטיווען זעלבסטמארד, לויט וועלכען יעדער איינער האט געדארפט דערשטעכען דעם אנדערן — על פי גורל, און דער דאזיגער „גורל" האט זיך ארויסגעוויזען אזוי גליקליך פאר איהם, אז ניין און דרייסיג חברים זענען שוין געווען דורכגעשטאכען איינער פון אנדערן, און גראד ער מיט איין חבר זענען געבליבען די לעצטע. און די שאטענס פון די טויטע חברים האבען איהם נישט איבערגעשראקען — ער האט איבערגערעדט דעם איינציגען פערשוואוירענעם, און זיי האבען זיך ביידע איבערגעגעבען די רוימער. די לעצטע האבען איהם אוועקגעפיהרט צו וועספאסיאנ'ען, וועלכער האט זיך גלייך פון דער ערשטער מינוט בעצויגען צו איהם נישט, ווי צו א געפאנגענעם שונא. יוסף האט נישט נאר אויסגעדריקט וועספאסיאנ'ען זיין געטרייע אונטערטעניגקייט, נאר איהם אויך נביאות געזאגט, אז ער וועט אין גיכען טראגען אויפ'ן קאפ די קרוין פון רוים, און באלד איז דער געפאנגענער שונא געווארען דער נאהנטסטער פריינד און יועץ פון דעם גרויסען רוימישען קריעגספיהרער. לויט דעם עפענטליכען מנהג האט יוסף געמוזט אריינגעזעצט ווערן אין געפענגעניש; דאס איז אבער געווען נישט מעהר, ווי א צערעמאניע. וועספאסיאן האט איהם ערלויבט, זיך אויסצוקלויבען א פרוי פון די געפאנגענע מעדלעך, צו טראגען די שענסטע קליידער, און האט איהם אליין בעשאנקען מיט טייערע מתנות.

אין ירושלים האט די ידיעה וועגען דעם נצחון פון די רוימער ארויסגערופען א טיעפען טרויער. נישט וויסענדיג אין אנהויב פון יוסף'ס פעררעטערישען שריט, האט מען איהם דא שטארק בעוויינט אלס איינעם פון די העלדישע פאטריאטען, וואס זענען געפאלען ביי דער פערטיידיגונג פון יאטאפאטא; שפעטער אבער, ווען מ'האט זיך דערוואוסט

אין דער הויפטשטאדט, אז יוסף געפינט זיך גאר אלס הויז־פריינד ביי וועספאסיאנ׳ען מיט זיין זוהן, האט דער צארן פון די יהודה׳ער זיך שרעקליך פונאנדערגעקאכט, און נישט געפינענדיג קיין מיטעל, ווי אזוי זיך נוקם צו זיין אן דעם שענדליכען פערריטער, האט איהם דאס פאלק געשטעמפעלט מיט דעם נאמען און פערשאלטען זיין אנדענקען אויף דור דורות.

כמעט אין איין צייט מיט יאטאפאטא איז געפאלען אויך יאפיא, א שטעדטיל נישט וויט פון נצרת, וואס האט זיך געוואלט אריינשניידען די רוימער פון הינטען און שטערן זיי אין זייערע מיליטערישע אפעראצ־יעס, און איצט איז צוגעקומען די רייהע צו די שומרונים. די לעצ־טע האבען זיך פעראייניגט מיט זייערע יודישע שכנים, און מיט געמיינ־זאמע כחות זיך בעפעסטיגט אויף דעם בארג גריזים. האס האט ווע־פאסיאנ׳ען אביסעל בעאונרוהיגט, און ער האט ארויסגעשיקט געגען זיי צעראליוס׳ען, דעם טריבון פון פינפטען לעגיאן, מיט דריי טויזענד פוס־געהער און זעקס הונדערט רייטער. מיט דער מחנה האט צעראל־יוס בעלאגערט דעם בארג און איהם אבגעשניטען פון אלע זייטען, אזוי אז די בעלאגערטע האבען באלד אנגעהויבען צו ליידען פון וואסער־מאנ־געל, און זענען געצוואונגען געווען, זיך אונטערצוגעבען. דא זענען אבער אויך געווען א סך אזעלכע, וואס האבען בעשלאסען בעסער צו שטאר־בען, איידער צו בויגען דעם קאפ פאר׳ן שונא. אט די פערביטערטע העלדען, אין א צאהל פון עלף טויזענד זעקס הונדערט מאן, האט צע־ראליוס געלאזען צונויפשטופען אויפ׳ן שפיץ בארג, וואו זיי זענען אלע אומגעקומען.

נאך שומרון איז צו די רוימער אין די הענד אריינגעפאלען די האפענשטאדט יפו. די דאזיגע שטאדט איז געהאט צוטראגען געווארען דורך צעסטיוס׳עס סאלדאטען, ווען זיי האבען זיך געלאזען קיין ירושלים, און איצט האבען זיך דא די זעלאטען וויעדער בעפעסטיגט און אנגעהוי־בען זי אויפצובויען פונ׳ם ניי. די רוימער האבען זיך אבער בעצייטענס דערוואוסט פון דער אונטערנעהמונג, וואס האט געקענט ווערן פאר זיי געפעהרליך, וויל די זעלאטען וואלטען קענען בעפאלען די צוגעפיהרטע שיפען. זיי האבען דעריבער ארויסגעזעצט אין יפו א גרויסע צאהל סאל־דאטען, און די יודען האבען זיך געמוזט ראטעווען אויף שיפלעך. נאר דא זענען זיי וויטער פערפאלגט געווארען און נישט בלויז פון די רוי־מער, נאר אויך פון א שטארקען שטורם־ווינט, וואס האט זיי ארויסגע־

שלײַדערט אויף פערשיעדענע פעלזענס און אין די ברויזענדע חוואַליעס פון ים.

אונטער דער צײַט האָט זיך די צענטראַלע רוימישע אַרמעע געפונען אין קסריה בײַם ים, און וועספּאַסיאַן אַליין האָט זיך אויפגעהאַלטען אַלס גאַסט בײַ זײַן פרײַנד — דעם קעניג אַגריפּוס II, אין קסריה פיליפּי. דאָ איז מיט אַ אונגעוועהנליכער פרעהליכקײַט געפײַערט געוואָרען דער נצחון פון די רוימער איבער די העלדישע פערטהײַדיגער פון דער גליל׳עאישער פעסטונג — גאַנצע צוואַנציג טאָג האָט זיך אין פּאַלאַץ פון דעם יהודה׳עאישען „קעניג״ געצויגען דער שטורמישער יום־טוב לכבוד דעם גרויסען נצחון פונ׳ם רוימישען פּאַנציר. די דאָזיגע יום־טוב׳דיגע מנוחה איז געשטערט געוואָרען ערשט דאַן, ווען עס האָבען ווידער אָנגעהויבען אָנצוקומען אונרוהיגע ידיעות וועגען דער בעוועגונג פון די רעוואָלוציאָנערען. די לעצטע האָבען דאָס געוועהר פון די הענד נישט אַוועקגעלעגט, און וואָס טיעפער די רוימער האָבען זיך אַרײַנגעדוקט אין לאַנד, אַלץ מעהר פערביטערט און פערצווייפעלט איז געוואָרען די שנאה צו זיי פון די דאָזיגע הייסע פּאַטריאָטען. די זעלאָטען האָבען זיך געפּרובט פערנעהמען טבריה; דאָס האָט געצוואונגען וועספּאַסיאַנ׳ען זיך שנעל צו בעוועגען מיט זיינע לעגיאָנען און זיי צוזוברענגען צום ים כנרת. פאַר אַגריפּוס׳עס שטאָדט זענען אָבער אָט די גרויסע מיליטערישע כחות גאָרנישט נויטיג געווען; די רעוואָלוציאָנערען זענען דאָ געווען אין דער מינדערהייט אַנטקעגען דער גרויסער צאָהל פון קעניג אונטערגעקויפטע רוימער־פרײַנד, און נאָכדעם ווי זיי האָבען געזעהען, אַז די בעפעלקערונג איז אינגאַנצען געשטימט געגען זיי, האָבען זיי פערלאָזען די שטאָדט און זיך פערקליבען קיין טאַריכיה. די פריעדליכע אײַנוואוינער פון טבריה האָבען דאַן אָהן אַ שום ווידערשטאַנד אויפגעעפענט פאַר וועספּאַסיאַנ׳ען די טויערן און אַרײַנגעלאָזען אין שטאָדט איהם מיט זײַנע סאָלדאַטען. דערפאַר האָט דער רוימישער זיעגער אַרויסגעוויעזען אַ בעזונדער חסד די געטרײַע אונטערטאַנען פון אַגריפּוס׳עס שטאָדט און האָט בעפוילען די סאָלדאַטען נישט אָנצעווענדען קײַן שום געוואַלט געגען דער בעפעלקערונג.

דאָגעגען האָבען די רוימער געהאַט אויסצושטעהן אַ שווערען קאַמפף בײַ טאַריכיה. די זעלאָטען אונטער דער אָנפיהרונג פון ישוע בן שפט האָבען זיך אין אָנהויב העלדיש פערטהײַדיגט און נישט צוגעלאָזען דעם שונא צום שטאָדט, און שפּעטער, ווען דער אָנגריף פון די

רוימער איז שטאַרקער געוואָרען, האָבען זיי זיך אַרויפגעזעצט אויף שיפלעך און פון דאָרטין אַרויסגעוויזען א שטאַרקען ווידערשטאַנד דער רוימישער מחנה אונטער טיטוס׳עס אָנפיהרונג. ענדליך האָט זיך אָבער טיטוס׳ען פאָרט איינגעגעבען, זיך אַריינצורייסען אין שטאָדט, און די סאָלדאַטען האָבען זי כמעט אינגאַנצען חרוב געמאַכט. און דערמיט האָבען זיך די רוימער נאָך נישט בעפרידיגט: זיי האָבען זיך געלאָזען נאָכיאָגען די אַוועקגעשוואומענע רעוואָלוציאָנערען, און דאָס געשלעג אויפ׳ן וואַסער האָט זיך געענדיגט דערמיט, וואָס א גרויסער שטח פון ים איז פערפאַרבט געוואָרען מיט בלוט און די ברעגען זענען פול געוואָרען מיט צוגעשוואומענע קערפער׳ס פון דערטרונקענע און ברוך-טיילען פון צושמעטערטע שיפען (67).

פון גאַנץ גליל האָבען זיך איצט אַלזאָ נאָך דריי פונקטען אינגאַנצען געפונען אין די הענד פון די זעלאָטען: גמלא, דער באַרג תבור און גוש-חלב. גמלא איז פון דער נאַטור כמעט געווען אונבעצווינגבאַר און די קליינע מחנה רעוואָלוציאָנערען (ניין טויזענד מאַן) האָט פערטיידיגט דעם דאָזיגען פעלזען-נעסט מיט אַ אונגעוועהנליכער העלדישקייט און פערצווייפלונג. די רוימער האָבען זיך עטליכע מאָל געפרובט צוקומען צום שטאָדט מיט׳ן שטורם; זיי זענען אָבער כסדר אָבגעוואָרפען געוואָרען פון די פערביטערטע העלדען און ווען דער בעגלייטער פון וועספאַסיאַנ׳ס אַרמעע, אַגריפּוס, האָט זיך געווענדעט צו די בעלאַגערטע מיט דעם פאָרשלאָג, זיי זאָלען זיך בעסער גלייך אונטערגעבען און נישט וואַרטען ביז דער שונא וועט זיך אַריינרייסען צו זיי, — האָבען זיי איהם געענטפערט מיט אַ שטיין, פון וועלכען ער איז פערוואונדעט געוואָרען אין אָרעם. אַזוי אָבער ווי די רוימער האָבען שוין געהאַט אויפגעשטעלט זייערע בעלאַגערונגס-מאַשינעס אין דער הויך, האָבען זיך די בעלאַגערטע צוריקגעצויגען אין שטאָדט גופא. דאָ האָבען זיי גאַנצע דריי וואָכען אויסגעהאַלטען דעם פייער פון דער רוימישער אַרטילעריע, און ערשט דאַן האָט זיך בעוויזען איין עפנונג אין דער מויער-וואַנט, דורך וועלכער עס האָט זיך אַריינגעריסען אין שטאָדט אַ בעדייטענדע צאָהל סאָלדאַטען. די בעלאַגערטע האָבען זיך איצט אָבגערוקט צוריק, אין דעם העכערען טהיל פון שטאָדט, און אַריינציהענדיג די רוימישע סאָלדאַטען אין די שמאָלע געסלעך, האָבען זיי די לעצטע בעהאָנגעלט מיט שטיינער און פיילען—פון די דעכער אַראָב. צוגעקוועטשט פון דעם פיינליכען אָנפאַל, האָבען זיך די סאָלדאַטען אויך געפרובט אַרויפקריכע-

גען אויף די דעכער פון די נידריגע געלעגענע הייזער; האבען אבער די הייזלעך נישט אויסגעהאלטען אויף זיך די מאסע, און זענען איינגעפאלען, בעגראבענדיג אונטער זיך דעם גרעסטען טייל פון דער אריינגעריסענער מחנה. די איבערגעבליבענע האבען זיך געלאזען לויפען צוריק, צום ארויסגאנג, און דא זענען זיי ווידער פערוואָרפען געוואָרען מיט פיילען, שטיינער און שטיקער פעלזען, אזוי אז נאר א גאנץ קליינע צאהל פון זיי האט בעוויזען זיך ארויסצוקריגען גאנצערהייד פון שטאדט. דאס איז געווען א שענער טאג פאר די רעוואָלוציאָנערען פון גמלא, א טאג פון נצחון; באלד האבען זיי אבער פאר דעם נצחון געמוזט טייער בעצאהלען. אויף צומארגענס האבען די רוימער ארויפגענארט די רעוואָלוציאָנערען אויף א הויכען טורעם, כדי איהם כלומר'שט צו פערטיידיגען; ער איז שוין אבער פון פריהער געווען אונטערגעגראָבען, און איז איינגעפאלען מיט א שרעקליכען קראך איבער די דערשטיקטע העלדען. נאך דעם איז שוין טיטוס'ען לייכט אנגעקומען, זיך אריינצורייסען אין שטאדט, און ער האט זיך ארויפגעוואָרפען אויף דער בעפעלקערונג מיט דעם וואוט פון א צורייצטען טיגער. ביז פיער טויזענד מענשען זענען אומגעקומען דורך דעם שווערד פון די סאלדאטען, און די איבריגע (ביז פינף טויזענד מאן) האבען זיך ארויפגעקריגען אויף א פעלזען און געפרובט נאך אבשטויסען דעם שונא מיט פיילען און שטיינער; זעהענדיג אבער די האפנונגסלאזיגקייט פון זייער צושטאנד, האבען זיי זיך אליין אראבגעוואָרפען פון פעלזען. אזוי איז אויך אט די אונבעצווינגבארע שטאדט געפאלען (67) און פון איהר גאנצער בעפעלקערונג זענען נאר צוויי מעדלעך לעבען געבליבען, ווייל זיי זענען עטליכע טאג דורכאנאנד געלעגען בעהאלטען ערגיץ אין א מערה.

אין דער זעלביגער צייט איז געפאלען אויך די שטאדט תבור.

די דאזיגע שטאדט האט זיך געפונען זעלצענהונדערט פוס הויך פון דעם אונטען ליגענדען „עמק יזרעאל" (יזרעאל=טאל) און וואלט זיך געקענט האלטען א לאנגע צייט. דער רוימישער אנפיהרער פון דער בעלאגערונג פלאצידוס, האט זיך דעריבער בענוצט מיט א געשיקטען קריגס=שווינדעל: ער האט אראבגענארט כמעט דעם גאנצען רעוואָלוציאָנערען גארניזאָן פון דער אויבען=ליגענדער פעסטונג אונטען, מאכענדיג זיך אזוי, ווי ער וואלט אנטלויפען מיט זיין מחנה, און ווען די רעוואָלוציאָנערען האבען זיך שוין אויך געפונען אויף דעם גלייכען שטח, האט ער זיך א קעהר געטאן מיט זיינע רייטער=סאלדאטען צוריק און זיי

צוקלאפּט. פון די איבערגעבליבענע איז א טייל אנטלאָפען קיין ירושלים
און די אלטע און שוואכע האָבען זיך אונטערגעגעבען.

שוואך בעפעסטיגט און מיט א גאנץ קליינער צאָהל פערטהיידיגער
איז געבליבען גוש=חלב. ווען טיטוס איז צוגעקומען מיט זיין גרוי=
סער מחנה, און האָט אויפגעפאָדערט דער בעפעלקערונג, זי זאָל זיך
אונטערגעבען, האָט דער אָנפיהרער פון שטאָדט, יוחנן, געבעטען איין
טאָג וואָפענשטילשטאנד, ווייל ס'איז פּינקט אויסגעקומען שבת. און זע=
הענדיג, אז ער וועט דאָ גאָרנישט מאכען געגען די רוימער, האָט ער
זיך בענוצט מיט דעם טאָג, און איז אנטלאָפען פון שטאָדט מיט א
גרויסער אָבטהיילונג פון זיינע זעלאָטען, און א מאסע פרויען, אלטע
לייט און קינדער. אויף צומאָרגענס האָבען די איינוואוינער אויפגעעפענט
פאר די רוימער די טויערן פון שטאָדט; טיטוס האָט אָבער געוואָלט
דורכאויס בעקומען אין זיינע הענד דעם בעריהמטען זעלאָטען=אָנפיהרער,
יוחנן, און נישט געפינענדיג איהם אין שטאָדט, האָט ער אוועקגעשיקט
א מחנה סאָלדאטען, איהם נאָכצויאָגען. און אויך דאָס האָט נישט גע=
האָלפען: יוחנן האָט זיך שוין געהאט דערשלאָגען קיין ירושלים, און די
סאָלדאטען האָבען זיך געמוזט בעגוגנען מיט די זקנים, פרויען און קינ=
דער, וואָס זיי האָבען נאָך געטראָפען אין וועג, און וועלכע זיי האָבען
גענומען געפאנגען. דאָס זענען געווען די לעצטע פון דער אונגעהויערער
מחנה געפאנגענע, וואָס האָט זיך אָנגעזאמעלט אין וועספאסיאנ'ס לאגער
אין דעם משך פון דער גליל'עאישער מלחמה. פון דער מחנה זענען
די קרעפטיגסטע יונגע לייט (ביז זעקס טויזענד) אוועקגעשיקט געוואָרען
קיין גריכענלאנד, אום צו ארבייטען ביי דער דורכגראָבונג פון דעם
קאָרינטישען לאנד=פאס; איבער דרייסיג טויזענד נפשות זענען פערקויפט
געוואָרען פאר שקלאפען, און די איבערגעבליבענע קראנקע און אלטע
(ביז צוועלף הונדערט) זענען אויף וועספאסיאנ'ס בעפעהל אראָבגעשליי=
דערט געוואָרען פאר איין מאָל אין א טיעפען אָבגרונד. די געפאנגענע
פון יענע ערטער, וואָס האָבען אָנגעהערט צו אגריפּוס'ען, האָט וועס=
פּאסיאן איהם איבערגעגעבען, ער זאָל טאָן מיט זיי, וואָס איהם גע=
פעהלט, און דאָ האָט הורדוס'עס איינִיקעל ווידער ארויסגעוויזען א
שרעקליכע אכזריות בנוגע צו זיינע יודישע ברידער: ער האָט זיינע
געפאנגענע אויך געלאָזען פערקויפען פאר שקלאפען.

דאָס איז געווען דער סך הכל פון דעם יודישען אויפשטאנד אין
גליל. דער גרעסטער טייל פון לאנד איז פוסט און וויסט געוואָרען און

די איבערגעבליעבענע חורבות און מענשליכע שאטענס זענען נאך איצט מעהר פערשקלאפט געוועזן, ווי פריהער. דער וועג קיין ירושלים איז אלזא געבליעבען פריי פאר די רוימער; וועספאסיאן האט אבער געוואלט לאזען אברוהען זיינע סאלדאטען נאך אזא לאנגען מארשרוט און נאך אזעלכע בלוטיגע געשלעגען, און ער האט זיי צושטעלט אין ווינטער־קווארטירען ארום קסריה.

ניינטעס קאפיטעל.

דער אונטערגאנג פון יהודה.

(66—73).

דער זאמעל־פונקט פאר אלע אנטלאפענע פון דער אונגליקליכער גליל איז געווען ירושלים. די אלע רעוואלוציאנערע מינדערהייטען, וועלכע האבען ביי זיך אין די גליל'עאישע שטעדט גארנישט געקענט אויפטאן נעגען דער מעהרהייט פון די מעסיג־מיושב'דיגע רוימער־פריינד, — האבען זיך ביסליכווייז צונויפגעזאמעלט אין דער גוט בעפעסטיגטער הויפטשטאדט פון יהודה, וואס האט פארגעשטעלט מיט זיך די ארטעריע און די נשמה פון דעם גאנצען אויפשטאנד. דא האט די גאנצע צייט געהערשט א פייערליך־אויפגערעגטע שטימונג — פון איין זייט האבען שוין געשוועבט אין דער לופטען די שווארצע שאטענס פון טויט און חורבן, און פון דער צווייטער זייט האט זיך דעם פאלקס פאנטאזיע אלץ שטארקער צופלאמט און צושפיעלט און זיינע האפנונגען אויף דער נאהנטער צוקונפט זענען וואס וייטער אלץ ליכטיגער, שענער און געטליכער געווארען. דאס פאלק האט זיך ארומגעקלאמערט ארום גאט'ס הויז, ארום בית המקדש, און איז פעסט און זיכער געווען אין דעם, אז דא וועט דער מעכטיגער שונא צוקלאפט ווערן און פון דאנען וועט זיך אנהויבען די ליכטיגע צייט פאר דער דערשלאגענער און אויסגערוועהלטער אומה. פון אלע זייטען האבען זיך טויזענדער יודען געצויגען צו דער הויפטשטאדט, צום בית־המקדש, און די מוטער

ירושלים איז קיינמאל נישט אזוי בעפעלקערט, אזוי שען און אזוי פעסט געוועזן, ווי אין דער לעצטער צייט פאר איהר אונטערגאנג. זי האט פערנומען אין איהר אומפאנג ביז זיעבען קלאמעטער (דריי און דרייסיג סטאדיען), און האט געהאט א בעפעלקערונג פון זעקס-הונדערט טויזענד מאן, נישט רעכנענדיג די איינגעוואנדערטע פון די ארומיגע שטעדט. לויט איהרע קווארטאלען האט ירושלים געהאט דעם פאלגענדען אויסזעהען: די אויבערשטאדט אדער ציון, איז געוועזן דער קווארטאל פון די אריסטאקראטען און גבירים. פון דאנען האט זיך געצויגען א ברייטער צווישען-טאל, און דערנאך האט זיך אנגעהויבען די אונטערשטאדט (עקרא), וואס איז געוועזן געבויט אין דער פארם פון א האלבער לבנה. צו צפון זייט פון דער אונטערשטאדט זענען געלעגען די פארשטעדט אויבער- און אונטער-בעזעטא; אט די פארשטעדט האט אגריפוס I געהאט אנגעהויבען צו בעפעסטיגען; לויט א בעפעהל פון רוים האט אבער די ארבייט געמוזט אבגעשטעלט ווערן. די מאסע בוי-מאטעריאל איז אלזא געבליבען ליעגען און דערמיט האבען זיך איצט די זעלאטען בענוצט ביים ענדיגען די בעפעסטיגונג. אין דעם קווארטאל האבען זיך געפונען די מארקפלעצער פאר וואל-אויסארבייטונגען, מעטאל-כלים, קליידער, האלץ און אויך בהמות. דער בית-המקדש, וואס האט זיך אין צפון-מערב זייט געגרענעצט מיט'ן פאלאץ אנטאניום, — האט פארגעשטעלט מיט זיך א זעלבסטשטענדיגען קווארטאל; צו דרום זייט פון בית-המקדש איז געלעגען דער קווארטאל אופל, און די דאזיגע אלע גאסען און פלעצער זענען אין דער לעצטער צייט אויסגעפלאסטערט געווארען מיט מראמאר.

ירושלים איז געוועזן גוט געשיצט און בעפעסטיגט. פון דריי זייטען: דרום, מזרח און מערב, איז דער בארג, אויף וועלכען ס'איז געשטאנען די הויפט-שטאדט, געוועזן כמעט נישט צוגענגליך, א דאנק די טיעפע גראבענס, די שטיילע פעלזען-ווענט און דעם הויך אויפגעשיטען וואל. די צפון-זייט, וואס איז פון דער נאטור געוועזן פרייער און צוגענגליכער, האט געהאט דערפאר א דרייפאכיגען וואל.

די יהודה'עאישע שטעדט, דאגעגען, אויסער ירושלים, זענען געבליבען אהן א שום פערטיידיגונג. וועספאסיאן האט זיי דעריבער בעזעצט איינע נאך דער אנדערע, נישט בעגעגענדיג קיין ווידערשטאנד, און פון גאנץ פאלעסטינא איז דערוויל נאך פריי געוועזן נאר דער צפון-טייל פון יהודה און די געגענד פערעא. די דאזיגע פראווינצען האבען

אויך געהאט א גרויסע צאהל פאטריאטישע קנאים, וועלכע זענען גרייט געוועזן זיך מקריב צו זיין פאר דער נאציאנאלער פרייהייט, און זיי וואלטען געקענט דעם אויפשטאנד גרויסע נוצען ברענגען; די פיהרער פון דער רעוואלוציע אין ירושלים האבען זיך אבער גאנץ ווייניג געקימערט וועגען די זייטיגע שטעדט, און דאס האט געבראכט דערצו, אז די רייכע און קאנסערוואטיווע עלעמענטען זענען געבליבען ביי זייערע פריעדליכע נייגונגען און האבען זיך גרייט געמאכט אליין צו עפנען פאר'ן שונא די טויערן פון זייערע שטעדט, און די רעוואלוציאנערע יוגענד האט אויסגעוואנדערט קיין ירושלים און דארט פערגרעסערט די צאהל פון די קאמפפס־מוטיגע זעלאטען.

א בעזונדער ארט האט פערנומען די פעסטונג מסדה, ביים דרום־מזרח ברעג פון ים המלח. דא האבען זיך צונויפגעזאמעלט אלע פערבליעבענע טיילען פון דער אמאליגער סיקאריער־באנדע, אונטער דער אנפיהרונג פון אלעזור בן יאיר, און מיט דער צייט איז צו זיי צוגעשטאנען אויך דער בעריהמטער העלד שמעון בר גיורא. שמעון האט זיך אויסגעצייכענט מיט א אונגעוועהנליכער פיזישער קראפט און מיט זיין העלדען־מוט, וואס האט איהם נישט פערלאזען ביז דער לעצטער מינוט. ביי דעם ערשטען צוזאמענשטויס מיט די רוימער, אונטער גאלוס'עס אנפיהרונג, איז ער, שמעון, געוועזן פון די ערשטע, וואס האבען זיך ארויפגעווארפען אויף דער אנטלויפענדער מחנה און צושלאגען איהרע הינטערשטע רייהען. זיין קריגערישע נאטור האט אבער אויך שפעטער נישט געקענט רוהיג בלייבען, און נישט האבענדיג די געלעגענהייט, ארויסצוטרעטען גלייך ווידער געגען די רוימער, איז ער אוועק אין דער געגענד פון ים המלח און זיך דארט אוועקגעשטעלט בראש פון א כנופיא באנדיטען־וואנדערער, וועלכע האט ארויפגעווארפען א שרעק אויף דער גאנצער סביבה. די טעראריזירטע בעפעלקערונג האט זיך דאן בעקלאגט אויף איהם פאר דער צענטראלער אדמיניסטראציע אין ירושלים, און די מעסיגע זעלאטען האבען ארויסגעשיקט געגען שמעון'ען א שטארקע בעוואפענטע קראפט, וואס האט איהם געצוואונגען זיך צו בעשיצען אין דער פעסטונג מסדה. דא האט ער זיך פערבונדען מיט די סיקאריער, און צוזאמען פלעגען זיי בעפאלען די דערבייאיגע ארומישע ישובים און אוועקרויבען אלץ, וואס זיי האבען נויטיג געהאט. דאס האט געצוואונגען די אדום'ער (אדום איז נאך געוועזן דאן א יודישע פראווינץ), זיך אויך צו פעראייניגען, און זיי האבען ארגאניזירט א איי־

גענע מחנה, וואָס האָט זיך וועניג אונטערגעשײדט פון דער סיקאַרישער אין דער הינזיכט פון פּאַטריאָטיזם, ווילדקײט און העלדישקײט.

דערווײַל האָבען זיך אָבער אין ירושלים גופא אָנגעהויבען שטאַרקע אינערליכע רײַבונגען צווישען די דעמאָקראַטען-זעלאָטען און אַריסטאָקראַטען-אָנפיהרער. דער אַנגעלאָפענער שטראָם פון די גליל'עאישע פריײַהײטס-קעמפפער האָט נאָכמעהר פערשטאַרקט די אויפגערײצטע שטימונג פון דער יהודה'עאישער הויפּטשטאָדט, און דערצו האָט יוסף'ס פערדעטערישער איבערגאַנג צו די רוימער שטאַרק אָבגעשוואַכט דעם צוטרוי פון פאָלק צו זײַנע אַריסטאָקראַטישע פיהרער. די עקסט-לינקע זעלאָטען האָבען איצט אָנגעהויבען צו קוקען מיט אַ שטאַרקען חשד אויף די „קאַלטע", כלומר'שט רעוואָלוציאָנערע אַריסטאָקראַטען, וועלכע האָבען קײן ברען און קײן פּאַטריאָטישע התלהבות נישט אַרויסגעוויזען. צי וועלען דען אָט די מיושב'דיג-פּאַסיווע פרושים און קאָנסערוואַטיוו-געמיטליכע אַריסטאָקראַטען, — צי וועלען זײ דען נישט אָבטרעטען פון שלאַכט-פעלד גלײַך בײַ דעם ערשטען קנאַל פון שונא'ס כלי זיין? צי וועלען זײ נישט לויפען גלײַך אויפעפנען פאַר די רוימער די טויערן פון שטאָדט און אין שטויב זיך וואַרפען פאַר די פיס פון בעזיעגער? דאָס איז איצט געווען די הערשענדע שטימונג אין די קרײַזען פון די ראַדיקאַלע זעלאָטען, און זײ האָבען בײַ זיך פעסט בעשלאָסען, אַרויסצורײַסען די ממשלה פון די אַריסטאָקראַטישע הענד און אַלײן איבערצונעהמען די גאַנצע אָנפיהרונג פון דעם הײליגען קאַמפּף. די רעגירונג, ווידער, פון איהר זײַט, האָט מיט שרעק געקוקט אויף די דאָזיגע ווילדע פלאַטער-קעפּ, וואָס האָבען פאַר זיך פון קײן גרענעץ און פון קײן אָבהאַלט נישט געוואוסט, און האָט נישט געקענט פועל'ן בײַ זיך, זײ אָנצופערטרויען דעם גורל פון לאַנד.

דער פײַנדליך-בלוטיגער צוזאַמענשטויס איז אַלזאָ אונפערמײַדליך געווען, און באַלד האָט זיך די גאַנצע הויפּטשטאָדט צוטײלט אויף צווײ לאַגערן. די מעסיגע רעוואָלוציאָנערען האָבען זיך גרופּירט אַרום דעם אַריסטאָקראַטישען סנהדרין, און בראש פון די לינקע זעלאָטען זענען געשטאַנען אלעזר בן שמעון און דער גליל'עאישער פּאַטריאָט יוחנן פון גוש-חלב. אָט דער לעצטער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך פון גליל זײַן פײַערדיגען פּאַטריאָטיזם און זײַן גאַנצע פערביטערטע שנאה צו דעם שענדליכען אַריסטאָקראַטישען פעררעטער, און די דאָזיגע שנאה האָט זיך דאָ איבערגעטראָגען אויף דער גאַנצער דערווײַליגער

רעגיערונג צוזאמען מיט'ן סנהדרין. עס איז אויסגעוואקסען א נייע הערשאפט — דער טעראר. די זעלאטען זענען בעפאלען יענע אלע פערזאנען, אויף וועלכע זיי האבען געהאט נאר א שטיקעל חשד, און זיי געטויט. דערנאך האבען זיי זיך גענומען צו די פערשידענע פאסטענס אין בית=המקדש, וועלכע זענען כסדר געווען פערנומען פון די אריסטאקראטען, און זיי בעזעצט מיט המוני'שע כהנים=זעלאטען. און דא האבען זיי זיך נאך נישט אבגעשטעלט: זיי האבען אראבגעזעצט פון זיין פאסטען דעם, פון אגריפום II בעשטימטען, כהן גדול מתיתיהו בן טעאפיל, און געלאזען אויסוועהלען א נייעם כהן גדול — על פי גורל. דער גורל איז גראד געפאלען אויף א פשוט'ען ישוב'ניק, מיט'ן נאמען פנחס בן שמואל, און ער איז דעמאנסטראטיוו, מיט'ן גאנצען פייערליכען צערעמאניאל, אריינגעפיהרט געווארען אין בית=המקדש, וואו די בעאמטע האבען איהם אנגעקליידט אין די טייערע כהן=גדול=קליידער.

דער דאזיגער פאקט האט שטארק אויפגערעגט דער רעגיערונג און זי איז אפען ארויסגעטרעטען אנטקעגען די זעלאטען. די געוועזענע כהנים גדולים ענן און יהושע בן גמלא, דער עושר יהושע בן גוריון און דער נשיא פון סנהדרין, ר' שמעון בן גמליאל — אלע האבען זיי זיך פעראייניגט אין קאמפף געגען די דיקטאטארישע שטרעבונגען פון די דעמאקראטען. זיי האבען צוזאמענגערופען דעם פאלק און איהם אויפגערייצט געגען די ברוטאלע שענדער פון דעם הייליגען בית=המקדש און בעזונדער האט זיך דא אויסגעצייכענט ענן. ער האט גערופען דאס פאלק זיך נוקם צו זיין אן די זעלאטען און מיט געוועהר אין האנד ארויסצוטרעטען געגען אט די בריונים, וואס האבען געמאכט פון גאטס הויז א קאזארמע. און דאס פאלק האט די אויפפאדערונג אנגענומען: עס האט זיך פונאנדערגעקאכט א בלוטיג געשלעג, וואס האט זיך געענדיגט מיט דער מפלה פון די זעלאטען. דער פארטיי פון די אריסטאקראטען איז געלונגען צונויפצושטופען די זעלאטען אין דעם גרויסען הויף פון בית המקדש און זיי דארטין צו בעוואכען.

דערווייל האבען זיך אין ירושלים פערשפרייט קלאנגען, אז ענן מיט זיינע חברים האבען בדעה אריינצולאזען די רוימער אין שטאדט, און צו דעם צוועק האבען זיי דאס געזוכט, אונשעדליך צו מאכען די רעוואלוציאנערע זעלאטען. מיט די קלאנגען האבען זיך די פריי=געבליבענע זעלאטען בענוצט, און געמאכט א געוואגטען שריט: זיי האבען ארויסגערופען זיך צו הילף קיין ירושלים די אדומי'שע מחנות. די

לעצטע, אין א צאָהל פון צוואַנציג טויזענד מאַן, אונטער דער אָנפיהרונג פון יוחנן, שמעון, פנחס און יעקב, זענען גלייך צוגעקומען צו די טויערן פון שטאָדט. ענן האָט זיי אין אָנהויב ניט געוואָלט אַריינלאָזען, און יהושע בן גמלא האָט זיי פון די מויערן אַראָב בעשוואוירען, זיי זאָלען אָבציהען פון דער הויפּטשטאָדט און ניט פערגרעסערן דאָ די מהומה, וואָס איז שוין אַזוי אויך גענוג גרויס. די אדומ'ער זענען אָבער פעסט געבליבען שטעהן אויף זייערע פּאָזיציעס, בעלאַגערנדיג דעם אַריינגאַנג פון שטאָדט.

און זיי וואָלטען אפשר אַ לאַנגע צייט הילפלאָז געוועזען געגען דער אַריסטאָקראַטישער מעהרהייט, ווען די נאַטור וואָלט זיי פּלוצלינג ניט געקומען צו הילף. אין אַ געוויסער נאַכט איז ירושלים אויפגעטרייסעלט געוואָרען פון אַ שרעקליכען שטורם מיט דונערן און בליצען, וואָס האָט אַרויפגעוואָרפען אַ ציטערניש אויף דער גאַנצער בעפעלקערונג און אויך אויף דער וואַך פון די שטאָדט־מויערן. דאָס האָבען די זעלאָטען אויסגענוצט און געעפענט שטילערהייד דעם אַריינגאַנג. די אדומ'ער האָבען זיך אַזויערנאָך אַריינגעריסען אין ירושלים, און בעפרייענדיג גלייך די בעלאַגערטע זעלאָטען, זענען זיי געוואָרען די בעלי־בתים פון שטאָדט. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ שרעקליכע שחיטה; די ווילדע אדומ'ער פון איין זייט און די צורייצטע זעלאָטען פון דער צווייטער זייט, האָבען זיך אַרויפגעוואָרפען אויף דער מעסיגער און פריעדליך־געשטימטער בעפעלקערונג מיט אַ אונגעהויערער אַכזריות, און די אויפגעהענדע זון האָט בעלויכטען אַ מורא'דיגען שלאַכט־פעלד, אויף וועלכען עס זענען געלעגען צעוואָרפען ביז אַכט טויזענד הרוגים (68). און דאָס האָט נאָך זייער צורייצטקייט ניט געשטילט: אויף צומאָרגענס האָט זיך געעפענט דאָס בלוט־געריכט איבער די פיהרער פון דער אַריסטאָקראַטישער פּאַרטיי, און דאָ האָט זיך אָנגעהויבען אַ פרישע רייהע פון רציחות און בלוט־פערגיסונגען. די ערשטע קרבנות פון דעם געריכט זענען געוועזען דער איניציאַטאָר און אָנפיהרער פון דער בירגער־מלחמה, ענן, און דער געהיימער פריינד פון יוסף בן מתיתיהו, יהושע בן גמלא. זייערע טויטע קערפּערס זענען געבליבען ליעגען ניט בעגראָבענערהייד — דער כעס פון די פּאַטריאָטען האָט זיך אפילו נאָך דעם טויט פון זייערע געגנער אויך ניט געשטילט. אַ סך אַריסטאָקראַטען זענען אַריינגעוואָרפען געוואָרען פריהער אין פינסטערע געפענגענישען, און ערשט שפּעטער האָט דאָס געריכט זיך געזעצט זיי משפּט'ען. דאָ האָט אָבער בכלל דאָס

געזעץ קיין ראליע נישט געשפיעלט, און דער עיקר איז געוועזן די פיינדליך=פערביטערטע שטימונג פון די אדער יענע זעלאטען. אזוי איז פארגעקומען, למשל, אז מ'האט געבראכט פאר'ן געריכט דעם געפאנגענעם אריסטאקראט, זכריה בן ברוך, און ווען די מעהרהייט האט איהם בעפרייט, זענען ארויסגעטרעטען צוויי זעלאטען און האבען איהם אין געריכט גופא געטויט, זאגענדיג דערביי: „אט האסטו אונזערע שטימען אויך!"

נאך די דאזיגע אלע מעשים, וואס האבען ענדליך איבערגעגעבען די גאנצע שטאדט אין די הענד פון דער זעלאטישער רעגיערונג, זענען די אדום'ער אוועק פון ירושלים. די זעלאטען האבען אבער נאך אלץ פארטגעזעצט זייער ארבייט; זיי האבען כסדר געפאנגען און געמשפ'ט די אלע, אויף וועמען זיי האבען געהאט נאר א שטיקעל חשד, און צווישען זייערע שפעטערדיגע קרבנות האט זיך געפונען אויך דער הויפט-קאמענדאנט פון דעם ירושלים'ער גארניזאן, יוסף בן גוריון (68). די העכסטע פארשטעהער פון דער איצטיגער, זעלאטיש=דעמאקראטישער רעגיערונג זענען געוועזן יוחנן פון גוש=חלש און אלעזר בן שמעון. זיי האבען ארגאניזירט די שטאדט=פערוואלטונג און איינגעארדענט א שטרענגע וואך ביי די ארויסגאנגען פון שטאדט, וואס האט אכטונג געגעבען, אז קיינער פון דער בעפעלקערונג זאל זיך נישט ארויסגנב'ענען פון ירושלים, אום איבערצוגעהען צום שונא.

און די רוימער האבען דערווייל אינגאנצען געשוויגען. האבענדיג זיין לאגער אין קסריה, האט וועספאסיאן זיך גוט צוגעקוקט צו דעם גאנג פון די אלע מעשים, וואס טוען זיך אב אין דער יהודה'עאישער הויפטשטאדט. ער האט זיך אבער געהאלטען גאנץ רוהיג, און קיין טריט נישט געמאכט, אבצושטעלן די בירגער=מלחמה אין ירושלים. זיינע מיליטערישע יועצים האבען איהם געראטען, צוצוטרעטען וואס גיכער צו דער בעלאגערונג פון דער יהודה'עאישער הויפטשטאדט, בענוצענדיג זיך מיט די דארטיגע אינווייניגסטע מהומות. אויף דעם האט זיי דער פארזיכטיגער קריגספיהרער געענטפערט, אז ער געפינט פאר איבריג אנצופאלען אויף מענשען אין דער צייט, ווען זיי אליין קוילענען זיך אוים איינער דעם אנדערן. אין דעם משך פון גאנצען ווינטער האט דעריבער וועספאסיאן זיין מחנה אינגאנצען רוהיג געלאזען, און ערשט אין אנהויב פריהלינג האט ער זיך אנגעהויבען מיט איהר צו בעוועגען, און דאס אויך נישט קיין ירושלים, נאר אויף דעם וועג צו פערעא,

דא האט זיך פונ'ם ניי פונאנדערגעקאכט א בלוטיגע שלאכט, און ווידער האבען טויזענדער יהודה'ער זייערע לעבענס פערלוירען. ביז פופצעהן טויזענד זענען געטויט געווארען מיט'ן שווערד, איבער צוויי טויזענד זענען געפאנגען געווארען, און א אונגעהויערע צאהל אנטלאפענע זענען מיט די שטראמען פון ירדן פערטראגען געווארען אין ים המלח.

אין דער צייט האט אנאנדער טייל פון ווערפאסיאנ'ס מחנה איינגענומען די איבריגע פונקטען פון צפון־יהודה. די וועגען צו דער יהודה'עאישער הויפטשטאדט זענען שוין אלזא כמעט אלע געווען בעזעצט מיט רוימישע גארניזאנען, און וועספאסיאן האט אנגעהויבען מאכען הכנות צו דער בעלאגערונג פון ירושלים; באלד האט ער אבער ווידער געמוזט אבשטעלען די דאזיגע אונטערנעמונג, צוליעב די אפטע אונרוהיגע ידיעות, וואס האבען אנגעהויבען אנצוקומען פון רוים. נאך נערא'ס טויט (68) האט זיך דאס גאנצע רוימישע מלוכה־לעבען שטארק פונאנדערגעטריישעלט; אויף דעם רוימישען טראן האט זיך אוועקגעזעצט דער מורא'דיגער גאלבא, און אין דער קריטישער צייט, ווען יעדער טאג האט געקענט ברענגען א נייע איבערקעהרעניש, האט וועספאסיאן נישט געפונען פאר פאסענד, צוצוטרעטען צו דער בעלאגערונג פון ירושלים. ער האט געווארט אויף נייע אינסטרוקציעס און האט צו דעם צוועק אוועקגעשיקט קיין רוים זיין זוהן, טיטוס'ען, מיט אגריפוס'ען. די שלוחים האבען אבער, נאך אין וועג זייענדיג, זיך דערוואוסט, אז גאלבא איז געטויט געווארען (5 יאנואר 69) און זיין פלאץ האבען פערנומען די צוויי אויסגעוועהלטע פון די מערב־לעגיאנען אטא און וויטעליום.

אט דער פאקט האט ארויסגערופען ביי טיטוס'ען דעם געדאנק וועגען די מזרח־לעגיאנען אונטער דער אנפיהרונג פון זיין פאטער, וועלכע קענען דאך ארויסשטעלען זייערן א אייגענעם קאנדידאט, — און ער האט זיך שנעל אומגעקעהרט צום פאטער. דער לעצטער, וועספאסיאן, האט אין אנהויב געהאט געגען זיך דעם פערוואלטער פון סיריען מוציאנוס, און דעם עגיפטישען שטאטהאלטער טיבעריוס אלעקסאנדער. דעם ערשטען, מוציאנוס'ען, איז אבער טיטוס'ען מיט פערשידענע מיטלען געלונגען, צו געווינען פאר'ן פאטער, און דער משומד טיבעריוס האט זיך אויך גאנץ לייכט געלאזען איבעררעדען פון דער יהודה'עאישער פרינצעסין בערעניקא, וועלכע האט זיך גערעבענט אפיציעל פאר טיטוס'עס קומענדיגער פרוי. דער פלאן האט זיך, אויף אזא אופן, פאלשטענדיג איינגעגעבען: טיבעריוס האט גלייך גענו־

מען א שבועה פון זיינע לעגיאנען, אז זיי וועלן דינען טריי דעם קייזער וועספאסיאן, און נאך איהם האבען פאר וועספאסיאנ'ען געשוואוירען אויך די סירישע און יהודה'עאישע לעגיאנען. אונטער דער צייט איז וויטעליוס געטויט געווארען; דאס האט וועספאסיאנ'ען נאכמעהר פריי געמאכט דעם וועג צום רוימישען טראן, און ער איז אוועק קיין איטאליען, איבערגעבענדיג זיין זוהן, טיטוס'ען, די אויפגאבע, צו פערניכטען דעם לעצטען ווינקעל פון דעם יהודה'עאישען אויפשטאנד.

ירושלים האט דא אלזא, גאר אונערווארטעט, פערדינט פון די אלע פאליטישע סכסוכים גאנצע צוויי יאהר; זי האט אבער די דאזיגע צייט אויסגענוצט נישט פאר זיך, נאר פאר'ן שונא. אין ירושלים איז פון טאג צו טאג געוואקסען די שרעקליכסטע אנארכיע, און צו די פריהערדיגע בלוטיגע צוזאמענשטויסען צווישען די דעמאקראטישע פיהרער און דער אריסטאקראטיע, זענען איצט צוגעקומען די ביטערסטע ארומרייסענישען און שלעגערייען צווישען די דעמאקראטישע פיהרער גופא. ארויסגערופען אט די שלעגערייען האט דער קריגעריש-ווילדער שמעון בר גיורא. זיין קריגערישע נאטור האט זיך לאנג נישט געקאנט בעפריעדיגען מיט די קליינליכע אנפאלען און מיט דער פאסיווער ראליע צווישען די סיקאריער פון מסדה. ער האט דעריבער נאר אבגעווארט די גינסטיגע געלעגענהייט, וואס זאל איהם געבען די מעגליכקייט צו ארבייטען אקטיוו, זעלבסטשטענדיג און אין ברייטען מאסשטאב, און נאך דער מפלה פון די אריסטאקראטען אין ירושלים, האט ער זיך ערנסט גענומען צו דער דאזיגער אויפגאבע; ער האט פערלאזען די פעסטונג און אנגעהויבען צונויפזאמלען ארום זיך א מחנה פון פריישוויליגע בעוואפענטע קעמפפער, און אין א משך פון עטליכע חדשים האט שוין אט די מחנה געצעהלט ביז צוואנציג טויזענד מאן. איצט האט זיך איהם שוין קיינער נישט געקענט שטעלען אין וועג, און די רוימישע גארניזאנען אפילו האבען איהם אויך געמוזט אבטרעטען עטליכע פון זייערע איינגענומענע פונקטען ארום ירושלים (אדום, חברון און נאך עטליכע קלענערע פאזיציעס). די זעלאטען אין ירושלים האבען זיך אבער דערשראקען פאר דעם העלדישען בר גיורא מיט זיין מחנה, און זיי האבען אנגעווענדט פערשיעדענע מיטלען, כדי איהם אבצושטויסען וואס ווייטער פון דער הויפטשטאדט און איהם אונטערצוווארפען זייערע פעראָרדנונגען. צו דעם צוועק האבען זיי איינמאל געפרובט זאגאר פאנגען שמעון'ס ווייב, גלויבענדיג, אז ער וועט זיך זיי אונטערגעבען און

מסכים זיין אויף אלע זייערע פאָדערונגען. דאָס איז אָבער געווען א פאַלשער רעכנונג: שמעון בר גיורא איז נישט געגאנגען זיך בעטען, מ׳זאָל בעפרייען זיין ווייב, זיין פייערדיגער צאָרן האָט איהם נישט ווייך געמאכט, נאָר פערווילדעט און צורייצט. ער האָט זיך, ווי א פערוואונדעטער לייב, אַרויסגעוואָרפען אויף דער גאנצער אומגעגענד פון ירושלים און אזוי לאנג פערשפּרייט אַרום זיך טויט, פּיין און צושטערונג, ביז די שטאַרקערע האָבען זיך געזעהען געצוואונגען, איהם נאָכצוגעבען: זיי האָבען בעפרייט דער געפאנגענער פרוי. בר גיורא איז נאָכדעם אַביסל רוהיגער געוואָרען; איהם האָט זיך שוין אָבער געוואָלט איצט דורכאויס אַריינקומען קיין ירושלים און שפּיעלען דאָרט א אָנגעזעהענע — אויב נישט די אָנגעזעהענסטע — ראָליע, אַלס העלדישסטער אָנפיהרער פון דער גרעסטער מחנה. ער האָט דעריבער טאָג און נאַכט געלויערט פאַר די טויערן פון דער הויפּטשטאָדט, אום זיך ווי ס׳איז אַריינצוקריגען אַהין, און באַלד זענען איהם די איבערגעבליבענע אַריסטאָקראַטען פון אינוועניג געקומען צו הילף. די לעצטע האָבען נאָך דעם טעראָריסטישען אויפשטאַנד פון די דעמאָקראַטישע זעלאָטען אויפגעהערט צו עקסיסטירען אַלס עפענטליכע פּאַרטיי מיט א בעשטימטער ריכטונג; שטילערהייד האָבען זיי אָבער נישט אויפגעהערט צו אַרבייטען געגען דער דיקטאַטור פון די זעלאָטישע אָנפיהרער, און מיט דער צייט האָבען זיי ווידער בעקומען אויף זייער זייט א גרויסע צאָהל אָנהענגער פון דער אונצופרידענער און אַנגעשראָקענער בעפעלקערונג. בראש פון דער דאָזיגער פערשווערונג איז געשטאַנען דער אַראָבגעזעצטער כהן גדול מתתיהו, און נאָכדעם ווי ס׳איז געקומען צו א עפענטליכען צוזאַמענשטויס צווישען די פערשוואָרענע אַריסטאָקראַטען און די זעלאָטען, און די ערשטע האָבען זיך געפונען אין א פערצווייפעלטער לאַגע, איז מתתיהו אַליין אַוועק צו דעם אויפגערייצטען בר גיורא און האָט איהם אַריינגעפיהרט אין שטאָדט (69).

און דאָ האָט זיך איצט פונאַנדערגעקאָכט די בלוטיגע בירגערמלחמה אין איהר העסליכסטער געשטאַלט. שמעון האָט זיך געוואָלט נוקם זיין אָן די צוויי זעלאָטישע אָנפיהרער — אלעזר בן שמעון און יוחנן פון גוש־חלב — און ווערן דער איינציגער בעל הבית איבער גאַנץ ירושלים, און אין דער זעלביגער צייט האָבען אָט די צוויי זעלאָטישע אָנפיהרער אויך נישט אויפגעהערט זיך אַרומצורייסען, נישט קענענדיג איינטיילען צווישען זיך די פיהרערשאַפט. ירושלים האָט אויף אַזא אופן

געהאט פאר דער בעלאגערונג גאנצע דריי אבגעזונדערטע מחנות מיט בעזונדערע אנפיהרער, וועלכע האבען כסדר געקעמפפט איינע געגען דער אנדערער און, זעלבסטפערשטענדליך, אבגעשוואכט די אלגעמיינע פערטיידיגונגס־קראפט פון דעם גאנצען גארניזאן. צוויי טויזענד מעסיגע זעלאטען זענען געשטאנען אונטער דער קאמאנדע פון אלעזר בן שמעון; די גליל'עאישע מעהר ראדיקאלע און מעהר פייערדיגע פאטריאטען, אין א צאהל פון זעקס טויזענד מאן, האבען זיך פעסט געהאלטען ביי זייער פיהרער יוחנן פון גוש־חלב, און בר גיורא האט געהאט א מחנה פון זעכצעהן־טויזענד מאן, דערונטער די סיקאריער־באנדע און די אדומ'ער. אט די דריי דיקטאטארען־אנפיהרער האבען זיך כסדר געהאמפערט וועגען די איינפלוס־ספערען פון דער האלב־בעלאגערטער הויפטשטאדט און אזוי זענען צוויי יאהר אריבער אין אונאויפהערליכע ארומרייסענישען און ברודער־מלחמות. די רוימער האבען אלץ ענגער און ענגער צוזאמענגעצויגען דעם קרייז ארום ירושלים, און קיין איינע פון די אינוועניגסטע מחנות האט נישט געפרובט זיך ארויסרייסען פון שטאדט און שטערן די רוימער אין זייערע מיליטערישע אפעראציעס, מורא האבענדיג נישט פאר דעם אויסוועניגסטען געמיינזאמען שונא, וואס האט צו יענער צייט גאנץ נאכלעסיג געארבייט, נאר דערפאר — טאמער וועט דערווייל אנאנדער אנפיהרער פערהאפען א שטיקעל פון דער אויסגעקעמפפטער „מלוכה". און דאס איז נאך נישט דאס שרעקליכסטע געוועזען; ערגער איז געוועזען דאס, וואס אין דעם בלוטיגען קאמפף צווישען איין מחנה און דער אנדערער, זענען גאנצע קווארטאלען פון שטאדט חרוב געווארען, און איינער פון די דאזיגע קורצזיכטיגע פאטריאטישע פיהרער האט זיך אפילו ערלויבט אונטערצוצינדען די גרויסע שפייכלערס מיט פראוויאנט, וואס האבען געזאלט שיצען דער בעלאגערטער שטאדט פון הונגער.

די אינוועניגסטע ארומרייסענישען זענען אביסעל שוואכער געווארען ערשט אין די לעצטע טעג פאר דער בעלאגערונג. דער שאטען פון דעם רוימישען פאנציר האט אויפגעוועקט די פערשכור'טע עהרגייציגע פיהרער און האט זיי דערמאהנט אן זייערע אלגעמיינע פליכטען — אן דעם אלגעמיינעם שונא, געגען וועלכען זיי מוזען ארויסטרעטען מיט געמיינזאמע כחות. אלעזר בן שמעון'ס מחנה האט זיך איצט פעראייניגט מיט דער מחנה פון די גליל'ער און די איינציגע אנפיהרער פון דעם גאנצען גארניזאן זענען געבליבען — יוחנן פון גוש חלב און

שמעון בר גיורא.

און די הכנות צו דער בעלאַגערונג זענען אַלץ שטורמדיגער און
אײַליגער געוואָרען. עס האָט געהײַסען, אַז די רוימער לויערן שוין
גאַנצע פיער יאָהר אויף דער רעוואָלוציאָנערער יהודה׳עאישער הויפּט=
שטאָדט און קענען זי נישט בײַקומען — אַזאַ פלעק אויף דער מיליטע=
רישער מעטיגקײַט פון דעם נײַ=בעשטימטען קײַזער האָט נישט געקענט
לענגער בלײַבען. טיטוס, דער איצטיגער יורש עצר, האָט זיך דעריבער
גענומען מיט אַלע כחות, אײן מאָל פאַר אַלע מאָל אַ סוף צו מאַכען
מיט דער פערשלעפּטער מלחמה. ער האָט צוזאַמענגעצויגען אַרום
ירושלים גאַנצע אַכציג טויזענד סאָלדאַטען מיט אַ אונגעהויערער צאָהל
שלײַדער=מאַשינעס, און איז צוגעטרעטען צו דער בעלאַגערונג — האָבענ=
דיג אַרום זיך אַ גאַנצען שטאַט פון יודישע פעררעטער, אַלס יועצים
און נאָהנטע מיטהעלפער. אַגריפּס II האָט צוגעשטעלט טיטוס׳ען אַ
בעדײַטענדע מחנה און האָט זיך עטליכע מאָל געווענדעט צו דער בע=
פעלקערונג פון ירושלים מיט דעם פאָרשלאָג, זיך אונטערצוגעבען;
טיבעריוס אַלעקסאַנדער, דער געשמד׳טער צורר היהודים, איז געווען
טיטוס׳עס רעכטע האַנד און דער פאַקטישער פיהרער פון דער גאַנצער
בעלאַגערונג; די יהודה׳עאישע פּרינצעסין בערעניקאַ איז געוואַקסען
צוזאַמען מיט טיטוס׳ען און יעדער נצחון פון איהר געליבטען איז גע=
ווען אויך איהר נצחון; און ענדליך דער גליל׳עאישער פעררעטער
יוסף בן מתתיהו, וועלכער איז געוואָרען טיטוס׳עס וועג=ווײַזער און האָט
זיך אָפען ערקלערט פאַר אַ אָנהענגער פון דער רוימישער הערשאַפט
אין יהודה. פון דעם דאָזיגען יודישען שטאַב אין טיטוס׳עס לאַגער
האָבען, נאַטירליך, נישט אַלע מיטגליעדער רעאַגירט אין דער זעלביגער
מאָס אויף דער ערשײַנונג פון יהודה׳ס אונטערגאַנג; פעררעטען זײַער
פאָלק האָבען זיי אָבער אַלע, און פאַר׳ן היסטאָריקער בלײַבט צו פער=
צײַכענען דעם טרויעריגען פאַקט, אַז אין דעם טויט=קלאַפּ, וואָס יהודה
האָט בעקומען פון טיטוס׳עס האַנד, האָבען אָט די הויף=יודען אַ שטאַר=
קען חלק געהאַט. —

די פאַקטישע בעלאַגערונג פון ירושלים האָט זיך אָנגעהויבען
אַרום פסח=צײַט אין זיעבעציגסטען יאָהר. טיטוס האָט צוזאַמענגענומען
זײַנע מחנות אויף דעם שטח סקאָפּאַס, און פון דאַנען האָט ער אויפגע=
פאָדערט די בעלאַגערטע, איהם צו עפנען די טויערן פון שטאָדט; ער
האָט דערבײַ געפאָדערט פון די אײַנוואוינער נישט פיעל: סך הכל נאָר

דאָס, זיי זאָלען אָנערקענען די רוימישע איבערהערשאַפט און אַריינטראָ=
גען אין אוצר המלוכה די געפאָדערטע שטייערן — ווי עס האָט זיך גע=
פיהרט פאַר׳ן אויפשטאַנד. די מוטיגע זעלאָטען האָבען אָבער אויף דעם
פאָרשלאָג געקענט ענטפערן נאָר מיט אַ טיעפער פעראַכטונג. זיי האָבען
איינמאָל געשוואוירען, צו פערטיידיגען די הויפטשטאָדט ביז דער לעצ=
טער מינוט, קעמפפענדיג פאַר איהר אויף לעבען און טויט, און דער
שונא האָט זיי מיט קיין הבטחות נישט געקענט פערפיהרען. דאַן האָט
טיטוס זיך ערנסט גענומען צו דער בעלאַגערונגס=אַרבייט, און באַלד
איז איהם אויסגעקומען זיך צו איבערצייגען, אַז די אונטערנעהמונג וועט
איהם נישט לייכט אָנקומען. ווי אַלע בעלאַגערטע פון ירושלים פאַר
איהם, האָט אויך טיטוס פערווענדט דעם גרעסטען טייל פון זיינע כחות
אויף דער צפון=זייט פון שטאָדט, וואָס איז פון דער נאַטור געווען צו=
גענגליכער און אָפענער, חאָטש זי האָט געזהאַט גאַנצע דריי פעסטונגס=
ווענט, אין דער צייט, ווען די איבריגע זייטען האָבען געהאַט נאָר צו
איינע; און דאָ איז פאָרגעקומען, אַז ווען טיטוס האָט געוואָלט גענויער
בעטראַכטען די דאָזיגע ווענט, און איז צוגעקומען מיט זיין סוויטע
זעהר נאָהנט צום שטאָדט, האָט זיך, גאַר אונערוואַרטעט, אַרויסגעוואָר=
פען אויף איהם אַ אָבטהיילונג פון יהודה׳עאישע קעמפפער און האָט איהם
שיער נישט אָבגעריסען פון זיין לאַגער. טיטוס האָט זיך דאַן מיט׳ן
לעבען געראַטעוועט אויף זיין פלינקען פערד און דערצו האָבען זיינע
בעגלייטער איהם פערשטעלט פון אַלע זייטען, וויסענדיג, ווי גרויס און
שרעקליך עס וואָלט זיין די חרפה, ווען זייער פיהרער וואָלט גלייך
דעם ערשטען טאָג געפאַנגען ווערן פון די רעוואָלוציאָנערען. אַזאַ פלוצ=
לונגען איבערפאַל האָבען די יהודה׳עאישע קעמפפער בעוויזען צו מאַ=
כען אויך אויף צו מאָרגענס; ווען דער צעהנטער רוימישער לעגיאָן איז
געווען שטאַרק בעשעפטיגט מיט׳ן אויפשטעלען זיין לאַגער אויפ׳ן אייל=
באַרג, האָט זיך אַרויסגעריסען פון שטאָדט אַ בעדייטענדע אָבטהיילונג
און איז מיט אַזאַ אימפעט בעפאַלען די רוימישע סאָלדאַטען, אַז זיי
זענען געצוואונגען געווען, צו אַנטלויפען, איבערלאָזענדיג הינטער זיך
אַ מאַסע געהרג׳עטע און פערוואונדעטע.

נאָך דעם אַלעמען האָט זיך אָבער די רוימער פאָרט איינגעגעבען,
צו בעלאַגערן ירושלים פון דריי זייטען און אָנצושטעלען זייערע שלייַדער=
מאַשינעם אַנטקעגען די אויסווייניגסטע מויער=ווענט. די מאַשינעם זענען
אוועקגעשטעלט געוואָרען אויף ערד=וואַלען, וועלכע האָבען געגרייכט

ביז צו דער הויך פון די מויערן , און פון דאַנען האָט זיך אָנגעהויבען
שיסען אויף די פעסטונגס=ווענט אַ האָגעל פון פּודיגע שטיינער און „טאַ=
ראַנעס" (שטורם=אייזענס) . די ערד האָט זיך געטרייסעלט פון ד
שטורמדיגע קלעפּ און די מאַסיווע ווענט האָבען זיך נאָך דערווייל פעסט
געהאַלטען און נישט געצאַפּעלט זיך , און מיט קיין איינציגען ריהר זיך
נישט אָבגערופען ; דערפאַר האָבען אָבער נישט געשוויגען די לעבעדי=
גע בעשיצער פון די דאָזיגע ווענט . ווי נאָר די רוימער האָבען אוועק=
געשטעלט זייערע בעלאַגערונגס=כלים , האָבען זיך די יהודה'ער ארויס=
געריסען פון שטאָדט , און זיי אונטערגעצונדען , בעפאַלענדיג די סאָל=
דאַטען און צווינגענדיג זיי , צו אַנטלויפען ; דערצו האָבען די בעלאַגער=
טע אויך געהאַט אַ גרויסע צאָהל שליידער=מאַשינעס (פון די , וואָס זיי
האָבען פערכאַפּט ביי גאַלוס'ען) און זיי האָבען דאָס איצט גלענצענד
אויסגענוצט. זיי האָבען אויך כסדר געשליידערט פון זייערע ווענט שטיי=
נער , פייַלען און פערשידענע אַנדערע ברענענדע מאַטעריאַלען , און
די רוימער האָבען דערפון שטאַרק געליטען .

די געגענזייטיגע באָמבאַרדירונג האָט זיך געצויגען איבער צוויי
וואָכען , און ענדליך איז די רוימער דאָך געלונגען , אָבצושטופען די
בעלאַגערטע פון דער אויסוועניגסטער וואַנט (אייר=סיון 70) . דערנאָך
האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט אַ היציגע מלחמה איבער דער צווייטער
מויער=וואַנט , וועלכער טיטוס האָט בעפוילען איינצונעהמען גלייך מיט'ן
שטורם . דאָ האָבען ביידע זייטען ארויסגעוויזען אונגעוועהנליכע גבורות.
גאַנצע טעג זענען ביידע מחנות געשטאַנען אונטער אַ מבול פון קוילען ,
און די נעכט זענען אריבער אין שרעק פאַר דעם קומענדיגען טאָג. דער
גאַנצער גאַרניזאָן האָט זיך שטענדיג געפונען אונטער געוועהר , און ביי
דעם ערשטען שטראַהל פון פריהמאָרגען זענען שוין אַלע געשטאַנען
גרייט צום קאַמפף . די רוימער אַליין זענען אויך ערשטוינט געוואָרען
פון דער יהודה'עאישער העלדישקייט , און נאָכדעם ווי זיי האָבען שוין
סוף כל סוף געהאַט אויסגעקעמפפט די צווייטע וואַנט , האָבען זיך די
יהודה'ער ווידער ארויפגעוואָרפען אויף זיי מיט אַ אונגעוועהנליכער
פערצווייפלונג , און זיי פערטריבען צוריק , ביי וואָס די רוימער האָבען
נאָכאַמאָל פערלוירען אַ גרויסע צאָהל טויטע און פערוואונדעטע . דער
קאַמפף איבער דער צווייטער וואַנט האָט זיך דעריבער געמוזט אָנהויבען
פון'ס ניי , און איצט ערשט האָבען די רוימער בעוויזען זי איינצונעה=

מען און זיך צו בעפעסטיגען אין דער דערביַיאיגער פאַרשטאָדט, בעזעטצט.

דערמיט האָט זיך אָבער די רעכטע מלחמה ערשט אָנגעהויבען. די רוימער האָבען איצט געהאַט איינצונעהמען די בעפעסטיגטע אויבערשטאָדט און דעם פּאַלאַץ אַנטאָניום; צו דעם צוועק האָבען זיי אויפגעשיט פיער הויכע וואַלען און אויפגעשטעלט אויף זיי די גרעסטע שטורם־מאַשינעס, אַרבייטענדיג דערביי גאַנצע זיבעצעהן טאָג אָהן אַ אויפהער אונטער דעם מבול פון יודישע פיילען און שטיינער; און נאָכדעם, ווי די גאַנצע אַרבייט איז שוין געענדיגט געווען, האָט זיך יוחנן (פון גוש חלב) מיט אַ קליינער אָבטיילונג קעמפפער אַרויסגעריסען פון שטאָדט דורך אַ אונטערערדישען גאַנג און צוקומענדיג ביז די וואַלען, האָט ער די מאַשינעס אונטערגעצונדען. מיט צוויי טאָג שפּעטער האָבען דאָס זעלבע געטאָן דריי איינציגע העלדען פון בר גיורא׳ס מחנה און האָבען פערברענט די איבריגע אָנגעשטעלטע בעלאַגערונגס־כלים. דאָס אַלץ האָט דעם אונגעדולדיגען טיטוס׳ען שטאַרק דערגערווירט, און ער האָט זיך נאָכאַמאָל געפּרובט איבערערעדען די בעלאַגערטע, זיי זאָלען זיך איהם אונטערגעבען, שיקענדיג צו זיי אַלס שליח דעם בעריהמטען גליל׳עאישען העלד, יוספ׳ן. דער לעצטער האָט זיך אַרויפגעשטעלט אויף אַ בערגעל אַנטקעגען דער שטאָדט־וואַנט, און האָט איינגערעדט די בעלאַגערטע, זיי זאָלען אָבשטעלען דעם עקשנות׳דיגען ווידערשטאַנד, וואָס וועט נאָר איינשלינגען אַ מאַסע קרבנות און קיינע נוצען נישט ברענגען; זיין רעדע האָט אָבער גאַנץ וועניג געווירקט. ער אַליין דערצעהלט (אין זיין יודישער געשיכטע), אַז די בעלאַגערטע האָבען זיך אָבגערופען אויף זיין פאָרשלאָג מיט פיינדליכע אויסגעשרייען און שטיינער, און אַנדערש קען מען זיך דעם פאַקט ווירקליך נישט פאָרשטעלען. די מוטיגע פּאַטריאָטען האָבען נאָר צוויי וועגען געזעהען פאַר זיך: זיגען אָדער אומקומען, און וואָס זיי האָבען צו ערוואַרטען פון די רוימער, האָט זיי טיטוס געוויזען באַלד אין אָנהויב פון דער בעלאַגערונג. ער האָט געלאָזען קרייציגען גאַנצע פינף הונדערט מאַן פון די געפאַנגענע, וואָס זענען אַריינגעפאַלען צו איהם אין לאַגער, און אַ גרויסע צאָהל פון זיי געלאָזען אַריינוואַרפען צוריק אין שטאָדט מיט אָבגעהאַקטע הענד און פיס. די פיהרער פון דער בעלאַגערטער שטאָדט האָבען פון דעסטוועגען מורא געהאַט, טאָמער וועט אימיצען איינפאַלען זיך אַרויסצורייסען פון דער בעלאַגערונג, און זיי האָבען, אונטער דער געפאַהר פון טויט־שטראָף,

פערבאָטען איבערצוטרעטען די טויערן פון שטאָדט. שמעון בר גיורא האָט זאָגאַר געלאָזען אויספיהרען די דאָזיגע שטראָף איבער אַ גאַנצער גרופּע בעלי בתים, אויף וועלכע ס'איז געפאַלען אַ חשד, אַז זיי ווילען זיך אַרויסגנב'נען פון דער בעלאַגערונג, און צווישען זיי האָט זיך געפונען אויך דער, וואָס האָט איהם אַליין אַריינגעלאָזען אין שטאָדט — דער געוועזענער כהן גדול מתיתיהו בן טעאָפיל.

אָט די אַלע העלדישע אַרויסטרעטונגען פון די בעלאַגערטע פּאַטריאָטען, האָבען געצוואונגען טיטוס'ען צו ענדערן אינגאַנצען זיין פּלאַן פון דער בעלאַגערונג. ער האָט זיך מיאש געווען פון דער האָפנונג, איינצונעהמען די יהודה'עאישע הויפּטשטאָדט מיט'ן שטורם, און האָט זיך בעשלאָסען אויף אַ לאַנג=דויערנדער, פּאַסיווער בלאָקאַדע, וואָס וועט סיסטעמאַטיש אויסהונגערן די בעלאַגערטע און ברענגען זיי דערצו, אַז זיי וועלן זיך אַליין מוזען אונטערגעבען, אויב זיי וועלן נישט אויסשטאַרבען אַלע פון הונגער און פּיין. די רוימער האָבען זיך גענומען צו דער אַרבייט מיט פרישען מוט און אין אַ משך פון עטליכע טאָג איז אויסגעוואַקסען אַ גרויסער שטיינערנער וואַל אַרום דער גאַנצער שטאָדט, וואָס האָט געהאַט אין זיין אומפאַנג איבער זיבען קילאָמעטער. אויף דעם וואַל זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרען דרייצעהן וואַך=טורעמס מיט בעוואָפענטע סאָלדאַטען, וואָס האָבען אונמעגליך געמאַכט, אַריינצוגנב'ענען אין שטאָדט אפילו דאָס מינדעסטע. געגען דער אונטערנעהמונג זענען די בעלאַגערטע גאָר נישט בכח געווען אויפצוטאָן, און די טרויעריגע פאָלגען דערפון האָבען זיך באַלד אָנגעהויבען אַרויסצעווייזען.

ביי דער אונגעהויערער בעפעלקערונג, וואָס האָט זיך צו יענער צייט געפונען אין דער פערשלאָסענער שטאָדט (איבער אַ האַלבען מיליאָן) זענען די אָנגעזאַמעלטע שפּייז=מאַגאַזינען באַלד לעדיג געוואָרען, און דער שרעקליכער הונגער האָט מיט יעדען טאָג אַלץ מעהר און מעהר פערשפּרייט זיינע שוואַרצע שאָטענס איבער די פון שרעק און פּיין פערחושכ'טע פּנים'ער. אין אָנהויב זענען די קרבנות געווען בלויז פון די אָרימע קלאַסען, ביסליכווייז אָבער האָט זיך דער משחית פערקליבען אויך אין די רייכע הייזער און אַפילו אין די רייהען פון מיליטער. בלאַסע, זיך קוים וואַקלענדע, געשוואָלענע שאָטענס פון מענשען האָבען, ווי טויטע רוחות, אָנגעפילט די גאַסען פון ירושלים, און מיט'ן הונגער איז געקומען אויך די טעמפּע אכזריות. מוטער'ס האָבען זייערע אייגענע זויג=קינדער געגעסען, טויטע קערפּער'ס האָבען זיך געוואַלגערט אין די

גאסען , און קיינער האט זיך נישט געוואלט בעמיהען, זיי צו בעגראבען;
דער טויט האט אויפגעהערט צו שרעקען — מ'האט אויף איהם געווארט.
די גאנצע שטאדט האט אויסגעזעהען , ווי א גרויסער בית=עולם , וואו
ס'האבען שטיל זיך בעוואויגען אהין און אהער פינסטערע געשפענ=
סטער . און די רוימער האבען געקוואלען און זיך געפרייצט פון דער וויי=
טענס , געוויזען גאנצע הויפענס שפייז , פרוכט . . . דאס האט א סך
פון די בעלאגערטע פערשכור'ט און זיי האבען זיך ארויסגעריסען פון
דער מתים=שטאדט — אהין , צו די גליקליכע , זאטע ; דארט האט זיי
אבער אויך דער טויט נישט אבגעלאזען : א סך זענען געבליבען ליגען
מיט'ן ערשטען ביסען אין מויל , און די איבריגע זענען געטויט געווא=
רען פון די רוימישע סאלדאטען . צווישען די לעצטע האט זיך פער=
שפרייט א קלאנג , אז די יודען האבען איינגעשלונגען א סך גאלדענע
מטבעות , כדי זיי אויף אזא אופן צו בעהאלטען פון די רוימישע הענד ;
די סאלדאטען האבען דעריבער איצט געחאפט יעדען געפאנגענעם יודען
און איהם אויפגעשניטען דעם בויך , זוכענדיג דארטין די גאלדענע רענד=
לעך .

נישט געדרעכענט זיך מיט'ן הונגער האבען נאר די קעמפפענדע
זעלאטען . פערביטערט אבער נישט פערצאגט , פערגיפטעט פון הונגער
און צארן , אבער נישט אבהענדיג , זענען אט די פאטריאטישע העלדען
פעסט און מוטיג געשטאנען אויף זייערע פאסטענס , גרייט אומצוקומען
פאר'ן פאטערלאנד , גרייט צו קוקען דעם שרעקליכסטען טויט גלייך אין
פנים אריין . זיי האבען כסדר געשטערט די רוימער אין זייערע אונטער=
נעהמונגען , און טיטוס האט גאנצע איין און צוואנציג טאג געמוזט פיהרען
א בלוטיגען קאמפף מיט די הונגעריגע פאטריאטען , ביז ס'איז איהם גע=
לונגען אויפצושיטען א נייעם וואל אנטקעגען דעם פאלאץ אנטאניום . יוחנן
האט זיך איצט אויך געפרובט אונטערצינדען די ארויפגעשטעלטע בעלא=
גערונגס=מאשינען ; דאס מאל האט זיך איהם אבער דער אויפטו נישט
איינגעגעבען , און די רוימער האבען אזוי לאנג בעשטורמט די אויטווע=
ניגסטע מויער=וואנט פון פאלאץ , ביז זי האט זיך ענדליך אונטערגע=
געבען און איז איינגעפאלען . ווי פערציטערט זענען אבער די רוימער
געווארען , ווען זיי האבען הינטער דער איינגענומענער וואנט דערזעהען
נאך איינע , א נייע , א פעסטע ! דאס האט יוחנן אויף גיך געלאזען
אויפשטעלען אין דער צייט , ווען זיי האבען בעשאסען די ערשטע , און
איצט האט זיך פונאנדערגעקאכט א נייער קאמפף . די רוימער זענען

בעפֿאַלען דער יהודה'עאישער וואַך בײַנאַכט, זײַ זענען אָבער פֿון דער
לעצטער אָבגעשטויסען געוואָרען מיט גרויסע אבידות. דאַן זענען זײַ אַ
דריטען מאָל געקומען מיט פֿרישע און דאָפּעלטע כחות, און דאָ האָבען
זײַ געזיגט: זײַ זענען געבליבען די בעלי בתים פֿון אַנטאָניום און
יוחנן האָט געמוזט אָבטרעטען (5 תמוז 70). די רוימער האָבען זיך
אַפֿילו געפּרובט נאָכיאָגען די זעלאָטען מיט זייער העלדישען אָנפֿירער;
יוחנן האָט זיך אָבער גלײַך בעפֿעסטיגט אין דעם בית=המקדש=הויף און
די רוימער האָבען זיך אומגעקעהרט מיט גאָרנישט.

בעפֿעסטיגט אין דעם אײַנגענומענעם באַסטיאָן פֿון בית המקדש, האָט
זיך טיטוס נאָכאַמאָל געפּרובט ווענדען צו דער בעפֿעלקערונג מיט דעם
פֿאָרשלאָג, זיך אונטערצוגעבען. ער האָט געגלויבט, אַז איצט, בײַ דער
שרעקליכער לאַגע פֿון די אײַנוואוינער, און נאָכדעם, ווי ער האַלט
שוין אין זײַנע הענד דעם שליסעל צום צענטר פֿון דער גאַנצער בעוועג=
גונג, צום בית המקדש, — אַז איצט וועט שוין קיינער בײַ זיך נישט
פּועל'ן, צו בלײַבען בײַ דער רעוואָלוציאָנערער עקשנות, און די בעפֿעל=
קערונג וועט נאָר צופֿריעדען זײַן מיט דער געלעגענהייט, וואָס ער גיט
איהר, זיך אויסצובעטען בעסערע בעדינגונגען. ער האָט אָבער אַ שטאַרקען
טעות געהאַט; די פֿינסטערע שאָטענס האָבען געקלערט וועגען טויט און
וועגען אַלע יסורים פֿון דער וועלט, נאָר נישט וועגען אונטערגעבען זיך.
אויף דעם פֿאָרשלאָג פֿון טיטוס'עס שליח, פֿון יוסף'ן, האָט יוחנן שאַרף
געענטפֿערט, אַז גאָט'ס שטאָדט קען נישט אונטערגעהן און איהר גורל
ליעגט נאָר בײַ איהם אין די הענד. „דערבײַ האָט ער אַלײן אויך
נישט גערוהט און געטאָן אַלץ, וואָס ס'איז נאָר מעגליך געווען צו טאָן
בײַ די בעדינגונגען, כדי צו דערהאַלטען דעם לעבענס=נערוו פֿון דער
אומה. טיטוס האָט געלאָזען צושמעטערן דעם גאַנצען אַנטאָניום=פּאַלאַץ
(פֿון איהם זענען געבליבען נאָר די מערב=טורעמס), אום צו האָבען אַ
פֿרײַען וועג צום הר=הבית; דער הויף פֿון בית המקדש איז אָבער געווען
גוט בעפֿעסטיגט, און דערצו האָט זיך די התלהבות פֿון די קעמפֿפֿענדע
פּאַטריאָטען וואָס ווײַטער אַלץ שטאַרקער פֿונאַנדערגעקאָכט, נישט קוקענ=
דיג אויף דעם, וואָס די מאַסען צופֿוילטע הונגער=קרבנות האָבען אַרויס=
גערופֿען אויך אַ מגפה, און די גאַנצע שטאָדט האָט זיך געפֿונען אין
אַ מורא'דיגען תהום פֿון אונמענשליכע יסורים און גרויזאַמקייטען. די
רוימער אַלײן זענען אויך נשתומם געוואָרען פֿון דעם יודישען העלדען=
מוט, פֿון דער פּאַטריאָטיש=רעליגיעזער התלהבות, און ס'זענען זאַגאַר

פאָרגעקומען פאַקטען, אַז סאָלדאַטען פון דעם רוימישען לאַגער האָבען פערלאָזען זייערע פאָהנען און זייער גלויבען, און זענען איבערגעגאַנגען צו די הונגעריגע און ליידענדע, צו די העלדישע יודישע מערטירער.

אונטער דער צייט האָט טיטוס געמאַכט אַלע פאָרבערייטונגען צו דער באָמבאַרדירונג פון בית המקדש. דער הייליגער נאַציאָנאַלער טעמפעל איז איצט פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ געוועהנליכער פעסטונג, און פון זיעבעצעהנטען תמוז (שבעה עשר בתמוז) אָן האָט מען אויפגעהערט מקריב צו זיין דעם טעגליכען קרבן (קרבן תמיד), ווייל ס'זענען נישט געווען נישט קיין כהנים און נישט קיין קרבנות. אויף די פעסטע מויערן ווענט אַרום דעם גאַנצען בית־המקדש־הויף זענען אויפגעשטעלט געוואָרען די אַלע שליידער־מאַשינעס, וואָס האָבען זיך געפונען אין דעם יודישען לאַגער נאָך פון דעם ערשטען נצחון איבער די רוימער, און דאָס האָט טיטוס'ען ווידער איבערצייגט, אַז ער וועט נאָך מוזען דורכמאַכען אַ שווערען קאַמפף, ביז איהם וועט זיך איינגעבען צו פערניכטען דעם ויאָזיגען קוואַל פון דער יודישער בעגייסטערטער האָפנונג. אַ אָבטיילונג פון געקליבענע העלדישע סאָלדאַטען האָט זיך געפּרובט בעפאַלען בייגאַכט די יודישע פעסטונגס־וואַך, אום זיך אַזויערנאָך אַריינצוקריגען אינוועניג, דאָס איז איהר אָבער נישט געלונגען, און זי איז אָבגעשלאָגען געוואָרען. דאַן האָט זיך טיטוס ווידער גענומען פאַר דעם אַלטען אויסגעפּרובטען מיטעל: אויפשיטען וואַלען. צו דעם צוועק האָבען די רוימער געמוזט ברענגען בוימער פון אַ ווייטען וואַלד, ווייל אַלע בוימער אַרום ירושלים זענען שוין לאַנג געווען אויסגעהאַקט, און די אַרבייט איז צוגעגאַנגען גאַנץ געלאַסען. איינמאָל האָבען די בעלאַגערטע פאַטריאָטען, וועלכע האָבען זיך צוגעקוקט צו די אַלע פאָרבערייטונגען, אָבגענאַרט די רוימער און זיי צוגעגרייט אַ שרעקליכע הריגה. זיי האָבען זיך געמאַכט אַזוי, ווי זיי וואָלטען פערלאָזען די מערב־גאַלערעען און זיך צוריקציהען טיעפער אין הויף אַריין, און אין דער זעלביגער צייט האָבען זיי אָנגעפילט דעם גאַנצען שטח אונטער די גאַלערעען מיט האָלץ, סמאָלע און אַנדערע ברען־מאַטעריאַלען. די רוימער האָבען געזעהען אַ געלעגענהייט, צו פערכאַפּען אַ גוטע פּאָזיציע, און האָבען זיך גלייך אַרויפגעכאַפּט אויפ'ן דאַך פון דער אָבגעלעדיגטער גאַלערעע. דאָס האָבען די פאַטריאָטען אויסגענוצט און אונטערגעצונדען דעם ברענענדען מאַטעריאַל פון אונטען; דער דאַך איז איינגעפאַלען און צוזאַמען מיט איהם זענען מאַסען פון די רוימער פערזונקען געוואָרען אין דעם ברענענדען תהום.

די אַרבייט אין דעם רוימישען לאַגער האָט זיך אָבער נישט אָבגעשטעלט , און ענדליך איז זיי געלונגען אויפצושיטען די וואַלען אַנטקעגען די אויסווענינגסטע בית־המקדש־ווענט . פון דעמאָלט אָן האָבען זיי אָנגעהויבען צו בעשטורמען די מאַסיווע שטיינערנע מויערן מיט אַ האָגעל פון מורא׳דיגע טאַראַנעס . גאַנצע זעקס טאָג אָהן אַ אויפהער האָבען די רוימישע שליידער־מאַשינעס נישט אויפגעהערט אַרויסצושפּייען פון זיך טויט און פייער ; די פעסטע מויער־ווענט האָבען אָבער דעם שטורם אויסגעהאַלטען און זיך נישט גערירט פון אָרט . דאַן האָט טיטוס זיך בעשלאָסען אויף אַ לייכטערן און מעהר געפעהרליכען שריט ; ער האָט געלאָזען אונטערצינדען די הילצערנע טויערן פון דער אויסווענינגסטער וואַנט , וועלכע זענען געווען בעדעקט מיט זילבער . אין דער היץ פון די מורא׳דיגע פלאַמען איז דאָס זילבער צוגאָסען געוואָרען , און דאָס פייער האָט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע רייהע פון די אינווענינגסטע גאַלערעען און די איבריגע דערבייאיגע געביידען . נאָכדעם האָט טיטוס בעפוילען איינצולעשען דעם פייער , און צו מאַכען פאַר די לעגיאָנען אַ פרייען וועג צו דעם אינווענינגסטען הויף פון בית המקדש , וואו די בעלאַגערטע האָבען זיך איצט צוריקגעצויגען (ח׳ אָב) .

צוגלייך מיט דעם בעפעהל האָט טיטוס געלאָזען צונויפרופען אַ קריגס־ראַט , כדי צו בעשליסען די פראַגע וועגען דעם , וואָס עס זאָל זיין מיט׳ן בית המקדש . עטליכע האָבען געראַטען , אינגאַנצען צו פערניכטען דעם דאָזיגען נעסט פון אַלע יודישע אויפשטאַנדען און אונרוהען , און דאַגעגען האָבען אַנדערע זיך איינגעשטעלט — צווישען די איז געווען אויך טיבעריוס אַלעקסאַנדער און טיטוס אַליין — פאַר דעם פרעכטיגען טעמפּעל , וואָס האָט צו זיך כמעט קיין גלייכען נישט געהאַט , און געראַטען , איהם צו שוינען מיט אַלע מעגליכקייטען . און די לעצטע מיינונג האָט געזיגט : עס איז אָנגענומען געוואָרען דער בעשלוס , איינצונעהמען דעם בית המקדש , נאָר איהם נישט צוצושטערן . אויסגעלאָזען האָט זיך אָבער די זאַך אין דער ווירקליכקייט גאַנץ אַנדערש ; די יודישע בעלאַגערטע האָבען זיך אַרויסגעריסען פון דעם אינווענינגסטען הויף און מיט אַ אונגעוועהנליכער פערצווייפלונג זיך אַרויפגעוואָרפען אויף דער אויסווענינגסטער רוימישער וואַך ; די לעצטע האָבען דאַן געכאַפּט די ברענענדע האָלץ־באַלקענס פון די זיך רויכערנדע גאַלערעען , און זיי אַריינגעוואָרפען , דורך דעם אַזוי גערופענעם גאָלדענעם פענסטער , אין איינעם פון די אינווענינגסטע עזרות . פון דער עזרה האָט זיך דאָס פייער

גלייך איבערגעטראגען אויך אין די איבריגע, און באלד איז די גאנצע געביידע געשטאנען אין פלאמען (10 אב 70). עס האט זיך אנגעהויבען א שרעקליכע מהומה. טיטוס איז געקומען צולויפען מיט זיין מחנה און האט בעפויהלען איינצולעשען דאס פייער; זיינע ווערטער זענען אבער פערטויבט געווארען אין דעם אלגעמיינעם שטורם. די צורייצטע סאלדאטען האבען זיך צושפרייט איבער אלע זייטען און אהן א אויפהער געצונדען, דערשטאכען, דערשטיקט און געראובט... טיטוס'ען אליין האט זיך געוואלט זעהען די אינווייניגסטע שענקייט פון בית המקדש, און ער איז אריין אין קדשי קדשים; א שטיקענדער רויך=וואלקען האט איהם אבער באלד ארויסגעטריבען פון דארטין.

דערווייל האבען זיך די קעמפפענדע פאטריאטען צוזאמענגענומען, און אויף די ברענענדע חורבות פון דעם הייליגען טעמפעל האט זיך אבגעשפיעלט עטוואס מורא'דיגעס, פאנטאסטישעס. די נצחון=אויסגעשרייען פון די רוימער, די וועה=קלאגערייען פון די אונגליקליכע יהודה'ער ביים אנבליק פון דעם שרעקליכען חורבן, דאס קנאלען פון די פלאמען, — אלץ האט זיך צוזאמענגעגאסען אין איין מורא'דיג=ווילדען געראויש, וואס האט די ערד ציטערן געמאכט און, צוזאמען מיט דעם רויטען פייער=ים, ווייט איבער בערגער און טאלען פונאנדערגעטראגען דעם ווידער=קול פון דער טרויריגער בשורה, אז אלץ איז פערלוירען, אז די לעצטע שעה פון יהודה'ס זעלבסטשטענדיגקייט האט געשלאגען. מאסען יהודה'ער האבען גאט'ס הויז נישט געוואלט איבערלעבען, און האבען זיך אליין אריינגעווארפען אין די פלאמען; טויזענדער מענער, ווייבער און קינדער האבען זיך צונויפגעפרעסט אין איינער פון די דרום=גאלערעען, געשטיצט אויף די צופלאמטע האפנונגען פון געוויסע נביאים, וואס האבען פערזיכערט, אז אט *איצט* וועט די ישועה קומען און גראד אין דער שרעקליכער מינוט וועט גאט בעווייזען זיינע וואונדער. לאנג האבען זיי אבער מיט דער האפנונג זיך נישט געקענט שפיעלען: די רוימער האבען אויך די גאלערעע אונטערגעצונדען און די אלע הימעל=טרוימער זענען אומגעקומען. די פלאמען האבען ביסליכווייז איינגעשלונגען דעם גאנצען בית=המקדש, און ס'זענען געבליבען פון איהם נאר דער פונדאמענט און עטליכע מויער=חורבות אין דער מערב=זייט — שווארצע, שטומע עדות פון דער *געוועזענער* שענקייט און דעם מורא'דיגען חורבן.

מעהרערע כהנים האבען זיך ארויפגעקריגען אויף די געבליבענע מויער=טיילען אויבען און דארט אויסגעהאלטען עטליכע טאג; ענדליך

אָבער האָבען זיי זיך אונטערגעגעבען, און ווען זיי האָבען געפּרובט בעטען רחמים ביי טיטוס'ען, האָט ער געענטפערט, אַז „עהרליכע טעמפּעל-דיענער דאַרפען אומקומען צוזאַמען מיט'ן טעמפּעל", און געלאָזען זיי — טויטען. די רוימישע סאָלדאַטען האָבען אויפ'ן מזבח מקריב געווען קרבנות צו זייערע געטער, און אַריינזעצענדיג זייערע פאָהנען אין דעם בית-המקדש-באָדען, האָבען זיי געקרוינט טיטוס'ען מיט דעם עהרען-טיטול אימפּעראַטאָר. דערפאַר האָט ער איבערגעגעבען אין זייער רשות די אַלע איינגענומענע געביטען, און זיי האָבען בערויבט, צושטערט און פערברענט די שטאָדט-טיילען עקרא און אופל, די געביידע פון שטאָדט-ראַט און דעם אַרכיוו און אויך די גאַנצע אונטער-שטאָדט.

די גאַנצע מלחמה האָט זיך אָבער מיט דעם אַלעמען נאָך נישט געענדיגט. בעת דער לעצטער מהומה אין בית-המקדש האָט זיך אַ גאַנצע גרופּע קעמפּפער אַדורכגעריסען דורך די רייהען פון די רוימישע סאָלדאַטען; אין דער גרופּע האָט זיך געפונען אויך דער הויפּט-אָנפיהרער פון דעם גאַנצען בית-המקדש-גאַרניזאָן, יוחנן פון גוש-חלב, און זיי אַלע האָבען זיך דערשלאָגען ביז דער אויבער-שטאָדט, וואָס האָט זיך נאָך געפונען אין דער מאַכט פון שמעון בר גיורא. דאָ האָבען זיך די פערבליבענע פאַטריאָטען ווידער בעפעסטיגט, און זיי וואָלטען זיך נאָך אפשר געקענט האַלטען אַ געוויסע צייט, נאָר אַזוי ווי זיי האָט אויסגעפעהלט פּראָוויאַנט און די בעפעלקערונג האָט שוין אויך געהאַט פערלוירען יעדען שפּור פון האָפנונג אויף אַ גליקליכען אויסגאַנג פון דעם ווידערשטאַנד, — האָבען די ביידע פיהרער, שמעון און יוחנן, ערקלערט טיטוס'ען, אַז זיי זענען גרייט איהם פריי אַריינצולאָזען אין דער אויבערשטאָדט, אויב ער וועט זיי אַרויסלאָזען מיט'ן געוועהר, וויל זיי האָבען איינמאָל געשוואוירען, נישט אַרויסצולאָזען דאָס געוועהר פון האַנד ביז זייער לעצטען אָטעם-צוג. טיטוס האָט דעם פאָרשלאָג נישט אָנגענומען און האָט געפאָדערט, זיי זאָלען זיך איהם גלייך אונטערגעבען אָהן שום בעדינגונגען. דאַן האָבען זיך די אונטערהאַנדלונגען איבערגעריסען און דער קאַמפף האָט זיך ווידער פונאַנדערגעקאָכט. די רוימער האָבען אָנגעהויבען אויפצושיטען נייע וואַלען אַנטקעגען דעם געוועזענעם הורדוס-פּאַלאַץ, וואו די פאַטריאָטען האָבען זיך איצט בעפעסטיגט, און אָט די אַרבייט האָט ביי זיי געדויערט גאַנצע אַכצעהן טאָג. אין דער צייט האָבען די אדומ'ער פון שמעון'ס מחנה שטילערהייד געפיהרט אונטערהאַנדלונגען מיט טיטוס'ען וועגען אונטער-

געבען זיך. דאס האט די פאטריאטען שטארק אויפגעקאכט, און זיי האבען די אדומ'ער אכזריות'דיג בעשטראפט; די אלגעמיינע לאגע האט זיך בער דערמיט נישט פערבעסערט. דער הונגער און די אלע איבערגע־לעבטע אנשטרענגונגען האבען ענדליך ארויסגעוויזען זייער ווירקונג, און די בעלאגערטע האבען זיך נישט געפיהלט מעהר גבה, אבצושלא־גען דעם שטורם פון די רוימישע שליידער־מאשינעס. די רוימער האבען דאן בזיסליכלוויז איינגענומען די טורעמס פון פאלאץ (אלול 70), און נאכדעם זענען זיי שוין געווארען די בעלי בתים פון דער גאנצער אויבערשטאדט (ציון). דא האבען זיך ווידער אבגעשפיעלט די שוידערהאפטע סצענעס פון ברענען, רויבען און טויטען, חאטש די גאנצע בעפעלקע־רונג איז בעשטאנען בלויז פון אויסגעפייניגטע און פערחושכ'טע שאטענס, און ס'זענען פארגעקומען פאלען, אז זיך ארייגריסענדיג אין א יודישען הויף, כדי צו רויבען און צו מארדען, האבען זיך די צובעשעוועטע סאלדאטען אנגעשטויסען אן גאנצע הויפענס טויטע און געשוואלענע — קרבנות פון הונגער. די מויערן פון דעם שטאדט־טייל זענען אלע פער־ברענט געווארען, און פון דעם פאלאץ האט טיטוס איבערגעלאזען נאר די דריי טורעמס היפיקאס, פאזאעל און מרים (מאריאמנע), זיי זאלען דערצעהלען די קומענדיגע דורות פון זיין גלענצענדען נצחון.

אזוי האט זיך געענדיגט די פינף־חדשים'דיגע בעלאגערונג פון דער יהודה'ישער הויפטשטאדט, — די בעלאגערונג, וואס האט איינ־געשלונגען הונדערטער טויזענדער לעבענס און בעגראבען דעם לעצטען שפור פון יהודה'ס פאליטישען וועזען אונטער א הויפען פון ברענענדיגע חורבות. די טויזענדער געפאנגענע זענען אוועקגעשיקט געווארען קיין קסריה, אום פון דארטין זיי פונאנדערצוטיילען אלס צוואנגס־ארבייטער, שקלאפען אדער אקסען־קעמפפער. די איבערגעבליבענע זעלאטען זענען טיילוויז געטויט געווארען, און די מעהר שענע און געזונדטע פון זיי, זענען בעשטימט געווארען פאר טיטוס'עס טריאומף־צוג. צווישען די לעצטע האבען זיך געפונען אויך די ביידע העלדישע אנפיהרער, יוחנן און שמעון, וועלכע האבען זיך אליין איבערגעגעבען אין די הענד פון די רוימער.

און נאך אלץ איז דאס דראמע נישט געענדיגט געווען. ס'זענען נאך געבליבען דריי קלענערע פעסטונגען אין יודישע הענד: הוראדיום, מכוריה און מסדה. מיט זיי האט זיך שוין אבער טיטוס אליין נישט בע־שעפטיגט. נאך דעם אונטערגאנג פון ירושלים האט טיטוס גערעכענט

זיין מיסיע פאר געענדיגט, און ער איז מיט דעם גרעסטען טייל פון זיינע לעגיאָנען אוועק קיין קסריה; פון דאָרטין האט איהם אגריפּוס איינגעלאדען צו זיך, קיין קסריה=פיליפּי, און דאָ איז דער „קעניג״ פון די בעזיעגטע אזוי ווייט פערגאנגען אין זיין שמחה לכבוד דעם גרויסען זיעגער, אז ער האט געלאָזען איינאָרדנען א גאנצע רייהע לוסטיגע פאָרשטעלונגען און גלאדיאטאָר=שפּיעלען, ביי וועלכע די געפאנגענע יהודה'ער האבען געמוזט ארויסטרעטען אלס קעמפּפער מיט צורייצטע אָקסען און אנדערע ווילדע חיות און, נאטירליך, אומקומען דערביי אין ביטערע יסורים אונטער שאנד און שפּאָט. אזעלכע גלאדיאטאָר=„פערוויילונגען״ האט טיטוס איינגעאָרדענט פאר די רוימער אויך אין קסריה, וואו גאנצע צוויי טויזענד פינף הונדערט יהודה'עאישע געפאנגענע זענען אומגעקומען אין קאמפּף מיט די צורייצטע חיות און דאָס זעלבע האט זיך אָבגעשפּיעלט אויך אין בעריטוס. דאָ האט טיטוס געלאָזען איינאָרדנען א גרויסארטיגע פייערונג לכבוד דעם געבורטס=טאָג פון זיין פאָטער, דעם קייזער וועספּאסיאן, און וויעדער איז די ארענע פערפארבט געוואָרען מיט'ן בלוט פון די יודישע געפאנגענע.

אט די אלע פייערונגען מיט יודישע קרבנות האבען זיך געצויגען במעט אויף טיטוס'עס גאנצען וועג פון ירושלים ביז רוים, דאָס הייסט: דורך גאנץ סיריען און עגיפּטען. דער אמת'ער יום=טוב האט זיך אָבער אָנגעהויבען ערשט אין רוים גופא. דאָ איז פאָרגעקומען די גרויסע טריאומף=פּראָצעסיע לכבוד וועספּאסיאנ'ען מיט זיינע צוויי זיהן טיטוס'ען און דאָמיציאנוס'ען, און אין דעם יום=טוב האט זיך בעטייליגט גאנץ רוים. די פייערליכע פּראָצעסיע האט זיך אָנגעהויבען מיט א רייהע פון זיעבען הונדערט אויסגעקליבענע שענע יהודה'עאישע געפאנגענע מיט די צוויי בעריהמטע אָנפיהרער, יוחנן און שמעון, בראש. דאן ווייטער האט מען פאר די זיעגער געטראָגען די קריעגס=טראָפּעען, צווישען וועלכע ס'האָבען א בעזונדערע אויפמערקזאמקייט צוגעצויגען די גאָלדענע כלים פון בית המקדש (דער גאָלדענער טיש, די גאָלדענע מנורה) און א ספר תורה. אזוי איז די פּראָצעסיע צוגעקומען ביז דעם קאפּיטאָלישען יופּיטער=טעמפּעל, און דאָ האט, לויט דעם אָנגענומענעם מנהג, געדארפט אויסגעפיהרט ווערן די שטראָף איבער דעם אָנפיהרער פון די בעזיעגטע. פון דער רייהע געפאנגענע איז דאן ארויסגעפיהרט געוואָרען שמעון בר גיורא; איהם האט מען אָנגעטאָן א שטריק אויפ'ן האלז, און צופיהרענדיג איהם אזוי איבער די גאסען ביז דעם פאָרטעאישען פעלזען

האט מען איהם פון דארטין אראבגעשליידערט . דער צווייטער אנפיהרער ,
יוחנן פון גוש=חלב , איז פערמשפט געווארען צו א ביגער געפענגניש ,
אין דער פראצעסיע , אלס טריאומפאטאר , האט זיך בעטייליגט אויך דער
פאקטישער פיהרער און זיעגער פון דער איצטיגער מלחמה — טיבעריוס
אלעקסאנדער , און ער האט אויך בעקומען א סטאטוע אויף דעם רוימי=
שען פארום . דער דאזיגער טריאומף האט זיך בכלל אויסגעצייכענט מיט
א אונגעוועהנליכער פייערליכקייט — דאס פאלק האט זיך טיעף געפרעהט
מיט דעם נצחון איבער דעם הארטנעקיגען שונא , און האט דאס בע=
טראכט פאר א גליקליך געשעהעניש אין זיין לעבען . אויף דעם שפעטער
אויפגעשטעלטען טריאומף=טויער לכבוד טיטוס'ען האבען זיך געפונען
רעליעף=בילדער פון דער יהודה'עאישער מלחמה און פון די בית=המקדש
טראפעען , און ביז א צייט לאנג נאכדעם האבען די רוימער געלאזען
אויסגיעסען , זאגאר , מטבעות פון גאלד , זילבער און קופער צום אנ=
דענקען פון דעם גרויסען נצחון איבער יהודה . אויף די מטבעות איז די
אונגליקליכע מלכות=יהודה פארגעשטעלט געווארען אין דעם בילד פון א
פרוי , וואס זיצט א פערצווייפעלטע אונטער א פאלמע , מיט פערבונדע=
נע הענד , און אויף דער צווייטער זייט האט זיך געפונען א אויפשריפט :
„די בעזיעגטע יהודה" (Judaea devicta) אדער „די געפאנגענע יהודה"
(Judaea capta) . די רעליקוויען פון בית המקדש האבען זיך א לאנגע
צייט געפונען אין דעם פריעדענס=טעמפעל און די ספר תורה — אין
קייזערליכען פאלאץ ; אין דעם פערלויף פון די שפעטערדיגע יאהרהונ=
דערטער זענען אבער אט די אוצרות אוועקגעפיהרט געווארען אין אנדע=
רע לענדער , און היינט ווייסט מען נישט , וואו זיי געפינען זיך . דא=
געגען האט זיך נאך דערהאלטען אין רוים ביז היינטיגען טאג טיטוס'עס
טריאומף=בויגען מיט די בילדער פון די דאזיגע אנטיקען , און ס'ווערט
דערצעהלט , אז די יודען אין רוים האבען אין דעם משך פון א סך הונ=
דערטער יאהרען אויסגעמיטען אט דעם פלאץ — דעם טרויריגען מאנו=
מענט פון יהודה'ס אונטערגאנג .

און די דריי זייטיגע פעסטונגען האבען זיך נאך דערווייל אלץ
געפונען אין יודישע הענד ; באלד האט אבער אויך זייער לעצטע שעה
געשלאגען . צו פערוואלטען איבער די געבליעבענע חורבות פון יהודה
האט וועספאסיאן געשיקט איינעם מיט'ן נאמען באסוס , און ער האט
בעקומען דעם בעפעהל , איינצונעהמען די דאזיגע עטליכע בעזעצטע פונק=
טען , וואוהין ס'זענען זיך צונויפגעלאפען די אלע , וואס האבען זיך גערא=

שטעוועט פון ירושלים. באַסוס האָט צוזאַמענגענומען אַ בעדייטענדע מיליטערישע קראַפט, און האָט זיך געפּרובט ווענדען צו די בעלאַגערטע, זיי זאָלען זיך איהם אונטערגעבען; אויף דעם האָט זיך אָבגערופען נאָר דער גאַרניזאָן פון הורדיה, וועלכער האָט גלייך קאַפּיטולירט. שווערער איז די רוימער אָנגעקומען, צו ווערן די בעלי בתים פון מכרה, פון יענער זייט ירדן. די דאָזיגע נאָך פון אַלעקסאַנדער יאַנאַי אויפגעשטעלטע באַרג-פעסטונג איז געווען פון אַלע זייטען אַרומגערינגעלט מיט טיעפע גראָבענס און שטיילע צוגאַנגען, און דערצו איז דער גאַרניזאָן געווען גוט פערזאָרגט אויך מיט פּראָוויאַנט. די בעלאַגערטע, אונטער דער אָנפיהרונג פון אַ געוויסען יונגען העלד אלעזר, האָבען זיך דעריבער געפיהלט גאַנץ זיכער, און זיי האָבען געפּרובט עטליכע מאָל בעפאַלען די רוימער און זיי שטערן אין דער בעלאַגערונגס-אַרבייט. זיי האָבען שוין אָבער דערביי צופיעל געוואַגט, און ווען דער העלדישער אָנפיהרער האָט זיך איינמאָל איינגעשטעלט צוצוגעהן גאַנץ נאָהנט צו דעם רוימישען לאַגער, איז איין רוימער געלונגען, איהם צו פאַנגען. די רוימער האָבען דאַן אַוועקגעשטעלט דעם יונגען העלד אַנטקעגען די פעסטונגס-וואַנט מיט די בעלאַגערטע און איהם שרעקליך געפּייניגט, דערנאָך האָבען זיי אַוועקגעשטעלט אויפ'ן פּלאַץ אַ קרייץ און אָנגעהויבען מאַכען הכנות צו קרייציגען אלעזר'ן. פון דעם אָנבליק זענען די בעלאַגערטע טיעף גערירט געוואָרען, און זיי האָבען געשיקט זאָגען, אַז זיי וועלען אָבגעבען די פעסטונג, אויב מ'וועט זיי אַרויסגעבען אלעזר'ן און צוזאַמען פריי לאָזען. באַסוס האָט די בעדינגונגען אָנגענומען און האָט ווירקליך פריי געלאָזען די אַלע, וואָס האָבען קאַפּיטולירט. דערפאַר אָבער איז ער זיך אַכזריות'דיג בעגאַנגען מיט דעם איבעריגען טייל פון דער שטאָדטישער בעפעלקערונג. פון זיי האָט ער זיעבעצעהנהונדערט מענער און בחורים געטויט און די פרויען און קינדער פערקויפט פאַר שקלאַפען.

פון מכרה האָבען זיך די רוימישע סאָלדאַטען אַוועקגעלאָזען צו אַ געוויסען וואַלד ביים ירדן. דאָ האָבען זיך די גאַנצע צייט אויפגעהאַלטען אַרום דריי טויזענד זעלאָטען אונטער דער אָנפיהרונג פון יהודה בן יאיר, וועלכע האָבען זיך אַרויסגעראַטעוועט פון ירושלים דורך אַ אונטער-ערדישען אַרויסגאַנג, און צו זיי זענען איצט צוגעקומען אַ סך אַנטלאָפענע אויך פון מכרה. די רוימער האָבען אַרומגערינגעלט דעם גאַנצען וואַלד, און נאָך אַ ביטערן קאַמפף זענען כמעט אַלע אַנטלאָפענע אומגעקומען אָדער געפאַנגען געוואָרען. די דריטע פעסטונג, מסדה, איז

שוין באסוס'ען נישט בעשערט געווען איינצונעהמען; ער איז אין גיכען געשטארבען, און די שווערע אויפגאבע איז געבליעבען פאר זיין פערטרעטער, סילווא.

מסדה איז געווען א בארג=פעסטונג ביים ברעג פון טויטען ים (ים המלח), וואס איז געווען נאכמעהר נישט צוגענגליך, ווי מכרה. דער שטיילער פעלזען, אויף וועלכען די פעסטונג איז געשטאנען, האט געהאט בלויז צוויי שטיגען, וואס ס'איז מעגליך געווען צו שטעלן אויף זיי א פוס, און דאס אויך מיט געפאהר. דער גארניזאן איז בעשטאנען פון טויזענד זעלאטען שוין מיט ווייבער און קינדער, אונטער דער קאמאנדא פון אלעזר בן יאיר (א לעצטער אור=איינִיקעל פון דעם בעריהמטען יהודה הגלילי, דעם גרינדער פון דער זעלאטישער מחנה), און שפייז מיט געוועהר האבען זיי געהאט גענוג. דאס אלץ איז אבער וועניג געווען אנטקעגען דער אונגעהויערער מחנה פון די רוימישע סאלדאטען מיט זייערע ריעזיגע פעסטונגס=מאשינעס. סילווא האט ארומגערינגעלט די גאנצע פעסטונג מיט א הויכען וואל און פון דאנען האט ער נישט אויפגעהערט, זי צו בעשטורמען מיט זיינע מורא'דיגע טאראנעס. ווען די דאזיגע מעכטיגע קלעפ האבען ענדליך פונאנדערגעטרייסעלט די אויסווענִיגסטע מויער=וואנט, האבען די בעלאגערטע אויף גיך אויפגעשטעלט א צווייטע, אנפילענדיג דעם חלל צווישען די ביידע ווענט מיט האלץ און ערד. די דאזיגע האלץ=טיילען האבען זיך פון דעם רוימישען פייער אנגעצונדען און אין גיכען האט זיך אויך די צווייטע וואנט אונטערגעגעבען. די רוימער האבען זיך שוין געקליבען, אריינצורייסען אין שטאדט און צו פייערן דארטין זייער נצחון, מיט די געוועהנליכע שחיטות און רציחות איבער די בעזיגטע; די לעצטע האבען דאס אבער פאראויסגעזעהען, און דער העלדישער אנפיהרער האט בעשלאסען, נישט צו פערשאפען דעם בלוטיגען שונא אט דעם פערגניגען. ער האט זיך געווענדעט צו אלע בעלאגערטע און זיי איבערצייגט, אז איידער אריינצופאלען צו די רוימער אין די הענד, איז שוין בעסער נאך אליין דעם טויט צו מאכען. אויף דעם פארשלאג האבען אלע איינגעשטימט, און דעם ערשטען טאג פסח אין דריי און זיבעציגסטען יאהר, האט זיך אבגעשפיעלט דער ריהרענדער פינאל פון דער גרויסער טראגעדיע: די מענער האבען אויסגעקוילעט זייערע ווייבער און קינדער און דערנאך — איינער דעם אנדערן. די רוימער זענען אויף צומארגענס אריין אין דער פעסטונג מסדה, גרייט צו בעגעגנען א פערביטערטען ווידערשטאנד; ווי

ערשטוינט זענען זיי אָבער געוואָרען, ווען זיי האָבען דערזעהען פאַר זיך —
דעם טויט. די שטילקייט האָט זיי געשראָקען, און זיי האָבען געפּרובט
רופען, זוכען, טאָמער ווערט זיך אימיצער אָבגעפינען; דאַן זענען אַרויס=
געקומען צוויי פרויען מיט פינף קליינע קינדער — די איינציגע לעבעדיגע
עדות פון דער נעכטיגער שרעקליכער סצענע. דאָס איז געווען דער סוף
פון די לעצטע זעלאָטען אויף דער יהודה'שער ערד, און דערמיט האָט
זיך בכלל געענדיגט דער העלדישער קאַמפּף פון דער קליינער יהודה
פאַר איהר פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט.

יהודה איז נישט בלויז בעזיגט, — זי איז אויך האַלב=
פערוויסט געוואָרען. זי האָט אויפגעהערט צו עקסיסטירען, אַלס אַ
בעזונדער לאַנד מיט אַ בעזונדער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט. וועספּאַסיאַן
האָט ערקלערט די גאַנצע איינגענומענע מדינה פאַר אַ אייגענטום פון
דער קייזערליכער פאַמיליע און האָט גרויסע שטיקער ערד פערקויפט,
אַוועקגעשענקט און פערדונגען פערשיעדענע רוימישע און גריכישע קאָ=
לאָניסטען. און דאָס איז נאָך פאַר איהם ווייניג געווען — ער האָט אַלע
יודען פון דער רוימישער אימפּעריע פעראַנטוואָרטליך געמאַכט פאַר דעם
אויפשטאַנד אין יהודה. דער אָבצאָהל פון צוויי דראַכמען, וואָס די
יודען פון אַלע לענדער פלעגען ביז אַהער שיקען קיין ירושלים פאַר'ן
בית המקדש, האָט פון איצט אָן געמוזט בעזאָרגט ווערן קיין רוים פאַר'ן
קאַפּיטאָלישען יופּיטער=טעמפּעל, און נישט אַלס נדבה, נאָר אַלס
צוואַנגס=שטייער, וואָס פלעגט אויפגעמאָהנט ווערן מיט דער גרעסטער
אַכזריות. אין יהודה זענען איבערגעבליבען נאָר גאַנץ קליינע, שי=
טערע יודישע ישובים, און דאַגעגען איז גאַנץ פאָדער=אזיען פערפלייצט
געוואָרען מיט די ניין הונדערט טויזענד יודישע נפשות, וואָס
זענען געפאַנגען געוואָרען אין דעם משך פון דער גאַנצער מלחמה, און
האָבען איצט פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ זעהר ביליגען מענשען=מאַטעריאַל,
אין דער געשטאַלט פון שקלאַפען און פיין=אַרבייטער. איידעלע יודישע
פרויען און קינדער זענען טויזענדער=ווייז פערקויפט געוואָרען פון שקלאַ=
פען=הענדלער אין ווייטע, פרעמדע לענדער — דאָס האָט, ווי אַ לעבע=
דיגע רייסענדע וואונד, כסדר געוועקט אין פאָלק דעם אָנדענקען פון
זיין חורבן און געגעבען זיין פאַנטאַזיע שטאָף, אויסצעוועבען פערשיעדע=
נע ריהרענדע מעשות. עס איז בעקאַנט, למשל, די פאָלגענדע טרויע=
ריגע לעגענדע: „ס'איז געווען אַ מעשה ביי דעם זוהן מיט דער טאָכטער
פון ר' ישמעאל בן אלישע, וועלכע זענען (פערקויפט) געוואָרען צו צוויי

הארען. אמאל האבען זיי זיך ביידע צוזאמענגעטראפען אין איין ארט. האט איינער געזאגט: איך האב א שלאף, וואס צו זיין שענקייט איז נישטא קיין גלייכען אין דער גאנצער וועלט; און דער אנדערער זאגט: איך האב א שקלאפין, וואס צו איהר שענקייט איז נישטא קיין גלייכען אין דער גאנצער וועלט. האבען זיי געזאגט: לאמיר זיי ביידען חתונה מאכען און זיך צוטיילען מיט די קינדער; און זיי האבען אריינגעבראכט די געפאנגענע אין איין חדר. האט ער זיך אוועקגעזעצט אין איין ווינקעל און זי אין אנדערן ווינקעל. ער האט געקלאגט: איך, א כהן, א זוהן פון כהנים גדולים, זאל נעהמען א שקלאפין, און זי קלאגט: איך א כהנ׳טע, א טאכטער פון כהנים גדולים, זאל נעהמען א שקלאף. אזוי האבען זיי אבגעוויינט א גאנצע נאכט, און ווען ס׳איז אויפגעגאנגען דער מארגענשטערן, האבען זיי זיך דערקאנט. זענען זיי ארויפגעפאלען איינער דעם אנדערן אויפ׳ן האלז און האבען אזוי לאנג געוויינט, ביז די נשמה איז זיי אויסגעגאנגען".

אזעלכע לעגענדעס וועגען „ישראל׳ס קינדער, וואס זענען געפאנגען געווארען צווישען די גוים", זענען פערהאן מאסען אין דער אלטער יודישער ליטעראטור, און אלע זענען זיי דורכגעדרונגען מיט א שטארק-ענטוויקעלטער זעלבסט-אכטונג — די פערוואגעלטע יודישע שקלאפען פערליערען נישט דעם בעוואוסטזיין פון זייער יחוס, פון זייער גוע-שטאלט, אפילו אין דער ווייטער געפאנגענשאפט, און נישט קוקענדיג אויף דער טרויריגער לאגע, אין וועלכער זיי געפינען זיך, היטען זיי דאך אב די ריינקייט פון זייער שטאם און די אידעאלע טראדיציעס פון דער אומה.

צעהנטעס קאַפּיטעל.

דאָס אינערליכע לעבען פון פאָלק און די וויטערדיגע ענטוויקלונג פון קריסטענטום.

די לעצטע צעהנדליגער יאָהרען פון דער אַלטער און דאָס ערשטע האַלבע יאָהרהונדערט פון דער נייער ערא זענען געווען פאַר יהודה די אונרוהיגסטע ציַיט אין איהר לעבען. די גאַנצע אומה האָט זיך געזעהען שטעהענדיג אויף דער שוועל פון אונטערגאַנג, און דער נאַציאָנאַלער ערהאַלטונגס=אינסטינקט, וואָס האָט אין איהר ערוואַכט מיט זיין גאַנצער קראַפט, האָט כסדר געהאַלטען דאָס לאַנד אין דעם צושטאַנד פון אַ שטאַרקען פּאָליטישען פיעבער. דאָס אַלץ האָט געמוזט האָבען אַ ווירקונג אויף דער גייסטיגער פּראָדוקטיוויטעט פון פאָלק. די בעסטע זיהן פון יהודה האָבען שטענדיג געזעהען פאַר זיך נאָר די איינציגע אויפגאַבע: צו דערהאַלטען די גאַנצקייט פון דער אומה, און דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז אפילו די ריין=גייסטיגע שאַפונגען פון די גאָר פּאַסיווע פרושים, האָבען אויך געטראָגען אַ געזעלשאַפטליך=פּראַקטישען כאַראַקטער. די יודישע אידעען=וועלט איז נישט בערייכערט און אויך נישט פערטיעפט געוואָרען; דערפאַר זענען אָבער פאַר דער ציַיט צוגעקומען אין דער יודישער גאַס אַ רייהע רעפאָרמען, תקנות און סתם געזעלשאַפטליכע איינפיהרונגען, וואָס האָבען געהאַט אַ גרויסע בעדייטונג פאַר דעם קיום פון דער אומה, אַלס אַ געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציע, וואָס שטיצט זיך אויף גאַנץ בעזונדערע מאָראַלישע יסודות.

צוזאַמען מיט דער קורצער גליקליכער הערשאַפט פון אגריפּוס I האָבען די פרושים צוריק בעקומען זייער אַמאָליגען שטאַרקען אײַנפלוס אויף דעם גאַנג פונ׳ם יודישען פאָלקס־לעבען, און דאָס האָט זיי אויך מעהר דערנעהנטערט צום פאָלק און צו זײַנע אַלטעגליכע אינטערעסען. עס איז אונטערגעגאַנגען די ישיבה און דער גאַנצער קאָלעגיום פון די געלערנטע פרושים איז צוריק אַרײַנגעטרעטען אין דער אָפּיציעלער געזעצגעבענדער אינסטיטוציע פון לאַנד, אין סנהדרין, וואָס האָט צוריק בעקומען אין זײַן מאַכט אַלע אָנגעלעגענהײַטען פון דער אומה.

דער ערשטער נשיא (פּאָרזיצענדער) פון דעם דאָזיגען בענײַטען סנהדרין איז געוועזען אַ אײניקעל פונ׳ם בעריהמטען הלל הבבלי (פון בבל), גמליאל I, וועלכער האָט בעקומען אויף דעם טיטול רבן (רבי, לעהרער), און ווי ס׳איז צו זעהען פונ׳ם טאָן פון זײַנע צירקולאַרען, האָבען אַלע יודישע קהלות אין די פערשידענע לענדער שוין געהאַט דעמאָלס אָנערקענט דעם סנהדרין אַלס העכסטען אויטאָריטעט. רבן גמליאל שרײַבט דורך זײַן סעקרעטאַר יוחנן: „צו אונזערע ברידער, די פערטריבענע אין בבל, מדין, יאָניען און צו אַלע איבריגע פערטריבענע פון ישראל, שלום (גרוס). מיר טוען אײַך צו וויסען, אַז אַזוי ווי די שאָף פון דעם יאָהר איז נאָך צאַרט, די טויבען זענען נאָך נישט בליהענדיג און דער פריהלינג האָט זיך בכלל פערשפּעטיגט, — איז מיר און מײַנע חברים געפעלן, צו פערלענגערן דאָס לויפענדע יאָהר מיט דרײַסיג טעג“.

פון דעם דאָזיגען רבן גמליאל זענען פערבליבען עטליכע בעדײַטענדע תקנות וועגען גטין און אַנדערע געזעלשאַפטליכע ענינים, וועלכע האָבען רעגולירט די עקאָנאָמישע און בירגערליכע סכסוכים פון דער בעפעלקערונג (מפני תקון העולם). דורכגעדרונגען אינגאַנצען מיט דער אונגעוועהנליכער טאָלעראַנץ פון זײַן גרויסען זיידען, האָט אויך רבן גמליאל אַרויסגעגעבען עטליכע געזעצען מיט גרויסע הנחות פאַר די שכני׳שע געצענדיענער. לויט אײנעם פון די דאָזיגע געזעצען האָט מען די געצענדיענערישע אָרימע לײַט נישט געטאָרט פערוועהרען צו קלויבען אויף די פעלדער דאָס איבערגעבליבענע פון די תבואות צוזאַמען מיט די יודישע אָרימע לײַט, און בכלל איז דאַן אײַנגעפיהרט געוואָרען, אַז אין די שטעדט מיט געמישטע בעפעלקערונגען, האָט די יודישע קהלה געזאָרגט פאַר די אָרימע געצענדיענער, אַזוי גוט ווי פאַר די אָרימע יודען, געפלעגט די געצענדיענערישע קראַנקע, מלוה געווען זייערע טויטע,

געטרייסט זייערע אבלים און אין אלע וואוילטעטיגע הינזיכטען זיי כמעט אינגאנצען גלייכבערעכטיגט מיט די יודישע איינוואוינער. אין יענער גליקליכער צייט זענען די געגענזייטיגע בעציהונגען צווישען די רוימער און יודען איבערהויפט געווען זעהר פריינדליכע, און כדי צו דערהאלטען די דאזיגע פריינדליכע בעציהונגען זענען אויך ארויסגעגעבען געווארען אט די אלע הומאניטארע געזעצען (מפני דרכי שלום).

רבן גמליאל'ס נאכפאלגער איז געווען זיין זוהן רבי שמעון. ער האט פערנומען דעם פאסטען פון פופציגסטען ביז'ן אכט און זעכציגסטען יאהר, דאס הייסט ביז דער גרויסער נאציאנאלער מלחמה, און זיין צייט איז שוין נישט געווען אזא גליקליכע און אזא פריעדליכע. איבער די פאליטישע אינטריגעס פון די רוימישע פראקוראטארען, האבען זיך פונאנדערגעקאכט ביי ביידע שכנישע בעפעלקערונגען די בלוטיגסטע אינסטינקטען פון שנאה און נקמה, און דאס האט געבראכט דערצו, אז אנשטאט די אמאליגע טאלעראנטע און פעראייניגענדע תקנות, האבען די גייסטיגע פיהרער פון דער אומה איצט וויעדער געזוכט מיטלען, וואס מעהר אבצוזונדערן די יודען פון דער ארומיגער געצענדיענערישער וועלט. עס איז צוזאמענגערופען געווארען צו דעם צוועק א ספעציעלע פערזאמלונג פון געזעץ-געלערנטע, און זי האט אויסגעארבייט אכצעהן תקנות (י"ח דבר), וואס האבען דעם יודען אינגאנצען אבגעצוימט פון די הייידען. לויט די תקנות האט א יוד נישט געטארט לערנען די שפראך פון די געצענדיענער, קיין מתנה נישט אננעהמען פון זיי פאר'ן בית המקדש, נישט קויפען פון זיי קיין ברויט, אייל, וויין און נאך אזעלכע שפייזפראדוקטען. די דאזיגע אויסערגעוועהנליך שטרענגע נארמען האבען זיך געשטיצט נישט אזוי וויט אויף רעליגיעזער פרומקייט, ווי אויף דער פערביטערטער שנאה צו די געצענדיענער פון די אולטרא-זעלאטישע שמאי'טען (בית שמאי, אנהענגער פון שמאי'ס שול), דאגעגען זענען אבער די מעסיגע הללי'טען (אנהענגער פון הלל'ס שול) שטארק אויפגעבראכט געווען איבער די שטרענגע אבזונדערונגס-געזעצען, און אין פאלק האט זיך דערצעהלט, אז אויף דער דערמאהנטער ספעציעלער בעראטונג איז געקומען צו א בלוטיגען געשלעג, און די שמאי-אנהענגער האבען דורכגעפיהרט זייערס מיט געוואלט-מיטלען.

אין דער זעלביגער צייט און זייט ביי זייט מיט דער אפיציעלער אינסטיטוציע פון לאנד האט זיך צוריק ארגאניזירט די אמאליגע ישיבה, וועלכער ס'איז בעשערט געווען אינגאנצען צו פערטרעטען ביי יודען

דעם פלאץ פון סנהדרין אין דעם משך פון זייער גאנצען קומענדיגען לעבען. אין דעם קיהלען שאטען פון איינער פון די בית־המקדש־עזרות איז געזעסען א צווייטער אייניקעל פון דעם בעריהמטען הלל, דער אנגע־זעהענסטער געזעצלעהרער פון יענער צייט, ר׳ יוחנן בן זכאי, און האט געלערנט תורה מיט זיינע תלמידים. אליין א מילדע פאסיווע נאטור (פון הלל׳ס אנהענגער) און איבערהויפט נישט קיין מענש פון קאמפף, האט אט דער גרויסער גייסט געזעהען און פערשטאנען, אז די אומה לעבט איצט איבער א מורא׳דיגען קריזיס, און אויב זי וועט נישט פערזארגט ווערן ביי־ציי־טענס מיט א שטארקען לעבענס־אינהאלט, מיט א שטארקער גייסטיגער פערבינדונגס־קראפט, וועט זי אונטערגעהן און פערשוואונדען ווערן פון דער היסטארישער סצענע; זיין איצטיגע אויפגאבע איז דערי־בער געוועזען, צו פערפאנצירען די אומה און צוצוגרייטען פאר איהר די מעגליכקייט פון א נייער, גייסטיגער עקסיסטענץ.

אין די טעג — דערצעהלט די לעגענדע — ווען ירושלים איז געוועזען בעלאגערט און די זעלאטען האבען קיינעם פון שטאדט נישט ארויסגעלאזען, האבען ר׳ יוחנן׳ס תלמידים איהם אריינגעלעגט אין א טרומנע און אזויערנאך ארויסגעטראגען פון שטאדט, — ווי א טויטען. דא האט זיך ר׳ יוחנן פארגעשטעלט פאר דעם רוימישען קריגס־פיהרער און ביי איהם אזוי שטארק נושא־חן געוועזען, אז ער האט זיך ארויסגערופען צו ערפילען אלץ, וואס ר׳ יוחנן וועט פון איהם בעטען. דאן האט ר׳ יוחנן געבעטען די פאלגענדע דריי זאכען: דער רוימישער האר זאל איהם ערלויבען, זיך צו בעזעצען מיט זיינע חברים און תלמידים אין דעם איינגענומענעם שטעדטיל יבנא, כדי צו גרינדען דארטין א ישיבה; ער זאל לאזען לעבען די משפחה פון די נשיאים און זאל איהם געבען א דאקטאר, אויסצוהיילען דעם קראנקען ר׳ צדוק. די בקשות זענען ערפילט געווארען, און אין דער זעלביגער צייט, ווען די העלדישע פאטריאטען אין ירושלים זענען מעלזען־פעסט געשטאנען אויף זייערע פאזיציעס אונטער דעם פייער פון די רוימישע מאשינעס, קעמפ־פענדיג ביז דעם לעצטען אטעם־צוג פאר יעדען שטיינדעל פון דער יהודה׳שער ערד, אין דער זעלביגער צייט האט זיך אין דעם דער־מאהנטען שטעדטיל, אין יבנה, אנגעהויבען צו בויען א מעכטיגע אונ־בעצווינגבארע פעסטונג ארום דעם יודישען גייסט, ארום דער גאנצ־קייט פון דער יודישער אומה. דארט איז אוועקגעלעגט געווארען דער גרונד־שטיין צו דעם בנין פון דער איביגער יודישער אקאדעמיע, וואס

איז געווארען פאר דעם יודישען פאלק, ווי א לייכט-טורם אין זיין וואנדער-לעבען און האט די ערשטע געשאפען דעם טיפ פון א פאלק אהן א לאנד און אהן א שום ממשות׳דיגער פערייניגונגס-קראפט, וואס לעבט פערוואגעלט צווישען די וויטסטע און פערשידענסטע אומות, און איז פון דעסטוועגען דאך גאנץ, אייניג און דורכגעדרונגען מיט איין גייסט, דעם גייסט פון גאט׳ס ווארט.

פון די איבריגע צוויי פארטייען, זענען די צדוקים, וועלכע האבען זיך די גאנצע צייט געשטיצט אויף א ריין-וועלטליכען יסוד, ביסליכווייז אינגאנצען אונטערגעגאנגען אלס פאלקס-פארטיי. עס זענען פון זיי געבליבען נאר איינצעלנע אריסטאקראטען, וואס האבען זיך צוגעחנפה׳ט צו די פארשטעהער פון דער רוימישער מאכט, די פראקוראטארען, און בעקומען א דאנק דעם אין זייערע הענד די בעדייטענדסטע פאסטענס אין דער יודישער זעלבסטפערוואלטונג. פאר דער גאנצער צייט פון די אדומי׳שע הערשער און די שפעטערדיגע רוימישע פערוואלטער האבען די צדוקים אויסגעפילט דעם שטאט פון די העכערע בית-המקדש-בעאמטע, און נאך אין דעם לעצטען יאהר כמעט פאר׳ן חורבן האט זייערער א מיטגליעד, ענן בן ענן, פערנומען דעם פאסטען פון א כהן גדול. געהענדיג די גאנצע צייט צוזאמען מיט דער מאכט, וועלכע האט זיי געשיצט, זענען די דאזיגע אריסטאקראטישע צדוקים אדער ביתוסים (אויף דעם נאמען פון דער כהן-גדול-דינאסטיע ביתוס) שטענדיג געשטאנען אין א פיינדליכער בעציהונג צו די רעוואלוציאנערע פאטריאטען, און ערשט דאן ווען די לעצטע זענען געווארען כמעט די פאקטישע בעלי בתים פון לאנד, האבען זיך אט די לאיאלע צדוקים פעראייניגט מיט די מעהר אקטיווע פרושים, און געוואלט צוזאמען איבערנעהמען די פיהרונג פון דער פאלקס-אנגעלעגענהייט, ד. ה. איינענטליך — פון דעם אויפשטאנד. נאך דער אינערליכער איבערקעהרעניש, וואס איז פארגעקומען אין ירושלים פאר דער לעצטער בעלאגערונג, זענען אבער די מעהרסטע אריסטאקראטען אינגאנצען אומגעקומען און צוזאמען מיט דער מאכט, האט זיך געענדיגט אויך דאס לעצטע ביסעל פון דעם איינפלוס, וואס די דאזיגע וועלטליך-געבילדעטע מיוחסים האבען געהאט אויף דעם יודיש-געזעלשאפטליכען לעבען.

געענדיגט איהר אויפגאבע אלס נאציאנאלע פארטיי, אבער דאך נישט אונטערגעגאנגען און נישט פערשוואונדען געווארען אינגאנצען פון האריזאנט, איז די דריטע גרופע, די גרופע פון די איסיים. אט די

הײליגע הויל־ און מדבר־מענשען זענען אין די גליקליכסטע צײַטען פֿון דעם יודישען מלוכה־לעבען אויך ווײַט געווען פֿון דעם געזעלשאַפֿטליכען טומעל, בעטראַכטענדיג יעדע וועלטליכע און וואָכעדיגע טעטיגקײַט בכלל, ווי אַ פֿערברעך גענען דער מלכות־השמים (הימעל־רײַך). די שפּעטערדיגע יאָהרען פֿון אונגליק און שקלאַפֿערײַ האָבען נאָכמעהר פֿערשטאַרקט בײַ די דאָזיגע אַסקעטען די אַנטי־געזעלשאַפֿטליכע און מיסטישע נײַגונגען, און זײ האָבען נישט אויפֿגעהערט צו שטראָפֿען דער זינדיגער אומה און צו האָפֿען אויף דעם „קץ”, אויף דעם געטליכען משיח, וואָס דאַרף אַראָפּברענגען מיט זיך די ערוואַרטעטע הימעל־מלוכה און עפֿנען פֿאַר אַלע די טויערן פֿון דער געטליכער אײביגקײַט.

אויף דעם באָדען פֿון דער שטאַרקער מיסטישער אמונה זענען בסדר אויסגעוואַקסען פֿערשידענע „געטליכע מענשען”. וואָס האָבען געדיענט אַלס מוכיחים, בעלי מופת און אָנזאָגער פֿון דער גרויסער נאָהנטער ליכטיגקײַט, און מיט דער ערשײַנונג פֿון די בעגײַסטערטע הימעל־טרוימער, יוחנן המטבל (יאָהאַן דער טויפֿער) און ישוע פֿון נצרת, בעקומט אַט דער אידעאַל די געשטאַלט פֿון אַ שטאַרקער גײַסטיגער בעוועגונג, וואָס רײַסט זיך אַריבער די גרענעצען פֿון יהודה און ווערט וואָס ווײַטער אַלץ מעכטיגער, אַקטיווער און אויך — אוניווערזעלער.

גײַסטיג פֿיעל פּראָדוקטיווער און זעהר רײַך אין בעדײַטענדע געשעהענישען איז געווען אין יענער תקופה דאָס לעבען פֿון די יודישע קהלות אין די לענדער אויסער יהודה. ס'איז נישט געווען כמעט קײן אײן ווינקעל אין די צוויי הערשענדע מלוכות פֿון דער דעמאָלדיגער וועלט, די רוימישע און די פּאַרטישע, וואו ס'זאָל זיך נישט געפֿינען אַ אָרגאַניזירטע יודישע קהלה; די ברעגען פֿון גרויסען מיטעל־מער, ווי פֿון די אַנדערע הויפּט־טײַכען (ניל, טיגריס, דונאי), זענען אַלע געווען בעפֿעלקערט פֿון יודען, און די דאָזיגע פֿונאַנדערגעוואָרפֿענע קערנער פֿון דער יודישער אומה האָבען אומעטום מיטגעפֿיהרט מיט זיך דעם זין פֿאַר אַ העכערער גאָטהײַט און פֿאַר העכערע בעגריפֿען פֿון רעליגיעזער זיטליכקײַט. פֿאַר'ן היסטאָריקער ערשײַנט די פֿעלקער־וואַנדערונג פֿון יענער צײַט און איהר ווירקונג אויף דער מענשליכער גײַסטיגער ענטוויקלונג, ווי אַ מין פֿאָראויסגעזעהענער, בעשטימטער פּראָצעס פֿון דער השגחה: די גריכישע קאָלאָניסטען האָבען אויפֿגעוועקט בײַ די נאַציאָנען, צווישען וועלכע זײ האָבען געלעבט, דעם זין פֿאַר קונסט

און וויסענשאפט; די רוימער האבען פערשפרייט אין דער וועלט זייערע מלוכה-אידעען און די ערשטע געוויזען דעם מוסטער פון א ארגאניזירטען שטאאטס-וועזען, פון א געזעצמעסיגער הארמאניע צווישען רעכט און מאכט, און האנד ביי האנד מיט די צוויי אומות האבען די פונאנדערגעווארפענע קינדער פון דעם יודישען פאלק געפלאנצט אין דער מענשהייט די בעגריפען פון געטליכער איינינקייט, פון דאס געטליכע אין דער וועלט און דאס געטליכע אין מענשען.

ווי אין מצרים און אין דער שכני'שער פראווינץ קירעניקע, האט זיך געפונען א גרויסער יודישער ישוב אויך אין סיריען און בעזונדער אין דער הויפטשטאדט אנטיוכיא, וואו די יודען האבען אויסגעמאכט א אנגעזעהענעם טייל פון דער בעפעלקערונג. די סירישע מלכים נאך אנטיוכס עפיפאנעס האבען זיך בעצויגען גאנץ פריינדליך צו זייערע יודישע אונטערטאנען און זיי צוריקגעגעבען די אלע רעכטע און זכיות, וואס עפיפאנעס האט געהאט פון זיי אוועקגערויבט. איינער פון די דאזיגע מלכים האט זיי זאגאר צוריקגעגעבען די אוועקגערויבטע כלים פון ערשטען בית-המקדש, און די יודען האבען דאס געהאלטען אונטער א בעזונדער שמירה אין זייער שוהל. די בעציהונג צווישען ביידע בעפעלקערונגען איז אויך געווען א פריינדליכע, און די ארטיגע געצענדינער האבען זאגאר אנגעהויבען ארויסצעווייזען שטארקע נייגונגען צום יודישען גלויבען. ווי דער היסטאריקער פון יענער צייט (יאזעפוס פלאוויום) דערצעהלט, האבען א סך העלענען זיך בעטייליגט אין דעם יודישען גאטעסדיענסט, און זיי זענען געווארען „אין א געוויסער מאס א טייל פון דער יודישער קהלה"; און די דאזיגע פריינדליכקייט איז דערגאנגען ביז אזוי ווייט, אז אין דעם יאהר פון די שרעקליכע געגענזייטיגע פאגראמען און מלחמות (66), האבען זיך די העלענען פון אנטיוכיא איינגעשטעלט פאר דער יודישער בעפעלקערונג און נישט געלאזען, זי בעפאלען. שפעטער האבען זיך אבער אט די בעציהונגען שטארק געענדערט און א גרויסע שולד האט געהאט אין דעם — א יודישער צורר היהודים. דאס איז געווען אין דער צייט, ווען וועספאסיאן איז געגאנגען מיט זיינע לעגיאנען דורך סיריען קיין יהודה, כדי איינצושטילען דעם דארטיגען אויפשטאנד, און די שטימונג פון דער ארטיגער בעפעלקערונג בנוגע צו יודען איז געווען א אנגעצויגענע, א אויפגערודערטע; האט זיך אבגערופען א געוויסער אנטיוכס (דער זוהן פון דעם יודישען ארכאנט (נשיא)), וועלכער האט זיך געשמד'ט און זיך געוואלט צוחנפה'נען צו

די געצענדיענערישע מאכטהאבער, און ער האט ערקלערט פאר א גרויסער פערזאמלונג פון בירגער אין א טעאטער, אז זיין פאטער (דער ארכאנט) צוזאמען מיט די איבריגע ראשי הקהלה האבען בעשלאסען אונטערצוצינדען די שטאדט. אזא ערקלערונג פון א יודען האט געמוזט מאכען א שטארקען איינדריק און דער שענדליכער מוסר האט ערגרייכט זיין ציעל — דער המון האט געהאפט די כלומרש׳ט-בעשולדיגטע יודען און גלייך אויפ׳ן ארט זיי פערברענט. דערמיט האט זיך אבער דער פערברעכערישער משומד נישט בעפריעדיגט; ער האט בעקומען אין זיין מאכט א אבטהיילונג סאלדאטען, און דאן האט ער ערשט אנגעהויבען צו פייניגען זיינע געוועזענע גלויבענס-ברידער און זיי צו פערטהיילען די שרעקליכסטע יסורים. ער האט זיי געשטערט אבצוהיטען שבת, געצוואונגען, מקריב צו זיין געצענדיענערישע קרבנות, און ווען ס׳איז מיט א קורצע צייט שפעטער ווירקליך אבגעברענט געווארען א געוויסער טהייל פון שטאדט, האט ער אפען בעשולדיגט אין דעם די יודען. דער המון איז שוין גרייט געוועזען, זיך ארויפצווארפען אויף די „שונאים" און זיי מאסען-וויז צו פערטיליגען; דא האט זיך אבער אריינגעמישט אין דעם ענין דער רוימישער לעגאט קאלעגא, און ער האט נישט דערלאזען צו קיין פאגראם. שפעטער זענען ענטדעקט געווארען די אמת׳ע שולדיגע אין דער שרפה, און די בעפעלקערונג האט זיך געקענט איבערצייגען, אז די אלע אנפאלען פון דעם יודישען משומד זענען נישט מעהר, ווי שענדליכע ליגענס. די יודענפיינדליכע שטימונג האט זיך פון דעסטוועגען נאך אלץ נישט איינגעשטילט אינגאנצען, און ווען טיטוס איז דורכגעפאהרען דורך סיריען שוין נאכ׳ן אייננעהמען יהודה, איז איהם די גריכישע בעפעלקערונג פון אנטיוכיא ארויס אנטקעגען און געבעטען, ער זאל ארויסטרייבען פון שטאדט „די שונאים פון רוים". אויף דער דאזיגער השתדלות, וועלכע איז איהם שפעטער נאכאמאל פארגעלעגט געווארען פון די אנגעזעהענע שטאדט-בעלי-בתים, האט טיטוס געענטפערט, אז ער קען די יודען נישט ארויסטרייבען, ווייל זיי וועלן זיך פשוט נישט האבען, וואו אהין צו טאן — זיי האבען שוין קיין פאטערלאנד נישט. טיטוס האט אויך נישט געוואלט מסכים זיין, אוועקצונעהמען ביי די יודען זייערע רעכטע און זכיות, חאטש די גריכען האבען איהם וועגען דעם שטארק געבעטען.

א בעדייטענדע יודישע קהלה האט געהאט אויך דמשק. דא האבען זיך געפונען ארום צעהן טויזענד יודען, און דער נאבאטעאישער

קעניג אַרעטאַס פילאָדעמאָס האָט געלאָזן אויסקלויבן איינעם
פון זיי, אַלס עטנאַרך (נשיא, ראש הקהלה). אין דעם אונרוהיגן
זעקס=און=זעכציגסטן יאָהר, און בעזונדער נאָך דער מפּלה פון די רוימי=
שע לעגיאָנען אונטער דער קאָמאַנדאַ פון צעסטיוס גאַלוס, האָט זיך
אָבער דאָ אויך פונאַנדערגעקאָכט אַ שטאַרקע שנאה צווישען ביידע
שכני'שע בעפעלקערונגען און יודיש בלוט האָט זיך געגאָסען מיט'ן
שטראָם.

אין דער וועלט=הויפּטשטאָדט רוים האָט די יודישע בעפעלקערונג
ביסליכווייז צוריק אייגנעוואַנדערט, נאָכדעם ווי זי איז געהאַט פערטריי=
בען געוואָרן פון דאָרטין אין טיבעריוס'עס צייטען. אונטער דער הער=
שאַפט פון קייזער קלוידיוס האָבען זיך שוין געפונען אין רוים אַזוי פיעל
יודען, אַז דער בעשלוס, זיי אַרויסצוטרייבען פון שטאָדט האָט נישט
געקענט אויסגעפיהרט ווערן. קלוידיוס איז אָבער געבליבען ביי זיין
שנאה צו די רוימישע יודען, און ווען ס'האָט זיך געמאַכט עפּעס אַ
סכסוך אין דער יודישער קהלה איבער אַ געוויסען אַפּאָסטאָל פון קריס=
טענטום (כרעסטוס), האָט ער בעפוילען, אַרויסצוטרייבען אַ גרויסע
צאָהל יודען פון רוים. די קהלה איז פונדעסטוועגען נישט אונטערגע=
גאַנגען; זי האָט געהאַט אַ סך שוהלען, אַ רעליגיעזען פיהרער (אַרכיסי=
נאַגאָגאָס) און אויך אַ אייגענעם בית=עולם. די מצבות אויף דעם יודישען
בית=עולם האָבען אַממעהרסטען געהאַט גריכישע אויפשריפטען — די
רוימישע יודען האָבען געשטאַמט פון אַלעקסאַנדריע און קליין אזיען —
מיט'ן נאָמען פון פערשטאָרבענעם און דעם שלום=וואָרט „שלום" אָדער
„ינוח בשלום על משכבו". נעבען דער גרויסער קהלה אין רוים האָבען
זיך אויסגעבילדעט אויך קלענערע קהלות אין גאַנץ דרום= און צפון=אי=
טאַליען, און זיי אַלע האָבען געצויגען זייער יניקה פון דער רוימישער
מוטער=געמיינדע.

גרעסער נאָך ווי אין אייראָפּאַ, סיריען און אַפריקא איז געווען די
צאָהל פון די יודישע איינוואוינער אין די פּאַרטישע לענדער, — דער
איבערגעבליבענער טייל פון די אַמאָליגע פערטריבענע אין בבל און
מעסאָפּאָטאַמיען. דאָ האָבען זיך די יודען געפיהלט, ווי אמת'ע תושבים
און ס'זענען געווען זאָגאַר גאַנצע פּראָווינצען מיט אַ ריין יודישער בעפעל=
קערונג. כאַראַקטעריסטיש איז די פאָלגענדע ערצעהלונג וועגען צוויי יודי=
שע העלדען: צוויי יונגע לייט פון נהרדעה מיט די נעמען אַסינאַי און
אַסילאַי, האָבען געגרינדעט אַ רויב=מלוכה, וואָס האָט אַרויסגעוואָרפען

א אימה אויף דער גאנצער סביבה. לויט דער פראפעסיע וועבער, זענען אט די צוויי יונגע לייט אמאל בעשטראפט געווארען פון זייער בעל הבית; האבען זיי צוזאמענגענומען ארום זיך א מחנה וועבער-יונגען און אויף אזא אופן געגרינדעט די דערמאהנטע רויבער-מלוכה אדער רויב-רעפובליק. די צאהל פון די נהרדעה'ישע רויב-העלדען איז געוואקסען פון טאג צו טאג, און ענדליך איז די זאך דערגאנגען ביז אזוי ווייט, אז דער קעניג אליין (ארטאבאן II) האט זיך געפיהלט שוואך געגען זיי, און איז געצוואונגען געווען, זיי צו אנערקענען פאר א בעזונדער מלוכה. די דאזיגע מערקווירדיגע יודישע „מלוכה" אין א מלוכה האט זיך געהאלטען גאנצע פופצעהן יאהר (25—40), און ערשט דאן איז זי אונטערגעגאנגען איבער א אריגינעלען סכסוך צווישען די צוויי הערשער-ברידער. אנילאי האט זיך פערליעבט אין א געפאנגענער שענער געצענדיענערין און האט מיט איהר חתונה געהאט. דאס האט שטארק פערדראסען אסינאי'ען מיט זיין מחנה, וועלכע האבען געזעהען אין דעם שריט א פערראט געגען דעם יודישען פאלק, און זיי זענען ארויסגעטרעטען געגען דער געצענדיענערין. די לעצטע האט דאן אנגעווענדעט פערשיעדענע מיטלען, צו בעזייטיגען אסינאי'ען, און ענדליך האט זי איהם פערגיפטעט; אין דער זעלביגער צייט איז אנילאי אויך אומגעקומען ביי איינער פון זיינע ריזיקאלישע קריעגס-אונטערנעהמונגען. און איצט ערשט האבען זיך די בבל'ער גענומען נוקם זיין אן זייערע יודישע שכנים פאר די רציחות פון דער „יודישער רויבער-רעפובליק". א סך יודען זענען דאן אנטלאפען פון בבל קיין סעלייציא, צו מערב-זייט פון טייך טיגריס; די פערביטערטע שנאה פון דער געצענדיענערישער בעפעלקערונג האט זיי אבער אויך דא פערפאלגט. סעלייציא האט געהאט א געמישטע בעפעלקערונג פון גריכען און סיריער (אויסער יודען), וועלכע האבען ביז דאן געלעבט אין אייביגער שנאה צווישען זיך, און איצט האבען זיי זיך פעראייניגט אין קאמפף געגען די יודען, פון וועלכע זיי האבען געטויט איבער פינף טויזענד נפשות (41); די איבערגעבליעבענע האבען זיך געראטעוועט אין דער פארטישער הויפטשטאדט קטעסיפאן. דערמיט האבען זיך אבער די יודען-פערפאלגונגען איצט אנגעהויבען, און די גאנצע יודישע בעפעלקערונג איז געצוואונגען געווען, איבערצוואנדערן פון די קלענערע שטעדטלעך אין די גרויסע יודישע צענטערן — נהרדעה און ניזיבים.

די לענדער אויף יענער זייט טיגריס, פערסיען און מדין, האבען אויך געהאט גרויסע יודישע קהלות; פון דאנען האבען א סך יודען אויס-

געוואַנדערט קיין אַרמעניען; דער וועג פון די יודישע אויסוואַנדערער קיין גריכענלאַנד און אין דער געגענד פון שוואַרצען ים איז געוועזען פון קליין אַזיען. אַזוי האָבען זיך אויסגעבילדעט בעדייטענדע יודישע קבוצים אין אַטען, קאָרינט, טעסאַליען, פיליפּי און נאָך אַזעלכע שטעדט. פון דעם רוימישען צענטר האָבען זיך, ווי ס'איז צו גלויבען, פערצווייגט קלענערע יודישע קאָלאָניעס אין דרום־פראַנקרייך און דרום־שפּאַניען, כאָטש ס'זענען נישט דערגאַנגען צו אונז קיין זיכערע שפּורען פון דעם יודישען אויפהאַלטען זיך אין די דאָזיגע ערטער.

אַזוי האָט אויסגעזעהען די דיאַספּאָראַ (צושטרייאונג, די פונאַנדערגעוואָרפענע טיילען פון דער יודישער אומה אין פערשידענע לענדער) נאָך פאַר דעם אונטערגאַנג פון יהודה. דער ערשטער איינדריק, וואָס דאָס יודישע וועזען און לעבען האָט געמאַכט אויף די געצענדיענער, איז געוועזען אַ אָבשטויסענדער. די פעלקער פון דער העלעניש־רוימישער וועלט זענען אין דעם משך פון אַ גאַנצער רייהע יאָהרהונדערטער ערצויגען געוואָרען אויף דעם קולט פון לעבען, — אויף דעם קולט, וואָס בעטראַכט דאָס לעבען מיט זיינע פערגניגענס, ווי אַ זעלבסטשטענדיגען ציעל, זעהט אין דער גאָטהייט נישט מעהר, ווי אַ פערגרעסערטע אָבשפּיגלונג פון די מענשליכע ליידענשאַפטען, און שטעלט זיך נישט פאָר קיין זאַך אָהן בילד און פאָרם, און דאָ האָבען זיי דערזעהען פאַר זיך אַ גרופּע מענשען, וואָס קוקט אויפן לעבען בכלל, ווי אויף עטוואָס וואָכעדיגעם, נידעריגעם, און זוכט כסדר דעם העכערן זין פון לעבען; וואָס טראָגט אין זיך די פאָרשטעלונג פון אַ איינציגער און אַלץ אַרומנעהמענדער גאָטהייט אָהן שום געשטאַלט און פערקערפּערונג, און לעבט אינגאַנצען נאָר מיט דער פאָרשטעלונג, — מעהר אַכטענדיג אויף דעם אינערליכען מהות, ווי אויף דער אויסערליכער געשטאַלט, אויף דעם עהרליכען געפיהל, ווי אויף דער שענער פאָרם. די אייגענטימליכע זיטען און מנהגים פון דעם יודישען לעבען האָבען געמוזט אַרויסרופען ביי די געצענדיענער דעם איינדריק פון עטוואָס רעטזעלהאַפטעס, פרעמדעס, וואָס זיי האָבען בשום אופן זיך נישט געקענט ערקלערן, און דאָס האָט געבראַכט צו אַ טיעפער אימה פאַר די „ווילדע" אַזיאַטען פון איין זייט, און צו אַלערליי הוזק־מאַכערייען פון דער צווייטער זייט. דערביי איז דער געגענזאַץ צווישען יודענטום און הײדענטום געוועזען אַזוי שאַרף און בולט, אַז ער האָט זיך געוואָרפען אין די אויגען אויף יעדען טריט און שריט; דאָס אַלץ

וואס איז הייליג געוועזען פאר דעם געצענדיענער, האט דער יוד בעטראכט, ווי עטוואס אונווירדיגעס, שענדליכעס, און דאס וויטער, וואס האט פאר'ן געצענדיענער אבסאלוט קיין בעדייטונג נישט געהאט, איז געוועזען פאר'ן יודען א יסוד פון זיין אמונה, פאר וועלכען ער איז גרייט געוועזען, זיך מוסר נפש צו זיין. נישט עסען מיט קיין געצענדיענער צוזאמען, זיך נישט פערבינדען מיט זיינס א קינד, זיך אבהיטען פון חזיר-פלייש, דעם גאנצען שבת'דיגען טאג קיין פייער נישט אנצינדען, — אט די אלע פונדאמענטאלע יודישע געבאטען האבען געקענט און געמוזט אויסגעטייטשט ווערן פון די פרעמדע געצענדיענער, ווי אייסדריקען פון מענשענפיינדליכקייט בכלל און שלעכטע כונות בפרט, און פון דעם זעלביגען שטאנדפונקט איז אויסגעטייטשט געווארען אויך דער פאקט, וואס די יודען זענען אזוי ערנסט געוועזען און האבען קיין שום אנטייל נישט גענומען אין די געצענדיענערישע אונטערהאלטונגען און קאמפפס-שפיעלערייען, און האבען נישט ארויסגעוויזען קיין שום לעבעדיגען אינטרעס פאר שענהייט און קונסט.

די אויבערפלעכליכע גייסטער האבען דעריבער געקוקט אויפ'ן יודענטום, ווי אויף א בארבארישען אבערגלויבען, וואס האט אין זיין יסוד א טיפע שנאה צו דעם גאנצען מענשליכען מין; אין דער זעלביגער צייט האט אבער דאס יודישע לעבען מיט זיין גייסטיגער שטארקייט, גאטספארכטיגער בעשיידענהייט און אונגעוועהנליכער צניעות, — א שטארקען רושם געמאכט אויף דעם מעהר עהרליכען און טיפערזעהענדען טייל פון דער געצענדיענערישער געזעלשאפט. די יודען האבען זיך שארף צוגעקוקט צו דעם ארומיגען לעבען און געזעהען פאר זיך: דאס וויסטע געצענטום מיט זיינע מיטאלאגישע איינבילדונגען, די משוגעת פון גאנצע פעלקער, אבצוגעבען א געטליכען כבוד דעם אדער יענעם פערדארבענעם קייזער; די שרעקליכסטע אויסגעלאסענקייט, שענדליכע האמאסעקסואליסטישע פערברעכענס, באקהאנטישע ווילדקייטען און בכלל אלערליי טעמפקייטען און בעסטיאלישע געננ, — דאס האט זיי אין א געוויסען זין שטאלץ געמאכט אויף זייער גייסטיגער עשירות און געגעבען דעם מוט, אפען ארויסצוטרעטען פאר דער וועלט מיט א שטארקער אגיטאציע פאר זייער אמת, פאר זייערע שענקייטען. אויף דעם באדען האבען געמוזט אויסוואקסען פערשידענע גייסטיגע רייבונגען, און דא האבען זיך די יודען ווידער בענוצט מיט אלע דיאלעקטישע מיטלען, צו פערטיידיגען זייער שטאנדפונקט, און ממילא

אויך — אויפצעווייזען די גאנצע אינווענייגסטע צופוילטקייט פון דער גע־צענדיגנעריזשער אידעען־וועלט. כדי צו פערשטארקען דעם רושם פון זייערע ארגומענטען, פלעגען די יודישע אפּאָלאָגעטיקער, ווי מיר האָבען שוין געזעהען אין איינעם פון די פריהערדיגע קאפּיטלען, זיך בענוצען מיט פסעוידאָנימען פון פערשיעדענע גריכישע דיכטער און דענקער. אזוי האָבען זיי געטאָן מיט דעם פּאָפּולערען לעגענדארישען זינגער אָרפעאוס און דעם בעריהמטען טראגיקער סאָפאָקלעס, וועמען זיי האָבען אריינגעגעבען אין מויל מעלכטיגע לויב־לידער פאר דער יו־דישער וועלט־אנשויאונג. דער לעצטער פון די צוויי שרייבט אויס:

„איינציג אין אמת, איינציג איז גאָט,
„וואָס דעם הימעל ט'געשאַפפען און די רוימען פון דר'ערד,
„דעם ים'ס שוימענדע חוואַליעס און דעם שטראָם'ס געוואַלט.
„נאָר מיר שטערבליכע, אין הארצען בענארישט,
„מאכען צום טרייסט פון ליידען און פּיין
„בילדער פון געטער זיך, פון לעהם און פון שטיין,
„אויך פון גאָלד געשטאַלטען מיר זיי און פון העל־פאנטביין.
„זיי ברענגען מיר קרבנות און ווייהען די פערזאמלונג,
„דאָס האלטען מיר, זעה, פאר גאָטספערעהרונג".

ווען ס'זענען בעקאנט געוואָרען אין דער רוימישער וועלט די נבואות פון די סיביליסשע אָראקולען, האָבען דאָס די יודישע דיכטער אויך אויסגענוצט צו זייער צוועק, און פראָקלאמירט מיט'ן מויל פון דער סיבילע די גרויסקייט פון דעם יודישען גאָט. *) דער בעגייסטער־טער זינגער פון די דאָזיגע פסעוידאָ־סיביליען איז געוועזען דער זעלביגער, וואָס האָט אָנגעזאָגט משיח'ס אָנקומען און זיין פּראַכט, אין דער צייט פון דער לעצטער עגיפּטישער קעניגין קלעאָפּאַטרא.

אונטער דער מאַסקע פון דעם גריכישען דיכטער פאָקילידעס האָט אַנאַנדער יודישער פּערז־קינסטלער בעזונגען די הויכע מאָראַלישע אידעאַלען פון יודענטום. די אינווענייגסטע צופוילטקייט, פון וועלכער

*) זעה אויבען ז. 466—469.

עס האבען געליטען די ביידע קולטור-פעלקער פון יענער צייט, די רוימער און גריכען, זייערע אוננאטירליכע געשלעכטליכע שענדליכקייטען און זייער טעמפע אכזריות, האבען ארויסגערופען ביי דעם יודישען היסען מאראליסט נישט בלויז פעראכטונג, נאר אויך מיטלייד, און ער האט זיי אונטערגעטראגען דעם באלזאם פון דער געטליכער זיטליכקייט, ווי זי איז אויסגעדריקט אין דער יודישער תורה. „דאס זענען די בעהאלטענע מיטלען פון דער גערעכטיגקייט. ווער עס וועט זיך האלטען ביי זיי, וועט ערדייכען א גליקליך לעבען ביז צו דער שוועל פון דער עלטער" — האט ער זיי געזאגט.

די ווילכטיגסטע קראנקהייט פיי דעם גריכיש-רוימישען ארגאניזם, וואס האט געמוזט פיהרען צו דעם אונטערגאנג פון די ביידע פעלקער, איז געוועזען די אוננאטירליכע ליעבע, די האמאסעקסואליסטישע אונצוכט. אויף דעם האט זיך דער דיכטער אבגערופען מיט זיין מעכטיגען געשריי:

עראס איז קיין גאט נישט,
אונגליק ברענגט ער נאר!

און מיט דער זעלביגער קראפט האט ער געפלאנצט אין דער מענשהייט אויך א טיעפע פעראכטונג צו יעדער פארם פון בלוטפערגיסען און פערניכטען א מענשליך לעבען. ער האט געלערנט:

„נאר צום שיצען זיך געגען שונא, זאלסטו דיך מיט'ן שווערד ארומגארטלען.

און בעסער איז, ווען דו בענוצט עס גארנישט, צי גערעכט צי נישט גערעכט.

„דען טויטסטו דעם פיינד — זענען דיינע הענד בעפלעקט". — —

„טויטען זאל נישט די מוטער איהר קינד אין איינענעם שוים,

און דאס נייגעבוירענע נישט ווארפען פאר הינט און גייער-פויגעל צום עסען. *) — — —

„זיי אויף חכמה נישט שטאלץ, אויך אויף שטארקייט נישט, אדער אויף רייכטום.

---

*) געגען דעם פערברעכערישען מנהג פון די גריכען און רוימער, צו טויטען די ליעבעס-פרוכט אין דער מוטערס לייב, און אומצוברענגען די שואך אדער פעהלערהאפטיג געבוירענע קינדער.

גאָט נאָר אַליין איז קלוג , פול מאַכט און רייכטום און גליק ."

נאָך שאַרפער און ענטשיידענער , ווי אין די סיבילין און אין די דיכטונגען פון פסעודאָ-פאָקילידעס, זענען די נעגאַטיווע זייטען פון היידענטום קריטיקירט געוואָרען אין דעם ווערק „שלמה'ס חכמה". דער אַנאָנימער אַלעקסאַנדריניש-יודישער מחבר פון דעם ספר , וואָס האָט געלעבט אין ערשטען יאָהרהונדערט , דעקט אויף פאַר דער וועלט אַלע שוואַרצע און פינסטערע זייטען פון דער געצענדינערישער קולטור , און פון דעם טונקעלען שאָטען לאָזט ער אַרויסשיינען די ליכטיגקייט פון יודענטום . די יודישע קלוגהייט ווערט דאָ פערקערפערט אין דעם קלוגען שלמה המלך און אין זיין נאָמען ווענדט זי זיך צו די מלכים פון דער ערד (די רוימישע מאַכטהאָבער) .

„ליבט די גערעכטיגקייט , איהר שופטים פון דער ערד — זאָגט צו זיי שלמה'ס חכמה — דערקענט גאָט אין דער גוטסקייט און זוכט איהם אין דעם עהרליכען געפיהל" .

די ערפינדונג פון דעם געצענבילד איז , לויט דער מיינונג פון דעם מחבר , דער מקור פון אַלע אויסגעלאַסענקייטען און פיהרט צום אונטערגאַנג פון לעבען . דער מענש (דער קינסטלער) שניצט אויס אַ סטאַטוע פון האָלץ , שטיין אָדער מעטאַל , און דער המון , פערבלענדעט פון דער שענער אַרבייט , הויבט אָן ביסליכווייז צו בוקען זיך און צו קניען פאַר דער אָבבילדונג , ווי פאַר אַ גאָטהייט . און ווייל די פעלקער האָבען נישט קיין שום בעגריף פון דער הויכער אמת'ער געטליכקייט טוען זיי אָב אַלערליי מעשים תעתועים און פילען אָן די ערד מיט זנות , גניבה , גזילה , רציחה , פאַלשקייט , חוצפה און אַ טעמפ-אכזריות'דיגע בעציהונג צו דעם מענשענס ליידען . די נייגונג פון המון , צו פערגעטערן , רופט ווידער אַרויס די שטרעבונג פון געוויסע יחידים , פערגעטערט צו ווערן , און אַ קאַיוס קאַליגולאַ שעהמט זיך נישט צו בעפעהלען , מ'זאָל זיך בוקען פאַר זיין בילד און מקריב זיין צו איהם קרבנות .

געגען אָט דעם אַבסורד איראָניזירט שלמה און זאָגט : „אויך איך , האָטש אַ קעניג , בין אַ שטערבליכער מענש" . דער קעניג האָט דעם זעלביגען אַריינגאַנג אין לעבען און דעם זעלביגען אַרויסגאַנג פון לעבען , וואָס אַלע אַנדערע מענשען , און פערגעטערן איהם , הייסט דאָס זעלבע , וואָס פערגעטערן אַנאַנדער פערגענגליכען געגענשטאַנד .

דאָס יודענטום ווייס אָבער נישט פון די אַלע לעכערליכקייטען .

גם איז נישטאָ קיין אַנדער געטליכע מאַכט, אויסער דעם איין=און איינציגען בילדלאָזען גאָט, וועלכער האָט בעשאַפען די וועלט פון כאָאָס, פון תהו ובהו, און פיהרט זי מיט גערעכטיגקייט, מיט מאָס און צאָהל און געוויכט. פון איהם שטאַמט די אמת׳ע קלוגהייט, דאָס איז דער אָטעם פון זיין אַלמעכטיגקייט, דער ריינער שפיגעל פון זיין מאַיעסטעט, די אויסשטראָמונג פון זיין לויטערער הערליכקייט, די אויסשטראַהלונג פון דער אייביגער ליכטיגקייט, דאָס בילד פון דער געטליכער גוטסקייט. און אויסגעוועהלט האָט גאָט דאָס פאָלק ישראל, וואָס איז דאָס אידעאַל, די פערקערפערונג פון גערעכטיגקייט; די אַלע צרות, וואָס ישראל שטעהט אויס פון די פרעמדע אומות, זענען נאָר נסיונות — דאָס פרובט גאָט זיינע קינדער און לייטערט זיי, ווי מ׳לייטערט גאָלד אין אַ שמעלץ=פאַן; אין דער צוקונפט וועט דערפאַר ישראל משפט׳ען די פעלקער און איבער איהם וועט גאָט ביז אין דער אונענדליכקייט רעגירען.

אַזוי האָבען די יודען פון דער העלענישער וועלט געקעמפפט געגען דער העלענישער וועלט=אַנשויאונג; אָט דער קאַמפף איז אָבער נישט אריבער אָהן אַ איינפלוס אויף אויף דער יודישער אידעען=וועלט. די יודען האָבען געוואָלט בעקאָנען די אינטעליגענטע קרייזען פון דער גריכישער בעפעלקערונג מיט דער גייסטיגער עשירות פון יודענטום; און דער ביי זענען זיי אַזוי דורכגענומען געוואָרען מיט דעם גריכישען געדאַנקענגאַנג, מיט דער גריכישער אַרט דענקען, אַז זיי האָבען צו זייערע אייגענע אידעען אויך אָנגעהויבען אָנצעווענדען דעם מאַסשטאַב פון דער גריכישער קלוגהייט. זייער בעוואונדערונג פאַר די שאַרף און שען=געפאָרמטע געדאַנקען פון דער גריכישער וויסענשאַפט האָט זיך ביי זיי צוזאַמענגעגאָסען מיט דעם בעוואוסטזיין פון דער יודישער גייסטיגער גרויסקייט, און דאָס רעזולטאַט דערפון איז געוועזען זייער איינבילדונג, אַז אָט די אַלע גריכישע געדאַנקען זענען גאָרנישט קיין גריכישע, נאָר איבערגענומענע פון יודענטום. זיי האָבען זיך נישט געקענט צולאָזען דעם געדאַנק, אַז דער אָדער יענער אָנגענומענער סיסטעם פון דער גריכישער פילאָזאָפיע זאָל נ י ש ט זיין פערטרעטען אין דעם געטליכען קוואַל פון דער אמת׳ער קלוגהייט, אין דער ת ו ר ה, און דאָס האָט זיי געצוואונגען איינצופיהרען אין דער אויסטייטשונג פון די ביבעל=פסוקים די אַלעגאָרישע מעטאָדע, די מעטאָדע פון רמזים און סודות, וואָס גיט צו דעם פשוט׳ען טייטש פון וואָרט אַ גאַנץ אַנדערען, העכערן זין. הינטער

ידען אויסדריק פון דער תורה האָבען זיי געזוכט א בעהאלטענע הויכע כונה, און נישט בלויז די צווייטיגע אויסדריקען, נאָר אפילו די פשוט'ע היסטאָרישע פאַקטען און די קלאָרע געזעצען זענען ביי זיי אויך פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַלעגאָריען, כדי צו קענען אַרויספרעסען פון דאָרטען וועלכען ס'איז פילאָזאָפישען פשט'ל.

פאַר דעם שטאַרקסטען אויסדריק פון דער אַלעגאָרישער מעטאָדע, ווי פון דער יודיש-העלעניסטער ליטעראַטור בכלל דאַרף מען רעכנען דעם גרויסען יודישען גייסט פון יענער עפּאָכע, פילאָ פון אַלעקסאַנדריע (פילון האלכסנדרוני). פילאָן האָט ברייט ענטוויקעלט דעם סיסטעם פון אַלעגאָרישע אויסטייטשונגען און האָט אויף דעם וועג פעראייניגט די העלענישע מעטאַפיזיק מיט די רעליגיעזע טראַדיציעס פון יודענטום; דערביי האָט ער זיך אָבער שטייף געהאַלטען אויך ביי דעם פשוט'ען זין פון געזעץ און זעהר שאַרף פערטיידיגט דעם פּראַקטישען עלעמענט פון דער תורה. „ער ברענגט, למשל, דעם פסוק: ויכולו השמים והארץ וכל צבאם (און עס זענען געענדיגט געוועזען די הימלען און די ערד און אַלע זייערע שאַפונגען) און ערקלערט: דער סימבאָלישער משה רופט אָן דעם פערשטאַנד הימעל און דעם געפיהל — ערד. אין דער וועלט פון פערשטאַנד געהט אַריין אַלעס קערפּערלאָזעס און אידעאַלעס, און דאַגעגען האָט אין זיך די וועלט פון געפיהל — אַלעס קערפּערליכעס, וואָס ווערט עמפּפונדען מיט די חושים. זעלבסטפערשטענדליך, רעדט זיך דאָ נישט וועגען פערשטאַנד אָדער געפיהל פון קאָנקרעטע אינדיווידען, נאָר וועגען די אידעען פון ערשטען אָדער צווייטען". גאָט האָט בעשאַפען — זאָגט ער אין אַנאַנדער אָרט — די זיכטבאַרע ממשות'דיגע וועלט לויט אידעאַלע גייסטיגע מוסטערן, ענליך דערצו, ווי אַן אַרכיטעקטאָר שטעלט אויף אַ שטאָדט לויט דעם פּלאַן, וואָס ער האָט צוזאַמענגעשטעלט ביי זיך אין קאָפּ" (דובנאָוו).

דאָס הייסט, אַז גאָט האָט בעשאַפען פריהער די גייסטיגע וועלט פון די אידעען, וועלכע זענען געוואָרען ווירקענדע קרעפטען און די אויספיהרער'ס פון דעם געטליכען ווילען. דורך דער פערמיטלונג פון די דאָזיגע כחות פיהרט גאָט די וועלט, זיי זענען זיינע פאַקטישע פערטרעטער און שלוחים.

מיט דעם דאָזיגען סיסטעם פון אַלעגאָרישע אויסטייטשונגען איז פילאָ דורכגעגאַנגען די גאַנצע תורה, און יעדעס וואָרט פון איהר האָט פאַר איהם געהאַט אַ רמז אויף וועלכען ס'איז פילאָזאָפישען אמת; די

פיער טייכען פון גן עדן זענען א רמז אויף די פיער גוטע איינגעשאפטען: קלוגהייט, מעסיגקייט, העלדישקייט און עהרליכקייט. אדם און חוה שטעלן פאר מיט זיך די צוויי יסודות: גייסט און קערפערליכקייט, פון וועלכע די צווייטע מוז זיך אונטערגעבען דעם ערשטען, אט אזוי ווי דאס ווייב איז אונטערגעווארפען דעם מאן. וועט מען דאך וועלן מיינען, אז אויב דער עיקר אין די פסוקים פון דער תורה זענען נאר די אלעגארישע כונות און געדאנקען, איז דאך ממילא שוין נישט וויכטיג דער פשוט'ער פשט זייערער, לויט וועלכען די אלע געבאטען מוזען פראקטיש אבגעהיט ווערן? ענטפערט פילא: ניין. „אויב ס'ענדערן זיך די געזעצען ביי אנדערע פעלקער, בלייבען די געזעצען פון יודענטום אייביג פעסט, אונבערירט, ווי בעצייכענט מיט דעם שטעמפעל פון דער נאטור, פון דער צייט אן, ווען זיי זענען ענטפלעקט געווארען ביז דעם היינטיגען טאג. און ביז דער אייביגקייט וועלן זיי אזוי פעסט שטעהן, אזוי לאנג ווי די זון און די לבנה און די וועלט וועלן א קיום האבען". אריינקומענדיג אין א טיעפער התפעלות פון דער געטליכער קלוגהייט, וואס די יודישע תורה האט אין זיך, שרייט פילא אוים: „צי זענען דען נישט ווערט געשעצט צו ווערן די געזעצען, וועלכע לערנען די רייכע, אוועקצוגעבען א טייל פון זייער פערמעגען די נויטבעדערפטיגע, און צו טרייסטען די ארימע? צי קען מען דען נישט בויגען דעם קאפ פאר א געזעץ, וואס מאכט, אז נאך זיבען יאהר זאלען אלע אלמנות, יתומים און נישט פערמעגליכע צוריקבעקומען זייער איינגענטום?"

פילא'ס אלעגאריש-פילאזאפישע אויסטייטשונג פון געזעץ איז געווען ענג פערבונדען מיט זיין פארשטעלונג וועגען דער אידעאלער בעדייטונג פון דער יודישער אומה. חאטש הימעל און ערד געהערן צו גאט, האט ער דאך פון דעם גאנצען מענשענגעשלעכט אויסדערוועהלט דאס פאלק ישראל, די מענשען אין אמת'ען זין, וועלכע זענען בעשטימט פון דער השגחה אויסצופיהרען א גאנץ בעזונדער מיסיע, אלס לעהרער און מאראלישע ערציהער פון דער איבריגער מענשהייט. פערגליכען מיט די אנדערע פעלקער שטעהט די יודישע אומה גאנץ אבגעזונדערט און אליין, — איהרע געזעצען רייסען זי אינגאנצען אב פון דער ארומיגער וועלט. אויב די יודען זענען אזוי עלענד צווישען די איבריגע אומות, זענען זיי אבער דערפאר בעגנעדיגט מיט א בעזונדער בארימהערציגקייט פון גאט — פילא איז געווען דורכגעדרונגען מיט דעם טיעפען גלויבען אין דער ליכטיגער משיח-צוקונפט, וואס ערווארט דעם

יודישען פאָלק. שווער איז נאָר אָט דעם אַלעקסאַנדריניִשען פילאָזאָף געווען זיך אַנ׳עצה צו געבען מיט יענע שטעלען, וואו ס׳האָט זיך בעמערקט אַ אָפענע סתירה צווישען דעם גייסט פון יודישען געזעץ און די גרונד־כללים פון דער גריכישער פילאָזאָפיע. דער יודישער פילאָזאָף מיט דער שטאַרקער ליעבע צו די בעסערע זייטען פון דער העלענישער געדאַנקען־וועלט, האָט דאָ געמוזט זוכען אַלערליי מיטלען, אום שלום צו מאַכען צווישען די ביידע כללים, און נישט שטענדיג איז דאָס איהם אינגאַנצען געלונגען.

פילאָ׳ס סיסטעם האָט בכלל געהאַט אַ ר ע ל י ג י ע ז ע ן כאַראַקטער. גאָט אַליין איז פאַר איהם דאָס גוטע, פאָלקאָמענע, ווירקליכע; די מאַטעריע, פון וועלכער די וועלט בעשטעהט, איז פערגענגליך, נישט ווירקליך און שלעכט. גאָט, דער אונענדליכער און נישט בעשאַפענער, לאָזט זיך מיט קיין זאַך פון דער בעשאַפענער וועלט נישט פערגלייכען. מ׳קען דעריבער נישט צושרייבען גאָט קיין שום אייגענשאַפט, אַזוי ווי מ׳קען זי איהם אויך נישט נ י ש ט צושרייבען. מ׳מוז נאָר זאָגען, אַז גאָט איז א יי ג ע נ ש אַ פ ט ס ל אָ ז. דאָס זעלבע איז אויך מיט גאָט׳ס נאָמען, ער האָט קיין נאָמען נישט — ער איז דאָס ז יי ע נ ד ע אָדער דאָס זיין אין אַלגעמיין. צו דער אייגענשאַפטסלאָזיגקייט האָט פילאָ נאָך צוגעשריבען גאָט די העכסטע ווירקזאַמקייט, די אונענדליכע טעטיגקייט. צוליעב זיין אונענדליכער ווירקזאַמקייט און זיין אַלמעכטיגקייט מוז גאָט בעטראַכט ווערן אַלס בעשעפער; צוליעב זיין ערהויבענער פאָלקאָמענהייט קען אָבער נישט צוגעלאָזען ווערן, אַז ער זאָל האָבען אַמאָל געקומען אין בעריהרונג מיט דער שלעכטער מאַטעריע. דאָס פילאָנישע סיסטעם איז דעריבער גענויט אָנצונעהמען די עקסיסטענץ פון אַ מיטעל־וועזען צווישען גאָט און דער וועלט. אַזעלכע מיטעל־וועזענס זענען די געטליכע עמאַנאַציעס, וועלכע „שטעלן פאָר מיט זיך אַ אויסמיש פון די דערמאָנטע אורערשטע „גייסטיגע אידעען", יודישע „מלאכים" און גריכישע רוחות און שדים" (דובנאָוו). דער אינערליכער בעגריף פון די דאָזיגע גייסטיגע קרעפטען אַלס פערמיטלער צווישען גאָט און דער וועלט איז, לויט פילאָנ׳ס סיסטעם, דער ל אָ ג אָ ס אָדער דער ו ו י ר ק ע נ ד ע ר ג ע ט ל י כ ע ר פ ע ר ש ט אַ נ ד, די געטליכע קלוגהייט, דער גייסט פון גאָט, דער כח פון אַלע כחות. משה, דער גרעסטער פון אַלע נביאים, האָט זוכה געווען צו פערנעהמען די ענטפלעקונג פון דעם געטליכען ווילען, און די דאָזיגע ענטפלעקונג איז דורך איהם פעראייביגט געוואָרען אין דער

תורה, וואס טראגט דעריבער אויף זיך דעם שטעמפעל פון דער געטהייט.

פילאנ׳ס קינסטלעריש-אויסגעארבייטע ווערק, געשריבען אין א רייכער גריכישער שפראך, האבען פון איין זייט א שטארקען שטויס געטאן פאראויס דער געצענדיענערישער וועלט אויף דעם וועג צום ריינעם מאנאטעאיזם, און פון דער צווייטער זייט האבען זיי געהאט א שטארקע ווירקונג אויף דער ענטוויקלונג פון דעם קריסטליכען אידעען-גאנג. אין דער יודישער ליטעראטור, דאגעגען, האט זיך דער איינפלוס פון פילא׳ס רעליגיעזער פילאזאפיע אנגעהויבען ארויסצוווייזען ערשט אין א סך יאהרען ארום, ווען די אלעגאריע און דער מיסטיציזם, אין דער געשטאלט פון קבלה, האבען ווידער אויפגעלעבט און פערנומען א בעדייטענדען פלאץ אין דער יודישער שאפונגס-וועלט.

כדי צו פערטיידיגען דאס יודענטום פון דער שענדליכער יודענפיינדליכער אגיטאציע, וואס האט זיך נאך זיין צייט שטארק פונאנדערגעקאכט אין אלעקסאנדריע, האט פילא ארויסגעגעבען צוויי בעדייטענדע ווערק: „געגען פלאקוז׳ן" און די „דעפוטאציע צום קייזער קאליגולא" (נאך דעם שרעקליכען פאגראם איבער די אלעקסאנדרינישע יודען אין אכט און דרייסיגסטען יאהר). אין די ווערק פאלעמיזירט דער טיעפזיניגער פילאזאף מיט די יודישע שונאים און רעדט מיט א אונגעוועהנליכען פייער וועגען די גרויסע מאמענטען פון דער יודישער פערגאנגענהייט, וועגען די יודישע גרויסע גייסטער און בכלל וועגען דער גרויסער ראליע, וואס יודען שפיעלען אין דער געשיכטע פון דער מענשליכער קולטור.

צו דער דאזיגער גרויסער שריפטליכער אגיטאציע פאר׳ן יודענטום איז צוגעקומען אויך די מונדליכע פראפאגאנדא צווישען די נידריגע קלאסען פון דער העלענישער בעפעלקערונג. דער יודישער סוחר, וואס האט געהאלטען אין איין וואנדערן פון שטאדט צו שטאדט און פון לאנד צו לאנד, האט אומעטום מיטגעפיהרט מיט זיך זיין גייסטיגען „איך", און זעהענדיג געצוואונגען כסדר, זיך צו פערטיידיגען, האט ער שוין ממילא געמוזט אויך שארף קריטיקירען די יסודות פון דער געצענדיענערישער וועלט-אנשויאונג און זיי אונטערגראבען. דערביי איז דער באדען פאר אזא פראפאגאנדא אויך געווען זעהר א גינסטיגער; די פעלקער פון דער אלטער וועלט האבען זיך איבערהויפט שטארק גענויטיגט אין ליידענשאפטליך-רעליגיעזען בעגייסטערונגען, און דער טיעפער גייסטיגער אינ=

האַלט פון דעם יודישען גלויבען האָט שטאַרקער געריעדט צו זייער רע=
ליגיעזען געפיהל, ווי די קינדערשע מעשות פון דער געצענדיענערישער
מיטאָלאָגיע און די קאַלטע זיטליכקייט פון סטאָאיציזם. א בעזונדער נייַ=
גונג צום יודענטום האָבען ארויסגעוויזען די העלענישע פרויען; אויף
די טעכטער פון זינד און געשלעכטליכע אויסגעלאַסענקייטען האָט געמוזט
אַ שטאַרקען איינדרוק מאַכען די יודישע צניעות, די ריינקייט פון דעם
יודישען פאַמיליען=לעבען, און דערצו האָט זייער איבערגאַנג צום יודענטום
נישט געפאָדערט פון זיי קיינע אָנשטרענגונגען.

די פאָלגען פון דעם אַלעמען האָבען זיך באַלד ארויסגעוויזען —
עס זענען אויסגעוואַקסען מאַסען גרים. פילאָ דערצעהלט, אַז די גרי=
כען אין זיין פאַטערלאַנד, וועלכע זענען איבערגעגאַנגען צום יודענטום,
האָבען אויך זייערע אַלע פריהערדיגע מנהגים געענדערט און זענען גע=
וואָרען פיעל זיטליכער, מעסיגער און מענשענפריינדליכער. די ערשיי=
נונג פון אָננעהמען דאָס יודענטום אָדער בעדייטענדע יודישע מנהגים,
האָט זיך פערשפרייט אויף דער גאַנצער דיאַספּאָראַ — סיריען, קליין
אַזיען, מצרים, איטאַליע, גריכענלאַנד — און יוסף פלאַוויוס דערצעהלט:
„ס'איז נישטאָ קיין איין שטאָדט צווישען די העלענען אָדער באַרבאַרען,
וואו ס'זאָל נישט האָבען אַריינגעדרונגען דער מנהג צו היטען שבת,
תעניתים אָדער ליכט=צינדען, און וואו ס'זאָלען נישט אָבגעהיט ווערן אַ
סך פון אונזערע דינים וועגען עסען... אַ סך פון די העלענען האָבען
אָנגענומען אונזערע געזעצען; אַנדערע זענען זיי געבליעבען טריי, די
איבריגע האָבען נישט אויסגעהאַלטען זייער שטרענגקייט און זענען אָב=
געפאַלען". פיעל זענען געבליעבען ביי זייער היימישען לעבען, נאָר
פערעהרט האָבען זיי דעם איין=איינציגען גאָט פון ישראל און האָבען גע=
שיקט מתנות אין בית=המקדש; די פלעגט מען רופען „גאָט=פערעה=
רער" אָדער „האַלבע גרים". אין אַנטיוכיאַ פלעגען מאַסען גע=
צענדיענער קומען צום יודישען גאָטעסדיענסט; אין דמשק האָבען אַ סך
פרויען געהיט דעם יודישען קולט, און אין רוים האָט די דאָזיגע ניי=
גונג בעזונדער שטאַרק געהערשט אין די אַריסטאָקראַטישע ספערען. עס
האָבען זיך אַרומגעטראָגען אַזעלכע קלאַנגען אַפילו וועגען נעראָ'ס פרוי,
די קייזערין פּאָפּעאַ סאַבינאַ, און נעראָ'ס לעהרער, דער בעריהמטער
סענעקאַ, בעדויערט שטאַרק דעם פאַקט, וואָס „די לעבענס=מנהגים
פון דעם דאָזיגען שעדליכען פאָלק ווערן ביסליכווייז אָנגענומען אין אַלע
לענדער, און די בעזיעגטע גיעבען זייערע געזעצען די זיעגער". אַ

עהנליכע בעדרויערונג געפינט זיך אויך ביי יוּבענאַל'ן. ער קלאָגט זיך אויף דער „אַבערגלויבישער נייגונג“ פון אַ געוויסען טהייל פון דער רוימישער געזעלשאַפט צום יודענטום. „זיי פערעהרען — זאָגט ער — נאָר די הימעל־גאָטהייט, היטען אָב די יודישע געזעצען, אַרבייטען נישט אום שבת, עסען נישט קיין חזיר־פלייש; אַנדערע פון זיי לאָזען זיך אַפילו מל'ן. אָנשטאָט די רוימישע געזעצען, שטודירען זיי מיט פרומקייט די יודישע דינים און היטען זיי שטרענג אָב“.

נאָך אַ גרעסערן נצחון האָט די יודישע פּראָפּאַגאַנדאַ אָבגעהאַלטען אין דעם הויף פון אַדיאַבענע, אַ קליינע האַלב־גריכישע מלוכה, אויף די ברעגען פון טייך טיגריס, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער אויבער־מאַכט פון פּאַרטיען. צווישען די קינדער פון דעם קעניגליכען פּאָר האָט זיך געפונען איין זוהן, מיט'ן נאָמען איזאַט, וועלכען די עלטערן האָבען אַוועקגעשיקט צו ערציהען אין דעם קעניגליכען הויף פון מעזענע. דאָ האָט זיך דער יונגער פּרינץ בעקאַנט מיט דעם יודישען סוחר־מיסיאָנער חנניה, (וועלכער האָט שוין פון פריהער געהאַט צוגעצויגען צום יודענטום דער טאָכטער פון דעם מעזענעאישען פירשט) און די רעליגיעזע אַגיטאַציע פון דעם יודען האָט אַזוי שטאַרק געווירקט אויף איהם, אַז ער איז גלייך געוואָרען אַ יוד, חאָטש געמל'ט האָט ער זיך נישט, ווייל חנניה האָט איהם ערקלערט, אַז מ'קען זיין אַ פרומער יוד נישט געמל'טערהייד אויך. אונטער דער צייט האָט איזאַט'ס מוטער, די אַדיאַבענישע קעניגין העלענע (הילנא המלכה) זיך אויך מגייר געווען, אונטער דער ווירקונג פון אַנאַנדער יודישען מיסיאָנער. פון דעם צווייטען האָט איזאַט זיך דערוואוסט, אַז אום צו ווערן אַ אמת'ער יוד מוז מען זיך פריהער מל'ן, האָט ער בעהאַלטענערהייד געלאָזען אויספיהרען איבער זיך די דאָזיגע אָפּעראַציע. ווען דער קעניג פון אַדיאַבענאַ, מאָנאָבאַז (מונבז המלך) איז געשטאָרבען, האָט ער איבערגעלאָזען דעם כסא המלוכה איזאַט'ן, חאָטש ס'זענען געווען עלטערע ברידער. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט זיך מגייר געווען אויך איזאַט'ס ברודער, דער רעגענט מונבז II, און באַלד האָט זיך ענטוויקעלט זעהר אַ האַרציגע בעציהונג צווישען דעם אַדיאַבענישען קעניגליכען הויף און דער יודישער הויפּטשטאָדט. די ערשטע איז געקומען קיין ירושלים די קעניגין־מוטער העלענע (43); איהר האָבען בעגלייט איזאַט'ס פינף זיהן, וועלכע האָבען זיך דאָ געזאָלט אויסבילדען אין יודישע למודים און אין דער העברעאישער שפּראַך. דערווייל האָט זיך געמאַכט אין יהודה אַ שטאַרקער הונגער, פון וועלכען די בע־

פעלקערונג האט שטארק געליטען, איז די קעניגין העלענע געקומען צו הילף דעם פאלק. זי האט געלאזען ברענגען גאנצע שיפסלאדונגען מיט תבואה פון אלעקסאנדריע און פייגען פון ציפערן, און האט דאס פונאנדער־געטיילט צווישען די בעדערפטיגע (48). דאס אדיאבענישע קעניגס־הויז האט אויסער דעם פיעל געטאן אויך פאר דער פערשענערונג פון בית המקדש. די קעניגין האט געלאזען איינפאסען א גאלדענע, מושעל־עהנליכע שויב אין דער טהיר פון קדשי קדשים, וואס האט אבגעשלאגען אין פערשיעדענע קאלירען דעם ערשטען שטראהל פון דער מארגענזון און אנגעזאגט די כהנים, אז דער טאג קומט אן. אין איינער פון די בית־המקדש־עזרות האט זי געלאזען אויפהענגען א גאלדענעם טאוועל, אויף וועלכען ס׳איז געוועזען אויסגעקריצט דאס קאפיטעל פון דער תורה, וואו ס׳רעדט זיך וועגען א סוטה (א אשת איש, וואס איז פערדעכטיג אין דעם, אז זי איז דעם מאן אונטריי געווארען).

די דאזיגע פרומע און וואוילטעטיגע קעניגין האט נאך איבערגעלעבט איהר זוהן איזאט (געשט. 55), וועלכער זאל האבען איבערגעלאזען נאך זיך ביז פיער און צוואנציג זיהן און אויך אזוי פיעל טעכטער. זיין נאכפאלגער אויף דעם אדיאבענישען טראן איז געוועזען דער עלטערער ברודער מונבז II, וועלכער האט אויך ארויסגעוויזען א טיעפע ליעבע צום יודענטום. ווען די אלטע קעניגין איז געשטארבען האט ער געלאזען איבערפיהרען איהר קערפער צוזאמען מיט׳ן קערפער פון דעם פערשטארבענעם איזאט׳ן אין דער גרויסארטיגער פאמיליען־מערה, וועלכער זי האט, זייענדיג אין ירושלים, געהאט געלאזען אויפבויען, דריי סטאדיען ווייט צו צפון זייט פון שטאדט. דאס איז געוועזען א פרעכטיגעם מויזאלעאום מיט דריי קינסטלערישע פיראמידען אדער זיילען פון ווייסען דורכזיכטיגען מארמאר, וואס געוויסע שפורען פון זיין שענקייט זענען נאך פערבליעבען ביז היינטיגען טאג אין די חורבות פון די אזוי גערופענע „קברות המלכים”. די זעלביגע קעניגין האט זיך געהאט געלאזען אויפשטעלן אויך א פאלאץ אין דער אונטערשטאדט, און איהר איניקעל, די פרינצעסין גראפטע, האט אויפגעשטעלט א צווייטען פאלאץ אין דעם אופל־קווארטאל. דער קעניג מונבז II, וועלכער האט אויך געהאט א פאלאץ אין ירושלים, האט געלאזען אויסגיעסען פון גאלד די כלים פון בית־המקדש, וואס זענען בענוצט געווארען צו דער יום כפור׳דיגער עבודה. די צוגעבונדענקייט פון די אדיאבענישע פירשטען צו דער יהודה׳עאישער הויפטשטאדט האט זיך געצויגען ביז איהר

אונטערגאַנג . עטליכע פון זײ האָבען העלדיש געהאָלפען פערטײדיגען די שטאָדט געגען די רוימער , און נאָכ'ן חורבן זענען זײ אויך אַרײַנגעפאַלען אין די רײהען פון טיטוס'עס געפאַנגענע .

די דאָזיגע נײגונג צום יודענטום פון דער רעליגיעז-געשטימטער געצענדיענערישער וועלט , איז אַמשטאַרקסטען אויסגענוצט געוואָרען פון דער קלײנער גרופּע קריסטען . אָט די בעגײַסטערטע מאַמינים אין דער משיח-הײליגקײַט פון דעם געקרײַציגטען גליל'ער האָבען געפיהרט אַ שטאַרקע אַגיטאַציע פאַר זײער גלויבען צווישען די יודען פון דער גאַנצער דיאַספאָרא , וועלכע פלעגען זיך צונויפקומען אויף די גרעסערע יום-טובים קײן ירושלים , און מיט דער צײַט האָט זיך זײ אײַנגעגעבען , צוציהען אויף זײער זײַט אַ בעדײַטענדע צאָהל אי פון די אולטראַ-יודישע איסיים , אי פון די וועלטליכע , גריכיש-רעדענדע און האַלב-אַסימילירטע יודען . די ערשטע , וועלכע האָבען ביז אַהער סתם געחלומ'ט וועגען אַ וואונדערליכער הימעל-מלוכה, האָבען אין דעם נוצרי געזעהען די פערווירקליכונג פון זײער אידעאַל און זײ זענען צוגעשטאַנען צו דער ערשטער קלײנער סעקטע פון ישו'ס תלמידים .

אַ פיעל גרעסערן אײַנפלוס אויף דער ענטוויקלונג פון קריסטוס-גלויבען האָבען אָבער געהאַט די צוגעקומענע „העלעניסטען" ד. ה. די „גלויביגע" יודען פון די גריכיש-רוימישע לענדער . די דאָזיגע יודען , וועלכע האָבען איבערגענומען דעם גלאַנץ און די שאַרפקײַט פון דער גריכישער דיאַלעקטיק , האָבען געגעבען דער נײַער רעליגיעזער בעוועגונג די געווינשטע שפראַך , — זײ זענען געוואָרען איהרע פרעדיגער , איהרע פּראָפּאַגאַנדאַ-פיהרער . אין דער ערשטער צײַט האָבען די הײמיש ; יהודה'עאישע מיטגלידער זיך אַפילו געפיהלט נישט זעהר בעקוועם מיט זײערע נײַע פרעמדע חברים , און זיך בעצויגען צו זײ מיט אַ געוויסער צוריקהאַלטונג ; די לעצטע האָבען אָבער שטענדיג אויסגעפיהרט , וואָס זײ האָבען געוואָלט . זײ האָבען , למשל , געפועל'ט פריהער , אַז אין דער פערוואַלטונג פון די געמײנזאַמע מאָלצײַטען זאָלען אויסגעוועהלט ווערן אויך זײערע זיעבען מיטגלידער , און אין דעם משך פון אַ גאַנץ קורצער צײַט האָבען זײ שוין געהאַט די אויבערהאַנד אין אַלע ענינים פון דעם אָרדען . די העלעניזירטע יודען האָבען אַרײַנגעבראַכט מיט זיך אין דער גרופּע פון די משיח-גלויביגע אויך אַ נײַע בעציהונג צו דער פּראַקטישער זײַט פון יודענטום . געוועהנט פון דער הײם , נישט צו לעגען אַזאַ גרויסע געוויכט אויף די קלענערע מצוות פון דער תורה ,

האָבען זיי זיך איצט אויך מעהר אָבגעגעבען מיט די עטישע בעגריפען פון יודענטום, ווי מיט זיינע פראַקטישע געבאָטען, און דאָס האָט אַרויסגערופען געגען זיי שטאַרקע רדיפות פון דער אָפיציעלער יודישער מאַכט. וועלכע האָט זיך צו יענער צייט, אונטער דער הערשאַפט פון אַגריפּוס I, איינגאַנצען געפונען ביי די פרושים אין די הענד. דער טעטיגער מיטגליעד פון דער „העלעניסטישער" גרופּע סטעפאַנוס איז פערמשפט געוואָרען צו סקילה (פערשטיינען) דערפאַר, וואָס ער האָט נביאות געזאָגט אין ישו׳ס נאָמען, אַז דער בית המקדש וועט חרוב ווערן און די געזעצען פון דער תורה וועלן זיך ענדערן. פערמשפט געוואָרען צום טויט איז אויך דער אַפּאָסטאָל יעקב בן זעבעדאי, און שמעון פעטרוס האָט געמוזט אַנטלויפען פון יהודה.

אָט די אַלע רדיפות זענען אָבער דאָך נישט אימשטאַנד געווען אָבצושטעלען דעם מעכטיגען שטראָם פון די אינווענינסטע כחות, וואָס זענען געווען טיעף בעהאַלטען אינ׳ם עצם וועזען פון דער הימעל-טרוימעריי און האָבען זיך געריסען אינ׳ם ברייטען, פרייען רוים. דער שטאַרקער אינדיווידואַליזם, וואָס איז געלעגען אינ׳ם יסוד פון דער איסיי׳ש-נוצרי׳שער לעהרע, האָט בכח (פּאָטענציעל) געשאַפען, אייגענטליך, פאַר דער לעהרע אַ אַלמעגשליכען. אוניווערזעלען באָדען באַלד אין אָנהויב פון איהר ענטשטעהן, און אויב די ערשטע, וואָס האָבען זי פראָקלאַמירט, זענען נישט אימשטאַנד געווען, זי צוצופיהרען ווייטער, ווי ביז די גרענעצען פון אַ קליינער יודישער סעקטע, האָט זי איצט, אונטער דער ווירקונג פון די מעהר וועלטליכע העלעניסטען, אָנגעהויבען צו בעקומען איהר אמת׳ע, אַלגעמיינע פיזיאָנאָמיע. די פונאַנדערגעוואָרפענע אָנהענגער פון דעם קריסטען-אָרדען אויסער די גרענעצען פון יהודה האָבען געפיהרט אַ פאַנאַטישע אַגיטאַציע פאַר דעם משיח-גלויבען, און באַלד האָט זיך אין זייערע רייהען בעוויזען איינער מיט אַ מעכטיגען גייסט און ווייטען בליק, וואָס האָט זיך אָוועקגעשטעלט בראש פון דער גאַנצער בעוועגונג און האָט איהר אָנגעוויזען אויף דעם ברייטען און פרייען וועג, אין וועלכען זי דאַרף געהן, — דעם וועג צו אַ אייגענער רעליגיאָנס-פאָרם.

דער דאָזיגער גרויסער גייסט איז געווען אַ העלעניזירטער יוד מיט׳ן נאָמען שאול פון טאַרסאַ (התרסי), וועלכער איז שפּעטער בעריהמט געוואָרען אַלס אַפּאָסטאָל פאַאולוס (פּאַוועל).

געבוירען און ערצויגען אין צענטער פון דער גריכישער קולטור, אין קליין אזיען, איז שאול, לויט דער מסורה פון עוואנגעליום, יונגער־הייד געקומען קיין ירושלים, וואו ער איז געווארען איינער פון רבן גמליאל׳ס תלמידים און בכלל א שטארקער אנהענגער פון די פרושים. ווען עס האבען זיך אנגעהויבען ווייזען אין ירושלים די ערשטע העלע־ניסטישע קריסטען, וואס האבען זיך ערלויבט מקיל צו זיין אין די פראק־טישע מצוות פון דער תורה, האט אט דער פייערדיג־גלויביגער און ענערגישער יוד גענומען זיי פערפאלגען מיט א בעזונדער פאנאטיזם. ער איז געווען איינער פון די הויפטבעשולדיגער אין דעם משפט פון דעם נוצרי סטעפאנוס; ער פלעגט פערזענליך אויספיאנירען די בעהאלטענע סעקטאנטען אין און ארום ירושלים און זיי איבערגעבען דער מאכט, און ווען ער האט געהערט, אז דער צענטער פון דער קריסטליכער סעקטע האט זיך איבערגעטראגען אין דמשק, האט ער זיך געלאזען געהן אהין, מיט בריעף פון כהן־גדול צו די דארטיגע ראשי הקהלה, כדי זיי אויך דארטען צו פערפאלגען.

דא איז אבער פארגעקומען מיט איהם עטוואס אונערווארטעטעס. אין דמשק האבען זיך געפונען מאסען געצענדיענער, בעזונדערס פרויען, וואס זענען איבערגאנגען צום יודענטום; די אדיאבענישע קעניגין איז מיט דעם גאנצען פאראד דורכגעפאהרען דמשק, פאהרענדיג קיין ירושלים (43) און די בעפעלקערונג האט איהר פייערליך בעגריסט. אט די פאקטען האבען געמאכט א טיעפען איינדריק אויף דעם בעגייסטער־טען גלויבער און ארויסגערופען ביי איהם דעם געדאנק: אפשר איז שוין טאקי געקומען די צייט, אויף וועלכער די נביאים האבען פארגעזאגט אז אלע פעלקער וועלן אנערקענען דעם גאט פון ישראל און זיך בוקען פאר איהם? טראכטענדיג וועגען דעם האט שוין געמוזט ארויסשווימען ביי איהם אויך א צווייטע געדאנקען־רייהע: עס וואלט מעגליך זיין, אז אלע געצענדיענער זאלען אנערקענען דעם יודישען גאט און דעם היילי־גייסט פון דער תורה; וואס וועט אבער זיין מיט די געזעצען פון דער תורה? איז דען מעגליך, אז אלע געצענדיענער זאלען מרוצה ווערן זיך צו מל׳ן און אבצוהיטען די מאסען דינים און סיגים און חומרות? און אפשר זאלען טאקי צוליב דעם אט די אלע דינים אינגאנצען בטל ווערן! — אויף דעם לעצטען געדאנק, פון וועלכען ס׳האט זיך געלאזען אויסוועבען א גראנדיעזער ארבייטס־פלאן, האט זיך דער געוועזענער תלמיד פון דער גריכישער קולטור געמוזט לענגער אבשטעלען, און פון

דאנען איז שוין נאר איין טריט געוועזען צו דעם נישט לאנג געקרייציגטען „משיח“, וואס האט אויך גערעדט בלויז וועגען די הויכע אידעאלען פון יודענטום, אבער נישט וועגען די דינים און געבאטען. דאס איבעריגע האט שוין זיין צוגליהטע פאנטאזיע פערענדיגט — דער משיח אליין האט זיך צו איהם בעוויזען. איהם האט א גרויסע ליכטיגקייט בעגעגענט, פון וועלכער ער איז געפאלען צו דר׳ערד, און פון דער ליכטיגקייט האט ער א קול געהערט רופען: „שאול, שאול, פארוואס פערפאלגסטו מיך?“ פון דער ערשיינונג איז ער בלינד געווארען און האט קוים בעוויזען, אריינצוקומען קיין דמשק. דא האט איהם א קריסט געראטען, ער זאל זיך אבטויפען, און פון דעמאלט אן זענען איהם אראבגעפאלען די שופען פון די אויגען. אזוי ווערט די התגלות געשילדערט אין די שפעטערדיגע קריסטליכע קוועלען. ער אליין האט וועגען דער ערשיינונג געזאגט: „איז עס לייבליך (קערפערליך) געוועזען? איך ווייס עס נישט. איז עס נישט לייבליך געוועזען? איך ווייס עס נישט, גאט ווייס עס; איך בין פערטראגען געווארען ביז אין דריטען הימעל — — —“.

און איצט הויבט זיך ערשט אן די פייערדיגע טעטיגקייט פון דעם דאזיגען מערקווירדיגען גייסט. שאול פון טארסא הויבט אן גלויבען, אז ער איז גלייך פון דער מוטער׳ס לייב בעשטימט געווארען צו זיין דער אפאסטאל פון קריסטוס׳ן אין די געצענדיענערישע לענדער, און באלד טרעט ער צו צו זיין גרויסער מיסיאנערישער אויפגאבע. אונטער דעם נאמען פאאולוס קומט ער אריין קיין דמשק און טרעט אריין אין דעם ארטיגער גרופע פון די קריסטוס-גלויביגע; דא קען ער אבער לאנג נישט זיין, און אגב קוקען זיינע חברים אויף איהם אויך מיט א געוויסען חשד: זייער נעכטיגער פערפאלגער איז היינט מיט אמאל זייער פריינד געווארען. פאאולוס פאהרט דעריבער אוועק אין דער אראבישער שטאדט איראניטים, און ווען ער קומט שפעטער דאס צווייטע מאל קיין דמשק, האבען שוין זיינע חברים גענוג צוטרוי צו איהם.

דא האט ער אבער ארויפגעצויגען אויף זיך דעם כעס פון דער יודישער קהלה מיט זיינע בעהויפטונגען, אז די מצוות פון דער תורה זענען בטל געווארען. דער ראש הקהלה האט זאגאר בעפוילען, איהם צו פאנגען; זיינע חברים האבען איהם אבער ארויסגעגנב׳עט און דורך א פענסטער פון דער שטאדט-מויער ארויסגעבראכט אויסערן שטאדט. פון דאנען איז ער אוועק קיין אנטיוכיא און די אנדערע שטעדט פון סיריען און

קליין אזיען, און אומעטום האט ער געהאלטען זיינע פייערדיגע דרשות פאר יודען מיט געצענדיענער צוזאמען, זיך צופאסענדיג צו די אייגענטימליכקייטען פון דער דאזיגער געמישטער בעפעלקערונג. פאאולוס האט געוואלט צושטערן דעם תהום צווישען יודען און היידען, צווישען קנעכט און פרייע, צווישען איין קלאס מענשען און דעם אנדערן. קיין צוים טאר נישט עקסיסטירען צווישען איין פאלק און דעם צווייטען, קיינע בעזונדערע תורות דארפען נישט זיין פאר דער אדער יענער אומה; אלע מענשען זענען קינדער פון איין גאט, אלע מענשען געהען אריין אין דעם בונד, וואס גאט האט געשלאסען מיט אברהם'ען, און איין געטליכער אידעאל דארף גליהען אין אלעמענס הערצער — דאס איז געווען זיין דעוויז. ער האט דעריבער איינם נאך דאס אנדערע מבטל געווען אלע געבאטען פון דער תורה, אנהויבענדיג פון דעם סאמע שווערסטען, דעם געבאט פון מלה, און ענדיגענדיג מיט די לייכטסטע. דערביי האט ער געמאכט נאך איין שטארקען שריט אויף דעם וועג צו דער אוניווערזעלער פערשפרייטונג פונ'ם מאנאטעאיזם, — ער האט אינגאנצען אבגעריסען די משיח-אידעע פונ'ם באדען פון יודענטום.

„אויב אין די קרייזען פון די ערשטע אפאסטאלען, די אונמיטעלבארע תלמידים פון ישו הנוצרי, האט נאך געהערשט די פארשטעלונג וועגען איהם, (ישו'ן), ווי וועגען א גאט-בעגייסטערטען מענשען, וואס איז אראבגעשיקט געווארען צו ראטעווען די נשמה פון דעם יודישען פאלק, האט זיך ביי פאאולוס'ען, וועלכער האט דעם גליל'ער פערזענליך גארנישט געקאנט, אויסגעבילדעט א פארשטעלונג פון דעם לעצטען, ווי פון א הימלישען וועזען, וואס האט נאר צייטווייליג אנגענומען א מענשליכע געשטאלט. דאס איז א וועזען מיט א געטליכער נאטור, א „געטליכער זוהן", וואס איז אראבגעשיקט געווארען פון הימעל אויף דר'ערד, אום ער זאל אינ'ם לייב און דער געשטאלט פון א מענשען אויסשטעהן אלע ליידען און צרות און דערמיט אויסקויפען די זינד פון אלע מענשען, — די זינד, וואס שטאמען פון דעם אוראלטען חטא פון אדם הראשון. מיט זיין אויפשטעהן תחית המתים און אומקעהרען זיך צו דעם געטליכען מקור האט ישו בעזיעגט דעם טויט אין דער וועלט און די אלע, וואס גלויבען אין איהם, זענען זוכה צו געניעסען פונ'ם אייביגע לעבען. ער בענייט די נשמות פון די, וואס פעראייניגען זיך מיט איהם דורך דעם וועג פון גלויבען און בעשטימטע סימבאלישע אקטען". די וויכטיגסטע סימבאלען פון פעראייניגען זיך מיט קריסטוס'ען

זענען: דאָס טובל זײן זיך און די בעטײליגונג אין דער געמײנזאַ-מער סעודה (אגאַפּע). בײ דער סעודה פלעגען אָבגעהאַלטען ווערן פערשידענע תפלות איבער דעם װײן, װאָס פלעגט געטרונקען ווערן פון אַלע מיטגלידער, אײנער נאָכ'ן אַנדערן, פון אײן און דעם זעלבי-גען אָנגעגאָסענעם בעכער. דאָס ברויט פלעגט צובראָכען ווערן אויף צווײען, צום אָנדענקען פון ישו'ס לעצטער שעה, און די פערזאַמעלטע האָבען געקושט אײנער דעם אַנדערן, אָהן אונטערשיד פון געשלעכט. דערנאָך פלעגען זיך אָנהויבען פערשידענע סצענעס פון שטאַרקער בע-גײסטערונג מיט דער בעגלײטונג פון נביאות-זאָגערײען, כשוף-הײלונגען מיט קריסטוס'עס נאָמען און אַנדערע װאונדערליכע מעשים.

„אַט די גאַנצע לעהרע װעגען אַ גאָט-מענש, װעגען זײן אויפ-שטעהן תחית-המתים, װעגען די דערצו געהעריגע סימבאָלישע צערע-מאָניעס, — האָט זיך געשטיצט אויף די גריכישע אַבערגלויבערײען און מיסטעריען, װאָס האָבען געהערשט אונטער יענער צײט אין סיריען און קלײן אַזיען. די פאָרשטעלונגען פון המון װעגען אַ גאָט, װאָס שטאַרבט און װערט צוריק לעבעדיג, זענען געװען שטאַרק פערשפרײט אין יענע לענדער, אין צוזאַמענהאַנג מיט די קולטען פון אַדאָניס און אַטיס. אין אַנטיאָכיא, װאו פּאַאולוס האָט געהאַלטען זײנע דרשות, איז געפײערט געװאָרען דער פריהלינגס-יום-טוב צום אָנדענקען פון אַדאָניס'עס שטאַר-בען און לעבעדיג װערן. צװישען די געהײמע צערעמאָניעס אינ'ם קולט פון דער העלעניזירטער מזרח-געטין מיטראַ, האָט זיך אפילו געפונען אויך די הײליגע געמײנזאַמע סעודה מיט ברויט און װײן, אַלס סימבאָלען פון פעראײניגען זיך מיט גאָט. אויף אַזאַ אופן איז אויסגעקומען, אַז דער געצענדיענער, װאָס איז אַרײנגעטרעטען אַלס מיטגליעד אין דער קריסטליכער געמײנדע, האָט זיך געקענט פיהלען, װי אין אַ געװעהנ-ליכער רעליגיעזער אומגעבונג. נײ זענען נאָר געװען די נעמען פון די גאָטהײטען און דער בעגריף װעגען אַ אײנציגען גאָט, װאָס איז אויך אַ סך צוגענגליכער געװאָרען אַ דאַנק דער צוגעקומענער געשטאַלט פון אַ גאָט'ס זוהן" *).

אַזוי האָט זיך פּאַאולוס צוגעפּאַסט אין אַלע הינזיכטען צו די רע-

*) די בעצײכענטע שטעלען, אויסער די פסוקים פון עװאַנגעליום, זענען ציטירט פון דובנאָו'ס יודישער געשיכטע.

ליגיעזע שטימונגען פון דער געצענדינערישער בעפעלקערונג, און א דאנק זיין מעכטיגען גייסט איז איהם אין א קורצער צייט געלונגען, ארויסצורופען א גאנצע איבערקעהרעניש אין דער געדאנקען-וועלט פון די העלענישע פעלקער. ארונטערדייסענדיג מיט א בעזונדער ברען די אלע מעלות און גייסטיגע פריווילעגיעס, וואס דאס יודישע פאלק האט זיך געהאט צוגעשריבען ביז אהער, האט ער, פון דער צווייטער זייט, פעראייניגט אלע מענשען אין דער פערזאן פון דעם געטליכען „משיח" און דערמיט זיי אויך צוגערעכענט צו די אויסדערוועהלטע. „און ס'איז נישטא דא — שרייבט פאאולוס צו די גאלאטער — נישט קיין יוד און נישט קיין העלען, נישט קיין קנעכט און נישט קיין פרייער, נישט קיין מאנספערשוין און נישט קיין פרויענצימער, דען אלע זענט איהר איינס אין ישוע דעם משיח; און אויב איהר געהערט צו משיח'ן, זענט איהר אברהם'ס קינדער און די יורשים פון דער (געטליכער) ירושה לויט דער הבטחה".

די יודישע אומה האט געהאט אויף זיך די מיסיע, צו בעפרייען די וועלט פון זינד; אט די מיסיע ליגט אבער נישט אין די געזעצען פון דער תורה — „די געזעצען האבען נאך פערשטארקט דעם בעוואוסט-זיין פון זינד". די יורען האבען ערפילט די מיסיע אויף אנ'אנדער אופן: זיי האבען געגעבען דער וועלט די הימעל-מלוכה, משיח'ן, קריסטו-סען. „פון דעם מאמענט אן (פון קריסטוסעס ערשיינען) ווערט אבגע-שאפט דאס אלטע יודישע געזעץ און אויף זיין ארט ווערט אוועקגע-שטעלט דער פרינציפ פון גלויבען. דער מענש קען ראטעווען זיין נשמה נישט דורך דעם, וואס ער וועט אבהיטען די געזעצען פון דער תורה, נאר דורך זיין אמת'ען גלויבען אין דער קריסטליכער ענטפלע-קונג. „דעריבער זאלט איהר וויסען, אז די קינדער פון גלויבען זענען די קינדער פון אברהם'ען"; „נישט צוליעב דער תורה איז צוגעזאגט געווארען אברהם'ען און זיינע נאכקומענדע, צו ירשה'נען די ערד, נאר צוליעב זיין עהרליכען גלויבען"; „די תורה איז פאר אונז געוועזען, ווי אנ'אם, וואס האט געפיהרט צו משיח'ן, פון וואנען ס'קוועלט די אמונה, איצט אבער, ווען די אמונה איז שוין ענטפלעקט געווארען, זענען מיר שוין נישט מעהר אונטער דער אויפזיכט פון דער אם"; „האלט זיך פעסט ביי דער פרייהייט, וואס דער משיח האט אונז געגעבען, און ווערט נישט געפאנגען צוריק אין דעם יאך פון קנעכטשאפט" (פון דער תורה); „דען פריי זענט איהר געווארען, ברידער, אבער נישט פריי,

צו מאַכען זינדיגען אייער לייב, נאָר צו דיענען איינער דעם אַנדערן מיט ליעבע"; "דען די גאַנצע תורה וועט מקוים ווערן מיט דער איינציגער מצוה: און דו זאָלסט ליעב האָבען דיין חבר, ווי זיך אַליין".

די יודען פון אַלע לענדער האָבען זיך, זעלבסטשטענדליך, בעצויגען מיט אַ טיעפער שנאה צו דעם דאָזיגען געוועזענעם קנאי, וועלכער האָט זיך גענומען מיט אַזאַ פערביסענער התלהבות אונטערגראָבען דעם יסוד פון דער תורה; אין יענער שרעקליכער צייט אָבער, ווען פאַר דער גאַנצער אומה איז געשטאַנען די מורא'דיגע פראַגע: "זיין אָדער נישט זיין?" — האָבען זיך די פיהרער פון פאָלק נישט געקענט אַזוי פיעל אָבגעבען מיט דעם פערהאַסטען וואַנדערער-מיסיאָנער, וואָס האָט זיך אָבגעזאָגט נישט בלויז פון דער יודישער תורה, נאָר אויך פון דער גאַנצער יודישער אומה. דערפאַר האָבען זיך שטאַרק בעשעפטיגט מיט פאַאולוס'עס פראָפּאַגאַנדאַ די ערשטע יודישע קריסטען אין פאַלעסטינאַ. אָט די יודישע משיח-טרוימער, וועלכע זענען ערצויגען געוואָרען אויף די רעליגיעזע בעגריפען און טראַדיציעס פון דעם גאַנצען פאָלק, האָבען מיט שרעק געקוקט אויף דער פרעמדער קראַפט, וואָס האָט זיך אַריינגעריסען אין זייער מחנה און צושמעטערט אָהן אַ שום גרענעץ די הייליגסטע יסודות פון זייער וועלט-אַנשויאונג. אויף דעם באָדען האָט אויסגעבראָכען אַ טיעפע שפּאַלטונג אין דער יונגער סעקטע; פּעטרוס, וועלכער האָט פערשפּרייט די קריסטליכע לעהרע נאָר צווישען יודען, האָט אויסגעטייטשט די לעהרע אַנדערש פון פאַאולוס'ען, און נאָך צוויי אַנדערע אַפּאָסטאָלען, אַפּאָלאָס און כּרעסטוס, האָבען די זעלבּיגע תורה ווידער אַנדערש געלערנט. די יודען-קריסטליכע אַפּאָסטאָלען האָבען זאָגאַר געפּרובט נאָכפאָהרען פאַאולוס'ען, אום צו ערקלערן, אַז זיין לעהרע איז אַ פאַלשע, אַז מיט'ן גלויבען אַליין קען מען די שלעכטע אינסטינקטען נישט גובר זיין און די קריסטען זענען אויך מחויב אָבצוהיטען די געזעצען פון דער תורה. בעזונדער שטאַרקע סכסוכים זענען פאָרגעקומען צווישען די אַלטע און די נייע קריסטום-פרעדיגער איבער דער פראַגע פון מילה. פאַאולוס אַליין האָט אין אָנהויב אויך געלאָזען מל זיין אַ סך גרים; שפּעטער אָבער האָט ער זיך אַרומגעזעהען, אַז דאָס איז אַ גרויסע שטערונג אויפ'ן וועג פון דער מיסיאָנערישער פּראָפּאַגאַנדאַ, און ער האָט בעפרייט די געצענדיענער דערפון אויך. דאָס האָבען איהם די "אַלטע" קריסטען בשום אופן נישט געקענט מוחל זיין, און אין אַנטיוכיא האָט אויסגעבראָכען אַ היציגער שטרייט צווישען די

בײדע מחנות, וואס האט זיך געענדיגט מיט א פאלשטענדיגער פונאנ=
דערטײלונג. פעטרוס—און אויף זײן זײט איז געװען אויך ישו׳ס ברודער,
דער אפאסטאל יעקב — איז שארף ארויסגעטרעטען געגען פאאולוס׳עס
נײע אײנפיהרונגען בנוגע צו די יודישע געזעצען; אויף דעם האט
איהם פאאולוס פאר א עפענטליכער פערזאמלונג בעשולדיגט אין צביעות,
אנווײזענדיג אויף דעם, וואס ער, פעטרוס, האט אלײן געגעסען מיט
הײדען צוזאמען — נישט כשר׳ה מאכלים. די אגיטאציע פון די יודיש=
קריסטליכע אפאסטאלען האט אבער דאך געמאכט א שטארקען רושם,
און געענדיגט האט זיך דער שטרײט דערמיט, אז אלע יודען=קריסטען
פון אנטיוכיא האבען אויפגעהערט צו עסען מיט די הײדען=קריסטען בײ
אײן טיש, און צו די ערשטע איז צוגעשטאנען אויך פאאולוס׳עס נאהנט=
סטער בעגלײטער און מיטהעלפער, דער אפאסטאל ב ר ־ נ ב א. דאס
איז געװען דער סיגנאל צו דעם קאמפף, וואס האט באלד ארומגענומען
גאנץ קלײן אזיען, סיריען און די אלע שכני׳שע לענדער. יודען=קריס=
טען און הײדען=קריסטען זענען אװעקגעשטעלט געװארען, ווי צוױי פײנד=
ליכע פארטײען, אײנע געגען דער אנדערער, און דער אלטער ראסען
האס האט אויך נישט װעניג מיטגעװירקט, אט די שפאלטונג נאכמעהר
צו פערגרעסערן. די העלענישע קריסטען האבען געקוקט אויף זײערע
יודישע חברים, ווי אויף ניעדריגערע פון זיך און האבען זיך בעצויגען
צו זײ מיט א אפענער פעראכטונג. פאאולוס, װיעדער, װעלכער איז איצט
געבליבען אינגאנצען אלײן, האט אנגעהויבען ארבײטען מיט נאכמעהר
לײדענשאפט און פערביטערטקײט. ער האט זיך פון איצט אן (60-50)
געװענדעט מיט זײן „בשורה״ אויסשליסליך נאר צו געצענדיענער, און זײן
אגיטאציע האט געהאט א אונגעװעהנליכען ערפאלג: וואו ער איז נאר
געקומען האבען זיך געבילדעט קריסטליכע קהלות. באלד איז איהם
אבער אויסגעקומען זיך צו איבערצײגען אין דעם, ווי וײט געפעהרליך
ס׳איז, אנצופערטרויען דעם מענשענס בלויזען געוויסען די פעראנטװארט=
ליכקײט פאר זײן אלטעגליכער אויפפיהרונג. די געצענדיענערישע גרי=
כען האבען גאנץ לײכט איבערגענומען דעם טעאזאפישען טײל פון
פאאולוס׳עס דרשות, און אזוי ווי דער הײליגער שליח האט געהאלטען
אין אײן רעדען װעגען דער פרײהײט פון תורה און מצוות, האבען זײ
פשוט ארײנגענומען זײערע אלע פריהערדיגע אויסגעלאסענקײטען אין
דעם נײעם קריסטוס=קולט. אין עפעס (עפעזוס), קארינט און די איב=
ריגע גריכיש=קריסטליכע קהלות איז געטריבען געװארען די שענדליכ=

סטע אונצוכט, און די הײליגע „ברידער-אבענדען" אדער ברידער-מאלצײטען זענען פערוואנדעלט געווארען אין ווילד-אויסגעלאסענע ארגיעס— אויפ'ן עכט-גריכישען שמײגער. געגען אט דער ערשײנונג איז פאולוס ארויסגעטרעטען מיט א רײהע פײערדיגע מוסר-דרשות, אין וועלכע ער האט זאגאר גערופען זײנע צוהערער צום פאלשטענדיגען אסקעטיזם.

אין דער זעלביגער צײט האט ער נישט אויפגעהערט אנצופאלען אויף זײנע „געגנער" — די יודיש-קריסטליכע אפאסטאלען, און וואס ברײטער און גרעסער עס ווערט זײן ארבײטער-פעלד אין דער העלענישער וועלט, אלץ פײנדליכער און פערעכטליכער קלינגט זײן שטים, ווען ער רעדט וועגען יודען בכלל און וועגען די יודיש-קריסטליכע אפאסטאלען בעזונדער. די לעצטע זענען פון איהם אפען בעשולדיגט געווארען אין צביעות, פאלשקײט און אונערליכקײט און ער האט זיך אויסגעדריקט וועגען זײ אין די שארפסטע ווערטער. זײ האבען איהם אבער אויך נישט געשוינט; האבענדיג אויף זײער זײט די טראדיציע פון קריסטוס'ען אלײן, האבען זײ זיך בערופען אויף זײן בעריהמטען מאמר: „ווער עס וועט אונטערברעכען דעם קלענסטען געזעץ און לערנען מענשען, איהם נישט צו היטען, וועט זײן דער קלענסטע אויך אין דער מלכות-השמים".

די יודענקריסטען זענען פערט געבליבען אויף דעם באדען פון יודענטום; זײ האבען פערפליכטעט די הײדען-גרים אבצוהיטען אלע געזעצען פון דער תורה און האבען אפילו פערעהרט די הויפטשטאדט פון פון יהודה, ירושלים, וואו זײ האבען ערווארט דאס ווידער-ערשײנען פון משיח'ן. די הײדען-קריסטען, דאגעגען, האבען זיך וואס ווײטער אלץ מעהר דערווײטערט פון יודענטום און מיט דער צײט האט זײער בעציהונג צו דער יודישער אומה אנגענומען דעם כאראקטער פון א גיפטיגער, פערביסענער שנאה.

אינהאַלטס־פערצייכעניש פון I־טען באַנד.

הקדמה פון הלל צייטלין:

ווי דאַרף מען פערשטעהן די יודישע געשיכטע? — I—XX

*. א. ל.: צו אונזערע לעזער. — — — — — XXI—XXII

ערשטער פעריאָד: די אוראַלטע צייט.

ערשטעס קאַפּיטעל. פון מצרים קיין כנען — — — — 3

צווייטעס קאַפּיטעל. די צייט פון די „שופטים". — 10

דריטעס קאַפּיטעל. שמואל הנביא. — — — — — — — 16

פיערטעס קאַפּיטעל. דער מלך שאול — — — — — — — 20

פינפטעס קאַפּיטעל. דוד המלך (1055—1015 פאַר קריסטוס־געבורט) 26

זעקסטעס קאַפּיטעל. שלמה המלך (1015 ביז 977) — 36

זיעבעטעס קאַפּיטעל. די שפּאַלטונג (928) — — — — 47

אַכטעס קאַפּיטעל. די מלוכה פון אפרים (פון 955 ביז 720) — — 54

ניינטעס קאַפּיטעל. די לעצטע מלכים פון אפרים און די מפלה פון שומרון — — 82

צעהנטעס קאַפּיטעל. די מלוכה אין יהודה (פון רחבעם ביז יהואש, 188—977) 110

עלפטעס קאַפּיטעל. פון יהואש ביז אחז (880—724) 137

צוועלפטעס קאַפּיטעל. פון יחזקיהו ביז יאשיהו — (724—608) 163

דרייצעהנטעס קאַפּיטעל. די לעצטע מלכים פון יהודה און דער חורבן פון ירושלים — (608—586) 192

דער צווייטער פּעריאָד:

ערשטעס קאַפּיטעל. די גלות-פֿעלקער און דער צוריק-
קעהר קיין ארץ ישראל — — — — 221
צווייטעס קאַפּיטעל. עזרא און נחמיה (537—342) — 245
דריטעס קאַפּיטעל. די סופרים — — — — — — — 276
פֿיערטעס קאַפּיטעל. ארץ ישראל אונטער דער הער-
שאַפט פון די מוקדון'ער
(332—175) 291
פֿינפטעס קאַפּיטעל. די שרעקליכע גזירות געגען דער
יודישער אמונה אין דער צייט
פון אנטיוכס עפּיפאַנעס — — — — 327
זעקסטעס קאַפּיטעל. דער מכבי'שער אויפשטאַנד
(107—106) — 343

דער דריטער פּעריאָד:

ערשטעס קאַפּיטעל. די ממשלה פון די חשמונאים
(160—143) — 378
צווייטעס קאַפּיטעל. די חשמונאים-פֿירשטען שמעון
און יוחנן הורקנוס (142—106) — 390
דריטעס קאַפּיטעל. דאָס אינערליכע לעבען און דער
פּאַרטייען-קאַמפּף (124—106) —
פֿיערטעס קאַפּיטעל. אריסטאָבול I, אלעקסאַנדער און
שלומית אלעקסאַנדראַ (106—69) — 420
פֿינפטעס קאַפּיטעל. די לעצטע חשמונאי'שע מלכים — 442
זעקסטעס קאַפּיטעל. יודען אין די אַרומיגע לענדער
און דאָס אינערליכע לעבען
פון יהודה — — — — — — 457

זיעבעטעס קאפיטעל. די ענדע פון דער השמונאי'שער
דינאסטיע — — — — — — — 477

דער פיערטער פעריאָד:

ערשטעס קאפיטעל. הורדוס I (4—37) — — — — — 503
צווייטעס קאפיטעל. אַרכעלאוס און די ערשטע פאָלקס=
בעוועגונגען (פון 4 פאר ביז 6
נאָך דער קריסטליכער ערא) — 541
דריטעס קאפיטעל. די ערשטע רוימישע פראָקוראַטאָרען
(פון 6 ביז 38 נאָך קריסט.) — — 554
פיערטעס קאפיטעל. דאָס אינערליכע לעבען פון פאָלק
אין יהודה און אין די אַרומיגע
לענדער — — — — — — — 567
פינפטעס קאפיטעל. די ענטשטעהונג פון קריסטענטום 586
זעקסטעס קאפיטעל. אגריפּס I (פון 37 ביז 44) — — 609
זיעבעטעס קאפיטעל. אגריפּס II און די לעצטע רוי=
מישע פראָקוראַטאָרען (פון 49
ביז 66) — — — — — — — 633
אכטעס קאפיטעל. די מלחמה אין גליל (פון 66 ביז 67) 671
ניינטעס קאפיטעל. דער אונטערגאנג פון יהודה
(פון 67 ביז 73) — — — — — 690
צעהנטעס קאפיטעל. דאָס אינערליכע לעבען פון פאָלק
און די וויטערדיגע ענטוויקלונג
פון קריסטענטום. — — — — 719

שימינ'ס גרויסע

וועלט-ביבליאטעק

ערשטער יאהרגאנג

1) מ. ז. פייערבערג: וואהין?
2) ארטור שניצלער: געזאמעלטע שריפטען I באנד
3) י. מ. וויסענבערג: שריפטען I באנד
4) " " " שריפטען II "
5) העגריך היינע'ס: " I "
6) " " " II "
7) ז. שניאור: " I "
8) " " " II "
9) " " " III "
10) עדוארד קיפלינג: דאס בוך פון דער וויסטע
11) י. שטיינבערג: שריפטען
12) מ. סטאווסקי: אידיליען און בילדער
13) ז. י. אנכי: צווישען הימל און ערד I באנד
14) " " " " II "
15) מאקס נארדוי: אויסגעוועהלטע שריפטען I באנד
16) " " " II "
17) יודישע געשיכטע: רעד. הלל צייטלין I באנד
18) מאקס נארדוי: אויסגעוועהלטע שריפטען III באנד
19) ארטור שניצלער: שטערבען (א גרויסע ערצעהלונג)
20) י. מ. וויסענבערג: שריפטען III באנד (די וואלד-מיידעל)
21) ארטור שניצלער: שטערבען II באנד
22) יודישע געשיכטע: " "
23) יהודה שטיינבערג: חסידישע מעשה'לעך.
24) " " און יענע צייטען

צווייטער יאהרגאנג

1) אברהם רייזען: „אלטע-וועלט".
2) " " יונגוואַרג
3) דר. גינצבורג: דער תלמוד.
4) יודישע געשיכטע: 3-ער באנד
5) " " 4-ער באנד
6) משה: א זאמעל-בוך.
7) הלל צייטלין: שריפטען 1 באנד
8) " " " 11 "
9) משה טייטש: " 1 "
10) " " " 11 "
11) י. ראזענפעלד: אין די שמאלע געסלאך
12) משה טייטש: 111 באנד לידער
13) פראפ. לאצארוס: ירמיהו הנביא
14—15) ז. י. אנכי: רב אבא
16—17) הלל צייטלין: דאס פראבלעם פון גוטס און שלעכטס
18) יודישע געשיכטע: V באנד
19) הלל צייטלין: דאס פראבלעם פון גוטס און שלעכטס
20) שאנטאפי דעלאסאסיי: געשיכטע פון גלויבען און רעליגיאנען
21) יודישע געשיכטע: 6-ער באנד
22—23) שאנטאפי דעלאסאסיי: די געשיכטע פון גלויבען און רעליגיאנען
24) יודישע געשיכטע: 7-ער באנד

פרייז פון יעדע 24 ביכער 3,50 רובל פארטא 50 קאפ'.

נייע ביכער!!!

אין בוכהאנדלונג ב. שימין, ווארשא, נאלעווקי 33

יעצט אנגעקומען פאלגענדע נייע ביכער

הערבערט ספענסער: די ערציהונג. — — — 2—
(300 זייטען פראכט געבונדען).

ד"ר חיים זשיטלאווסקי: די פילאסאפיע — 3,60
וואס זי איז און ווי זי האט זיך ענטוויקעלט. 20 העפטען יעדער העפט 18 ק.

ליטעראטור: זאמעלבוך I — — — — 60
〃 〃 II — — — — 60

יהואש: „ישעיה" איבערזעצט. (געבונדען). — — — 2—
〃 איוב, שיר השירים, רות, קהלת — — 2—

הענריק איבסען. דראמען: נארא — — — 40
〃 〃 העדדא גאבלער — 50
〃 〃 דער בוימייסטער — 50
〃 〃 ראזמערהאלם — 50
〃 〃 דער קליינער עאלף 40

פעליקס האלענדער: די וואכער פון אמת — 2—
ראמאן, אין פיער ביכער 540 זייטען.

סטרינדבערג: פרייליין יוליא. — — — 30

טורגענעוו: האמלעט און דאן קיכאט. — — 24

אליזע שריינער: טרוימען ערציילונגען. — — 60

לעאניד אנדרעיעוו: דאס לעבען פונ'ם מענשען 50
〃 〃 די טעג פון אונזער לעבען 50

י. זאנגוויל: מיימון דער נאר און נתן דער חכם. 30

ביערנסטערנא ביערנסאן: איבער אונזער קראפט 1—

וויקטאר הוגא: דער גבור אין קייטען — — 80
〃 〃 דער ים ארבייטער — — 50

הייאוואטא: איבערזעצט פון יהואש (געבונדען) — 2—

מולטאטולי: געקליבענע מעשהלעך — — 24

מעטערלינק: דער בלויער פויגעל. — — 60

ניטשע פרידריך: אזוי האט גערעט זאראטוסטרא. 60

די אלע ביכער זענען אהן פארטא. קליינע סומען קען מען שיקען אין פאסטמארקען. פיר ביבליאטעקען ראבאט.

נייע קאטאלאגען ווערען געשיקט גראטיס.

Кн. маг. **Б. ШИМИНА**, Варшава, Налевки 33.

עס זענען ערשינען

4-בענדער שריפטען פון

שלום אש.

I באנד יוגענד.

II „ א שטעדטיל.

III „ ערצעהלונגען.

IV „ מאטיווען.

פרייז פון יעדער באנד 70 קאפ'.

פראכט באנד פון יעדען צו 35 קאפ.

פערלאג ב. שימין, ווארשא, נאלעווקי 33.

עס איז ארויס פון דרוק אין א נייע אויסגאבע

„די וועלט געשיכטע"

פון י. דינעזאהן.

דאס בעקענען זיך מיט די „וועלט געשיכטע" איז זעהר וויכטיג פיר יעדען מענש. דאס בוך מאכט וויסען ווי אזוי די מענשהייט האט זיך ענטוויקעלט פון אנהויב אן ביז דער צייט פון זיטליכקייט און ציוויליזאציע. אויך איז די „וועלט געשיכטע" איינס פון די בעסטע מיטלען צו זעלבסט-בילדונג, אז דער מענש זאל זיך בילדען אליין אהן שולען און לעהרער. דאס בוך ערקלערט איהם ווי אזוי אלע גרויסע אידעען, גוטע זיטען און מאראל האבען זיך דורכגעשלאגען א וועג און צושפרייט צווישען מענשען, ווי אזוי דער אמאליגער, אונוויסענדער מענש איז דערהויבען געווארען צו זיין איצטיגען ציוויליזירטען צושטאנד.

פרייז פיר אלע 4 בענדער 2 רובל.

פיר פראכט באנד 40 קאפ.

מיט בעשטעלונגען זיך צו ווענדען:

Кн. маг. Б. ШИМИНА, Варшава, Налевки 33.

שימינס פערלאַג.

יודישע בעלעטריסטיק:

1) ז. י. אנכי. „צווישען הימעל און ערד" 50 ק.
(נאָוועלע)

2) „ „ר' אבא" — — — 40 ק.
(אילוסטרירטע פראכט אויסגאבע)

3) שלום אש. שריפטען, I באנד יוגענד 70 ק.

4) „ II א שטעדטיל 70 ק.

5) „ III ערציילונגען 70 ק.

6) „ IV מאָטיווען 70 ק.

7) „ V ארץ ישראל 70 ק.

8) „ פאנקראץ (הומאָרעסקע) — -- 5 ק.

9) ח. נ. ביאליק. אריה בעל גוף (ערצעהלונג) 15 ק.

10) י. מ. וויסענבערג. שריפטען — 75 ק.

11) מ. טייטש. שריפטען — — — 75 ק.

12) מ. סטאַווסקי. אידיליען און בילדער — 25 ק.

13) „ „ „ „ א טיפעל — — 5 ק.

14) מ. ספעקטאָר. א ראָמאן אָהן א נאָמען — 50 ק.

15) דוד פינסקי. דראבקין און יום כפור 25 ק.
(ערצעהלונגען)

16) מ. ז. פייערבערג. וואָהין? — — 25 ק.

17) יונה ראָזענפעלד. אין די שמאָלע
געסלעך (ערצעהלונגען) 25 ק.

18) אברהם רייזען. די אלטע וועלט 25 ק.

19) „ „ „ „ יונגוואַרג — — 25 ק.
(ערצעהלונגען)

20) ג. שאָפמאַן. פון יענער זייט (נאָוועלע) 5 ק.

21) יהודה שטיינבערג. חסידישע מעשה'לעך 25 ק.

22) „ „ „ „ אין יענע צייטען — 25 ק.

23) יעקב שטיינבערג. נאָוועלען — — 25 ק.

24) ז. שניאור. שריפטען — — — 75 ק.

ווארשא, נאלעווקי 33